STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01685

DER SHTILER DON

Mikhail Aleksandrovich Sholokhov

Permanent preservation of this book was made possible
by Joseph Masteroff
in memory of
Louis P. Masteroff

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיכאיל שאלאכאוו

דער שטילער דאָן

ראָמאַן

פֿון רוסיש: שלמה שיינבערג

ייִדישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק

וואַרשע 1936

דער וואָקזאַל אין ראָסטאָוו איז געווען אַזוי געפּאַקט, אַז ס'איז נישט געווען וואו אַ שפּילקע אַריינצוּוואַרפן. דער דיל איז בּיז איבּער די קנעכלעך פאַרשיט מיט פּיטוּמס פוּן פּאַפּיראָסן, מיט שאָלן פוּן בּיר-רויזן. אויפן פּלאַץ פאַרן וואָקזאַל האַנדלען די סאָלדאַטן פוּן גאַרניזאָן מיט מיליטערישע מלבּוּשים, טיטוּן, געגנבעטע חפצים. אַ פאַרשידנראַסיקער עולם, וועלכן מען טרעפט געווינטלעך אין דער גרעסטער טייל דרום-שטעט בּיים ים, בּאַוועגט זיך פּאַמעלעך, טוּמלט.

— אַסמאָלאָווער, אַס-ס-מאָלאָווער אין איינצל! — שרייט אַ בּחורל, אַ פּאַפּיראָסן-פאַרקויפער.

— איך וועל בּיליק פאַרקויפן, הער-בּירגער... — האָט בּוּנטשוּקן פאַרשווערעריש אַ שעפּטשע געטון אין סאַמע אויער אַריין עפּעס אַ פאַרדעכטיקער מזרח-טיפּ, און צוגעוואוּנקען אויף דער צעשפּיליעטער פּאָלע פוּן זיין שינעל.

— קערנדלעך געבּראָטענע, געטרוּקנטע! קערנדלעך! — שרייען אויף פאַרשידענע קולות מיידלעך און ווייבּער, וואָס האַנדלען בּיים אַריינגאַנג.

זיך דוּרכשטוּפּנדיק צווישן עולם, הויך שמוּעסנדיק און לאַכנדיק, זענען דוּרכגעגאַנגען אַ מאַן זעקס מאַטראָסן פוּן פלאָט אויפן שוואַרצן ים. זיי זענען אָנגעטוּן יום-טובדיק: בּענדער, גאָלדענע קנעפּלעך, בּרייטע הויזן, בּאַשפּריצטע מיט בּלאָטע. מען טרעט זיי דרך-ארצדיק אָפּ דעם וועג.

בּוּנטשוּק איז געגאַנגען, פּאַמעלעך זיך דוּרכשפּאַרנדיק דוּרכן עולם.

וואָס איז גאָלד?! יאָ! רויט גאָלד פוּן דיין סאַמאָוואַר...

וואָס, איך זע נישט, מיינסטו? — האָט מיט חוזק געזאָגט אַ דאַרער סאָלדאַט פון דער פונקצן־קאָמאַנדע*.

אים האָט געענטפערט מיט אַ רוגזהדיק הודזשען דער פּאַר־קויפער, פאָכענדיק מיט אַ צוויי־האַפּט־מאַסיווער גילדענער דעוויסקע

— וואָס זעסטו?... דאָס איז גאָלד! אימפּעריאַלן־גאָלד! אויב ווילסט וויסן, האָט מען זי ביים פרידנס־ריכטער צוגעלקחנט... גיי־זשע צום טייוול, דו אָפּגעריסענע נבלה! די פּרווו האָט זיך אים פאַרגלוסט... און אַזוי ווילסטו נישט?

— דער פלאָט וועט נישט גיין... בחינמדיקע פלווידערייען! — האָט זיך געהערט פון דער זייט.

— און פאַרוואָס וועט ער נישט גיין?

— אין אָט די צייטונגען...

— טרעגער, טראָג אַהער!

— מיר האָבן געשטימט פאַרן פינפטן נומער: אַנדערש קאָן מען דאָך נישט...

— מאַמעליגע! באַטעמטע מאַמעליגע! געבן?

— דער עשעלאָן־קאָמאַנדיר האָט צוגעזאָגט, אַז מאָרגן רירן מיר.

בונטשוק האָט אָפּגעזוכט דעם בנין פון פּאַרטיי־קאָמיטעט. דורך די טרעפּ אַרויפגעגאַנגען אויפן צווייטן שטאָק. אַן אַרבעטער־רויטאַרמייער, אַ באַוואָפנטער מיט אַ יאַפּאַנישער ביקס און אַרויפגעשרויפטן פלאַכן באַגנעט, האָט אים פאַרצוימט דעם וועג.

— צו וועמען דאַרפט איר, חבר?

— צום חבר אַבראַמסאָן. ער געפינט זיך דאָ?

— די דריטע טיר לינקס.

אַ מיטלוואוקסיקער מענטש מיט אַ גרויסער נאָז, אַ שוואַר־צער, ווי אַ זשוק, די פינגער פון דער לינקער האַנט פאַרדוקט

---

* אַזוי האָט מען גערופן די ראַדיאָ־טעלעגראַפיסטן.

הינטערן סורדוט, מעטאָדיש זשעסטיקולירנדיק מיט דער רעכטער, האָט אַריינגערעדט אין זיין מיטשמועסער — אַ באַיאָרטן באַן-אַרבעטער.

— אַזוי קאָן מען נישט! און דאָס איז נישט קיין אָרגאַניזאַציע. ביי אַזעלכע מעטאָדן פון אַגיטאַציע וועט איר באַקומען פאַרקערטע רעזולטאַטן!

דער באַן-אַרבעטער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, זיך פאַרענטפערן, אורטיילנדיק לויטן אומרויִק-שולדיקן אויסדרוק פון זיין פּנים, אָבער דער מענטש מיטן שוואַרצן קאָפּ, ווי אַ זשוק, האָט אים נישט געלאָזט דאָס מויל עפענען; געפינענדיק זיך, אפּנים, אין דער העכסטער אויפרעגונג, האָט ער געליאַרעמט, נישט וועלנדיק אויסהערן דעם מיטשמועסער און אויסמיידנדיק זיין בליק:

— באַזייטיקט גלייך פון דער אַרבעט מיטשענקאָן! מיר קאָנען נישט גלייכגילטיק זיך צוקוקן צו דעם, וואָס קומט פאָר ביי אייך. וויערכאָצקי וועט פאַראַנטוואָרטלעך זיין פאַרן מיליטערישן געריכט! ער איז אַרעסטירט? יאָ?... איך וועל פאָדערן, מען זאָל אים דערשיסן! — האָט ער הארט פאַרענדיקט און זיך אויסגעדרייט צו בונטשוקן מיטן צעהיצטן פּנים; זיך נאָך נישט איינגאַנצן באַהערשט, האָט ער שאַרף געפרעגט: — וואָס דאַרפט איר?

— איר זענט אַבראַמסאָן?

— יאָ.

בונטשוק האָט אים דערלאַנגט זיינע דאָקומענטן, אַ בריוו פון איינעם פון די פאַראַנטוואָרטלעכסטע פּעטראָגראַדער חברים און זיך געזעצט אויפן פענסטער-פּאַראַפּעט.

אַבראַמסאָן האָט אויפמערקזאַם איבערגעלייענט דעם בריוו, במורנע שמייכלענדיק (ער האָט זיך זשענירט פאַר זיין שאַרפער ווענדונג), און אַ בעט געטון:

— וואַרט-צו אַ ווײַלע, מיר וועלן זיך באַלד דורכשמועסן.

ער האָט פריי געלאָזט דעם פאַרשוויצטן באַן-אַרבעטער, אַרויסגעגאַנגען, אין אַ מינוט אַרום אַריינגעקומען מיט אַ הויךנעוואוקסיקן געגאָלטן מיליטערמאַן מיט אַ בלויען שראַם פון זײַ

שניט לענגאויס דעם אונטערשטן קין, מיט מאַנירן פון אַ קאַדער־אָפיציר.

— דאָס איז אַ מיטגליד פון אונזער מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט. באַקענט אייך. איר, חבר... אַנטשולדיקט, איך האָב פאַרגעסן אייער פאַמיליע.

— בונטשוק.

— ...זענט דער חבר בונטשוק... איר זענט, דאַכט זיך, אַ ספּעציאַליסט פון מאַשינגעווער ?

— יאָ.

— דאָס דאַרפן מיר טאַקע ! — האָט דער מיליטערמאַן אַ שמייכל געטון.

זיין שראַם איבער דער גאַנצער לענג, פון ווינקל אויער ביז איבער דער גאָמבע, איז ראָז געוואָרן פון שמייכלען.

— איר וועט אונז קאָנען אָרגאַניזירן אין אַ ווי ווייט מעגלעך קורצן טערמין אַ מאַשינגעווער־קאָמאַנדע פון אַרבעטער־רויט־אַרמייער ? — האָט אַבראַמסאָן געפרעגט.

— איך וועל מיך באַמיִען. עס האַנדלט זיך אין דער צייט.

— נו, וויפיל־זשע צייט דאַרפט איר ? אַ וואָך, צוויי, דריי ? — האָט דער מיליטערמאַן געפרעגט, זיך אָנבייגנדיק צו בונטשוקן און פשוט אָפּוואַרטנדיק געשמייכלט.

— עטלעכע טעג.

— אויסגעצייכנט.

אַבראַמסאָן האָט זיך געריבן דעם שטערן און געזאָגט מיט אַ בולט־צערייצטן טאָן :

— די גאַרניזאָן־טיילן זענען שרעקלעך דעמאָראַליזירט, זיי האָבן נישט קיין רעאַלן ווערט. ווי אומעטום, חבר בונטשוק, קאָנען מיר האָפן בלויז אויף די אַרבעטער. די מאַטראָסן — יאָ, אָבער די סאָלדאַטן... דעריבער, פאַרשטייט איר, וואָלטן מיר געוואָלט האָבן אַן אייגענע מאַשינגעווער־קאָמאַנדע. — ער האָט אַ שויבער געטון די בלויע לאָקן פון זיין באָרד און פאַרדאגהט געפרעגט : — ווי אַזוי זענט איר אין מאַטעריעלער הינזיכט ? נו,

מיר וועלן שוין איינאָרדענען. איר האָט געגעסן מיטאָג ? נו, פאַר־שטייט זיך, אַז נישט !

„וויפיל־זשע, ברידערקע, איז דיר אויסגעקומען צו הונגערן, וואָס דו אונטערשיידסט פון איין בליק צווישן אַ זאַטן און אַ הונ־געריקן, און וויפיל צרות אָדער שרעק האָסטו איבערגעלעבט איי־דער עס האָט זיך באַוויזן ביי דיר אָט די גרויע פּאַסמע האָר״ ? — האָט בונטשוק אַ קלער געטון מיט גערירטער צערטלעכקייט, קוקנ־דיק אויף אַבראַמסאָנס שוואַרצן קאָפּ, וואָס האָט זיך רעכטס גע־בלייכט מיט אַ העלן פלעק פון גרויקייט. און שוין שפּרייזנדיק מיטן באַגלייטער צו אַבראַמסאָנס וואוינונג, האָט בונטשוק נאָך אַלץ גע־טראַכט וועגן אים : „אָט דאָס הייסט אַ חברהמאַן, דאָס הייסט אַ באָלשעוויק ! עס איז דאָ אַ בייזע האַרטנעקיקייט, און עס איז גע־בליבן איינצייטיק דאָס גוטע, דאָס מענטשלעכע. ער וועט זיך נישט קיין וואַקל טון אונטערצושרייבן אַ טויט־אורטייל פאַר עפּעס אַ סאַבאָטאַזשניק וויערכאָצקי און קאָן אין דער זעלבער צייט שוי־נען אַ חבר און זאָרגן פאַר אים״.

איינגאַנצן אונטערן ווארעמען איינדרוק פון דער באַגעגעניש מיט אַבראַמסאָנען, איז ער צוגעקומען צו זיין וואוינונג ערגעץ אין עק פון דער טאַגאַנראָגער, זיך אָפּגערוט אין קליינעם צי־מערל, וואָס איז פאַרוואָרפן געווען מיט ביכער, אָפּגעגעסן מיטאָג, איבערגעגעבן אַבראַמסאָנס צעטעלע דער באַלעבאָסטע פון דער וואוינונג, — זיך געלייגט אויפן בעט. ער איז איינגעשלאָפן, און נישט געדענקט, ווי אַזוי.

V

אין משך פון פיר טעג, פון אינדערפרי ביזן אָוונט, האָט בונטשוק זיך פאַרנומען מיט די אַרבעטער, וואָס זענען געשיקט גע־וואָרן צו זיין דיספּאָזיציע דורכן פאַרטיי־קאָמיטעט. זיי זענען גע־ווען זעכצן מאַן. מענטשן פון די פאַרשידנסטע פּראָפעסיעס, פאַר־

שידענעם עלטער און אפילו נאַציאָנאַליטעט. צוויי לאַסט־טרעגער, אַ פּאָלטאַוועער אוקראַינער כווילישקאָ און אַ רוסיפיצירטער גריך מיכאַלידזע, אַ זעצער סטיעפּאַנאָוו, אַכט מעטאַליסטן, אַ גרובן־אַרבעטער פון די פּאַראַמאָנאָוועד גרובנס זיעלענקאָוו, אַ קרענקלעכער בעקער אַן אַרמענער געוואָרקיאַנץ, אַ קוואַליפיצירטער שלאָסער, אַ רוסיפיצירטער דייטש, יאָהאַן רעבינדער, צוויי אַרבעטער פון דעפּאָ, און דעם זיבעצעטן דאָקומענט האָט געברענגט אַ פרוי אין אַ וואַטענעם זעלבערישן שינעל און צו גרויסע שטיוול.

איבערנעמענדיק פון איר דעם פאַרמאַכטן פּאַקעט, זיך נישט משער זייענדיק וועגן ציל פון איר קומען, האָט בונטשוק געפרעגט:

- איר קאָנט צוריקוועגס אַריינגיין אין שטאַב?

י האָט אַ שמייכל געטון, — זיך גלייך מאַכנדיק מיט אַ זשענירטער באַוועגונג דאָס פּאַסמעלע האָר, וואָס האָט זיך אָפּערגערוקט פון אונטער איר טיכל, און נישט דרייסט געזאָגט:

— איך בין געשיקט געוואָרן צו אייך... — און, גובר זייענדיק די מאָמענטאַלע צעמישטקייט, האָט זי אַרויסגערעדט, — אין דער אָפּטיילונג פון מאַשינגעווער.

בונטשוק איז שטאַרק רויט געוואָרן.

— וואָס זענען זיי דאָרטן... פון זינען אַראָפּ? אַ פרויען־באַטאַליאָן איז ביי מיר, צי וואָס?... איר אַנטשולדיקט מיר, דאָס איז פאַר אייך נישט קיין פּאַסיקער ענין: די אַרבעט איז אַ שווערע, דאָ איז נייטיק מענערישע קראַפט... וואָס מיינען זיי מיט זיך?... ניין, איך קאָן אייך נישט צונעמען!

ער האָט, אַן אָנגעכמורעטער, געעפנט דעם פּאַקעט, שנעל דורכגעלייענט דעם דאָקומענט, וואו ס'איז מיט טרוקענע ווערטער געזאָגט געווען, אַז די פּאַרטיי־חברטע אַננאַ פּאָגודקאָ ווערט געשיקט צו זיין דיספּאָזיציע, און עטלעכע מאָל איבערגעלייענט אַבראַמסאָנס בריוו, וואָס איז צוגעלייגט געווען צום דאָקומענט.

טייערער חבר בונטשוק!

מיר שיקן אייך די איבערגעגעבענע חברטע אַננאַ פּאָגודקאָ. מיר זענען אַקעגנגעקומען איר הייסן וואונטש

און שיקן זי אייך, האָפנדיק, אַז איר וועט מאַכן פון איר אַ גוטע קעמפּערין ביים מאַשינגעווער. איך קען דאָסדאָזיקע מיידל. איך רעקאָמענדיר זי אייך שטאַרק, און בעט אייך וועגן איין זאַך: זי — איז אַ ווערטפולע אַרבעטערין, אָבער היציק, אַ ביסל עקזאַלטירט (זי איז נאָך נישט בייגעקומען די יוגנט), האַלט זי אָפּ פון אומ־באַרעכנטע שריט, גיט אַכטונג אויף איר.

די צעמענטירונג פון דער אָפּטיילונג, דער קערן, זענען ביי אייך, אָן ספק, די אַכט מאַן מעטאַליסטן; פון זיי ווענד איך אייער אויפמערקזאַמקייט אויפן חבר באַגאָוואָי. ער איז אַ טיכטיקער חבר און זייער איבער־געגעבן דער רעוואָלוציע. אייער מאַשינגעווער־אָפּטיילונג איז לויטן צוזאַמענשטעל — אינטערנאַציאָנאַל, — דאָס איז גוט: זי וועט זיין קאָמפּּאַקטער.

איילט צו מיט די איבונגען. עס זענען דאָ ידיעות, אַז קאַלעדין קלויבט זיך צו מאַרשירן אויף אונז.

מיט חברישן גרוס ס. אַבראַמסאָן.

בונטשוק האָט אַ קוק געטון אויפן מיידל, וואָס איז געשטאַ־נען פאַר אים (דאָס איז פאָרגעקומען אין אַ קעלער פון אַ הויז אויף דער מאָסקווער גאַס, וואו עס זענען דורכגעפירט געוואָרן די איבונגען). אַ מאַטע ליכטיקייט האָט טושירט איר פנים, פאַרנעפּלט אירע שטריכן.

— מילא, — האָט ער אומפּרייַנטלעך געזאָגט. — אויב דאָס איז אייער אייגענער וואונטש... און אַבראַמסאָן בעט פאַר אייך... בלייבט.

דעם „מאַקסים" מיטן צעעפנטן פּיסק האָט מען געדיכט אַרומגעקלעפּט פון אַלע זייטן, געהאָנגען איבער אים, ווי טרויבן־הענגלען, זיך אָנשפּאַרנדיק אויף זיינע פעדערשטע רוקנס, זיך צו־געקוקט מיט נייַגיריקע אויגן, ווי ער איז אונטער בונטשוקס פלינ־

קע הענט זיך שנעל צעפאַלן אויף טיילן. בונטשוק האָט אים ווידער צונויפגעשטעלט מיט זיכערע, אויסגערעכנט־פּאַמעלעכע באַוועגונ־גען, אויפגעקלערט זיין קאָנסטרוקציע און באַשטימונג פון די באַזונדערע טיילן, געלערנט, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט אים, גע־וויזן דעם אופן פון אָנשטעלן און צילן, אויפגעקלערט די דעריוואַ־ציע* פון דער טרייעקטאָריע**, די גרענעץ ווי ווייט די קוילן קאָ־נען גרייכן. געלערנט ווי אַזוי צו פאַרהאַלטן זיך בשעת אַ שלאַכט, כדי נישט אויסגעשטעלט צו זיין אויף די קוילן פון שונא; אַליין זיך געלייגט אונטער דער באַשיצונג, אויף וועלכער די פאַרב איז שוין געווען געפּלאַצט און אָפּגעקראָכן, גערעדט וועגן דער וויכטיקייט פון אויסגעקליבענעם אָרט, וועגן אופן פון אויסשטעלן די קאָסטנס מיט די קוילן־טאַשמעס.

אַלע האָבן איבערגענומען לייכט, חוץ דעם בעקער געוואָר־קיאַנץ. ביי אים האָט זיך אַלץ נישט געקלעבט: וויפיל מאָל בונ־טשוק האָט אים נישט געוויזן דעם אופן פון צענעמען, — האָט ער אַלץ נישט געקאָנט געדענקען, זיך געפּלאָנטערט, פאַרלוירן, גע־שעפּטשעט אין פאַרלעגנהייט:

— פאַרוואָס קומט נישט אויס? אַך, וואָס טו איך... אַנט־שולדיקט... מען דאַרף אָט דאָס אַהער. עס קומט ווידער נישט אויס!... — האָט ער פאַרצווייפלט אויסגעשריגן. — פאַרוואָס?

— אָט האָסטו „פאַרוואָס"! — האָט אים נאָכגעשפּעט באַ־גאָוואַי מיטן ברוינעם פּנים און בלויע פינטעלעך פון שרויט אויפן שטערן און באַקן. — דערפאַר קומט נישט אויס, וואָס דו האָסט קיין קאָפּ נישט. אָט ווי אַזוי מען דאַרף! — האָט ער געוויזן, אַריינלייגנדיק מיט אַ זיכערער באַוועגונג אַ טייל אין איר געהעי־ריק אָרט. — איך האָב פון דער קינדהייט אָן געהאַט אינטערעס צו

* רעכטע אָפּנייגונג בשעת דעם פליען פון די קוילן.
** די ליניע, אין וועלכער די קויל פליט.

מיליטערישע זאַכן, — ער האָט ביי אַן אַלגעמיין לאַכן געטייטלט מיט אַ פינגער אויף די בלויע פינטעלעך אויף זיין פנים: — איך האָב אַ האַרמאַט געמאַכט, ער האָט אויפגעריסן, — און מיר איז אויסגעקומען צו ליידן. דעריבער בין איך אַציגד אַזוי פעיק.

ער האָט טאַקע לייכטער און פלינקער פון אַלע זיך אויסגעלערנט אומצוגיין מיט מאַשינגעווער. היגטערשטעליק געבליבן איז בלויז געוואָרקיאַנץ. אַלץ אָפטער האָט זיך געהערט זיין פאַרדראָסיק, וויינענדיק קול:

— עס איז ווידער נישט גוט! און פאַרוואָס? — ווייס איך נישט!

— וואָס פאַר אַן אייזל, וואָ־אָ־ס פאַר אַן אייזל! אויף גאַנץ נאַכיטשעוואַן איינער אַזעלכער! — האָט זיך אויפגערעגט דער בייזער גריך מיכאַלידזע מיט די פייכטע ליפן.

— אַ זעלטן שווערער קאָפּ! — האָט דער איינגעהאַלטענער רעבינדער מסכּים געווען.

— דאָס איז דיר נישט קיין בייגל צו באַקן! — האָט כווילישקאָ געפּאָרסקעט, און אַלע האָבן געמיטלעך צוגעלאַכט.

איין סטיעפּאַנאָוו האָט, רויט ווערנדיק, בייז געשריגן:

— מען דאַרף דעם חבר וויזן, און נישט די ציין שטשירען!

אים האָט אונטערגעהאַלטן קרוטאָגאָראָוו, דער באַיאָרטער אַרבעטער פון דעפּאָ, אַ בעל־גוף מיט גרויסע הענט, אַן ענלעכער צו אַ פּאָפּ אין ציוויל.

— איר לאַכט, און דערווייל ווערט גאָרנישט געטון! חבר בונטשוק, אָדער נעמט פעסט אין דער האַנט אַריין די קונסט־קאַמער אייערע אָדער שיקט זיי צו אַלדי רוחות! די רעוואָלוציע איז אין געפאַר, און זיי לאַכן גאָר! און דאָס זענען פאַרטיי־לייט!... חיות, נישט קיין מענטשן... ערנוואָרט! — האָט ער געשריגן מיט אַ באַס, פאָכענדיק מיט דער פויסט, וואָס האָט דערמאַנט אָן אַ קאָוואַדלע.

מיט שאַרפער נייגיריקייט איז אין אַלעם אַריינגעדרונגען אַננאַ פּאָגודקאָ. זי איז עקשנותדיק צוגעשטאַנען צו בונטשוקן, אים

אָנגעכאַפּט ביי די אַרבל פון אויסגעוואַקסענעם מאַנטל, נישט אָפּ־געטרעטן פון מאַשינגעווער.

— און אויב דאָס וואַסער אין פעלץ וועט פאַרפרוירן ווערן — וואָס טוט מען דעמאָלט? און ביי אַ שטאַרקן ווינט — ווי גרויס איז די אָפּנייגונג? וואָס איז דאָס, חבר בונטשוק? — האָט זי אים באַשיט מיט פראַגן און אָפּוואַרטנדיק אויפגעהויבן אויף אים אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן געלויכטן מיט אומזיכערן וואַרעמען גלאַנץ.

אין איר קעגנוואַרט האָט ער זיך געפילט עפּעס אין אַ פאַר־לעגנהייט; ווי אָפּצאָלנדיק פאַר דערדאָזיקער פאַרלעגנהייט, האָט ער זיך באַצויגן צו איר מיט איבערמעסיקער פאָדערונג, געווען באַזונדערס קאַלט, אָבער עפּעס אויפרעגנדיקס, אומגעוויינטלעכס האָט ער איבערגעלעבט, ווען זי פלעגט אין די פרימאָרגנס, רעגולער, פּינקטלעך זיבן אַ זייגער, אַריינקומען אין קעלער, אַ גע־פרוירענע, מיט די הענט אין די קעשענעס פון גרינעם שינעל, שאָרכענדיק מיט די פּאָדעשוועס פון די גרויסע זעלנערישע שטיוול. זי איז געווען עטוואָס נידעריקער פון אים, אַ קערנדיקע, אַ פולע, ווי אַלע געזונטע מיידלעך, וואָס אַרבעטן פיזיש, — אפשר אַ ביסל אַ געבויגענע און, כלעבן, אפילו נישט קיין שיינע, ווען נישט די גרויסע אויסדריקלעכע אויגן, וואָס האָבן אויף אַ מערקווירדיקן אופן זי באַשיינט אינגאַנצן.

אין משך פון פיר טעג האָט ער זי אפילו נישט גוט באַ־טראַכט. אין קעלער איז געווען האַלב־פינסטער, אויך נישט באַ־קוועם, און ס׳איז נישט קיין צייט געווען זיך צוצוקוקן צו איר פּנים. אויפן פינפטן טאָג אין אָוונט זענען זיי אַרויסגעגאַנגען צו־זאַמען. זי איז געגאַנגען פאָרויס; זיך אויפהייבנדיק אויפן לעצטן טרעפּל, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו אים מיט עפּעס אַ פראַגע, און בונטשוק האָט אינערלעך אַ קרעכץ געטון, דערזעענדיק זי אין ליכט פון אָוונט. זי האָט מיט אַ געוואוינטן זשעסט זיך גלייך געמאַכט די האָר, געוואַרט אויף אַן ענטפער מיט אַ לייכט פאַר־וואָרפענעם קאָפּ, אָנגעשטעלט אין זיין זייט אַריין די אויגן. נאָר

בונטשוק האָט פאַרהערט; ער איז פּאַמעלעך אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּלעך, דערדריקט פון אַ געפיל, וואָס איז געווען אי זיס, אי ווייטיקלעך. דאָסדאָזיקע שטעכעדיקע פיבערהאַפטע געפיל פלעגט אים תמיד באַהערשן ביי עפעס אַ וויכטיקער געשעעניש אין זיין לעבן: סיי אין ערשטן מאָמענט פון אַטאַקע, ווען די עמאָציעס זענען נאָך נישט פאַרטעמפּט, סיי הערנדיק לעבינען רעדן מיט זיין עטוואָס נישט קלאָרער אויסשפּראַך, בשעת ער האָט געפילט, ווי דער פירער און גאון דריקט אים צו, בריט אָפּ זיין געדאַנק, סיי קוויקנדיק זיך מיטן זעלטן־שיינעם געוועב פון אַ זון־פאַרגאַנג, סיי אַנטשליסנדיק זיך אויף עפּעס געפערלעכס, — דאָס זעלבע האָט ער אויך געפילט אַצינד, קוקנדיק אויף די ראָזע טונקל־ברוינע באַקן פון דעם מיידל, אויף דער יוני־בלויקייט פון אירע ווייסלען און אומענדלעכער טיפקייט פון די שוואַרצע אויגן. פון אָנשטרענגונג (עס איז איר נישט באַקוועם געווען זיך גלייך צו מאַכן די האָר, נישט אויסטוענדיק דאָס טיכל) האָבן זיך ביי איר עטוואָס באַוועגט די פון דער נידעריקער זון דורכגעלויכטענע ראָזע נאָזלעכער. די שטריכן פון מויל זענען געווען מענלעך און איינצייטיק — קינדעריש־צאַרט. אויף דער פאַרהויבענער אייבערשטער ליפּ האָט זיך געטונקלט אַן איידעלער פוך, דייטלעך אונטערשטרייכנדיק די מאַטע העלקייט פון דער הויט.

בונטשוק האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, ווי אונטער אַ קלאַפּ, — געזאָגט מיט פּאַטעטישער וויציקייט:

— אַננאַ פּאָגודקאָ... נומער צוויי פון דער מאַשינגעווער־באַדינונג, דו ביסט שיין, ווי עמעצנס גליק!

— נאַרישקייטן! — האָט זי געזאָגט, זיכער אין זיך, און אַ שמייכל געטון. — נאַרישקייטן, חבר בונטשוק!... איך פרעג: ווען מיר וועלן גיין אויפן שיס־פּלאַץ?

פון שמייכלען איז זי געוואָרן פּשוטער, צוטריטלעכער, ערדישער. בונטשוק איז שטיין געבליבן לעבן איר; פאַרווירט קוקנדיק אין עק גאַס אַריין, וואו די זון איז שטעקן געבליבן, פאַרפלייצנ־

דיק מיט פּורפּור אַלץ, וואָס איז געלעגן אונטן, האָט ער שטיל געענטפערט:

— אויפן שיס־פּלאַץ? מאָרגן. אין וועלכער זייט אַריין גייסטו? וואו וואוינסטו?

זי האָט אָנגערופן עפּעס אַ זייטיק געסל. זיי זענען געגאַנגען צוזאַמען. אין ראָג האָט זיי דעריאָגט באַגאַוואַי.

— בונטשוק, הער! וואו וועלן מיר זיך מאָרגן צונויפקומען?

אויפן וועג האָט בונטשוק דערקלערט, אַז זיי וועלן זיך צונויפקומען אין שטילן וועלדל, אַהין וועלן קרוטאָגאָראָוו און כווילישקאָ ברענגען אויף אַ דראָזשקע דעם קוילנוואַרפער; צונויפקומען וועט מען זיך אַכט אַ זייגער. באַגאַוואַי איז דורכגעגאַנגען מיט זיי צוויי קוואַרטאַלן און זיך געזעגנט. בונטשוק און אַננאַ פּאָגודקאָ זענען געגאַנגען עטלעכע מינוט שווייגנדיק. זי האָט געפרעגט, אַ קוק טוענדיק זייטיק:

— איר — זענט אַ קאָזאַק?

— יאָ.

— אַ געוועזענער אָפיציר?

— נו, וואָס פאַר אַן אָפיציר בין איך!

— פונוואַנען שטאַמט איר?

— פון נאָוואָטשערקאַסק.

— שוין לאַנג אין ראָסטאָוו?

— עטלעכע טעג.

— און פריער?

— בין איך געווען אין פּעטראָגראַד.

— פון וועלכן יאָר אָן אין דער פּאַרטיי?

— פון טויזנט ניינהונדערט דרייצענטן.

— און וואו איז אייער פאַמיליע?

— אין נאָוואָטשערקאַסק, — האָט ער שנעל אַ בורטשע געטון און בעטנדיק אויסגעשטרעקט די האַנט: — וואַרט אַ ווײַלע, לאָז מיך אויך פרעגן: דו — ביסט אַ געבוירענע אין ראָסטאָוו?

— ניין, איך בין געבוירן געוואָרן אין יעקאַטערינאָסלאַוו, נאָר די לעצטע צייט געוואוינט דאָ.

— אַציננד וועל איך פרעגן... אַן אוקראַינערין ?

זי האָט אַ רגע זיך געקווענקלט, דערנאָך אַנטשלאָסן געענטפערט :

— ניין.

— אַ יידישע ?

— יאָ. וואָס איז דען ? צי דערקענט מען מיך אָן רעדן ?

— ניין.

— און פון וואָס האָסטו דערקענט, אַז איך בין — אַ יידישע ?

באַמיִענדיק זיך צו גיין גלייך מיט איר, האָט ער פאַרקלענערט דעם טריט און געענטפערט :

— דאָס אויער, די פאָרם פון אויער און די אויגן. וואָרים סתם אַזוי — האָסטו אין דיר זייער ווייניק פון דיין נאַציע... — טראַכטנדיק אַ ווײַלע האָט ער צוגעגעבן : — דאָס איז גוט, וואָס דו ביסט ביי אונז.

— פאַרוואָס ? — האָט זי זיך פאַראינטערעסירט.

— זעסטו : יידן האָבן באַקומען אַ שם, און איך ווייס, אַז אַ סך אַרבעטער טראַכטן אַזוי — איך אַליין בין דאָך אַן אַרבעטער, — האָט ער פלאַחר־יד באַמערקט, — אַז יידן שיקן בלויז אַנדערע, אַליין גייען זיי נישט אין פייער אַריין. דאָס איז אַ טעות, און דו וואַרפסט אָפּ אויף אַ גלענצענדן אופן דידאָזיקע טעותדיקע מיינונג. דו האָסט דיך געלערנט ?

— יאָ. איך האָב פאַריאָרן געענדיקט גימנאַזיע. און וואָס פאַר אַ בילדונג האָט איר ? איך פרעג דאָס דערפאַר, וואָס אייער רעדן פאַרראַט אייער נישט פראָלעטאַרישע אָפּשטאַמונג.

— איך האָב אַ סך געלייענט.

זיי זענען געגאַנגען פּאַמעלעך. זי האָט בכיוון אים געפירט דורך זייטיקע געסלעך און, דערציילנדיק בקיצור וועגן זיך, ווייטער אויסגעפרעגט וועגן קאָרנילאָווס אויפשטאַנד, וועגן

דער שטימונג פון די פעטראָגראַדער אַרבעטער, וועגן דער אָקטאָ־בער-איבערקערעניש.

ערגעץ אויף דער גאַס ביים ברעג האָבן פייכט אָפּגעקלונ־גען ביקסן-שאָסן, אַ קוילנוואַרפער האָט מיט הפסקות דורכגעשניטן די שטילקייט. אַננאַ האָט נישט פאַרזוימט צו פרעגן:

— פון וואָסער סיסטעם?

— אַ ליואיס.

— וויפיל טאַשמע שוין פאַרניצט?

בונטשוק האָט נישט געענטפערט, קוויקנדיק זיך מיטן אָראַנזש-פאַרביקן, שמאַראַגדענעם טאָפּ־האָרן פון פּראָזשעקטאָר, וואָס האָט פון דער פאַראַנקערטער מינע-שיף אין האַפן גיריק זיך אויסגעשטרעקט צו די הייכן פון אָוונט-הימל, וואָס האָט געגליט אין דער שקיעה.

שפּאַצירנדיק אַ שעה דריי איבער דער פוסטער שטאָט, האָבן זיי זיך געזעגנט ביים טויער פון איר וואוינונג.

בונטשוק האָט זיך אומגעקערט אַהיים, דערוואַרעמט פון אַ באַוואוסטלאָזער אינערלעכער באַפרידיקונג. „אַ גוטע חברטע, אַ קלוג מיידל! מיר האָבן זיך אַזוי דורכגעשמועסט — און אָט איז אַצינד וואַרעם אויף דער נשמה. איך בין איבער דער צייט פאַר־גרעבט געוואָרן, און פריינטלעכע באַציִונג מיט מענטשן איז ניי־טיק, אַנדערש ווערסטו פאַרהאַרטעוועט ווערן, ווי אַ זעלנערישע סו־כאַרע...״ — האָט ער געטראַכט, אָפּנאַרנדיק זיך אַליין און אַליין אָנערקענענדיק, אַז ער נאַרט זיך.

אַבראַמסאָן, וועלכער האָט נאָר-וואָס געהאַט זיך אומגעקערט פון אַ זיצונג פון מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, האָט אָנ־געהויבן זיך אויספרעגן וועגן דער צוגרייטונג פון דער באַדינונג ביים מאַשינגעווער; צווישן אַנדערן, האָט ער אויך געפרעגט וועגן אַננאַ פּאָגודקאָ.

— וואָס איז מיט איר? אויב זי טויג זיך נישט, קאָנען מיר זי שיקן אויף אַנדערער אַרבעט, אויסטוישן.

— ניין, וואָס פאַלט אייך איין! — האָט בונטשוק זיך דער־שראָקן. — זייער אַ פעיִק מיידל!

ער האָט געהאַט אַן אומבאַזיגבאַרן פאַרלאַנג צו רעדן וועגן איר און זיך אָפּגעהאַלטן דערפון בלויז אַ דאַנק זיין שטאַרק אָנגע־שטרענגטן ווילן.

VI

דעם 25־סטן אין מיטן טאָג זענען קיין ראָסטאָוו איבערגע־פירט געוואָרן פון נאָוואָטשערקאַסק קאַלעדינס חיילות. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אָנגריף. לענגאויס דער באַן־ליניע, פון ביידע זייטן פלאַנט, האָבן זיך גערוקט די שיטערע רייען פון דער אַלעקסעיעווער אָפיצירן־אָפּטיילונג. אויפן רעכטן פלאַנג האָבן גע־דיכטער זיך באַוועגט די גרויע פיגורן פון די יונקערס. די פאַר־טיזאַנער פון פּאָפּאָווס אָפּטיילונג האָבן פאַרפלייצט דעם שמאָלן טאָל אויפן לינקן פלאַנג. טייל, וואָס האָבן פונווייטנס אויסגעזען, ווי קליינע גרויע קניילעכלעך, זענען אַראָפּגעשפרונגען אין טאָל אַריין; אַרויסקומענדיק אויף דער צווייטער זייט, האָבן זיי זיך צונויפגערוקט, אָפּגעשטעלט, ווידער געפלאָסן.

אין דער ליניע פון די רויטאַרמייער, וואָס האָט זיך פו־נאַנדערגעשיט אויף דער גרענעץ פון נאַכיטשעוואַן, האָט זיך געשאַפן אַ צערודערונג. די אַרבעטער, וואָס אַ סך פון זיי האָבן דאָס ערשטע מאָל גענומען אַ ביקס אין דער האַנט אַריין, האָבן זיך געשראָקן, זענען אַריבערגעקראָכן, אויסשמירנדיק די שוואַרצע פאַלטנס אין דער האַרבסט־בלאָטע; אַנדערע האָבן אונ־טערגעהויבן די קעפּ, זיך איינגעקוקט אין די ווייטע, דורכן שטח פאַרקלענערטע פיגורן פון די ווייסע.

ביים קוילנוואַרפער אין דער רייע האָט בונטשוק, זיך אויפ־הייבנדיק אויף די קניען, געקוקט דורכן בינאָקל. מיט אַ טאָג

צוריק האָט ער אויסגעטווישט זיין מאַנטל אויף אַ שינעל און זיך אַצינד געפילט אין אים היימישער, באַקוועמער.

שיסן האָט מען אָנגעהויבן אָן אַ באַפעל. נישט אויסגעהאַלטן די געשפּאַנטע רויִקייט. ווי נאָר עס האָט אַ קנאַל געטון דער ערשטער שאָס, האָט בונטשוק געגומען זידלען און אַ געשריי געטון, זיך אויפשטעלנדיק אינגאַנצן:

— אויף-הערן!...

זיין געשריי איז פאַרטייבט געוואָרן דורכן דראָבנעם געקנאַלעריי פון די שאָסן, און בונטשוק האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט; באַמיִענדיק זיך איבערצושרייען דאָס שיסעריי, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל באַגאָוואָיען: „פייער!" יענער איז צוגעפאַלן צום שלאָס מיט אַ שמייכלענדיק, אָבער ערד-פאַרביק פּנים, אַרויפגעלייגט די פינגער אויף די האַנטאַבעס פון קוילנוואַרפער. דאָס באַקאַנטע שטעפּן פון קוילנוואַרפער האָט דורכגעדרונגען בונטשוקס געהער. אַ רגע האָט ער זיך זיך איינגעקוקט אין דער ריכטונג פון שונאס אויסגעלייגטער ליניע, באַמיִענדיק זיך אונטערצושיידן, צי דער ציל איז אַ ריכטיקער, דערנאָך איז ער אויפגעשפּרונגען און גענומען לויפן לענגאויס דער ליניע צו די איבעריקע קוילנוואַרפער.

— פייער!

— מיר גיבן!... האַ-האָ-האָ! — האָט כווילִיטשקאָ געוואָיעט, אויסדרייענדיק צו אים דאָס דערשראָקענע גליקלעכע פּנים.

ביים דריטן קוילנוואַרפער פון צענטער איז די באַדינונג געווען נישט קיין גאַנץ זיכערע. בונטשוק איז אַהין אַוועקגעלאָפן. אינמיטן וועג האָט ער זיך אָנגעבויגן און אַ קוק געטון דורכן בינאָקל: אין די פאַרלאָפענע קיילעכיקע גלעזער האָבן זיך געזען באַוועגן גרויע קניילעכלעך. פון דאָרט האָט מען אַ זעץ געטון מיט אַ הילכיקן געדיכטן זאַלפּ. בונטשוק איז אַ פאַל געטון און שוין ליגנדיק באַשטימט, אַז דאָס צילן פון דריטן קוילנוואַרפער איז נישט ריכטיק.

— נידעריקער ! טייוולאָנים !... — האָט ער געשריגן, שלענגלענדיק זיך, קריכנדיק לענגאויס דער ליניע.

די קוילן האָבן זיך נידעריק געטראָגן איבער אים מיט זייער טויט-געפייפעריי. רעגולער, ווי אויף די איבונגען, האָבן געשאָסן די אַלעקסיעוועס. ביים קוילנוואַרפער, מיט דער אומגעלומפערטהויך פאַרריסענער נאָז, איז געלעגן די באַדינונג : דער ציל-מייסטער, דער גריך מיכאַלידזע, האָט געגומען אַ צו הויכן ציל און געשאָסן אָן אויפהער, פאַרשווענדנדיק דעם רעזערוו פון די קוילןטאַשמעס. לעבן אים האָט געקוואַקעט דער איבערגעשראָקענער, גרין-געוואָרענער סטיעפּאַנאָוו ; פון הינטן, איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין דער ערד, אַ געהאָרבעטער, ווי אַ שילדקרעט, עטוואָס אונטערגעהויבן אויף די אויסגעשטרעקטע פיס, איז געלעגן דער באַןארבעטער, קרוטאָגאָראָוו פריינט.

בונטשוק האָט אָפּגעשטויסן מיכאַלידזען, לאַנג זיך געזשמורעט, אָנשטעלנדיק דעם ציל, און ווען ער האָט אַ זעץ געטון און דער קוילנוואַרפער האָט ציטערנדיק און רעגלמעסיק גענומען קנאַלן אונטער זיינע הענט, — האָבן זיך גלייך באַוויזן די רעזולטאַטן : דאָס קופּקעלע יונקערס, וואָס האָט, איבערלויפנדיק, זיך פאַרקליבן אַרויף, האָט גלייך צוריק זיך אַראָפּגעקייקלט פון בערגל, איבערלאָזנדיק איינעם אויף דער ליימיקער פליכיקייט.

בונטשוק האָט זיך אומגעקערט צו זיין קוילנוואַרפער. דער בלייכער באָגאָוואָי (די בלויע שרויט-פינטעלעך האָבן זיך בולטער אָנגעזען אויף זיינע באַקן) איז געלעגן אויף אַ זייט, שפּייענדיק מיט זידל-ווערטער, באַנדאַזשירנדיק זיך די פאַרוואונדעטע לידקע פון פוס.

— שיס, אין זייער מאַמען אַריין !... — האָט געברומט דער פייערדיק-געלער רויטגוואַרדייער, וואָס איז געלעגן דערלעבן און זיך אויפגעשטעלט אויף אַלע פיר. — שיס ! זעסט נישט, אַז זיי גרייפן אָן ! ?

די רייען פון דער אָפיצירן-אָפּטיילונג, איבערלויפנדיק, ווי אויף אַ פּאַראַד, זענען געפלאָסן לענגאויס דעם פלאַנט.

באַגאָוואָיען האָט געטוישט רעבינדער. מיט פלינקע באַוועגונגען, עקאָנאָמיש, זיך נישט היצנדיק, האָט ער גענומען אָנפירן מיט דער שיסעריי.

און פון לינקן פלאַנג איז מיט האָזן־שפרונגען געלאָפן געוואָרקיאַנץ, פאַלנדיק ביי יעדער קויל, וואָס איז פאַרביי־געפלויגן איבער אים, — ער איז קרעכצנדיק צוגעפאַלן צו בונטשוקן:

— עס טויג נישט!... עס שיסט נישט!

כמעט זיך נישט היטנדיק, איז בונטשוק אַוועקגעלאָפן לענגאויס דער אויסגעבויגענער קאַמף־ליניע.

נאָך פונוויטנס האָט ער דערזען: אַננאַ שטייט אויף די קני לעבן קוילנוואַרפער און קוקט פון אונטער דער האַנט אַפער, זיך אַוועקמאַכנדיק די אַראָפּגעפאַלענע פאַסמע האָר, אויפן שונאס קאַמף־ליניע.

— לייג דיך!... — האָט בונטשוק אַ געשריי געטון, זיך אָנגיסנדיק מיט בלוט און ווערנדיק שוואַרץ פאַר שרעק צוליב איר. — לייג דיך, זאָגט מען דיר!

זי האָט אַ קוק געטון אין זיין זייט אַריין — און ווידער געבליבן אַזוי שטיין. פון בונטשוקס ליפּן האָט זיך געבעטן אַ זידל־וואָרט, אַ שווערס, ווי אַ שטיין. ער איז צוגעלאָפן צו איר און מיט כוח זי אַראָפּגעדריקט צו דער ערד.

הינטער דער באַשיצונג האָט געסאַפּעט קרוטאָגאָראָוו.

— עס האָט זיך פאַרהאַקט! עס גייט נישט! — האָט ער ציטערנדיק אַ שעפּטשע געטון צו בונטשוקן, און אָפּזוכנדיק מיט די אויגן געוואָרקיאַנצן, האָט ער זיך רוגזהדיק צעשריגן: — ער איז אַנטלאָפן דער פאַרשאָלטענער! דיין פאַרמבולדיק באַשעפעניש איז אַנטלאָפן... ער האָט מיר דאָס האַרץ צעריסן מיט זיינע קרעכצן!... לאָזט נישט אַרבעטן!...

געוואָרקיאַנץ איז צוגעקראָכן, זיך קרימענדיק ווי אַ שלאַנג. די בלאָטע אויף די האַרטע האָר פון זיין נישט געגאָלטער גאָמבע איז פאַרטרוקנט געווען. קרוטאָגאָראָוו האָט אַ רגע געקוקט אויף

אים, אויסדרייענדיק דעם שווייסיקן אָקסן-האַלז, — גענומען ליאַרמען, פאַרטייבנדיק דאָס דונערן פון דער שיסעריי:

— די טאַשמעס וואו האָסטו אַהינגעטון?... דו מאַלפּע-פּנים!... פאַרזעעניש!... בונטשוק! בונטשוק! נעם אים צו, וואָרים איך וועל אים דערהרגענען!...

בונטשוק האָט זיך געפּאָרעט ביים קוילנוואַרפער. אַ קויל האָט מיט קראַפט אַ זעץ געטון אָן דער שויץ-בלעך, און ער האָט צוגעכאַפּט די הענט, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעבריט.

פאַרריכטנדיק דעם פעלער, האָט ער אַליין אָנגעהויבן שיסן. ער האָט גענייט די אַלעקסעיעווצעס, וואָס זענען אָן שרעק אַריבערגעלאָפן, זיך צו לייגן און אַוועקגעקראָכן, זוכנדיק מיט די אויגן אַ בערגל — וואו זיך צו באַשיצן.

דעם שונאס רייען האָבן זיך נענטער צוגערוקט. דורכן בינאָקל האָט מען געזען, ווי די פאַרטיזאַנער גייען — מיט די אויסגעשטרעקטע ביקסן, זעלטן זיך לייגנדיק. זייער שיסעריי איז געוואָרן האַסטיקער. אין דער ליניע פון די רויטגוואַרדייער האָבן די חברים, צוקריכנדיק, ביי דריי שוין צוגענומען די ביקסן, — טויטע דאַרפן נישט קיין געווער... אין די אויגן פון אַננען און בונטשוקן, וואָס איז געלעגן ביי קרוטאָגאָראָווס קוילנוואַרפער, האָט אַ קויל אין דער רייע דורכגעלעכערט אַ יונג בחורל, אַ רויטגוואַרדייער. ער האָט לאַנג זיך געוואָרפן און געכאָרכלט, געקלאַפּט מיט די פיס אין די וויקלערס אָן דער ערד, און צום סוף, זיך אָנשפּאַרנדיק אויף די צעשטעלטע הענט, זיך אונטערגעהויבן, אַ כליפּע געטון, אַוועקגעפאַלן מיטן פּנים און אַרויסגעלאָזט דעם לעצטן אָטעם. בונטשוק האָט זייטיק געקוקט אויף אַננען. פון מיידלס גרויסע, אויסגעברייטערטע אויגן האָט זיך געזיגן אַ פליסנדיקער פּחד, זי האָט מיט שטאַרע אויגן געקוקט אויף די פיס פון דערהרגעטן בחורל אין די זעלנערישע אָפּגעטראָגענע וויקלערס, נישט געהערט, ווי קרוטאָגאָראָוו האָט איר געשריגן אין פּנים אַריין:

— אַ טאַשמע!... אַ טאַשמע!... גיב אַהער!... מיידל, גיב אַ טאַשמע!

מיט אַ טיפֿן דרוק אויף די פֿלאַנגען האָבן די קאַלעדינצעס אָפּגעשטויסן די ליניע פֿון די רויטגוואַרדייער. איבער די גאַסן פֿון דער נאַכיטשעוואַנער פֿאָרשטאָט האָבן געווימלט די שוואַרצע פּאַלטנס און שינעלן פֿון די אָפּטרעטנדיקע רויטגוואַרדייער. דער לעצטער קוילנוואַרפֿער פֿון רעכטן פֿלאַנג איז אַריינגעפֿאַלן צו די ווייסע. דער גריך מיכאַלידזע האָט פֿון דער נאָענט דערשאָסן עפּעס אַן אונטעראָפֿיציר אַ יונקער, דעם ציל-מייסטער האָט מען צע-שטאָכן מיט באַגנעטן, ווי אַ טשוטשעלע*; פֿון דער באַדינונג האָט זיך געראַטעוועט בלויז דער זעצער סטיעפּאַנאָוו.

דאָס אָפּטרעטן איז פֿאַרהאַלטן געוואָרן, ווען די ערשטע קוילן זענען אָנגעפֿלויגן פֿון די מינע-שיפֿן.

— אין דער רייע!... נאָך מיר!... — האָט אַ געשריי גע-טון דער מיטגליד פֿון רעווקאָם, וואָס איז בונטשוקן באַקאַנט גע-ווען און איז אַרויסגעלאָפֿן פֿאָרויס.

די ליניע פֿון די רויטגוואַרדייער האָט זיך אַ וואַקל געטון און אויסגעבויגן געגומען גיין פֿאָרויס. פֿאַרביי בונטשוקן און קרו-טאָגאָראָוון, אַננען און געוואָרקיאַנצן, וואָס האָבן זיך געדריקט צו אים, זענען דורכגעגאַנגען דריי — כמעט צוזאַמען. איינער האָט געררייכערט, דער צווייטער האָט גייענדיק זיך געקלאַפּט מיטן שלאָס פֿון דער ביקס אָן דער קני, דער דריטער האָט אויפֿמערק-זאַם באַטראַכט די פֿאַרבלוטיקטע פֿאָלעס פֿון זיין פּאַלטן. אויף זיין פּנים, אין די ווינקעלעך פֿון די וואָנסעס, האָט זיך געפֿלאָנטערט אַ שולדיקער שמייכל — ווי ער וואָלט געגאַנגען נישט אויפֿן טויט, נאָר זיך אומגעקערט אַהיים פֿון אַ חבריש סעודהלע און, קוקנדיק אויפֿן אויסגעשמירטן פּאַלטן, געטראַכט וועגן דער שטראָף, וואָס זיין ירגזונדיק ווייבל וועט פֿאַר אים באַשטימען.

— אָט זענען זיי! — האָט קרוטאָגאָראָוו אויסגעשריגן, אָנ-ווייזנדיק אויף דער ווייטער פֿאַרצוימונג און גרויע מענטשע-לעך, וואָס האָבן געווימלט הינטער איר.

* אויסגעשטאָפּטע ליאַלקע פֿאַר איבונגען.

— שטעל אָן! — בונטשוק האָט מיט אַ בערישער באַוועגונג אָנגעדרייט דעם קוילנוואַרפער.

דער הייטערער געפּלאַפּל פון קוילנוואַרפער האָט גענייט אַנבען זיך צו פאַרשטאָפּן די אויערן. זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט, דערזען, ווי נאָך דער פאַרצוימונג איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די באַוועגונג. אין אַ מינוט אַרום האָבן פון דאָרט רעגלמעסיק אָנגעהויבן קנאַלן זאַלפּן, און דורכבויערנדיק אומגעזעענע לעכער אין כמורנעם הימל-זעגל, זענען די קוילן געפלויגן איבער די קעפּ.

עס האָט דראָבנע געקלאַפּט, ווי איבער פויקן, דאָס האַסטיקע שיסערײַ און טרוקן זענען פאַרברענט געוואָרן די טאַשמעס, וואָס האָבן זיך געשלענגלט בײַ די קוילנוואַרפערס. אייניציקע שאָסן האָבן געפּלאַצט צייטיק און קלאַנגפול. עס האָט געדריקט דאָס גרילצנדיקע, מיט אַ פייפערײַ אויסגעמישטע וואָיען פון די האַרמאַטן-קוילן, וואָס זענען געשיקט געוואָרן דורך די מאַטראָסן פון די מינע-שיפן און פאַרבײַגעפלויגן איבער די קעפּ. אַננאַ האָט געזען, ווי איינער פון די רויטגוואַרדייער, אַ הויך-געוואוקסיקער, אין אַ באַראַנקאָווע היטל, מיט ענגליש-צוגעשוירענע וואָנסעס, אויפגעמענדיק און באַגלייטנדיק יעדע דורכפליענדיקע קויל מיט אַ נישט ווילנדיקן נייג, האָט געשריגן:

— דערלאַנג זיי, סעמיאָן, דערלאַנג זיי, סעמיאָן! געדיכטער דערלאַנג זיי!

די קוילן האָבן טאַקע אָנגעהויבן פאַלן געדיכטער. די מאַטראָסן, וואָס האָבן זיך אײַנגעאיבט אין שיסן, האָבן געפירט אַ קאָמבינירט פײַער, די באַזונדערע קופּקעלעך פון די פאַמעלעך-אָפּטרעטנדיקע קאַלעדינצעס זענען באַשיט געוואָרן מיט אָפּטע שראַפּנעל-זאַלפּן. איין האַרמאַטן-קויל האָט אויפגעריסן אין דער ליניע פון אָפּטרעטנדיקן שונא. דער גרויער זײַל פון אויפרײַס האָט פונאַנדערגעשליידערט די מענטשן, איבערן ווירבל-געדרײַ איז דער רויך געזונקען און צעגאַנגען געוואָרן. אַננאַ האָט אַוועקגעוואָרפן דעם בינאָקל, אַ קרעכץ געטון און מיט אויסגעשמירטע הענט זיך פאַרשטעלט די פון שרעק אָפּגעבריטע אויגן — זי האָט נאָענט

געזען דורך די גלעזער דעם הוראַגאַן־געווירבל פון אויפרייס און דעם טויט פון מענטשן. אַ ביטערער קראַמף האָט צונויפגעצויגן איר האַלז.

— וואָס איז דיר ? — האָט בונטשוק אויסגעשריגן, זיך אָנ־בייגנדיק צו איר.

זי האָט צונויפגעדריקט די ציין, אירע אויסגעברייטערטע אַפּלען האָבן זיך געגעפּלט.

— איך קאָן נישט...

— שטאַרק דיך ! דו... אַננאַ, הערסט ? הערסט ?... מען טאָר נישט אַזוי !... מען טאָר נישט !... — האָט ער באַפעלעריש גע־שריגן אין איר אויער אַריין.

אויפן רעכטן פלאַנג, נאָענט פון אַ קליינער באַרגיקייט, האָט אין טאָל זיך פאַרזאַמלט דעם שונאס אינפאַנטעריע. בונטשוק האָט דאָס באַמערקט ; ער איז אַריבערגעלאָפן מיטן קוילנוואַרפער אויף אַ באַקוועמער אָרט און גענומען די באַרגיקייט מיטן טאָל אונ־טערן ציל.

טאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ !... טאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַק ! — האָט נערוועז און אָפּגעריסן געאַרבעט רעבינדערס קוילנוואַרפער.

אויף אַ צוואָנציק טריט ווייט האָט עמעצער, אַ הייזעריקער און בייזער, געשריגן :

— אַ טראָג־בעטל !... ס'איז נישטאָ קיין טראָג־בעטל ?... אַ טראָג־בעטל !...

— צי־י־ל... — האָט מאָנאָטאָן געזונגען דאָס קול פון פּלו־טאָן־אָנפירער, אַ געוועזענעם פראָנט־סאָלדאַט, — אַכצן... אָפּטיי־לונג, פייער !...

פאַרנאַכט־צו האָבן איבער דער האַרבער ערד זיך אַראָפּ־געלאָזט און געדרייט די ערשטע שניילעך. אין משך פון אַ שעה האָט אַ נאַסער קלעביקער שניי מיט אַ שיטערער ווייסקייט באַ־דעקט דאָס פעלד און די ליימיק־שוואַרצע קופּקעלעך פון די דער־הרגעטע, וואָס זענען זייטיק געלעגן אומעטום, ווי נאָר די רייען

פון די קעמפנדיקע האָבן פאַרבייגעטאָפּטשעט, אָנגרייפנדיק אָדער אָפּטרעטנדיק.

פאַרנאַכט־צו האָבן אָפּגעטרעטן די קאַלעדינצעס.

אין דער נאַכט, וואָס האָט מאַט זיך געבלייכט פון יונגן שניי, האָט בונטשוק זיך געפונען אויף אַ וואַך־פּאָסטן ביים מאַשינגעווער. קרוטאָגאָראָוו האָט אַריבערגעצויגן איבערן קאָפּ די רייכע קאָלדרע, וואָס ער האָט ערגעץ־וואו באַקומען, געגעסן פייכט פלייש, געשפּיגן און מיט אַ האַלב קול געשאָלטן. געוואָרקיאַנץ האָט אין טויער פון נאָענטן הויף זיך געוואַרעמט די בלויע, פון קעלט־פאַרשטייפטע, פינגער ביים פּאַפּיראָס, און בונטשוק איז געזעסן אויף אַ צינקענעם קאַסטן פון קוילן, טוליענדיק אין דער פּאָלע פון שינעל די פון קעלט ציטערנדיקע אַננען, — ער האָט אָפּגעריסן פון אירע אויגן די פעסט־צוגעדריקטע פייכטע הענט, פון צייט־צו־צייט זיי געקושט. שווער זענען געפאַלן פון זיינע ליפּן די אומגעוואוינטע צערטלעכע רייד.

— נו, וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס ?... דו ביסט דאָך געווען אַ שטאַרקע... אַניאַ, הער, נעם דיך אין די הענט אַריין !... אַניאַ... ליבע... פריינט מיינער !... דו וועסט געוואוינט ווערן... אויב דער שטאָלץ דערלויבט דיר נישט אַוועקצוגיין, זיי־זשע אַן אַנדערע. און אויף דערהרגעטע טאָר מען אַזוי נישט קוקן... גיי פאַרביי און — מאַך דיר נישט דערפון ! לאָז נישט פריי די געדאַנקען, צוים זיי. אָט, זעסטו : כאָטש דו ביסט אַזוי זיכער געווען, און דאָס פרויענהאַפטע איז דאָך גובר אין דיר.

אַננאַ האָט געשוויגן. אירע הענט האָבן געשמעקט מיט האַרבסטיקער ערד און פרויאישער וואַרעמקייט.

דאָס פאַלנדיקע שנייעלע האָט פאַרהילט דעם הימל אין אַ מאַטן מילדן שלייער. אַ שיכורע פאַרדרימלטקייט איז פאַרשטאַרט געבליבן איבערן הויף, איבערן נאָענטן פעלד, איבער דער שטאָט, וואָס האָט זיך פאַרטייעט ווי אַ חיה.

VII

זעקס טעג זענען הינטער ראָסטאָוו און אין ראָסטאָוו גופא פאָרגעקומען שלאַכטן.

מען האָט זיך געשלאָגן אויף דער הויפּט-גאַס און אין די זייטיקע געסלעך. צוויי מאָל האָבן די רויטגוואַרדייער אָפּגעטרעטן דעם ראָסטאָווער וואָקזאַל און צוויי מאָל אַרויסגעשטויסן פון דאָרט דעם שונא. אין משך פון די זעקס טעג זענען בייביידע צדדים נישט געווען קיין געפאַנגענע.

דעם 26-סטן נאָוועמבער פאַרנאַכט איז בונטשוק דורכגע-גאַנגען מיט אַננען פאַרביי דעם מאַגאַזין פון דער באַן-סטאַציע און דערזען ווי צוויי רויטגוואַרדייער דערשיסן אַן אָפיציר, וואָס איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט; אַננאַ האָט זיך אָפּגעקערט, און ער האָט איר געזאָגט עטוואָס אַרויספאָדערנדיק:

— דאָס איז קלוג! מען דאַרף זיי דערהרגענען, אויסראָטן אָן רחמנות! זיי שוינען אונדז אויך נישט, און מיר נויטיקן זיך נישט אין דעם. דאַרפן מיר אויף זיי אויך קיין רחמנות נישט האָבן. צום טייוול! אָפּרוימען פון דער ערד דעמדאָזיקן שמוץ! און בכלל — אָן סענטימענטן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן גורל פון דער רעוואָלוציע. זיי זענען גערעכט, דידאָזיקע אַרבעטער!

אויפן דריטן טאָג איז ער קראַנק געוואָרן. זיך געהאַלטן אויף די פיס אַ גאַנצן מעת-לעת, שפּירנדיק, ווי עס וואַקסט כסדר אין אים אַן איבלקייט, אַ שוואַכקייט אין גאַנצן קערפּער, — מיט גע-קלאַנג פון גוס-אייזן און אומבאַזיגבאַרער שווערקייט האָט זיך אָנ-געגאָסן דער קאָפּ.

די צעקלאַפּטע רויטגוואַרדייאישע אָפּטיילונגען זענען אַרויס-געגאַנגען פון שטאָט דעם 2-טן דעצעמבער פאַרטאָג. בונטשוק איז נאָכגעגאַנגען דעם וואָגן מיטן קוילנוואַרפער און די פאַרוואונדע-טע, אונטערגעהאַלטן דורך אַננען און קרוטאָגאָראָוון. ער האָט

מיט גרויס אָנשטרענגונג געשלעפט זיין שלאַבעריקן, מאַכטלאָזן קערפּער, ווי אין שלאָף געשטעלט די נישט נאָכגיביקע, ווי פון אייזן־געגאָסענע פיס, באַגעגנט אַננעס אומרויִק־וועקנדיקן בליק, און ווי פון ווייטנס האָט זיין געהער אויפגענומען אירע רייד.

— זיץ־אויף אויפן וואָגן, איליאַ. הערסט? דו פאַרשטייסט מיך, איליושאַ? איך בעט דיך, זיץ־אויף, דו ביסט דאָך קראַנק!

אָבער בונטשוק האָט נישט פאַרשטאַנען אירע רייד, ער האָט אויך נישט פאַרשטאַנען, אַז דער טיפוס, וואָס איז אים באַפאַלן, שטאַרקט זיך, און האָט אים שוין גובר געווען. ערגעץ איבּ־דרויסן האָבן זיך געריסן, נישט אַריינדרינגענדיק אין באַוואוסט־זיין, פרעמדע, אים מאָדנע באַקאַנטע קולות, ערגעץ האָבן דער־ווייטערט געברענט מיט אַ וואַנזיניק־אומרויִק פייער אַננעס שוואַר־צע אויגן, — אומגעלומפּערט האָט זיך געוויגט און געקנוילט קרו־טאָגאָראָווס באָרד.

בונטשוק האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ, צוגעדריקט צום פלאַמענדיק־רויטן פּנים די האָריקע ברייטע הענט; אים האָט זיך געדאַכט, אַז פון זיינע אויגן טריפט בלוט, און די גאַנצע וועלט, אַ גרענעצלאָזע, נישט־שטאַנדהאַפטיקע, פון אים אָפּגעגרע־נעצטע דורך עפּעס אַן אומגעזעענער פאָרהאַנג, איז ווילד גע־וואָרן, רייסט זיך פון אונטער די פיס אַפּער. זיין פיבערהאַפטע פאַנטאַזיע האָט אויסגעקלעפט אומוואָרשיינלעכע פאַרשטעלונגען. ער האָט אָפט זיך פאַרהאַלטן, אָקעגנגעשטעלט קרוטאָגאָראָוון, וואָס האָט זיך באַמיט אים אַרויפצוזעצן אויפן וואָגן.

— מען דאַרף נישט! וואַרט־צו!. ווער ביסטו פאַר איינער?... און וואו איז אַננאַ?... גיב מיר אַ ביסעלע ערד... און דידאָזיקע פאַרטיליק — אונטערן קוילנוואָרפער אויף מיין קאָמענדע! ציל־ן דאַרף מען גלייך!... וואַרט־צו! עס איז הייס!... — האָט ער גע־כריפּעט, אַרויסרייסנדיק זיין האַנט פון אַננעס הענט.

מען האָט אים מיט כּוח אַרויפגעזעצט אויפן וואָגן. אַ ווייִלע האָט ער נאָך געפילט אַ שאַרפן געמיש פון עפּעס פאַרשידנ־אַרטיקע ריחות, געזען אַ כאַאָטישן איבערברוך פון ליכט־עפּעקטן,

מיט שרעק געפּרוּווט זיך אומקערן דאָס באַוואוסטזיין, זיך געבראָכן — און דאָך נישט איבערגעבראָכן. עס האָט אים פאַרשלונגען אַ שוואַרצע, קלאַנגלאָז-אָנגעקוואָלענע פוסטקייט. בלויז ערגעץ אינדערהייך האָט ווי אַ קויל געטליעט אַן אָפּאַלאַרטיקער, לאַזורבלוילעכער קעגנשטאַנד און עס האָבן זיך געקרייצט זיגזאַגן און פעטלעס פון שוואַרצע בליצן.

VIII

פון די דעכער זענען געפאַלן די פון שטרוי געל-געוואָרענע אייז-צעפּלעך, זיך צעבראָכן מיט אַ קרישטאָלענעם גלאָז-געקלאַנג. אין כוטאָר האָבן פון לינדן וועטער זיך צעבליט די קאַלוזשעס און אויפגעטייעטע שניי-ריטשקעלעך; איבער די גאַסן, זיך באַשמעקנדיק, האָבן געבלאָנזשעט קי, וואָס די שערשטש איז זיי נאָך נישט געהאַט אויסגעקראָכן. די שפּערלען האָבן געצוויטשערט פרילינגדיק, אַרומהיפּענדיק איבער די צווייגלעך, וואָס זענען געלעגן אויפן הויף. איבערן פּלאַץ האָט מאַרטין שאַמיל זיך אַרומגעיאָגט מיט אַ זאַט געל פערד, וואָס איז אַנטלאָפן פון הויף. שיף אויפהייבנדיק דעם בעזעמדיקן דאָנער ווידל, צעפלאַטערנדיק די נישט צעקעמטע גריווע אויפן ווינט, האָט דאָס פערד זיך צעבריקעוועט, ווייט אָפּגעוואָרפן פון די קאָפּיטעס שטיקער אויפגעטייעטן שניי, געמאַכט קרייזן איבערן פּלאַץ, זיך אָפּגעשטעלט ביי דער פאַרצוימונג פון דער צערקווע, באַשמעקט די ציגל; צולאָזנדיק דעם באַלעבאָס, האָט עס געשיקלט דאָס פּיאָלעטע אויג אויפן ציימל אין זיינע הענט און ווידער אויסגעשטרעקט דעם רוקן אין ווילדן גאַלאָפּ.

מיט כמורנע וואַרעמע טעג האָט געבאַלעוועט די ערד דער יאַנואַר. די קאָזאַקן, קוקנדיק אויפן דאָן, האָבן זיך גערעכט אויף אַ פריצייטיקער פאַרפלייצונג. מיראָן גריגאָריעוויטש איז דעם טאָג לאַנג געשטאַנען אין הינטערשטן הויף, געקוקט אויף דער לאָנקע, וואָס איז הויך אויפגעקוואָלן מיט שניי, אויפן בלוילעך-

גרינעם אייז פון דאָן און געטראַכט: „אָקאָרשט מען זעט נישט, ווער ער אויך דאָס יאָר, ווי פאַריאָרן, אויסגיסן. אַ קלייניקייט, וויפיל שניי עס האָט אָנגעשיט! שווער מוז זיין דער ערד אונטער אים, — נישט אָפּצועטעמען!"

מיטקאַ האָט אין דער בלויזער בלוזע פון האַקי־קאָליר גערייניקט דעם הויף פון די בהמות. די ווייסע פּאַפּאַכע האָט קונציק זיך געהאַלטן אויף זיין נאַקן. די פאַרשוויצטע גלייכע האָר זענען אים אַראָפּגעפאַלן איבערן שטערן. מיטקאַ האָט זיי פאַרשאַרט מיט דער איבערגעקערטער ברודיקער האַנט, וואָס איז דורכגעזאַפּט געווען מיטן ריח פון מיסט. ביי דער טיר פון שטאַל זענען געלעגן קופּקעלעך געפרוירן קי־מיסט, איבער זיי האָט אַרומגעדרעפּטשעט אַ האָריקער באָק. די שעפּסן האָבן זיך געדריקט צום פאַרקן. אַ יונג שעפּסל, וואָס איז איבערגעוואַקסן די מוטער, האָט נאָך געפּרוווט זייגן ביי איר. די מוטער האָט עס אָפּגעטריבן מיט שטויסן פון קאָפּ. אין דער זייט האָט אַ שוואַרצער באַראַן מיט גע־דרייטע הערנער זיך געקראַצט אָן אַקעראייזן. ביים שייער מיט דער געלער, ליים־פאַרביקער טיר האָט זיך געוואַרעמט אויף דער זון אַ קודלאַטער געלער הונט. אינעווייניק, אויף די ווענט פון שייער, זענען אונטערן דאַך געהאָנגען נעצן צום פיש כאַפּן; אויף זיי האָט געקוקט דער זיידע גרישאַקאַ, זיך אָנשפּאַרנדיק אויפן שטעקן, — אפנים, ער האָט געטראַכט וועגן נאָענטן פרילינג און אַז מען דאַרף די נעצן פאַרריכטן.

מיראָן גריגאָריעוויטש איז צוגעקומען צום שפּייכלער, מיט אַ באַלעבאַטיש אויג אָפּגעמאָסטן די סטויגן היי, זיך שוין גענומען צונויפגראַביען דאָס שטרוי פון דער פּראָסע, וואָס איז צעוואָרפן געוואָרן דורך די ציגן, אָבער צו זיין אויער האָבן דערגרייכט פרעמדע שטימען. ער האָט אַוועקגעוואָרפן די גראַביע אויף דער קופּע און אַרויסגעגאַנגען אינמיטן הויף אַריין. מיטקאַ האָט מיט אַן אַרויסגערוקטן פוס געדרייט אַ פּאַפּיראָסל, האַלטנדיק דעם טיטון־בייטל, וואָס זיין ליבסטע האָט פיין אויסגעהאָפטן, צווישן צוויי פינגער. לעבן אים זענען געשטאַנען כריסטאָניאַ און איוואַן

אַלעקסעיעוויטש. פון דער טיף פון בלויען אַטאַמאַנישן היטל האָט כריסטאָניאַ אַרויסגענומען דאָס ברודיקע ציגאַר-פּאַפּיר. איוואַן אַלעקסעיעוויטש, זיך אָנשפּאַרנדיק אָן געפלאָכטענעם טירל פון הויף, האָט צעשפּיליעט דעם שינעל און אַרומגעזוכט אין די קעשענעס פון די וואַטענע זעלנערישע הויזן. אויפן גלאַנציק-אויסראַזירטן פּנים מיטן טיפן לעכעלע, וואָס האָט זיך געשוואַרצט אויף דער גאָמבע, האָט זיך געשאָטנט פאַרדרוס: ער האָט אפּנים עפּעס פאַרגעסן.

— ווי ביסטו די נאַכט דורכגעשלאָפן, מיראָן גריגאָריעוויטש! — האָט כריסטאָניאַ זיך באַגריסט.

— דאַנקען גאָט, מיליטערלייט!

— פאַרדריי אַ פּאַפּיראָס.

— אַ דאַנק. כ'האָב ערשט גערייכערט.

דערלאַנגענדיק די האַנט די קאָזאַקן, האָט מיראָן גריגאָריעוויטש אויסגעטון דאָס פוטערנע היטל מיטן רויטן שפּיץ, אַ גלעט געטון איבער די שטייענדיקע העלע האָר און זיך צעשמייכלט.

— וואָס פאַר אַ נייעס ברענגט איר עפּעס, ברידער-אַטאַמאַנעס?

כריסטאָניאַ האָט אַ קוק געטון אויף אים פון אויבן אַראָפּ און נישט גלייך געענטפערט: פריער האָט ער לאַנג באַנעצט דאָס פּאַפּיראָס-פּאַפּיר, באַלעקנדיק עס מיט דער גרויסער שאָרסטקער צונג, ווי פון אַן אָקס, דערנאָך האָט ער צוגעדרייט דעם פּאַפּיראָס און ערשט דעמאָלט מיט אַ באַס געזאָגט:

— מיר האָבן אַן ענין צו מיטרין.

עס האָט דורכגעשליאַפּעט דער זיידע גרישאַקאַ. ער האָט געטראָגן איןביידע הענט פיש-קערב ביי די רייפן. איוואַן אַלעקסעיעוויטש און כריסטאָניאַ האָבן זיך באַגריסט מיט אים, אַראָפּנעמענדיק די היטלען. דער זיידע גרישאַקאַ האָט צוגעטראָגן די פיש-קערב צום גאַנעק און זיך אומגעקערט.

— וואָס-זשע, מיליטערלייט, זיצט איר אינדערהיים? איר

האָט ביי די באַבעס זיך אָנגעוואַרעמט ? — האָט ער זיך געווענדט צו די קאָזאַקן.

— וואָס איז דען ? — האָט כריסטאָניאָ געפרעגט.

— דו, כריסטאָשקאָ, שווייג בעסער ! כלומרשט דו ווייסט נישט ?

— בנאמנות, איך ווייס נישט ! — האָט כריסטאָניאָ זיך געשוואוירן. — אַט צלם איך מיך, זיידעשי, אַז איך ווייס נישט !

— אַ מענטש איז דאָ דורכגעפאָרן פון וואָראָנעזש, אַ סוחר, סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש מאָכאָוס אַ באַקאַנטער, אָדער אפשר גאָר אַ קרוב, איך ווייס נישט. נו, איז ער דורכגעפאָרן און געזאָגט, אַז אין טשערטקאָווע שטייט פרעמד מיליטער — אַט די באַלשאַקעס טאָקע. רוס פאַרפירט אַ מלחמה קעגן אונז, און איר — זיצט אינדערהיים ? אויך דו, הולטיי... הערסט, מיטקאָ ? וואָס שוויגסטו ? וואָס-זשע טראַכט איר צו טון ?

— מיר טראַכטן גאָרנישט, — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש אַ שמייכל געטון.

— דאָס איז טאָקע שלעכט, וואָס איר טראַכט גאָרנישט ! — האָט דער זיידע גרישאַקאַ זיך געהיצט. — אייך וועט מען, ווי קוראָפּאַטקעס אין דער נעץ אַריינכאַפּן ! די פּויערן וועלן נעמען הערשן איבער אייך, וועלן זיי אייך שוין דעמאָלט ווייזן ווער עלטער ס'איז...

מיראָן גריגאָריעוויטש האָט איינגעהאַלטן געשמייכלט ; כריסטאָניאָ האָט זיך געגלעט מיט דער האַנט איבער די באַקן, שאָרכנדיק איבער די האַרטע האָר פון דער נישט לאַנג געגאָלטער באָרד ; איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט גערייכערט, קוקנדיק אויף מיטקאָן, און ביי יענעם האָבן אין די קעציטשע אַפּלען געפינקלט פייערלעך, און עס איז נישט געווען צו וויסן — צי זיינע גרינע אויגן לאַכן אָדער רויכערן זיך מיט פאַרביסענעם צאָרן.

שמועסנדיק אַ ביסל, האָבן איוואַן אַלעקסעיעוויטש און כריסטאָניאָ זיך געזעגנט און אָוועקגערופן מיטקאָן צום טירל.

— פאַרוואָס ביסטו נעכטן נישט געקומען אויף דער פאַרזאַמ־לונג ? — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש שטרענג געפרעגט
— איך האָב קיין צייט נישט געהאַט.
— און צו די מעליעכאָווס האָסטו יאָ צייט געהאַט צו גיין ?
מיטקאַ האָט מיט אַ באַוועג פון קאָפּ אַראָפּגעוואָרפן די פּאַפּאַכע פון שטערן און מיט באַהאַלטענער רוגזה געזאָגט :
— איך בין נישט געקומען — און גענוג. וואָס איז דאָ צו טענהן.
— עס זענען געווען אַלע פראָנט־זעלנער פון כוטאָר, בלויז פּיעטראָ מעליעכאָוו איז נישט געווען. דו ווייסט... מען האָט באַ־שלאָסן צו שיקן דעלעגאַטן פון כוטאָר קיין קאַמיענסק. דאָרט קומט דעם צענטן פאַר אַ צוזאַמענפאָר פון די פראָנט־קעמפער. מען האָט געוואָרפן גורל, איז אויסגעפאַלן, אַז מיר דריי פאָרן : איך, כריס־טאָניאַ און דו.
— איך וועל נישט פאָרן, — האָט מיטקאַ אַנטשלאָסן גע־מאָלדן.
— וואָס רעדסטו ? — כריסטאָניאַ האָט זיך אָנגעכמורעט און אים אָנגענומען ביי אַ קנעפּל פון דער בלוזע. — דרייסט דיך אַרויס ? ס׳איז דיר נישט באַקוועם מיט אייגענע ?
— ער איז מיט פּיעטקאַ מעליעכאָוו... — איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט אָנגענומען כריסטאָניען ביים אַרבל פון שינעל און געזאָגט, בלייך ווערנדיק : — נו, קום. דאָ האָבן מיר, אַפּנים, נישט וואָס צו טון... וועסטו נישט פאָרן, מיטרי ?
— ניין... איך האָב געזאָגט „נישט" איז — נישט.
— זיי־זשע געזונט ! — כריסטאָניאַ האָט קרום אָנגעבויגן דעם קאָפּ.
— אין אַ גוטער שעה !
מיטקאַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם בליק, אים אויסגעשטרעקט אַ הייסע האַנט און אַוועקגעגאַנגען צו דער כאַטע.
— שלאַנג ! — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש מיט אַ האַלב קול געזאָגט און אַ ציטער געטון מיט די נאָזלעכער. — שלאַנג ! —

האָט ער העכער איבערגעחזרט, נאָכקוקנדיק דער ברייטער פּלייצע פון אַוועקגייענדיקן מיטקען.

אויפן וועג האָבן זיי אָפּגעטרעטן און צו וויסן געטון טייל פּראַנט-קאָזאַקן, אַז קאָרשונאָוו האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן און אַז מאָרגן פאָרן זיי ביידע אַוועק אויפן צוזאַמענפאָר.

דעם 8-טן יאַנואַר פאַרטאָג זענען כריסטאָניאַ און איוואַן אַלעקסעיעוויטש אַרויסגעפאָרן פון כוטאָר. עס האָט זיי געפירט מיטן אייגענעם ווילן יאַקאָוו פּאָדקאָוואַ. די פּאָר גוטע פערד אין דישעל-געשפּאַן האָבן פלינק געמיטן דעם כוטאָר און זיך פאַרקליבן אויפן באַרג אַרויף. דאָס לינדע וועטער האָט אויפגעדעקט דעם וועג. ערטערווייז, וואו דער שניי איז צעגאַנגען, האָבן די שליטן-גייערס געשניטן דעם וועג, אונטערגעשפּרונגען, און די פערד האָבן זיך אָנגעשטרענגט, אָנציִענדיק די שטריק.

די קאָזאַקן זענען נאָכגעגאַנגען דעם שליטן. פּאָדקאָוואַ, רויט פון לייכטן ווינטל, האָט געשפּרייזט, צעברעכנדיק מיט די שטיוול דאָס קלינגענדיקע אייז פון די קאַלוזשעס. אויף זיין פּנים האָט גע-פלאַמט אַ רויטקייט, בלויז דער אָוואַלער שראַם האָט טויט זיך געבלויט.

אין דער זייט פון וועג, איבערן קערנדיקן געזעצטן שניי, האָט געטאָפּטשעט באַרג אַרויף כריסטאָניאַ, אַריינציִענדיק די לופט אין די לונגען, שטיקנדיק זיך, ווייל ס'איז אים אויסגעקומען אין 1916-טן יאָר היִנטער דווינע צו שמעקן אַ ביסל די דייטשע שטיקנ-דיקע גאַזן.

אויפן באַרג האָבן ברייט געהודזשעט די ווינטן. ס'איז גע-ווען קעלטער. די קאָזאַקן האָבן געשוויגן. איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט געטוליעט דאָס פּנים אין קאָלנער פון טולופּ. דאָס ווייטע וועלדל האָט זיך דערנענטערט. דער וועג האָט עס דורכגעשטאָכן און אַרויסגעקומען אויף אַ געבערגלטער הויכקייט. אין וואַלד האָט דער ווינט געברוישט, ווי אַ טייך. אויף די שטאַמען פון די בריית-צוואַקסענע דעמבעס האָבן מיט גאָלדיקער גרינקייט זיך געצייכנט די שיפּן-בלעטלעך פון מאָכיקן זשאַווער. ערגעץ ווייט האָט זיך

אָנגערופן אַ סראַקע. זי איז אַריבערגעפלויגן דעם וועג, קרום אויסבייגנדיק דעם ווידל. דער ווינט האָט זי געטריבן, און זי איז געפלויגן זייטיק, שימערנדיק מיט די אויפגעבלאָזענע פעדערן.

פּאַדקאָווא, וואָס האָט געשוויגן פון כוטאָר אָן, האָט זיך אויסגעדרייט צו איוואַן אַלעקסעיעוויטשן, אים געזאָגט, שטאַרק באַטאָנענדיק (ער האָט, מסתמא, שוין לאַנג זיך צוגעגרייט אין געדאַנק דידאָזיקע פראַזע):

— אויפן צוזאַמענפאָר באַמיט אייך, מען זאָל אויסמיידן אַ מלחמה. עס וועלן נישט זיין קיין בעלנים.

— פאַרשטייט זיך, — האָט כריסטאָניאַ מסכים געווען, קוקנדיק מיט קנאה אויפן פרייען פליען פון דער סראָקע, און אין געדאַנק פאַרגלייכט דאָס זאָרגלאָז-גליקלעכע לעבן פון די פייגל מיטן לעבן פון מענטש.

קיין קאַמיענסק זענען זיי אָנגעקומען דעם 10-טן יאַנואַר פאַרנאַכט. איבער די גאַסן פון דער גרויסער סטאַניצע זענען געגאַנגען צום צענטער מחנות קאָזאַקן. עס האָט זיך געפילט אַ דייטלעכע אויפלעבונג. אָפּזוכנדיק גריגאָרי מעליעכאָווס וואוינונג, זענען איוואַן אַלעקסעיעוויטש און כריסטאָניאַ געוואויר געוואָרן, אַז ער איז נישטאָ אינדערהיים. די באַלעבאָסטע, אַ חנעוודיקע בלאָנדע פרוי, האָט געזאָגט, אַז דער קוואַרטיראַנט איז אַוועקגעגאַנגען אויפן צוזאַמענפאָר.

— און וואו געפינט זיך ערגעץ אָט דער צוזאַמענפאָר? — האָט כריסטאָניאַ געפרעגט.

— זיכער אין דער קרייז-פאַרוואַלטונג אָדער אין דער פּאָסט, — האָט די באַלעבאָסטע געענטפערט, גלייכגילטיק פאַרקלאַפּנדיק די טיר פאַר כריסטאָניעס נאָז.

דער צוזאַמענפאָר איז געווען אין פולן ברען. דאָס גרויסע צימער מיט אַ סך פענסטער האָט קוים אַריינגענומען אַלע דעלעגאַטן. אַ סך קאָזאַקן האָבן געווימלט אויף די טרעפּ, אין די קאָרידאָרן, אין די שכנותדיקע צימערן.

— האַלט דיך לעבן מיר, — האָט כריסטאָניאַ אַרויסגעקרעכצט, אַרבעטנדיק מיט די עלנבויגנס.

אין שמאָלן בלייז, וואָס האָט זיך געשאַפן הינטער אים, האָט איוואַן אַלעקסייעוויטש זיך נאָכגערוקט. כמעט ביים סאַמע אַריינגאַנג אין צימער, וואו דער צוזאַמענפּאַר איז פאָרגעקומען, האָט כריסטאָניען פאַרהאַלטן איינער פון די קאָזאַקן, — אורטיילנדיק לויט דער אויסשפּראַך, אַ ניזאָוער.

— דו, לעשטש, וואָלסט דיך ווינציקער געשטופּט! — האָט ער גיפטיק געזאָגט.

— לאָז דורך!

— קאָנסט דאָ אויך שטיין! זעסט דאָך — ס'איז נישטאָ וואו!

— לאָז דורך, מוק, וואָרים — איך וועל דיך אויף די נעגל נעמען, אָנבויקערן, ווי עס געהער צו זיין! — האָט כריסטאָניאַ צוגעזאָגט, און לייכט אויפהייבנדיק דעם נידעריק-געוואוקסיקן קאָזאַק, האָט ער אים אָפּגערוקט אין אַ זייט און אַ שפּריין געטון פאָרויס.

— דאָס איז שוין איינמאָל אַ בער-ער!

— וואָס מאַכסטו, אַטאַמאַן?

— אַן אמתער לאַסט-וואָגן! נאָר הארמאַטן אויף אים צו פירן!

— האָסט געזען, ווי ער האָט אים אָפּגערוקט?

די קאָזאַקן, וואָס זענען געשטאַנען צונויפגעדריקט ווי אַ סטאַדע שעפּסן, האָבן געשמייכלט, קוקנדיק מיט געניייטן דרך-ארץ אויף כריסטאָניען, וואָס איז העכער געווען פון אַלע מיט אַ קאָפּ.

גריגאָריען האָבן זיי געפונען פון הינטן ביי דער וואַנט. זיצנדיק טשיפּקע, האָט ער געררייכערט און געשמועסט מיט עפּעס אַ קאָזאַק — אַ דעלעגאַט פון 35-סטן פולק. ער האָט דערזען די כור-טאָר-לייט — און זיינע אַראָפּגעהאָנגענע ראָב-שוואַרצע וואָנסעס האָבן פון שמייכלען אַ ציטער געטון.

— טיו... וואָס פאַר אַ ווינט האָט אייך אַהערגעבראַכט?

וואָס מאַכסטו, איוואַן אַלעקסעיעוויטש! ווי דערגייט עס דיר, פּע־טער כריסטיאַן?

— נישקשה, — האָט כריסטאָניאַ געשמייכלט, אַריינגעמענדיק אין זיין האַלב־אַרשיניקער האַנט גריגאָריעס גאַנצע האַנט.

— וואָס מאַכן דאָרט אונזערע?

— גאָט צו דאַנקען. זיי האָבן געלאָזט גריסן. דער טאַטע האָט באַפוילן, דו זאָלסט אַ ביסל אַהיימקומען.

— וואָס מאַכט פּיעטראָ?

— פּיעטראָ... — איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט פאַרלעגן אַ שמייכל געטון: — פּיעטראָ חברט זיך נישט מיט אַזעלכע, ווי מיר זענען.

— איך ווייס. נו, און נאַטאַליע? די קינדערלעך? האָסט זיי געזען!?

— אַלע זענען געזונט. זיי האָבן געהייסן גריסן. דער טאַטע האָט תּרעומות...

כריסטאָניאַ האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און באַטראַכט דאָס פּרעזידיום, וואָס איז געזעסןביים טיש. ער האָט אויך פון הינטן געזען בעסער פאַר אַלע. גריגאָרי האָט ווייטער אויסגעפרעגט, באַנוצנדיק זיך מיט דער קליינער הפסקה, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין דער זיצונג. דערציילנדיק וועגן כוטאָר און די נייעסן פון כוטאָר, האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש בקיצור איבערגעגעבן וועגן דער פאַרזאַמלונג פון די פראָנט־קעמפער, וואָס האָבן אים מיט כריסטאָניען אַהערגעשיקט. ער האָט שוין אָנגעהויבן זיך אויספרעגן וואָס דאָ אין קאַמיענסק קומט פאָר, אָבער אין דעם מאָמענט האָט עמעצער פון די זיצנדיקע ביים טיש אויסגערופן:

— סטאַניצע־לייט, דאָ וועט באַלד רעדן אַ דעלעגאַט פון די גרובן־אַרבעטער — סירצאָוו, מיר בעטן אים אויסצוהערן אויפמערקזאַם און זיך פאַרהאַלטן רויִק.

אַ מיטל־וואוקסיקער מענטש מיט דיקע ליפּן האָט זיך גלייך געמאַכט די בלאָנדע האָר, וואָס זענען פאַרקעמט געווען

אַרויף, און אָנגעהויבן רעדן. דאָס בינען-גערויש איז מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט געוואָרן.

פון די ערשטע ווערטער פון זיין הייסער, מיט ליידנשאַפט-דורכגעגליטער רעדע האָבן גריגאָרי און די איבעריקע דערפילט די קראַפט פון פרעמדער איבערצייגונג. ער האָט גערעדט וועגן דער פּאַררעטערישער פּאָליטיק פון קאַלעדינען, וואָס שטויסט דאָס קאָזאַקנטום צום קאַמף מיט די אַרבעטער-מאַסן און פויערטום פון רוסלאַנד, וועגן די געמיינזאַמע אינטערעסן פון די קאָזאַקן מיט די אַרבעטער, וועגן די צילן, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן זיך גע-שטעלט, פירנדיק דעם קאַמף מיט דער קאָזאַקישער קאָנטר-רעוואָלוציע.

— מיר שטרעקן אויס אַ ברידערלעכע האַנט דעם קעמפנ-דיקן קאָזאַקנטום און האָפן, אַז אין קאַמף מיט דער ווייס-גוואַרדיי-אישער באַנדע וועלן מיר געווינען טרייע פאַרבינדעטע אין דעם קאָזאַקנטום, וואָס האָט געקעמפט אויפן פראָנט. אויף די פראָנטן פון דער צאַרישער מלחמה האָבן די אַרבעטער און קאָזאַקן צוזאַ-מען פאַרגאָסן זייער בלוט, און אין דער מלחמה מיט די רעשטלעך פון דער בורזשואַזיע, וואָס זענען פאַראייניקט געוואָרן דורך קאַ-לעדינען, דאַרפן מיר אויך זיין צוזאַמען — און וועלן זיין צוזאַ-מען! האַנט-ביי-האַנט וועלן מיר גיין אין קאַמף מיט יענע, וואָס האָבן פאַרשקלאַפט די אַרבעטנדיקע אין משך פון גאַנצע יאָרהונ-דערטער! — האָט געשאַלט זיין קול, ווי אַ טרומפּייט.

— הינטישער זון! דער טייוול זאָל אים נעמען!... — האָט כריסטאָניאַ באַגייסטערט געשעפּטשעט און אַזוי שטאַרק צונויפגע-דריקט גריגאָריעס עלנבויגן, אַז יענער האָט זיך אַזש פאַרקרימט.

איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט זיך איינגעהערט מיט אַ קוים געעפנט מויל, פון אָנשטרענגונג אָפּט געמרוגעט מיט די אויגן און געמירמלט:

— אמת! אָט דאָס — איז אמת!

נאָך סירצאָוון האָט גערעדט עפּעס אַ הויכער גרובן-אַרבע-טער, זיך וויגנדיק ווי אַ יעשאָן-בוים אויפן ווינט. ער איז

אויפגעשטאַנען, זיך אויסגעגלייכט, ווי אויסגעוואַקסן — געוואָרפן אַ בליק אויפן עולם און לאַנג געוואַרט ביז דער טומל האָט זיך איינגעשטילט. דער גרובן־אַרבעטער איז ענלעך געווען צו אַ שטריק פון אַ באַרקע: קנופּאַרטיק, אומגעוויינטלעך שטאַרק, האַרט, גרינלעך — ווי פאַרוואַקסן מיט גרינשפּאַן. דער קוילן־שטויב איז געזעסן אין זיין פּנים מיט קליינע שוואַרצע פּינטעלעך, נישט צום אָפּוואַשן, און מיטן זעלבן קוילן־גלאַנץ האָבן געלויכטן די מאַטע אויגן, וואָס האָבן פאַרלוירן זייער קאָליר אין דער פינסטערניש פון די שוואַרצע ערד־שיכטן. ער האָט אַ טרייסל געטון די קורצע האָר, מיט אַ באַוועגונג פון די הענט, אין פויסטן צונויפגעדריקטע — גענומען זעצן, ווי מיט אַ גראָב־האַמער.

— ווער האָט אויפן פראָנט איינגעפירט טויט־שטראָף פאַר די סאָלדאַטן? ווער דריקט אונז צוזאַמען מיט קאַלעדינען? ער! — און ער האָט אָנגעהויבן האַסטיקער, מיט געשריי זיך שטיקנדיק: — קאָזאַקן! ברידער! ברידער! ברידער! צו וועמען זשע וועט איר צושטיין? קאַלעדין האָט חשק מיר זאָלן מיט ברידערלעך בלוט זיך אָנשיכורן! ניין! ניין! דאָס וועט נישט זיין! מיר וועלן זיי צעדריקן! דידאָזיקע הידרעס אין ים אַראָפּשווענקען.

— הינטישער זון!... — שמייכלענדיק מיט אַן אויפגעריסן מויל, האָט כריסטאָניאַ אַ פּאַטש געטון מיט די הענט און נישט אויסגעהאַלטן, זיך צעשריגן: — אמת!... גיב זיי, גיב זיי!

— פאַרמאַך דאָס מויל, כריסטאַן, וואָס טוט זיך מיט דיר? מען וועט דאָך דיך אַרויסוואַרפן! — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש זיך דערשראָקן.

לאַגוטין — דער בוקאַנאָווער קאָזאַק און ערשטער פאָרזיצער פון דער קאָזאַקן־אָפּטיילונג ביים ווציק — האָט אָנגעצונדן די קאָזאַקן מיט שווערפעליקע, אומגעלומפּערטע, אָבער טיף־רירנדע ווערטער. עס האָט גערעדט דער פאָרזיצער פון צוזאַמענפאָר פּאָדטיאָלקאָוו, אים האָט געביטן דער שיינער שטשאַדיענקאָ מיט די ענגליש־פאַרשוירענע וואָנסעס.

— ווער איז דאָס ? — האָט כריסטאָניאַ זיך נאָכגעפרעגט ביי גריגאָריען, אויסשטרעקנדיק די האַנט, ווי אַ היי־קאָם.

— שטשאַדיענקאָ, אַ באָלשעוויסטישער קאָמיסאַר.

— און דער ?

— מאַנדלשטאַם.

— פון וואַנען ?

— פון מאָסקווע.

— און דידאָזיקע — ווער זענען ? — האָט כריסטאָניאַ אָנגע־וויזן אויף אַ גרופּע דעלעגאַטן פון וואָראָניעזשער צוזאַמענפאָר.

— שווייג כאָטש אַ רגע, כריסטאַן.

— גאָט מייַנער, עס איז דאָך טשעקאַווע !... דו זאָג מיר : אָט דער, וואָס זיצט לעבן פּאָדטיאָלקאָוון, אַזאַ הויכער — ווער איז ער פאַר איינער ?

— קריוואָשליקאָוו, פון גאָרבאַטער כוטאָר, אַ יעלאַנער. נאָך אים זיצן אונזערע — קודינאָוו, דאָניעצקאָוו.

— נאָך איין מאָל וועל איך דיך פרעגן... און אָט דער... אָבער ניין !... אָט דער לעצטער, מיטן טשוב ?

— יעליסעעוו... איך ווייס נישט, פון וועלכער סטאַניצע. לעבן אים זיצט, דאַכט זיך, דאָראָשעוו.

כריסטאָניאַ איז, אַ צופרידענער, פאַרשוויגן געוואָרן, אויס־געהערט דעם נייעם אָראַטאָר מיט דער פריערדיקער נישט אָפּגע־שוואַכטער אויפמערקזאַמקייט און דער ערשטער איבערגעשריגן די הונדערטער קולות מיט דער געדיכטער אָקטאַווע פון זיין אויסרוף „אמת !...“

נאָך סטיעכינען, איינעם פון די באָלשעוויסטישע קאָזאַקן, איז אַרויסגעטרעטן דער דעלעגאַט פון 44־סטן פּאָלק. ער האָט לאַנג זיך געמאַטערט מיט די קוים־אַרויסגעבראַכטע שאַרסטקע פראַזן : געזאָגט אַ וואָרט, וואָס איז געבליבן הענגען ווי אַן אויס־געבראַכטע חתימה אין דער לופט, — און פאַרשוויגן געוואָרן, גע־סמאָרעט מיט דער נאָז ; אָבער די קאָזאַקן האָבן אים אויסגעהערט מיט גרויס מיטגעפיל, בלויז פון צייט־צו־צייט איבערגעריסן מיט

גינסטיקע אויסגעשרייען. דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, האָט, אפנים, געפונען ביי זיי אַ לעבעדיקן אָפּקלאַנג.

— ברידער! אונזער צוזאַמענפאָר דאַרף אַזוי צוגיין צו דעם ערנסטן ענין, אַז דעם פאָלק זאָל קיין עוולה נישט געשען און אַלץ זאָל זיך פאַרענדיקן ווי צום בעסטן! — האָט ער אויסגעצויגן ווי אַ שטאַמלער. — איך זאָג דאָס דערפאַר, כדי מיר זאָלן אויסמיידן אַ בלוטיקע מלחמה. מיר זענען שוין אַזוי אויך דריי מיט אַ האַלב יאָר געלעגן אין די אָקאָפּעס, און אויב עס זאָל נאָך אַצינד אויסקומען מלחמה צו פירן, זענען די קאָזאַקן שוין פאַרמאַטערט...

— אמת!...

— פולשטענדיק אמת!

— מיר ווילן נישט קיין מלחמה!...

— מען דאַרף דורכקומען אי מיט די באָלשעוויקעס, אי מיטן מיליטערישן קרייז!

— מען דאַרף מיט גוטן, און נישט אַבי־ווי!... מען דאַרף זיך נישט בלאָזן!

פּאָדטיאָלקאָוו האָט אַ זעץ געטון מיט דער פויסט אין טיש אַריין — און דער טומל האָט זיך איינגעשטילט. דער דעלעגאַט פון 44־סטן פולק האָט ווייטער גערעדט, זיך צורירנדיק אַלע מאָל צום בערדל:

— מיר דאַרפן, אַז אונזער צוזאַמענפאָר זאָל שיקן דעפּוטאַטן קיין נאָוואָטשערקאַסק און בעטן מיט גוטן — די פרייוויליקע און פאַרשידענע פּאַרטיזאַנער זאָלן אָפּטרעטן פונדאַנען. און די באָלשעוויקעס האָבן ביי אונז אויך נישט וואָס צו טון. מיר וועלן מיט די שונאים פון אַרבעטער־קלאַס אַליין זיך אַן עצה טון. קיין פרעמדע הילף איז אונז דערווייל נישט נייטיק. אויב עס וועט אונז נייטיק זיין, — וועלן מיר דעמאָלט בעטן מען זאָל אונז העלפן.

— ער רעדט נישט צו דער זאַך!

— אמת!

— וואַרט־צו, וואַרט־צו! וואָס איז „אמת"? און אויב זיי

וועלן אונז צו דער וואַנט צודריקן — וועלן מיר דעמאָלט גיין הילף בעטן? ניין, דאָס וואָלט שוין צו שפּעט געווען.

— מען דאַרף אָן אייגענע מאַכט שאַפן.

— קיין האָן קריייעט נאָך נישט אפילו... דאָס הייסט גאַראָנים!

נאָכן דעלעגאַט פון 44-סטן פּולק האָט געוואָרפן מיט הייסע לאָזונגען לאַגוטין. אים האָבן איבערגעריסן געשרייען. עס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ פאָרשלאַג צו מאַכן אָן הפסקה אויף צען מינוט, אָבער ווי נאָר ס'איז שטיל געוואָרן, האָט פּאָדטיאָלקאָוו גע־נומען רעדן צום צעהיצטן עולם:

— ברידער קאָזאַקן! בשעת מיר באַראַטן זיך דאָ, דרעמלען דערווייל נישט די שונאים פון אַרבעטער־פאָלק. מיר ווילן אַלע, אַז אי די וועלף זאָלן זיין זאַט, אי די שעפּסן זאָלן זיין גאַנץ, אָבער קאַלעדין — ער טראַכט נישט אַזוי. מיר האָבן איבערגעכאַפּט אַ באַפעל וועגן אַרעסטירן אַלע באַטייליקטע אין דעם צוזאַמענ־פאָר. באַלד וועט דער באַפעל הויך איבערגעלייענט ווערן.

נאָכן איבערלייענען קאַלעדינס באַפעל וועגן אַרעסטירן די מיטגלידער פון צוזאַמענפאָר, איז איבער דער מחנה דעלעגאַטן דורכ־געגאַנגען ווי אַ כוואַליע פון אויפרעגונג, דער טומל איז געוואָרן הונ־דערט מאָל גרעסער, ווי אויף וועלכן ס'איז מיידאַן פון אַ סטאַניצע.

— מען דאַרף טון, און נישט אָפּקומען מיט מויל־מלאכה!

— ששש־טי־לער! שש־ש־ש!...

— וואָס פאַר אַ „שטילער" דאָרט! רעד!...

— לאָבאָוו! לאָבאָוו!... זאָג זיי עפּעס!...

— לאָמיר צוווארטן אַ ביסל!...

— קאַלעדין — איז נישט קיין שוטה!

גריגאָרי האָט שווייגנדיק זיך איינגעהערט, געבלאָנזשעט מיט די אויגן איבער די צעוויגטע קעפּ און הענט פון די דעלעגאַטן און נישט אויסגעהאַלטן, — זיך אויפהייבנדיק אויף די שפּיץ־פינגער, האָט ער גענומען שרייען:

— שטילער זייט, טייוולאָנים!... אַ מאַרק איז דאָ? לאָזט פּאָדטיאָלקאָוון רעדן!...

איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט פאַרפירט אַ וויכוח מיט אַ דע־לעגאַט פון 8־טן פּולק.

כריסטאָניאָ האָט גערעוועט, אַרויסטרעטנדיק קעגן אָנפאַל פון זיין פּולק־קאַמעראַד:

— דאָ וועט מען מוזן שטיין אויף דער וואַך! וואָס פּלוי־דערסטו?... עך, דו ליבינקער מיינער! מיר האָבן צו קליינע וואָנסעס — אַליין איבער זיך צו רעגירן!

דאָס טומלען פון די קולות האָט זיך איינגעשטילט (ווי דער מידער ווינט, וואָס לייגט זיך אַוועק איבערן צעכוואַליעטן ווייץ און דריקט אים אַראָפּ), אין דער נישט צייטיקער שטילקייט האָט זיך אַריינגעבויערט דאָס מיידליש־דינע קול פון קריוואָשליקאָוון!

— נידער מיט קאַלעדינען! זאָל לעבן דער קאָזאַקישער מי־ליטעריש־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט!

דער עולם האָט אַ קרעכץ געטון. די פאַרייניקטע הילכיקע אויסגעשרייען פון באַגייסטערונג האָבן זיך פאַרפלאָכטן אין אַ שטריק, וואָס האָט געשמיסן איבער די אויערן. קריוואָשליקאָוו איז שטיין געבליבן מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט. די פינגער אויף איר האָבן דין געציטערט, ווי בלעטער אויף זייערע שטרענגלעך. ווי נאָר דער פאַרטייבנדיקער ליאַרעם האָט זיך איינגעשטילט, — האָט באַלד ווידער מיט אַ דין, פלייצנדיק און הילכיק קול, ווי ביים טרייבן אַ וואָלף, קריוואָשליקאָוו אויסגעשריגן:

— כ׳לייג פאָר אויסצוקלויבן פון אונז אַ קאָזאַקישן, מילי־טעריש־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט! אים איבערגעבן צו פירן דעם קאַמף מיט קאַלעדינען און אָרגאַני...

— האַ־אַ־אַ־אַ!... — האָט ווי אַ האַרמאַטן־קויל געפּלאַצט אַן אויסברוך פון געשרייען, אַז שטיקלעך טינק האָבן גענומען פאַלן פון סופיט.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די וואַלן פון די מיטגלידער צום רעווקאָם. אַן אומבאַדייטנדע טייל פון די קאָזאַקן, וואָס איז געפירט

געוואָרן דורכן אַרויסגעטרעטענעם דעלעגאַט פון 44-סטן פּולק און אַנדערע, האָט ווייטער ענערגיש געפאָדערט פרידלעך צו פאַרענדיקן דעם קאָנפליקט מיט דער מיליטערישער רעגירונג, אָבער די מערהייט אַנוועזנדע אויפן צוזאַמענפאָר האָט זיי שוין נישט געשטיצט. די קאָזאַקן זענען אויפגעקאָכט געוואָרן, דערהערנדיק וועגן קאַלעדינס באַפעל זיי צו אַרעסטירן, — זיי האָבן געפאָדערט אַקטיוו אַרויסצוטרעטן קעגן נאָוואָטשערקאַסק.

גריגאָרי האָט נישט געוואַרט ביזן סוף פון די וואַלן, — ער איז טערמיניק אַרויסגערופן געוואָרן אין שטאַב אַריין פון פּולק. אוועקגייענדיק, האָט ער געבעטן כריסטאָניען און איוואַן אַלעקסעיעוויטשן:

— ווען עס וועט זיך ענדיקן, — קומט אַהיים צו מיר. עס איז טשעקאַווע — ווער עס וועט אויסגעקליבן ווערן אַלס מיטגלידער.

איוואַן אַלעקסעיעוויטש איז צוריקגעקומען בייַנאַכט.

— פּאָדטיאָלקאָוו איז פאָרזיצער, קריוואָשליקאָוו — סעקרעטאַר! — האָט ער באַלד אויף דער שוועל מיטגעטיילט.

— די מיטגלידער?

— צווישן זיי געפינען זיך אַי לאַגוטין איוואַן, אַי גאָלאָוואַטשעוו, מינאַיעוו, קודינאָוו און נאָך עפּעס אַנדערע.

- און כריסטאָן וואו איז? — האָט גריגאָרי געפרעגט.

- ער איז אַוועק מיט די קאָזאַקן אַרעסטירן די קאַמיענסקער מאַכט. ער האָט זיך אָנגעצונדן, דער קאָזאַק, גיב אַ שפּיי אויף אים — וועט ער לעשן. אַן אומגליק!

כריסטאָניאַ האָט זיך אומגעקערט פאַרטאָג. ער האָט לאַנג געסאָפּעט, זיך אויסטועענדיק די שטיוול, געבורטשעט עפּעס מיט אַ האַלב קול. גריגאָרי האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ — דערזען אויף זיין טונקל-געוואָרן פּנים בלוט און אַ ראַנץ פון אַ קויל אויפן שטערן.

— ווער האָט דאָס דיר געטון?... פאַרבאַנדאַזשירן? שוין... וואַרט אַ רגע, איך וועל נאָר דעם באַנדאַזש געפינען — איז ער

אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, געגומען זוכן די גאַנצע מיטן באַנדאַזש.

— עס וועט זיך פאַרהיילן, ווי אויף אַ הונט, — האָט כריסטאָניאַ געמירמלט. — דאָס האָט מיך דער מיליטערישער קאָמאַנדיר פון אַ רעוואָלוווער מכבד געווען. מיר זענען געקומען צו אים, ווי געסט, דורכן פאַראַד-גאַנג, און ער האָט זיך אָנגעהויבן פאַרטיידיקן. ער האָט נאָך איין קאָזאַק פאַרוואונדעט. איך האָב אים געוואָלט די נשמה אַרויסנעמען: זען ווי אַזוי אַן אָפיצירישע נשמה זעט אויס, — האָבן די קאָזאַקן נישט דערלויבט, וואָרים איך וואָלט אים געווען אָנגעטאַפּט... אַזוי אָנגעטאַפּט, אַז דאָס אינגעווייד וואָלט אים אַרויס.

IX

צומאָרגנס איז קיין קאַמיענסק אָנגעקומען, אויפן באַפעל פון קאַלעדינען, דאָס צענטע דאָנער קאָזאַקן-פּולק, מיטן ציל צו אַרעסטירן אַלע באַטייליקטע אין צוזאַמענפאָר און אַנטוואָפענען די צום מיינסט רעוואָלוציאָנערע קאָזאַקן-אָפּטיילונגען.

אויף דער סטאַציע איז אין דער צייט פאָרגעקומען אַ מיטינג. דער ריזיקער קאָזאַקן-עולם האָט זיך געקאָכט, פאַרשידנאַרטיק רעאַגירנדיק אויף דער רעדע פון עפּעס אַן אָראַטאָר אַ לאַטיש.

דאָס פּולק איז נאָכן אויסלאָדענען צוגעשטאַנען צום מיטינג. די געקליבענע, הויך-געוואוקסיקע, עלעגאַנטע גונדאָראָווצעס, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ העלפט פון די פּולק-קאַדרען, האָבן זיך אויסגעמישט מיט די קאָזאַקן פון די אַנדערע פּולקן. אין זייער שטימונג איז גלייך פאָרגעקומען אַ שאַרפער איבערברוך. אויפן באַפעל פון פּולק-קאָמאַנדיר אויסצופירן קאַלעדינס פאַראָרדענונג, האָבן די קאָזאַקן געענטפערט מיט אַן אָפּזאָג. צווישן זיי האָט זיך אָנגעהויבן אַ יוירונג אַלס פּועל-יוצא פון דער פאַרשטאַרקטער אַגיטאַציע, וואָס די אָנהענגער פון די באָלשעוויקעס האָבן אַנטוויקלט.

אין דער זעלבער צייט האָט קאַמיענסק געפיבערט אין ווירבל פון פראָנט-לעבן: די שנעל-געשאַפענע קאָזאַקן-אָפּטיילונגען זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן צו פאַרנעמען און פאַרפעסטיקן די שוין געגומענע סטאַנציעס, אָפּט זענען אָפּגעגאַנגען עשעלאָנען, וואָס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פון זוויערעוואָ—ליכאָיע. אין די אָפּטיילונגען זענען פאָרגעקומען וואַלן פון נייע קאָמאַנדירן. אין געהיים זענען אַרויסגעפאָרן פון קאַמיענסק די קאָזאַקן, וואָס האָבן נישט געוואָלט קיין מלחמה. מיט פאַרשפּעטיקונג זענען אָנגעקומען די דעלעגאַטן פון די כוטאָרס און סטאַניצעס. אויף די גאַסן האָט זיך באַמערקט אַן אומגעוויינטלעך-לעבהאַפטע באַוועגונג.

דעם 31-טן יאַנואַר איז קיין קאַמיענסק אָנגעקומען, מיטן ציל צו פירן אונטערהאַנדלונגען, די דעלעגאַציע פון דער דאָנער רעגירונג, וואָס איז באַשטאַנען פון פאָרזיצער פון מיליטערישן קרייז אַגעעוו, מיטגלידער פון קרייז: סוויעטאָזאַראָוו, אולאַנאָוו, קאַרעוו, באַזשעלאָוו און מיליטערישן עסאַול קושנאַרעוו.

ביים וואָקזאַל האָט זיי אָפּגעוואַרט אַ גרויסער המון. אַ קאָזאַקן-וואַך פון לייב-גוואַרדייאישן אַטאַמאַנישן פולק האָט באַגלייט די געקומענע צום בנין פון פאָסט-און טעלעגראַפן-אַמט. אַ גאַנצע נאַכט איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די זיצונג צווישן די מיטגלידער פון מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט מיט די געקומענע דעלעגאַטן פון דער רעגירונג.

פון מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט האָבן זיך באַטייליקט זיבעצן מאַן. אויף דער רעדע פון אַגאַיעוון, וועלכער האָט באַשולדיקט דעם מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט אין פאַרראַט לגבי דעם דאָן און סאָלידאַריטעט מיט די באָלשעוויקעס, האָט פּאָדטיאָלקאָוו דער ערשטער אים געגעבן אַ שאַרפן ענטפער. נאָך אים זענען אַרויסגעטרעטן קריוואָשליקאָוו און לאַגוטין. די רעדע פון מיליטערישן עסאַול קושנאַרעוו איז פיל מאָל איבערגעריסן געוואָרן דורך די פאַרזאַמלטע קאָזאַקן אין קאָרידאָר. איינער פון דער מאַשינגעווער-קאָמאַנדע האָט אין נאָמען פון די רעוואָלוציאָנערע קאָזאַקן געפאָדערט צו אַרעסטירן די דעלעגאַציע.

די באַראַטונג האָט נישט געבראַנגט קיין שום רעזולטאַט. ערשט אַרום צוויי אַ זייגער ביינאַכט, ווען ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז קיין פאַרשטענדיקונג קאָן נישט דערגרייכט ווערן, איז אָנגענומען געוואָרן דער פאָרשלאַג פון מיטגליד פון מיליטערישן קרייז קאַרעוו, צו שיקן קיין נאָוואָטשערקאַסק אַ דעלעגאַציע פון מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, כדי אַנטגילטיק צו באַהאַנדלען די פראַגע וועגן דער מאַכט.

באַלד נאָך דער אַוועקגעפאָרענער דעלעגאַציע פון דער דאָנער רעגירונג, האָבן קיין נאָוואָטשערקאַסק זיך אַוועקגעלאָזט אויך די פאָרשטייער פון מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, בראש מיט פאָדטיאָלקאָוון. מיט דער אַלגעמיינער הסכמה זענען דעלעגירט געוואָרן: פאָדטיאָלקאָוו, קודינאָוו, לאַגוטין, סקאַטשקאָוו, גאָלאָוואַטשעוו און מינאַיעוו. אַלס ערובניקעס זענען געבליבן אַרעסטירט אין קאַמיענסק די אָפיצירן פון אַטאַמאַנער פּולק.

X

הינטערן פענסטער פון וואַגאָן האָט געווירבלט אַ שנייִשטורעם. ביי דער האַלב־צעשטערטער שטאַכעטן־פאַרצוימונג האָבן זיך געזען צוגעגלעטע, דורכן ווינט פאַרהאַרטעוועטע שניי־בערגלעך. די זיגזאַגישע דעכער איבער זיי זענען מוסטערהאַפט געצייכנט געוועזן דורך די שפּורן, וואָס די פייגל האָבן איבערגעלאָזט מיט זייערע פיסלעך.

די קליינע באַן־סטאַציעס, טעלעגראַפן־סלופּעס און דער גאַנצער גרענעצלאָזער סטעפּ אין זיין אומהיימלעכער שניי־מאָנאָטאָניע, — איז געלאָפן אויף צפון.

פאָדטיאָלקאָוו איז געזעסן ביים פענסטער אין אַ נייער לעדערנער טוזשורקע. קעגן אים, אָנגעשפּאַרט מיטן עלנבויגן אויפן טישל, האָט געקוקט דורכן פענסטער דער שמאָל־פּלייציקער, ווי אַ בחורל דאַרער, קריוואָשליקאָוו. זיינע קינדעריש־העלע אויגן

האָבן געלויכטן מיט אומרו און דערוואַרטונג. לאַגוטין האָט זיך געקעמט דאָס קליינע בלאָנדע בערדל. דער בריים־צעוואַקסענער קאָזאַק מינאַיעוו האָט זיך געוואַרעמט די הענט אויף דער רער פון דער דאַמף־באַהייצונג, זיך געדרייט אויף דער באַנק.

גאָלאָוואַטשעוו מיט סקאַטשעוון האָבן וועגן עפּעס שטיל גע־שמועסט, ליגנדיק אויף די אייבערשטע פּאָליצעס.

אין וואַגאָן איז געווען שטאַרק אָנגערייכערט, קיל. די מיט־גלידער פון דער דעלעגאַציע, פאַרגדיק קיין נאָוואָטשערקאַסק, האָבן זיך געפילט נישט אײַנגאַנצן זיכער. דער שמועס האָט זיך נישט געבונדן. די שטילקייט איז געווען אַן איבלדיקע, אַ זויערע. זיי זענען דורכגעפאָרן ליכאַיע. פּאָדטיאָלקאָוו האָט אַרויסגעזאָגט דעם אַלגעמיינעם געדאַנק:

— עס וועט פון דעם גאָרנישט זיין. מיר וועלן צווישן זיך נישט דורכקומען.

— אַן עבירה דאָס פאָרן, — האָט לאַגוטין אים אונטערגע־האַלטן.

זיי האָבן ווידער לאַנג געשוויגן. פּאָדטיאָלקאָוו האָט רעגל־מעסיק באַוועגט מיטן האַנט־קנאָכן, ווי ער וואָלט דורכגעלאָזט אַ וועב־שיפל דורך די אויגן. פון צייט־צו־צייט האָט ער געוואָרפן אַ בליק אויפן מאַטן גלאַנץ פון זיין לעדערנער טוזשורקע און זיך געקוויקט מיט איר.

נאָוואָטשערקאַסק האָט זיך דערנענטערט. מינאַיעוו האָט אויף דער מאַפּע אָפּגעזוכט דעם דאָן, וואָס פליסט ברייט אַוועק פון דער שטאָט, און אָנגעהויבן דערציילן:

— די קאָזאַקן פלעגן אָפּדינען זייער טערמין אין אַטאַמאַ־נישן פּולק, — מען גרייט זיי צום אַהיימפאָרן. זיי פאַרלאָדענען די קופערטס, דאָס פאַרמעג זייערס, די פערד. דער עשעלאָן גייט, און אָט הינטער וואָראָניעזש, וואו ס'קומט דאָס ערשטע מאָל אויס אַריבערצופאָרן דעם דאָן, הייבט אָן דער מאַשיניסט, וואָס פירט דעם צוג, צו פאָרן פּאַמעלעך, גאָר פּאַמעלעך... ער ווייסט שוין, אין וואָס עס האַנדלט זיך. ווי נאָר דער צוג קומט אַרויף אויף

דער בריק, — טאַטעלעך מיינע !... וואָס דאָ הייבט זיך אָן ! די קאָזאַקן ווערן פשוט משוגע : „דער דאָן ! אונזער דאָן ! דער שטי־לער דאָן ! דער פאָטער אונזערער, דער שפּייזער ! אור־ר־ראַ־אַ־אַ !" און מען וואַרפט דורך די פענסטער, גלייך פון דער בריק אין וואַסער אַראָפּ, דורכן אייזן־געפלעכט, היטלען, אַלטע שינעלן, שאַראָוואַרן, ציכלעך, העמדער, פאַרשידענע קלייניקייטן. מען גיט מתנות דעם דאָן, זיך אומקערנדיק פון דינען. דו שטייסט און קוקסט אַמאָל, און פלוצלינג זעסטו, ווי איבערן דאָן שווימען בלויע אַטאַמאַנישע היטלען, ווי שוואַנען אָדער בלומען... נאָך פאַרצייטנס איז דער מנהג איינגעפירט געוואָרן.

דער צוג האָט פאַרהאַלטן דעם גאַנג און זיך אָפּגעשטעלט. די קאָזאַקן זענען אויפגעשטאַנען. פאַרציִענדיק דעם רימען איבערן שינעל, האָט קריוואָשליקאָוו קרום געשמייכלט :

— נו, זענען מיר ענדלעך אָנגעקומען.

— עפּעס וואַרט מען אונז נישט אָפּ מיט ברויט און זאַלץ ! — האָט סקאָטשקאָוו געפּרוווט מאַכן לצנות.

דורך דער טיר, נישט אָנקלאַפּנדיק, איז אַריינגעקומען אַ הויכער, בראַוועל עסאַול. ער האָט באַטראַכט די מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע מיט באַטאַפּנדיקע, פיינטלעכע אויגן און מיט בכיוונדיקער גראָבקייט געזאָגט :

— איך בין באַפולמעכטיקט געוואָרן אייך צו באַגלייטן. זייט זיך מטריח, הערן באָלשעוויקעס, גלייך צו פאַרלאָזן דעם וואַגאָן. איך בין נישע ערוב פאַרן המון און... אייער זיכערקייט.

ער האָט לענגער ווי אויף אַלע, פאַרהאַלטן דעם בליק אויף פּאָדטיאָלקאָוון, ריכטיקער — אויף זיין אָפיצירישער טוזשורקע ; שוין מיט אָפענער פיינטלעכקייט קאָמאַנדעוועט :

— גייט אַרויס פון וואַגאָן, שנעלער !

— אָט זענען זיי, די אויסוואורפן, די פאַררעטער פון קאָזאַקנ־טום ! — האָט פון געפּאַקטן פּעראָן אויסגעשריגן עפּעס אַן אָפיציר מיט לאַנגע וואָנסעס.

פּאָדטיאָלקאָוו איז בלייך געוואָרן, אַ קוק געטון אויף קרי־

וואַשליקאָוון מיט אַ לייכט צערודערטן, שיקלדיקן בליק. יענער איז אַרויסגעגאַנגען נאָך פּאָדטיאָלקאָוון; שמייכלענדיק, האָט ער אַ שעפּטשע געטון:

— „נישט אין זיסן געמירמל פון ליוב, נאָר אין די ווילדע אויסגעשרייען פון האַס, — הערן מיר די אָנערקענונג פון אונזער טאַט..." הערסט, פעדאָר?

און כאָטש פּאָדטיאָלקאָוו האָט נישט דערהערט די לעצטע ווערטער, האָט ער אַלץ געשמייכלט.

זיי האָט באַגלייט אַ שטאַרקע אָפיצירישע וואָך. ביז דער סאַמע קרייז-פאַרוואַלטונג איז זיי נאָכגעגאַנגען דער צעווילדעוועטער המון, וואָס האָט זיך געריסן זיי צו לינטשן. עס האָבן מיט די געמיינסטע ווערטער באַליידיקט די דעלעגאַטן נישט בלויז אָפיצירן און יונקערס, נאָר אויך קאָזאַקן, אויך אָנשטענדיק געקליידטע דאַמען, אויך שטודירנדיקע יוגנט.

— ווי אַזוי דערלאָזט איר צו אַזאַ נידערטרעכטיקייט! — האָט דער אויפגערעגטער לאַגוטין זיך געווענדט צו איינעם פון די אָפיצירן, וואָס האָבן זיי באַגלייט.

יענער האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ פאַראַכטנדיקן בליק און אַ שעפּטשע געטון:

— דאַנק גאָט, וואָס דו וועסט לעבן בלייבן... ווען איך וואָלט געהאַט די מאַכט — וואָלט איך דיר, כאָם דו... או-ו-ו, נבלה!

אים האָט איינגעהאַלטן מיט אַ בליק פון פאָרוואורף אַ צווייטער, אַ יינגערער.

— מיר זענען שוין איינמאָל אַריינגעפאַלן! — האָט סקאָטשעוו געפינען אַ מאָמענט אַ שעפּטשע צו טון צו גאָלאָוואַטשאָוון.

— ווי צו אַ טויט-אורטייל פירט מען אונז...

דער זאַל פון דער קרייז-פאַרוואַלטונג האָט נישט אַריינגענומען אַלע, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט. בשעת די געקומענע דעלעגאַטן האָבן זיך אויסגעזעצט אין איין זייט טיש, לויט די פאַראָרדענונגען פון עפּעס אַ סאָטניק, — זענען צוגעקומען די מיטגלידער פון דער רעגירונג.

מיט אַ פעסטן, וועלפישן טריט איבער דער גאַנצער זאַל, באַגלייט פון באָגאַטיעווסקין, איז דורכגעגאַנגען דער לייכט געהאָר־בעטער קאַלעדין. ער האָט אָפּגערוקט זיין שטול, זיך געזעצט, מיט אַ רויִקער באַוועגונג אַרויפגעלייגט אויפן טיש זיין היטל פון האַקי־קאָליר, אויף וועלכן ס'האָט זיך געבליכט די אָפיצירישע קאָקאַרדע, זיך אַ גלעט געטון איבער די האָר, און פאַרקנעפּלענדיק מיט די פינגער פון דער לינקער האַנט דאָס קנעפּל אויף דער זייטיקער גרויסער קעשענע פון פרענטש, האָט ער זיך עטוואָס אָנגעבויגן אין דער זייט אַריין פון באָגאַטיעווסקין, וועלכער האָט אים עפּעס געזאָגט. זיין יעדע באַוועגונג איז אָנגעגאָסן געווען מיט פעסטער געלאַסענער זיכערקייט, מיט צייטיקער קראַפט; אַזוי האַלטן זיך געוויינטלעך מענטשן, וואָס שטייען אַ לענגערע צייט ביי דער מאַכט און האָבן אויסגעאַרבעט פאַר זיך אין משך פון אַ גאַנצער רייע יאָרן אַ באַזונדערן אופן פון באַנעמונג, פון מאַנירן, ווי אַזוי צו האַלטן דעם קאָפּ, ווי אַזוי צו שטעלן דעם טריט, און דאָס אונטערשיידט זיי פון אַלע אַנדערע מענטשן. צווישן אים און פּאָדטיאָלקאָוון איז געווען אַ סך ענלעכס. דערפאַר האָט באָגאַטיעווסקי פאַרלוירן אויף דער שכנות מיט קאַלעדינען. ער האָט אויסגעזען אַ סך נישט אָנזעעוודיקער און דענערווירטער צוליב די אונטערהאַנדלונגען, וואָס האָבן געדאַרפט פאָרקומען.

באָגאַטיעווסקי האָט עפּעס גערעדט, לייכט באַוועגנדיק מיט די ליפּן, וואָס זענען באַדעקט געווען מיט דער העלער באַקליידונג פון די אַראָפּגעהאָנגענע וואָנסעס, פינקלענדיק מיט די שאַרפע קרום־אַריינגעשטעלטע אויגן פון הינטער די פענסנע אָפּער. זיין נערוועזיטעט האָט זיך אויסגעדריקט אין אופן פון גלייך מאַכן זיך דאָס קעלנערל, פון באַרירן מיט גלעטנדיקע פינגער די שיף־אויסגעבויגענע קינביינער פון דער ענערגישער גאָמבע, פון באַוועגן מיט די ברעמען, וואָס האָבן זיך צעפליגלט איבער די ברייטע ווייעס.

פון ביידע זייטן פון קאַלעדינען, וואָס איז געזעסן אין צענטער, האָבן זיך צוועקגעזעצט די מיטגלידער פון דער מיליטע־

רישער רעגירונג. טייל פון זיי זענען געקומען קיין קאַ־מיענסק: קאַרעוו, סוויעטאָזאַראָוו, אולאַנאָוו, אַגעעוו; אַ ביסל ווייטער האָבן זיך אויסגעזעצט יעלאַטאָנצעוו, מיעלניקאָוו, באָסע, שאָשניקאָוו, פּאָליאַקאָוו.

פּאָדטיאָלקאָוו האָט געהערט, ווי מיטראָפּאַן באָגאַיעווסקי האָט עפּעס געזאָגט קאַלעדינען מיט אַ האַלב קול.

יענער האָט קורצזיכטיק זיך פאַרזשמורעט אויף פּאָדטיאָל־קאָוון, וואָס האָט פאַרנומען אַן אָרט קעגן אים, און געזאָגט:

— איך מיין, אַז מען מעג אָנהייבן.

פּאָדטיאָלקאָוו האָט אַ שמייכל געטון און מיט אַ הויך קול מיטגעטיילט וועגן די צילן פון דער געקומענער דעלעגאַציע. קריוואָשליקאָוו האָט אויסגעשטרעקט איבערן טיש דעם צוגעגרייטן אולטימאַטום פון מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, אָבער קאַלעדין האָט אָפּגערוקט דאָס פּאַפּיר מיט אַ באַוועגונג פון דער ווייסער האַנט און אַנטשלאָסן געזאָגט:

— עס האָט נישט קיין זין צו פאַרלירן צייט אויפן באַקענען איטלעכן רעגירונגס־מיטגליד באַזונדער מיטן דאָזיקן דאָקומענט. זייט אייך מטריח איבערצולייענען אייער אולטימאַטום אויפן קול. דערנאָך וועלן מיר דיסקוטירן.

— לייען, — האָט פּאָדטיאָלקאָוו באַפוילן.

ער האָט זיך געהאַלטן מיט ווירדע, נאָר קענטיק, ווי אַלע מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע, זיך געפילט נישט אינגאַנצן זיכער. קריוואָשליקאָוו איז אויפגעשטאַנען. זיין מיידליש־קלינגענ־דיק און אייניצייטיק נישט דייטלעך קול האָט זיך גענומען טראָגן איבערן געפּאַקטן זאַל:

די גאַנצע מאַכט איבער די מיליטערישע אָפּטיילונגען און דער אָנפירונג מיט די קריגס־אָפּעראַציעס אין קרייז פון די דאָנער קאָזאַקן־חיילות גייט איבער דעם הייניקן צענטן יאַנואַר *1918* יאָר פון מיליטערישן אַטאַמאַן צום דאָנער קאָזאַקישן מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט.

אַלע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען, וואָס זענען טעטיק קעגן רעוואָלוציאָנערן חייל, ווערן אָפּגערופן און אַנטוואָפנט דעם 15־טן יאַנואַר הײַ־יאָר, דעסגלייכן די פרייוויליקע מחנות און שולן פון די יונקערס און אונטעראָפיצירן. אַלע באַטייליקטע פון דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן נישט געוואוינט ביים דאָן, ווערן אַרויסגעשיקט פון די גרענעצן פון דאָנער קרייז אין זייערע וואוינונגס־ערטער.

באַמערקונג. דאָס געווער, די אויסריכטונג און מונדירונג דאַרפן אָפּגעגעבן ווערן דעם קאָמיסאַר פון מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט. רייזע־שיינען אויף אַרויסצופאָרן פון נאָוואָטשערקאַסק ווערן אַרויסגעגעבן דורכן קאָמיסאַר פון מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט.

די שטאָט נאָוואָטשערקאַסק דאַרפן פאַרנעמען קאָזאַקן־פּולקן, וואָס וועלן באַשטימט ווערן דורכן מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט.

די מיטגלידער פון מיליטערישן קרייז דערקלערן זיך פאַר נישט באַפולמעכטיקט פון 15־טן יאַנואַר אָן.

די גאַנצע פּאָליציי, וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורך דער מיליטערישער רעגירונג און באַשטייט פון די גרובן־אַרבעטער און זאַוואָדן פון דאָנער קרייז, ווערט אָפּגערופן.

עס ווערט באַקאַנט געמאַכט אין גאַנצן דאָנער קרייז, אין אַלע סטאַניצעס און כוטאָרס, וועגן פרייוויליקן אָפּזאָגן זיך דורך דער מיליטערישער רעגירונג פון אירע פולמאַכטן, כדי אויסצומיידן בלוט־פאַרגיסונג, און וועגן תיכּפדיקן איבערגעבן די מאַכט דעם מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט פון קאָזאַקישן קרייז, ביזן איינשטעלן די שטענדיקע מאַכט פון דער גאַנצער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג.

ווי נאָר קריוואָשליקאָווס קול איז פאַרשוויגן געוואָרן, האָט קאַלעדין הויך געפרעגט:

— וועלכע טיילן האָבן אייך באַפולמעכטיקט?

פּאָדטיאָלקאָוו האָט זיך איבערגעקוקט מיט קריוואָשליקאָוון און אָנגעהויבן אויסרעכענען, ווי פאַר זיך:

— דאָס אַטאַמאַנישע פּולק פון דער לייב־גוואַרדיע, דאָס קאָזאַקישע פּולק פון דער לייב־גוואַרדיע, די זעקסטע באַטאַרייע, דאָס פירצונפערציקסטע פּולק, די צוויי־און־דרייסיקסטע באַטאַרייע, די פערצענטע באַזונדערע סאָטניע... — ביים אויסרעכענען האָט ער יעדעס מאָל פאַרבויגן אַ פינגער אויף דער לינקער האַנט; אין זאַל האָט זיך דערהערט אַ שושקען, אַ גיפּטיק אָפּלאַכן, און כמו־רענדיק זיך, האָט פּאָדטיאָלקאָוו אַרויפגעלייגט די געל־האָריקע הענט אויפן טיש און גענומען העכער אויסרעכענען: — דאָס אַכט־און־צוואָנציקסטע פּולק, די אַכט־און־צוואַנציקסטע באַטאַרייע, די צוועלפטע באַטאַרייע, דאָס צוועלפטע ג לק...

— דאָס ניין־און־צוואָנציקסטע פּולק, — האָט לאַגוטין שטיל אונטערגעזאָגט.

— ...דאָס ניין־און־צוואָנציקסטע פּולק, — האָט פּאָדטיאָלקאָוו ווייטער אויסגערעכנט שוין זיכערער און העכער: — די דריי־צענטע באַטאַרייע, די קאַמיענסקער אָרטיקע קאָמאַנדע, דאָס צענטע פּולק, דאָס צווייטע פוסגייער־פּולק, דאָס צווייטע רעזערוו־פּולק, דאָס אַכטע פּולק, דאָס פערצענטע פּולק.

נאָך עטלעכע אומבאַדייטנדע פראַגן און קורצן אויסטויש פון מיינונגען, האָט קאַלעדין געפרעגט, זיך אָנשפּאַרנדיק מיט דער ברוסט אָן ברעג טיש, אָנשטעלנדיק דעם בליק אויף פּאָדטיאָלקאָוון:

— צי אָנערקענט איר די מאַכט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן־ראַט?

אויסטרינקענדיק אַ גלאָז וואַסער, האָט פּאָדטיאָלקאָוו אַוועק־געשטעלט די קאַראַפקע אויפן טעלער, זיך אָפּגעווישט מיטן אַרבל די וואָנסעס און געענטפערט אויסמיידנדיק:

— דאָס קאָן זאָגן בלויז דאָס גאַנצע פאָלק.

קריוואָשליקאָוו האָט זיך אַריינגעמישט, מורא האָבנדיק, אַז דער אָפּנהאַרציקער פּאָדטיאָלקאָוו זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּן מיט עפּעס איבעריקס.

— די קאָזאַקן פאַרטראָגן נישט אַזאַ אָרגאַן, אין וועלכן עס

גייען אַריין פאָרשטייער פון דער פּאַרטיי „פאָלקס-באַפרייאונג".
מיר — זענען קאָזאַקן, און די אָנפירונג ביי אונז דאַרף זיין אַן אייגענע, אַ קאָזאַקישע.

— ווי אַזוי זאָלן מיר אייך פאַרשטיין, ווען אין דער שפּיץ פון ראַט שטייען נאַכאַמקעסעס און נאָך אַזעלכע?

— זיי האָט אָנפאַרטרויט רוסלאַנד, — האָבן מיר אויך צו זיי צוטרוי!

— וועט איר האָבן מיט זיי באַציִונגען?

— יאָ!

פּאָדטיאָלקאָוו האָט איינשטימיק אַ הוסט געטון און אונטער-געהאַלטן:

— מיר רעכענען זיך נישט מיט פּערזאָנען, — מיר רע-כענען זיך מיט דער אידעע.

אַ מיטגליד פון דער מיליטערישער רעגירונג האָט אָפּנהאַר-ציק געפרעגט: „צי אַרבעט דער ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן לטובת דעם פאָלק?"

פּאָדטיאָלקאָווס פאַרשנדיקער בליק האָט זיך געווענדט אין זיין זייט אַריין. שמייכלענדיק, האָט ער געשוויגן אַ ווײַלע, אויס-געשטרעקט די האַנט צו דער קאַראַפקע, זיך אָנגעגאָסן און גיריק אויסגעטרונקען. אַ דורשט האָט אים געמאַטערט, — ווי ער וואָלט מיטן קלאָרן וואַסער געלאָשן אַ גרויס אינערלעך פייער.

קאַלעדין האָט דראָבנע געפּויקט מיט די פינגער, פאַרשנדיק אויסגעפרעגט:

— וואָס פאַר אַ געמיינזאַמס האָט איר מיט די באָלשעוויקעס?

— מיר ווילן איינפירן ביי זיך אין דאָנער קרייז אַ קאָזאַ-קישע זעלבסטפאַרוואַלטונג.

— יאָ, אָבער אייך איז דאָך, מסתמא, באַקאַנט, אַז אויפן פערטן פעברואַר ווערט צונויפגערופן די מיליטערישע פאַרוואַלטונג, די מיטגלידער וועלן אויפסניי געוויילט ווערן. צי זענט איר מסכים אויף אַ בשותפותדיקער קאָנטראָל?

— ניין! — פּאָדטיאָלקאָוו האָט אויפגעהויבן דעם אַראָפּגע-

לאָזטן בליק און פעסט געענטפערט: — אויב איר וועט זיין אַ מינדערהייט, — וועלן מיר אייך דיקטירן אונזער ווילן.

— אָבער דאָס איז דאָך געוואַלט!

— יאָ.

איבערפירנדיק דעם בליק פון פּאָדטיאָלקאָוון אויף קריוואָשליקאָוון, האָט מיטראָפּאַן באָגאַיעווסקי געפרעגט:

— איר אָנערקענט די מיליטערישע פאַרוואַלטונג?

— דאָס וועלן מיר זען... — פּאָדטיאָלקאָוו האָט אַ דריק געטון מיט די ברייטע פּלייצעס. — דער מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערער קרייז-קאָמיטעט וועט צונויפרופן אַ צוזאַמענפאָר פון דער... נו, פון דער באַפעלקערונג. ער וועט אַרבעטן אונטער דער קאָנטראָל פון אַלע מיליטערישע טיילן. אויב דער צוזאַמענפאָר וועט אונז נישט באַפרידיקן, — וועלן מיר אים נישט אָנערקענען.

— ווער-זשע וועט זיין דער ריכטער? — קאַלעדין האָט אונטערגעהויבן די ברעמען.

— דאָס פאָלק! — פּאָדטיאָלקאָוו האָט שטאָלץ פאַרוואָרפן דעם קאָפּ; סקריפּענדיק מיט דער לעדער פון דער טוזשורקע, האָט ער זיך אויסגעלייגט אויפן אָנלען פון געשניצטן פאָטעל.

נאָך אַ קורצער הפסקה האָט גערעדט קאַלעדין. אין זאַל האָט דאָס גערויש זיך איינגעשטילט, אין דער געשאַפענער שטילקייט האָט דייטלעך געקלונגען דער נידעריקער האַרבסטיק-מאַטער טעמבער פון אַטאַמאַנס קול.

— די רעגירונג קאָן זיך נישט אָפּזאָגן פון אירע פולמאַכטן אויף דער פאָדערונג פון מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערן קרייז-קאָמיטעט. די איצטיקע רעגירונג איז אויסגעקליבן געוואָרן דורך דער גאַנצער באַפעלקערונג פון דאָן, און בלויז זי אַליין, נישט קיין באַזונדערע טיילן, קאָן פאָדערן פון אונז זיך אָפּצוזאָגן פון די פולמאַכטן. אונטער דער ווירקונג פון דער פאַרברעכערישער אַגיטאַציע פון די באָלשעוויקעס, וואָס שטרעבן אָנצווואַרפן דעם קרייז זייערע אָרדענונגען, פאָדערט איר איבערצוגעבן אייך די מאַכט. איר — זענט אַ בלינד געווער אין די הענט פון די באָלשעוויקעס. איר פירט אויס

דעם ווילן פון די דייטשישע אַגענטן, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון פון דער קאָלאָסאַלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס איר נעמט אויף זיך לגבי דעם גאַנצן קאָזאַקנטום. איך ראַט אייך זיך מיישב צו זיין, ווייל איר וועט ברענגען אויף אייער היימישן קאַנט אומדערהערטע פּרעניות, גייענדיק אויפן וועג פון קריג מיט דער רעגירונג, וואָס דריקט אויס דעם ווילן פון דער גאַנצער באַפעל־קערונג. איך לויף נישט אויף דער מאַכט. עס וועט זיך פאַרזאַמ־לען דער גרויסער מיליטערישער קרייז — און ער וועט אָנפירן מיטן גורל פון דער געגנט, נאָר ביז זיין צונויפרופן בין איך מחויב צו בלייבן אויף מיין פּאָסטן. איך ראַט אייך צום לעצטן מאָל זיך מיישב צו זיין.

נאָך אים האָבן גערעדט די רעגירונגס־מיטגלידער פון די קאָ־זאַקישע און אויך פרעמדע טיילן. אַ לאַנגע רעדע, וואָס איז דורכגע־פלאָכטן געווען מיט זיסע הבטחות, האָט אויסגעגאָסן אויף די קעפּ פון די רעווקאָם־מיטגלידער דער עס־ער באָסע.

לאַגוטין האָט אים איבערגעריסן מיט אַן אויסגעשריי:

— אונזער פאָדערונג איז — גיט איבער די מאַכט דעם מי־ליטעריש־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט! עס איז נישטאָ וואָס צו וואַרטן, אויב די מיליטערישע רעגירונג וויל פרידלעך פאַרענדיקן דעם ענין...

באָגאַיעווסקי האָט אַ שמייכל געטון:

— הייסט עס?...

— ...מען דאַרף מיטטיילן אַלע, אַז די מאַכט איז איבערגע־גאַנגען צום רעווקאָם. וואַרטן צוויי מיט אַ האַלבער וואָך ביז אייער קרייז וועט זיך פאַרזאַמלען, טאָר מען נישט! דאָס פאָלק איז שוין אַזוי אויך שרעקלעך אויפגעבראַזט פון צאָרן.

קאַרעוו האָט לאַנג געפלוידערט, און סוויעטאָזאַרעוו האָט געזוכט אַן אוממעגלעכן קאָמפּראָמיס.

פּאָדטיאָלקאָוו האָט זיי אויסגעהערט מיט דענערווירונג. ער האָט אייליק געוואָרפן אַ בליק אויף די פּנימער פון זיינע חברים, באַמערקט, אַז לאַגוטין כמורעט זיך און ווערט בלייך, קריוואָשלי־

קאָוו נעמט די אויגן נישט אַראָפּ פון טיש, גאָלאָוואַטשעוו רייסט זיך אומגעדולדיק עפּעס צו זאָגן. אַפּוואַרטנדיק אַ פּאַסיקן מאָמענט, האָט קריוואָשליקאָוו שטיל אַ שעפּטשע געטון: „זאָג!“

פּאָדטיאָלקאָוו האָט אויף דעם נאָר געוואַרט. אָפּרוקנדיק די שטול, האָט ער אָנגעהויבן רעדן מיט אָנשטרענגונג, שטאַמלענדיק פון אויפרעגונג, זוכנדיק עפּעס גרויסע, צעשמעטערנדיקע ווערטער פון איבערצייגונג.

— איר זאָגט נישט דאָס, וואָס מען דאַרף! אויב מען וואָלט געגלייבט דער מיליטערישער רעגירונג, — וואָלט איך זיך מיט פּאַרגעניגן אָפּגעזאָגט פון מיינע פאָדערונגען... אָבער דאָס פאָלק גלייבט דאָך נישט! נישט מיר, נאָר איר הייבט אָן די בירגער-קריג! פאַרוואָס האָט איר אויפגענומען אויף דער קאָזאַקישער ערד פאַרשידענע אַנטלאָפענע גענעראַלן? דערפאַר פאַרפירן דאָך די באָלשעוויקעס אַ מלחמה קעגן אונזער שטילן דאָן. איך וועל מיך אייך נישט אונטערוואַרפן! נישט דערלויבן! זאָל מען איבער מיין טויטן קערפּער אַריבערגיין! מיר וועלן אייך מיט פאַקטן פאַר-וואַרפן! איך גלייב נישט, אַז די מיליטערישע רעגירונג זאָל מציל זיין דעם דאָן! וואָסערע מיטלען ווערן אָנגענומען קעגן די טיילן, וואָס ווילן זיך אייך נישט אונטערוואַרפן?... אַהאַ, דאָס איז עס דאָך. פאַרוואָס העצט איר אויף די גרובן-אַרבעטער אייערע פּאַרטי-זאַנער? פון דעם קומט דאָך אַרויס דאָס גאַנצע שלעכטס! זאָגט מיר: ווער קאָן ערוב זיין, אַז די מיליטערישע רעגירונג וועט אָפּווענדן די בירגער-קריג?... איר האָט נישט וואָס אַקעגנצו-שטעלן. און דאָס פאָלק מיט די פראָנט-קאָזאַקן זענען מיט אונז!

איבערן זאַל האָט ווי דער געשאָרך פון אַ ווינט זיך צע-טראָגן אַ געלעכטער; עס האָבן זיך דערהערט אויפן אַדרעס פון פּאָדטיאָלקאָוו אומווירדיקע אויסגעשרייען. ער האָט אויסגעדרייט אין יענער זייט אַריין דאָס רויט-צעהיצטע פּנים און אויסגעשריגן, שוין נישט באַהאַלטנדיק זיין ביטערן צאָרן:

— איר לאַכט אַצינד, אָבער דערנאָך וועט איר וויינען! —

און ער האָט זיך אויסגעדרייט צו קאַלעדינען און אַ שפּריץ געטון אויף אים מיט זיינע קאַרטעטש-אויגן: — מיר פאָדערן די מאַכט איבערצוגעבן אונז, די פאָרשטייער פון אַרבעטנדיקן פאָלק, און באַזייטיקן אַלע בורזשויען און די פריייוויליקע אַרמיי... און די איצטיקע רעגירונג דאַרף אויך אָפּטרעטן!

קאַלעדין האָט מיד אָנגעבויגן דעם קאָפּ.

— איך קלויב מיך פון נאָוואָטשערקאַסק אינערגעץ נישט אוועקצוגיין, און וועל נישט אַוועקגיין.

נאָך אַ קליינער הפסקה איז די זיצונג באַנייט געוואָרן מיט אַ רעדע פון מיעלניקאָוון.

— די רויטגוואַרדייאישע אָפּטיילונגען רייסן זיך צום דאָן, כדי צו פאַרטיליקן דאָס קאָזאַקנטום! זיי האָבן אומגעבראַכט רוס-לאַנד מיט זייערע אומזיניקע אָרדענונגען און ווילן אויך אומברענ-גען אונזער קריַיז! די געשיכטע ווייסט נישט פון אַזעלכע ביישפּילן, אַז מיט אַ לאַנד זאָל פאַרנופטיק רעגירן לטובת דעם פאָלק אַ הייפל אוזורפּאַטאָרן און רמאים. רוסלאַנד וועט אויפוואַכן — און אָפּ-וואַרפן דידאָזיקע אָטרעפּיעווס!* און איר, פאַרבלענדטע פון פרעמדן משוגעת, ווילט אַרויסרייסן די מאַכט פון אונזערע הענט, כדי צו עפענען די טויערן די באָלשעוויקעס! ניין!

— גיט איבער די מאַכט דעם רעווקאָם — וועלן די באָלשע-וויקעס אָפּשטעלן דעם אָנגריף... — האָט פּאָדטיאָלקאָוו אַריינגע-וואָרפן.

מיט קאַלעדינס דערלויבניש איז פון פובליקום אַרויסגע-טרעטן דער אונטערעסאַול שעין, אַ געאָרגי-קאַוואַליער פון אַלע פיר

* אָטרעפּיעוו גרישקאַ, צאַר-אוזורפּאַטאָר. — אַזוי האָבן די באַיאַרן און שטאָטישע בורזשואַזיע גערופן דעם צאַר פון אָנהייב XVII-טן יאָר-הונדערט, וואָס איז אַרויפגעזעצט געוואָרן אויפן טראָן דורכן אדל, צו וועלכן זיי זענען פיינטלעך געווען, אָננעמענדיק אים פאַר איינעם פון די אַנטלאָפענע מאָנאַכן — גריגאָרי אָטריעפּיעוו.

מדרגות, וואָס האָט פון אַ פּשוטן קאָזאַק זיך דערדינט צום ראַנג פון אונטערעסאַול. ער האָט זיך גלייך געמאַכט די פּאַלבן פון מונ-דיר, ווי פאַר אַ פּאַראַד, — און גלייך אַריבער אין גאַלאָפּ:

— וואָס, סטאַניצע-לייט, הערט איר זיי! — האָט ער גע-שריגן מיט אַ הויך קול, ווי ביים קאָמאַנדעווען, פאָכענדיק מיט דער האַנט, ווי מיט אַ שווערד. — מיר האָבן מיט די באָלשעווי-קעס קיין שום געמיינזאַמס נישט! בלויז פאַררעטער פון דאָן און קאָזאַקנטום קאָנען רעדן וועגן איבערגעבן די מאַכט די ראַטן און רופן די קאָזאַקן צו גיין מיט די באָלשעוויקעס! — און, שוין גלייך אָנווייזנדיק אויף פּאָדטיאָלקאָוון, ווענדנדיק זיך אוממיטלבאַר צו אים, האָט ער, אַן אָנגעבויגענער, געשריגן: — צי דען מיינט איר, פּאָדטיאָלקאָוו, אַז איך, אַן אומגעבילדעטן קאָזאַק, אַן אַנאַלפאַבעט, וועט נאָכגיין דער דאָן? אויב יאָ, — וועלן דאָס זיין אַ הייפל אָפּגעריסענע קאָזאַקן, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע היימען. אָבער אויך זיי, ברודער, וועלן אויפוואַכן — און טאַקע דיך אויפהענגען!

אין זאַל האָבן זיך צעוויגט די קעפּ, ווי די קאַפּעלושן פון ביר-רויזן, וואָס ווערן אויפגערודערט דורכן ווינט; עס איז דורכגעלאָפן אַ געמירמל פון אַפּראָבירנדיקע קולות. שעין האָט זיך געזעצט. אים האָט פון הינטן מיט אָנערקענונג געקלאַפּט אי-בער דער פּלייצע עפּעס אַ הויכער אָפיציר אין אַ פּעלצל, מיט שליפּעס פון אַ מיליטערישן עלטסטן. אַרום זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט אָפיצירן. אַ היסטעריש ווייבעריש קול האָט מיט גערירטקייט געפּלאַפּלט:

— אַ דאַנק, שעין, אַ דאַנק!

— בראַוואָ, עסאַול שעין! בראַוויסימאָ! — האָט מיט אַ גימנאַזיסטישן באַס פון אַ האָן געקרייעט עמעצער פון די שטענדי-קע גאַלעריע-באַזוכער, גלייך באַשענקענדיק דעם אונטערעסאַול שעין מיט אַן איבעריקן ראַנג.

די שיין-רעדערס און באַזינגערס פון דער דאָנער רעגירונג

האָבן נאָך לאַנג באַארבעט די קאָזאַקן — די מיטגלידער פון ניי־געשאַפענעם קאָמיענסקער רעווקאָם. אין זאַל איז געווען אָנגערייכערט, גרוי, דושנע. הינטער די פענסטער האָט די זון פאַרענדיקט איר טעגלעכן גאַנג. די געפרוירענע צווייגלען פון די יאָדלע־ביימער האָבן זיך געקלעבט צו די שויבן פון די פענסטער. די, וואָס זענען געזעסן אויף די פענסטער־פּאַראַפּעטן, האָבן געהערט דאָס פאַרנאַכטיקע קלינגען פון די גלעקער און דורכן וואָיען פון ווינט — דאָס הייזעריקע פייפן פון די לאָקאָמאָטיוון.

לאַגוטין האָט נישט אויסגעהאַלטן; איבעררייסנדיק איינעם פון די מיליטערישע אָראַטאָרן, האָט ער זיך געווענדט צו קאַלעדינען:

— דעצידירט אייך, ס׳איז צייט צו פאַרענדיקן!

אים האָט מיט אַ האַלב קול פאַרהאַלטן באָגאַיעווסקי:

— דענערווירט אייך נישט, לאַגוטין! אָט איז וואַסער. פאַר פאַמיליע-מענטשן און גענייגטע צו פּאַראַליזש איז געפערלעך זיך צו דענערווירן. און חוץ דעם, ווערט בכלל נישט רעקאָמענדירט איבערצווייסן אָראַטאָרן, — דאָ איז דאָך נישט עפּעס קיין דעפּוטאַטן־ראַט!

מיט אַ שטאָך־וואָרט האָט אויך געענטפערט לאַגוטין, אָבער די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט איז ווידער צוגעצויגן געוואָרן דורך קאַלעדינען. ער האָט געפירט דעם פּאָליטישן שפּיל פּונקט אַזוי זיכער, ווי פריער, און ווידער זיך אָנגעשטויסן אויפן איינפאַכן פויערישן פאַנצער פון פּאַדטיאָלקאָווס ענטפערס.

— איר האָט געזאָגט, אַז אויב מיר וועלן אייך איבערגעבן די מאַכט, וועלן די באָלשעוויקעס אָפּשטעלן זייער אָנגריף אויפן דאָן. אַזוי מיינט איר. אָבער ווי אַזוי די באָלשעוויקעס וועלן האַנדלען, צוקומענדיק צום דאָן, — דאָס ווייסן מיר נישט.

— דער קאָמיטעט איז זיכער, אַז די באָלשעוויקעס וועלן באַשטעטיקן, וואָס איך האָב געזאָגט. פּרוווט: גיט אונז איבער די מאַכט, באַזייטיקט פון דאָן די פרייוויליקע, לאָזט פונאַנדער אייערע

פּאַרטיזאַנער, — און איר וועט זען: די באָלשעוויקעס וועלן פאַר־ענדיקן די מלחמה!

אין אַ ווײַלע אַרום איז קאַלעדין אויפגעשטאַנען. זײַן ענט־פער איז געווען אָנגעגרייט פון פריער: טשערניעצאָוו האָט שוין באַקומען אַ באַפעל צו קאָנצענטרירן אַן אָפּטיילונג און אַטאַקירן די סטאַציע ליכאַיע. אָבער וועלנדיק געווינען צייט, האָט קאַלעדין פאַרענדיקט די באַראַטונג מיט אַ צוג, וואָס זײַן ציל איז געווען אָפּצושלעפּן:

— די דאָנער רעגירונג וועט באַהאַנדלען דעם פאָרשלאָג פון רעוואָקאָם און געבן אַ שריפטלעכן ענטפער מאָרגן צען אַ זייגער אינדערפרי.

XI

דער ענטפער פון דער דאָנער רעגירונג, וואָס איז איבער־געגעבן געוואָרן צומאָרגנס אינדערפרי דער דעלעגאַציע פון רעוו־קאָם, איז געווען פאָלגנדער:

די מיליטערישע רעגירונג פון די דאָנער חיילות, באַ־טראַכטנדיק די פאָדערונגען פון מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערן קאָזאַקישן קאָמיטעט, וואָס זענען פאָרגעשטעלט געוואָרן דורך דער דעלעגאַציע פון קאָמיטעט אין נאָמען פון אַטאַמאַנישן לייב־קאָזאַקישן 44־סטן, 28־סטן, 29־סטן פּולק, 10־טער, 27־סטער, 23־סטער, 8־טער אָפּטיילונג, 43־סטן און 2־טן רע־זערוו־פּולק, 14־טער באַזונדערער סאָטניע, 6־סטער גוואַר־דייאישער, 32־סטער, 28־סטער, 12־טער און 13־טער באַטאַ־רייע, 2־טן פּוסגייער־באַטאַליאָן און קאָמיענסקער אָרטיקער קאָמאַנדע, — טיילט מיט, אַז די רעגירונג שטעלט מיט זיך פאָר די פאָרשטייערשאַפט פון דער גאַנצער קאָזאַקישער קרייז־באַפעלקערונג. די אויסדערוויילטע דורך דער באַפעל־קערונג רעגירונג האָט נישט קיין רעכט זיך אָפּצוזאָגן פון

אירע פולמאַכטן ביזן צונויפרופן פון נייעם מיליטערישן קרייז.

די מיליטערישע רעגירונג פון די דאָנער חיילות האָט אָנערקענט פאַר נייטיק פונאַנדערצולאָזן דעם פריערדיקן קרייז און דורכפירן נייע דעפוטאַטן־וואַלן פון די סטאַניצעס, ווי אויך פון די מיליטערישע טיילן. דער נייער קרייז, אַ פריי געוויילטער דורך דער גאַנצער קאָזאַקישער באַפעלקערונג (ביי דער פולער פרייקייט פון אַגיטאַציע), אויפן גרונט פון דירעקטע, גלייכע און געהיימע וואַלן, וועט זיך פאַרזאַמלען אין דער שטאָט נאָוואָטשערקאַסק דעם 4־טן פעברואַר אַלטן סטיל היי־יאָר, איינצייטיק מיטן צוזאַמענפאָר פון דער גאַנצער קאָזאַקישער באַפעלקערונג. נאָר דער קרייז, דער געזעצלעכער אָרגאַן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע און שטעלט מיט זיך פאָר די פאָרשטייערשאַפט פון דער גאַנצער קאָזאַקישער באַפעלקערונג, האָט דאָס רעכט צו באַזייטיקן די מיליטערישע רעגירונג און אויסקלויבן אַ נייע. דערדאָזיקער קרייז וועט אויך איינצייטיק באַהאַנדלען די פראַגע וועגן דער אָנפירונג מיט די מיליטערישע טיילן און צי די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען און פרייוויליקע טרופן, וואָס פאַרטיידיקן די מאַכט, זאָלן בלייבן, צי נישט. וואָס שייך דער פאָרמירונג און טעטיקייט פון דער פרייוויליקער אַרמיי, האָט די פאַראייניקטע רעגירונג שוין פריער אָנגענומען דעם באַשלוס זיי צו נעמען אונטער איר קאָנטראָל ביי דער באַטיילונג פון מיליטערישן קרייז־קאָמיטעט.

וועגן דער פראַגע פון אָפּרופן די פּאָליציי, וואָס איז כלומרשט איינגעשטעלט געוואָרן דורך דער מיליטערישער רעגירונג אין ראַיאָן פון די גרובנס און זאַוואָדן, טיילט די רעגירונג מיט, אַז די פראַגע וועגן דער פּאָליציי וועט געשטעלט ווערן צו דער אַנטשיידונג פון קרייז דעם 4־טן פעברואַר.

די רעגירונג טיילט מיט, אַז אין איינאָרדענען דאָס אָרטיקע לעבן קאָן זיך באַטייליקן נאָר די אָרטיקע באַפעלקערונג, און אויספירנדיק דעם ווילן פון קרייז, האַלט זי דעריבער פאַר נייטיק מיט אַלע מיטלען צו קעמפן קעגן דעם אַריינדרינגען אין דער פּראָווינץ פון די באַוואָפנטע באָלשעוויסטישע אָפּטיילונגען, וואָס שטרעבן אָנצוּוואַרפן דער פּראָווינץ זייערע אָרדענונגען. דאָס אייגענע לעבן דאַרף איינאָרדענען די באַפעלקערונג אַליין — און נאָר זי אַליין.

די רעגירונג וויל נישט קיין בירגער-קריג, זי שטרעבט מיט אַלע מיטלען צו פאַרענדיקן דעם ענין אויף אַ פרידלעכן אופן, צוליב וואָס זי לייגט פאָר דעם מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט זיך צו באַטייליקן אין דער דעלעגאַציע צו די באָלשעוויסטישע אָפּטיילונגען.

די רעגירונג האַלט, אַז אויב קיין פרעמדע אָפּטיילונגען וועלן נישט אַריבערטרעטן די גרענעצן פון דער פּראָווינץ, — וועט קיין בירגער-קריג נישט זיין, ווייל די רעגירונג פאַרטיידיקט בלויז די דאָנער פּראָווינץ, נעמט נישט אונטער קיין שום אָנגריפן, וואַרפט נישט אָן איר ווילן דעם איבעריקן רוסלאַנד, און וויל דערפאַר נישט, אַז אויך דעם דאָן זאָל עמעצער אַ זייטיקער אָנוואַרפן זיין ווילן.

די רעגירונג פאַרזיכערט די פולע פרייהייט פון די וואַלן אין די סטאַניצעס און מיליטערישע טיילן, און יעדער בירגער קאָן אַנטוויקלען זיין אַגיטאַציע און פאַרטיידיקן זיין שטאַנדפּונקט ביי די וואַלן צום מיליטערישן קרייז.

פאַרן אויספאָרשן די באַדערפענישן פון די קאָזאַקן אין אַלע דיוויזיעס, דאַרפן שוין באַשטימט ווערן קאָמיסיעס פון פאָרשטייער פון די אָפּטיילונגען.

די מיליטערישע רעגירונג פון די דאָנער חיילות לייגט פאָר אַלע טיילן, וואָס האָבן געשיקט זייערע דעפּוטאַטן אין

מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, זיך אומצוקערן צו זייער נאָרמאַלער אַרבעט ביים פאַרטיידיקן דעם דאָנער קאַנט.

די מיליטערישע רעגירונג דערלאָזט אפילו נישט דעם געדאַנק, אַז אייגענע דאָנער טיילן זאָלן אַרויסטרעטן קעגן דער רעגירונג און דערמיט אָנהייבן אַ בירגער־קריג אויפן שטילן דאָן.

דער מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט דאַרף פּונאַנדערגעלאָזט ווערן דורך די טיילן, וואָס האָבן אים אויסגעקליבן, און, אָנשטאָט דעם, דאַרפן אַלע טיילן שיקן זייערע פאָרשטייער אין עקזיסטירנדיקן מיליטערישן קרייז־קאָמיטעט, וואָס פאַראייניקט אַלע מיליטערישע טיילן פון דער פּראָווינץ.

די מיליטערישע רעגירונג פאָדערט, אַז אַלע אַרעסטירטע דורכן מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט זאָלן גלייך באַפרייט ווערן, און כדי איינצושטעלן דאָס נאָרמאַלע לעבן אין דער פּראָווינץ, דאַרף די אַדמיניסטראַציע זיך צוריק פאַרנעמען מיט אירע פליכטן.

אַלס רעפּרעזענטאַנט פון בלויז אַ קליינער צאָל קאָזאַקישע טיילן, האָט דער מיליטעריש־רעוואָלוציאָנער קאָמיטעט נישט קיין רעכט אַרויסצושטעלן פאָדערונגען אין נאָמען פון אַלע טיילן, מכל־שכן — אין נאָמען פון גאַנצן קאָזאַקנטום.

די מיליטערישע רעגירונג האַלט פאַר פולשטענדיק נישט דערלאָזבאַר די באַציִונגען פון קאָמיטעט מיטן ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן און דאָס באַנוצן זיך מיט זיין געלט־שטיצע, ווייל דאָס וואָלט געהייסן, אַז דער ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן האָט אויסגעברייטערט זיין ווירקונג אויף דער דאָנער פּראָווינץ, בשעת דער קאָזאַקן־קרייז און דער צוזאַמענפאָר פון דער נישט קאָזאַקישער באַפעלקערונג פון דער גאַנצער פּראָווינץ האָבן אָנערקענט די מאַכט פון די סאָ־

וויעטן פאַר נישט אָננעמבאַר, פונקט ווי אוקראַינע, סיביר, קאַווקאַז און אַלע אַן אויסנאַם איבעריקע קאָזאַקן־חיילות.

פאָרזיצער פון דער מיליטערישער רעגירונג,
פאַרטרעטער פון מיליטערישן אַטאַמאַן
מ. באָגאַיעווסקי.

עלטסטע פון די דאָנער חיילות: יעלאַטאָנצעוו, פאָליאַקאָוו, מיעלניקאָוו.

אין דער דעלעגאַציע, וואָס איז געשיקט געוואָרן דורך דער דאָנער רעגירונג קיין טאַגאַנראָג צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די באָלשעוויקעס, האָבן זיך געפונען אויך די מיטגלידער פון קאַמיענסקער רעווקאָם — לאַגוטין און סקאַטשקאָוו. פאָדטיאָלקאָוו און די איבעריקע זענען צייטווייליק פאַרהאַלטן געוואָרן אין נאָוואָטשערקאַסק, און דערווייל האָט טשערניעצאָווס אָפּטיילונג פון עטלעכע הונדערט באַגנעטן, מיט אַ שווערער באַטאַרייע אויף פלאַטפאָרמעס און צוויי לייכטע האַרמאַטן, אין אַ ווילדן אָנגריף פאַרנומען די סטאַנציעס זוויערעוואָ—ליכאַיע און, איבערלאָזנדיק דאָרט איין ראָטע מיט צוויי האַרמאַטן אַלס דעקונג, האָט זי מיט די הויפּט־קרעפטן אָנגעהויבן אַן אָנגריף אויף קאַמיענסק. צעברעכנדיק דעם ווידערשטאַנד פון די רעוואָלוציאָנערע קאָזאַקישע טיילן הינטער דער קליינער באַן־סטאַנציע „צפונדיקער דאָניעץ”, האָט טשערניעצאָוו דעם *17*־טן יאַנואַר פאַרנומען קאַמיענסק. אָבער שוין אין עטלעכע שעה אַרום איז דערהאַלטן געוואָרן אַ ידיעה, אַז סאַבלעוס רויטגוואַרדייאישע אָפּטיילונגען האָבן אַרויסגעשטויסן פון זוויערעוו און דערנאָך אויך פון ליכאָיע די טשערניעצאָווצעס, וואָס זענען דאָרט געבליבן אַלס דעקונג. טשערניעצאָוו האָט זיך אומגעקערט. אין אַ קורצער פראָנט־אַטאַקע צעקלאַפּט די דריטע מאָסקווער אָפּטיילונג, לייטיש דערלאַנגט דער כאַרקאָווער אָפּטיילונג און אָפּגעוואָרפן די פּאַניש־אָפּטרעטנדיקע רויטאַרמייער אויף זייער פריערדיקער פּאָזיציע.

נאָכדעם ווי די לאַגע אין דער ריכטונג פון ליכאָיע איז צוריקגעשטעלט געוואָרן, האָט טשערניעצאָוו איבערגענומען די איניציאַטיוו און זיך אומגעקערט קיין קאַמיענסק. דעם 19-טן יאַנואַר האָט ער פון נאָוואָטשערקאַסק באַקומען שטיצע און באַשלאָסן צומאָרגנס אָנצוגרייפן גלובאָקאָיע.

אויף דער מיליטערישער באַראַטונג איז באַשלאָסן געוואָרן, לויטן פאָרשלאַג פון סאָטניק לינקאָוו, אַרומצורינגלען און נעמען גלובאָקאָיע. טשערניעצאָוו האָט זיך געשראָקן אָנצוגרייפן לענגאויס דער באַן-ליניע, ווייל ער האָט מורא געהאַט צו באַגעגענען אין דער ריכטונג אַן עקשנותדיקן ווידערשטאַנד פון די טיילן פון קאַמיענסקער רעווקאָם און די רויטגוואַרדייאישע אָפטיילונגען, וואָס זענען אָנגעקומען פון טשאָרטקאָוו.

ביינאַכט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס טיפע אַרומרינגלען. טשערניעצאָוו אַליין האָט אָנגעפירט מיט דער קאָלאָנע.

ערשט פאַרטאָג איז ער אָנגעקומען צו גלובאָקאָיע. שנעל איז געמאַכט געוואָרן די איבערגרופּירונג, און די קאַמף-ליניע האָט זיך פונאַנדערגעשיט. אַרויסגעבנדיק די לעצטע פאַראָרדענונגען, איז טשערניעצאָוו אַראָפּגעשטיגן פון פערד און, אויפטייענדיק זיך די פאַרשטאַרטע פיס, האָט ער הייזעריק באַפוילן איינעם פון די ראָטע-קאָמאַנדירן:

— אָן צערעמאָניעס, עסאַול. איר האָט מיך פאַרשטאַנען?

ער האָט אונטערגעסקריפּעט מיט די שטיוול איבערן האַרטן שניי-שיכט, זייטיק אַראָפּגערוקט די גרויע קאַראַקולענע פּאַפּאַכע, זיך צערייבנדיק דאָס ראָזע אויער מיט דער הענטשקע. אונטער זיינע העלע דרייסטע אויגן האָבן זיך געזען בלויע רינגען פון שלאָפלאָזיקייט. די ליפּן האָבן געפרוירן זיך געקנייטשט. די קורץ אונטערגעשוירענע וואָנסעס זענען באַדעקט געווען מיט טויגעפריר.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָנגעוואַרעמט, איז ער אַרויפגעשפּרונגען אויפן פערד, זיך גלייך געמאַכט די פאַלבן אויפן אָפיצירישן פעלצל פון האַקי-קאָליר און, אַראָפּנעמענדיק די לייצן פון

זאָטל־האָרן, האָט ער אַ טרייב געטון דעם פליכיקן געלן דאָנער און אַנטשלאָסן און זיכער אַ שמייכל געטון:

— מיר הייבן אָן!

XII

דער אונטערעסאַול איזוואַרין איז אַנטלאָפן פון פולק נאָך פאַרן צוזאַמענפאָר פון פראָנט־קאָזאַקנטום אין קאַמיענסק. מיט אַ טאָג פריער איז ער געווען ביי גריגאָריען, גערעדט מיט אים און כלאחר־יד געגעבן אָנצוהערן וועגן זיין אַוועקגיין:

— אין דער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן איז שווער צו דינען אין פולק. די קאָזאַקן וואַקלען זיך צווישן צוויי עקסטרעמיטעטן — די באָלשעוויקעס און דער פריערדיקער מאָנאַרכיסטישער אָרדענונג. קאַלעדינס רעגירונג וויל קיינער נישט שטיצן, טיילווייז דערפאַר, וואָס ער טראָגט זיך אַרום מיט זיין פאַריטעט, ווי מיט אַ הייליקייט, און אונז איז נייטיק אַ מענטש מיט אַ פעסטן ווילן, וואָס זאָל קאָנען אָנווייזן די פרעמד־צוגעקומענע זייער געהעריק אָרט... אָבער איך מיין, אַז ס'איז גלייכער אין איצטיקן מאָמענט צו שטיצן קאַלעדינען, כדי נישט צו פאַרשפילן אַלץ. — שווייגנדיק אַ ווײַלע, האָט ער פאַררייכערט און געפרעגט: — דו... האָסט, דאַכט זיך, אָנגענומען די רויטע אמונה?

— כמעט, — האָט גריגאָרי מספים געווען.

— אויפריכטיק, אָדער דו שטעלסט, ווי גאָלובאָוו, אויף דער פאָפולאַריטעט צווישן די קאָזאַקן.

— מיר איז די פאָפולאַריטעט נישט נייטיק: איך זוך פאַר מיר אַליין אַן אויסגאַנג.

— דו ביסט אַריין אין אַ טעמפ ווינקל און נישט געפונען קיין אויסגאַנג.

— דאָס וועלן מיר זען...

— איך האָב מורא, גריגאָרי, אַז מיר וועלן זיך באַגעגענען ווי שונאים.

— אויפן שלאַכט־פעלד דערקענט מען נישט קיין פריינט, יעפים איוואַניטש, — האָט גריגאָרי אַ שמייכל געטון.

איזוואַרין איז געזעסן אַ ווײַלע און אָוועקגעגאַנגען. און צומאָרגנס איז ער פאַרשוואונדן, — ווי אין וואַסער אַרײַנגעפאַלן.

אין טאָג פון צוזאַמענפאָר איז צו גריגאָריען געקומען אַ קאָזאַקישער אַטאַמאַן פון לעביאַזשעוער כוטאָר, וויעשענסקער סטאַניצע. גריגאָרי האָט גראָד גערייניקט און אויסגעשמירט זײַן רעוואָלווער מיט בוימל. דער אַטאַמאַן איז געזעסן אַ ווײַלע, און ערשט פאַרן אַוועקגיין געזאָגט, כלומרשט כלאחר־יד, בשעת געקומען איז ער אויסשליסלעך צוליב דעם (ער האָט געוואוסט, אַז ליסטניצקי, דער געוועזענער אָפיציר פון אַטאַמאַנישן פולק, האָט צוגענומען ביי גריגאָריען דאָס ווייב און, צופעליק דערזעענדיק אים אויפן וואָקזאַל, איז ער געקומען מיטטיילן):

— גריגאָר פאַנטעלעוויטש, און איך האָב היינט ביי דער סטאַציע געזען דיין פריינט.

— וועלכן?

— ליסטניצקין. קענסט אים?

— ווען האָסטו אים געזען? — האָט גריגאָרי לעבהאַפט גע־פרעגט.

— מיט אַ שעה צוריק.

גריגאָרי האָט זיך געזעצט. די לאַנגסטיקע באַליידיקונג האָט זיין האַרץ פאַרדריקט, ווי מיט וועלפישע נעגל. ער האָט נישט געפילט די שנאה צו זיין שונא מיט דער זעלבער שטאַרקייט, וואָס אַמאָל, אָבער געוואוסט, אַז אויב ער וועט זיך מיט אים באַגעגע־נען אַצינד, אין די באַדינגונגען פון דער אָנגעהויבענער בירגער־קריג, — וועט צווישן זיי זיכער קומען צו בלוט־פאַרגיסונג. אומגע־ריכט דערהערנדיק וועגן ליסטניצקין, — האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די אַלטע וואונד איז דורך דער צייט נישט פאַרוואַקסן געוואָרן: עס איז גענוג מען זאָל זי מיט אַ נישט פאָרזיכטיק וואָרט אָנרירן, —

און זי וועט אָנהייבן בלוטיקן. גריגאָרי וואָלט אַצינד מיט גרויס תענוג נקמה גענומען פאַרן אַמאָליקן, — דערפאַר, וואָס צוליב דער שולד פון אַ פאַרשאָלטענעם מענטש האָט זיין לעבן אָפּבליאַקירט, און אויפן אָרט פון דער פרייערדיקער פולבלוטיקער גרויסער פרייד, איז געבליבן אַ נאָגנדיקע הונגעריקע בענקשאַפט, אַן אויסגעקראָכנקייט.

שווייגנדיק אַ וויילע, פילנדיק ווי די שוואַכע רויטקייט פאַרשווינדט פון זיין פנים, האָט ער געפרעגט:

— ער איז געקומען אַהער — דו ווייסט נישט?

— איך צווייפל. ער פאָרט מסתמא קיין טשערקאַסק.

— אַ־אַ־אַ...

דער אַטאַמאַן האָט גערעדט אַ ביסל וועגן צוזאַמענפאָר, וועגן די נייעסן אין פולק און איז אַוועקגעגאַנגען. אין משך פון די קינפטיקע טעג האָט גריגאָרי זיך באַמיט און דאָך נישט געקאָנט פאַרלעשן די ווייטיק, וואָס האָט געטליעט אין זיין האַרץ. ער האָט זיך אַרומגעדרייט ווי אַ פאַרטשאַדעטער, מער ווי געווײנטלעך געטראַכט וועגן אַקסיניען, און אַ ביטערקייט האָט אָנגעפולט זיין מויל און פאַרשטיינערט זיין האַרץ. ער האָט אויך געטראַכט וועגן נאַטאַליען, וועגן די קינדערלעך, אָבער די פרייד פון דעם איז שוין געווען אַ לאַנגווייליקע, אַ גלייכגילטיקע. דאָס האַרץ האָט געלעבט מיט אַקסיניען, צו איר האָט אים אויפסניי אַ ציי געטון — שווער און מעכטיק.

פון קאַמיענסק איז אויסגעקומען אייליק אָפּצוטרעטן, ווען טשערניעצאָוו האָט אָנגעגריפן די צעוואָרפענע אָפּטיילונגען פון דאָנרעווקאָם. די האַלב־צעשטויבטע קאָזאַקן־סאָטניעס האָבן אין אומאָרדענונג זיך פאַרלאָדנט אויף די צוגן, אָדער אָפּמאַשירט, אי־בערלאָזנדיק אַלץ, וואָס איז נישט באַקוועם אָדער שווער געווען מיטצונעמען. עס האָט זיך דייטלעך געפילט אַ מאַנגל אין אָרגאַניזאַציע, אין אַ מענטש מיט אַ פעסטער האַנט, וואָס זאָל די באמת באַדייטנדע כוחות צונויפנעמען און מיט זיי אָנפירן.

פון דער צאָל אויסגעווײלטע קאָמאַנדירן האָט זיך אויסגע־

טיילט דער פון ערגעץ אין די לעצטע טעג אויפגעטויכטער מיליטערישער עלטסטער גאָלובאָוו. ער האָט איבערגענומען די אָנפירונג איבערן צומיינסט קעמפערישן 27־סטן קאָזאַקישן פולק, און מיט איינמאָל אַוועקגעשטעלט דעם ענין שאַרף און זאַכלעך. די קאָזאַקן האָבן זיך אים אונטערגעוואָרפן אָן ווידערשטאַנד, זעענדיק אין אים דאָס, וואָס האָט געפעלט דעם פולק: אַ מענטש, וואָס קאָן פּאַראייניקן, איינטיילן די פליכטן, פירן. דאָס האָט ער, גאָלובאָוו, אַ דיקער אָפיציר, מיט פוכיקע באַקן און עזותדיקע אויגן, פאָכענדיק מיט דער שווערד, געשריגן ביי דער סטאַציע אויף די קאָזאַקן, וואָס האָבן געצעגערט מיטן אויפלאָדענען:

— וואָס מיינט איר מיט זיך? אין באַהעלטעניש שפּילט איר?... אין אייערע מאַמעס אַריין!... לאָדענען!... אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע באַפעל איך אייך גלייך זיך אונטערצוּוואַרפן!... וואָ־אָ־אָס?... ווער איז אַ דעמאַגאָג? איך וועל דערשיסן!... שווייגן!... איך בין נישט קיין חבר פון סאַבאָטאַזשניקעס און באַהאַלטענע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן!

און די קאָזאַקן האָבן זיך אונטערגעוואָרפן. אַ סך איז דאָס אפילו געפעלן געוואָרן, — זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן פון אַלטן זיך אָפּצוגעוואוינען. און אַמאָל איז דאָך געווען אַזוי, אַז וואָס אייִנער האָט העכער געשריגן — אַלץ אַ בעסערער קאָמאַנדיר איז ער געווען אין די אויגן פון די קאָזאַקן. וועגן אַזעלכע ווי גאָלובאָוו, פלעגט מען זאָגן: „ער וועט די הויט אַראָפּציִען, אויב מען וועט זיך פאַרשולדיקן, און אַ נייע אַרויפנייען, אויב מען וועט זיך צוריק דערדינען".

די טיילן פון דאָנרעוואָקאָם זענען אָפּגעפלאָסן און פאַרפלייצט גלובאָקאָיע. די אָנפירונג איבער אַלע קרעפטן איז אין דער ווירקלעכקייט איבערגעגאַנגען צו גאָלובאָוון. ער האָט אין משך פון נישט גאַנצע צוויי טעג פאַראייניקט די דעזאָרגאַניזירטע טיילן און אָנגענומען די געהעריקע מיטלען צו באַפעסטיקן גלובאָקאָיע. מעליעכאָוו גריגאָרי האָט אויף זיין באַפעל קאָמאַנדעוועט מיט אַ

דיוויזיע פון צוויי סאָטניעס פון צווייטן רעזערוו-פּולק און מיט איין סאָטניע אַטאַמאַנצעס.

דעם 20-סטן יאַנואַר פאַרנאַכט איז ער אַרויסגעגאַנגען פון זיין וואוינונג, כדי צו קאָנטראָלירן די וואַכן פון די אַטאַמאַנצעס, וואָס זענען אויסגעשטעלט געוואָרן פאַר דער ליניע, און ביים סאַמע טויער באַגעגנט פּאָדטיאָלקאָוון. יענער האָט אים דערקענט.

— דו ביסט עס, מעליעכאָוו ?

— איך.

— וואוהין גייסטו דאָס ?

— די וואַכן קאָנטראָלירן. ביסט שוין לאַנג פון טשערקאַסק ? נו, וואָס הערט זיך ?

פּאָדטיאָלקאָוו האָט זיך אָנגעכמורעט.

— מיט די פאַרשאָלטענע שונאים פון פאָלק וועסטו מיט גוטן נישט דורכקומען. האָסט געזען — וואָס פאַר אַ שפּיצל זיי האָבן אונז אָפּגעטון ? זיי פירן אונטערהאַנדלונגען... און איינצייטיק טשערניעצאָוון אויף אונז אַרויסגעשיקט. וואָס פאַר אַ שלאַנג דער קאַלעדין איז ! ? נו, איך האָב קיין צייט נישט, — איך איל אין שטאַב אריין.

ער האָט אייליק זיך געזעגנט מיט גריגאָריען און מיט ברייטע טריט אַוועקגעגאַנגען.

נאָך פאַרן אויסקלויבן אים אַלס פאָרזיצער פון רעווקאָם, האָט ער שוין שטאַרק זיך געענדערט אין די באַציִונגען צו גריגאָריען און די איבעריקע באַקאַנטע קאָזאַקן. אין זיין קול האָבן זיך דערהערט טענער פון גאווה און פאַרריסנקייט. די מאַכט האָט דעם פּשוטן קאָזאַק פאַרדרייט דעם קאָפּ, ווי אַלקאָהאָל.

גריגאָרי האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון שינעל, גענומען גיין מיט אייליקע טריט. די נאַכט איז געווען אַ פראָסטיקע. אַ ווינט האָט געבלאָזן פון דער קירגיזער זייט. דער הימל איז געוואָרן העלער. אַלץ האָט צוזעענדיק געפרירט. דער שניי האָט דראָבנע געסקריפּעט. די לבנה איז אויפגעגאַנגען שטיל און זייטיק,

ווי אַן אינוואַליד אויף אַ לייטער. נאָך די הייזער האָט אין בין־השמשותדיקער פּיאָלעטער בלויקייט זיך געריכערט דער סטעפּ. עס איז געווען יענע פאַרנאַכטיקע שעה, ווען עס ווערן פאַרווישט אַלע קאָנטורן, אַלע ליניעס, אַלע פאַרבן און שטחים; ווען דאָס באַטאָגיקע ליכט פלאָנטערט זיך נאָך מיטן אָוונטיקן, נישט צום אָפּרייסן, און אַלץ זעט אויס נישט רעאַל, לעגענדאַריש, נעפּלהאַפט; און אפילו די ריחות, פאַרלירנדיק זייער שאַרפקייט, באַקומען אין דער שעה זייערע באַזונדערע מאַטע שאַטירונגען.

נאָכן קאָנטראָלירן די וואַכן האָט גריגאָרי זיך אומגעקערט אַהיים. דער באַלעבאָס, אַ באַן־אָנגעשטעלטער, אַ מענטש מיט אַ שטשערב און אַן אויסגעלאַסן פּנים, האָט אויפגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר און זיך געזעצט צום טיש.

— איר וועט אַטאַקירן?

— דאָס איז אומבאַוואוסט.

— אָדער איר וועט אָפּוואַרטן אויף זיי?

— דאָס וועט מען זען.

— פולשטענדיק ריכטיק. צו אַטאַקירן, מיין איך, האָט איר נישט מיט וואָס, — איז שוין טאַקע גלייכער צוצוואַרטן. ס׳איז באַקוועמער זיך צו פאַרטיידיקן. איך אַליין האָב דורכגעמאַכט די דייטשישע מלחמה אַלס סאַפּער, האָב אַ ידיעה אין טאַקטישער סטראַטעגיע... אַ ביסל צו וויניק קרעפטן ביי אייך?

— ס׳וועט קלעקן, — האָט גריגאָרי פון לעסטיקן שמועס זיך אַרויסגעדרייט.

אָבער דער באַלעבאָס האָט ווידער עקשנותדיק זיך אויסגעפרעגט, געדרייט אַרום דעם טיש, קראַצנדיק זיך אונטערן געוואַנטענעם וועסט דעם בויך, וואָס איז אַזוי דאַר געווען ווי ביי אַ פיש.

— אַרטילעריע האָט איר עפּעס אַ סך? האַרמאַטלעך, האַרמאַטלעך?

— ביסט געווען אין מיליטער, און קענסט נישט די

דינסט ! — האָט גריגאָרי געזאָגט מיט קאַלטן צאָרן און אַזוי אַ בלינצל געטון מיט די אויגן, אַז דער באַלעבאָס איז ווי אַ פּאַר־חלשטער אין דער זייט אַוועקגעפאַלן : — האָסט געדינט און ווייסט נישט !... וואָס פאַר אַ רעכט האָסטו מיך אויסצופרעגן וועגן דער צאָל פון אונזער מיליטער און אונזערע פּלענער ? אָט וועל איך דיך אַוועקפירן אויף אַן אויספאָרשונג...

— הער... אָפיציר !... טיי... טייבעלע !... — האָט דער בלייך־געוואָרענער באַלעבאָס געשלונגען, זיך געשטיקט מיט די ווערטער, און דער שטשערב איבער זיין פאַרמאַכט מויל איז שוואַרץ גע־וואָרן : — אויס נאַ... אויס נאַרישקייט ! זייט מיר מוחל !...

ביי דער טיי האָט גריגאָרי עפּעס צופעליק אויפגעהויבן דעם בליק, באַמערקט, ווי זיינע אויגן האָבן שאַרף אַ מרוגע געטון ווי פון אַ בליץ, און ווען די וויִעס האָבן זיי אויפגעדעקט, — איז דער אויסדרוק געווען אַן אַנדערער, אַ צערטלעכער און כמעט פאַר־געטערנדיקער. די פאַמיליע פון באַלעבאָס — אַ פרוי מיט צוויי דער־וואַקסענע טעכטער — האָבן זיך דורכגעשמועסט שעפּטשענדיק. גריגאָרי האָט נישט אויסגעטרונקען דאָס צווייטע טעפּעלע און איז אַוועקגעגאַנגען אין זיין צימער אַריין.

אינגיכן זענען פון ערגעץ געקומען די זעקס קאָזאַקן פון דער פערטער סאָטניע פון צווייטן רעזערוו־פּולק, וואָס האָבן געוואוינט אין צימער צוזאַמען מיט גריגאָריען. זיי האָבן רויִשיק געטרונקען טיי, זיך דורכגעשמועסט, געלאַכט. שוין איינשלאָפנדיק, האָט גרי־גאָרי געהערט אָפּגעריסענע ווערטער פון זייער שמועס. איינער האָט דערציילט (גריגאָרי האָט דערקענט לויטן קול דעם אונטער־אָפיציר באַכמאַטשעוו, אַ קאָזאַק פון דער לוגאַנסקער סטאַניצע), די איבעריקע האָבן געמאַכט באַמערקונגען.

— דאָס איז פאָרגעקומען אין מיין קעגנוואַרט. עס קומען דריי גרובן־אַרבעטער פון גאָרלאָווער, ראַיאָן, פון גרובן נומער עלף, און זאָגן : מיר האָבן אַזאַ און אַזאַ גאַרניזאַציע, און ניי־טיקן זיך אין געווער — טיילט זיך מיט אונז מיט וואָס איר קאָנט. און פאָדטיאָלקאָוו... איך האָב דאָך אַליין געהערט ! — האָט ער

געהערט דאָס קול, ענטפערנדיק אויף עמעצנס נישט דייטלעכער רעפּליק, — פּאָדטיאָלקאָוו זאָגט זיי: „ווענדט זיך, חברים, צו סאַ־בלינען, מיר האָבן גאָרנישט". וואָס הייסט מיר האָבן נישט? איך האָב דאָך געוואוסט, אַז עס זענען יאָ דאָ איבעריקע ביקסן. אָבער נישט אין דעם גייט עס... עס איז אויפגעשוואומען אַ געדאַנק, אַז די פּויערים הייבן זיך אָן אַריינמישן.

— ריכטיק, — האָט דער צווייטער געזאָגט. — גיב זיי גע־ווער, וועלן זיי — אָדער יאָ, אָדער נישט מלחמה האַלטן. אָבער ריר דיך נאָך צו צו דער ערד, — וועלן זיי די הענט אויס־שטרעקן.

— מיר קענען דעם עולם! — האָט אַ דריטער מיט אַ באַס געזאָגט.

באַכמאַטשעוו האָט פאַרטראַכט געקלונגען מיטן טיי־לעפעלע איבערן גלאָז; צוקלאַפּנדיק דערמיט צום טאַקט פון זיינע רייד, האָט ער געלאַסן געזאָגט:

— ניין, עס טויג נישט אַזוי. די באָלשעוויקעס גייען אויף הנחות פאַרן גאַנצן פאָלק, און מיר זענען באָלשעוויקעס — בלויז מיט אַ תנאי. לאָמיר נאָר, הייסטעס, קאָלעדינען אַראָפּוואַרפן, וועלן מיר שוין שפּעטער זען...

— אָבער ליבער מענטש! — האָט עמעצנס אומזיכערער, כמעט יינגלערישער אַלט איבערצייגנדיק אויסגעשריגן: — פאַרשטיי, אַז מיר האָבן נישט פון וואָס צו געבן! גוטע ערד פאַלט אויס אויף אַ פּיי אַנדערהאַלבן דיעסאַטין, די איבעריקע — איז ליימיק, בלויז ראַוועס און גריבער. מיר האָבן נישט וואָס צו געבן.

— וועט מען ביי דיר טאַקע נישט נעמען, אָבער ס'זענען דאָך דאָ אַזעלכע, וואָס האָבן אַ סך ערד.

— און די קהלישע ערד?

— אַ שיינעם דאַנק דיר! גיב אַוועק דאָס אייגענע העמד, און גיי פּעטלען אין דער פרעמד... דאָס איז גאָר אַ חכמה!

— די קהלישע ערד וועט אונדז אַליין צונויץ קומען.

— וואָס איז דאָ צו טענהן.

— די גיריקייט פרעסט אויף!

— וואָס פאַר אַ גיריקייט דאָרט!

— אפשר וועט אויסקומען די אייגענע קאָזאַקן פון די איי-בערשטע ברעגן דאָן איבערצופירן. מיר קענען זייער ערד — בלויז געלט זאַמד.

— דאָס איז עס דאָך!

— נישט מיר וועלן דעם ענין באַזאָרגן.

— אָן בראָנפן וועסטו דאָ צו גיין טאָלק נישט דערגיין.

— עך, יאַטן! אַנומלט האָט מען דאָ צעקלאַפּט אַ בראָנפן-סקלאַד. איינער איז אין שפּירט דערטרונקען געוואָרן, זיך דער-שטיקט.

— איך וואָלט אַצינד אויך אַ מסה געמאַכט. אַזוי, עס זאָל איבער אַלע אברים זיך צעגיין.

גריגאָרי האָט איינשלאָפנדיק געהערט, ווי די קאָזאַקן האָבן געבעט אויפן דיל, געגענעצט, זיך געקראַצט, אַלץ אויפן זעלבן אופן איינגעטענהט וועגן דער ערד, וועגן טיילן זיך.

פאַרטאָג האָט הינטערן פענסטער אַ קנאַל געטון אַ שאָס. די קאָזאַקן זענען אויפגעשפּרונגען. אָנטועענדיק דעם מונדיר, האָט גרי-גאָרי נישט אַריינגעטראָפן אין די אַרבל. ער האָט לויפנדיק אַרויס-געצויגן אויף זיך די שטיוול, געכאַפּט דעם שינעל. הינטערן פענ-סטער האָבן געפּלאַצט און אויפגעפלאַקערט שאָסן. עס איז דורכ-געלאָפן מיט גערויש אַ וואָגן. עמעצער האָט בהלהדיק געשריגן ביי דער טיר:

— צום געווער!... צום געווער!...

טשערניעצאָווס טיראַליערן האָבן אָפּגעשטויסן די וואַכן און אַריינגעגאַנגען קיין גלובאָקאָיע.

אין דער גרויער כמורנער פינסטערניש האָבן אַרומגעפלאַ-טערט רייטער, עס זענען געלאָפן, קלאַפּנדיק מיט די שטיוול, אינ-פאַנטעריסטן. אויפן אָרט, וואו די גאַסן קרייצן זיך, איז אויפגע-שטעלט געוואָרן אַ קוילנוואַרפער. קווער דער גאַס האָט זיך אויס-געצויגן אַ קייט, וואָס איז באַשטאַנען פון דרייסיק קאָזאַקן. אַ צוויי-

טע קייט איז אַריבערגעלאָפן זייטיק אין אַ געסל אַריין. עס האָבן געקלונגען די ביקסן־שלעסער, אַריינגעמענדיק קוילן. פון צווייטן קוואַרטאַל האָט זיך געהערט דאָס קלינגענדיקע קול פון דער קאָמענדע:

— דריטע סאָטניע, שנעלער! ווער ברעכט דאָרט די ליניע?... אַכטונג! דאָס מאַשינגעווער — אויפן רעכטן פלאַנג! גרייט? סאָ־אָ־טניע...

עס האָט זיך דערהערט דאָס פילדערן פון אַ פאַרבייפאָרנדיקער באַטאַרייע. די פערד זענען געגאַנגען אין גאַלאָפ. די אָנטרייבערס האָבן געפאָכעט מיט די נאַהייקעס. דאָס קלינגען פון די קוילן־קאַסטנס, דאָס האַקן פון די רעדער, דאָס ליאַרמען פון די לאַפעטן האָט זיך אויסגעמישט מיט דער שיסעריי, וואָס איז אויפגעקוואָלן אין די ראָגן. מיטאַמאָל האָבן ערגעץ נאָענט אַ רעווע געטון קוילנוואַרפערס. זיך פאַרטשעפענדיק אין שכנותדיקן ווינקל אָן סלופ, וואָס איז אַריינגעגראָבן געווען ביי דער פאַליסאַדע, האָט זיך איבערגעקערט די פעלד־קיך, וואָס איז ערגעץ־וואו געלאָפן.

— בלינדער טייוול!... זעסט נישט?! די אויגן זענען דיר אַרויסגעקראָכן? — האָט פון דאָרטן ווילד געגעוועט עמעצנס אויף טויט דערשראָקן קול.

גריגאָרי האָט קוים צונויפגענומען די סאָטניע, שנעל זי אָוועקגעפירט צו דער סטאַציע. פון דאָרטן האָבן שוין געדיכט זיך געפאַקט די אָפטרעטנדיקע קאָזאַקן.

— וואוהין?... — גריגאָרי האָט אָנגעכאַפט דעם פעדערשטן ביי דער ביקס.

— לאָז אָ־אָ־פ!... — האָט דער קאָזאַק זיך אַ ריס געטון. — לאָז אָפ, נבלה?... וואָס טשעפעסטו דיך? זעסט נישט — מען טרעט אָפ?...

— זיי האָבן אָן איבערגעוויכט!...

— שפאַרן ווי די טייוולאָנים...

— וואוהין ?... אין וועלכער זייט אַריין — קיין מילעראָ־וואָ ? — האָבן זיך געטראָגן פאַרשטיקטע קולות.

גריגאָרי האָט געפּרווט אין עק סטאַניצע, לעבן עפּעס אַ לאַנגן שפּייכלער, אויסשפּרייטן זיין סאָטניע אין אַ קאַמף־ליניע, אָבער אַ נייע מחנה אַנטלויפנדיקע האָט זי פון אָרט אָפּגעוואָרפן. די קאָ־זאַקן פון גריגאָריעס סאָטניע האָבן זיך אויסגעמישט מיט די לויפנ־דיקע, און אַ טראָג געטון צוריק — אין די גאַסן אַריין.

— שטיין בלייבן !... נישט לויפן... איך שיס !... — האָט גריגאָרי געגרעוועט, ציטערנדיק פון ווילדער אויפרעגונג

מען האָט אים נישט געהאָרכט. אַ שטראָם פייער פון די מאַשינגעווערן האָט אַ פלייץ געטון לענגאויס דער גאַס ; די קאָ־זאַקן האָבן אויף אַ רגע קופּקעלעכווייז זיך אַ וואָרף געטון אויף דער ערד, צוגעקראָכן נענטער צו די כאַטעס און עוקר געווען אין די זייטיקע געסלעך אַריין.

— אַצינד, מעליעכאָוו, וועסטו שוין די לאַגע נישט באַ־הערשן ! — האָט אויסגעשריגן דער פלוטאָן־אָנפירער באַכמאַטשעוו, דורכלויפנדיק פאַרביי אים און נאָענט אים אַריינקוקנדיק אין די אויגן.

גריגאָרי איז אים נאָכגעגאַנגען, קריצנדיק מיט די ציין און פאָכענדיק מיט דער ביקס.

די פּאַניק, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די אָפּטיילונגען, האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ בהלהדיק אַנטלויפן פון גלובאָקאָיע. מען האָט אָפּגעטרעטן, איבערלאָזנדיק כמעט אַלע זאַפּאַסן. ערשט פאַרטאָג איז געלונגען צו קאָנצענטרירן די סאָטניעס און איבערגיין מיט זיי אין קאָנטר־אַטאַקע.

דער רויט־פאַרשוויצטער גאָלובאָוו, אין צעשפּיליעטן פּעלצל, איז דורכגעלאָפן פאַרביי די מאַרשירנדיקע ליניעס פון זיין 27־סטן פּולק און מיט אַ מעטאַל־געהאַרטעוועט קול געשריגן :

— מיט געמאָסטענעם טריט !... נישט לייגן זיך !... מאַרש, מאַרש !...

די פערצענטע באַטאַרייע איז אַרויסגעפאָרן אויף דער פּאָזי־

ציע און זיך צוגעגרייט צום שיסן; דער העכסטער אָפיציר, שטיי־
ענדיק אויפן קאַסטן מיט די קוילן, האָט געקוקט דורך אַ בינאָקל.

די שלאַכט האָט זיך אָנגעהויבן זעקס אַ זייגער. די אויסגעמישטע ליניעס פון די קאָזאַקן און רויט־גווארדייער פון פּיעטראָווס וואָראָנעזשער אָפּטיילונג זענען געפּלאָסן געדיכט און אַרומגעזוימט דעם שנייאיקן פּאָן מיט די שוואַרצע קייטל־שטעך פון זייערע פּי־גורן.

פון מזרח האָט געצויגן אַ פּראַקטיקער ווינט. פון הינטערן וואָלקן אַפּער, וואָס איז אָפּגערוקט געוואָרן דורכן ווינט, האָט זיך באַוויזן דער בלוטיק־רויטער ברעג פון זון־אויפגאַנג.

גריגאָרי האָט אַוועקגעפירט אַ העלפט פון דער אַטאַמאַני־שער סאָטניע אַלס דעקונג פון דער פּערצענטער באַטאַרייע און מיט דער רעשט געגאַנגען אין אָנגריף.

דער ערשטער גראַנאַט, וואָס איז אויסגעשאָסן געוואָרן אויף פּרווו, איז געפאַלן ווייט פאַר דער ליניע פון די טשערניעצאָווצעס. די צעפּאַטלטע אָראַנזש־בלויע פּאָן פון אויפרייס האָט זיך אַ טראָג געטון אינדערהייך. זאַפּטיק האָט געפּלאַצט דער צווייטער אויפ־רייס. דאָס שיסעריי איז געפירט געוואָרן דורך די האַרמאַטן מיט אַ סדר.

ווזי־ווזי־ווזי !... — איז געפלויגן אַ גראַנאַט, זיך דערוויי־טערנדיק.

אַ רגע געשפּאַנטע שטילקייט, וואָס ווערט אונטערגעבראָכן דורך די זאַלפּן פון די ביקסן, — און אַ ווייטער קלינגענדיקער אָך פון אויפרייס. נאָך די ערשטע שאָסן האָבן די גראַנאַטן רייענווייז אָנגעהויבן פאַלן נאָענט פון דער ליניע. זשמורענדיק זיך פון ווינט, האָט גריגאָרי מיט אַ געפיל פון באַפרידיקונג אַ טראַכט געטון: „מיר האָבן זיי אָנגעטאַפּט".

אויפן רעכטן פלאַנג זענען געגאַנגען די סאָטניעס פון 44־סטן פּולק. גאָלובאָוו האָט געפירט זיין פּולק אין צענטער. גריגאָרי האָט זיך געפונען לינקס פון אים. נאָך זיי, אָפּשליסנדיק דעם לינקן פלאַנג, זענען געגאַנגען די רויטגווארדייאישע אָפּטיילונגען. צו

גריגאָריעס סאָטניעס זענען צוגעגעבן געוואָרן דריי קוילנוואָרפער. זייער קאָמאַנדיר, אַ מיטלוואוקסיקער רויטגוואַרדייער, מיט אַ מרה־שחורהדיק פּנים און געדיכט־באַוואַקסענע ברייטע הענט, האָט קונציק געפירט די שיסעריי, פּאַראַליזירנדיק די אָנגרייפנדיקע מאַנעווערס פון שונא. ער האָט די גאַנצע צייט זיך געפונען לעבן קוילנוואָרפער, וואָס האָט זיך גערוקט צוזאַמען מיט דער ליניע פון די אַטאַמאַנצעס. לעבן אים איז געווען אַ קרעפּטיקע פרוי, אַ רויט־גוואַרדייערין, אָנגעטון אין אַ שינעל. דורכגייענדיק לענגאויס דער ליניע, האָט גריגאָרי בייז אַ טראַכט געטון: „אַ ווייבערניק! גייט אויף דער פּאָזיציע — און קאָן דאָ אויך מיט דער באַבע זיך נישט צעשיידן. פיר מלחמה מיט אַזעלכע!... ער וואָלט אין איין וועגס שוין מיטגענומען די קינדער מיט דער פּערינע און אַלע איבעריקע חפצים!...״ דער אָנפירער פון דער מאַשינגעווער־קאָמאַנדע איז צוגעגאַנגען צו גריגאָריען און גלייך געמאַכט די שנור פון רעוואָלווער אויף זיין ברוסט.

— איר קאָמאַנדעוועט מיט דער אָפּטיילונג?

— יאָ, איך!

— איך וועל אָנהייבן אַ פאַרשפּאַרנדיק פייער אויפן אָפּשניט פון דער אַטאַמאַנישער האַלבער סאָטניע. ווי איר זעט — לאָזן זיי אונז נישט דורכגיין.

— האַקט, — האָט גריגאָרי מסכים געווען און זיך אויסגעדרייט אויפן געשריי, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון פאַרשוויגענעם קוילנוואָרפער.

אַ בערדיקער, פעסט־געבויטער סאָלדאַט פון דער באַדינונג האָט פאַרביסן געשריגן:

— בונטשוק!... מיר וועלן צעשמעלצן דאָס מאַשינדל!... טייוול היהשער, מען קאָן דען אַזוי?

לעבן אים איז געשטאַנען אויף די קניען די פרוי אין שינעל. אירע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן געברענט אונטערן וואָלענעם טיכל, האָבן גריגאָריען דערמאַנט אָן אַקסיניען. אַ טרויער

האָט זיך באַוויזן אין זיינע אויגן, און ער האָט אַ רגע שטאַר גע־קוקט אויף איר מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם.

מיטאָג־צייט איז צו גריגאָריען געקומען אין גאַלאָפּ פון גאָ־לובאָוון אַן אָרדינאַנס מיט אַ צעטלע. אויפן נישט גלייך אויס־געריסענעם שטיקל פּאַפּיר פון נאָטיץ־ביכל, איז מיט אַ קרום בריט כתב געווען אָנגעשריבן:

איך באַפעל אייך אין נאָמען פון דאָנער רעווקאָם גיך אַראָפּצונעמען פון דער פּאָזיציע די צוויי סאָטניעס, וואָס זענען איבערגעגעבן געוואָרן אונטער אייער אָנפירונג, און אין איילִיקן אַליור אַרומצורינגלען דעם רעכטן פלאַנג פון שונא, גייענדיק אין דער ריכטונג פון אָפּשניט, וואָס זעט זיך פונדאַנען, עטוואָס לינקער פון דער ווינט־מיל, לענגאויס דעם טאָל... מאַסקירט די באַוועגונג (עטלעכע נישט לייענ־באַרע ווערטער...) אַטאַקירט פון פלאַנג, ווי נאָר מיר וועלן איבערגיין אין אַנטשלאָסענעם אָנגריף.

גאָלובאָוו.

גריגאָרי האָט אָוועקגעפירט אין דער זייט זיינע צוויי סאָט־ניעס, באַפוילן די קאָזאַקן אויפצוזיצן אויף די פערד און אַוועקגע־ריטן צוריק, באַמיענדיק זיך צו מאַסקירן פאַרן שונא די ריכטונג פון זיין וועג.

זיי האָבן געמאַכט אַ קרייז פון צוואַנציק ווי׳אָרסט. די פערד זענען געגאַנגען, זינקענדיק אין טיפן שניי. דער טאָל, איבער וועלכן זיי האָבן זיך באַוועגט, איז הויך פאַרשיט געווען מיט שניי. ערטערווייז האָט ער געגרייכט די פערד ביז די בייכער. זיך איינהערנדיק אין דער האַרמאַטן־שיסעריי, האָט גריגאָרי כסדר אומרויִק געקוקט אויפן זייגער, וואָס איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער האַנט פון אַ דייטשישן אָפיציר, אַ דערהרגעטן אין רו־מעניען, — ער האָט מורא געהאַט נישט צו פאַרשפּעטיקן. ער האָט אַלעמאָל קאָנטראָלירט די ריכטונג לויטן קאָמפּאַס — און דאָך אָפּ־געבייגט לינקס עטוואָס מער, ווי מען האָט געדאַרפט. זיי זענען

מיט אַ ברייטן זייטיקן וועג אַרויסגעקומען אויפֿן אָפֿענעם פֿעלד. די פֿערד האָבן זיך געדרייט איבערצוגייען אויף שווייס, זענען נאָס געווען אין די פּאַכוועס. אַרויסגעבנדיק אַ באַפֿעל אַראָפּצושטייגן, איז גריגאָרי דער ערשטער אַרויפֿגעלאָפֿן אויפֿן בערגל. די פֿערד זענען געבליבן אין טאָל מיט די אָנטרייבערס. נאָך גריגאָריען זענען איבער דער שיפּוע אַרויפֿגעלאָפֿן די קאָזאַקן. ער האָט זיך אומגעקוקט, דערזען הינטער זיך מער ווי הונדערט פּוסגייער, שיטער פֿונאַנדערגעשפּרייט איבער דער שנייאיקער שיפּוע, און זיך דערפֿילט זיכערער, שטאַרקער. אין קאַמף האָט תמיד שטאַרק געהערשט איבער אים, ווי איבער איטלעכן, דאָס סטאַדע־געפֿיל. אָריענטירנדיק זיך אין דער לאַגע, האָט גריגאָרי פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט פֿאַרשפּעטיקט, נישט נעמענדיק אין אַכט דעם שווערן וועג, מינדעסטנס אויף אַ האַלבער שעה.

גאָלובאָוו האָט מיט אַ דרייסטן סטראַטעגישן צוג כמעט אָפּגעשניטן די טשערניעצאָווצעס דעם וועג צום אָפּטרעטן. פֿון די זייטן אויסגעשטעלט דעקונג און מיט אַ פֿראָנט־אַטאַקע זיך אַ לאָז געטון אויפֿן האַלב־איינגעשלאָסענעם שונא. עס האָבן געדונערט די באַטאַרייע־זאַלפֿן. עס האָבן געפּויקט די ביקסן־שאָסן, ווי מען וואָלט געשיט שרויט אויף אַן אייזערנעם ראָנדעל; דאָס שראַפּנעלן־פֿייער האָט צוגעדעקט די דעפּאָרמירטע קאַמף־ליניעס פֿון די טשערניעצאָווצעס, געדיכט זענען געפֿאַלן די גראַנאַטן.

— אין טי־ראַ־ליער !...

גריגאָרי האָט מיט זיינע סאָטניעס אַטאַקירט פֿון פֿלאַנג. זיי זענען געגאַנגען ווי אויף שיס־איבונגען, — זיך נישט לייגנדיק, נאָר עפּעס אַ געשיקטער טשערניעצאָוויעץ, וואָס האָט געאַרבעט אויף אַ „מאַקסימקע”, האָט אַזוי טרעפֿלעך אַ שמייס געטון איבער דער ליניע, אַז די קאָזאַקן האָבן זייער גערן זיך געלייגט, פֿאַרלירנדיק דריי פֿון דער ליניע.

דריי אַ זייגער נאָכמיטאָג האָט גריגאָריען אָפּגעזוכט אַ קויל. דאָס אָנגעגליטע קיילעכל בליי, אָנגעטון אין אַ ניקעלנעם העמדל, האָט דורכגעבויערט און אָפּגעבריט דעם מוסקול פֿון פֿוס איבער

דער קני, גריגאָרי האָט אַ קריץ געטון מיט די ציין, דערפילנדיק דעם הייסן קלאַפּ און באַקאַנטע איבלקייט פון בלוט-פאַרלוסט. ער האָט זיך אַרויסגערוקט פון דער רייע, האַסטיק אויפגעשפּרונ-גען און שאַרף אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ, וואָס איז קאָנטוזירט געוועזן פון דער קויל. די ווייטיק אין פוס האָט זיך געשטאַרקט דערפאַר, וואָס די קויל איז נישט אַרויס. זי האָט שוין געהאַט פאַרלוירן דעם אימפּעט, ווען זי האָט גריגאָריען אַ שנעל געטון און, דורכקלאַפּנדיק דעם שינעל, די שאַראָוואַרן און די הויט, איז זי שטעקן געבליבן אין בינטל מוסקולן. די הייסע פּליעסקענדיקע שניידיקייט האָט געשטערט זיך צו באַוועגן. ליגנדיק, האָט גריגאָרי זיך דערמאַנט דעם אָנגריף פון צוועלפטן פּולק אין די טראַנסיל-וואַנער בערג אין רומעניע, ווען ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין דער האַנט. פאַר זיינע אויגן האָט העל אויפגעלעבט די סצע-נע פון יענער אַטאַקע: דער באַטשופּרינטער, מישקאַ קאָשעוואָיס פּנים צעקרומט פון צאָרן, עמעליאַן גראָשעוו, וואָס לויפט אַראָפּ פון באַרג, מיטשלעפּנדיק דעם פאַרוואונדעטן סאָטניק.

די אָנפירונג איבער די סאָטניעס האָט איבערגענומען דער אָפיציר ליובישקין פּאַוועל, גריגאָריעס געהילף. אויף זיין באַפעל האָבן צוויי קאָזאַקן אַוועקגעפירט גריגאָריען צו די אָנטרייבערס.

די קאָזאַקן האָבן אַרויפגעזעצט גריגאָריען אויפן פערד און מיטפילנדיק אים גערעטן:

— פאַרבאַנדאַזשירט די וואונד.

— איר האָט אַ באַנדאַזש?

גריגאָרי איז שוין געזעסן אין זאָטל, אָבער ער האָט זיך מיישב געווען, אַראָפּגעשטיגן, אַראָפּגעלאָזט די שאַראָוואַרן און, קרימענדיק זיך פון פיבער, וואָס האָט זיך צעגאָסן איבער זיין שווייסיקן רוקן, איבערן בויך און די פיס, האָט ער איילִיק זיך פאַרבאַנדאַזשירט די אָפּגעבריטע בלוטנדיקע וואונד, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שניט פון אַ מעסערל.

אין דער באַגלייטונג פון זיין אָרדינאַנס איז ער געריטן מיטן זעלבן אַרומקרייזלענדיקן וועג צום אָרט, פונוואַנען ער האָט

אָנגעהויבן די קאָנטר-אַטאַקע. ער האָט געקוקט אויף די געדיכטע שפּורן פון די פערדישע טריט איבערן שניי, אויף דער באַקאַנטער ריכטונג פון טאָל, איבער וועלכן ער האָט מיט עטלעכע שעה צו-ריק דורכגעפירט זיינע סאָטניעס. אַ דרימל איז אים באַפאַלן און דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אויפן בערגל, האָט אים אַצינד צוליב עפּעס אויסגעזען ווייט און איבעריק.

און דאָרט האָבן איילִיק און צעוואָרפן זיך געררויכערט די ביקסן-שאָסן, עס האָט געדונערט די שווערע באַטאַרייע פון שונא, באַמיענדיק זיך מציל צו זיין די איינגעשלאָסענע, און פון צייט-צו-צייט האָבן די רעוועודיקע קוילנוואָרפערס אויסגעשטעפּט אַ שורה פינטעלעך, ווי אונטערפירנדיק אַן אומגעזעענעם שטריך פאַרן סך-הכל פון דער שלאַכט.

אַ וויאָרסט דריי איז גריגאָרי געריטן איבערן טאָל. די פערד זענען געזונקען אין שניי.

— פאַרנעם דיך אויפן גלייכן אַרויף... — האָט גריגאָרי אַ ברום געטון צום אָרדינאַנס, אַרויסרייטנדיק אויפן שניי-באַדעקטן וואַל פון טאָל.

ווייט איבערן פעלד, ווי אַראָפּגעזעצטע קאַווקעס, האָבן דאָ און דאָרט זיך געשוואַרצט פיגורן פון דערהרגעטע. אויף דער סאַמע שאַרף פון האָריזאָנט האָט גאַלאָפּירט אַ פערד אָן אַ רייטער, וואָס האָט פונדאַנען אויסגעזען זייער קליין.

גריגאָרי האָט געזען, ווי דער הויפּט-קערן פון די טשערניע-צאָוצעס, אַ צעשלאָגענער און שיטער געוואָרענער, זיך אַרויס-רייסנדיק פון דער שלאַכט, פאַרקירעוועט און גייט אַוועק קיין גלו-באָקאָיע. ער האָט אַ טרייב געטון זיין קאַשטאַן אין גאַלאָפּ. אינ-דערוויילטנס האָבן זיך געזען צעוואָרפענע קופּקעלעך קאָזאַקן. צו-רייטנדיק צום ערשטן פון זיי, האָט גריגאָרי דערזען גאָלובאָוון. גאָלובאָוו איז געזעסן ברייט אויסגעלייגט אין זאָטל. דאָס פעלצל, אַרומגעזוימט מיט געל-געוואָרענעם קאַראַקול אין די ברעגן, איז געווען צעשפּיליעט, די פּאַפּאַכע פאַררוקט אין אַ זייט, דער שטערן נאַס פון שווייס. דרייענדיק זיך די הויך פאַרשפּיצטע

וואַכמייסטער־וואָנסעס, האָט גאָלובאָוו הייזעריקלעך אויסגעשריגן:
— מעליעכאָוו, ביסט אַ כוואַט! וואָס, דו ביסט פּאַרוואונ־דעט? דער טייוול זאָל עס נעמען! דער ביין איז גאַנץ? — און, נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער זיך ברייט צע־שמייכלט: — מיר האָבן זיי אַזוי דערלאַנגט, אַז ס'איז פון זיי קיין שריד־ופליט נישט געבליבן!... די אָפיצירישע אָפּטיילונג איז אַזוי צעשטויבט, אַז זיי וועלן זי שוין נישט אויפקלויבן. זיי האָבן גוט אַריינגעכאַפּט אין הינטן!
גריגאָרי האָט געבעטן צו רייכערן. איבערן גאַנצן פעלד זענען זיך צונויפגעפלאָסן קאָזאַקן און רויטגוואַרדייער. פון אַ מחנה, וואָס האָט זיך געשוואַרצט אינדערווייטנס, האָט גאַלאָפּירט אַ רייטער.
— פּערציק מאַן זענען גענומען געוואָרן, גאָלובאָוו!... — האָט ער אַ געשריי געטון פונדערווייטנס. — פּערציק אָפיצירן מיט טשערניעצאָוון אַליין.
— זאָגסט ליגנט!? — גאָלובאָוו האָט דערשראָקן זיך אַ וואָרף געטון אין זאָטל און אַוועקגאַלאָפּירט, שמירנדיק אומרחמנות־דיק מיט דער נאַהייקע איבער זיין הויך וויס־פּיסיק פערד.
גריגאָרי האָט צוגעוואַרט אַ ווײַלע און שנעל אים נאָכגע־ריטן.
די געדיכטע מחנה אָפיצירן, וואָס איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט, איז געפירט געוואָרן אַרומגערינגלט דורך אַ וואַך פון דרייסיק קאָזאַקן — פון 44־סטן פולק און אַ סאָטניע פון 27־סטן פולק. פאָרויס אַלע איז געגאַנגען טשערניעצאָוו. אַנטלויפנדיק פון דער פאַרפאָלגונג, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן דאָס פעלצל און איז אַצינד געגאַנגען בלויז אין אַ לייכטער לעדערנער קורטקע. די שליפע אויף זיין לינקן אַקסל איז געווען אָפּגעריסן. אויפן פּנים לעבן לינקן אויג האָט געבלוטיקט אַ פרישע, בלוי־פאַרלאָפענע וואונד. ער איז געגאַנגען שנעל, נישט פאַרלירנדיק דעם טריט. די פּאַפּאַכע, וואָס איז אָנגעטון געווען אויף אַ זייט, האָט אים צוגעגעבן אַן אויסדרוק פון זיכערקייט און וואוילערישקייט. אפילו קיין

שאָטן פון שרעק איז נישט געווען אויף זיין ראָז פּנים; ער האָט, אפּנים, זיך נישט געהאַט געגאָלט שוין עטלעכע טעג, — אַ בלאָנדע פאַרוואַקסנקייט האָט גאָלדיק זיך געמיניעט אויף זיינע באַקן און גאָמבע. טשערניעצאָוו האָט מיט אַ שטרענגן פלינקן בליק באַטראַכט די קאָזאַקן, וואָס זענען צו אים צוגעלאָפן; אַ ביטערער קנייטש פון פאַראַכטונג האָט זיך געשאָטנט צווישן זיינע ברעמען. ער האָט, גייענדיק, אָנגעריבן אַ שוועבעלע, פאַררייכערט און צונויפגעפרעסט דעם פּאַפּיראָס אין ווינקל פון זיינע ראָזע שטרענגע ליפּן.

די גרעסטע טייל אָפיצירן זענען געווען יונגע, בלויז ביי עטלעכע האָבן די קעפּ זיך שוין געגרויט, ווי באַדעקט מיט טויגעפריר. איין פאַרוואונדעטער אין אַ פוס איז הינטערשטעליק געבליבן, און אַ קליין געשטופּלט קאָזאַקל מיט אַ גרויסן קאָפּ האָט אים אונטערגעשטופּט מיט דער קאָלבע אין רוקן. כמעט צוזאַמען מיט טשערניעצאָוון איז געגאַנגען אַ הויכער בראַוונער עסאַול. צוויי (איינער — אַ כאָרונזשי, דער צווייטער — אַ סאָטניק) האָבן זיך געפירט געאָרעמט און געשמייכלט; הינטער זיי, אָן אַ היטל, איז געגאַנגען אַ געקרייזלטער, ברייט-פּלייציקער יונקער. איינער האָט געהאַט אויף זיך אַן אָנגעהאָנגענעם שינעל מיט צוגעניטע שליפעס. נאָך איינער איז געגאַנגען אָן אַ היטל, אַראָפּגערוקט איבער די שוואַרצע שיינע פרויען-אויגן אַ רויטן אָפיצירישן באַשליק; דער ווינט האָט פאַרהויבן די עקן פון באַשליק און זיי אים פאַרוואָרפן אויף די אַקסלען.

גאָלובאָוו איז נאָכגעריטן פון הינטן. ער האָט זיך פאַרהאַלטן און אַ געשריי געטון צו די קאָזאַקן:

— הערט!... פאַר דער זיכערקייט פון די געפאַנגענע זענט איר פאַראַנטוואָרטלעך לויט אַלע שטרענגע געזעצן פון דער מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערער צייט! איר זאָלט זיי צושטעלן אין שטאַב אַריין, ווי איך גיב זיי אייך איבער!

ער האָט צוגערופן איינעם פון די רייטער-קאָזאַקן, אויף

שנעל אָנגעשריבן אַ צעטעלע, זיצנדיק אויפן זאָטל; ער האָט עס צונויפגעלייגט, איבערגעגעבן דעם קאָזאַק.

— אין גאַלאָפּ! גיב דאָס איבער פּאָדטיאָלקאָוון.

ווענדנדיק זיך צו גריגאָריען, האָט ער געפרעגט:

— דו פּאָרסט אַהין, מעליעכאָוו?

באַקומענדיק אַן ענטפער פון באַשטעטיקונג, איז נאָלובאָוו צוגעריטן צו גריגאָריען און געזאָגט:

— זאָג פּאָדטיאָלקאָוון, אַז טשערניעצאָוון נעם איך אַלס ערובניק! פאַרשטאַנען?... נו, גיב-זשע טאַקע אַזוי איבער. פאָר.

גריגאָרי האָט געמיטן די מחנה געפאַנגענע און צוגעריטן אין שטאַב אַריין פון רעווקאָם, וואָס האָט קוואַרטירט אין פעלד, נישט ווייט פון עפּעס אַ כוטאָר. לעבן אַ ברייט וועגעלע מיט פאַרפרוירענע רעדער און אַ קוילנוואַרפער, אַן איבערגעדעקטן מיט אַ גרינעם איבערציִער, האָט זיך אַרומגעדרייט פּאָדטיאָלקאָוו. דאָ האָבן אויך אַרומגעטאָפּטשעט, קלאַפּנדיק מיט די אָפּצאַסן, שטאַב-לייט, קוריערן, עטלעכע אָפיצירן און קאָזאַקן-אָרדינאַנסן. מינאַיעוו, ווי פּאָדטיאָלקאָוו, האָט נאָר-וואָס זיך געהאַט אומגעקערט פון דער קאַמף-ליניע. זיצנדיק אויפן גזעס פון וועגעלע, האָט ער הויך געגריזשעט אַ שטיק ווייס פאַרפרוירן ברויט.

— פּאָדטיאָלקאָוו! — גריגאָרי איז אַוועקגעריטן אין אַ זייט. — מען טרייבט דאָ באַלד צו די געפאַנגענע. דו האָסט גע-לייענט גאָלובאָווס צעטעלע?

פּאָדטיאָלקאָוו האָט אַ שטאַרקן פּאָכע געטון מיט דער נאַ-הייקע; ער האָט נידעריק אַראָפּגעזונקען די אויגן, זיין פּנים איז אָנגעגאָסן געוואָרן מיט בלוט, און ער האָט אויסגעשריגן:

— איך שפּיי אויף גאָלובאָוון!... וואָס אים גלוסט זיך אַלץ! טשערניעצאָוון, דעמדאָזיקן רוצח און קאָנטער-רעוואָלוציאָנער אַלס ערובניק?... איך וועל נישט געבן!... צעשיסן זיי אַלע — און באַסטאַ!

— גאָלובאָוו האָט געזאָגט, אַז ער נעמט אים אַלס ערובניק.

— איך וועל נישט געבן!... איך האָב געזאָגט: איך וועל נישט געבן, און געענדיקט! דורכן רעוואָלוציאָנערן געריכט אים משפטן און גלייך אויספירן די שטראָף. עס זאָל זיך אַנדערע נישט פאַרגלוסטן!... דו ווייסט, — האָט ער שוין רויִקער געזאָגט, שאַרף זיך איינקוקנדיק אין די געפאַנגענע, וואָס האָבן זיך דערנענ־טערט, — ווייסט, וויפיל בלוט ער האָט אויף דער וועלט פאַרגאָסן? אַ ים!... וויפיל גרובן־אַרבעטער׳ האָט ער אומגעבראַכט?... — און ווידער אויפקאָכנדיק אין צאָרן, האָט ער ווילד אַרויסגעזעצט די אויגן. — איך וועל נישט געבן!...

— דו האָסט נישט וואָס צו שרייען! — האָט אויך גרי־גאָרי גענומען אַ העכערן טאָן: זיין גאַנץ אינגעוויד האָט אין אים געציטערט, ווי פאָדטיאָלקאָוס כעס וואָלט זיך אויך אים איבער־געגעבן. — איר זענט דאָ צופיל ריכטער! דו גיי בעסער אַהין! — האָט ער, ציטערנדיק מיט די נאָזלעכער, אָנגעוויזן אויף צוריק. — און פאַר די געפאַנגענע איז דאָ פאַרהאַן צופיל פאַרוואַלטערס!

פאָדטיאָלקאָוו איז אַוועקגעגאַנגען, קנייטשנדיק אין דער האַנט די נאַהייקע. ער האָט פונווייטנס צוגעוואָרפן:

— איך בין דאָרט געווען! מיין נישט, אַז איך האָב מיך דאָ אין דעם וועגעלע אויסבאַהאַלטן. און דו, מעליעכאָוו, שווייג בע־סער, פאַרשטאַנען?... ווייס מיט וועמען דו רעדסט!... יאָ־יאָ!... די אָפיצירישע מאַניערן באַהאַלט! דער רעווקאָם גיט אַרויס אור־טיילן, נישט וועמען עס גלוסט זיך...

גריגאָרי האָט אַ טרייב געטון צו אים דאָס פערד און אַראָפּ־געשפרונגען פון זאָטל, פאַרגעסנדיק אָן דער וואונד; דורכגענומען פון ווייטיק, איז ער אַ פאַל געטון אויפן רוקן. אַ שטראָם הייס בלוט האָט אַ פלייץ געטון פון דער וואונד. ער האָט אָן זייטיקער הילף זיך אויפגעהויבן, ווי ס׳איז צוגעהינקט צום וועגעלע, מיט דער זייט זיך אָנגעשפאַרט אויף די הינטערשטע רעסאָרן.

די געפאַנגענע זענען צוגעקומען. אַ טייל פון דער וואַך, וואָס איז געגאַנגען צופוס, האָט זיך אויסגעמישט מיט די אָרדי־

נאַנסן און קאָזאַקן פון דער װאַך ביים שטאַב. די קאָזאַקן זענען נאָך נישט געװען אָפּגעקילט פון דער שלאַכט, זיי האָבן געפינקלט מיט צעהיצטע בייזע אויגן און זיך דורכגעװאָרפן מיט באַמערקונגען און איינצלהייטן װעגן אויסגאַנג פון דער שלאַכט.

פּאָדטיאָלקאָװ איז צוגעגאַנגען צו די געפאַנגענע מיט שװערע טריט, װאָס זענען געזונקען אין שניי. טשערניעצאָװ, שטייענדיק פאָרויס, האָט געקוקט אויף אים מיט פאַראַכטונג, זשמורענדיק די העלע דרייסטע אויגן. ער האָט לייכט אַרויסגעשטעלט דעם לינקן פוס, געשאָקלט מיט אים, דריקנדיק מיט דער װייסער פּאָדקאָװע פון די אייבערשטע ציין די פאַרביסענע ראָזע ליפּ. פּאָדטיאָלקאָװ איז נאָענט צוגעגאַנגען צו אים. ער האָט אינגאַנצן געציטערט, זיינע שטאַרע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט איבערן צעטרעטענעם שניי, זיך אויפהייבנדיק צונויפגעקרייצט מיט טשערניעצאָװס דרייסטן פיינטלעכן בליק און אים דורכגעשטאָכן מיט זיין שװערער פאַראַכטונג.

— ביסט אַריינגעפאַלן... שלאַנג! — האָט פּאָדטיאָלקאָװ געזאָגט מיט זיין ציִשענדיק נידעריק קול און זיך אָפּגערוקט אויף אַ טריט צוריק; אַ קרומער שװאַרצער שמייכל האָט, װי דער שניט פון אַ שװערד, זיך איינגעשניטן אין זיינע באַקן.

— פאַררעטער פון קאָזאַקנטום! אויסװאורף! פאַרקויפטע נשמה! — האָט טשערניעצאָװ אַרויסגעזיגן פון צװישן פאַרדריקטע ציין.

פּאָדטיאָלקאָװ האָט געדרייט מיטן קאָפּ, װי אויסמיידנדיק פעטש, — זיינע באַקנביינער זענען שװאַרץ געװאָרן, ער האָט מיטן געעפנטן מויל כליפּענדיק געאָטעמט.

דאָס פאָלגנדע איז פאָרגעקומען מיט מערקװירדיקער שנעלקייט. דער אויסגעשטשירעטער, בלייך-געװאָרענער טשערניעצאָװ האָט מיט צוגעדריקטע הענט צו דער ברוסט, זיך אויסבייגנדיק אינגאַנצן פאָרויס, געגומען גיין אויף פּאָדטיאָלקאָװן. פון זיינע קאָנװאולסיװ-פאַרקרימטע ליפּן זענען געפאַלן פאַרשטיקטע װערטער, אויסגעמישט מיט זידלערייען. װאָס ער האָט געזאָגט, —

האָט געהערט בלויז פּאָדטיאָלקאָוו אַליין, וועלכער האָט זיך גע־רוקט הינטערוויילעכטס.

— ס'וועט קומען דיין צייט... זאָלסט עס וויסן !... — האָט טשערניעצאָוו אויפן הויכן קול אָנגעהויבן.

דידאָזיקע ווערטער זענען דערהערט געוואָרן אי דורך די געפאַנגענע אָפיצירן, אי דורך דער וואַך, אי דורך די שטאַב־לייט.

— נו־ו־ו־ו !... — האָט פּאָדטיאָלקאָוו אַ כריפּע געטון, ווי אַ דערשטיקטער, און פאַרוואָרפן די האַנט אויפן הענטל פון דער שווערד.

עס איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. דייטלעך האָט זיך דער־הערט דאָס סקריפּען פון שניי אונטער די שטיוול פון מינאַיעוון, קריוואָשליקאָוון און נאָך עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן זיך אַ וואָרף געטון צו פּאָדטיאָלקאָוון. אָבער ער האָט זיך געפּעדערט: מיטן גאַנצן קערפּער זיך אויסבייגנדיק רעכטס און אַראָפּזעצנדיק, האָט ער אַרויסגעכאַפּט די שווערד פון דער שייד, אַ שפּרונג גע־טון פאָרויס און מיט שרעקלעכער מאַכט אַ זעץ געגעבן טשערניע־צאָוון איבערן קאָפּ.

גריגאָרי האָט געזען, ווי טשערניעצאָוו האָט אַ ציטער גע־טון, אויפגעהויבן די לינקע האַנט איבערן קאָפּ, באַוויזן זיך צו פאַרשטעלן מיט איר פאַרן קלאַפּ, געזען ווי דער איבערגעהאַקטער האַנט־קנאָכן האָט זיך איינגעבראָכן אין דער העלפט, און די שווערד איז קלאַנגלאָז געפאַלן איבער טשערניעצאָווס פאַרוואָרפע־נעם קאָפּ. פריער איז אַראָפּגעפאַלן די פּאַפּאַכע, און דערנאָך איז, ווי אַן אונטערגעהאַקטע זאַנג, פּאַמעלעך געפאַלן טשערניעצאָוו מיט אַ מאָדנע פאַרקרומט מויל און פּיינלעך פאַרזשמורעטע, ווי פון אַ בליץ, צונויפגעשרומפּענע אויגן.

פּאָדטיאָלקאָוו האָט אים, אַ ליגנדיקן, אַ זעץ געגעבן נאָכאַ־מאָל, אַוועקגעגאַנגען מיט אַ געעלטערטן שווערן טריט און, גייענ־דיק, אָפּגעווישט די שיפּע קאַרבן פון דער שווערד, וואָס זענען שוואַרץ געווען פון בלוט.

זיך אָנשטויסנדיק אָן וועגעלע, האָט ער זיך אויסגעדרייט

צו דער וואַך און אויסגעשריגן מיט אַ פאַרשטיקט בילנדיק קול:

— צעהאַקן זיי... אין זייערע מאַמעס אַריין!!... אַלע!!... נישטאָ קיין געפאַנגענע... אין די קישקעס, אין האַרץ!!

פיבערהאַפט האָבן גענומען קנאַלן שאָסן. די אָפיצירן האָבן איינער איבערן צווייטן אָנגעהויבן אַנטלויפן. דער אונטעראָפיציר מיט די שיינע פרויען-אויגן אין רויטן אָפיצירן-באַשליק איז געלאָפן, זיך אָנכאַפנדיק מיט די הענט ביים קאָפּ. אַ קויל האָט אים געבייט הויך, ווי איבער אַ באַריער, אַ שפּרונג צו טון. ער איז געפאַלן — און זיך שוין מער נישט אויפגעהויבן. דעם הויכן בראַוון עסאַול האָבן געהאַקט צוויי. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט ביי די שאַרפן פון די שווערדן, פון זיינע צעשניטענע הענט איז גערונען בלוט אויף די אַרבל; ער האָט געשריגן ווי אַ קינד, — געפאַלן אויף די קניען, אויפן רוקן, געוואַלגערט דעם קאָפּ אין שניי; אויפן פּנים האָבן זיך געזען בלויז די בלוט-פאַרגאָסענע אויגן און דאָס שוואַרצע מויל, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו שרייען. די פאָכענדיקע שווערדן האָבן אים געהאַקט איבערן פּנים, איבערן שוואַרצן מויל, און ער האָט נאָך אַלץ געשריגן מיט אַ דינן קול, וואָס איז אָנגעזאַפּט געווען מיט אַנגסט און ווייטיק. צעקראַטשענדיק זיך איבער אים, האָט אַ קאָזאַק, מיט אַן אָפּגעריסענעם לאַץ פון שינעל, אים פאַרענדיקט מיט אַ שאָס. דער געקרייזלטער יונקער האָט זיך שיער נישט דורכגעריסן דורך דער קייט — אים האָט דעריאָגט און מיט אַ זעץ איבערן קאָפּ דערהרגעט עפּעס אַן אַטאַמאַניעץ. דער זעלבער אַטאַמאַנעץ האָט אַריינגעיאָגט אַ קויל צווישן די לאָפּאַטקעס דעם סאָטניק, וועלכער איז געלאָפן מיט צעבלאָזענע פּאָלעס פון שינעל דורכן ווינט. דער סאָטניק האָט זיך אַראָפּגעזעצט און אַזוי לאַנג זיך געקראַצט מיט דער ברוסט, ביז ער איז געשטאָרבן. דעם גרויליכן אונטערעסאַול האָט מען דערהרגעט אויפן אָרט; צעשיידנדיק זיך מיטן לעבן, האָט ער אויסגעהאַקט מיטן פוס אַ טיפן גרוב אין דער ערד, און וואָלט, ווי אַ צוגעבונדן פערד, נאָך לענגער געוואַן געהאַקט, ווען די קאָזאַקן וואָלטן אים אויס רחמנות נישט געווען פאַרענדיקט.

באַלד אין ערשטן מאָמענט, ווי נאָר די אָפּרעכענונג האָט זיך אָנגעהויבן, האָט גריגאָרי זיך אָפּגעריסן פֿון וועגעלע, — נישט אַראָפּנעמענדיק די מוטנע־אָנגעגאָסענע אויגן פֿון פּאָדטיאָלקאָוון און לאָמענדיק, האָט ער שנעל צוגעהינקט צו אים. פֿון הינטן האָט אים אין גאַרטל אַרומגעכאַפּט מינאַיעוו, — פֿאַרדרייט די הענט און אַרויסגעריסן דעם רעוואָלווער; אַריינקוקנדיק אים אין די אויגן מיט אַ פֿאַרטונקלטן בליק, האָט ער, שטיקנדיק זיך, אים געפֿרעגט:

— און דו — ווי אַזוי האָסטו געמיינט?

XIII

דער בלענדנדיק־העלער שניי־רוקן פֿון באַרג, באַגאָסן מיט גלאַזור פֿון דער זון און בלויקייט פֿון נישט פֿאַרוואָלקנטן טאָג, האָט געלויכטן און געפֿינקלט ווי צוקער. אונטער אים איז, ווי אַ פֿאַרביקע געשטיקעוועטע קאָלדרע, געלעגן דאָס דאָרף אָלכאָווי ראָג. לינקס האָט זיך געבלויט סוויניוכאַ, רעכטס האָבן, ווי נעפּלדיקע פֿלעקן, זיך געשפּרייט די כוטאָרלעך און דייטשישע קאָלאָניעס, נאָכן אויסבויג האָט בלוי געשימערט טיערנאָווסקאַיאַ. אויף מזרח נאָכן דאָרף האָט קרימלעך אין דער הייך זיך פֿאַרנומען דער משופּעדיקער, פֿון ראָוועס צעאַקערטער, קלענערער באַרג. איבער אים האָבן שטאַכעטנמעסיק געסטאַרטשעט די טעלעגראַפֿן־סלופּעס, זיך אַוועקציענדיק קיין קאַשאַרי.

דער טאָג איז געווען אַ זעלטן העלער, אַ פֿראָסטיקער. אַרום דער זון האָבן געשימערט רעגנבויגנדיקע שטרייפֿן. דער ווינט האָט געבלאָזן פֿון צפֿון. אויפֿגעהויבן דעם בלויען שניי־שטויב אין סטעפּ. אָבער די שנייאיקע ווייטן, אַרומגענומען פֿון די האָריזאָנטן, זענען געווען ליכטיק, און בלויז אויף מזרח, אונטער דער סאַמע שאַרף פֿון האָריזאָנט, האָט, פֿאַרהילט אין פּיאָלעטן נעפּל־שלייער, זיך גערויכערט דער סטעפּ.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, וועלכער האָט געפירט גריגאָריען פון מילעראָווע, האָט באַשלאָסן זיך נישט אָפּצושטעלן אין אָלכאָווי ראָג, נאָר פאָרן ווייטער ביז קאַשאַרי און דאָרט נעכטיקן. ער איז אַרויסגעפאָרן פון דער היים אויף גריגאָריעס טעלעגראַמע און אָוונט־צייט דעם 28־סטן יאַנואַר אָנגעקומען קיין מילעראָווע. גרי־גאָרי האָט אים אָפּגעוואַרט אין דער קרעטשמע. אינדערפרי זענען זיי אַרויסגעפאָרן און אַרום עלף אַ זייגער שוין דורכגעפאָרן אָל־כאָווי ראָג.

נאָכדעם ווי ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין דער שלאַכט הינטער גלובאָקאָיע, האָט גריגאָרי זיך אָפּגעוואַלגערט אַ וואָך צייט אין מילעראָווער פעלד־לאַזאַרעט; ווען דער פּוס האָט זיך אים אַ ביסל אונטערגעהיילט, האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן אַהיים. דאָס פערד האָבן אים געבראַכט די קאָזאַקן פון דער סטאַניצע. גריגאָרי איז געפאָרן מיט אַ געמישט געפיל פון אומצופרידנהייט און פרייד: אומצופרידנהייט — ווייל ער האָט פאַרלאָזט זיין טייל אין סאַמע ברען פון קאַמף פאַר דער מאַכט אויפן דאָן, און פרייד האָט ער איבערגעלעבט שוין בלויז ביים געדאַנק, וואָס ער וועט זען די היימישע, דעם כוטאָר; ער האָט פאַר זיך אַליין פאַרבאָרגן דעם חשק צו זען אַקסיניען, אָבער אויך וועגן איר האָט ער געטראַכט.

די באַגעגעניש מיטן פאָטער איז געווען אַ ביסל אַ קילע. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש (פּיעטראָ האָט אים געמוזט עפּעס אָנ־מסורן) האָט כמורנע באַטראַכט גריגאָריען, — זיינע אָפּגעהאַקטע בלאָנדזשענדיקע בליקן האָבן אויסגעדריקט אומצופרידנהייט, אָפּ־וואַרטנדיקן אומרו. אויף דער סטאַציע פאַרנאַכט האָט ער לאַנג אויסגעפרעגט גריגאָריען וועגן די געשעענישן, וואָס האָבן זיך צע־פלאַקערט אין דער געגנט; דעם זונס ענטפערס האָבן אים, אפנים, נישט באַפרידיקט. ער האָט געקייט די גרויע באָרד, געקוקט אויף זיינע מיט לעדער־אונטערגענייטע וואוילאָקעס, געפאָרסקעט. פאַר־פירט אַ וויכוח האָט ער אומגערן, אָבער ווען ער האָט זיך צע־היצט, האָט ער פאַרטיידיקט קאַלעדינען, — אין אַ הייסער מינוט,

ווי אַמאָל, אָנגעשריגן אויף גריגאָריען און אפילו אַ טופּע געטון מיטן לאָמען פוס.

— דו דערציילסט מיר נישט קיין מעשיות! ער איז געווען ביי אונז, קאַלעדין, האַרבעסט־צייט אין כוטאָר! עס איז געווען אַ פאַרזאַמלונג אויפן מיידאַן. ער איז אַרויף אויפן טיש, געשמועסט מיט די אַלטע לייט און פאַרגעזאָגט, ווי פון דער ביבל, אַז די פּוירים וועלן קומען, עס וועט זיין אַ מלחמה, און אויב מיר וועלן לאָזנג זיך וואַקלען, — וועלן זיי אַלץ צונעמען און באַזעצן די געגנט. ער האָט שוין דעמאָלט געוואוסט, אַז עס וועט זיין אַ מלחמה. וואָס־זשע, היינטישע זין, מיינט איר? צי ווייסט ער וויניקער פאַר אייך? אַזאַ געלערנטער גענעראַל, ער האָט מיט אַן אַרמיי אָנגעפירט — און ווייסט ווינציקער פון דיר? אין קאַמיענסק זיך אַוועקגעזעצט, אַזעלכע שרייערס אומגעבילדעטע — און בונטעווען דאָס פאָלק. וואָס איז ער — דער פּאָדטיאָלקאָוו דיינער? אַ וואַכמייסטער?... אָהאָ! דער זעלבער ראַנג וואָס איך. נאַט אייך!... שיין דערלעבט... ערגער קאָן שוין נישט זיין!

גריגאָרי האָט אומגערן דיסקוטירט מיט אים. נאָך איידער ער האָט געזען דעם פאָטער, האָט ער שוין געוואוסט, וואָס זיין איבערצייגונג איז. און דאָ האָט זיך נאָך אַריינגעמישט דאָס נייע: ער האָט נישט געקאָנט — נישט מוחל זיין, נישט פאַרגעסן טשערניעצאָווס אומקום און דאָס צעשיסן די געפאַנגענע אָפיצירן אָן אַ געריכט.

די פערד האָבן אין דישעל־געשפּאַן לייכט געטראָגן דעם שליטן מיטן קויש. פון הינטן איז אָנגעבונדן נאָכגעלאָפן גריגאָריעס געזאָטלט פערד. אויפן וועג זענען אַקעגנגעקומען די באַקאַנטע פון דער קינדהייט דערפער און כוטאָרס: קאַשאַרי, פּאָפּאָווקאַ, קאַמיענקאַ, דער ניזשני־יאַבלאָנאָווער, גראַטשעוו, יאַסינאָווקאַ. דעם גאַנצן וועג ביזן סאַמע כוטאָר האָט גריגאָרי עפּעס אומגעבונדן און אָן אַ סדר געטראַכט וועגן דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, געפּרוּווט כאָטש לייכט אָנמערקן די צוקונפט, אָבער דער געדאַנק איז דערגאַנגען בלויז צום אָפּרו אינדערהיים און

ווייטער זיך אָפּגעהאַקט. „איך וועל קומען, אַ ביסל זיך אָפּרוען, פאַרהיילן די וואונד, און דערנאָך... — האָט ער געטראַכט, אין גע־דאַנק זשעסטיקולירנדיק מיט דער האַנט: — וועט מען שוין זען. די צייט אַליין וועט שוין ווייזן..."

עס האָט אים אויך געבראַכן די מידעקייט, וואָס האָט גע־שטאַמט פון דער מלחמה. עס האָט אים געגלוסט זיך אָפּקערן פון דער גאַנצער פיינטלעכער און אומפאַרשטענדלעכער וועלט, וואָס האָט געברויזט מיט האַס. דאָרט פון הינטן איז אַלץ געווען פאַר־פּלאָנטערט, סתירהדיק. ס'איז שווער געווען צו געפינען דעם ריכ־טיקן וועג; ווי איבער זומפּיקן באָדן האָט די ערד זיך אָפּגעגע־גליטשט פון אונטער די פיס, דער שטעג האָט זיך פאַרלוירן, און מען איז נישט זיכער געווען — צי מען גייט מיטן געהעריקן וועג. ס'האָט אים געצויגן צו די באָלשעוויקעס — ער איז געגאַנגען, אַנדע־רע מיט זיך מיטגענומען, און דערנאָך זיך באַדאַכט, דאָס האַרץ איז אָפּגעקילט געוואָרן. „אפשר איז טאַקע גערעכט איזוואַרין? אויב אַזוי, צו וועמען־זשע צושטיין, ביי וועמען שעפּן זיכערקייט מיטן פולן הויפן?" וועגן דעם אַלעם האָט שטיל געטראַכט גרי־גאָרי, ליגנדיק אָנגעשפּאַרט אין רוקן פון קויש. ווען אָבער ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי ער וועט פרילינגס־צייט צוגרייטן די בראָ־נעס, די אַרבע, ווי ער וועט פלעכטן זשליבן פון ווערבע־צווייגן, און ווען די ערד וועט זיך אויסטון און אָפּטרוקענען, — אַרויס־גיין אין סטעפּ; ווי ער וועט, מיט די נאָך אַרבעט פאַרבענקטע הענט, פירן דעם אַקער, שפּירנדיק זיין לעבעדיק קלאַפּן און אונ־טערשפּרונגען; ווי ער וועט אַריינאָטעמען דעם זיסן דופט פון יונגן גראָז און פון דער שוואַרצערד, אויפגעהויבן דורך די מעסערס פון אַקער, וואָס האָט נאָך נישט פאַרלוירן דעם הערבן אַראָמאַט פון דער שניי־פייכטקייט, — איז אים וואַרעם געוואָרן אויף דער נשמה. עס האָט זיך געגלוסט אַרומגיין אַרום די בהמות, דערלאַנגען היי, אָטעמען מיטן פאַרוועלקטן ריח פון פעזש און קאָניטשינע, מיטן שאַרפן ריח פון מיסט. רו און פרידן האָט זיך געגלוסט, — דערריי־בער טאַקע האָבן גריגאָריעס שטרענגע אויגן אויסגעדריקט אַזאַ

זשענירטע פרייד, ווען ער האָט געקוקט אַרום זיך: אויף די פערד, אויפן פּאַטערס שיפּן רוקן, אין אָפּגעצויגענעם טולופּ. אַלץ האָט אים דערמאָנט אָן האַלב-פאַרגעסענעם פריערדיקן לעבן: אי דער שעפּסן-ריח פון טולופּ, אי דער היימישער אָנבליק פון די נישט געפּוצטע פערד, אי עפּעס אַ האָן אין דאָרף, וואָס האָט אַראָפּגעקרייעט פון אַ סטויג, זיס און געדיכט, ווי שיכּרות, האָט אים אין דעם מאָמענט אויסגעזען דאָס לעבן דאָ אין דער שטילקייט.

צומאָרגנס פאַרנאַכט זענען זיי צוגעקומען צום כוטאָר. גרי-גאָרי האָט פון באַרג אַ וואָרף געטון אַ בליק אויפן דאָן: אָט זע-גען די באַבע-זומפּן, אַרומגעזוימטע מיטן סויבל-פוטער פון קאָמיש; אָט איז דער דאַרער טאָפּאָל, און דער וועג איבערן דאָן איז אויך שוין נישט דאָ, וואו ער איז געווען פריער. דער כוטאָר, די באַקאַנטע קוואַדראַטן פון די קוואַרטאַלן, די צערקווע, דער פּלאַץ... דאָס בלוט האָט גריגאָריען אַ שלאָג געטון אין קאָפּ אַריין, ווען ער האָט מיט די אויגן דערזען זיין כאַטע. די זכרונות האָבן אים פאַרפּלייצט. פון הויף — דער אויפגעהויבענער ברונעם-בושעל האָט אים, דאַכט זיך, גערופן, אויסשטרעקנדיק אינדערהייך די גרויע ווערבע-האַנט.

— עס צופּט נישט אין די אויגן? — האָט פּאַנטעלעי פּראָ-קאָפּיעוויטש אַ שמייכל געטון, זיך אומקוקנדיק, און גריגאָרי האָט אָן פאַלשע הינטער:ועגלעך מודה געווען:

— עס צופּט... אָבער נאָך ווי אַזוי!...

— אָט וואָס עס הייסט — די היים! — האָט פּאַנטעלעי פּראָ-קאָפּיעוויטש צופרידן אַ זיפץ געטון.

ער האָט פאַרקערעוועט אין מיטן כוטאָר אַריין. די פערד זענען פלינק געלאָפן באַרג אַראָפּ, דער שליטן האָט זיך געדרייט אין אַלע זייטן. גריגאָרי האָט פאַרשטאַנען דעם פּאַטערס כוונה, אָבער דאָך געפרעגט:

— פאַרוואָס פאָרסטו דורכן כוטאָר? פאַרנעם דיך אין אונ-זער געסל אַריין.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זיך אויסגעדרייט און, שמייכלענדיק אין דער פאַרפרוירענער באָרד אַריין, אַ מרוגזע געטון:

— איך האָב די זין באַגלייט אין דער מלחמה אַריין אַלס פּשוטע קאָזאַקן, און זיי האָבן זיך דערדינט צו אָפיצירן, וואָס-זשע, איז פאַר מיר נישט קיין כבוד דורכצופאָרן מיטן זון איבערן כוטאָר? זאָלן זיי קוקן און דריקן. און ביי מיר, ברודער, ווערט דאָס האַרץ פון נחת צעשמאָלצן!

אויף דער הויפּט-גאַס האָט ער שטיל אַ טרייב געטון די פערד, — זייטיק זיך אַראָפּבייגנדיק פון געזעס, אַ קנאַל געטון מיט דער באַטרעלזלטער בייטש, און די פערד, פילנדיק די נאָענטע היים (און ווי זיי וואָלטן נישט געהאַט דורכגעמאַכט קיין הונדערט פערציק וויאָרסט!), האָבן זיך אַ טראָג געטון מיט פרישער שנעל-קייט. די באַגעגנטע קאָזאַקן האָבן זיך באַגריסט פון די הייף, און פון די פענסטער פון די כאַטעס האָבן געקוקט באַבעס פון אונטער די הענט אַפער; איבער דער גאַס זענען, קוואַקענדיק, שנעל דורכגעלאָפן הינער. אַלץ איז צוגעגאַנגען גלאַטיק, ווי פון אַ ביכל אַרויס. זיי זענען דורכגעפאָרן דעם פּלאַץ. גריגאָרי אָבער האָט זייטיק אַ קוק געטון אויף עמעצנס אַ קאָבילע, וואָס איז געווען אָנגעבונדן ביי מאָכאָווס פאַרקן, אַ הירזשע געטון און הויך אויפ-געהויבן דעם קאָפּ. עס האָט זיך באַוויזן דער סוף פון כוטאָר, דער דאַך פון אַסטאַכאָווס כאַטע... אָבער דאָ, אויפן ערשטן קרייץ-וועג, האָט געטראָפן עפּעס אומגעלומפּערטס: אַ חזירל, וואָס איז גע-לאָפן איבער דער גאַס, האָט זיך פאַרגאַפט, אַרונטערגעפאַלן די פערד אונטער די קאָפּיטעס, אַ כריוקע געטון און זיך אַוועקגע-קייקלט אַ צעטרעטנס, קוויטשענדיק, פּרווונדיק אונטערהייבן דעם איבערגעבראָכענעם רוקן.

— אַך, דער טייוול האָט עס אָנגעטראָגן!... — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש געגומען זידלען, באַווייזנדיק מיט דער בייטש אַ ... מייס צו געבן דעם צעטרעטענעם חזירל.

צום אומגליק האָט עס געהערט אַניוטקען, דער אַלמנה נאָך אַפאַנקאַ אָזיאָראָוו, — אַ באָבע אַ בייזע, און מיט אַ צו לאַנגער צונג. זי האָט נישט פאַרזוימט אַרויסצושפּרינגען אויפן הויף ; כאַפּנדיק אויף זיך די פאַטשיילע, האָט זי גענומען שיטן מיט אַזעלכע אויסטערלישע זידל-ווערטער, אַז פאַנטעלעי פּראָקאָפּיע-וויטש האָט אַזש פאַרהאַלטן די פערד און זיך אויסגעדרייט צו איר.

— שווייג, בהמה ! וואָס פּיסקעווערסטו ? כ׳וועל דיר באַצאָלן פאַר דיין פאַרשיווע חזיר !...

— שד !... טייוול !... ביסט אַליין פאַרשיווע, לאָמער הונט דו !... איך וועל דיך באַלד צום אַטאַמאַן אָוועקשלעפּן !... — האָט זי געיעלהוועט, פאָכענדיק מיט די הענט. — איך וועל דיך, היני-טישע זרע, אויסלערנען, ווי אַזוי אַן אַלמנהס אַ לעבעדיק באַשע-פעניש צו איבערצופאָרן !...

עס האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטשן ביי דער זיבעטער ריפּ אָנגענומען און ער האָט, רויט ווערנדיק, אַ געשריי געטון :

— ברודיקע נבלה !

— טערק פאַרשאָלטענער !... — האָט די אָזיאָראָווא העפטיק אָפּגעענטפערט.

— צויג, הונדערט טייוואָלאָנים אין דיין מאַמען אַריין ! — האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש זיך צעשריגן מיט אַ באַס.

אָבער אַניוטקאַ אָזיאָראָווא האָט זינט זי לעבט נישט גע-דאַרפט זוכן קיין וואָרט אין קעשענע.

— שלעפּער ! אַלטער הורן-זון ! גנב ! אַ פרעמדע בראָנע האָסטו צוגעגנבעט !... די זעלנערקעס לויפסטו נאָך !... — האָט זי שנעל גענומען שרייען מיט אַ קול פון אַ סראָקע.

— אָט וועל איך דיר מיט דער בייטש דערלאַנגען, דו היני-טעכע !... דעם קאַסטן פאַרמאַך !

אָבער דאָ איז אַניוטקאַ אַרויס מיט אַזאַ לשון, אַז אפילו פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש — אַ מענטש, וואָס האָט שוין עפּעס

געלעבט און געזען אויף דער וועלט, — איז רויט געוואָרן פון צעטומלטקייט און זיך גלייך מיט שווייס באַגאָסן.

— פאָר ווייטער!... וואָס טענהסטו מיט איר? — האָט גריגאָרי בייז געזאָגט, זעענדיק, אַז ביסלעכווייז קומען שוין אַרויס מענטשן אויף דער גאַס און הערן זיך אויפמערקזאַם צו צום צופעליקן מיינונגס־אויסטויש צווישן דעם אַלטן מעליעכאָוו און אָזיאָראָווס ערלעכער אלמנה.

— נו, שוין איינמאָל אַ צונג! — האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש בייז אויסגעשפּיגן און אַזוי אַ טרייב געטון די פערד, ווי ער וואָלט זיך פאַרנומען אַניוטקען אַליין איבערצופאָרן.

ער איז שוין געהאַט דורכגעפאָרן דעם קוואַרטאַל און נאָך אַלץ נישט אָן שרעק זיך אומגעקוקט:

— שפּייט און מאַכט קולות, ווי מען וואָלט זי אָפּגעבריט, דאָס הייסט אַ מיאוס שטיק... אַ, זאָלסטו פּלאַצן, גראָבער טייוול! — האָט ער גיפטיק געזאָגט. — אַ שאָד, וואָס כ'האָב דיך נישט צוזאַמען מיט דיין חזיר צעטרעטן! מען קומט אַזאַ מיל אויף דער צונג, — קאָנען בלויז די ביינדלעך פון אַ מענטש בלייבן.

עס האָבן פאַרבייגעשוועבט די בלויע לאָדנס פון דער כאַטע. פּיעטראָ האָט אָן היטל און אָן פּאַסיק אויף דער בלויזע געעפנט דאָס טויער. פון גאַנעק האָט אַ שימער געטון דוניאַשקעס לאַכנדיקן פּנים מיט די פינקלענדיקע שוואַרצע אויגן און ווייסן טיכל אויפן קאָפּ.

קושנדיק דעם ברודער, האָט פּיעטראָ כלאחר־יד געכאַפּט אַ בליק אין זיינע אויגן אַריין.

— ביסט געזונט?

— איך בין פאַרוואונדעט געוואָרן.

— וואו?

— הינטער גלובאָקאָיע.

— האָסט נייטיק געדאַרפט דאָרט זיין! וואָלסט בעסער געווען אַהיימגעקומען.

ער האָט וואַרעם און פריינטלעך אַ דריק געטון גריגאָריען

און אים איבערגעגעבן דוניאַשקען. אַרומנעמענדיק דער שוועסטערס שטייפע צייטיקע אַקסלען, האָט גריגאָרי זי געקושט אין די ליפּן און אויגן און, אָפּטרעטנדיק, געזאָגט מיט פאַרוואונדערונג:

— אָבער דער טייוול זאָל דיך נעמען, דוניאַכאַ!... וואָס פאַר אַ מויד דו ביסט אויסגעוואַקסן, און איך האָב געמיינט, — אַז דו וועסט זיין אַ מיאוסע.

— גיי שוין, ברידערל!... — דוניאַשקאַ האָט זיך אַרויסגע־דרייט פון אַ קנופּ און אָפּגערוקט, לייכטנדיק מיטן זעלבן וויס־ציי־ניקן שמייכל, וואָס גריגאָרי.

אילינישנאַ האָט געטראָגן די קינדער אויף די הענט; נאַטאַליאַ האָט זי, לויפנדיק, איבערגעיאָגט. זי האָט וואונדערלעך זיך צעבליט און שיין געוואָרן. די גלאַט־פאַרקעמטע שוואַרץ־גלאַנ־ציקע האָר, וואָס זענען פאַרנומען געווען היגטן אין אַ גרעק, האָבן באַשאָטנט איר פריידיק פאַררייטלט פּנים. זי האָט זיך צו־געדריקט צו גריגאָריען, עטלעכע מאָל שנעל צוגערירט מיט די ליפּן צו זיינע באַקן, צו די וואָנסעס און, אַרויסרייסנדיק דעם זון פון אילינישנעס הענט, האָט זי אים דערלאַנגט גריגאָריען.

— זע — וואָס פאַר אַ זון דו האָסט! — האָט זי מיט שטי־לער פרייד קלינגענדיק אויסגערופן.

— לאָמיך מ יי ן זון זען! — אילינישנאַ האָט זי אויפ־געבערגט אָפּגעשטופּט.

די מוטער האָט אָנגעבויגן גריגאָריעס קאָפּ, אים אַ קוש גע־טון אין שטערן אַריין און, גלעטנדיק איינצייטיק מיט דער גראָבער האַנט זיין פּנים, האָט זי זיך צעוויינט פון פרייד און אויפרעגונג.

— און די טאָכטער, גרישאַ!... נו, נעם־זשע זי!...

נאַטאַליאַ האָט אַרויפגעזעצט אויף גריגאָריעס צווייטע האַנט די טאָכטער, וואָס איז געווען איינגעהילט אין אַ טיכל, און ער האָט, אַ געריררטער, נישט געוואוסט אויף וועמען פריער צו קוקן: אויף נאַטאַליען, אויף דער מוטער, צי אויף די קינדער. דאָס אָנגע־ברוגזטע זינדל מיט די כמורנע אויגן איז ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך געווען צו די מעליעכאָווס: דער זעלבער שמאָלער שניט

פון די שוואַרצע עטוואָס שטרענגע אויגן, די ברייט-געצייכנטע ברעמען, די בלויע בולטע וויסלען און טונקל-ברוינע הויט. ער האָט אַריינגעשטופּט אין מויל דאָס ברודיקע פּויסטל, — זייטיק גע-קוקט אויפן פאָטער מיט אומצוטריטלעכע, עקשנותדיקע אויגן. ביי דער טאָכטער האָט גריגאָרי געזען בלויז מילדע, אויפמערקזאַמע און אויך אַזעלכע שוואַרצע אייגעלעך, — איר פּנים איז פאַרהילט געווען אין אַ טיכל.

האַלטנדיק זיי ביידע אויף די הענט, האָט ער געוואָלט אַרויפגיין אויפן גאַנעק, אָבער אַ ווייטיק האָט אים אָנגעכאַפּט אין פוס.

— נעם זיי נאָר, נאַטאַשאַ... — גריגאָרי האָט שולדיק אַ שמייכל געטון מיט איין ווינקל מויל. — וואָרים איך וועל נישט קאָנען אַרויפגיין אויף די טרעפּלעך...

אינמיטן קיך איז געשטאַנען דאַריאַ, זיך גלייך מאַכנדיק די האָר. זי איז שמייכלענדיק דרייסט צוגעגאַנגען צו גריגאָריען, פאַר-מאַכט די לאַכנדיקע אויגן און זיך צוגעדריקט מיט פייכטע, וואַ-רעמע ליפּן צו זיינע ליפּן.

— מען פילט פון דיר טיטון! — האָט זי שטיפעריש אַ שפּיל געטון מיט די האַלב-קיילעכיקע, ווי מיט טוש געצייכנטע, ברעמען.

— נו, לאָמיך נאָכאַמאָל אַ קוק טון אויף דיר! אַך, דו, קינ-דעלע מיינס, זינדעלע!

גריגאָרי האָט געשמייכלט. אַ שאַרפע אויפרעגונג האָט אים פאַרכאַפּט ביים האַרץ, ווען ער האָט זיך צוגעדריקט צו דער מו-טערס אַקסל.

אין הויף האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש אויסגעשפּאַנט די פערד, געלאָמט אַרום דעם שליטן, רייטלענדיק זיך מיטן פאַסעק און שפּיץ פון היטל מיט די לאַפּן. פּיעטראָ האָט שוין געהאַט אַוועקגעפירט אין שטאַל אַריין גריגאָריעס פערד, געטראָגן אין הויז אַריין דאָס זאָטל און עפּעס גערעדט, זיך אויסדרייענדיק צו

דוניאַשקען, וואָס האָט אַראָפּגעטראָגן פון שליטן דאָס פּעסעלע נאַפט.

גריגאָרי האָט זיך אויסגעטון, אויפגעהאָנגען אויף דער זייט פון בעט דעם טולופּ מיטן שינעל, זיך פאַרקעמט די האָר. זעצנ־דיק זיך אויף דער באַנק, האָט ער אַ רוף געטון דאָס זינדל.

— קום נאָר אַהער צו מיר, מישאַטקאַ. נו, וואָס, — דו דער־קענסט מיך נישט?

נישט אַרויסנעמענדיק די פויסט פון מויל, איז ער צוגעגאַנ־גען זייטיק, נישט דרייסט זיך אָפּגעשטעלט ביים טיש. די מוטער ביים אויוון האָט געקוקט אויף אים ליבלעך און שטאָלץ. זי האָט עפּעס אַריינגעשעפּטשעט דעם מיידעלע אין אויער, עס אַראָפּגע־לאָזט פון דער האַנט, לייכט אַ שטופּ געטון.

— גיי־זשע!

גריגאָרי האָט זיי ביידע צוגעזעצט; אַרויפגעזעצט אויף די קניען, געפרעגט:

— איר דערקענט מיך נישט, וועוורי־קלעך? און דו, פּאָליוש־קאַ, דערקענסט נישט דעם טאַטעשי?

— דו ביסט נישט דער טאַטעשי, — האָט דאָס יינגעלע אַ שעפּטשע געטון (אין דער שוועסטערס געזעלשאַפט האָט ער זיך געפילט דרייסטער).

— ווער־זשע דען בין איך?

— דו — ביסט אַ פרעמדער קאָזאַק.

— אמת, אמת טאַקע!... — גריגאָרי האָט זיך צעלאַכט. — וואו־זשע איז דיין טאַטעשי?

— ער דינט אין מיליטער, — האָט דאָס מיידעלע מיט אַן אָנגעבויגן קעפּל איבערצייגט געזאָגט (זי איז געווען פּיפּיקער).

— גלייך אויף אים אַזוי, קינדערלעך! זאָל ער זיין היים אָפּהיטן. שלעפּט זיך אַרום איבער דער וועלט גאַנצע יאָרן, און וויל מ'זאָל אים דערקענען! — האָט מיט געמאַכטער שטרענגקייט אַריינגעוואָרפן איליניטשנאַ און אַ שמייכל געטון אויף גריגאָריעס

שמייכל. — פון דיר וועט זיך שוין דיין ווייב אויך באַלד אָפּזאָגן. מיר האָבן שוין געוואָלט אַ צווייטן איידעם צונעמען.

— און וואָס זאָגסטו אויף דעם, נאַטאַליאַ? האַ? — האָט גרי־גאָרי וויציק זיך געווענדט צום ווייב.

זי איז רויט געוואָרן, גובר זייענדיק די בושה פאַר די איי־גענע, צוגעגאַנגען צו גריגאָריען, זיך געזעצט לעבן אים, מיט גרענעצלאָז־גליקלעכע אויגן לאַנג אים געצערטלט, געגלעט מיט דער הייסער שאָרסטקער האַנט זיין דאַרע ברוינע האַנט.

— דאַריע, גרייט צום טיש!

— ער האָט דאָך זיין ווייב, — האָט יענע זיך צעלאַכט און נאָך אַלץ מיטן זעלבן וויגנדיקן, לייכטן גאַנגל צוגעגאַנגען צום אויוון.

זי איז געווען, ווי תמיד, שלאַנק און אויסגעפּוצט. איר די־נעם שיינעם פוס האָט שטייף אַרומגעפּאַסט דער פּיאָלעטער וואָ־לענער זאָק, דאָס געפּאַסטע שיכל איז געזעסן אויפן פוס ווי אָפּ־געטאָקט; איר געפּאַלבט קלייד פון מאַלינע־קאָליר האָט זי שטאַרק איינגעצויגן אין דער טאַליע, דאָס געהאָפטענע פּאַרטיכל האָט גע־בלענדט פון ווייסקייט.

גריגאָרי האָט איבערגעפירט דעם בליק אויפן ווייב און אויך אין איר אויסערלעכקייט דערקענט אַ געוויסע ענדערונג. זי האָט זיך איבערגעטון צו זיין קומען: דאָס סאַטינענע נייבלויע קאָפּטנדל מיטן שמאָלן מיט שפּיצן אַרומגעזוימטן אַרבל האָט אַרומגעפּאַסט איר שיינע פיגור, זיך געבעבערגלט איבער דער ווייכער גרויסער ברוסט; דאָס גראַנאַטענע קלייד מיט דער געהאָפּטענער געפּאַלבטער שויס, איז אונטן געווען ברייט, און אויבן — האָט עס שטייף אַרומגענומען די פיגור. גריגאָרי האָט זייטיק באַטראַכט אירע פולע, ווי געטאָקטע פיס, דעם רייצנד־שטייפן אָפּגעצויגענעם בויך, ברייטן הינטן, ווי ביי אַ געפּאַשעטער קאָבילע — און אַ טראַכט געטון: „אַ קאָזאַטשקע וועסטו צווישן טויזנט אַנדערע ווייבער דערקענען. זי האָט ליב זיך אָנצוטון, אַז אַלץ זאָל זיין אויף דער האַנט: ווילסטו — קוק, ווילסט נישט — קוק נישט. און ביי די פּויערטעס

איז דער הינטן מיטן פאַרנט גלייך, — ווי אין אַ זאַק"... איליניטשנאַ האָט אויפגעכאַפּט זיין בליק, און געזאָגט מיט כלומרשטער גאווה:

— אָט ווי עס קליידן זיך ביי אונז אָפיצירישע ווייבער! זיי וועלן נאָך ביי די שטאָטישע די נעז אָפּווישן!

— וואָס פּלוידערט איר דאָרט, מאַמע! — האָט איר דאַריאַ איבערגעשלאָגן. — ווי קומען מיר צו די שטאָטישע! אַן אויערינגל האָט זיך מיר צעבראָכן, איז עס פריער אויך אפשר אַ גראָשן ווערט געווען! — האָט זי ביטער פאַרענדיקט.

גריגאָרי האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן ווייבס ברייטן אַרבעטזאַמען רוקן, און צום ערשטן מאָל אַ טראַכט געטון: „אַ שיינע באַבע, וואַרפט זיך אין די אויגן אַריין... ווי אַזוי־זשע האָט זי דאָ געלעבט אָן מיר? מסתמא האָבן די קאָזאַקן זיך געשאַרט צו איר, און זי האָט אויך אויף עמעצן אַן איבעריקן בליק געוואָרפן. אפשר האָט זי ווי אַלע זעלנערקעס זיך אויפגעפירט?" פון דעם אומדערוואַרטן געדאַנק האָט דאָס האַרץ אין אים אַ יאָכץ געטון, עס איז אים מיאוס געוואָרן אויף דער נשמה. ער האָט פאָרשנדיק אַ קוק געטון אויף איר ראָז גלאַנציק פּנים, וואָס האָט געשמעקט מיט אוגערקע־קרעם. נאַטאַליאַ האָט אויפגעפלאַמט אונטער זיין אויפמערקזאַמען בליק, — זי האָט פונדעסטוועגן גובר געווען די פאַרלוירנקייט און אַ שעפּטשע געטון:

— וואָס קוקסטו אַזוי? האָסט דיך פאַרבענקט, צי וואָס?

— אוודאי!

גריגאָרי האָט פאַרטריבן די שלעכטע געדאַנקען, אָבער עפּעס פייַנטלעכס, אומקלאָרס האָט ער אין דעם מאָמענט דערפילט צום ווייב.

דורך דער טיר איז הוסטנדיק אַריינגעקומען פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, ער האָט אָפּגעזאָגט אַ תּפילה פאַר די בילדער און אַ בורטשע געטון.

— נו, נאָכאַמאָל: וואָס מאַכט איר!

— דאַנקען גאָט, אַלטער... ביסט געפרוירן געוואָרן? און מיר

האָבן געװאָרט. אָט גיב איך דיר שוין הייסן באָרשטש, גלייך פון פון פייער אַראָפּ, — האָט איליניטשנאַ זיך געפּאָרעט, קלינגענדיק מיט די לעפל.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעװיטש האָט אױפגעבונדן דאָס רױטע טיכל, געטופּעט מיט די געפרױרענע אונטערגענייטע װאָילאָקעס. ער האָט אױסגעטון דעם טולופּ, אַראָפּגעריסן די אײַז-צעפּלעך פון דער באָרד און, אַװעקזעצנדיק זיך לעבן גריגאָריען, געזאָגט:

— איך בין געפרױרן געװאָרן, אָבער אין כוטאָר זיך דערװאַ-רעמט... מיר זענען אַניוּטקעס אַ חזירל איבערגעפאָרן...

— װעמענס? — האָט דאַריאַ לעבהאַפט געפרעגט און אױפ-געהערט צו שניידן די לאַכמעס פון גרױסן װײַסן ברױט.

— דער אַזיאָראָװעס. װי זי איז דאָס אַרױסגעשפּרונגען, די שלאַנג, און גענומען יעלהװען! די אַזױנער און אַזעלכער, אי אױסװאורף, אי אַ בראָנע האָסטו בײַ עמעצן געגנבעט. װאָסער בראָנע? — דער טײַװל װײַסט זי!

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעװיטש האָט כסדר אױסגערעכנט אַלע זידל-װערטער, מיט װעלכע אַניוּטקאַ האָט אים מכבד געװען, — נישט געזאָגט בלויז װעגן דעם, אַז זי האָט אים פאָרגעװאָרפן די יונגע עבירות װעגן די זעלנערקעס. גריגאָרי האָט אַ שמייכל גע-טון, זיך זעצנדיק בײַם טיש. און פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעװיטש, װעל-כער האָט געװאָלט זיך גערעכט מאַכן אין זײַנע אױגן, האָט הייס פאַרענדיקט:

— זי האָט אַזעלכע װערטער גערעדט, אַז ס׳איז אַ חרפּה פאַרן מויל צו ברענגען! איך האָב מיך שוין געװאָלט אומקערן און איר מיט דער בײַטש דערלאַנגען, נאָר גריגאָרי איז געװען, און מיט אים האָט עפּעס נישט געפּאַסט.

פּיעטראָ האָט געעפנט די טיר, און דוניאַשקאַ האָט אַרײַנגע-פירט אויף אַ פּאַסעק אַ רױט קאַלב מיט אַ פלעק אױפן שטערן.

— אין דער קאַרנאַװאַל-װאָך צום פאַרפאַסטן װעלן מיר עסן קרעפּלעך! — האָט פּיעטראָ פרײלעך אױסגעשריגן, שטופּנדיק דאָס קאַלב מיטן פוס.

נאָכמיטאָג האָט גריגאָרי געעפנט דעם זאַק און אָנגעהויבן טיילן מתנות דער משפחה.

— דאָס איז פאַר דיר, מאַמע... — האָט ער איר דערלאַנגט אַ וואַרעם וואָלן טוך.

איליניטשנאַ האָט צוגענומען די מתנה, כמורענדיק זיך און רויט ווערנדיק ווי אַ מיידעלע.

זי האָט זי אַ כאַפּ געטון אויף זיך און אַזוי זיך אַ דריי געטון פאַרן שפּיגל און אַ באַוועג געטון מיט די אַקסלען, אַז אפילו פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש איז בייז געוואָרן:

— אַן אַלטע קאָבילע — און לויפט צום שפּיגל! טפו!...

— דאָס איז פאַר דיר, טאַטע... — האָט גריגאָרי שנעל אַ בורטשע געטון, אויפוויקלענדיק פאַר אַלעמענס אויגן אַ ניי קאָזאַקיש היטל, מיט אַ הויכער שטייפער דענקע און פייערדיק-רויטן לאַמפּאַס.

— נו, גאָט זאָל דיר באַצאָלן! איך האָב טאַקע נישט געהאַט קיין היטל. ס'האָט דאָס הייַנטיקע יאָר אין די געוועלבער אויסגעפעלט... איך בין דעם זומער אַבי-ווי דורכגעקומען... אַזש אַ חרפּה געווען אין דער צערקווע אַריין צו גיין. דאָס אַלטע איז שוין לאַנג צייט געווען אויף אַ סטראַשידלע פאַר די פייגל אָנצוטון, און איך בין עס אַלץ געגאַנגען... — האָט ער געזאָגט מיט אַ ברוגזדיק קול, זיך אומקוקנדיק, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, ס'זאָל עמעצער נישט צוגיין און אים דעם זונס מתנה צונעמען.

ער האָט זיך שוין געוואָלט צורוקן צום שפּיגל אָנמעסטן, אָבער איליניטשנאַ האָט פון אים קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט. דער אַלטער האָט אויפגעכאַפּט איר בליק, האַסטיק זיך אויסגעדרייט און צוגעגאַנגען צום סאַמאָוואַר. דאָ האָט ער אָנגעמאָסטן, אָנטוענדיק דאָס היטל זייטיק.

— וואָס איז עס מיט דיר, אַלטער בורטשער, — איז איליניטשנאַ אויף אים אָנגעפאַלן.

נאָר פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זיך אָפּגעיאָגט:

— גאָט מיינער! וואָס פאַר אַ שוטה דו ביסט! דאָס איז דאָך אַ סאַמאָוואַר, נישט קיין שפּיגל? גיי טענה מיט איר!

דעם ווייב האָט גריגאָרי געגעבן אַ וואָלן רעשטל אויף אַ קלייד; די קינדער צעטיילט אַ פונט האָניק־קיכלעך; דאַריען — זילבערנע אויערינגלעך מיט שטיינדלעך; דוניאַשקען — אויף אַ קאָפּטנדל; פּיעטראָן — פּאַפּיראָסן און אַ פונט טיטון.

בשעת די באַבעס האָבן געטערעלייקעט, באַטראַכטנדיק די מתנות, איז פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש זיך דורכגעגאַנגען איבער דער קיך ווי דער מלך פּיק און אפילו אַרויסגעשטופּט די ברוסט.

— אָט איז ער אַ קאָזאַקל פון דער לייב־גוואַרדיע פון קאָזאַקישן פּולק! נעמט פּריזן! אויף דער קייסערלעכער רעווי דעם ערשטן באַקומען! אַ זאָטל און אַ גאַנצע אויסריכטונג! אוך, דו!...

פּיעטראָ האָט זיך געביסן די ווייצענע וואָנסע, הנאה געהאַט פון פאָטער, גריגאָרי האָט אונטערגעשמייכלט. זיי האָבן פאַררייכערט, און אַ קוק טוענדיק פאַרזאָרגט אויף די פענסטער, האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש געזאָגט:

— איידער די קרובים מיט די שכנים וועלן זיך צונויפקומען... דערצייל דערוויל פּיעטראָן וואָס דאָרט הערט זיך.

גריגאָרי האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— מען שלאָגט זיך.

— וואו זענען אַצינד די באָלשעוויקעס? — האָט פּיעטראָ געפרעגט, זיך אַוועקזעצנדיק באַקוועמער.

— פון דריי זייטן: פון טיכאָרעצק, פון טאַגאַנראָג, פון וואָראָניעזש.

— נו, און דער רעווקאָם אייערער וואָס טוט? פאַרוואָס לאָזט ער זיי צו אויף אונזער ערד? כריסטאָניאַ מיט איוואַן אַלעקסעיעוויטשן זענען געקומען און דערציילט פאַרשידנס, נאָר איך גלייב זיי נישט. דאָרט איז עפּעס נישט אין אָרדענונג...

— דער רעווקאָם — איז מאַכטלאָז. די קאָזאַקן אַנטלויפן אַהיים.

— דעריבער, הייסט עס, גייט ער איבער צו די סאָוויעטן?

— אוודאי איבער דעם.

פיעטראָ האָט געשוויגן אַ ווײַלע; ער האָט ווידער פאַרריי־כערט און אויפריכטיק אַ קוק געטון אויפן ברודער:

— מיט וועמען־זשע האַלטסטו ?

— איך בין פאַר דער סאָוויעטישער מאַכט.

— שוטה ! — האָט פאַנטעליעי פּראָקאָפּיעוויטש, ווי מיט פול־ווער אַ שאָס געטון. — פּיעטראָ, קלער דו אים כאָטש אויף !

פּיעטראָ האָט אַ שמייכל געטון און געפּאַטשט גריגאָריען איבער דער פּלייצע.

— ער איז ביי אונז אַ הייסער — ווי אַ נישט אויסגעפאָרן פערד. ער וועט זיך לאָזן אויפקלערן, טאַטע ?

— מיך דאַרף מען נישט אויפקלערן ! — האָט גריגאָרי זיך אָנגעצונדן. — איך בין אַליין נישט קיין בלינדער... וואָס רעדן ביי אייך די פראָנט־קאָזאַקן ?

— וואָס גייען אונז אָן די פראָנט־קאָזאַקן ! דו קענסט נישט דעם איילאָוויי־קאָפּ כריסטאַן ? וואָס קאָן ער פאַרשטיין ? דאָס פאָלק האָט זיך פאַרבלאָנזשעט, ווייסט נישט, אין וועלכער זייט אַריין צו גיין... אַ ריין אומגליק ! — פּיעטראָ האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, פאַרביסן די וואָנסע. — נו, וואָס וועט נאָך פּריילינג זיין, — ווער ווייסט... מיר האָבן זיך אויך אַ ביסל געשפּילט אין באָל־שעוויקעס אויפן פראָנט, אָבער אַצינד איז צייט צום שכל צו קו־מען. „מיר ווילן קיין פרעמדס נישט, און איר נעמט אונזערס אויך נישט" — אָט וואָס די קאָזאַקן דאַרפן זאָגן אַלעמען, ווער עס רייסט זיך מיט געוואַלט צו אונז. און אין קאַמיענסק איז גאָר אַ מיאוסע זאַך. איר זענט געוואָרן מחותנים מיט די באָלשעוויקעס — פירן זיי איין זייערע אָרדענונגען.

— דו גיב נאָר אַ טראַכט, גרישקאַ. דו ביסט דאָך נישט קיין נאַרישער בחור. דו דאַרפסט פאַרשטיין, אַז דער קאָזאַק — ווי ער איז געוועזן אַ קאָזאַק, אַזוי וועט ער אַ קאָזאַק בלייבן. דאָס פאַר־שטונקענע רוס דאַרף נישט ביי אונז רעגירן. און דו ווייסט, וואָס

די פרעמד-צוגעפּאָרענע זאָגן אַצינד. די גאַנצע ערד זאָל מען צע-טיילן צווישן אַלע. ווי געפעלט דיר דאָס?

— די פרעמדע איינגעוואָרצלטע, וואָס וואוינען אין דאָנער קרייז שוין פון לאַנג, וועלן מיר געבן ערד.

— אַ פייג זיי! אָט דאָס קאָנען זיי אָפּבייסן!... — פּאַנטע-לעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט געמאַכט אַ פייג; און באַוועגנדיק מיטן גרויסן באַנאָגלטן פינגער, האָט ער לאַנג געדרייט מיט איר אַרום גריגאָריעס געהאָרבעטער נאָז.

פון גאַנעק האָבן זיך דערהערט טריט. די פון פראָסט פּאַר-שטאַרטע טרעפּלעך האָבן זיך צעגרילצט. עס זענען אַריינגעקומען אַניקושקאַ, כריסטאָניאַ, טאָמילין איוואַן אין אַן אומגעוויינטלעך הויכער פּאַפּאַכע פון האָזן-פוטער.

— וואָס מאַכסטו, מיליטערמאַן? פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, שטעל כיבוד! — האָט כריסטאָניאַ אַ ברום געטון.

פון זיין געשריי האָט דערשראָקן אַ בעטשע געטון דאָס קאַלב, וואָס האָט איינגעדרימלט ביים וואַרעמען אויוון. עס איז אויפגעשפּרונגען, גליטשנדיק זיך אויף די נאָך שלאַבע-ריקע פיס, מיט קלייניקע אַגאַט-אויגן באַטראַכט די געקומענע און, מסתמא, פון שרעק גענומען זייען מיט אַ דין שטראָמל אויפן דיל. דוניאַשקאַ האָט עס איבערגעהאַקט, לייכט אַ שטויס טוענדיק אין רוקן; אויסווישנדיק די קאַלושע, האָט זי אונטערגעשטעלט אַן אַלט טעפּל.

— ער האָט דאָס קאַלב איבערגעשראָקן, דער פּיסקאַטע! — האָט איליניטשנאַ פאַרדראָסיק געזאָגט.

גריגאָרי האָט געדריקט די קאָזאַקן די הענט, געבעטן זיצן. באַלד זענען פון צווייטן עק כוטאָר געקומען נאָך קאָזאַקן. שמועסנדיק, האָבן זיי אַזוי אָנגערייכערט, אַז דער לאָמפּ האָט זיך גענומען טיקן און דאָס קאַלב האָט זיך צעהוסט אָן אויפהער.

— דער גוטער יאָר זאָל אייך נעמען! — האָט איליניטשנאַ זיך געבייזערט, שוין נאָך האַלבער נאַכט אַרויסבאַגלייטנדיק די

געסט. — אויף דער גאַס גייט אַרויס, און דאָרט רייכערט, קוי־מען־בלאָזערס! גייט, גייט! אונזער מיליטערמאַן האָט זיך נאָך פון וועג נישט אָפּגערוט. גייט געזונטערהייט!

XIV

אינדערפרי האָט גריגאָרי אויפגעוואַכט שפּעטער פון אַלע. עס האָט אים אויפגעוועקט דאָס הויכע, ווי אין פרילינג, סווי־טשערן פון די שפּערלען אונטערן דאַך און איבער דער באַקליידונג פון די פענסטער. אין די שפּאַרעס פון די לאָדנס האָט זיך גע־שטויבט דאָס גאָלד פון די זונען־שטראַלן. מען האָט געקלונגען צו דער מאָרגן־תפילה. גריגאָרי האָט זיך דערמאַנט, אַז היינט איז זונטיק. נאַטאַליאַ איז נישט געווען לעבן אים, אָבער דאָס איבער־בעט האָט נאָך געאָטעמט מיט דער וואַרעמקייט פון איר קערפּער. זי איז, משמעות, ערשט אויפגעשטאַנען.

— נאַטאַשע! — האָט גריגאָרי אַ רוף געטון.

ס׳איז אַריינגעקומען דוניאַשקאַ.

— וואָס ווילסטו, ברידערל?

— עפן די פענסטער און גיב אַ רוף נאַטאַליען. וואָס טוט זי?

— זי קאָכט מיט דער מאַמען, זי וועט באַלד אַריינקומען.

נאַטאַליע איז אַריינגעקומען, זיך פאַרזשמורעט פון דער פינ־סטערניש.

— ביסט פאַרשלאָפן?

פון אירע הענט האָט געשמעקט מיט פרישׁ טייג. גריגאָרי האָט זי ליגנדיק אַרומגענומען, זיך דערמאַנט אָן דער נאַכט, — זיך צעלאַכט.

— ביסט פאַרשלאָפן?

— אַהאַ! די נאַכט... האָט מיך פאַרמאַטערט, — זי האָט אַ שמייכל געטון, רויט געוואָרן און באַהאַלטן דעם קאָפּ אויף גריגאָריעס האָריקער ברוסט.

זי האָט געהאָלפן גריגאָריען איבערבינדן די וואונד, אַרויס־גענומען פון קופערט די יום־טובדיקע שאַראָוואַרן און געפרעגט:

— דעם מונדיר מיט די קרייצן וועסטו אָנטון?

— לאָז מיך צורו מיט אים! — האָט גריגאָרי דערשראָקן אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

אָבער נאַטאַליע האָט עקשנותדיק געבעטן:

— טו אָן. דער טאַטע וועט זיין צופרידן. וואָס־זשע, אומ־זיסט האָסטו זיי פאַרדינט, זיי זאָלן אין קופערט זיך וואַלגערן?

גריגאָרי האָט נאָכגעגעבן איר עקשנות און מסכים געווען. ער איז אויפגעשטאַנען, גענומען ביי פּיעטראָן דאָס ראַזיר־מעסער, זיך אָפּגעגאָלט, אָפּגעוואַשן דאָס פּנים מיטן האַלז.

— דעם קאַרק האָסטו אָפּגעגאָלט? — האָט פּיעטראָ גע־פרעגט.

— אַך, טייוול, פאַרגעסן!

— נו, זעץ־זשע דיך, וועל איך דיר אָפּגאָלן.

אַ קאַלטער שמיר פון אָנגעזייפטן בערשטל האָט אָפּגעבריט דעם האַלז. גריגאָרי האָט געזען אין שפּיגל, ווי פּיעטראָ האָט קינדישמעסיק זייטיק אַרויסגערוקט די צונג און געפירט מיט דעם ראַזיר־מעסער.

— דער האַלז איז ביי דיר דינער געוואָרן, ווי ביי אַן אָקס נאָכן אַקערן, — האָט ער אַ שמייכל געטון.

— נישקשה, אויף קאַזיאָנע קעסט וועסטו נישט דיק ווערן.

גריגאָרי האָט אָנגעטון דעם מונדיר מיט די שליפעס פון אַ כאָרונזשי, מיטן געדיכטן באַהענג פון די קרייצן, און ווען ער האָט זיך דערזען אין פאַרהויכטן שפּיגל, — האָט ער זיך כמעט נישט דערקענט: אַ הויכער, דאַרער, ציגיינעריש־שוואַרצער אָפי־ציר האָט געקוקט אויף אים, ווי אַ צווילינגס־ברודער.

— דו — זעסט אויס ווי אַ פּאָלקאָווניק! — האָט פּיעטראָ באַ־גייסטערט געזאָגט, אָן קנאה זיך קוויקנדיק מיטן ברודער.

דידאָזיקע ווערטער האָבן גריגאָריען פאַרשאַפט פאַרגעניגן, כאָטש ער האָט דאָס נישט געוואָלט. ער איז אַריינגעגאַנגען אין

קיך. דאַריעס פאַרליבטער בליק איז שטיין געבליבן גאַפנדיק אויף אים. דוניאַשקאַ האָט אויסגעשריגן:

— פו, וואָס פאַר אַ הערלעכער דו ביסט!...

איליניטשנאַ האָט אויך ביי דעם זיך נישט איינגעהאַלטן פון טרערן. אויסווישנדיק זיי מיטן ברודיקן פאַרהענגל, האָט זי געענט־פערט אויף דוניאַשקעס אָפּלאַכן:

— האָב נאָר דו אַזעלכע, קלאַפּערין! צווי זין, און ביידע צו לייטן געבראַנגט!

נאַטאַליאַ האָט נישט אַראָפּגענומען פון מאַן די פאַרליבטע, הייסע און פאַרנעפּלטע אויגן.

גריגאָרי האָט דעם שינעל גענומען אויף די אַקסל און אַרויסגע־גאַנגען אויפן הויף. אים איז שווער געווען אַראָפּצוגיין פון גאַנעק, דער פאַרוואונדעטער פוס האָט געשטערט. „אָן אַ קוליע וועל איך מיך נישט באַגיין", — האָט ער אַ קלער געטון, זיך אָנהאַלטנדיק אָן פאַרענטש.

די קויל האָט מען אים אויסגעשניטן אין מילעראָווע, די וואונד איז פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ ברוינעם סטרופּ, — דאָס האָט אים צונויפגעצויגן די הויט און געשטערט דעם פוס פריי זיך צו באַוועגן.

די קאַץ האָט זיך געוואַרעמט אויף דער פריזבע. דער שניי פאַרן גאַנעק איז צעגאַנגען אויף דער זון, — עס האָט געגלאַנצט אַ קאַלוזשע. גריגאָרי האָט אויפמערקזאַם און פריידיק זיך אַרומ־געקוקט איבערן הויף. ביים גאַנעק איז נאָך אַלץ געשטאַנען דער זעלבער סלופּ מיטן ראָד אינדערהייך. גריגאָרי האָט געדענקט דאָס ראָד פון דער קינדהייט. עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן פאַר די ווייבער, זיי פלעגן, נישט אַראָפּגייענדיק פון גאַנעק, דאָ אויף ביינאַכט אַרויפשטעלן די דייזשעס מילך, בייטאָג האָט זיך דאָ גע־טרוקנט דאָס געפעס און עס האָבן זיך געוואַרעמט די טעפּ אויף דער זון. עטלעכע ענדערונגען אויפן הויף האָבן זיך געוואָרפן אין אויג אַריין: די טיר פון שייער איז, אָנשטאָט דער אָפּגעקראָכע־נער פאַרב, אויסגעשמירט געווען מיט געלן ליים, דאָס שטרוי

אויפן דאַך פון פריש-געדעקטן שפּייכלער האָט נאָך נישט באַוויזן גרוי צו ווערן; דער שטויס אָנגעוואָרפענע קלעצער האָט אויסגע־זען קלענער, — מען האָט מסתמא פאַרנוצט אַ טייל אויף צו פאַר־ריכטן דעם פּאַרקן. דער אָנגעשיטער באַרג אויפן קעלער איז גרוי געווען פון אַש; אויף אים איז, פרירנדיק, געשטאַנען אַ האָן מיט אַ פאַרהויבענעם פוס, אַ שוואַרצער, ווי אַ קראָ, אַרומגערינגלט מיט אַ צענטליק בונטפאַרביקע הינער, וואָס זענען איבערגעלאָזט געוואָרן צום איבערזעצן. אונטער דער שאָפּע האָט זיך געזען דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אינווענטאַזש, וואָס איז דאָ אַרונטער־גענומען געוואָרן אויפן ווינטער: ריפנאַרטיק האָבן געסטאַרטשעט די וואָגן-לייטערס, עס האָט געגלאַנצט עפּעס אַ מעטאַלענע טייל פון דער שנייד-מאַשין, וואָס איז דורך אַ שפּאַרע אין דאַך באַ־גאָסן געווען מיט זונען-ליכט. ביי דער שטאַל אויף דער קופּע מיסט זענען געזעסן גענז. דער באַטשופּרינטער האָלענדישער גאַ־נער האָט גאַוודיק אַ שיקל געטון אויפן פאַרבייהינקענדיקן גריגאָריען.

באַקוקנדיק די גאַנצע באַלעבאַטישקייט, איז גריגאָרי צוריק אַריינגעגאַנגען אין דער כאַטע. אין קיך האָט זיס געשמעקט מיט צעלאָזטער פוטער, מיט הייס פריש-געבאַקן ברויט. דוניאַשקאַ האָט אין אַ געבלימטן טעלער איבערגעשווענקט קוואַס-עפּל. אַ קוק געבנדיק אויף זיי, האָט גריגאָרי לעבהאַפט געפרעגט:

— און מאַרינירטער אַרבוז איז דאָ?

— גיי ברענג, נאַטאַליע! — האָט איליניטשנאַ באַפוילן.

פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש איז געקומען פון דער צערקווע, ער האָט צעבראָכן דאָס הייליקע ברויט אויף ניין חלקים — לויט דער צאָל פון די משפחה-מיטגלידער, און איינגעטיילט ביים טיש. מען האָט זיך געזעצט עסן פרישטיק. פּיעטראָ, וואָס האָט אויך געהאַט זיך שיין אָנגעטון, אַפילו די וואָנסעס מיט עפּעס אַ פעטקייט אָנ־געשמירט, איז געזעסן לעבן גריגאָריען. קעגנאיבער זיי אויף אַ ברעג טאַבורעטקע האָט זיך אַוועקגעזעצט דאַריאַ. אַ פּאַס זונען־ליכט איז געפאַלן אויף איר ראָז פּנים. זי האָט געזשמורעט די־

אויגן, אומצופרידן אַראָפּגעלאָזט די שוואַרצע ברעמען-רייפן, וואָס האָבן געגלאַנצט אויף דער זון. נאַטאַליאַ האָט געקאָרמעט די קינדער מיט געטרוקנטער באַגיע; דוניאַשקאַ איז געזעסן לעבן פאָטער, שמייכלענדיק און פון צייט-צו-צייט קוקנדיק אויף גריגאָריען. איליניטשנאַ איז געזעסן אין עק, לעבן אויוון.

זיי האָבן געגעסן, ווי תּמיד אין די יום-טובים, זעטיק און אַ סך. נאָכן באָרשטש מיטן שעפּסן-פלייש — לאָקשן; נאָך די לאָקשן — געבראָטן שעפּסנס, הון, געגליווערטע שעפּסענע פיסלעך, געבראָטענע קאַרטאָפליעס, ווייצענע קאַשע מיט פּוטער, קליסקעלעך מיט געטרוקנטע קערשן, בלינצעס מיט פלייש, מאַרינירטן אַרבוז. גריגאָרי, וואָס האָט זיך שטאַרק אָנגעגעסן, איז שווער אויפגעשטאַנען, וואַקלענדיק זיך איבערגעצלמט און צוגעלענט אויפן בעט. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש איז נאָך אַלץ פאַרנומען געווען מיט דער קאַשע: שטאַרק זי איינפּלאַטשנדיק מיטן לעפל, האָט ער געמאַכט אינמיטן אַ פאַרטיפונג (אַזוי געגרופּענעם ברונעם), אַריינגעגאָסן בורשטינענע פּוטער און רעגולער געשעפּט מיטן לעפל די גוט-געשמאָלצענע קאַשע. פּיעטראָ, וועלכער האָט שטאַרק ליב געהאַט די קינדערלעך, האָט געקאָרמיעט מישאַטקען: שפּילנדיק זיך, האָט ער אים אויסגעשמירט די בעקלעך און די נאָז מיט זויערמילך.

— פּעטער, טשעפּע נישט.

— וואָס איז דען?

— פאַרוואָס שמירסטו מיך אויס?

— אָבער וואָס איז דען?

— איך וועל דער מאַמען דערציילן!

מישאַטקעס אייגעלעך, וואָס זענען אָנגעכמורעט געווען אויפן מעליעכאָווער שטייגער, האָבן בייז געפינקלט, עס האָבן געציטערט אין זיי טרערן פון באַליידיקונג; זיך אָפּווישנדיק מיטן פויסטל די נאָז, האָט ער זיך מיאש געווען פּטור צו ווערן פון אים מיט גוטן און הויך געשריגן:

— שמיר מיך נישט אויס !... נאַר !... שוטה !

פּיעטראָ האָט צופרידן געלאַכט און ווידער מכבד געווען דעם ברודערנזון מיט איין לעפל אין מויל אַריין און אַ צווייטן אויף דער נאָז אַרויף.

— ווי אַ קליין קינד... האָט ער זיך צוגעטשעפּעט, — האָט איליניטשנאַ אַ בורטשע געטון.

דוניאַשקאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן גריגאָריען און דערציילט :

— פּיעטראָ האָט תמיד אַ פּאָקוס אין קאָפּ, תמיד טראַכט ער עפּעס אויס. אַנומלט איז ער אַרויסגעגאַנגען מיט מישאַטקען אויפן הויף, — דער קליינער האָט געדאַרפט אַהינטער צו גיין, פרעגט ער אים : „פּעטערשי, מען מעג לעבן גאַנעק ?“ און פּיעטראָ ענטפערט אים : „ניין, מען טאָר נישט. גיי ווייטער אַ ביסל“. איז מישקאַ אַ ביסל ווייטער אַוועקגעלאָפן : „דאָ ?“ — „ניין, ניין, לויף צו צום שייער“. פון שייער האָט ער אים צו דער שטאַל אַוועקגעטריבן, פון דער שטאַל — צום שפּייכלער. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז דער קליינער האָט אין די הייזלעך אָנגעמאַכט... נאַטאַליאַ האָט דאָס דעמאָלט געשריגן !

— לאָז מיך, איך וועל אַליין ! — האָט מישאַטקאַ ווי אַ גלאָק געקלונגען.

קאָמיש באַוועגנדיק מיט די וואָנסעס, האָט פּיעטראָ נישט מסכים געווען :

— ניין, חברהמאַן ! איך וועל דיך קאָרמען.

— איך וויל אַליין !

— אַליין עסן ביי אונז די חזירים אין דער חזיר־שטאַל — האָסט געזען ? די באָבע קאָרמעט זיי מיט פּאָמיעס.

זיך צוהערנדיק מיט אַ שמייכל צו זייער שמועס, האָט גריגאָרי פּאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס. עס איז צוגעקומען פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש.

— איך וויל היינט פאָרן קיין וויעשקי.

— נאָך וואָס ?

פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אַ שטאַרקן גרעבץ געטון און זיך אַ גלעט געגעבן איבער דער באָרד.

— איך האָב דאָרט אַן עסקל צום רימער — צוויי כאָמוטן אים געגעבן צו פאַרריכטן.

— ווייסט נאָך היינט באַווייזן?

— פאַרוואָס נישט? איך וועל פאַרנאַכט צוריקקומען.

ער האָט זיך אָפּגערוט, איינגעשפּאַנט אין שליטן די אַלטע קאָבילע, וואָס איז דאָס יאָר בלינד געוואָרן, און אַוועקגעפאָרן. דער וועג האָט געפירט איבער דער לאָנקע. אין צוויי שעה אַרום איז ער געווען אין ווישענסק. ער איז צוגעפאָרן צו דער פּאָסט, צום קאָאָפּעראַטיוו, גענומען די צוויי כאָמוטן און פאַרפאָרן צו אַן אַלטן באַקאַנטן און קום, וואָס האָט געוואוינט ביי דער נייער צערקווע. דער באַלעבאָס איז געווען זייער אַ גאַסטפריינטלעכער, און ער האָט אים מכבד געווען מיט מיטאָג.

— ביסט געווען אויף דער פּאָסט? — האָט ער געפרעגט, אָנגיסנדיק אים עפּעס אין גלעזל אַריין.

— געווען — האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש מאָנאָטאָן גע־ענטפערט, שאַרף און פאַרוואונדערט קוקנדיק אויף דער קאַראַפקע, שנאַפּנדיק די לופט, ווי אַ הונט דעם שפּור פון אַ חיה.

— קיין נייעס האָסטו גאָרנישט געהערט?

— נייעס? דאַכט זיך גאָרנישט געהערט. וואָס איז דען?

— קאַלעדין, אַלעקסעי מאַקסימאָוויטש, האָט שוין אָפּגע־דאַנקט.

— וואָס רעדסטו!?

פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש איז גרין געוואָרן, פאַרגעסן אַן דער פאַרדעכטיקער קאַראַפקע, אָן דעם ריח, וואָס זי האָט פאַר־שפּרייט, און אַ פאַל געטון אויפן אָנלען פון דער שטול. כמורנע מרוגענדיק מיט די אויגן, האָט דער באַלעבאָס געזאָגט:

— מען האָט טעלעגראַפיש מודיע געווען, אַז ער האָט נישט לאַנג צוריק זיך דערשאָסן אין נאָוואָטשערקאַסק. דאָס איז געווען דער

וויכטיקסטער גענעראַל אין גאַנצן קרייז. אַ קאַוואַלער געווען, מיט אַן אַרמיי אָנגעפירט. און וואָס פאַר אַ נשמה דער מענטש האָט געהאַט! ער וואָלט שוין דעם קאָזאַקנטום נישט געלאָזט קיין עוולה טון.

— וואַרט נאָר צו, קום! וואָס־זשע וועט אַצינד זיין? — האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש פאַרלוירן געפרעגט, אָפּרוקנדיק דאָס גלעזל.

— גאָט ווייסט. אַ שווערע צייט קומט אָן. נישקשה, פון וואָרילטאָג דערשיסט זיך נישט אַליין אַ מענטש.

— פאַרוואָס־זשע האָט ער דאָס געטון?

דער קום, — אַ קאָזאַק אַ שווערער, ענלעך צו אַן אַלט־גלויביקן, — האָט בייז אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— די פראָנט־קאָזאַקן זענען אַוועק פון אים, די באָלשעוויקעס אין קרייז אַריינגעלאָזט, — נו, איז ער אַוועקגעגאַנגען, דער אַטאַמאַן. צי וועלן זיך נאָך געפינען אַזעלכע? ווער וועט אונז באַשיצן? אין קאַמיענסק האָט זיך עפּעס אַ רעווקאָם געשאַפן, פון די פראָנט־קאָזאַקן... ביי אונז אויך דאָס אייגענע... האָסט דאָך, מסתּמא, געהערט? אַ באַפעל פון זיי אָנגעקומען: מען זאָל די אַטאַמאַנעס אַראָפּוואַרפן און אָט די רעווקאָמען אויסקלויבן. די פויערים האָבן דאָס אַ ביסל די קעפּ אויפגעהויבן! אָט די אַלע טשעסליאַרעס, קאָוואַלעס, מיט די פאַרריסטע מאָרדעס, — זיי זענען דאָך דאָ אין וויעשקי אַזוי פיל, ווי די מוקן אויף דער לאָנקע!

לאַנג האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש געשוויגן, דעם גרויען קאָפּ אַראָפּגעזונקען; און ווען ער האָט אים אויפגעהויבן, — איז זיין בליק געווען שטרענג און אכזריותדיק.

— וואָס האָסטו דאָ אין דער קאַראַפּקע?

— שפּירט. דער שוועסטערנזון האָט פון קאַווקאַז געבּרענגט.

— נו, לאָמיר, קום, אויסטרינקען פאַרן אָנדענק פון קאַלעדינען, דעם פאַרשטאָרבענעם אַטאַמאַן, אַ ליכטיק גן־עדן זאָל ער האָבן!

זיי האָבן אויסגעטרונקען. דעם באַלעבאָס׳ טאָכטער, אַ הויכע מויד מיט זומערשפּרענקעלעך, האָט דערלאַנגט צו פאַרבייסן. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אינאָנהייב אַלעמאָל אַרויסגעקוקט צו דער קאָבילע, וואָס איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ ביים שליטן, נאָר דער באַלעבאָס האָט אים פאַרזיכערט:

— באַאומרויִק דיך נישט וועגן פערד, כ׳וועל עס הייסן אָנפּאָיען און געבן עסן.

און פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אין הייסן שמועס און ביי דער קאַראַפּקע שנעל פאַרגעסן אָן פערד און אין אַלעם אויף דער וועלט. ער האָט אָן אַ סדר דערציילט וועגן גריגאָריען, זיך געשפּאַרט וועגן עפּעס מיטן בגילופנדיקן קום, געשפּאַרט, און באַלד פאַרגעסן וועגן וואָס. ער האָט זיך אויסגעטשוכעט ערשט פאַרנאַכט, און נישט געקוקט אויף דער איינלאַדונג צו בלייבן נעכטיקן, האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן. די קאָבילע האָט אים איינגעשפּאַנט דעם באַלעבאָס׳ זון און אַריינזיצן אין שליטן האָט אים געהאָלפן דער קום. ער האָט באַשלאָסן צו באַגלייטן אַ ביסל דעם גאַסט; זיי האָבן צוזאַמען זיך אַריינגעלייגט אין שליטן און אַרומגענומען. דער שליטן האָט זיך ביי זיי פאַרטשעפּעט אָן טויער, דערנאָך אין יעדן ראָג, ביז זיי זענען אַרויסגעפאָרן אויף דער לאָנקע. דאָ האָט דער קום זיך צעוויינט און פריייוויליק זיך אַרויסגעקייקלט פון שליטן. ער איז לאַנג געשטאַנען אויף אַלע פיר, געשאָלטן, נישט זייענדיק בכוח אויפצושטיין אויף די פיס. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אַ טרייב געטון די קאָבילע, נישט געזען, ווי דער קום, וואָס האָט אים באַגלייט, קריכט איבערן שניי אויף אַלע פיר, פאַלט מיט דער נאָז אין שניי אַריין, לאַכט אַ גליקלעכער און בעט מיט אַ הייזעריקן טאָן:

— קיצל נישט! קיצל נישט, איך בע־ע־עט דיך!

עטלעכע מאָל דערוואַרעמט דורך דער בייטש, איז פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטשס קאָבילע געגאַנגען מיט אַ שנעלן, אָבער אומזיכערן, בלינדן טריט. באַלד איז איר באַלעבאָס באַפאַלן געוואָרן

פון אַ שיכּורן דרימל, זיך צוגעשפּאַרט מיטן קאָפּ צום ווענטל פון שליטן און פאַרשוויגן געוואָרן. די לייצן האָבן זיך גראָד געפונען הינטער אים, און די קאָבילע, וואָס איז דורך קיינעם נישט אָנגעטריבן געוואָרן, האָט אַ הילפלאָזע גענומען גיין פּאַמעלעך. ביים ערשטן אויסבויג האָט זי זיך פאַרנומען אויפן וועג, וואָס פירט צום כוטאָר מאַלי גראָמטשאָנאָק. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זי פאַרלוירן אויך דעם וועג. זי איז געגאַנגען איבערן גלייכן פעלד, געזונקען אין טיפן שניי ביים וואַלד; סאַפּענדיק זיך אַראָפּגעלאָזט אין די טאָלן. דער שליטן האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ קוסט, — און זי איז שטיין געבליבן. דער שטויס האָט אויף אַ רגע אויפגעוועקט דעם אַלטן. פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ, הייזעריק אַ געשריי געטון:

— נו, טייוול!... — און זיך צוריקגעלייגט.

די קאָבילע האָט בשלום געמיטן דעם וואַלד, ווי געהעריק זיך פאַרנומען צום דאָן און לויטן ווינט, וואָס האָט דערטראָגן פון מזרח דעם ריח פון קיזעקלעך-רויך, זיך אַוועקגעלאָזט צום סעמיאָנאָווער כוטאָר.

אַ האַלבע וויאָרסט פון כוטאָר, אויף דער לינקער זייט דאָן, איז דאָ אַ גרוב; אין פרילינג פאַרזאַמלט זיך דאָרט דאָס וואַסער פון צעגייענדיקן שניי. לעבן גרוב שלאָגן אַרויס פון זאַמדיקן באָדן קוואַלן — דאָס וואַסער ווערט דאָרט דעם גאַנצן ווינטער נישט פאַרפרוירן, איינגעטוליעט אין גרינעם בריטן האַלבקרייז פון אייז, און דער וועג לענגאויס דעם דאָן מיידט עס אויס פאָרזיכטיק, מאַכט אַ קרומען שפּרונג אין דער זייט. פרילינגס-צייט, ווען דער איבערפלוס פון וואַסער רייסט זיך דורך אַ וועג און גייט אַוועק מיט אַ בריטן שטראָם צוריק אין דאָן אַריין, שאַפט זיך אויף דעם אָרט אַ קעסל-גרוב. דאָס וואַסער ברומט, אָפּפליסנדיק אין פאַרשידענע ריכטונגען, שווענקענדיק דעם באָדן; און דעם גאַנצן זומער האַלטן זיך דאָ אויף אין אַ פיל-קלאַפטערדיקער טיפקייט קאַרפּן, וואָס קומען צוצושווימען צום ראַנד פון גרוב.

צום לינקן ראַנד פון דעמדאָזיקן אייז-לאָך האָט טאַקע מעליעכאָווס קאָבילע פאַרקירעוועט איר בלינדן טריט. עס זענען איר געבליבן ביז אַהין נאָך צוואָנציק קלאַפטער, ווען פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זיך אַ רודער געטון און עטוואָס געעפנט די אויגן. פון שוואַרצן הימל האָבן אים אַרונטערגעקוקט אונטערן קאָלנער די געלבלעך-גרינע נישט צייטיקע קערשן פון די שטערן. „נאַכט"... — האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש נעפלהאַפּט זיך משער געווען און בייז אַ ריס געטון ביי די לייצן:

— נו, נו!... אָט וועל איך דיר דאָ געבן, דו אַלטע פּאַדלע!

די קאָבילע האָט גענומען גיין שנעלער. דער ריח פון נישט ווייטן וואַסער האָט איר אַ זעץ געטון אין די נאָזלעכער. זי האָט אָנגעשפּיצט די אויערן, עטוואָס אָנגעדרייט אין באַלעבאָס' זייט אַריין דאָס בלינדע פאַרהידושטע אויג. איר געהער האָט פּלוצלינג זיך דערטראָגן דאָס פּליעסקען פון די ריזלענדיקע כוואַליעס. זי האָט ווילד אַ שנאָרך געטון, האַסטיק זיך פאַרנומען אין דער זייט און גענומען רוקן הינטערווייליעכץ. אונטער אירע פיס האָט ווייך אַ גרילץ געטון דאָס אונטערגעשווענקטע אייז און זיך אָפּגעבראָכן מיט אַ באַשנייעט שטיק. די קאָבילע האָט זיך צעשנאָרכט אין טויט-אַנגסט. מיטן גאַנצן כוח זיך געפּרווט פאַרהאַלטן מיט די הינטערשטע פיס, אָבער די פּעדערשטע זענען שוין געווען אין וואַסער און אונטער די הינטערשטע האָט דאָס אייז זיך געבראָכן און געקרישלט. דאָס אייז האָט הויך אַ גרילץ געטון און מיט אַ פּליעסק געפּלאַצט. דאָס לאָך האָט איינגעשלונגען די קאָבילע, און זי האָט קאָנוואולסיוו אַ צאַפּל געטון מיטן הינטערשטן פוס, זיך אָנגעקלאַפּט אָן דער האָלאָבליע. אין דעם מאָמענט האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש דערפילט, אַז עס איז עפּעס נישט אין אָרדענונג, און ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון שליטן, זיך אַ קייקל געטון צוריק. ער האָט געזען ווי דער שליטן, וואָס איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן דורך דער שווערקייט פון דער קאָבילע, האָט זיך אַ שטעל געטון אינדערהייך, אַנטפּלעקנדיק די שליטן-גייערס, וואָס האָבן אַ גלאַנץ געטון אין שיין פון די שטערן, — זיך אַריינגעגליטשט אין שוואַרצלעך-

גרינעם אָפּגרונט, און דאָס וואַסער, אויסגעמישט מיט שטיקלעך אייז, האָט ווייך אַ שיפּע געטון, שיער נישט דערגרייכט צו אים מיט אַ כוואַליע. פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש איז מיט אומגלויבלע־כער שנעלקייט אַוועקגעקראָכן הינטערווײַלעכץ, און ערשט דעמאָלט פעסט אויפגעשפּרונגען אויף די פיס און אַ רעווע געטון:

— קאַ־ראַ־ו־ו־ל, גוטע מענטשן!... מיר ווערן דער־טרי־י־ינ־קען!...

דאָס שיכּרות איז אים מיט איינמאָל אַרויס פון קאָפּ — ווי מען וואָלט עס מיט אַ קלין אַרויסגעהאַקט. ער איז צוגעלאָפן צום אייז־לאָך. שאַרף האָט אַ גלאַנץ געטון דאָס פריש־אָפּגעבראָכענע אייז. דער ווינט און שטראָם האָבן געטריבן איבערן ברייטן שוואַרצן קרייז פון אייז־לאָך שטיקער אייז, די כוואַליעס האָבן גרין און שאָרכענדיק געווירבלט. אַרום האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. אין וויטן כוטאָר האָבן די פייערן געל געבלינצלט אין אין דער פינסטערניש. העל האָבן געברענט אין הימל די קערנדי־קע, ווי פריש־אויסגעוויייעטע, שטערן. דאָס ווינטל האָט אויפגעהויבן דעם שניי, דין אים צעבלאָזן, ווי מעל־שטויב פאַרטראָגן אין שוואַרצן שלינג פון אייז־לאָך. און דאָס אייז־לאָך האָט לייכט זיך געוויכערט און, ווי פריער, אי פרייַנטלעך, אי אומהיימלעך זיך געשוואַרצט.

פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז אַצינד נאַריש און אומנוצלעך צו שרייען. ער האָט זיך אַרומגע־קוקט, — משער געווען, וואוהין ער איז אַרייַנגעפאַלן אין שיכּורן צושטאַנד, און זיך גענומען טרייסלען פון כּעס אויף זיך אַליין, אויף דעם, וואָס האָט געטראָפן. אין זיינע הענט איז געבליבן די בייטש, מיט איר האָט ער באַוויזן אַראָפּצושפּרינגען. שעלטנדיק זיך אין דער מאַמען אַריין, האָט ער לאַנג זיך געשמיסן איבערן רוקן, אָבער עס האָט נישט וויי געטון, — דער גראָבער פעלץ האָט געשיצט, און אויסטון זיך צוליב דעם האָט אים אויסגעזען נאַריש. ער האָט זיך אויסגעריסן פון דער באָרד אַ גאָרשטש האָר, באַחשבונט אין געדאַנק די פאַרפאַלענע קניות, דעם ווערט פון

דער קאָבילע, פון שליטן און די כאָמוטעס, שטאַרק זיך אויסגעזידלט און נאָך נענטער צוגעגאַנגען צום אייז-לאָך.

— בלינדער טייוול!... — האָט ער זיך צעשריגן מיט אַ ציטערנדיק, קרעכצנדיק קול, ווענדנדיק זיך צו דער דערטרונקענער קאָבילע. — קורווע! ביסט אַליין דערטרונקען געוואָרן און מיך אויך שיער נישט דערטרינקען! וואו-זשע האָט דיך דער שד פאַרטראָגן!? די טייוואָנים יועלן דיך דאָרט איינשפּאַנען און פאָרן, און מיט וואָס אָנצוטרייבן וועלן זיי נישט האָבן!... נאַט-זשע אייך אויך די בייטש!... — ער האָט שטאַרק זיך פאַרמאָסטן און אַ וואָרף געטון אינמיטן אייז-לאָך אַריין דער רויטן בייט-שטעקן.

ער האָט אַ פליוך געטון, מיטן שפּיץ זיך אַריינגעשטעקט אין וואַסער און אַראָפּ צום גרונט.

XV

נאָכדעם ווי די קאַלעדינצעס האָבן צעקלאַפּט די רעוואָלוציאָנערע קאָזאַקישע טיילן, האָט דער דאָנער רעווקאָם, וואָס איז געניייט געווען צו אַנטלויפן קיין מילעראָוואָ, זיך געאיילט אויפצוקלערן זיין פּאָליטישע פיזיאָנאָמיע. אויפן נאָמען פון אַנטאָנאָוו אָווסעיענקאָ, וועלכער האָט אין דער צייט אוממיטלבאַר אָנגעפירט מיט די מיליטערישע אָפּעראַציעס קעגן קאַלעדינען און דער קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער ראַדע, איז אַוועקגעשיקט געוואָרן דורכן דאָנער רעווקאָם אַ דעקלעראַציע פון פאָלגענדן אינהאַלט:

כאַרקאָוו. 19-טער יאַנואַר 1918-טע יאָר. פון לוגאַנסק. № 449, 18-טע שעה מיט 20 מינוט. — כאַרקאָוו, צום קאָמיסאַר אַנטאָנאָוו. דער דאָנער קאָזאַקישער מיליטעריש-רעוואָלוציאָנער קאָמיטעט בעט אייך איבערצוגעבן דעם ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן אין פּעטראָגראַד פאָלגענדע רעזאָלוציע פון דאָנער קרייז.

דער קאָזאַקישער מיליטעריש-רעוואָלוציאָנער קאָמיטעט

האָט אויפֿן גרונט פֿון דער באַשטימונג, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויפֿן צוזאַמענפֿאָר פֿון די פֿראָנט-קאָזאַקן אין דער קאַמיענסקער סטאַניצע, באַשלאָסן:

1. צו אָנערקענען די צענטראַלע מלוכה-מאַכט פֿון דער רוסישער סאָוויעטישער רעפּובליק, דעם צענטראַלן אויספֿיר-קאָמיטעט פֿון ראַטן-צוזאַמענפֿאָר פֿון די קאָזאַקן, פּויערים, סאָלדאַטן און אַרבעטער-דעפּוטאַטן און דעם אויסגעטיילטן דורך זיי ראַט פֿון די פֿאָלקס-קאָמיסאַרן.

2. צו שאַפֿן אַ דאָנער קרייז-ראַט פֿון ראַטן-צוזאַמענפֿאָר פֿון די קאָזאַקן, פּויערים און אַרבעטער-דעפּוטאַטן.

באַמערקונג. די אַגראַר-פֿראַגע פֿון דער דאָנער געגנט וועט באַהאַנדלט ווערן דורכן זעלבן קרייז-צוזאַמענפֿאָר.

ווּיצע-פֿאָרזיצער פֿענריך **קריוואָשליקאָוו.**
סעקרעטאַר **דאָראָשעוו.**

מיטגלידער: פֿענריך **סטריעלאַנאָוו, קאָפּאַלעי, קריוואושעוו, טשאָרנאָוסאָוו, יעראָנין.**

נאָכן דערהאַלטן די דאָזיקע דעקלאַראַציע האָט אַנטאָנאָוו-אָווּסיעינקאָ אַרויסגעשיקט צו הילף די חיילות פֿון רעווקאָם די רויט-גוואַרדייאישע אָפּטיילונגען, וואָס מיט זייער הילף איז טאַקע צעקלאַפּט געוואָרן די אָפּטיילונג פֿון פּאָלקאָווניק טשערניעצאָוו און די לאַגע איז איינגעשטילט געוואָרן. די איניציאַטיוו איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פֿון רעוקאָם. נאָכן פֿאַרנעמען זוויערעוו און ליכאָיע, אַנטוויקלען סאַבלינס און פּיעטראָווס רויטגוואַרדייאישע אָפּטיילונגען, וואָס זענען פֿאַרשטאַרקט געוואָרן דורך די קאָזאַקישע טיילן פֿון רעווקאָם, אַן אָנגריף און שטופּן אָפּ דעם שונא צו נאָוואָטשערקאַסק.

אויפֿן רעכטן פֿלאַנג, אין דער ריכטונג פֿון טאַגאַנראָג, איז סיווערס, וועלכער האָט געליטן הינטער ניעקלינאָווקע אַ מפּלה פֿון פּאָלקאָווניק קוטיעפּאָווס אָפּטיילונג, אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן אַזש ביז אַמווראָסיעווק, פֿאַרלירנדיק אין האַרמאַט, פּיראָונצוואָנציק

קוילנוואַרפֿערס און איין געפּאַנצערטן אויטאָמאָביל. אָבער אין טאָג פֿון סיוועערס מפּלה און זיין ריקצוג האָט אין טאַגאַנראָג, אין באַלטישן זאַוואָד, זיך צעפֿלאַקערט אַן אויפֿשטאַנד. די אַרבעטער האָבן אַרויסגעשטויסן פֿון שטאָט די יונקערס. סיוועערס האָט זיך רעאָרגאַניזירט, איבערגעגאַנגען אין אָנגריף, — אים אַנטוויקלט און אָפּגעשטויסן די פֿרייוויליקע ביז טאַגאַנראָג.

דער דערפֿאָלג האָט זיך באַשיינפּערלעך גענייגט אין דער זייט פֿון די סאָוויעטישע חיילות. זיי האָבן אַרומגערינגלט פֿון דריי זייטן די פֿרייוויליקע אַרמיי און די רעשטלעך פֿון קאַלעדינס צעקלאַפּטע אָפּטיילונגען. דעם 28-סטן יאַנואַר האָט קאָרנילאָוו איבערגעשיקט קאַלעדינען אַ טעלעגראַמע, וואָס האָט אים מודיע געווען, אַז די פֿרייוויליקע אַרמיי פֿאַרלאָזט ראָסטאָוו און גייט אַוועק קיין קובאַן.

דעם 29-סטן ניין אַ זייגער אינדערפֿרי איז אין אַטאַמאַנישן הויף צונויפֿגערופֿן געוואָרן אַ ספּעציעלע באַראַטונג פֿון די מיטגלידער פֿון דער דאָנער רעגירונג. קאַלעדין איז געקומען פֿון זיין וואוינונג שפּעטער פֿאַר אַלע. ער האָט שווער זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, צוגערוקט צו זיך די פּאַפּירן. זיינע שפּיצן באַקן זענען געל געווען פֿון נישט שלאָפֿן; אונטער די אָפּבליאַקירטע, מרה-שחורהדיקע אויגן זענען געלעגן בלויע שאָטנס; ווי זיין דאַר פּנים וואָלט אָנגעהויבן זיך פֿונאַנדערלייגן, און איז געל געוואָרן. ער האָט פֿאַמעלעך איבערגעלייענט קאָרנילאָווס טעלעגראַמע, די ראַפּאָרטן פֿון די אָפּטיילונג-קאָמאַנדירן, וואָס האָבן אויף צפֿון פֿון נאָוואָטשערקאַסק אָפּגעהאַלטן דעם אָנגריף פֿון די רויטגוואַרדייער. צופֿרעסנדיק דאָס קופּקעלע טעלעגראַמעס מיט דער ברייטער, ווייסער האַנט, נישט אויפֿהייבנדיק די פֿאַרשוואָלענע בלוי-פֿאַרשאָטנטע אויגן-לעדלעך, האָט ער טויב געזאָגט:

— די פֿרייוויליקע אַרמיי גייט אַוועק. פֿאַר דער פֿאַרטיידיקונג פֿון קרייז און נאָוואָטשערקאַסק זענען געבליבן הונדערט זיבנאונפֿערציק באַגנעטן...

דאָס לעדל פֿון זיין לינק אויג האָט אַ ציק געטון, די ווינק-

לען פון די צווייפגעפּרעסטע ליפּן האָבן גענומען קאָנוואולסיוו ציטערן; ער האָט געהערט דאָס קול און ווייטער גערעדט:

-- אונזער לאַגע איז האָפענונגסלאָז. די באַפעלקערונג — לאַ־ די וואָס זי העלפט אונז נישט צו, איז זי נאָך פיינטלעך געשטימט קעגן אונז. קיין כוחות האָבן מיר נישט, און דער ווידערשטאַנד איז אומנוצלעך. איך וויל נישט קיין איבעריקע קרבנות, קיין איבעריק בלוט־פאַרגיסונג. איך לייג פאָר זיך אָפּצוזאָגן פון אונ־ זערע פולמאַכטן און איבערגעבן די מאַכט אין אַנדערע הענט. פון מיינע פולמאַכטן אַלס מיליטערישער אַטאַמאַן זאָג איך מיך אָפּ.

מיטראָפאַן פּיעטראָוויטש באָגאַיעווסקי, וועלכער האָט גע־ קוקט דורך דער עפענונג אין פענסטער, האָט זיך גלייך געמאַכט די פענסנע, — נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, האָט ער גע־ זאָגט:

— איך זאָג מיך אויך אָפּ פון מיינע פולמאַכטן.

— די גאַנצע רעגירונג, פאַרשטייט זיך, זאָגט זיך אָפּ פון די פולמאַכטן. עס שטעלט זיך אָבער די פראַגע — וועמען זאָלן מיר איבערגעבן די מאַכט?

— דער שטאָטישער דומע, — האָט קאַלעדין טרוקן גע־ ענטפערט.

— מען דאַרף דאָס פאָרמולירן, — האָט קאַרעוו, דער מיט־ גליד פון דער רעגירונג, אומגעדולדיק באַמערקט.

עס האָט אַריינגעטרעטן אַ מינוט פון שווערן און זשעדירטן שווייגן. דאָס מאַטע ליכט פון כמורנעם יאַנואַר־פרימאָרגן איז שווער געהאָנגען אויף יענער זייט פאַרלאָפענע שויבן. די שטאָט, וואָס איז איינגעהילט געווען אין וואָל פון נעפל און טוי־פייכט־ קייט, האָט דרעמלענדיק געשוויגן. דאָס געהער האָט נישט אָנגע־ טאַפּט דעם געוויינלעכן דופק פון לעבן. דאָס האַרמאַטן־שיסעריי (דער עכאָ פון די שלאַכטן, וואָס זענען פאָרגעקומען ערגעץ הינ־ טער דער סטאַניצע סולין) האָט אָפּגעטייט די באַוועגונג, איז גע־ האָנגען איבער דער שטאָט ווי אַ טויבע געהיימע דראָונג.

הינטער די פענסטער האָבן טרוקן און הילכיק געשריגן

די פאַרבײַפליענדיקע קראָען. זיי האָבן זיך געדרייט איבערן ווייסן גלאָקן־טורעם, ווי איבער אַ נבלה. אויפן פּלאַץ פון סאָבאָר איז געלעגן אַ פריש געפאַלענער שניי פון לילאַ־קאָליר. איבער אים זענען דורכגעגאַנגען איינצלנע פוסגייער, עס איז זעלטן דורכגעפאָרן אַ שליטן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך טונקעלע שפּורן, ווי פעדעם.

דורכברעכנדיק די פאַרשטאַרטע שטילקייט, האָט באָגאַיעווסקי פאָרגעלייגט צונויפצושטעלן דעם אַקט וועגן איבערגעבן די מאַכט דער שטאָטישער דומע.

— מען וואָלט געדאַרפט זיך צונויפגיין מיט זיי, כּדי זי איבערצוגעבן.

— אין וועלכער צייט וועט זיין באַקוועמער?

— שפּעטער, אַרום פיר אַ זייגער.

די מיטגלידער פון דער רעגירונג, ווי זיי וואָלטן זיך דערפרייט, וואָס די פון שווייגן געפרעסטע שטילקייט האָט נאָכגעלאָזט, האָבן אָנגעהויבן באַהאַנדלען די פראַגע וועגן איבערגעבן די מאַכט, וועגן דער צייט פון דער פאַרזאַמלונג. קאַלעדין האָט געשוויגן, שטיל און ריטמיש געפּויקט איבערן טיש מיט די בולטע נעגל. אונטער די אַראָפּגעהאָנגענע ברעמען האָבן מיט מאַטן גלאַנץ זיך געגלעפּלט זיינע אויגן. די גרענעצלאָזע מידעקייט, דער אויסדרוק פון פאַראַכטונג און צעריסנקייט האָבן געמאַכט זיין בליק אָפּשטויסנדיק און שווער.

איינער פון די מיטגלידער פון דער רעגירונג, זיך שפּאַרנדיק מיט עמעצן, האָט גערעדט נודנע און לאַנג. קאַלעדין האָט אים איבערגעריסן מיט שטילן צאָרן:

— מיינע הערן, רעדט קורצער! די צייט וואַרט נישט. פון רעדן איז דאָך רוסלאַנד אומגעקומען. איך דערקלער אַן הפסקה אויף אַ האַלבער שעה. זייט אייך מישב און... דערנאָך דאַרף מען וואָס שנעלער דאָס פאַרענדיקן.

ער איז אַוועקגעגאַנגען אין זיין וואוינונג אַריין. די מיטגלידער פון דער רעגירונג האָבן זיך צעטיילט אויף קופּקעלעך און

שטיל גערעדט צווישן זיך. עמעצער האָט געזאָגט, אַז קאַלעדין זעט שלעכט אויס. באָגאַיעווסקי איז געשטאַנען ביים פענסטער, צו זיין אויער האָט דערגרייכט אַ פראַזע, וואָס איז אַרויסגעזאָגט גע־וואָרן האַלב־שעפּטשענדיק:

— פאַר אַזאַ מענטש, ווי אַלעקסעי מאַקסימאָוויטש, איז זעלבסטמאָרד — דער איינציקער אָנגענומענער אויסגאַנג פון אַזאַ לאַגע.

באָגאַיעווסקי האָט אַ ציטער געטון און מיט שנעלע טריט אַוועקגעגאַנגען צו דער וואוינונג פון קאַלעדינען. באַלד איז ער צו־ריקגעקומען אין דער באַגלייטונג פון אַטאַמאַן.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן זיך צו פאַרזאַמלען פיר אַ זייגער צוזאַמען מיט דער שטאָטישער דומע, כדי איבערצוגעבן איר די מאַכט און דעם אַקט. קאַלעדין איז אויפגעשטאַנען, נאָך אים האָבן זיך אויפגעהויבן די איבעריקע. געזעגענענדיק זיך מיט איינעם פון די אַלטע מיטגלידער פון דער רעגירונג, האָט קאַלעדין נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון יאַנאָוון, וואָס האָט וועגן עפּעס זיך גע־שעפּטשעט מיט קאַרעוון.

— אין וואָס האַנדלט זיך? — האָט ער געפרעגט.

יאַנאָוו איז צוגעקומען עטוואָס זשענירט.

— די מיטגלידער פון דער רעגירונג — די נישט קאָזאַקישע טייל — בעטן אַרויסצוגעבן זיי געלט אויף דער רייזע.

קאַלעדין האָט זיך פאַרקרימט און האַרט אַ וואָרף געטון:

— איך האָב נישט קיין געלט... עס איז מיר דערעסן געוואָרן!

מען האָט אָנגעהויבן זיך פונאַנדערגיין. באָגאַיעווסקי, וועל־כער האָט געהערט דעם שמועס, האָט אַוועקגערופן יאַנאָוון אין אַ זייט.

— קומט צו מיר. זאָגט סוויעטאָזאַראָוון, ער זאָל צוואַרטן אין וועסטיבול.

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען נאָך קאַלעדינען, וואָס האָט, אַ

געהאָרבעטער, געשפרייזט מיט שנעלע טריט. ביי זיך אין צימער האָט באָגאַיעווסקי איבערגעגעבן יאַנאָוון אַ פעקל געלט.

— דאָ איז דאָ פערצן טויזנט. גיט איבער יענע.

סוויעטאָזאַראָוו, וועלכער האָט אָפּגעוואַרט יאַנאָוון אין וועס־טיבויל, האָב איבערגענומען דאָס געלט, געדאַנקט, זיך געזעגנט און אַוועקגעגאַנגען צום אַרויסגאַנג. איבערנעמענדיק פון שווייצערס הענט דעם שינעל, האָט יאַנאָוו דערהערט אַ גערויש אויף די טרעפּ, און זיך אומגעקוקט. פון די טרעפּ איז איילניק אַראָפּגעלאָפן קאַלעדינס אַדיוטאַנט — מאָלדאַווסקי.

— אַ דאָקטאָר! שנעלער!!

יאַנאָוו האָט אַוועקגעוואָרפן דעם שינעל און זיך אַ לאָז געטון צו אים. דער דעזשורני־אַדיוטאַנט און די אָרדינאַנסן, וואָס האָבן זיך געפונען אין וועסטיבויל, האָבן אַרומגערינגלט דעם אַראָפּלויפנדיקן מאָלדאַווסקין.

— וואָס איז געשען? — האָט יאַנאָוו, בלייך ווערנדיק, אויסגעשריגן.

— אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש האָט זיך דערשאָסן! — מאָלדאַווסקי האָט זיך צעשלוכצט, אַרויפגעפאַלן מיט דער ברוסט אויפן פּאָרענטש פון די טרעפּ.

באָגאַיעווסקי איז אַרויסגעלאָפן; זיינע ליפן האָבן געציטערט, ווי פון שרעקלעכער קעלט, ער האָט געשטאַמלט:

— וואָס? וואָס?

איבעריאָגנדיק איינער דעם צווייטן, האָבן זיי איבער די טרעפּ גענומען לויפן אַרויף. רעשיק און דראָבנע האָבן אָפּגעקלונגען די טריט פון די לויפנדיקע, שלינגענדיק מיט אַ געפּנט מויל די לופט, האָט באָגאַיעווסקי הייזעריק געאָטעמט. ער האָט דער ערשטער מיט אַ טראַסק געעפנט די טיר, דורכן פאָרצימער אַריינגעלאָפן אין קאַבינעט. די טיר פון קאַבינעט אין קליינעם צימער אַריין דערלעבן איז געווען ברייט אויפגעפראַלט. פון דאָרט האָט זיך געטראָגן און געראָיכערט אַ ביטערלעך בלוי רויכל, עס האָט געשמעקט מיט פאַרברענטן פולווער.

— אָך ! אָך ! אַ־אַ־אַ־כאַ־כאַ !... אַליאָ־אָ־שאַ !... טייע־ע־רער !... — האָט זיך געהערט דאָס שרעקלעך געענדערטע, דערשטיקטע קול פון פיעטראָוונאַ קאַלעדינאַ.

באָגאַיעווסקי האָט אויפגעריסן דעם קאָלנער פון זיין העמד, ווי ער וואָלט זיך געשטיקט, און אַהין אַריינגעלאָפן. ביים פענסטער, ויך קלאַמערנדיק אָן מאַט־געגילדטן ריגל, איז אַ געהאָרבעטער געשטאַנען קאַרעוו. אויף זיין רוקן הינטערן סורדוט זענען קראַמפהאַפט זיך צונויפגעגאַנגען און פונאַנדערגעגאַנגען די אַקסל־ביינער. ער האָט געשוידערט. דאָס טויבע, חיהשע יאָמערן פון דערוואַקסענעם האָט שיער נישט אַפּערגעריסן באָגאַיעווסקין דעם באָדן פון אונטער די פיס.

אויף אַן אָפיציריש פעלד־בעט, די הענט פאַרלייגט איבער דער ברוסט, אַן אויסגעצויגענער, איז אויפן רוקן געלעגן קאַלעדין. זיין קאָפּ איז געווען עטוואָס אָנגעדרייט אין דער זייט, צו דער וואַנט, דאָס ווייסע ציכל פון קישן האָט אַרומגעזוימט דעם בלוילעכן פייכטן שטערן און די צוגעדריקטע באַק. די אויגן זענען דרעמלענדיק האַלב־צוגעמאַכט, די ווינקלען פון שטרענגן מויל זענען פיינלעך פאַרקרימט. ביי זיינע פיס האָט געיאָמערט די אויף די קני געפאַלענע פרוי. דאָס דורכדרינגלעכע ווילד־געוואָרענע קול אירס איז געווען שניידיק שאַרף. אויפן פעלד־בעט איז געלעגן אַ רעוואָלווער. פאַרביי אים איז שלענגלדיק אַראָפּגערינען איבערן העמד אַ דין און מונטער שוואַרץ־געל ריטשקעלע.

לעבן פעלד־בעט איז אויפן רוקן פון אַ שטול פינקטלעך אויפגעהאָנגען דער פרענטש, אויפן טישל ליגט דער האַנט־זייגער.

קרום זיך אַ וואַקל־טועגדיק, איז באָגאַיעווסקי געפאַלן אויף די קניען, צוגעלייגט דאָס אויער צו דער וואַרעמער און ווייכער ברוסט. עס האָט געשמעקט מיט האַרבן, ווי עסיק, מענערישן שווייס. קאַלעדינס האַרץ האָט נישט געקלאַפּט. באָגאַיעווסקי, — זיין גאַנץ לעבן האָט אין דעם מאָמענט זיך פאַרוואַנדלט אין געהער, — האָט אומגעוויינטלעך דורשטיק זיך צוגעהערט, נאָר געהערט בלויז דאָס דייטלעכע קלאַפּן פון האַנט־זייגערל, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, דאָס הייזעריקע, פאַרכליניעטע קול פון שוין

טויטן אַטאַמאַנס ווייב און דורכן פענסטער — דאָס פאַראורטיילנדיקע, פאַרעקשנטע און הילכיקע קראַקען פון די קראָען.

XVI

אַנעס שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן געפינקלט מיט טרערן און געשמייכלט, האָט בונטשוק דערזען, ווי נאָר ער האָט דאָס ערשטע מאָל געעפנט די אויגן.

דריי וואָכן האָט ער זיך געפונען אין באַוואוסטלאָזן פיבער. דריי וואָכן האָט ער געוואַנדערט אין אַ צווייטער, אומבאַגרייפלעכער און פאַנטאַסטישער וועלט. דאָס באַוואוסטזיין האָט זיך אומגעקערט צו אים דעם 24-סטן דעצעמבער אינאָוונט. ער האָט לאַנג געקוקט אויף אַנען מיט אַן ערנסטן פאַרנעפּלטן בליק, געפּרוווט אויפשטעלן אין זכרון אַליץ, וואָס איז מיט איר פאַרבונדן געוועןְ; דאָס איז אים געלונגען בלויז טיילווייז, — דער זכרון איז געווען שטייף, נישט נאָכגיביק, אַ סך איז נאָך דערווייל פאַרבאָרגן געוועןְ ערגעץ אויפן אָפּגרונט.

— גיב מיר צו טרינקען... — האָט ווי פריער פונוויטנס זיך דערטראָגן צום געהער זיין אייגן קול, און פון דעם איז אים געוואָרן פריילעך; בונטשוק האָט אַ שמייכל געטון.

אַנגאַ איז שנעל צוגעגאַנגען צו אים; זי האָט אינגאַנצן געלויכטן מיט אַ קאַרגן, איינגעהאַלטענעם שמייכל.

— טרינק פון מיין האַנט, — זי האָט אַוועקגעשאַרט בונטשוקס האַנט, וואָס האָט שלאַבעריק זיך אויסגעשטרעקט צום שעלעכל.

ציטערנדיק פון דער אָנשטרענגונג צוליבן אומגערגעהויבענעם קאָפּ, האָט ער אויסגעטרונקען און מיד אַ פאַל געטון אויפן קישן. ער האָט לאַנג געקוקט אין אַ זייט, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר די שוואַכקייט האָט גובר געווען, — ער האָט איינגעדרימלט.

און ווידער אויפוואַכנדיק, ווי פריער, — האָט ער קודם-כל

דערזען אַננעס אומרויִקע אויגן, וואָס זענען געווענדט געווען אויף אים, דערנאָך די שאַפּירענע ליכטיקייט פון לאָמפּ, דאָס ווייסע רעדל פון אים אויפן הילצערנעם נישט געפאַרבטן סופיט.

— אַניאַ, קום אַהער צו מיר.

זי איז צוגעגאַנגען, אים אָנגענומען ביי דער האַנט. ער האָט געענטפערט מיט אַ שוואַכן דרוק.

— ווי פילסטו זיך ?

— די צונג איז אַ פרעמדע, דער קאָפּ אַ פרעמדער, די פיס אויך, און איך אַליין — ווי איך וואָלט אַלט געווען צוויי הונדערט יאָר, — האָט ער דייטלעך אַרויסגערעדט יעדעס וואָרט ; שווייגנדיק אַ ווײַלע, האָט ער געפרעגט : — איך בין קראַנק אויף טיפוס ?

— אויף טיפוס.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער און נישט דייטלעך געזאָגט :

— וואו איז דאָס ?

זי האָט פאַרשטאַנען די פראַגע, אַ שמייכל געטון.

— אין צאַריצין זענען מיר.

— און דו... ווי פילסט דיך ?

— איך בין אַליין געבליבן מיט דיר,— און, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פאַרענטפערן אָדער באַמיט אָפּצווענדן עפּעס אַ געדאַנק, וואָס איז דורך אים נישט אַרויסגעזאָגט געוואָרן, האָט זי גענומען שנעל רעדן : — דיך האָט מען נישט געקאָנט איבערלאָזן ביי פרעמדע. מיך האָט געבעטן אַבראַמסאָן און די חברים פון ביוראָ, איך זאָל דיך אָפּהיטן... ווי דו זעסט, איז מיר אומגעריכט אויסגעקומען צו ווערן דיין פלעגערין.

ער האָט איר געדאַנקט מיט אַ בליק, מיט אַ שוואַכער באַוועגונג פון דער האָריקער האַנט.

— קרוטאָגאָראָוו ?

— ער איז אַוועקגעפאָרן דורך וואָראָניעזש קיין לוגאַנסק.

— געוואָרקיאַנץ ?

— דער... זעסטו... איז געשטאָרבן פון טיפוס
— אָ !...
זיי האָבן געשוויגן אַ ווײַלע, ווי אָפּגעבנדיק כבוד דעם אָנדענק פון פאַרשטאָרבענעם.
— איך האָב מיך געשראָקן פאַר דיר. דו האָסט שוין געהאַלטן זייער שלעכט, — האָט זי שטיל געזאָגט.
— און באָגאָוואָי ?
— איך האָט אַלע פאַרלוירן פון בליק. טייל זענען אַוועקגעפאָרן קיין קאַמיענסק. אָבער הער, פאַר דיר איז נישט שעדלעך צו רעדן ? און אפשר ווילסו מילך ?
בונטשוק האָט אָפּווענדנדיק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ; שווער באַוועגנדיק מיטן קאָפּ, האָט ער ווײַטער אויסגעפרעגט :
— אַבראַמסאָן ?
— אַוועקגעפאָרן קיין וואָראָניעזש מיט אַ וואָך צוריק.
ער האָט אומגעלונגען זיך אַ קער געטון, — דער קאָפּ האָט זיך פאַרדרייט, דאָס בלוט האָט אים שמערצלעך אַ שלאָג געטון אין די אויגן אַריין. דערפילנדיק אויפן שטערן אַ קילע האַנט, האָט ער געעפנט די אויגן. אים האָט געפייניקט איין פראַגע : ער איז געווען אָן באַוואוסטזיין — ווער-זשע האָט געטון אַרום אים די ברודיקע אַרבעט ? צי טאַקע זי ? אַ רויטקייט האָט לײַכט באַדעקט זײַנע באַקן ; ער האָט געפרעגט :
— דו אײַנע אַליין האָסט דיך געפּאָרעט אַרום מיר ?
— יאָ, איך אײַנע אַליין.
ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און געשעפּטשעט :
— אַ חרפה פאַר זיי... אויסוואורפן ! מיך איבערגעלאָזט אויף דײַנע הענט...
די קאָמפּליקאַציעס נאָכן טיפוס האָבן זיך אָפּגערופן אויפן געהער : בונטשוק האָט שלעכט געהערט. דער דאָקטאָר, וואָס איז געשיקט געוואָרן דורכן צאַריצינער פּאַרטיי-קאָמיטעט, האָט געזאָגט אַננען, אַז צום היילן וועט מען קאָנען צוטרעטן ערשט נאָכדעם,

ווי דעם קראַנקן וועט אײַנגאַנצן בעסער ווערן. בונטשוק איז צו זיך געקומען פּאַמעלעך. אַן אַפּעטיט האָט ער געהאַט אַ וואונדערלעכן, נאָר אַננאַ האָט זיך שטרענג געהאַלטן בײַ דער דיעטע. אויף דעם באָדן איז געקומען צווישן זײ צו קאָנפליקטן.

— גיב מיר נאָך מילך, — האָט בונטשוק געבעטן.

— מער טאָר מען נישט.

— איך בעט דיך — גיב מיר! וואָס-זשע, דו ווילסט מיך פאַרהונגערן?

— איליאַ, דו ווייסט דאָך, אַז איך טאָר דיר איבער דער מאָס נישט געבן קיין עסן.

ער איז, אַ באַליידיקטער, פאַרשוויגן געוואָרן, זיך אויסגע-דרייט צו דער וואַנט, געזיפצט, לאַנג נישט גערעדט. זי האָט גע-ליטן פון רחמנות צו אים און דאָך אויסגעהאַלטן דעם כאַראַק-טער. אין אַ געוויסער צײַט אַרום האָט ער, אַן אַנגעכמורעטער — און דערפון נאָך אַ מער נעבעכדיקער, זיך אויסגעדרייט און תּחנונים-דיק געבעטן:

— צי וואָלט מען נישט געטאָרט אַ ביסל זויער קרויט? נו, איך בעט דיך, אַניאַ, טײַערע!... האָרך מיך... ס'איז שעדלעך?... וואָס די דאָקטוירים זאָגן דאָרטן!

אָנטרעפנדיק אויף אַן אַנטשלאָסענעם אָפּזאָג, האָט ער זי טיילמאָל באַליידיקט מיט אַ שטרענג וואָרט.

— דו האָסט נישט קיין רעכט אַזוי אָפּצושפּעטן פון מיר, איך וועל אַליין רופן די באַלעבאָסטע און בעטן בײַ איר! דו ביסט אַ האַרצלאָזע און עקלהאַפטע פרוי!... כ'לעבן, איך הייב דיך אָן צו פאַראַכטן.

— דאָס איז דער בעסטער לוין פאַר דעם, וואָס איך האָב דורכגעליטן, זײַענדיק דײַן ניאַניע, — האָט אויך אַננאַ נישט אויסגעהאַלטן.

— איך האָב דיך נישט געבעטן צו בלײַבן מיט מיר! עס איז אומווירדיק מיר דאָס פאָרצוווארפן. דו נוצסט אויס דײַן

איבערמאַכט. אַלזאָ, גוט... גיב מיר גאָרנישט! לאָמיך פגרן... עס אַרט מיך נישט.

אירע ליפּן האָבן געציטערט, נאָר זי האָט זיך איינגעהאַלטן, פאַרשוויגן; זיך באַציענדיק צו אים לייטזעליק, האָט זי אַלץ געדולדיק איבערגעטראָגן.

בלויז איינמאָל, נאָך אַ באַזונדערס שאַרפן קאָנפליקט, ווען זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן אים אַן איבעריקע פּאָרציע קרעפּלעך, האָט זיך בונטשוק אויסגעדרייט, און זי האָט מיט אַ פאַרדריקט האַרץ באַמערקט אין זיינע אויגן דעם גלאַנץ פון טרערן.

— דו ביסט דאָך פּשוט אַ קינד! — האָט זי אויסגעשריגן. אַריינלויפנדיק אין קיך, האָט זי אַריינגעבערענגט אַ פול טעלערל קרעפּלעך.

— עס, עס, איליושאַ, ליבער! נו, גענוג שוין, בייזער־זשע דיך נישט! נעם דאָס, — דאָס איז גוט אויסגעפּרעגלט! — האָט זי מיט ציטערנדיקע הענט אונטערגערוקט אין זיינע הענט אַריין די קרעפּלעך.

בונטשוק, וועלכער האָט שטאַרק געליטן, האָט געפּרווט זיך אָפּזאָגן, אָבער נישט אויסגעהאַלטן; אויסווישנדיק די טרערן, האָט ער זיך אויפגעזעצט און גענומען דאָס קרעפּל. איבער זיין אויסגעדאַרט פּנים, וואָס איז געדיכט באַוואַקסן געווען מיט אַ געקרייזלטער שיטערער באָרד, האָט זיך דורכגעגליטשט אַ שולדיקער שמייכל; ער האָט געזאָגט, בעטנדיק מיט די אויגן אַנטשולדיקונג:

— איך בין ערגער פון אַ קינד... דו זעסט דאָך: איך האָב מיך שיער נישט צעוויינט...

זי האָט געקוקט אויף זיין אויסטערליש דינעם האַלז, אויף דער איינגעפאַלענער ברוסט, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען פון אויפגעשפּיליעטן קאָלנער פון העמד, אויף די בייניקע הענט; גערירט פון אַ טיף נאָך ביז איצט נישט דורכגעלעבט געפיל פון ליבע און רחמנות, האָט זי צום ערשטן מאָל איינפאַך און צאַרט אים אַ קוש געטון אין טרוקענעם געלן שטערן.

ערשט אין צוויי וואָכן אַרום איז ער בכוח געווען אָן זיי-טיקער הילף זיך צו באַוועגן איבערן צימער. די פיס, וואָס זע-נען אויסגעטרוקנט געווען ווי שטענגלעך, האָבן זיך אונטערגע-בראָכן; ער האָט זיך אויפסניי געלערנט גיין.

— זע, אַננאַ, איך גיי! — האָט ער זעלבשטענדיק און שנעל געפרוווט זיך דורכגיין, אָבער די פיס האָבן נישט אויסגע-האַלטן די מאַסע פון קערפּער, דער דיל האָט זיך געוואַקלט אונטער די טריט.

געניט זיך אָנצושפּאַרן אָן דער ערשטער בעסטער זאַך, וואָס איז אים אונטערגעקומען, האָט בונטשוק, ווי אַ זקן, ברייט געשמייכלט, די הויט אויף זיינע דורכזיכטיקע באַקן האָט זיך שטייף אָנגעצויגן און געקנייטשט. ער האָט געלאַכט מיט אַ זקניש-ציטער-דיק פויל געלעכטערל און, פאַרמאַטערט פון אָנשטרענגונג און לאַכן, ווידער געפאַלן אויף דער קויקע.

זייער צימער האָט זיך געפונען נישט ווייט פון האַפן. דורכן פענסטער האָט זיך געזען דער שנייאיקער שטח פון דער וואָלגע, נאָך איר די וועלדער — אין אַ ברייטן גרויען האַלב-קרייז, די ווייכע געכוואַליעטע קאָנטורן פון די ווייטע פעלדער. אַננאַ פלעגט לאַנג אָפּשטיין ביים פענסטער, טראַכטנדיק וועגן איר לעבן, וואָס איז אַוועק אין אַזאַ מאָדנער ריכטונג. בונטשוקס קראַנקהייט האָט זיי אויסטערליש דערנענטערט.

לכתחילה, ווען זי איז נאָכן לאַנגן פיינלעכן וועג אָנגעקומען מיט אים פון צאַריצין, איז געווען שווער און ביטער ביז טרערן. צום ערשטן מאָל איז איר אויסגעקומען אַזוי נאָענט און אוממיטל-באַר אַ קוק צו טון אויף דער פאַרבאָרגענער זייט פון צוזאַמענ-לעבן מיט אַ געליבטן. מיט פאַרדריקטע ציין, האָט זי געביטן אויף אים די וועש, אויסגעקעמט פון פאַרלייזיקטן הייסן קאָפּ די פּאַראַ-זיטן, איבערגעדרייט דעם ווי אַ שטיין שווערן קערפּער און, ציי-טערנדיק, אין געהיים מיט איבל געקוקט אויף זיין נאַקעטן אויס-געדאַרטן מענישן קערפּער — אויף דער הויט, הינטער וועלכער עס האָט קוים פּולסירט דאָס טייערע לעבן. אינערלעך האָט אַלץ זיך

געבוּנטעוועט אין איר, אַקעגנגעשטעלט, אָבער דער אויסערלעכער שמוץ האָט נישט פאַרפלעקט דאָס געפיל, וואָס האָט טיף און זי־כער געלעבט אין איר. אונטערן מעכטיקן באַפעל פון דעם געפיל, האָט זי זיך אויסגעלערנט גובר זיין די ווייטיק און דאָס צווייפ־לען. און זי האָט גובר געווען. צום סוף איז געווען בלויז מיט־געפיל, אָבער עס האָט געשלאָגן און זיך אַרויסגעריסן פון אויבן דער טיפער קוואַל פון ליבע.

איינמאָל האָט עפּעס בוּנטשוק געזאָגט:

— איך בין דיר דערווידער נאָך דעם אַלעם... אמת?

— דאָס איז געווען אַ פּרווו.

— פון וואָס? פון אויסגעהאַלטנקייט?

— ניין, פון געפיל.

בוּנטשוק האָט זיך אָוועקגעדרייט און לאַנג נישט געקאָנט איינהאַלטן דאָס ציטערן פון די ליפּן. מער איז ביי זיי אויף דער טעמע נישט גערעדט געוואָרן. די ווערטער וואָלטן געווען איבע־ריקע און פאַרבלאָזע...

אינמיטן יאַנואַר זענען זיי אַרויסגעפאָרן פון צאַריצין קיין וואָראָניעזש.

XVII

דעם 16־טן יאַנואַר אינאָוונט איז בוּנטשוק מיט אַננען געקומען קיין וואָראָניעזש. זיי זענען אָפּגעווען דאָרט צוויי טעג און אַרויסגעפאָרן קיין מילעראָוואָ, ווייל עס זענען אָנ־געקומען ידיעות, אַז אַהין האָט זיך איבערגעקליבן דער דאָנער רעווקאָם און די אים טריי־געבליבענע טיילן, וואָס זענען בעניש געווען אונטערן דרוק פון די קאַלעדינצעס אָפּצורייניקן קאַמיענסק.

אין מילעראָוואָ איז געווען טומלדיק און ענג פון מענטשן. בוּנטשוק האָט זיך דאָרט פאַרהאַלטן עטלעכע שעה און מיטן

צווייטן צוג אָפּגעפאָרן קיין גלובאָקאָיע. אויפן צווייטן טאָג האָט ער איבערגענומען די מאַשינגעווער־קאָמאַנדע און צומאָרגנס אינדערפרי שוין געווען אין קאַמף מיט טשערניעצאָווס אָפּטיילונג.

נאָכדעם, ווי מען האָט טשערניעצאָוון צעקלאַפּט, איז זיי אומגעריכט אויסגעקומען זיך צו שיידן. זי איז געקומען צו לויפן אינדערפרי פון שטאַב, אַן אויפגעהייטערטע און עטוואָס אומעטיקע.

— דו ווייסט? — אַבראַמסאָן געפינט זיך דאָ. ער וויל דיך זייער זען. און חוץ דעם — נאָך אַ נייעס. איך פאָר היינט אַוועק.

— וואוהין? — האָט בונטשוק זיך געוואונדערט.

— אַבראַמסאָן, איך און נאָך עטלעכע חברים פאָרן קיין לוגאַנסק אויף אַגיטאַציע־אַרבעט.

— דו פאַרלאָזסט די אָפּטיילונג? — האָט בונטשוק קילבלעך געפרעגט.

זי האָט זיך צעלאַכט, זיך צודריקנדיק צו אים מיט אַ פאַררויטלט פּנים:

— זיי דיך מודה: דיך אַרט נישט דאָס, וואָס איך פאַרלאָז די אָפּטיילונג, נאָר וואָס איך פאַרלאָז דיך? אָבער דאָס איז דאָך נאָר אויף אַ צייט. איך בין זיכער, אַז דאָרט וועל איך ברענגען מער נוצן, ווי לעבן דיר. איך מיין, אַז אַגיטאַציע געהערט מער צו מיין ספּעציאַליטעט, ווי די אַרבעט אַרום אַ קוילנוואַרפער... — און זי האָט שטיפעריש אַ פינקל געטון מיט די אויגן, — כאָטש זי איז אויסגעשולט געוואָרן אונטער דער אָנפירונג פון אַזאַ געניטן קאָמאַנדיר, ווי בונטשוק.

באַלד איז געקומען אַבראַמסאָן. ער איז, ווי תמיד, געווען פול מיט ענערגיע, מיט אינטענסיוויטעט, נישט געקאָנט איינזיצן אויף אַן אָרט, זיך געבלייכט, ווי אַ ווייסער פלעק אויפן זשוקשוואַרצן, ווי אָפּגעפּעכטן קאָפּ. ער האָט מיט בונטשוקן זיך אויפריכטיק דערפרייט.

— האָסט דיך געשטעלט אויף די פיס? זיי־ער גוט! אַנגעמען מיר צו, — און ער האָט דורכדרינגלעך־אָנדייטנדיק זיך פאַרזשמורעט: — דו ביסט נישט קעגן? ביסט נישט קעגן?

יאָ־יאָ... יאָ־יאָ, זייער גוט! איך שטעל דיר דערפאַר אַזאַ פראַגע, ווייל איר האָט מסתמא זיך צונויפגעלעבט אין צאַריצין.

— איך לייקן נישט, אַז מיר איז אַ שאָד מיט איר זיך צו שיידן, — בונטשוק האָט כמורנע און נישט אויפריכטיק אַ שמייכל געטון.

— אַ שאָד?!... דאָס איז שוין אַ סך... אַננאַ, דו הערסט?

ער איז זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער, גייענדיק אויפגע־הויבן פון אונטערן קופערט אַפער אַ פאַרשטויבט בענדל פון גאַרין־מיכאַילאָווסקי; פלוצלינג זיך אַ כאַפּ געטון און אַנגעהויבן גע־זעגענען.

— דו גייסט באַלד, אַננאַ?

— גיי. איך וועל באַלד קומען, — האָט זי געענטפערט פון הינטערן פאַראַוואַן אַפּער.

זי האָט געביטן די וועש און אַפּערגעקומען. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ זעלנערישער בלוזע פון האַקי־קאָליר מיט קעשע־נעס, וואָס זענען לייכט אַרויסגעשטופּט געווען דורך דער ברוסט, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ לעדערנעם פּאַסעק, אין זעלבן שוואַרצן קליידל, ווי תּמיד, ערטערווייז פאַרצירעוועט, אָבער זייער זויבער. די שווערע פריש־געוואַשענע האָר האָבן זיך פּוכיק גע־שויבערט און אַפּערגעמאַכט פון אונטערן גרעק. זי האָט אָנגעטון דעם שינעל; פאַרציענדיק דעם פּאַסעק, האָט זי געפרעגט (איר פריערדיקע הייטערקייט איז פאַרשוואונדן און דאָס קול איז געוואָרן מאַט, בעטנדיק):

— דו וועסט דיך היינט באַטייליקן אין אָנגריף?

— נו, אוודאי! איך וועל דאָך נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט.

— איך בעט דיך... הער, זיי פאָרזיכטיק! דו וועסט דאָס טון פאַר מיר? יאָ? איך וועל דיר איבערלאָזן אַן איבעריקע פּאָר וואָלענע זאָקן. פאַרקיל דיך נישט, באַמי דיך נישט איינצו־נעצן די פיס. פון לוגאַנסק וועל איך דיר שרייבן.

אירע אויגן האָבן פלוצלינג פאַרלוירן דעם גלאַנץ; ביים געזעגענען האָט זי זיך מודה געווען:

— אָט זעסטו, מיר טוט זייער וויי אָוועקצוגיין פון דיר. לכתחילה, ווען אַבראַמסאָן האָט פאָרגעלייגט צו פאָרן קיין לוגאַנסק, בין איך אויפגעלעבט געוואָרן, און אַצינד פיל איך, אַז אָן דיר וועט דאָרט זיין פוסט. נאָך אַ באַווייז, אַז געפילן זענען היינט איבעריק — זיי בינדן... נו, ווי עס זאָל נישט זיין, זיי געזונט!...

זיי האָבן זיך געזעגנט מיט קילער איינגעהאַלטנקייט, אָבער בונטשוק האָט עס פאַרשטאַנען, ווי מען האָט געדאַרפט: זי האָט מורא געהאַט צו פאַרלירן דעם זאַפּאַס פון אַנטשלאָסנקייט.

ער איז אַרויסגעגאַנגען זי באַגלייטן. אַננאַ איז אָוועקגעגאַנגען אייליק, באַוועגנדיק מיט די פלייצעס, זיך נישט אומקוקנדיק. אים האָט זיך געגלוסט זי אַ רוף טון, אָבער ער האָט באַמערקט ביים געזעגענען אין איר עטוואָס שיקלדיקן, פאַרנעפּלטן בליק אַ צו שטאַרקן און פייכטן גלאַנץ; גובר זייענדיק דעם ווילן, האָט ער אויסגעשריגן מיט געמאַכטער הייטערקייט:

— איך האָף, מיר וועלן זיך זען אין ראָסטאָוו! זיי געזונט, אַניאַ!

אַננאַ האָט זיך אומגעקוקט און גענומען גיין שנעלער.

נאָך איר אַוועקגיין האָט בונטשוק זיך דערפילט שטאַרק איינזאַם. ער האָט זיך אומגעקערט פון דער גאַס אין שטוב אַריין, אָבער באַלד פון דאָרט אַרויסגעשפרונגען, ווי אַן אָפּגעבריטער... דאָרט האָט יעדער קעגנשטאַנד געאָטעמט מיט איר אָנוועזנהייט, יעדע זאַך האָט אויפגעהאַלטן איר ריח: אי דאָס פאַרגעסענע נאָזיטיכל, אי דער זעלנערישער פּאַטראָנטאַש, אי דאָס קופערנע טעפעלע, — אַלץ, צו וואָס אירע הענט האָבן זיך צוגערירט.

בונטשוק האָט ביזן אָוונט זיך אַרומגעדרייט איבער דער סטאַניצע, איבערלעבנדיק אַן אומגעווייניטלעכן אומרו און אַזאַ געפיל, ווי מען וואָלט אים עפּעס אָפּגעשניטן, און ער וועט בשום אופן זיך נישט קאָנען צוגעוויינען צו זיין נייער לאַגע. ער האָט

צעשטרייט זיך איינגעקוקט אין די פנימער פון די אומבאַקאַנטע רויטגוואַרדייער און קאָזאַקן, טייל דערקענט און אַ סך האָבן אים דערקענט.

אויף איין אָרט האָט אים אָפּגעשטעלט אַ קאָזאַק, וואָס איז צוזאַמען מיט אים געווען אין דער דייטשישער מלחמה. ער האָט אַריינגעשלעפּט בונטשוקן צו זיך אין דער וואוינונג, אים איינגע-לאַדן זיך צו באַטייליקן אין שפּילן. ביים טיש האָבן געשפּילט אין „אָקע" רויטגוואַרדייער פון פּיעטראָווס אָפּטיילונגען און ערשט געקומענע מאַטראָסן. איינגעהילט אין טיטון-רויך, האָבן זיי הויך געקנאַקט מיט די קאָרטן, געשאָרכט מיט די קערענקעס, זיך גע-קריגט און כסדר געשריגן. בונטשוקן האָט זיך פאַרגלוסט אַרויסצו-גיין אויף דער לופט, און ער איז אַרויסגעגאַנגען.

אים האָט געראַטעוועט דאָס, וואָס אין אַ שעה אַרום איז אויסגעקומען צו גיין אין אָנגריף.

XVIII

נאָך קאַלעדינס טויט האָט די נאָוואָטשערקאַסקער סטאַני-צע איבערגעגעבן די מאַכט דעם אַטאַמאַן פון די דאָנער חיילות גענעראַל נאַזאַראָוו. דעם פערטן פעברואַר איז ער אויסגעקליבן געוואָרן דורך די דעלעגאַטן, וואָס זענען זיך צונויפגעפאָרן אויף דער קרייז-באַראַטונג, אַלס מיליטערישער אַטאַמאַן. אויפן קרייז האָט זיך פאַרזאַמלט אַ נישט באַדייטנדע טייל דעלעגאַטן, דער-עיקר פאָרשטייער פון די נידעריקע סטאַניצעס אין די דרומדיקע געגנטן. דער קרייז איז אָנגערופן געוואָרן דער קליינער. זיין אַרבעט האָט ער אָנגעהויבן דעם פערטן פעברואַר. נאַזאַראָוו, וואָס האָט זיך פאַרזיכערט מיט דער אונטערשטיצונג פון קרייז, האָט פּראָקלאַמירט אַ מאָביליזאַציע פון זיבעצן ביז פינפאונפופציק יאָר, אָבער די קאָזאַקן האָבן נישט גערן זיך גענומען צום

געווער, נישט געקוקט אויף די דראָונגען און די אַרויסגעשיקטע באַוואָפנטע אָפּטיילונגען צום דורכפירן די מאָביליזאַציע.

אין טאָג, ווען דער קלײנער קרײז האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעט, איז קיין נאָוואָטשערקאַסק געקומען פון רומענישן פראָנט אין מאַרש־אָרדענונג דאָס זעקסטע פּולק פון דאָנער קאָזאַקן־גענעראַל קראַסנאָשטשאָקאָוו, אונטער דער אָנפירונג פון ערשטן מיליטערישן עלטסטן טאַנין. דאָס פּולק איז פון יעקאַטערינאָסלאַוו אָן געגאַנגען מיט שלאַכטן, דורכרייסנדיק די באָלשעוויסטישע רינג. עס איז אָנגעגריפן געוואָרן הינטער פּיאַטיכאַטקע, מעזשעווע, מאַטוועיעוו־קורגאַן און נאָך אַ סך אַנדערע ערטער, אָבער נישט געקוקט דערויף איז עס דאָך געקומען אין פולן קאָמפּלעט, מיט אַלע אָפיצירן.

פאַרן פּולק איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פייערלעכער אויפנאַם; נאָך דער אָפּגעריכטער תפילה אויפן פּלאַץ פון סאָבאָר, האָט נאַזאַראָוו געדאַנקט די קאָזאַקן דערפאַר, וואָס זיי האָבן אָפּגעהיטן די דיסציפּלין, די גלענצנדע אָרדענונג און מיט געווער געקומען פאַרטיידיקן דעם דאָן.

דעם זעקסטן איז דאָס פּולק אַוועקגעשיקט געוואָרן אויפן פראָנט, הינטער דער סטאַניצע סולין, און דעם אַכטן איז קיין נאָוואָטשערקאַסק אָנגעקומען די שלעכטע בשורה: אַז דאָס פּולק איז אונטער דער ווירקונג פון דער באָלשעוויסטישער אַגיטאַציע פריי־וויליק אָפּגעטרעטן פון דער פּאָזיציע און זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרטיידיקן די מיליטערישע רעגירונג.

די אַרבעט פון קרײז איז געגאַנגען נאַכלעסיק. אַלע האָבן פאַרגעפילט דעם אויסגאַנג פון קאַמף מיט די באָלשעוויקעס. בשעת דער באַראַטונג, איז נאַזאַראָוו — אַט דער ענערגישער, אינטענסיווער גענעראַל — געזעסן אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנט, זיך פאַרשטעלנדיק מיט דער דלאָניע דעם שטערן, ווי ער וואָלט פיינלעך געטראַכט וועגן עפּעס.

די לעצטע האָפענונגען האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. די באָלשעוויסטישע פעטליע האָט זיך פאַרצויגן און אַלץ ענגער

צונויפגעדריקט דעם האַלז פון דער געגנט. די האַרמאַטן־קאַנאָנאַדע האָט זיך שוין געהערט לעבן טיכאָרעצק. מען האָט געשמועסט, אַז עס גייט פון צאַריצין אויף ראָסטאָוו דער דאָרטיקער באָלשעוויסטישער קאָמאַנדיר — דער כאָרונזשי אַווטאָנאָמאָוו.

דעם ניינטן אינדערפרי איז קיין ראָסטאָוו אַריינגעגאַנגען די אָפּטיילונג פון קאַפּיטאַן טשערנאָוו, וואָס איז פאַרפאָלגט געוואָרן דורך סיווערסן און אין רוקן באַשאָסן געוואָרן דורך די קאָזאַקן פון דער גנילאָווער סטאַניצע. עס איז געבליבן אַ שמאָלער דורכגאַנג, און קאָרנילאָוו, פאַרשטייענדיק, אַז ס'איז געפערלעך צו בלייבן אין ראָסטאָוו, האָט דעם טאָג אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַוועקצוגיין אין דער אָלגינער סטאַניצע.

אַ גאַנצן טאָג איז דער וואָקזאַל און די אָפּיצירישע פאַטראָלן באַשאָסן געוואָרן דורך די טעמערקינער אַרבעטער. פאַר־נאַכט האָט פון ראָסטאָוו אַרויסמאַרשירט אַ געדיכטע קאָלאָנע מי־ליטער. זי האָט זיך אויסגעצויגן לענגאויס דעם דאָן ווי אַ פעטע שוואַרצע שלאַנג און אַוועקגעפויזעט קיין אַקסיי. איבערן ווייך געוואָרענעם נאַסן שניי האָבן שווער געטאָפּטשעט די קליינע ראָטעס. עס האָבן געשימערט די גימנאַזיסטישע שינעלן מיט די גלאַנציקע קנעפּלעך, די גרינלעכע — פון די רעאַליסטן*, אָבער אין דער מאַסע האָבן איבערגעוואויגן — די זעלנעריש־אָפּי־צירישע. די אָפּטיילונגען זענען אָנגעפירט געוואָרן דורך פּאָל־קאָווניקעס און קאַפּיטאַנען. אין די רייען האָבן זיך געפונען יונקערס און אָפּיצירן, אָנהייבנדיק פון פּראַפּאָרשטשיקעס ביז פּאָל־קאָווניקעס. ביי די פּילצאָליקע וואָגנס פון טאַבאָר זענען נאָכגע־גאַנגען פּליטים — באַיאָרטע, סאָלידע מענטשן, אין שטאָטישע פּאַלטנס, אין קאַלאָשן. פרויען האָבן געשפרייזט ביי די וואָגנס, זינקענדיק אין טיפן שניי, וויגנדיק זיך אויף די הויכע אָפּצאַסן.

* שילער פון די רעאַל־גימנאַזיעס.

אין אַ ראָטע פון קאָרנילאָווס פּולק איז געגאַנגען דער עסאַול יעווגעני ליסטניצקי. צוזאַמען מיט אים — דער שטייפער פּראָנט־אָפיציר, דער שטאַבס־קאַפּיטאַן סטאַראָביעלסקי, דער פּאָרוטשיק פון סווואָראָווער פּאַנאַגאָרער גענעראַל־פּולק באָטשקאָוו און דער פּאָדפּולקאָווניק לאָוויטשעוו — אַן אַלטער פּראָנט־אָפיציר, אָן ציין, ווי אַ פוקס אײַנגאַנצן באַוואַקסן מיט געל־גרויע האָר.

דער בין־השמשות איז געדיכטער געוואָרן. עס האָט געגנומען אַ פראָסט. פון דאָן האָט געבלאָזן אַ גוזאַלצענער פייכטער ווינט. ליסטניצקי האָט רעגלמעסיק, נישט פאַרלירנדיק דעם טריט, געקנעטן דעם צעטאָפּטשעטן שניי און זיך אײַנגעקוקט אין די פּנימער פון די מענטשן, וואָס האָבן איבערגעיאָגט די ראָטע. פאַרבײַ זיי, אין דער זייט פון וועג, זענען דורכגעגאַנגען דער קאָמאַנדיר פון קאָרנילאָווער פּולק קאַפּיטאַן ניעזשענצעוו און דער געוועזענער קאָמאַנדיר פון פּרעאָבראַזשענסקער גוואַרדיע־פּולק פּאָלקאָווניק קוטיעפּאָוו, אין אַ צעשפּיליעטן שינעל און פאַררוקטן היטל אויפן שיפן קאַרק.

— הער קאָמאַנדיר! — האָט דער פּאָלקאָווניק לאָוויטשעוו אַ קוק געטון אויף ניעזשענצעוון, פלינק אונטערוואַרפנדיק די ביקס.

קוטיעפּאָוו האָט אויסגעדרייט דאָס פּנים מיטן ברייטן אָקסן־שטערן, ברייט־אַרײַנגעזעצטע שוואַרצע אויגן און צוגעשוירענעם לאָפּעטע־בערדל; פון הינטער זיין אַקסל האָט אויפן רוף אָפּגעקוקט ניעזשענצעוו.

— באַפעלט דער ערשטער ראָטע צו גיין אַ ביסל שנעלער! אַזוי קאָן מען דאָך נאָך געפרוירן ווערן. מיר האָבן נאַסע פיס, און אַזאַ טריט אין מאַרש...

— אומאָרדענונג! — האָט אַ טרומייטער געטון דער טומלדיקער סטאַראָבעלסקי.

ניעזשענצעוו האָט נישט געענטפערט און פאַרבײַגעגאַנגען. ער האָט וועגן עפּעס זיך געשפּאַרט מיט קוטיעפּאָוון. אין אַ ווײַ־

לע אַרום האָט זיי איבערגעיאָגט אַלעקסעיעוו. דער קוטשער האָט געטריבן די זאַטע, שוואַרצע פערד, מיט די אונטערגעבונדענע ווידלען; פון אונטער די קאָפיטעס זענען געפלויגן שטיקער שניי און זיך צעשפּריצט אין אַלע זייטן. דער פון ווינט רויטער אַלעק־סעיעוו, מיט די ווייסע פאַרדרייטע וואָנסעס און אויך אַזעלכע ווײ־סע אָפּשטייענדיקע ברעמען, דאָס היטל אַראָפּגערוקט איבער די אויערן, איז זייטיק געזעסן אָנגעלענט אין דער ברישקע, זיך צו־האַלטנדיק מיט דער לינקער האַנט דעם קאָלנער פאַר דער קעלט. די אָפיצירן האָבן שמייכלענדיק באַגלייט זיין פנים, וואָס איז אַלע־מען באַקאַנט געווען.

אויפן וועג, וואָס איז צעטאָפּטשעט געווען פון אַ סך פיס, האָבן ערגעץ־וואו זיך שוין דורכגעזיגן געלע קאַלוזשעס. עס איז געווען שווער צו גיין — די פיס האָבן זיך געגליטשט, די פייכט־קייט איז אַריינגעדרונגען אין די שטיוול. ליסטניצקי האָט, גייענ־דיק, זיך איינגעהערט אין שמועס פאַרויס אים. עס האָט גערעדט עפּעס אַן אָפיציר מיט אַ באַריטאָן, אין אַ פוטערנער קורטקע און איינגעפּאַכער קאָזאַקישער פּאַפּאַכע

— איר האָט געזען, פּאָרוטשיק? דער פאָרזיצער פון דער מלוכה־דומע ראָדזיאַנקאָ, אַן אַלטער מאַן, — און גייט צופוס.

— רוסלאַנד גייט אַרויף אויף דער גאָלגאָטע...*

הוסטנדיק און הייזעריק אויסשפּייענדיק דאָס לייכעץ, האָט עמעצער געפּרוווט איראָניזירן:

— אַ גאָלגאָטע... בלויז מיט דעם חילוק, וואָס אָנשטאָט אַ

* אַ באַרג אין דער געגנט פון ירושלים. דאָס אָרט, וואו קריסטוס איז, לויט דער עוואַנגעליע, געקרייציקט געוואָרן.

שטייניקן וועג — שניי, דערביי אַ נאַסער, פליוס טייוואָלאַנישער קעלט.

— איר ווייסט נישט, מיינע הערן, וואו מיר וועלן זיך אָפּ־שטעלן אויף נאַכטלעגער ?

— אין יעקאַטיערינאָדאַר.

— מיר האָבן אַמאָל אין פּרייסן אַזאַ מאַרש דורכגעמאַכט...

— מיר וועלן זען ווי אַזוי קובאַן וועט אונז אויפנעמען. וואָס ?... פאַרשטייט זיך, אַז דאָרט איז גאָר אַנדערש.

— איר האָט צו רייכערן ? — האָט דער פּאָרוטשיק גאָלאָ־וואַטשעוו געפרעגט ליסטניצקין.

ער האָט אויסגעטון די גראָבע הענטשקע, גענומען אַ פּאַ־פּיראָס, געדאַנקט און, אויסשנייצנדיק די נאָז זעלנעריש, אָפּגע־ווישט די פינגער אָן דער פּאָלע פון שינעל.

— איר לערנט זיך אויס אויספירן דעמאָקראַטיש, פּאָרו־טשיק ?... — האָט דער פּאָדפּולקאָווניק לאָוויטשעוו דין אַ שמייכל געטון.

— אַ ברירה האָט מען ? און איר... האָט מיט אַ טוץ נאָז־טיכלעך זיך באַזאָרגט ?

לאָוויטשעוו האָט נישט געענטפערט. אויף זיינע רויטלעך־גרויע וואָנסעס זענען געהאָנגען גרינלעכע אייז־צעפּלעך. ער האָט אַלעמאָל געסמאָרעט מיט דער נאָז, זיך געקרומט פון דער קעלט, וואָס האָט דורכגעדרונגען זיין שינעל.

„די קרוין פון רוסלאַנד", — האָט ליסטניצקי געטראַכט, קוקנדיק מיט אַ געפיל פון שאַרפן רחמנות אויף די רייען און שפּיץ פון דער קאָלאָנע, וואָס האָט זיך געשלענגלט איבערן וועג.

עס זענען דורכגעריטן עטלעכע רייטער, צווישן זיי — אויף

אַ הויכן דאָנער — קאָרנילאָוו. זיין העל-גרין פּעלצל, מיט די קרוּ־מע קעשענעס אין די זייטן, און די ווייסע פּאַפּאַכע האָבן לאַנג געשימערט איבער די רייען. מיט אַ געדיכטן ברומענדיקן „אורא" האָבן אים באַגלייט די אָפיצירישע באַטאַליאָנען.

— דאָס אַלץ וואָלט נאָך געווען גאָרנישט, אָבער די פֿאַ־מיליע... — לאָוויטשעוו האָט זקניש אַ הוסט געטון, זייטיק אַריינ־געקוקט ליסטניצקין אין די אויגן, ווי זוכנדיק מיטגעפיל: — מיין פאַמיליע איז געבליבן אין סמאָלענסק... — האָט ער איבער־געחזרט. — די פרוי מיטן טעכטערל — מיטן מיידעלע. אויף ניי־יאָר איז זי אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר... וואָס זאָגט איר צו דעם, עסאַול?

יאָ־אָ־אָ.

— איר האָט אויך אַ פֿאַמיליע? אין נאָוואָטשערקאַסק?

— ניין, איך בין פון דאָניעצער קרייז. איך האָב איבערגע־לאָזט אַ פאָטער.

— איך ווייס נישט, וואָס זיי טוען דאָרט... ווי אַזוי זיי לעבן דאָרט אָן מיר, — האָט לאָוויטשעוו ווייטער גערעדט.

אים האָט דענערווירט איבערגעשלאָגן סטאַראָביעלסקי.

— איטלעכער האָט אַ פאַמיליע איבערגעלאָזט. איך ווייס נישט, וואָס איר קרעכצט אַזוי, פּאָדפּולקאָווניק? וואונ-דער-לעכע מענטשן! זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן אַרויסצוגיין פון ראָסטאָוו...

— סטאַראָביעלסקי! פיאָטר פיאָטראָוויטש! איר זענט גע־ווען אין דער שלאַכט הינטער טאַגאַנראָג? — האָט עמעצער אַ געשריי געטון פון הינטן, איבער די רייען אַריבער.

סטאַראָביעלסקי האָט זיך אויסגעדרייט מיט אַ צערייצט פּנים, מרה-שחורהדיק אַ שמייכל געטון.

— אַ... וולאַדימיר גריגאָריעוויטש, ווי אַזוי זענט איר אין

אונזער אָפּטיילונג אַריינגעפאַלן? איר האָט זיך איבערגעטראָגן? מיט וועמען זענטאיר דאָרט נישט דורכגעקומען? אהאַ... נו, דאָס איז פאַרשטענדלעך... איר פרעגט וועגן טאַגאַנראָג? יאָ, איך בין געווען... וואָס איז דען? פולשטענדיק ריכטיק... ער איז געהרגעט געוואָרן.

ליסטניצקי האָט אויפמערקזאַם זיך איינגעהערט אין שמועס און דערמאַנט אָן זיין אָפּפאָרן פון יאַגאָדנאָיע, אָן פאָטער, אָן אַקסיניען. אים האָט געשטיקט אַ בענקשאַפט, וואָס האָט פּלוצלינג אויפגעפלאַמט אין זיין האַרץ. ער האָט נאַכלעסיק געשטעלט די פיס, געקוקט אויף די לופעס פון די ביקסן מיט די צוגעשרויפטע באַגנעטן, וואָס האָבן זיך געוויגט פאָרויס, אויף די קעפ אין די פאַפּאַכעס, היטלען און באַשליקן, וואָס האָבן זיך געוואַקלט צום טאַקט פון די טריט, און געטראַכט:

„די זעלבע לאַדונג פון האַס און גרענעצלאָזן צאָרן, וואָס איך, טראָגט אַצינד איטלעכער פון דידאָזיקע פינף טויזנט מאַן, פאַראורטיילטע אויף גלות. זיי האָבן ארויסגעוואָרפן, די מנוולים, פון רוסלאַנד — און ווילן אונז דאָ צעטרעטן. מיר וועלן נאָך זען!... קאָרנילאָוו וועט אונז אַרויספירן קיין מאָסקווע!“

אין דעם מאָמענט האָט ער זיך דערמאָנט אָן קאָרנילאָווס אָנקומען קיין מאָסקווע און מיט פרייד איבערגעגאַנגען צו די זכרונות פון יענעם טאָג.

ערגעץ נישט ווייט, פון הינטן, מסתמא אין עק פון דער ראָטע, איז געגאַנגען די באַטאַרייע. עס האָבן געפּאָרסקעט די פערד, געהאַקט די אָרטשיקעס, אפילו דער ריח פון פערדישן שוויס האָט זיך דערטראָגן פון דאָרטן. ליסטניצקי האָט גלייך דערפילט דעמ־דאָזיקן אויפרייצנדיקן ריח און אויסגעדרייט דעם קאָפּ; דער

פעדערשטער רײטער, אַ יונגער כאַרונזשי, האָט אַ קוק געטון אויף
אים און אַ שמײכל געטון, װי צו אַ באַקאַנטן.

אומגעפער דעם 11-טן מערץ איז די פרײװיליקע אַרמײ
קאָנצענטרירט געװען אין ראַיאָן פון דער אָלגינסקער סטאַניצע.
קאָרנילאָװ האָט אָפּגעשלעפּט מיטן אַרױסטרעטן, צװואַרטנדיק אויפן
קומען פון מיליטערישן אַטאַמאַן פון די דאָנער חיילות גענעראַל
פּאָפּאָװ, װעלכער איז אַװעקגעגאַנגען פון נאָװאָטשערקאַסק אין די
סטעפּעס נאָכן דאָן מיט זײן אָפּטײלונג פון בערך 1.600 שװערדן,
5 האַרמאַטן און 40 קוילנװאַרפער.

דעם 13-טן אינדערפרי איז פּאָפּאָװ, באַגלײט פון זײן שטאַב-
אָנפירער, דעם פּאָלקאָװניק סידאָרין, און עטלעכע קאָזאַקישע אָפי-
צירן פון קאָנװאָי, אַרײנגעריטן אין דער אָלגינסקער סטאַניצע.

אויפן פּלאַץ פאַרן הויז, װאָס איז פאַרנומען געװען דורך
קאָרנילאָװן, האָט ער פאַרהאַלטן דאָס פערד: זיך אָנהאַלטנדיק אָן
זאָטל-האָרן, האָט ער שװער אַריבערגעהויבן דעם פוס איבערן
זאָטל. אים האָט אונטערגעהאַלטן אַ צוגעשפּרונגענער קוריער –
אַ יונגער, שװאַרץ-באַטשופּרינטער קאָזאַק, מיט אַ טונקל-ברוין פּנים,
װי בײ אַ מעװע. פּאָפּאָװ האָט אים צוגעװאָרפן די לײצן און מיט
אַ געזעצטן טריט זיך געלאָזט גײן צום גאַנעק. סידאָרין און די
אָפיצירן זענען אַראָפּגעשטיגן פון די פערד און אים נאָכגעגאַנגען.
די קוריערן האָבן דורכן טירל אַרײנגעפירט די פערד אויפן הויף.
בשעת אײנער פון די קוריערן, אַן עלטערער שוין מיט קרומע פיס,
האָט אָנגעהאָנגען די טאָרבעס, האָט דער צװײטער, דער שװאַרץ-
באַטשופּרינטער, דער ענלעכער צו אַ מעװע, שוין געשלאָסן באַ-

קאָנטשאַפּט מיט דער הויז־אַרבעטערין. ער האָט איר אָפּגעטאָקט עפּעס אַ ליגנט; די אַרבעטערין — אַ רויטע מויד, אין אַ קאָקע־טיש־אַרומגעבונדן טיכל און טיפע קאַלאָשן, אָנגעשטעקטע אויף די באָרוועסע פיס, — איז, לאַכנדיק און זיך גליטשנדיק, דורכגעגאַנ־גען פאַרביי אים איבער דער קאַלוזשע צו דער שאַפע.

דער רעפּרעזענטאַטיווער באַיאָרטער פּאָפּאָוו איז אַריינגעגא־נגען אין הויז. אין פאָרצימער איבערגעגעבן אין די הענט פון פלינקן קוריער דעם שינעל, אויפגעהאָנגען אויפן הענגער די נאַ־הייקע, לאַנג און הויך זיך אויסגעשנייצט. דער קוריער האָט אים אַריינגעפירט אין זאַל מיט סידאָרינען, וועלכער האָט אויפן וועג זיך צוגעגלעט די האָר.

די גענעראַלן, וואָס זענען צונויפגערופן געוואָרן אויף דער באַראַטונג, זענען געווען אין קאָמפּלעט. קאָרנילאָוו איז געזעסן ביים טיש, אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אויף דער אויסגע־שפּרייטער מאַפּע; אין זיין רעכטער זייט האָט גרוי זיך געבלייכט דער דאַרינקער און ביי זיך פּשוטער, פריש־ראַזירטער אַלעקסע־יעוו. דעניקין האָט פינקלענדיק מיט די קלוגע שאַרפע אויגן וועגן עפּעס גערעדט מיט ראָמאַנאָווסקין. לוקאָמסקי, וועלכער איז פונ־ווייטנס ענלעך געווען צו דעניקינען, האָט פאַמעלעך שפּאַצירט איבערן צימער און זיך געציפּט דאָס בערדל. מאַרקאָוו איז גע־שטאַנען ביים פענסטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין הויף אַריין, און אָבסערווירט, ווי די קאָזאַקן־קוריערן פאָרען זיך אַרום די פערד און שפּאַסן מיט דער הויז־אַרבעטערין.

די אַריינגעקומענע האָבן זיך באַגריסט און צוגעגאַנגען צום טיש. אַלעקסעיעוו האָט געשטעלט עטלעכע אומבאַדייטנדיקע פראַגן וועגן וועג און דער עוואַקואַציע פון נאָוואָטשערקאַסק. עס

אין אַרייַנגעקומען קוטיעפּאָוו, מיט אים עטלעכע פראָנט-אָפיצירן, וואָס זענען איינגעלאַדן געוואָרן דורך קאָרנילאָוון אויף דער באַראַטונג.

קוקנדיק גלייך אין פּנים אַריין פּאָפּאָוון, וועלכער האָט זיך אָוועקגעזעצט מיט אַ רויִקער זיכערקייט, האָט קאָרנילאָוו געפרעגט:

— איך בעט אייך, גענעראַל, אונז מיטצוטיילן די צאָל פון אייער אָפּטיילונג.

— אַנדערהאַלבן טויזנט שווערדן, אַ באַטאַרייע, פערציק קוילנוואַרפער מיט דער באַדינונג.

— די סיבות, וואָס האָבן גענייט די פרייוויליקע אַרמיי אָוועקצוגיין פון ראָסטאָוו, זענען אייך באַוואוסט. נעכטן איז ביי אונז פאָרגעקומען אַ באַראַטונג. מיר האָבן דעצידירט צו גיין קיין קובאַן, האַלטנדיק זיך אין דער ריכטונג פון יעקאַטערינאָדאַר, וואו עס זענען טעטיק די פרייוויליקע אָפּטיילונגען. מיר וועלן גיין אָט מיט דעם מאַרשרוט... — קאָרנילאָוו האָט אַ פיר געטון איבער דער מאַפּע מיטן נישט אָפּגעשניצטן שפּיץ פון דער בלייפעדער און אָנגעהויבן רעדן שנעלער: — אויפן וועג וועלן מיר אַרייַנציען דאָס קובאַנישע קאָזאַקנטום, צעברעקלען די אין צאָל-אָרימע, נישט אָרגאַניזירטע און צום קאַמף-אומפעיִקע רויטגווארדייאישע אָפּטיילונגען, וואָס וועלן פּרוּוון אויפהאַלטן אונזער מאַרש. — ער האָט אַ קוק געטון אין פּאָפּאָווס פאַרזשמורעטע אויגן אַריין, וואָס זענען אָנגעדרייט געווען אין אַ זייט, און פאַרענדיקט: — מיר לייגן אייך פאָר זיך צו פאַראייניקן מיט אייער אָפּטיילונג צו דער פרייוויליקער אַרמיי און צוזאַמען מיט אונז גיין אויף יעקאַטערינאָדאַר. צעברעקלען די כּוחות — ליגט נישט אין אונזער אינטערעס.

— איך קאָן דאָס נישט טון! — האָט פּאָפּאָוו שאַרף און אַנטשלאָסן געענטפערט.

אַלעקסעיעוו האָט לײַכט זיך אָנגעבויגן אין זײַן זײַט אַרײַן.

— פאַרוואָס, דערלויבט מיר צו פרעגן.

— ווײַל איך קאָן נישט איבערלאָזן די טעריטאָריע פון דאָנער קרײַז און גײַן ערגעץ קײַן קובאַן. פאַרשטעלט פון צפון-זײַט דורכן דאָן, וועלן מיר אין ראַיאָן פון די ווינטער-שטאַלן צוּוואַרטן אויף נײַע געשעענישן. אויף אַקטיווער טעטיקייט פון שונא דאַרף מען נישט רעכענען, ווײַל היינט-מאָרגן וועט זיך אָנהייבן אַ לינד וועטער, — און עס וועט אוממעגלעך זײַן אַריבערצופירן איבערן דאָן נישט נאָר אַרטילעריע, נאָר אויך רײַטער-מיליטער, און פון ראַיאָן פון די ווינטער-שטאַלן, וואָס איז פולשטענדיק באַזאָרגט מיט פוראַזש און תבואה, וועלן מיר צו יעדער צײַט און אין יעדער ריכטונג קאָנען אַנטוויקלען אַ פּאַרטיזאַנישע טעטיקייט.

פּאָפּאָוו האָט מיט וואָגיקער זיכערקייט געבּרענגט באַווײַזן, וואָס האָבן אָפּגעוואָרפן קאָרנילאָווס פאָרשלאַג. ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און, זעענדיק, אַז קאָרנילאָוו וויל עפּעס זאָגן, האָט ער עקשנותדיק אַ טרײַסל געטון מיטן קאָפּ:

— דערלויבט מיר צו פאַרענדיקן... חוץ דעם, איז דאָ נאָך איין זייער וויכטיקער פאַקטאָר, מיט וועלכן מיר מוזן זיך רעכענען: — ער האָט אויסגעשטרעקט די פלײשיקע ווײַסע האַנט מיטן גאָלדענעם רינג, וואָס האָט זיך אײַנגעזויגן אין דער פוכיקייט פון זײַן ווײַז-פינגער, עטוואָס געהעכערט דאָס קול, זיך אַרומגעקוקט און ווײַטער גערעדט: — אין דעם פאַל, אויב מיר וועלן גײַן אויף קובאַן, שאַפט זיך די געפאַר, אַז די אָפּטײלונגען זאָלן

צעפאַלן ווערן. די קאָזאַקן האָבן אַ ברירה נישט צו גיין. מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז דער שטענדיקער און צומייגנסט זיכערער קאָנטיגענט פון מיין אָפּטיילונג — זענען די קאָזאַקן, און זיי זענען לגמרי נישט אַזוי מאָראַליש שטאַנדהאַפטיק, ווי... לאָמיר זאָגן, אייערע טיילן. זיי ווען נישט גיין — און פטור. און ריזיקירן צו פאַרלירן די גאַנצע אָפּטיילונג, — קאָן איך נישט, — האָט פאָפּאָוו שאַרף באַטאָנט און ווידער איבערגעשלאָגן קאָרנילאָוון: — איך בעט אַנטשולדיקונג, איך האָב אייך אַרויסגעזאָגט אונזער באַשלוס און נעם מיר די דרייסטקייט אייך צו פאַרזיכערן, אַז מיר זענען נישט ביכולת דעם באַשלוס צו ענדערן. פאַרשטייט זיך, אַז אין אונזער אינטערעס ליגט נישט צו צעברעקלען די כוחות, אָבער פון דער געשאַפענער לאַגע איז דאָ בלויז איין אויסגאַנג. איך מיין, אַז אַרויסגייענדיק פון די השערות, וואָס זענען נאָר וואָס דורך מיר אַרויסגעזאָגט געוואָרן, וואָלט פאַר דער פרייוויליקער אַרמיי געווען שכלדיקער צו גיין נישט אויף קובאַן, — די שטימונגען פון די קובאַנער קאָזאַקן רופן אַרויס ביי מיר נישט ווייניק אומרו, — נאָר צוזאַמען מיט דער דאָנער אָפּטיילונג — צו גיין אין די סטעפּעס נאָכן דאָן. דאָרט וועט זי זיך אויפסניי פאָרמירן, אויסנוצנדיק די צייט פון אָפּרו, און צום פרילינג זיך קאָמפּלעטירן מיט נייע קאַדרען פרייוויליקע פון רוסלאַנד.

— ניין! — האָט אויסגעשריגן קאָרנילאָוו, וועלכער איז ערשט נעכטן גענייגט געווען צו גיין אין די סטעפּעס נאָכן דאָן און האָט עקשנותדיק איבערגעשפּאַרט אַלעקסעיעווס פאַרקערטע מיינונג. — עס האָט נישט קיין זין צו גיין אין דער געגנט פון די ווינטער־שטאַלן. מיר זענען ביי זעקס טויזנט מאַן...

— אויב עס האַנדלט זיך אין פּראָוויאַנט, נעם איך מיר די דרייסטקייט, אייער הויכוואוילגעבוירנהייט, אייך צו פאַרזיכערן,

אַז דער ראַיאָן פון די ווינטער־שטאָלן לאָזט נישט איבער צו פאַר־לאַנגען עפּעס בעסערס. חוץ דעם, קאָנט איר דאָרט נעמען ביי די פּריוואַטע הענדלער פערד און אויפזעצן אַ טייל פון דער אַרמיי. איר וואָלט דעמאָלט געהאַט נייע שאַנסן צו פירן אַ מאַנעווּרירנ־דיקע מלחמה. קאַוואַלעריע איז אייך נייטיק, און די פּרייוויליקע אַרמיי פאַרמאָגט זי ווייניק.

קאָרנילאָוו, וועלכער האָט דעם טאָג זיך באַצויגן מיט באַ־זונדערן פאַראורטייל צו אַלעקסעיעוון, האָט אַ קוק געטון אויף אים. ער האָט, לויט אַלע וואָרשיינלעכקייטן, זיך געוואַקלט ביים אויסקלויבן אַ ריכטונג און געזוכט שטיצע ביי אַ צווייטן אויטאָ־ריטעט. אַלעקסעיעוון האָט מען אויסגעהערט מיט גרויס אויפמערק־זאַמקייט. דער אַלטער גענעראַל, וועלכער איז געוואוינט געווען קורץ, אויסשעפּנדיק־קלאָר צו אַנטשיידן פראַגן, האָט אין עטלעכע געפּרעסטע פראַזן זיך אַרויסגעזאָגט לטובת דעם מאַרש קיין יע־קאַטיערינאָדאַר.

— אין דער ריכטונג וועט אונדז זיין צום לייכטסטן דורכצורייסן די באָלשעוויסטישע רינג, זיך פאַרייניקן מיט דער אָפּטיילונג, וואָס אָפּערירט הינטער יעקאַטיערינאָדאַר, — האָט ער פאַרענדיקט.

— און אויב דאָס וועט נישט געלינגען, מיכאַיל וואַסיליע־וויטש ? — האָט פאַרזיכטיק געפרעגט לוקאָמסקי.

אַלעקסעיעוו האָט אַ קיי געטון מיט די ליפּן און אַ פיר גע־טון מיט דער האַנט איבער דער מאַפּע.

— אויב מען זאָל אפילו פאַרזען אַ דורכפאַל, וועט אונדז אויך בלייבן די מעגלעכקייט צוצוגיין צו די קאַווקאַזער בערג און אויפ־לייזן די אַרמיי.

מיט אים האָט מסכּים געווען ראָמאַנאָווסקי. עטלעכע הייסע

ווערטער האָט געזאָגט מאַרקאָוו. אַלעקסעיעוויטש שווערוואָגיקע אַר־גומענטן איז כלומרשט נישט געווען וואָס אָקעגנצושטעלן, אָבער לוקאָמסקי האָט גענומען אַ וואָרט און אויסגעגלייכט די וואָג:

— איך שטיץ דעם פאָרשלאַג פון גענעראַל פּאָפּאָוו, — האָט ער געמאָלדן, פאָרזיכטיק צוקלויבנדיק די ווערטער: — אַ מאַרש קיין קובאַן איז פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן, וועלכע לאָזן זיך פונדאַנען אפילו גאָרנישט פאָרזען. קודם־כל וועט אונז אויסקו־מען צוויי מאָל איבערצושניידן די באַן־ליניע...

אין דער ריכטונג פון זיין פינגער צו דער מאַפּע האָבן זיך אַ װענד געטון די בליקן פון אַלע באַטייליקטע אין דער באַראַ־טונג. לוקאָמסקי האָט העפטיק ווייטער גערעדט:

— די באָלשעוויקעס וועלן נישט פאַרזוימען אונז אויפצונעמען אויפן געהעריקן שטייגער. זיי וועלן צופירן די פּאַנצער־צוגן. מיר האָבן אַ שווערן טאַבאָר און אַ מאַסע פאַרוואונדעטע; איבערלאָזן זיי קאָנען מיר נישט. דאָס וועט אומגעהייער באַלאַסטן די אַרמיי און שטערן איר שנעלן מאַרשירן. דערביי איז מיר אומפאַרשטענד־לעך פונוואַנען עס האָט זיך געשאַפן די זיכערקייט, אַז דאָס קו־באַנער קאָזאַקנטום איז געשטימט צו אונז פריינטלעך? אורטיילנ־דיק לויטן דאָנער קאָזאַקנטום, וועלכן עס איז כלומרשט אויך לעס־טיק די מאַכט פון די באָלשעוויקעס, זענען מיר מחויב מיט באַ־זונדערער פאָרזיכטיקייט און אַ שטאַרקער דאָזע פון געזונטן סקעפּ־טיציזם זיך צו באַציִען צו אַזעלכע קלאַנגען. די קובאַנער זענען קראַנק אויף דער זעלבער באָלשעוויסטישער טראַכאָמע, וואָס זיי האָבן פאַרשלעפּט פון דער פריערדיקער רוסישער אַרמיי... זיי קאָ־נען זיין געשטימט פיינטלעך. צום סוף מוז איך איבערחזרן, אַז מיין מיינונג איז — צו גיין אויף מזרח, אין די סטעפּעס, און פון דאָרט, אָנזאַמלענדיק כוח, צו באַדראָען די באָלשעוויקעס.

אונטערגעשטיצט דורך דער מערהייט פון זיינע גענעראַלן, האָט קאָרנילאָוו באַשלאָסן צו גיין אויף מערב פון וויעליקאָ-קניאַזשעסק, פאַרזען דעם טאַבאָר מיט פערד און ערשט פון דאָרט זיך פאַרנעמען אויף קובאַן. ער האָט פונאַנדערגעלאָזט די באַראַ-טונג, זיך דורכגעוואָרפן מיט עטלעכע פראַזן מיט פאַפּאָוון, קאַלט זיך געזעגנט מיט אים און זיך געלאָזט גיין אין זיין צימער אריין. אים איז נאָכגעגאַנגען אַלעקסעיעוו.

דער שטאַב-אָנפירער פון דער דאָנער אַפּטיילונג, פּולקאָוו-ניק סידאָרין, איז אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַנעק, קלינגענדיק מיט די שפּאָרן, און מיט אַ זאַפּטיק קול פריידיק אַ געשריי געטון צו די קוריערן:

— די פערד.

זיך צוהאַלטנדיק די שווערד און שפּרייזנדיק איבער די קאַ-לוזשעס, איז צום גאַנעק צוגעגאַנגען אַ יונגער העל-בלאָנדער קאָ-זאַקישער סאָטניק. ער איז שטיין געבליבן ביים אונטערשטן טרעפּל און געפרעגט שעפּטשענדיק:

— וואָס-זשע, הער פּולקאָווניק?

— נישט שלעכט! — האָט מיט געהעכערטן מוט מיט אַ האַלב קול געענטפערט סידאָרין. — אונזערער האָט זיך אָפּגע-זאָגט צו גיין קיין קובאַן. מיר רייטן שוין אַרויס. איר זענט פאַר-טיק, איזוואַרין?

— יאָ, מען פירט די פערד.

די קוריערן האָבן, אויפזיצנדיק, געפירט די פערד. דער שוואַרץ-באַטשופרינטער, ענלעכער צו אַ מעווע, האָט געוואָרפן בליקן אויף זיין חבר.

— זי איז שיין, וואָס? — האָט ער געפרעגט, פאַרסקענדיק.

דער באַיאָרטער האָט איינגעהאַלטן געשמייכלט.

— ווי אַ פערדישער לישיי.

— און ווען זי וואָלט דיך אַזוי צופעליק אַ רוף געטאָן?

— הער אויף, שוטה! ס'איז דאָך היינט גרויסער תענית.

איזוואַרין, גריגאָרי מעליעכאָווס געוועזענער דינסט־חבר, איז אַרויפגעשפרונגען אויף זיין ווייס־נאָזיק פערד מיטן שיפּן הינטן און פלעק איבערן גאַנצן שטערן, און באַפוילן די קוריערן:

— רייט אַרויס אויפן וועג.

פּאָפּאָוו און סידאָרין האָבן זיך געזעגנט מיט עמעצן פון די גענעראַלן און אַראָפּגעגאַנגען פון גאַנעק. איינער פון די קוריערן האָט צוגעהאַלטן דאָס פערד און געהאָלפן דעם גענעראַלישן פוס געפינען דאָס רייט־אייזן. פּאַכענדיק מיטן געוויינטלעכן קאָזאַקישן ראַפּניק, האָט פּאָפּאָוו אַ לאָז געטאָן דאָס פערד אין שנעלן גאַנג, אים זענען נאָכגעריטן, זיך אונטערהייבנדיק אויף די רייט־אייזנס און עטוואָס זיך אויסבייגנדיק פאָרויס, די קוריערן־קאָזאַקן סידאָרין און די אָפיצירן.

אין דער מעשעטינער סטאַניצע, וואוהין די פרייוויליקע אַרמיי איז אָנגעקומען נאָך צוויי מאַרשן, האָט קאָרנילאָוו באַקומען צוגאָב־ידיעות וועגן ראַיאָן פון די ווינטער־שטאַלן. די ידיעות זענען געווען פון נעגאַטיוון כאַראַקטער. צונויפרופנדיק די קאָמאַנדירן פון די אָפּטיילונגען, האָט קאָרנילאָוו זיי געמאָלדן וועגן אָנגענומענעם באַשלוס צו גיין קיין קובאַן.

צו פּאָפּאָוון איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַן אָרדינאַנס מיט אַ צווייטן פאָרשלאָג זיך צו פאַרייניקן. דער אָרדינאַנס־אָפיציר האָט דעריאָגט די אַרמיי ביים ראַיאָן פון סטאַראָ־איוואַנאָווסק.

ער ענטפער, וועלכן ער האָט געבראַכט פון פּאָפּאָוון, איז געווען דער זעלבער: פּאָפּאָוו האָט העפלעך און קאַלט זיך אָפּגעזאָגט אָנ־צונעמען דעם פאָרשלאַג, געשריבן, אַז זיין באַשלוס קאָן נישט געענ־דערט ווערן און אַז ער בלייבט דערווייל אינעם סאַלסקער קרייז.

סוף פון זיבעטן בוך

דער שטילער דאָן

מיכאיל שאָלאָכאָוו

דער שטילער דאָן

ראָמאַן

פֿון רוסיש: שלמה שײַנבערג

ייִדישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק

וואַרשע 1936

מיכאיל שאלאכאוו

דער שטילער דאָן

דאָס אכטע בוך

פון רוסיש: שלמה שײַנבערג

ייִדישע אוניווערסאַל־ביבליאָטעק
וואַרשע 1936

Druk. „Grafia“, W.-wa, Nowolipki 7, tel. 11.87-52

XIX

מיט גאָלובאָװס אָפּטײלונג, װאָס האָט זיך אָװעקגעלאָזט מיט אַן אומװעג, כּדי צו פאַרנעמען נאָװאָטשערקאַסק, איז אויך אַרויסגעפאָרן בונטשוק. דעם צענטן פעברואַר האָבן זײ זיך אַרויסגעקליבן פון שאַכטנאָיע, דורכגעגאַנגען די ראַזדאָרער סטאַניצע, מיט דער נאַכט צוגלײך שוין געװען אין דער מעליעכאָװער. צומאָרגנס פאַרטאָג זענען זײ אַרויסגעגאַנגען פון דער סטאַניצע.

גאָלובאָװ האָט געפירט די אָפּטײלונג אין שנעלן מאַרש. פאָרויס האָט זיך געזען זײן יאָדערדיקע פיגור; דער ראַפּניק איז אומגעדולדיק געפאַלן אויפן פערדישן קרופּ. בײנאַכט זענען זײ דורכגעגאַנגען די בעסערגעניעװער, געלאָזט אַ ביסל אָפּרוען די פערד, און די רײטער האָבן זיך װידער גענומען װיגן אין דער גרויער נאַכט אָן שטערן, און די דין-פאַרפרוירענע קאַלוזשעס אויפן פעלד-װעג האָבן זיך געבראָכן אונטער די פערדישע פּאָדקאָװעס.

לעבן דער קריװיאַנער סטאַניצע האָבן זײ זיך אָראָפּגעשלאָגן פון װעג, נאָר באַלד װידער אָנגעטראָפן אויף אים. עס האָט נאָר-װאָס אָנגעהויבן טאָגן, װען זײ זענען אָנגעקומען אין דער סטאַניצע. די גאַסן זענען נאָך געװען פּוסט. לעבן ברונעם האָט אַן אַלטער קאָזאַק אויסגעהאַקט דאָס אײז פון דער קאָריטע. גאָלובאָװ איז צוגעריטן צו אים, די אָפּטײלונג האָט זיך פאַרהאַלטן.

— גוט מאָרגן, אַלטער.

דער קאָזאַק האָט פּאַמעלעך אויפגעהויבן די האַנט אין דער װאָלענער הענטשקע צו דער פּאַפּאַכע, געענטפערט נישט גערן:

— גוט מאָרגן.

— וואָס־זשע, זיידעשי, די קאָזאַקן פון אייער סטאַניצע זע־נען אוועקגעגאַנגען קיין נאָוואָטשערקאַסק? עס איז געווען אַ מאָביליזאַציע ביי אייך?

דער אַלטער האָט איליק אויפגעהויבן די האַק, אַוועקגע־גאַנגען אין טויער אַריין אָן אַן ענטפער.

— ריר! — האָט גאָלובאָוו אויסגעשריגן, אַוועקרייטנדיק מיט אַ זידל־וואָרט.

דעם טאָג האָט דער קליינער מיליטערישער קרייז זיך גע־קליבן צו עוואַקויִרן אין דער קאָנסטאַנטינאָווער סטאַניצע. דער נייער מיליטערישער אַטאַמאַן פון די דאָנער חיילות, גענעראַל פּאָפּאָוו, האָט שוין אַרויסגעפירט פון דער רעזידענץ די מיליטערי־שע כוחות, איבערגעפירט דאָס מיליטערישע פאַרמעגן. אינדער־פרי זענען דערהאַלטן געוואָרן ידיעות, אַז גאָלובאָוו גייט פון דער מעליכאָווער אין דער ריכטונג פון דער בעסערגעניעווער. דער קרייז האָט געשיקט דעם עסאַול סיוואָלאָבאָוו אונטערהאַנדלען מיט גאָלובאָוון וועגן די באַדינגונגען פון איבערגעבן נאָוואָטשערקאַסק. באַלד נאָך אים, נישט אָנטרעפנדיק אויף קיין שום ווידערשטאַנד, האָט קיין נאָוואָטשערקאַסק זיך אַריינגעריסן גאָלובאָווס קאַוואַלע־ריע. ער אַליין איז אויפן פאַרשוויצטן, מיט שוים־באַדעקטן פערד, אין דער באַגלייטונג פון אַ געדיכטער גרופּע קאָזאַקן אין גאַלאָפּ צוגעריטן צום בנין, וואו עס האָט זיך געפונען דער קרייז. פאַרן פּראָנט זענען אין געזעמל געשטאַנען עטלעכע לײדיקגייערס, אַ קוריער האָט מיט אַ געזאָטלט פערד געוואַרט אויף נאַזאַראָוון.

בונטשוק איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד, אַ כאַפּ געטון אַ מאַשין־ביקס. ער איז אינאיינעם מיט גאָלובאָוון און מיט דער גרו־פּע איבעריקע קאָזאַקן אַריינגעלאָפן אין בנין פון קרייז. אויפן ליאַרם פון דער אויפגעפּראַלטער טיר האָבן אין רחבותדיקן זאַל זיך אויסגעדרייט די קעפּ פון די דעלעגאַטן, ווייס אַ שימער געטון זייערע פּנימער.

— אויף־שטיי־יין! — האָט גאָלובאָוו אָנגעשטרענגט, ווי אויף

אַ רעווי, אַ קאָמאַנדעווע געטון און, אַרומגערינגלט פון די קאָ-זאַקן, שטרויכלענדיק זיך פון איילעניש, צוגעגאַנגען צום טיש פון פּרעזידיום.

די מיטגלידער פון קרייז, צערוקנדיק די שטולן, זענען אויפגעשטאַנען אויפן באַפעל פון שטרענגן אויסרוף. בלויז נאַזאַ-ראָוו אַליין איז געבליבן זיצן.

— ווי אַזוי וואַגט איר איבערצורייסן די זיצונג פון קרייז? — האָט זיין בייז קול אַ קלונג געטון.

— איר זענט אַרעסטירט! שווייגן! — גאָלובאָוו איז, רויט ווערנדיק, צוגעלאָפן צו נאַזאַראָוון, אַ ריס געטון אַ שליפע פון זיין גענעראַלישן מונדיר און הייזעריק אויסגעשריגן: — אויפ-שטיין, זאָגט מען דיר! נעם אים!... דו!... צו וועמען רעד איך!? גאָלדענע שליפעס האָבן זיך דיר פאַרגלוסט!...

בונטשוק האָט אָוועקגעשטעלט ביי דער טיר די מאַשין-ביקס. די מיטגלידער פון קרייז האָבן זיך צונויפגעטוליעט ווי אַ שעפסן-סטאַדע. פאַר בונטשוקן האָבן די קאָזאַקן דורכגעפירט נאַ-זאַראָוון, דעם פאָרזיצער פון קרייז נאָוואָשינאָוון, וועלכער איז גרין געוואָרן פאַר שרעק, און נאָך עטלעכע מאַן.

קלאַפּנדיק מיט דער שווערד, איז זיי נאָכגעגאַנגען גאָלו-באָוו מיט רויטע פלעקן אויפן טונקל-גרויען פנים. עפּעס אַ מיט-גליד פון קרייז האָט אים אָנגעכאַפּט ביים אַרבל.

— הער פּולקאָווניק, אייער גנעדיקייט, וואָס זאָלן מיר טון?

— מיר זענען פריי? — האָט פון אונטער זיין אַקסל זיך אַרויסגערוקט אַ גליטשיק פּלינק קעפּל פון אַ צווייטן.

— גייט צום טייוול! — האָט גאָלובאָוו אַ געשריי געטון, זיך אָפּיאָגנדיק, און ווען ער איז שוין געווען לעבן בונטשוקן, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו די מיטגלידער פון קרייז און אַ טופּע געטון מיטן פוס: — אין אייער... איך גיי מיך נישט אָן! נו!...

זיין הייזעריק, פאַרקילט קול האָט פילפאַכיק אָפּגעקלונגען איבערן זאַל.

בונטשוק האָט איבערגענעכטיקט ביי דער מוטער, און צו־מאָרגנס, ווי נאָר ס'איז אין נאָוואָטשערקאַסק באַקאַנט געוואָרן, אַז ראָסטאָוו איז גענומען דורך סיווערסן, האָט ער זיך אָפּגעבעטן ביי גאָלובאָוון און אינדערפרי אַהין אַרויסגעריטן.

צוויי טעג האָט ער געאַרבעט אין שטאַב ביי סיווערסן, וועל־כער האָט אים געקענט נאָך פון יענער צייט, ווען ער איז געווען רעדאַקטאָר פון „אמת אין די אָקאָפּעס", — זיך נאָכגעפרעגט אין רעווקאָם — נישט אַבראַמסאָן, נישט אַננע זענען דאָרט נישט גע־ווען. ביים שטאַב פון סיווערסן האָט זיך אָרגאַניזירט אַ רעוואָלו־ציאָנערער טריבונאַל, וואָס האָט האַרב געמשפּט און זיך אָפּגע־רעכנט מיט די פאַרכאַפּטע וויסגוואַרדייער. בונטשוק האָט אָפּגע־אַרבעט אַ טאָג אין געריכט, זיך באַטייליקט אין די אַבלאַוועס, און צומאָרגנס, שוין נישט האָפנדיק, אַריינגעלאָפן אין רעווקאָם און גלייך אויף די טרעפּ דערהערט אַננעס באַקאַנט קול. דאָס בלוט האָט אים פאַרגאָסן דאָס האַרץ, ווען ער איז מיט פאַמעלעכע טריט אַריינגעגאַנגען אין צווייטן צימער, פונוואַנען עס האָבן זיך גע־הערט פרעמדע שטימען און אַננעס געלעכטער.

אין צימער, וואו עס האָט זיך געפונען די קאָמענדאַנטור, האָט זיך אַרומגעטראָגן אַ רויך פון טיטון. אין אַ ווינקל ביי אַ נישט גרויס פּרויען־טישל האָט עפּעס געשריבן אַ מענטש אין אַ שינעל אָן קנעפּלעך, מיט אַראָפּגעלאָזטע לאַפּן פון דער זעלנערישער פּאַפּאַ־קע; אַרום אים האָבן זיך געשטופּט סאָלדאַטן און ציווילע אין פּעלצלעך און פּאַלטנס. זיי האָבן זיך צעטיילט אויף גרופּקעס, גע־רייכערט, געשמועסט. ביים פענסטער מיטן רוקן צו דער טיר איז געשטאַנען אַננאַ, אויפן פענסטער־פּאַראַפּעט, מיט פאַרפלאָכטענע פינגער זיך אונטערהאַלטנדיק די קני פון פאַרבויגענעם פיס, איז געזעסן אַבראַמסאָן, לעבן אים, זייטיק אָנגעדרייט דעם קאָפּ, איז געשטאַנען אַ הויכער רויטגוואַרדייער מיט אַ פּנים פון אַ לאַטיש. ער האָט אַראָפּגעשאַרט דאָס אַש פון פּאַפּיראָס מיטן קליינעם

פינגער און עפּעס דערציילט, אַפּנים — קאָמישס: זיך אויסבייגנ־דיק אַהינטער, האָט זאַפּטיק געלאַכט אַננאַ. ווי די קאָרע פון אַן אַרבוז האָט פון שמייכלען זיך געקנייטשט אַבראַמסאָנס פּנים, די נאָענטע האָבן זיך איינגעהערט, געשמייכלט, און אויפן היפּשן פּנים פון רויט־אַרמייער, אין יעדן, ווי מיט אַ האַק אויסגעהאַקטן שטריך, האָט געלויכטן קלוגשאַפט, פּיפּיקייט און אַ ביסל רשעות.

בונטשוק האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף אַננעס אַקסל.

— וואָס מאַכסטו, אַניאַ!

זי האָט זיך אומגעקוקט. אַ רויטקייט האָט פאַרגאָסן איר פּנים, פאַרכאַפּט דעם האַלז ביז די אַקסל־ביינער, אַרויסגעדריקט טרערן פון די אויגן.

— פונוואַנען קומסטו אַהער? אַבראַמסאָן, זע נאָר! אָט איז ער — ווי אַ ניי צוואַנציקערל*, און דו האָסט דיך געזאָרגט וועגן אים, — האָט זי אָנגעהויבן רעדן, נישט אויפהייבנדיק די אויגן, — זי איז נישט בכוח געווען צו באַהערשן די אויפרעגונג און אָוועקגעגאַנגען צו דער טיר.

בונטשוק האָט אַ דריק געטון אַבראַמסאָנס הייסע האַנט, זיך דורכגעוואָרפן מיט אים מיט עטלעכע פראַזן און, פילנדיק אויף זיין פּנים אַ נאַרישן און אומגעהייער גליקלעכן שמייכל, האָט ער נישט געענטפערט אויף עפּעס אַבראַמסאָנס אַ פראַגע (ער האָט אפילו נישט פאַרשטאַנען דעם זין פון דער פראַגע) און צוגעגאַנ־גען צו אַננען. זי האָט זיך באַהערשט און אים אויפגענומען מיט אַ ביסל אַ בייזן שמייכל פאַר איר פאַרלעגנהייט.

— נו, נאָכאַמאָל — וואָס מאַכסטו? ווי פילסטו דיך? ביסט געזונט? ווען ביסטו געקומען? פון נאָוואָטשערקאַסק? דו ביסט געווען אין גאָלובאָווס אָפּטיילונג? אָט וואָס... נו, וואָס־זשע?

בונטשוק האָט געענטפערט אויף די פראַגן, נישט אַראָפּ־

---

* אַ רוסישע מטבע אין די פאַרמלחמהדיקע צייטן.

לאָזנדיק פון איר זיין אומגעבראָכענעם, שווערוואָגיקן בליק. איר בליק, מיט וועלכן זי האָט אים געענטפערט, האָט זיך פארלוירן און געבלאָנזשעט אין אַ זייט.

— לאָמיר אויף אַ מינוט אַרויסגיין אויף דער גאַס, — האָט אַננאַ פאָרגעלייגט.

אַבראַמסאָן האָט זיי נאָכגעשריגן:

— איר וועט באַלד אַריינקומען? איך האָב צו דיר, חבר בונטשוק, אַן ענין. מיר האָבן בדעה דיך אויסצונוצן אויף אַ געוויסער אַרבעט.

— איך וועל קומען אין אַ שעה אַרום.

אויף דער גאַס האָט אַננאַ פשוט און ווייך אַ קוק געטון בונטשוקן אין די אויגן אַריין און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— איליאַ, איליאַ, ווי מיאוס איך האָב מיך פאַרלוירן... ווי אַ מיידעלע! דאָס דערקלערט זיך, ערשטנס, דורך דער אומגעריכטקייט, צווייטנס, דורך דער אומקלאָרקייט פון אונזער לאַגע. אייגנטלעך, וואָס זענען מיר ביידע? אידילישע „חתן־כּלה"? ווייסט, אין לוגאַנסק האָט מיך עפּעס איינמאָל אַבראַמסאָן אַ פרעג געטון: „דו לעבסט מיט בונטשוקן?" איך האָב אָפּגעווענדט, אָבער ער האָט אַ גאַנץ שאַרף אויג און נישט געקאָנט נישט זען דאָס, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַריין. ער האָט גאָרנישט געזאָגט, אָבער לויט זיינע אויגן האָב איך געזען, אַז ער גלייבט נישט.

— דערציילזשע וועגן דיר — וואָס האָט איר אויפגעטון און ווי אַזוי פילסטו דיך?

— אָ, מיר האָבן דאָרט דעם ענין אַ רוק געטון פאָרויס! מיר האָבן צונויפגעשטעלט אַ גאַנצע אָפּטיילונג פון צווייהונדערט און עלף באַגנעטן. געפירט אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע און פּאָליטישע אַרבעט... צי קאָן מען דאָס אַלץ אַזוי דערציילן אין צוויי ווערטער? איך געפין מיך נאָך אַלץ אונטערן איינדרוק פון דיין פלוצ־

לינגדיקן קומען. וואו ביסטו... וואו נעכטיקסטו? — האָט זי גע־פרעגט, איבערייסנדיק זיין רעדן.

— דאָ... ביי אַ חבר.

בונטשוק האָט זיך פאַרהאַקט, זאָגנדיק אַ ליגנט: ער האָט די נעכט פאַרברענגט אין לאָקאַל פון סיוועריסעס שטאַב.

— דו וועסט נאָך היינט זיך אַריבערציען צו אונז. געדענקסט, וואו איך וואוין? דו האָסט מיך אַמאָל באַגלייט.

— איך וועל געפינען... אָבער... צי וועל איך נישט פאַר־שאַפן קיין אומאַנגענעמלעכקייטן דיין פאַמיליע?

— הער אויף, דו וועסט קיינעם נישט פאַרשאַפן קיין אומ־אַנגענעמלעכקייטן, און בכלל — רעד נישט וועגן דעם.

איינאָוונט האָט בונטשוק פאַרנומען זיינע זאַכן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער גרויסער זעלבערישער טאָרבע, און אַוועקגע־געגאַנגען אין יענעם זייטיקן געסל אַריין, וואו אַננאַ האָט גע־וואוינט. אויף דער שוועל פון אַ קליינער געמויערטער אָפיצינע האָט אים באַגעגנט אַ זקנה. איר פנים האָט קלאָר דערמאַנט אַננען: דער זעלבער בלוילעך־שוואַרצער גלאַנץ פון די אויגן, די זעלבע עטוואָס־געבויגענע נאָז, בלויז די הויט איז געווען גע־קנייטשט, געהאַט אַן ערדיקע קאָליר און דאָס איינגעפאַלענע מויל האָט געשראָקן מיט אַלטקייט.

— איר — זענט בונטשוק? — האָט זי געפרעגט.

— יאָ.

— ביטע, קומט אַריין. די טאָכטער האָט מיר געזאָגט וועגן אייך.

זי האָט אַריינגעפירט בונטשוקן אין אַ קליין צימערל, אָנ־געוויזן וואו צו לייגן די זאַכן, מיט אַ רעוומאַטיש־פאַרבויגענעם פינגער אַ פיר געטון אַרום זיך.

— דאָ וועט איר שוין וואוינען. דאָסדאָזיקע בעטל איז פאַר אייער געגנעדיקייט.

זי האָט גערעדט מיט אַ דייטלעכן יידישן אַקצענט. חוץ

איר איז אין שטוב נאָך געווען אַ קליין מיידעלע, אַ שוואַכינקע און מיט אויך אַזעלכע טיפע אויגן, ווי ביי אַננען.

אין אַ ווײַלע אַרום איז געקומען אַננאַ. זי האָט אַריינגע־ברענגט מיט זיך געררויש און הייטערקייט.

— ביי אונז איז קיינער נישט געווען? בונטשוק איז נישט געקומען?

די מוטער האָט איר עפּעס געענטפערט אויף יידיש, און אַננאַ איז מיט אַן ענערגישן פלינקן טריט צוגעגאַנגען צו דער טיר.

— מען קאָן?

— יאָ, יאָ.

בונטשוק האָט זיך אויפגעהויבן פון דער שטול און איר אַקעגנגעגאַנגען.

— נו, ווי פילסטו דיך, האָסט דיך איינגעאָרדנט?

זי האָט מיט אַ צופרידענעם, לאַכנדיקן בליק אים באַטראַכט און געפרעגט:

— דו האָסט שוין עפּעס געגעסן? קום אַריין אַהין.

זי האָט אים ביים אַרבל פון דער בלוזע אַריינגעפירט אין ערשטן צימער און געזאָגט:

— דאָס, מאַמע, איז מיין חבר, — און זי האָט אַ שמייכל געטון. — איר זאָלט אים נישט באַוועלהן.

— נו, וואָס פאַלט דיר איין, צי קאָן מען דען אַזוי?... ער איז דאָך — אונזער גאַסט.

ביינאַכט האָבן איבער ראָסטאָוו, ווי שויטן פון צייטיקער אַקאַציע, געקנאַקט שאָסן. פון צייט־צו־צייט האָט זיך אָנגערופן אַ קוילנוואַרפער, דערנאָך איז אַלץ פאַרשטומט געוואָרן. און די נאַכט, די מאַיעסטעטישע, שוואַרצע פעברואַר־נאַכט האָט ווידער אין שטילקייט איינגעהילט די גאַסן. בונטשוק און אַננאַ זענען לאַנג געזעסן אין זיין ציכטיק אויפגערוימט צימערל.

— דאָ האָב איך געוואוינט מיטן שוועסטערל, — האָט אַננאַ געזאָגט. — זעסט, ווי באַשיידן עס איז ביי אונז — ווי ביי מאָנאַ־כינס. נישט קיין ביליקע בילדער, גאָרנישט פון דעם, וואָס וואָלט געקאָנט דערמאַנען, אַז איך בין געווען אַ גימנאַזיסטקע.

— פון וואָס האָט איר געלעבט ? — האָט בונטשוק שמועסנ־דיק געפרעגט.

און אַננאַ האָט נישט אָן אינערלעכן שטאָלץ געענטפערט

— איך האָב געאַרבעט אין דער אַסמאָלאָווער פאַבריק און געגעבן לעקציעס.

— און אַצינד ?

— די מאַמע נייט. זיי ביידע דאַרפן ווייניק.

בונטשוק האָט דערציילט די פּרטים פון דעם, ווי אַזוי עס איז גענומען געוואָרן נאָוואָטשערקאַסק, פון די קאַמפן הינטער זוויערעוו און קאַמיענסקאָיע. אַננאַ האָט זיך געטיילט מיט די איינ־דרוקן וועגן דער אַרבעט אין לוגאַנסק און טאַגאַנראָג.

עלף אַ זייגער, ווי נאָר די מוטער האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט ביי זיך, איז אַננאַ אַרויסגעגאַנגען.

XX

אין מערץ איז בונטשוק געשיקט געוואָרן אויף אַרבעט אין רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל אַריין ביים דאָנער רעווקאָם. דער פאָר־זיצער, אַ הויכער, מיט מאַטע אויגן, אַן אויסגעשעפּטער פון אַר־בעט און שלאָפלאָזע נעכט, האָט אים צוגעפירט צום פענסטער פון זיין צימער און געזאָגט, זיך גלעטנדיק דעם האַנט־זייגער (ער האָט זיך געאיילט אויף אַ זיצונג) :

— פון וועלכן יאָר אין דער פּאַרטיי ? אַהאַ, אויסגע־

צייכנט. וועסטו זיין ביי אונז קאָמענדאַנט. די פֿאַרגאַנגענע נאַכט האָבן מיר אַוועקגעשיקט אין „דוכאָנינס שטאַב אַריין" אונזער קאָ־מענדאַנט... פֿאַר כאַבאַר. ער איז געווען אַ פֿאָרמעלער סאַדיסט, אַ מנוול, אַן אויסוואורף, — אַזעלכע דאַרפֿן מיר נישט. די אַרבעט איז אַ שמוציקע, אָבער מען מוז אויך אין איר אָפּהיטן דאָס פֿולע באַוואוסטזיין פֿון דער אייגענער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דער פּאַרטיי, און דו פֿאַרשטיי מיך נאָר, ווי אַזוי מען באַדאַרף... — האָט ער אַקצענטירט דידאַזיקע פֿראַזע: — די מענטשלעכקייט אָפּ־היטן. מיר ברענגען פֿיזיש אום אויס נויטווענדיקייט די קאָנטר־רע־וואָלוציאָנערן, אָבער מאַכן פֿון דעם אַ צירק טאָר מען נישט. דו פֿאַרשטייסט מיך? נו, איז גוט. גיי, נעם איבער דיין אַרבעט.

די זעלבע נאַכט האָט בונטשוק מיט אַ קאָמאַנדע רויטאַר־מייער פֿון זעכציק מאַן דערשאָסן הינטער דער שטאָט אויף דער דריטער וויאָרסט פֿינף פֿאַראורטיילטע צום דערשיסן. צוויי פֿון זיי זענען געווען קאָזאַקן פֿון דער גנילאָווער סטאַניצע, די איבעריקע — אייגנוואוינער פֿון ראָסטאָוו.

יעדע האַלבע נאַכט האָט מען אַרויסגעפֿירט הינטער דער שטאָט אויף אַ לאַסט־אויטאָ פֿאַראורטיילטע, איילִיק געגראָבן פֿאַר זיי קברים, דערביי האָבן אין דער אַרבעט זיך באַטייליקט אויך די פֿאַראורטיילטע און אַ טייל פֿון די רויטגוואַרדייער. בונטשוק האָט קאָמאַנדעוועט מיט די רויטגוואַרדייער, אַרויסגעזאָגט די טויבע, ווי טשוהון־געגאָסענע ווערטער:

— אין די שונאים פֿון דער רעוואָלוציע... — און אויפֿגעהויבן דעם רעוואָלווער, — שיס!...

אין משך פֿון אַ וואָך איז ער אויסגעדאַרט און שוואַרץ גע־וואָרן, ווי זיין פּנים וואָלט זיך באַדעקט מיט ערד. די אויגן האָבן געבלישטשעט פֿון די לעכער אַרויס, די נערוועז־ציטערדיקע הייטלעך האָבן נישט פֿאַרשטעלט זייער גיריק־פּיינלעכן גלאַנץ. אַננאַ האָט אים געזען נאָר אין די נעכט. זי האָט געאַרבעט אין רעווקאָם, פֿלעגט אַהיימקומען שפּעט, אָבער שטענדיק געוואַרט,

ביז ער האָט דורך אַ קלאַפּ אין פענסטער מודיע געווען וועגן זיין קומען.

איינמאָל האָט בונטשוק זיך אומגעקערט, ווי תמיד, נאָך האַלבער נאַכט. אַננאַ האָט אים געעפנט די טיר, געפרעגט:

— ווּעסט עסן נאַכטעסן?

בונטשוק האָט נישט געענטפערט: שיכּור זיך וואַקלענדיק, איז ער דורכגעגאַנגען אין זיין צימער אַריין, און אַזוי אין אַלעם — אין שינעל, אין די שטיוול און אין היטל זיך אַ וואָרף געטון אויפן בעט. אַננאַ איז צוגעגאַנגען צו אים, אַריינגעקוקט אין זיין פּנים. זיינע אויגן זענען געווען קלעפּיק פאַרזשמורעט, די אויסגעשטירעטע פעסטע ציין האָבן געגלאַנצט מיט שפּייעכץ, די שיטערע, פון טיפוס אויסגעקראָכענע האָר זענען געלעגן אויפן שטערן, ווי נאַסע פעדים.

זי האָט זיך אָוועקגעזעצט לעבן אים. רחמנות און ווייטיק האָבן צעריסן איר האַרץ. זי האָט אים געפרעגט שעפּטשענדיק:

— דיר איז שווער, איליאַ?

ער האָט צונויפגעדריקט איר האַנט, גענומען קריצן מיט די ציין, זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט. אַזוי איז ער איינגע־שלאָפן, נישט זאָגנדיק קיין וואָרט און אין שלאָף עפּעס שטיל און יעמערלעך געמירמלט, זיך באַמיט אויפצושפּרינגען. זי האָט דאָס מיט שרעק באַמערקט און אויפגעציטערט פון אומפאַרשטענדלע־כער אימה: ער איז געשלאָפן מיט האַלב־פאַרמאַכטע, פאַרגלייזטע אויגן, פון הינטער די הייטלעך האָט שאַרף אַפערגעגלאַנצט די געלקייט פון די בולטע ווייסלען.

— גיי אָוועק פון דאָרט! — האָט זי אינדערפרי אים גע־בעטן. — גיי בעסער אויפן פראָנט! דו ביסט גאָרנישט דער איי־גענער, איליאַ! דו ווּעסט אומקומען ביי דער אַרבעט.

— שווייג!... — האָט ער אויסגעשריגן, בלינצלענדיק מיט די פון צאָרן בלייך־געוואָרענע אויגן.

— שריי נישט. איך האָב דיך באַליידיקט?

בונטשוק איז עפּעס מיטאַמאָל פאַרלאָשן געוואָרן, ווי ער וואָלט מיטן אויסגעשריי אַרויסגעפּליעסקעט פון האַרץ דעם גאַנצן צאָרן, וואָס האָט זיך דאָרט אָנגעקליבן. מיד באַטראַכטנדיק זײַנע הענט, האָט ער געזאָגט:

— דאָס אויסראָטן מענטשלעכע נידערטרעכטיקייט — איז אַ שמוציקע אַרבעט. דערשיסן, פאַרשטייסטו מיך, איז שעדלעך פאַרן געזונט און דער נשמה... זעסטו... — ער האָט דאָס ערשטע מאָל אין אַנבעס קעגנוואַרט זיך אויסגעדרוקט מיט מיאוסע זידלווערטער. — אויף שמוציקער אַרבעט גייען שוטים אָדער חיות, אָדער פאַנאַטיקער. אַלע גלוסט זיך שפּאַצירן אין אַ בליענדיקן גאָרטן, אָבער דער טײַוול זאָל זיי נעמען! איידער מען גייט פאַרפלאַנצן בלומען און ביימלעך, מוז מען דאָך פריער דאָס מיסט אָפּרוימען! גוטע ערד אָנפירן! די הענט אויסשמירן! — האָט ער גענומען העכער רעדן, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס אַנגאַ האָט שווייגנדיק זיך אָוועקגעדרייט... דאָס געמיינע מוז מען אויסראָטן, און מיט דעם מיאוסט מען זיך... — האָט בונטשוק שוין געשריגן, זעצנדיק מיט דער פויסט איבערן טיש, אָפּט מרוגענדיק מיט די בלוט־פאַרלאָפענע אויגן.

אין צימער האָט אַרײַנגעקוקט אַנגאַס מוטער, און קומענדיק צו זיך, האָט ער אָנגעהויבן רעדן שטילער:

— איך וועל נישט אָוועקגיין פון דער אַרבעט! דאָ זע איך, דאָ פיל איך בחוש, אַז איך ברענג נוצן! איך רוים אָפּ די אומריינקייט, בעסער אויס דעם באָדן, ער זאָל זיין פעטער! פרוכטבאַרער! מיט אַ צייט שפּעטער וועלן אויף אים טרעטן גליקלעכע מענטשן... אפשר אַ זון מײַנער, וועלכן איך האָב נישט... — ער האָט זיך צעלאַכט, סקריפּענדיק און אומהיימלעך. — וויפיל איך האָב זיי דערשאָסן, די שלאַנגען... די קלעשטשעס... אַ קלעשטש — דאָס איז אַזאַ אינזעקט, וואָס עסט זיך איין אין קערפּער... אפשר אַ צענטליק האָב איך מיט דידאָזיקע הענט דערהרגעט... — בונטשוק האָט אויסגעשטרעקט פאָרויס די צונויפגעדריקטע, שוואַרץ־

האָריקע, ווי ביי אַ שפּאַרבער באַנאַגלטע הענט. אַראָפּלאָזנדיק זיי אויף די קניען, האָט ער שעפּטשענדיק געזאָגט: — און בכלל — כאַפּט עס דער טייוול! ברענען אַזוי, אַז פונקען זאָלן פליען, און נישט סתם רויכערן... נאָר איך בין טאַקע שוין מיד... נאָך אַ ביסל, און איך וועל אַוועקגיין אויפן פראָנט... דו ביסט גערעכט...

אַננאַ, וואָס האָט אים שווייגנדיק אויסגעהערט, האָט שטיל געזאָגט:

— גיי אַוועק אויפן פראָנט, אָדער צו אַן אַנדערער אַרבעט... גיי אַוועק, איליאַ, וואָרים אַנדערש וועסטו... אַראָפּ פון זינען.

בונטשוק האָט זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן, אַ פויק געטון איבערן פענסטער.

— ניין, איך בין שטאַרק... דו מיינסט נישט, אַז ס׳זענען דאָ מענטשן פון אייזן. מיר אַלע זענען פון איין מאַטעריאַל געגאָסן. אין לעבן זענען נישט פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס האָבן נישט קיין מורא אין מלחמה, און אַזעלכע, וואָס אומברענגענדיק מענטשן, זאָלן זיי נישט... נישט זיין אינערלעך מאָראַליש צעריסן. אָבער נישט וועגן יענע מיט די שליפעס טוט ווי דאָס האַרץ... יענע — זענען באַוואוסטזיניקע מענטשן, ווי איך און דו. נאָר אָט איז מיר נעכטן אינאָוונט אויסגעקומען צווישן ניין צו דערשיסן דריי קאָזאַקן... אַרבעטער... איינעם האָב איך אָנגעהויבן אויפצובינדן... בונטשוקס קול איז געוואָרן טויבער, שטילער, ווי ער וואָלט ערגעץ אַוועקגעגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער: — איך האָב אָנגערירט זיין האַנט, און זי איז האַרט געווען, ווי אַ פּאַדעשווע... איינגעבנצן באַוואַקסן מיט מאָזאָליעס... אַ דלאָניע, אַ שוואַרצע, אַ צערעפּעטע... דורכאויס וואונדן און ביילן... נו, איך וועל שוין גיין, — האָט ער שאַרף אָפּגעריסן דאָס דערציילן און אומבאַמערקט פאַר אַננען זיך אַ רייב געטון דעם האַלז, וואָס איז אים, ווי מיט אַ האָריקן שטריק, פאַרצויגן געוואָרן פון אַ האַרטער ספּאַזמע.

ער האָט אָנגעטון די שטיוול, אויסגעטרונקען אַ גלאָז מילך, אַרויסגעגאַנגען. אין קאָרידאָר האָט אים דעריאָגט אַנגאַ. זי האָט לאַנג געהאַלטן זיין שווערע האָריקע האַנט אין אירע הענט, דערנאָך זי צוגעדריקט צו דער פלאַמענדיקער באַק און אַרויסגעלאָפן אין הויף אַריין.

• • •

די צייט איז געלאָפן מיט קורצע טעג. עס האָט אָנגעהויבן לינדער ווערן. פון אַ ז אָ וו האָט אין דער לעפצונג פון דאָן זיך געריסן דער פרילינג. סוף מערץ האָבן קיין ראָסטאָוו אָנגעהויבן אָנקומען די אוקראַינישע רויטגוואַרדייאישע אָפּטיילונגען, וואָס זענען אָפּגעשטויסן געוואָרן דורך די היידאַמאַקעס און דייטשן. אין שטאָט זענען פאָרקומען מאָרדן, רויב־אָנפאַלן, אָן אַ שיעור אינקוויזיציעס. טייל פולשטענדיק דעמאָראַליזירטע אָפּטיילונגען האָט דער רעווקאָם געמוזט אַנטוואָפענען. די זאַך איז נישט דורכגעגאַנגען אָן צוזאַמענשטויסן און איבעררשיסונגען. היינטער באָוואָטשערקאַסק האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג ביי די קאָזאַקן. אין מערץ זענען אין די סטאַניצעס אָנגעקוואָלן, ווי די קנאָספן אויף די טאָפּאָל־ביימער, סתירות צווישן די קאָזאַקן און פרעמד־צוגעקומענע, דאָ און דאָרט האָבן אויסגעבראָכן בונטן, זענען אַנטדעקט געוואָרן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פאַרשווערונגען. און ראָסטאָוו האָט געלעבט מיט אַ האַסטיק, פולבלוטיק לעבן: אין די אָוונטן האָבן איבער דער גרויסער סאַדאָווער שפּאַצירט מחנות סאָלדאַטן, מאַטראָסן און אַרבעטער. זיי האָבן אָפּגעהאַלטן מיטינגען, געקנאַקט ביר־קערלעך, געשפּיגן אין די שטראָמלעך, וואָס זענען געפלאָסן לענגאויס די טראָטואַרן, געשטיפּט מיט די פרויען. מען האָט פונקט ווי פריער געאַרבעט, געגעסן, געטרונקען, געשלאָפן, געשטאָרבן, געבוירן, זיך ליב געהאַט, פיינט געהאַט, געאָטעמט מיטן געזאַלצענעם ווינטל פון ים, געלעבט, באַהערשט פון גרויסע און קליינע ליידנשאַפטן. פאַר ראָסטאָוו האָבן שנעל זיך דערנענטערט

טעג פון שווערן שטורעם. עס האָט געשמעקט מיט אויפגעטרייעטער שוואַרץ-ערד און בלוט פון נאָענטע שלאַכטן.

אין איינעם פון דידאָזיקע זוניקע מילדע טעג האָט בונטשוק זיך אומגעקערט אַהיים פריער ווי געוויינטלעך און זיך געוואונ-דערט, טרעפנדיק אַננען אינדערהיים.

— דו קומסט דאָך תמיד שפּעט, פאַרוואָס-זשע עפּעס היינט אַזוי פרי?

— איך בין עפּעס נישט געזונט.

זי איז אים נאָכגעגאַנגען אין זיין צימער אַריין. בונטשוק האָט זיך אויסגעטאָן, געזאָגט מיט אַ ציטערדיקן פריידיקן שמייכל:

— אַניאַ, פון היינט אָן אַרבעט איך שוין נישט מער אין טריבונאַל.

— וואָס רעדסטו? וואוהין-זשע ביסטו אַצינד באַשטימט גע-וואָרן?

— אין רעוווקאָם אַריין. איך האָב היינט גערעדט מיט קרי-וואָשליקאָוון. ער האָט מיר צוגעזאָגט מיך צו שיקן ערגעץ אין קרייז אַריין.

זיי האָבן געגעסן אָוונטברויט צוזאַמען. בונטשוק האָט זיך געלייגט שלאָפן. ער איז געווען אויפגערעגט און נישט געקאָנט לאַנג איינשלאָפן. ער האָט גערייכערט, זיך געדרייט אויפן האַרטן שעניק, פריידיק געזיפצט. ער איז מיט גרויס צופרידנקייט אַוועקגעגאַנגען פון טריבונאַל, ווייל ער האָט געפילט, אַז נאָך אַ ביסל, און ער וועט נישט אויסהאַלטן, זיך איינברעכן. ער האָט פאַרענדיקט דעם פערטן פּאַפּיראָס, ווען ער האָט דערהערט אַ לייכטן סקריפּ פון דער טיר. אונטערהייבנדיק דעם קאָפּ, האָט ער דערזען אַננען. אַ באָרוועסע, אין בלויזן העמד, האָט זי אַרי-בערגעטרעטן די שוועל, שטיל צוגעקומען צו זיין בעטל. דורך דער שפּאַרע אין לאָדן איז אויפן נאַקעטן אָוואַל פון איר אַקסל געפאַלן די מאַטע גרינע שיין פון דער לבנה. זי האָט זיך אָנגע-

בויגן, אַרויסגעלייגט אַ וואַרעמע האַנט אויף בונטשוקס ליפּן.

— רוק דיך. שווייג...

זי האָט זיך געלייגט לעבן אים, אומגעדולדיק אַוועקגעמאַכט פון שטערן דעם שווערן לאָק האָר, ווי אַ הענגל ווייַנטרויבן, אַ גלאַנץ געטון מיטן בלוילעכן פּייערל, וואָס האָט זיך געגעפּלט אין די אויגן, מיט אַ גראָבן אויסגעפּייניקטן טאָן אַרויסגעשעפּטשעט:

— היינט־מאָרגן קאָן איך דיך פאַרלירן... איך וויל דיך ליב האָבן מיטן גאַנצן כּוח! — און זי האָט אומהיימלעך אויפגעצי־טערט פון דער אייגענער אַנטשלאָסנקייט: — נו, שנעלער!

בונטשוק האָט זי געקושט און מיט שרעק, מיט גרויסער בושה, וואָס האָט פאַרגאָסן זיין גאַנץ באַוואוסטזיין, דערפילט, אַז ער איז אוממעכטיק.

זיין קאָפּ האָט זיך געטרייסלט, די באַקן האָבן פייַנלעך געפלאַמט. זיך באַפרייענדיק, האָט אַננאַ בייז אים אָפּגעשטויסן, מיט פאַראַכטונג און עקל געפרעגט, זיך שטיקנדיק אין איבלדיקן שעפּטשען:

— דו... ביסט אוממעכטיק? אפשר ביסטו קראַנק?... אָ־אָ־אָ, ווי עקלהאַפט דאָס איז!... לאָז מיך אָפּ!

בונטשוק האָט צונויפגעדריקט אירע פינגער אַזוי, אַז זיי האָבן שוואַך אַ קנאַק געטון, איינגעגראָבן זיין בליק אין אירע אויסגעברייטערטע, מאַט־בלישטשענדיקע פּייַנטלעכע אויגן, געפרעגט, פאַרהאַקנדיק זיך, פאַראַליטיש צוקנדיק מיטן קאָפּ:

— פאַרוואָס? פאַרוואָס פאַראורטיילסטו מיך? יאָ, איך בין אויסגעברענט געוואָרן אויף אַש!... אפילו אויף דעם בין איך אַצינד נישט פעיִק... איך בין נישט קראַנק... פאַרשטיי, פאַרשטיי! איך בין אויסגעשעפּט... אַ־אַ־אַ...

ער האָט טויב אַרויסגעקרעכצט, אויפגעשפּרונגען פון בעטל, פאַררייכערט, ער האָט לאַנג, ווי אַ צעשלאָגענער, זיך געהאָרבעט ביים פענסטער.

אַננאַ איז אויפגעשטאַנען, שווייגנדיק אים אַרומגענומען און רויִק, ווי אַ מוטער, אים אַ קוש געטון אין שטערן.

און אין אַ וואָך אַרום, באַהאַלטנדיק אונטער זיין האַנט איר רויט־אָנגעצונדן פּנים, האָט אַננאַ זיך מודה געווען:

— איך האָב געמיינט, דו האָסט דיך פריער אויסגענוצט... נישט פאַרשטאַנען, אַז די אַרבעט האָט דיך אינגאַנצן אויסגעשעפּט.

נאָך דעם האָט בונטשוק לאַנג געפילט אויף זיך נישט בלויז די צערטלעכקייט און ליידנשאַפט פון אַ געליבטער פרוי, נאָר אויך אַ וואַרעמע איבערגעקוואָלענע מוטערלעכע זאָרגעוודיקייט.

אויף דער פּראָווינץ האָט מען אים נישט געשיקט. אויף פּאָדטיאָלקאָווס פּאָדערונג איז ער געבליבן אין ראָסטאָוו. אין דער צייט האָט דער דאָנער רעווקאָם געזאָגט פון אַרבעט, זיך געגרייט צום קרייז־צוזאַמענפאָר פון די ראַטן, צום קאַמף מיט דער קאָנטר־רעוואָלוציע, וואָס האָט אויפגעלעבט אויף יענער זייט דאָן.

XXI

הינטער די ווערבעס ביים טייך האָבן אויף פאַרשידענע קולות געקוואַקעט די זשאַבעס. די זון האָט זיך געזעצט הינטערן שפּיץ בערגל. איבערן סיעטראַקאָווער כוטאָר האָט זיך אויסגעשפּרייט די פאַרנאַכטיקע קילקייט. פון די הייזער אויפן טרוקענעם וועג זענען געפאַלן גרויסע קרומע שאָטנס. דער טאַבון האָט זיך אומגעקערט, אויפהייבנדיק אַ וואָלקן שטויב אַרום זיך. די קאָזאַטשקעס זענען געגאַנגען מיטן שטעגעלע פון דער לאָנקע, זינגענדיק לידלעך און אונטערטרייבנדיק די בהמות מיט ריטלעך. אויף די געסלעך האָבן זיך געשפּילט באָרוועסע און שוין אָפּגע־

ברענטע קינדער, שפּרינגענדיק איינס איבערן אַנדערן. די אַלטע לייט זענען ערנסט געזעסן אויף די פּריזבעס.

דער כוטאָר האָט פאַרענדיקט דאָס זייען, בלויז ערגעץ־וואו האָט מען נאָך געזייעט הירזש און ביר־רויזן.

לעבן איינעם פון די לעצטע הייזער זענען געזעסן אויף אָנגעלייגטע דעמבעס קאָזאַקן. דער באַלעבאָס פון הויז, אַ גע־שטופּלטער אַרטילעריסט, האָט דערציילט וועגן עפּעס אַ גע־שעעניש פון דער דייטשישער מלחמה. זיינע מיטשמועסערס — דער אַלטער שכן מיטן איידעם, אַ יונגער, געלאָקטער קאָזאַק, — האָבן שווייגנדיק אויסגעהערט. פון גאַנעק איז אַראָפּגעקומען די באַלעבאָסטע, אַ הויכע, שיינע און — ווי זי וואָלט געשטאַמט פון אָדל — פאַרנעמע קאָזאַטשקע. די אַרבל פון דער ראָזער בלוזע, אַריינגעמאַכט אין קלייד, זענען געווען פאַרשאַרצט און האָבן אַנטבלויזט ברוינע געטאָקטע הענט. זי האָט גע־טראָגן אַ צעבער; זי איז מיט אַ שפּילעוודיקן גאַנג, ברייט און לייכט, ווי עס גייען בלויז קאָזאַטשקעס, דורכגעגאַנגען צו דער קי־שטאַל. אירע האָר, וואָס זענען אַרומגעבונדן געווען מיט אַ בלוילעך־ווייס טיכל, זענען זיך צעפאַלן (זי האָט נאָר־וואָס גע־האָט אַריינגעלייגט קיזעקלעך אין אויוון, אַנגרייטנדיק צום איינ־הייצן אויף מאָרגן), די אָנגעשטעקטע שיך אויף די באָרוועסע פיס האָבן געשליאַפּעט, ווייך צודריקנדיק די יונגע קרייטעכצער, וואָס זענען געדיכט געוועץ אָנגעוואַקסן אויפן הויף.

צום געהער פון די קאָזאַקן, וואָס זענען געזעסן אויף די־דעמבעס, האָט דערגרייכט דאָס קלינגענדיקע גערויש פון מילך־שטראָם איבער די ווענטלעך פון צעבער. די באַלעבאָסטע האָט אויסגעמאָלקן די בהמות, דורכגעגאַנגען אין דער ריכטונג פון הויז. עטוואָס אָנגעבויגן, האָט זי געטראָגן דעם פולן צעבער מילך אין דער לינקער האַנט, וואָס איז געווען אויסגעבויגן ווי אַ שוואַ־נען־האַלז.

— סיאָמאַ, דו וואָלסט געגאַנגען דאָס קאַלב אָפּזוכן! —

האָט זי מעלאַדיש אַ געשריי געטון פון די טרעפּלעך.

— און מיטיאַשקאַ וואו איז? — האָט דער באַלעבאָס זיך אָנגערופן.

— די כאָליערע ווייסט אים, אַנטלאָפן.

דער באַלעבאָס האָט זיך פאַמעלעך אויפגעהויבן און גע־לאָזט גיין צום ווינקל פון הויז. דער אַלטער מיטן איידעם האָבן זיך אויך פאַרנומען אַהיימצוגיין.

דער באַלעבאָס האָט אַ רוף געטון פון ווינקל:

— זע נאָר, דאָראָפּעי גאַווריליטש! קום נאָר אַהער!

דער אַלטער מיטן איידעם זענען צוגעגאַנגען צום קאָזאַק. ער האָט שווייגנדיק אָנגעוויזן אויפן סטעפּ. איבערן שליאַך האָט רויט זיך געקנוילט דער שטויב, הינטער אים האָבן זיך באַוועגט רייען פוסגייער, עס האָט זיך געצויגן אַ טאַבאָר, עס זענען געריטן רייטער.

— דאַכט זיך, מיליטער? — דער אַלטער האָט אין פאַר־וואונדערונג זיך פאַרזשמורעט און אויפגעהויבן די האַנט איבער די גרויע ברעמען.

— וואָס איז דאָס? ווער זענען די מענטשן? — האָט דער באַלעבאָס פאַרזאָרגט געפרעגט.

פון טויער איז אַרויסגעקומען זיין ווייב, שוין אין אַ קאָפּטנדל אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסלען. זי האָט אַ קוק געטון אויפן סטעפּ און צעטומלט אַרויסגעקרעכצט:

— וואָס פאַר אַ מענטשן זענען דאָס? יעזוס קריסטוס, אַזוי פיל זענען זיי!

— אפנים, נישט קיין גוטע מענטשן...

דער אַלטער האָט עטלעכע מאָל געביטן דעם טריט און זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון זיין הויף. צום איידעם האָט ער בייז אַ געשריי געטון:

— גיי אַהיים, האָסט נישט דאָ וואָס צו זען!

צום עק געסל זענען געלאָפן קינדער און ווייבער, גרופּעסווייז זענען געגאַנגען קאָזאַקן. אין סטעפּ, אַ וויאָרסט ווייט פון כוטאָר, האָט איבערן שליאַך זיך געצויגן אַ קאָלאָנע; דער ווינט האָט דערטראָגן צו די הייזער אַ שטיל געריש פון שטימען, אַ הירזשען פון פערד, אַ גרילצן פון רעדער.

— דאָס זענען נישט קיין קאָזאַקן... נישט אונזערע מענטשן, — האָט די קאָזאַטשקע געזאָגט דעם מאַן.

יענער האָט אַ הייב געטון מיט אַן אַקסל.

— פאַרשטייט זיך, אַז נישט קיין קאָזאַקן. דאָס זאָלן אַמאָל נישט זיין דייטשן?! ניין, רוסן... זע, רויטע שמאַטעס טראָגן זיי!... אַהאַ, איך ווייס שוין...

עס איז צוגעקומען אַ הויכער קאָזאַק, אַן אַטאַמאַניעץ. ער האָט, אַפּנים, געהאַט פיבער: געוועזן געל ווי זאַמד — ווי ער וואָלט געליטן אויף געלזוכט, און איז געווען אָנגעטון אין אַ פּעלצל מיט וואוילאָקעס. ער האָט אונטערגעהויבן די צויטיקע פּאַפּאַכע און געזאָגט:

— זעסט, וואָס פאַר אַ פאָן זיי טראָגן?... באָלשעוויקעס.

— דאָס זענען זיי טאַקע.

פון דער קאָלאָנע האָבן זיך אָפּגעטיילט עטלעכע רייטער. זיי האָבן אין גאַלאָפּ זיך אַוועקגעלאָזט צום כוטאָר. די קאָזאַקן האָבן זיך איבערגעקוקט און שווייגנדיק אָנגעהויבן פונאַנדערגיין; די מיידלעך און קינדער זענען זיך צעלאָפן. אין פינף מינוט אַרום איז דאָס געסל געוואָרן ווי אָפּגעשטאָרבן. די רייטער האָבן צוזאַמען אַריינגעגאַלאָפּירט אין געסל, — אונטערטרייבנדיק די פערד, צוגעריטן צו די דעמבעס, אויף וועלכע עס זענען מיט אַ פערטלשעה צוריק געזעסן די קאָזאַקן. דער באַלעבאָס, דער קאָזאַק, איז געשטאַנען לעבן טויער. דער פאָדערשטער פון די רייטער, לויטן אויסזען — דער עלטסטער, אויף אַ טונקל-ברוין פערד, אין אַ קובאַנקע, מיט אַ ברייטער רויטער באַנד און מיליטערישע פּאַס-

קעס איבער דער בלוזע פון האַקי־קאָליר, איז צוגעריטן צום טויער

— גוט מאָרגן, באַלעבאָס; עפן דאָס טויער.

דאָס געשטופּלטע פּנים פון אַרטילעריסט איז בלייך געוואָרן, ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל.

— ווער זענט איר?

— עפן דאָס טויער!... — האָט דער סאָלדאַט אין דער קוּבאַנקע אַ געשריי געטון.

דאָס טונקל־ברוינע פערד, וואָס האָט געשיקלט מיטן צאָרניקן אויג און געגריזשעט די מונדשטוקן אין פאַרשוימטן פּיסק, האָט אַ קלאַפּ געטון מיטן פעדערשטן פוס אָן פאַרקן. דער קאָזאַק האָט געעפנט דאָס טירל, און די רייטער זענען איינער נאָכן צווייטן אַריינגעריטן אין הויף.

דער, וואָס איז געווען אָנגעטון אין דער קובאַנקע, איז פלינק אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד און מיט קרום־געבויגענע פיס אַוועקגעגאַנגען צום גאַנעק. בשעת די איבעריקע זענען אַראָפּגעשטיגן פון די פערד, האָט ער באַוויזן זיך צו זעצן אויפן גאַנעק און אַרויסנעמען דעם פּאַפּיראָס. ער האָט פאַררייכערט און מכבד געווען דעם באַלעבאָס. יענער האָט אָפּגעזאָגט.

— רייכערסט נישט?

— אַ דאַנק.

— איר זענט דאָ נישט אַמאָל קיין אַלטגלויביקע?

— ניין, פּראַוואָסלאַווע... און איר ווער זענט? — האָט דער קאָזאַק מרה־שחורהדיק געפרעגט.

— מיר? רויטגוואַרדייער פון דער צווייטער סאָציאַליסטישער אַרמיי.

די איבעריקע, אַראָפּשטייגנדיק, האָבן צוגעפירט די פערד ביי די לייצן צום גאַנעק און זיי צוגעבונדן צו די פּאַרענטשן. איינער — אַ שלומפּער, מיט אַן אַראָפּגעפאַלענעם טשוב, ווי אַ

פערדישע גריװע איבערן שטערן, זיך פאַרטשעפּענדיק מיט די פּיס אָן דער שװערד, איז אַװעקגעגאַנגען צו דער שעפּסן-שטאַל. ער האָט באַלעבאַטישמעסיק געעפנט דאָס טירל, זיך אָנבייגנדיק אַריין אינעװייניק און אַרויסגעפירט פון דאָרט ביי די הערנער אַ גרויסן שאָפּבאָק, אַ װאַלוך*, מיט אַ שװערן װיינדל.

— פּיעטרישענקאָ, קום העלפן! — האָט ער געשריי געטון מיט אַ שאַרפן פאַלצעט.

צו אים האָט זיך איילים געלאָזט לויפן אַ סאָלדאַטל אין אַ קורצן עסטרייכישן שינעל. דער באַלעבאָס, דער קאָזאַק, האָט זיך געגלעט איבער דער באָרד, זיך אומגעקוקט, װי דער הויף װאָלט געװען נישט זיינער. ער האָט גאָרנישט געזאָגט און בלויז דעמאָלט אַ ברום געטון און אַרויפגעגאַנגען אויפן גאַנעק, װען דער װאַלוך האָט מיט אַן איבערגעשניטענעם האַלז פון אַ שװערד געבומען רו-דערן מיט די דינע פיסלעך.

דעם באַלעבאָס זענען נאָכגעגאַנגען אין הויז אַריין דער סאָלדאַט אין דער קובאַנקע און נאָך צװיי: איינער — אַ כינע-זער, דער צװייטער — אַ רוס, אַן ענלעכער צו אַ קאַמטשאַדאַל**.

— דו האָב נישט פאַריבל, באַלעבאָס! — האָט דער קובאַ-נער איראָניזירנדיק אויסגעשריגן, אַריבערטרעטנדיק די שװעל. — מיר װעלן גוט באַצאָלן!

ער האָט זיך אַ פּאַטש געטון איבער דער הויזן-קעשענע, הילכיק אַרויסגעלאַכט און מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט דאָס לאַכן, אָנ-שטעלנדיק די אויגן אויף דער באַלעבאָסטע. זי איז מיט צונויפ-געדריקטע ציין געשטאַנען ביים אויװן און געקוקט אויף אים מיט דערשראָקענע אויגן.

* קאַסטרירטער שאָפּבאָק.

** אַזוי װערן אָנגערופן די באַװאוינער פון קאַמטשאַטקע.

דער קובאַנער האָט זיך אויסגעדרייט צום כינעזער און געזאָגט, זיך אַרומקוקנדיק מיט צעטראָגענע אויגן:

— דו, קליינער-קליינער, גיי מיטן פעטער, מיט אָט דעם פעטער, — ער האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער אויפן באַלעבאָס. — גיי מיט אים — ער וועט געבן היי די פערד... טרעט אונז אָפּ, גיי. פאַרשטייסט? מיר צאָלן גוט! די רויטע גוואַרדיע ווייסט נישט פון קיין רויב. גיי, באַלעבאָס, נו? — אין קובאַנערס קול האָבן אָפּגעקלונגען מעטאַלישע טענער.

דער קאָזאַק איז אין דער באַגלייטונג פון דעם כינעזער און דעם אַנדערן, זיך אומקוקנדיק, אַרויסגעגאַנגען פון דער כאַטע, — ווי נאָר ער איז אַראָפּגעקומען פון גאַנעק, האָט ער דערהערט דעם ווייבס וויינענדיק קול. ער איז אַריינגעלאָפן אין הויז, אַ ריס געטון די טיר. דער לייכטער האָק איז אַרויסגעשפרונגען פון דער פּוטרינע. דער קובאַנער, וואָס האָט אָנגעכאַפּט די באַלעבאָסטע ביי דער נאַקעטער האַנט איבערן עלנבויגן, האָט זי געשלעפּט אין האַלב-פינסטערן צימער אַריין. די קאָזאַטשקע האָט זיך געווערט, אים אָפּגעשטופּט. ער האָט זי געוואָלט אַ כאַפּ טון אין דער טאַליע, אויפהייבן און אַוועקטראָגן, אָבער אין דעם מאָמענט האָט די טיר זיך אויפגעפּראַלט. דער קאָזאַק האָט ברייט אַ שפּרייז געטון און פאַרשטעלט מיט זיך דאָס ווייב. זיין קול איז געווען געדיכט און שטיל.

— דו ביסט אַריינגעקומען אין מיין כאַטע אַלס גאַסט... פאַרוואָס-זשע באַליידיקסטו מיין ווייב? וואָס מיינסטו מיט דיר?.. הער אויף! איך האָב פאַר דיין געווער נישט קיין מורא. נעם, וואָס דו דאַרפסט, מעגסט אפילו רויבן, אָבער דאָס ווייב שענדן — דאָס נישט! סיידן זאָלסט איבער מיין טויטן קערפּער אַריבערטרעטן... — און דו, ניורקאַ... — ער האָט מיט ציטערנדיקע נאָזלעכער זיך אויסגעדרייט צום ווייב: — גיי אַוועק פונדאַנען צום פעטער דאַראָפּעי. האָסט דאָ נישט וואָס צו טון!

דער קובאַנער האָט זיך גלייך געמאַכט די מיליטערישע פּאַסקעס אויף דער בלוזע און קרום געשמייכלט:

— דו ביסט אַ בייזער, באַלעבאָס... מען טאָר זיך אפילו קיין שפּאַס נישט מאַכן... איך בין דער גרעסטער לץ אין דער ראָטע... דו ווייסט נישט ?... איך האָב דאָס בכיוון. לאָמיך, טראַכט איך, אַ ביסל פריילעך מאַכן די באָבע, און זי האָט זיך דערשראָקן... און היי האָסטו אונז אָפּגעטרעטן ? נישטאָ קיין היי ? און ביי די שכנים איז דאָ ?

ער איז אַרויסגעגאַנגען, זיך צופּייפנדיק, שטאַרק פּאָכענדיק מיטן ראַפּניק. באַלד איז צום כוטאָר אָנגעקומען די גאַנצע אָפּטיילונג. זי איז באַשטאַנען פון אַן ערך אַכטהונדערט באַגנעטן און שווערדן. די רויטגוואַרדייער, אויף אַ דריטל אויסגעמישט מיט כינעזער, לאַטישן און אַנדערע פרמעדע, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף נאַכטלעגער הינטערן כוטאָר. דער קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג האָט אַפּנים נישט געוואָלט נעכטיקן אין כוטאָר, נישט האָבנדיק קיין צוטרוי צו זיינע פאַרשידנראַסיקע און הפקרדיקע סאָלדאַטן.

די טיראַספּאָלער אָפּטיילונג פון דער צווייטער סאָציאַליסטישער אַרמיי, טיילווייז צעשלאָגן אין די קאַמפן מיט די היידאַמאַקעס און דייטשן, וואָס האָבן מאַרשירט איבער אוקראַינע, האָט מיט קאַמף זיך דורכגעריסן צום דאָן, זיך אויסגעלאָדנט פון די וואַגאָנעס אויף דער סטאַציע שעפּטוכאָווקאַ, און אַזוי ווי פאַרויס זענען שוין געווען די דייטשן, — איז די אָפּטיילונג אין מאַרשאָרדענונג געגאַנגען דורכן געביט פון דער מיגולינער סטאַניצע, מיטן ציל זיך דורכצושלאָגן אויף צפון, אין דער וואָראָניעזשער גובערניע אַריין. דעמאָראַליזירט דורך דער ווירקונג פון די קרימינעלע עלעמענטן, וואָס האָבן אין אַ גרויסער צאָל זיך געפינען אין דער אָפּטיילונג, האָבן די רויטגוואַרדייער אָפּגעטון אַ סך נבלות אויפן וועג. אין דער נאַכט פון זיבצעטן אַפּריל, ווען זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף נאַכטלעגער הינטערן סיעטראַקאָווער כוטאָר, האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט מחנותווייז אין כוטאָר אַריין, נישט געקוקט אויפן פאַרבאָט און די דראָונגען פון דער אָנפירונג. זיי האָבן

גענומען שעכטן שעפסן, אין עק כוטאָר פאַרגוואַלטיקט צוויי קאָזאַטשקעס, געעפנט אָן אַ סיבה אַ שיטערייַ אויפן פּלאַץ און פאַרוואונדעט אייבעם פון זייערע אייגענע. ביינאַכט האָבן די וואַכן זיך אָנגעשיכורט (שפּירט איז מיטגעפירט געוואָרן אויף יעדן וואָגן פון טאַבאָר). און אין דער צייט האָבן דריי רייטער-קאָזאַקן, אַרויסגעשיקטע פון כוטאָר, שוין אויפגעהויבן אַן אַליאַרם אין די אַרומיקע כוטאָרן.

די קאָזאַקן האָבן ביינאַכט אין דער פינסטערניש געזאָטלט די פערד, זיך באַוואָפנט, איילִיק פאָרמירט אָפּטיילונגען פון די פראָנט-זעלנער און אַלטע לייט און אונטער דער אָנפירונג פון די אָפיצירן און אפילו וואַכמייסטערס, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין די כוטאָרס, זיך אַוועקגעלאָזט צו סיעטראַקאָוו, אַרומגערינגלט די רויטגוואַרדייאישע אָפּטיילונג, זיך באַהאַלטן אין די טאָלן און הינטער די בערגלעך. פון דער מיגולינער סטאַניצע, פון קאָלאַדיעזנער כוטאָר, פון באַגאָמאָלאָוו האָבן זיך גערוקט ביינאַכט האַלבע סאָטניעס. עס זענען אויפגעשטאַנען די קאָזאַקן פון אייבערשטן טשיר, די נאַפּאָלאָווצעס, קאַלינאָווצעס, יעיצעס, קאָלאָדעזיאַנצעס.

עס האָבן זיך געלאָשן אין הימל די שטערן, עס האָט בליאַקירט און אָפּגעקראָכן דאָס וואָליקע שוואַרצע פוטער פון דער נאַכט. פאַרטאָג האָבן מיט אַ געהוקעריי פון אַלע זייטן זיך אַ וואָרף געטון אויף די רויטגוואַרדייער די קאָזאַקישע רייטער-לאַווינעס. אַ קוילנוואַרפער האָט אויף אַ ווײַלע זיך אָנגערופן — און פאַרשוויגן געוואָרן, עס האָט אויפגעפלאַקערט — און זיך אויסגעלאָשן אַ ווילד שיסערייַ אָן אַ סדר, אַ שטיל פליעסקען פון שווערדן.

אין אַ שעה אַרום איז דער ענין געווען פאַרענדיקט: די אָפּטיילונג אינגאַנצן צעקלאַפּט, מער ווי צווייהונדערט מאַן צעממיתט פון שווערדן און דערשאָסן, אַן ערך פינפהונדערט גענומען אין געפאַנגענשאַפט. צוויי באַטאַרייעס צו פיר האַרמאַטן, זעקסונ-

צוואַנציק קוילנוואַרפער, טוינט ביקסן, אַ גרויסער זאַפּאַס אַמוניציע איז אַרייַנגעפאַלן אין די הענט פון די קאַזאַקן.

צומאָרגנס האָבן שוין איבערן גאַנצן קרייז געבליט די רויטע פענדלעך פון די ספּעציעלע שליחים, וואָס האָבן רייטנדיק זיך געטראָגן איבער די שליאַכן און פעלד־וועגן. אין די סטאַניצעס און כוטאָרן האָט זיך געטומלט. מיט די פיס אַרויף זענען געפלויגן די ראַטן, און עס זענען אײַליק אויסגעקליבן געוואָרן אַטאַמאַנען. צו דער מיגולינער האָבן מיט פאַרשפּעטיקונג זיך דערגענטערט די סאָטניעס פון דער קאַזאַנער און וויעשענסקער סטאַניצע.

אין די טעג פון צוואַנציקסטן ביזן דרײַסיקסטן אַפּריל האָבן די אייבערשטע סטאַניצעס פון דאָנער קרייז זיך אויסגעטיילט. עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אייגענער קרייז, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן „דער אייבערשטער דאָנער". אַלס קרייז־צענטער איז אויסגעקליבן געוואָרן די געדיכט־באַפעלקערטע וויעשענסקער סטאַניצע, וואָס האָט, לויט דער גרייס און צאָל כוטאָרן, אין דער געגנט פאַרנומען דאָס צווייטע אָרט נאָך דער מיכאַילאָווער. אײַליק האָבן זיך אויסגעפיקט פון די פריערדיקע כוטאָרן נייע סטאַניצעס. עס האָבן זיך געשאַפן די שומילינער, קאַרגינער, באָקאָווער סטאַניצעס. און דער אייבערשטער דאָנער קרייז, וואָס האָט צוגענומען פאַר זיך צוואַנציק סטאַניצעס און איין אוקראַינער דאָרף־געמיינדע, האָט אָנגעהויבן לעבן מיט אַן אייגן פון צענטער אָפּגעזונדערט לעבן. אין קאָמפּלעט פון אייבערשטן דאָנער קרייז זענען אַרייַנגעגאַנגען די סטאַניצעס פון געוועזענעם דאָנער קרייז: די קאַזאַנער, מיגולינער, שומילינער, וויעשענסקער, יעלאַנער, קאַרגינער, באָקאָווער, די פּאָנאָמאַרעווער געמיינדע; די געוועזענע אוסט־מיעדוויעדיצער, די אוסט־כאָפּערער, קראַסנאָקוטער, און פון כאָפּערער קרייז: די בוקאַנאָווער, סלאַשטשעווער, פיעדאָסעיעווער.

אַלס קרייז־אַטאַמאַן איז איינשטימיק אויסגעקליבן געוואָרן דער קאַזאַק פון דער יעלאַנער סטאַניצע, דער גענעראַל, וואָס האָט געענדיקט די מיליטערישע אַקאַדעמיע, זאַכאַר אַקימאָוויטש

אַלפּעראָוו. וועגן אַלפּעראָוון האָט מען דערציילט, אַז ער האָט פון צווישן די גאָר נישטיקע קאָזאַקישע אָפּיצירלעך זיך אַרויפגעאַרבעט און געוואָרן אַ לייט בלויז אַ דאַנק זיין ווייב — אַ פרוי אַן ענערגישע און קלוגע ; מען האָט געזאָגט, אַז זי האָט געשלעפּט איר אומפעיקן מאַן ביי די אויערן און אים נישט געלאָזט אָפּטעטעמען אַזוי לאַנג, ביז ער האָט צום פערטן מאָל אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אין דער אַקאַדעמיע, נאָכדעם ווי ער איז דריי מאָל דורכגעפאַלן.

אָבער אין אָט די טעג, — אויב מען האָט אפילו גערעדט וועגן אַלפּעראָוון, — איז זייער ווייניק. די קעפּ זענען פאַרנומען געווען מיט עפּעס אַנדערש.

XXII

דאָס וואַסער פון דער פרילינג־פאַרפלייצונג האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן אָפּפאַלן. אויף דער לאָנקע, ביי די פלויטן פון די גערטנער, האָט די ערד זיך אַנטבלויזט, אַ גרויע, אַ ייליקע. די רעשטלעך טרוקענע ראָר־שטעקעלעך, צווייגלעך, פאַריאָריקע בלעטער, וואָס דאָס וואַסער האָט איבערגעלאָזט, זענען געלעגן לענגאויס דעם ברעג, ווי אַ באַזוימונג. די ווערבעס פון פאַרטרונקענעם וואַלד ביים דאָן האָבן קוים באַמערקבאַר אָנגעהויבן גרינען, פון זייערע צווייגן זענען ווי טרעזלעך אַראָפּגעהאָנגען די קיזשעלעך. אויף די טאָפּאָלן זענען די קנאָספּן גרייט געווען זיך צו עפענען, האַרט ביי די הייזער האָבן די שפּראָצנדיקע ווערבעצווייגלעך זיך געבייגט צום וואַסער, אַרומגערינגלט פון דער פאַרפלייצונג. געלע, פוכיקע, ווי נישט־באַפעדערטע קאַטשקעלעך, האָבן זייערע קנאָספּלעך זיך געטיקט אין די כוואַליעס, צעוויגטע דורכן ווינט.

אין די פאַרטאָגן זענען צו די גערטנער צוגעשוואומען,

זוכנדיק שפּייז, ווילדע גענז, סטאַדעס קאַטשקעס. פון די זומפּיקע ערטער אויף די לאָנקעס האָבן אין די באַגינענס זיך אָנגערופן מיט זייערע מעשענע קולות די גאַגאַרעס. אָבער אויך אין מיטן טאָג האָט מען געזען ווי איבער דער ברייט פון דאָן, דעם צעשויבערטן פון ווינט, צערטלען און ניאַנטשען די כוואַליעס די וויס-בייכיקע טשירקעס.

אַ סך געפליגל איז געווען אין דעם יאָר. די קאָזאַקן-פישערס, דורכפאָרנדיק אויף די שיפלעך צו די נעצן, פלעגן אין די פאַרטאָגן, ווען דער וויין-רויטער מזרח פאַרבלוטיקט דאָס וואַסער, אָפּטמאָל אויך זען שוואַנען, וואָס האָבן זיך אָפּגערוט לענגאויס דעם טייך-ברעג, געשיצט דורכן וואַלד. אָבער גאָר וואונדערלעך האָט אין כוטאָר אויסגעזען דאָס נייעס, וואָס כריסטאָניאַ מיטן זיידן מאַטוויי קאַשולין האָבן געברענגט: זיי זענען געפאָרן אין מלוכהשן וואַלד אַריין אויסקליבן צו עטלעכע דעמבלעך פאַר דער באַלעטישקייט, און דורכקריכנדיק אַ פאַרוואַקסן אָרט, האָבן זיי אַרויסגעפּלאָשעט פון אַ טאָל אַ ווילדע ציג מיט אַ קליין ציגנבעקל. די געל-גרויע דאַרע ציג איז אַרויסגעשפּרונגען פון טאָל, וואָס איז פאַרוואַקסן געווען מיט דערנער און שטעכעלקע-קוסטעס, עטלעכע רגעס געקוקט פון בערגל אויף די האָלצהעקערס, אָנגעשטרענגט געביטן די דינע געטאָקטע פיסלעך, לעבן איר האָט זיך געטולייעט דאָס קליינע, און דערהערנדיק כריסטאָניעס פאַרוואונדערטן אויסגעשריי, האָט זי מיט אַזאַ שנעלקייט זיך גענומען טראָגן איבערן יונגן דעמבע-וועלדל, אַז אין די אויגן פון די קאָזאַקן האָבן בלויז געשימערט די בלוילעך-גרויע גלאַנציקע קאָפּיטע-מושלעס און דאָס קורצע ווייַדעלע פון קעמל-קאָליר.

— וואָס פאַר אַ מין איז דאָס? — האָט מאַטוויי קאַשולין געפרעגט, אַראָפּלאָזנדיק די האַק.

מיט אַ באַגייסטערונג, וואָס לאָזט זיך מיט גאָרנישט פאַרגלייכן, האָט כריסטאָניאַ אַרויסגעשריגן איבערן גאַנצן פאַרפישוסטשווייגנדיקן וואַלד:

— אַ ציג, מסתמא! אַ ווילדע ציג, אַז דער טייוול זאָל זי! מיר האָבן זיי געזען אין די קאַרפּאַטן!

— הייסט עס, אַז די מלחמה האָט זי נעבעך פאַרטריבן אין אונזערע סטעפּעס אַריין?

כריסטאָניען איז נישט געבליבן מער, ווי מסכים צו זיין.

— נישט אַנדערש. און דו האָסט געזען, זיידע, דאָס ציגנ־בעקל? אַ, זאָל עס... הונט־ט־טישער זון, ווי שיין עס איז! אײנ־גאַנצן, ווי אַ קינדעלע!

דעם גאַנצן וועג צוריק האָבן זיי געשמועסט וועגן דעם געווילד, וואָס מען האָט ביז איצט נישט געזען אין דידאָזיקע קאַנטן. דער זיידע מאַטוויי האָט צום סוף גענומען צווייפלען.

— און אפשר איז עס נישט קיין ציג?

— אַ ציג. בנאמנות, אַ ציג, און נישט עפּעס אַנדערש!

— און אפשר... און אויב אַ ציג — פאַרוואָס־זשע האָט זי נישט קיין הערנער?

— און צוואָס דאַרפסטו זיי, די הערנער?

— נישט איך דאַרף זיי. איך פרעג נאָר — אויב אַ ציג... פאַרוואָס־זשע איז זי נישט, ווי אַלע ציגן? דו האָסט שוין אַמאָל געזען ציגן אָן הערנער? אין דעם גייט עס דאָך. אפשר עפּעס אַ ווילדער שעפּס?...

— דו, זיידע מאַטוויי, האָסט, מסתמא, דעם שכל פאַר־לוירן! — האָט כריסטאָניאַ זיך באַליידיקט. — גיי אַהין צו די מעליעכאָוס און זע. זייער גרישקאַ האָט אַ ראַפּניק מיט אַ הענטל פון אַ ציגן־פיסל. פאַרשטייסט, צי נישט?

האָט דער זיידע מאַטוויי געמוזט גיין דעם טאָג צו די מעליעכאָווס. דאָס הענטל פון גריגאָריעס ראַפּניק איז טאַקע קונציק באַצויגן געווען מיט דער פעל פון אַ ציגן־פיסל; אפילו דאָס טלאָענדל אין עק איז געבליבן גאַנץ און אויך אַזוי קונציק פאַרצירט געווען מיט אַ מעשן פאָדקעווועלע.

אין דער זעקסטער נאַכט פון תענית, מיטוואָך, איז מישקאַ קאָשעוואָי באַגינען אַרויסגעפאָרן קאָנטראָלירן די נעצן ביים וואַלד. ער איז אַרויסגעגאַנגען פונדערהיים מיטן טאָג צוגלייך. די ערד, וואָס האָט פרירנדיק זיך געקורטשעט פון פאַרטאָגיקן פרעסטל, האָט זיך פאַרצויגן מיט אייז, די בלאָטע איז געהאַרטעוועט געוואָרן. מישקאַ, אין אַ וואַטענעם פידזשאַק, אין שיך, די שאַראָוואַרן אַרייַנגעמאַכט אין די ווייסע זאָקן, דאָס היטל פאַרדוקט אויפן קאַרק, איז געגאַנגען, אָטעמענדיק מיט דער לופט, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיטן שפּירט פון דער פראָסט און איבלדיקן ריח פון פאַרענדיקן וואַסער. דעם לאַנגן רודער האָט ער געטראָגן אויפן אַקסל. ער האָט אָפּגעטשעפּעט דאָס שיפל און שנעל געפאָרן שטייענדיק, אָפּשטופּנדיק זיך מיטן רודער פון גרונט.

זיינע נעצן האָט ער קאָנטראָלירט שנעל, אַרויסגענומען פון דער לעצטער די פיש, זיי אָפּגעלאָזט אין שיפל אַריין, גלייך געמאַכט די פליגל פון די נעצן און, שטיל אַוועקפאָרנדיק, באַשלאָסן צו פאַררייכערן. עס האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן שפּראָצן אויף טאָג. דער בין־השמשות־גרינלעכער הימל איז אויף מזרח באַשפּריצט געווען מיט בלוט. דאָס בלוט האָט זיך איינגעזאַפּט, איז אַראָפּגעפלאָסן אויפן האָריזאָנט, האָט גאָלדיק געזשאַוועט. מישקאַ האָט נאָכגעקוקט דעם פאַמעלעכן פליען פון די גאַגאַרעס און פאַררייכערט. דער רויך, צעגייענדיק און טשעפּענדיק זיך אָן די קוסטעס, האָט זיך אַוועקגעקנוילט אין אַ זייט. באַטראַכטנדיק דעם פאַנג — דריי יעשאָטרען, אַן אַכט פונט קאַרפּ, אַ קופּע ווייסע פישלעך, — האָט ער אַ טראַכט געטון:

„מען וועט דאַרפן אַ טייל פאַרקויפן. די שיקלדיקע לוקעשקע וועט נעמען, אויף געטרוקנטע באַרנעס אויסטוישן; די מאַמע — וועט דאָך אַלץ אַמאָל אַ זופּ אָפּקאָכן”.

רייכערנדיק, איז ער צוגעפאָרן צום בריקל. ביים פלויט פון גאָרטן, וואו ער פלעגט שטענדיק אָנבונדן דאָס שיפל, איז געזעסן אַ מענטש.

„ווער קאָן דאָס זיין ?" — האָט מישקאַ אַ קלאָר געטון און גענומען שנעל שיפן, פלינק באַוועגנדיק מיטן רודער.

ביים פלויט איז טשיפּקע געזעסן וואַלעט.

ער האָט געריייכערט אַ גרויסן פּאַפּיראָס פון צייטונגס-פּאַפּיר.

די חיהשע שאַרפע אייגעלעך זיינע האָבן שלעפעריק און בוימלדיק געלויכטן. אויף די באַקן האָבן די האָר גרוי זיך געגעפּלט.

— וואָס טוסטו דאָ ? — האָט מישקאַ אַ געשריי געטון.

זיין געשריי האָט ווי אַ קיילעכיקער באַלעם הילכיק זיך אַ קייקל געטון איבערן וואַסער.

— פּאָר צו.

— כאַפּסט פיש ?

— צוואָס טויגן זיי מיר !

וואַלעט האָט הויך זיך צעהוסט, אַ שטאַרקן שפּיי געטון און אומגערן אויפגעשטאַנען.

דער צו גרויסער שינעל איז געהאָנגען אויף אים, ווי אַ קאַפּטן אויף אַ טשוטשעלע פאַר פייגל. די אַראָפּגעלאָזטע לאַפּן פון היטל האָבן פאַרשטעלט די האַרטע אומגעוואַשענע אויערן, פון וועלכע עס האָט גרין אַרויסגעלויכטן. ער האָט נישט לאַנג זיך באַוויזן אין כוטאָר, באַגלייט פון „שענדלעכן" רום פון אַ רויטגוואַר-דייער. די קאָזאַקן האָבן אים אויסגעפרעגט וואו ער איז געווען נאָך דער דעמאָביליזאַציע, נאָר וואַלעט האָט געענטפערט אויס-מיידנדיק, צו נישט געמאַכט די געפערלעכע פראַגן. איוואַן אַלעק-סעיעוויטשן און מישקאַ קאָשעוואָיען האָט ער זיך מודה געווען, אַז ער האָט פיר חדשים פאַרבראַכט אין אַ רויטגוואַרדייאישער אָפּ-טיילונג אין אוקראַינע, געווען אין געפאַנגענשאַפט ביי די היידאַ-מאַקעס, אַנטלאָפן, אַריינגעפאַלן צו סיווערסן, אַ הוליע געטון מיט אים אַרום ראָסטאָוו און אַליין זיך אָנגעשריבן אַ דאָקומענט אויף אורלויב צו דערהאַלטן זיך.

וואַלעט האָט אויסגעטון דאָס היטל, זיך צוגעגלעט די שטיי־ענדיקע הערלעך; זיך אומגעקוקנדיק, צוגעגאַנגען צום שיפל און מיט אַ הייזעריק קול אַ זאָג געטון:

— שלעכטע געשעפטן... זייער שלעכטע... לייג אַוועק דאָס פיש כאַפּן. וואָרים מיר וועלן אַזוי כאַפּן־כאַפּן, און דאָס וויכטיקסטע פאַרגעסן...

— וואָס פאַר אַ נייעס האָסטו — דערצייל.

מישקאַ האָט אַ דריק געטון זיין בייניק הענטל מיט דער האַנט, וואָס איז איינגעריכט געווען אין שליים פון די פיש, און וואָרעם אַ שמייכל געטון. עס האָט זיי פאַרבונדן אַן אַלטע פריינטשאַפט.

— הינטער מיגולין האָט מען נעכטן די רויטע גוואַרדיע צעקלאַפּט: עס האָט זיך אָנגעהויבן, ברודער, אַ געשלעג... אַז די קודלעס פליען!...

— וועלכע? פונוואַנען קומען זיי קיין מיגולין?

— זיי זענען געגאַנגען דורך דער סטאַניצע, די קאָזאַקן האָבן זיי ווי געהעריק אַריינגעטיילט... געפאַנגענע האָט מען אַ גאַנצע קופּע קיין קאַרגין געברענגט צו טרייבן! דאַרט אַרבעט שוין אַ פעלד־געריכט. היינט איז ביי אונז מאָביליזאַציע. איידער דו קוקסט דיך אום, וועט מען נעמען קלינגען אויף אַליאַרם מיטן גלאָק.

קאָשעוואָי האָט אָנגעבונדן דאָס שיפל, אַריינגעשיט די פיש אין דער טאָרבע, געזומען גיין, אָפּמעסטנדיק גרויסע קלאַפּטער מיטן רודער. וואַלעט האָט ווי אַ זשרעבאָק זיך געהאַלטן לעבן אים, פאַרלאָפן פאָרויס, זיך פאַרשאַרצט די פאָלעס פון שינעל, ברייט פאָכענדיק מיט די הענט.

— מיר האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש געזאָגט. ער האָט נאָר־וואָס מיך געבעטן פון דיזשור, די מיל האָט דאָך אַ גאַנצע נאַכט געאַרבעט, מען האָט אָנגעברענגט אַ מאַסע צום מאָלן. נו, און ער

האָט געהערט פון באַלעבאָס אַליין. צו סערגעי פּלאַטאָניטשן איז עפּעס אַן אָפיציר געקומען צו רייטן.

— וואָס וועט אַצינד זיין ? — איבער מישקעס פּנים, וואָס איז מעניש און אָפּגעלאַקירט געוואָרן אין משך פון די מלחמה-יאָרן, האָט זיך אַ גליטשט געטון אַ פּאַרלוירנקייט ; ער האָט זייטיק אַ קוק געטון אויף וואַלעטן, זיך איבערגעפרעגט : — וואָס וועט אַצינד זיין ?

— מען דאַרף זיך אָפּטראָגן פון כוטאָר.

— וואוהין ?

— קיין קאַמיענסק.

— דאָרט זענען דאָ די קאָזאַקן.

— מער לינקס.

— וואוהין ?

— קיין אָבליווי.

— ווי אַזוי וועסטו דורכגיין ?

— וועסט וועלן — וועסטו דורכגיין ! און אויב נישט — בלייב-זשע דאָ, און זאָל דיך דער טייוול אין אַלע זייטן באַשמעקן ! — איז וואַלעט פּלוצלינג בייז געוואָרן. — וואָס הייסט — „וואוהין", — און איך וויים ? מ'וועט דיך צודריקן, וועסטו שוין אַליין אַ לאָך געפינען ! מיט דער נאָז אויסשמעקן !

— דו היץ דיך נישט. ווייסט דאָך, ווי אַזוי די היציקע פירן אויס ? און וואָס זאָגט איוואַן ?

— איידער דו וועסט דיין איוואַן פון אָרט אַ ריר טון...

— מאַך נישט קיין יעלות... אָט קוקט דאָך אַ באַבע.

זיי האָבן פּאַרזיכטיק זיך זייטיק אומגעקוקט אויף דער יונגער באַבע, אוודעיטש ברעכס שנור, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון דער קיי-שטאַל. ביים ערשטן ראָג האָט מישקאַ זיך אויסגעדרייט צוריק.

— וואוהין גייסטו ? — האָט וואַלעט זיך געוואונדערט.

זיך נישט אויסדרייענדיק, האָט קאָשעוואָי אַ בורטשע געטון :

— כ׳וועל פֿאָרן די נעצן צונעמען.

— נאָכוואָס ?

— זיי זאָלן נישט פֿאַרלוירן גיין.

— הייסט עס, אַז מיר ציען אָפּ ? — האָט וואַלעט זיך דערפֿרייט.

מישקאַ האָט אַ פּאָך געטון מיטן רודער, געזאָגט פּוני־וויטנס :

— גיי צו איוואַן אַלעקסעיעוויטשן, און איך וועל די נעצן אַהיימטראָגן און באַלד אַהינקומען.

איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט שוין באַוויזן איבערצוגעבן די נאָענטע קאָזאַקן. זיין זינדל איז צוגעלאָפֿן צו די מעליעכאָווס, גע־ברענגט גריגאָריען. כריסטאָניאַ איז געקומען אַליין, ווי דערפֿילנ־דיק אַן אומגליק. באַלד האָט זיך אומגעקערט קאָשעוואָי, און די באַראַטונג האָט זיך אָנגעהויבן. עס האָבן גערעדט אַלע צו־זאַמען, אייליק, זיי האָבן יעדע רגע זיך געריכט אויפֿן גלאָקן־אַליאַרם.

— שוין אַוועקגיין ! נאָך היינט די וועגדקעס פֿאַרוויקלען ! — האָט וואַלעט אויפֿגערעגט זיך געהיצט.

— דו מאַך אונז קלאָר — פֿאַרוואָס דאַרפֿן מיר אַוועקגיין ? — האָט כריסטאָניאַ געפֿרעגט.

— וואָס הייסט פֿאַרוואָס ? עס וועט זיך אָנהייבן די מאָבי־ליזאַציע, מיינסטו, אַז דו וועסט דיך פֿון איר אַרויסדרייען ?

— איך וועל נישט גיין — און פּטור.

— מען וועט דיך נעמען !

— נישט אויף דער מינוט. איך בין נישט קיין ביקל אויפֿן שטריקל !

איוואַן אַלעקסעיעוויטש, וואָס האָט אַרויסגעשיקט זיין שיקל־דיק ווייב פון דער כאַטע, האָט בייז אַ בורטשע געטון:

— נעמען — וועט מען טאַקע... וואָלעט איז גערעכט. אָבער וואוהין גייט מען? דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן.

— איך האָב אים שוין געזאָגט, — האָט מישקאַ קאָשעוואָי אָפגעזיפצט.

— וואָס איז דאָס, צי דאַרף איך אייך אַלע? איך וועל אַליין אַוועקגיין! איך דאַרף נישט קיין פּאָנפּערס! „ווי אַזוי, פאַר־וואָס און נאָכוואָס"... אָט וועט מען אייך אַ נעם טון, און איר וועט נאָך פאַר באָלשעוויזם אין תפיסה זיצן!... איר מיינט עפּעס שפּאַס? איר ווייסט, וואָס פאַר אַ צייט עס איז היינט... דאָ וועט אַלץ גיין צום טייוול!...

גריגאָרי מעליעכאָוו, וועלכער האָט קאָנצענטרירט, מיט עפּעס אַ שטילער רוגזה געדרייט אין דער האַנט אַן אַרויסגעריסענעם פאַרזשאַווערטן טשוואָק פון דער וואַנט, האָט קאַלט איבער־געשניטן וואַלעטן:

— דו יעלהווע נישט! מיט דיר איז עפּעס אַנדערש: דו פאַרמאָגסט גאָרנישט און האָסט גאָרנישט וואָס איינצושטעלן — גענומען און געגאַנגען. אָבער מיר מוזן גוט זיך מישב זיין. איך האָב אַ ווייב מיט צוויי קינדערלעך... איך האָב זיך מיט אַ ביסל מער פולווער אָנגעשמעקט, ווי דו! — ער האָט אַ פינקל געטון מיט די שוואַרצע, פלוצלינג בייז־געוואָרענע אויגן און, ווילד אַנטפּלעקנדיק די שטאַרקע רייס־ציין, אויסגעשריגן: — דו, ק..., קאָנסט דיר פּאַטשן מיט דער צונג! דער זעלבער וואַלעט, וואָס ביסט געווען, וועסטו בלייבן! חוץ דעם פּידזשאַק פאַרמאָגסטו גאָרנישט...

— וואָס רייסטו די יאַפּע! ווילסט דעם אָפיציר אַרויסווייזן? ריטשע נישט! איך שפּיי אויף דיר! — האָט וואַלעט אויסגע־שריגן.

זיין שפּיציק מאָרדעלע, ווי ביי אַ יעזש, איז בלייך גע־וואָרן פון כּעס, די שמאָל־פאַרזשמורעטע בייזע אייגעלעך האָבן שאַרף און ווילד געגומען פינקלען. אפילו דער רויכיקער אָנ־וואוקס אויף די באַקן האָט אויך אַזוי ווי אָנגעהויבן זיך באַ־וועגן.

גריגאָרי האָט אויסגעגאָסן אויף אים זיין כּעס פאַר זיין גע־שטערטער רו, פאַר דער אויפרעגונג, וואָס ער האָט איבערגע־לעבט, דערהערנדיק, אַז די רויטגוואַרדייאישע אָפּטיילונגען זענען אַריינגעדרונגען אין קרייז. וואַלעטס אויסגעשריי האָט אים שוין אינגאַנצן ווילד געמאַכט. ער איז אויפגעשפּרונגען, ווי אַ גע־שלאָגענער, — האַרט צוגייענדיק צו וואַלעטן, וואָס האָט זיך גע־דרייט אויפן טאַבורעט; מיט אָנשטרענגונג איינהאַלטנדיק די האַנט, וואָס האָט אים געביסן פון פאַרלאַנג אַ קלאַפּ צו טון, האָט ער געזאָגט:

— האַלט דעם פּיסק, שלאַנג! ראַצער פאַרשיווער! שלע־פּער! וואָס קאָמאַנדעוועסטו? גיי, ווער האַלט דיך דאָ! טראָג דיך, זאָלסט דאָ קיין געשטאַנק נישט אָנמאַכן. נו, נו, רעד נישט, וואָרים, אַז איך וועל דיר פאַרפאָרן צום געזעגענען...

— הער אויף, גריגאָרי! ס'איז נישט די צייט דערויף! — האָט קאָשעוואָי זיך אַריינגעמישט, אַוועקנעמענדיק גריגאָריעס פויסט פון וואַלעטס פאַרצויגענער נאָז.

— מען דאַרף אויפהערן מיט די קאָזאַקישע שטיקלעך... און דו שעמסט דיך גאָרנישט? שעם דיך, מעליעכאָוו! שעם דיך!

וואַלעט איז אויפגעשטאַנען; ער האָט שולדיק אַ הוסט געטון און צוגעגאַנגען צו דער טיר. ביי דער שוועל האָט ער נישט אויסגעהאַלטן, — זיך אויסדרייענדיק, האָט ער אַ שטאָך גע־טון דעם בייז שמייכלענדיקן גריגאָריען:

— און ער איז נאָך אין דער רויטער גוואַרדיע געווען... זשאַנדאַרמעריע... אַזעלכע האָבן מיר אויפן ווינט צעשפּרייט!...

אויך גריגאָרי האָט נישט אויסגעהאַלטן, אויפגעשפּרונגען, ווי אַ גומענער, — אַרויסשטויסנדיק וואַלעטן אין הויז אַריין, האָט ער אים אָנגעטרעטן אויף די קנאָפּלעס פון די אויסגעטרעטענע זעלנערישע שטיוול און בייז צוגעזאָגט:

— טראָג דיך! איך וועל דיר די פּיס פון ת... אויס־דרייען!

— דאָס האָט קיין זין נישט! נו, פּונקט ווי קינדער!

איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט אומגינסטיק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און אומצופרידן זייטיק אַ קוק געטון אויף גריגאָריען. מישקאַ האָט שווייגנדיק פאַרביסן די ליפּן, — ער האָט, אַפּנים, זיך אָפּגעהאַלטן פון אַ שאַרף וואָרט, וואָס האָט זיך געריסן פון זיין מויל אַרויס.

— פאַרוואָס־זשע מישט ער זיך — נישט אין זיינע געשעפטן? וואָס האָט ער זיך צעיאַכמערט? — האָט גריגאָרי נישט אָן פאַר־לעגנהייט זיך פאַרענטפערט; כריסטאָניאַ האָט געקוקט אויף אים מיט מיטגעפיל, און אונטער זיין בליק האָט גריגאָרי אַ שמייכל געטון מיט אַ פּשוטן קינדישן שמייכל. — איך האָב אים שיער נישט אָנגעהרגעט!... גיי שלאָג אים... איין פּליאַסק — און ער וואָלט מיט דער רויטער יויך זיך באַגאָסן.

— נו, ביי וואָס־זשע האַלט איר? מען דאַרף דאָך עפּעס טון.

איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט זיך פאַרלוירן אונטערן עקשנות־דיקן בליק פון מישקאַ קאָשעוואָיען, וועלכער האָט געשטעלט די פראַגע און געענטפערט מיט אָנשטרענגונג:

— מילא, וואָס־זשע, מיכאַיל?... גריגאָרי — איז טיילוויז גערעכט: ווי הייבט מען דאָס זיך אויף און מען גייט אַוועק? מיר — האָבן דאָך פאַמיליעס... וואָרט נאָר צו!... — האָט ער גע־נומען רעדן שנעלער, אויפכאַפּנדיק מישקעס אומגעדולדיקע באַ־וועגונג. — אפשר וועט נאָך גאַרנישט זיין... ווער קאָן וויסן? מען האָט צעקלאַפּט די אָפּטיילונג הינטער סיטעראַקאָוו, וועלן

זיי שוין מער נישט קומען... און מיר וועלן אַ ביסל צווואַרטן. מיר וועלן שפּעטער זען. דעם אמת געזאָגט, האָב איך דאָך אויך אַ ווייב מיט אַ קינד... און מיר זענען אָפּגעריסן געוואָרן, און מען פּעלט אויס... ווי אַזוי נעמט מען עס און מען גייט אַוועק? ביי וואָס וועלן זיי בלייבן?...

מישקאַ האָט אויפגערעגט אַ רודער געטון מיט אַ ברעם אַראָפּגעזונקען דעם בליק צום ערדענעם דיל.

— איר רעכנט נישט אַוועקצוגיין?

— מיר וועלן, דאַכט זיך, צוואַרטן. אַוועקצוגיין איז קיינמאָל נישט שפּעט... און איר, גריגאָרי פּאַנטעלעיעוויטש, — וואָס רעכנט איר צו טון? און דו, כריסטאַן?

— מסתמא, אויך דאָס אייגענע... מיר וועלן צוואַרטן.

גריגאָרי, וועלכער איז אומגעריכט געשטיצט געוואָרן דורך איוואַן אַלעקסעיעוויטשן און כריסטאָניען, האָט זיך דערפילט אויפגעהייטערט:

— נו, פאַרשטייט זיך, דאָס זאָג איך דאָך. צוליב דעם האָב איך דאָך מיך צעקריגט מיט וואַלעטן. וואָס איז דאָס אַזוינס? כאָרן לאָזע אָנהאַקן, צי וואָס? איינס, צוויי — און פאַרטיק?... מען דאַרף זיך איבערקלערן... איבערקלערן, זאָג איך...

דאָן-דאָן-דאָן! — האָט זיך אָפּגעריסן פון גלאָקנטורעם און פאַרגאָסן דעם פּלאַץ, די גאַסן, די געסלעך; איבערן גרויען שטח פון וואַסער, איבער די פייכטע אַרויסשטאַרצונגען פון קריידבאַרג האָט דאָס קלינגען פּילפּאַכיק זיך געקייקלט, אין וואַלד זיך דראָבנע צעשיט, ווי אַרבעס, — יאָכצנדיק, אָפּשטאַרבנדיק. און נאָך אַמאָל — שוין אָן אויפהער און אַליאַרמירנדיק:

דאָן-דאָן-דאָן!...

— אָט, נאַדיר, מען רופט! — כריסטאָניאַ האָט שנעל אָנגעהויבן צו מרוגען. — איך בין שוין אויפן שיפּל. אויף דער צווייטער זייט אַריבער, אין וואַלד אַריין. און ווי זיי זענען נישט זייערע אויערן!

— נו, וואָס־זשע בלייבט ? — קאָשעוואָי איז שווער אויפגע־שטאַנען, ווי אַ זקן.

— אַזוי אויף דער מינוט, — וועלן מיר נישט גיין, — האָט גריגאָרי געענטפערט פאַר אַלע.

קאָשעוואָי האָט ווידער אַ רודער געטון מיט דער ברעם, אָוועקגעמאַכט פון שטערן דעם גאָלדיקן טשוב געקרייזלטע לאָקן.

— זייט געזונט... אַפּנים, אונזערע וועגן צעגיין זיך !

איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט אַ שמייכל געטון, ווי ער וואָלט זיך אַנטשולדיקט.

— דו ביסט אַ יונגער, מישאַטקאַ, אַ הייסער... מיינסט, זיי וועלן זיך נישט צונויפקומען ? זיי וועלן זיך צו־נויפ־קומען ! זיי געדולדיק...

נאָכן געזעגענען זיך איז קאָשעוואָי אַרויסגעגאַנגען. דורכן הויף האָט ער זיך אַריבערגעכאַפּט אין שכנישן שייער. ביים ראָוו האָט אים אָפּגעוואַרט וואַלעט. ער האָט אַזויווי געוואוסט, אַז מישקאַ וועט אָנקומען מיט דעם וועג : אַקעגנגייענדיק אים, האָט ער גע־פרעגט :

— נו ?

— זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט.

— איך האָב דאָס פריער געוואוסט. שוואַכע מענטשעלעך... און גרישקאַ... ער איז אַ מנוול, דער חבר דיינער ! בלאָזט פון זיך. מיך באַליידיקט, דער אויסוואורף ! צופרידן, וואָס ער איז שטאַרקער... איך האָב דעם עקבער נישט געהאַט ביי זיך — איך וואָלט אים דערהרגעט... — האָט ער געזאָגט מיט אַ הייזעריק קול.

מישקאַ, גייענדיק לעבן אים, האָט אַ קוק געטון אויף זיינע האַרט־שטאַרצנדיקע, אין אַ יעזש־אויפגעשטעלטע האָר און אַ קלער געטון : „יאָ, ער וואָלט אים דערהרגעט !"

זיי זענען געגאַנגען שנעל, יעדער קלונג פון גלאָק האָט זיי אַ שמיץ געטון, ווי מיט אַ בייטש.

— קום אַריין צו מיר, איך וועל נעמען עסן — און היידאַ! מיר וועלן גיין צופוס, דאָס פערד וועל איך איבערלאָזן, דו וועסט גאָרנישט נעמען?

— אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג, האָב איך אויף מיר, — האָט וואַלעט זיך פאַרקרימט. — קיין הויז האָב איך מיר נישט אויפגעשטעלט, קיין פאַרמעגן נישט פאַראיבעריקט... דאָס געהאַלט פאַר אַ האַלבן חודש האָב איך נישט אָפּגענומען. נו, זאָל ער, דער גראָבער בויך אונזערער, סערגעי פּלאַטאָניטש, רייך ווערן. ער וועט זיך אַזש טרייסלען פאַר פרייד, וואָס איך בין נישט געקומען זיך אָפּרעכענען.

מען האָט אויפגעהערט צו קלינגען. די פּרימאָרגנדיקע, שלעפעריקע שטילקייט, וואָס האָט נישט אָפּגעטרייסלט דעם דרימל, איז דורך גאָרנישט געשטערט געוואָרן. ביים וועג האָבן הינער זיך געגראָבן אין מיסט, לעבן די פּלויטן האָבן אויפן גראָז זיך געפּאַשעט קעלבער. מישקאַ האָט זיך אומגעקוקט: די קאָזאַקן האָבן זיך געאיילט צום מיידאַן אויפן פּלאַץ. טייל זענען אַרויסגעגאַנגען פון די הויפן, זיך צוקנעפּלענדיק אויפן וועג די קורטקעס און מונדירן. איבערן פּלאַץ האָט דורכגאַלאָפּירט אַ רייטער. ביי דער שול האָט זיך געזאַמלט אַן עולם, עס האָבן זיך געבלייכט ווייבערישע טיכלעך און קליידער, עס האָבן געדיכט זיך געשוואַרצט קאָזאַקישע רוקנס.

אַ באַבע מיט עמערס האָט זיך אָפּגעשטעלט, נישט וועלנדיק אַריבערגיין דעם וועג; זי האָט בייז אַ זאָג געטון:

— איר גייט, צי נישט, וואָרים איך וויל דעם וועג אַריבערגיין!

מישקאַ האָט זיך באַגריסט מיט איר, און זי האָט מיט אַ שמייכל אַ בליק געטון פון אונטער די געדיכטע ברעמען אַפער און געפרעגט:

— די קאָזאַקן גייען אויפן מיידאַן אַרויף, און איר קומט גאָר פון דאָרט? פּאַרוואָס־זשע גייסטו נישט אַהין, מיכאַילאָ?

— איך האָב אינדערהיים עפּעס צו טון.

זיי זענען צוגעגאַנגען צום געסל. עס האָט זיך באַוויזן דער דאַך פון מישקינס כאַטקע, די שפּאַקן־נעסט מיטן אָנגעבונדענעם טרוקענעם קערשן־צווייגל, וואָס האָט זיך געוויגט אין ווינט. אויפן בערגל האָבן פּאַמעלעך זיך געדרייט די פליגל פון דער ווינט־מיל, אויף זייערע לייסטן האָט דאָ און דאָרט געפּלאַטערט אַ ברעטל, אָפּגעריסן דורכן ווינט; די בלעך אויפן משופּעדיקן דאַך האָט געקלאַפּט.

די זון האָט געלויכטן נישט העל, אָבער וואַרעם. פון דאָן האָט געבלאָזן אַ פריש ווינטל. אין ראָג, אין הויף פון אַרכיפּ באָגאַטיריעוו, — דעם הויכן זקן פון דער חברה אַלטגלוביקע, וואָס האָט אַמאָל געדינט אין דער גוואַרדיע־אַרטילעריע, — האָבן באַבעס אויסגעשמירט מיט ליים און געווייסט אויף פּאַסכע אַ גרויסע קיילעכיקע כאַטע. איינע פון זיי האָט געמישט ליים מיט מיסט. זי איז אַרומגעגאַנגען קיילעכיק, הויך אונטערהייבנדיק דאָס קלייד, מיט אָנשטרענגונג איבערשטעלנדיק די ווייסע פיס מיט די דיקע ליטקעס און רויטע שטרייפן — שפּורן פון די זאָקן־בענדלעך. זי האָט מיט די שפּיצן פינגער געהאַלטן דאָס אונטער־געהויבענע קלייד, די זיידענע זאָקן־בענדלעך זענען פאַררוקט געוואָרן איבער די קניען און האָבן זיך שטייף איינגעשניטן אין לייב.

זי איז געווען אַ גרויסע עלעגאַנטקע און נישט געקוקט דעריף, וואָס די זון איז נאָך געשטאַנען נידעריק, האָט זי שוין פאַרהילט דאָס פּנים מיט אַ טיכל. די איבעריקע צוויי יונגיטשקע פרויען — אַרכיפּס שנורן, וואָס האָבן זיך פאַרקליבן אויף לייטערס ביז אונטערן סאַמע דאַך פון קאַמיש — האָבן געווייסט. די בערשטלעך אין זייערע הענט, פאַרשאַרצטע ביז איבער די עלנבויגנס, האָבן זיך באַוועגט. אויף די פּנימער, פאַרהילטע איבער די אויגן,

זענען געפאלן ווייסע שפריצן. די פרויען האבן געזונגען מיט הארמאנישע, געאיבטע שטימען. די עלטערע שנור, די אלמנה מאריע, וואס פלעגט בפרהסיה לויפן צו מישקא קאשעוואי, איז זיך פארגאנגען מיט א שטיל קול, וואס איז באריכט געווען איבערן גאנצן כוטאר און האט לויט דער קראפט און געדיכטקייט זיך געקאנט פארגלייכן מיט א מענישן.

...ווער נאך בענקט אזוי שרעקלעך...

די איבעריקע האבן אונטערגעכאפט און צוזאמען מיט איר אין דריי שטימען געזונגען דאסדאזיקע ביטערע, נאיוו-זיך-קלאגנדיקע פרויען-ליד:

...ווי מיין ליבסטער אין דער קריג,
טאג-און-נאכט ביי די הארמאטן, —
נאר ער ווארט אלץ אויפן זיג...

מישקא און וואלעט זענען געגאנגען לעבן פארקן, זיך איינהערנדיק אין ליד, וואס איז איבערגעשניטן געווארן דורכן הילכיקן פערדישן הירזשען, וואס האט זיך דערטראגן פון דער לאנקע.

ווען דער בריוו איז אנגעקומען,
אז מיין ליבסטער לעבט נישט מער,
אין די קוסטעס ליגט ער דארטן,
קומט שוין קיינמאל נישט אהער...

זיך אומקוקנדיק, א פינקל טוענדיק פון אונטערן טיכל אפער מיט די גרויע אויגן, האט מאריע שוין נישט אראפגענומען דעם בליק פון דורכגייענדיקן מישקען און, שמייכלענדיק מיטן ווייספארשפריצטן פנים, ווייטער געפירט מיטן נידעריקן, הארציקברוסטיקן קול:

...און די לאָקן זיינע בלאָנדע
פלאַטערן, פון ווינט צעפליקט,
און די אויגן זיינע שוואַרצע
האָט אַ ראָב שוין אויסגעפּיקט.

מישקאַ האָט אַ שמייכל געטון צו איר ליבלעך, ווי תמיד אין זיין באַציִונג מיט פרויען; צו דער חתונה-געהאַטער פעלאַגעען, וואָס האָט געמישט דאָס ליים, האָט ער געזאָגט:

— הייב אונטער העכער, וואָרים אַזוי זעט מען נישט דורכן פאַרקן!

— וועסט וועלן, — וועסטו זען, — האָט יענע זיך פאַרשמורעט.

מאַריע איז געשטאַנען אויף דער לייטער מיט פאַרלייגטע הענט אויף די היפטן; זי האָט זיך אַרומגעקוקט און פאַרבענקט געפרעגט:

— וואו ביסטו געווען, ליבינקער?

— איך האָב געכאַפּט פיש.

— גיי נישט אַוועק ווייט, מיר וועלן אַריינגיין אין שייער זיך אַ ביסל דורכשלאָפן.

— אָט גייט ער, דער שווער דיינער, בושהניצע!

מאַריע האָט אַ קנאַק געטון מיט דער צונג און, צעלאַכנדיק זיך, אַ פאַך געגעבן מיטן איינגעטונקענעם בערשטל אין מישקעס זייט אַריין. ווייסע שפּריצן זענען געפאַלן אויף זיין סורדוט און היטל.

— דו וואָלסט אונז כאָטש וואָלעטן אויסגעבאָרגט. ער וואָלט אונז על-כל-פנים צוגעהאָלפן די כאַטע אויפרוימען! — האָט זי נאָכגעשריגן די יינגערע שנור, אַנטפלעקנדיק אין שמייכל איר מויל גלייכע ציין, ווייסע ווי צוקער.

מאַריע האָט עפּעס געזאָגט מיט אַ האַלב קול, די באַבעס האָבן אַרויסגעזעצט מיט אַ געלעכטער.

— אַן אויסגעלאָסענע צויג! — האָט וואָלעט זיך אָנגעכמורעט און גענומען שטעלן שנעלערע טריט, נאָר מישקאַ האָט מיט אַ פאַרבענקטן צאַרטן שמייכל אים אויסגעבעסערט:

— נישט קיין אויסגעלאָסענע, נאָר אַ פריילעכע. איך וועל אַוועקגיין, וועט זי דאָ בלייבן, די ליבינקע. „דו זײ געזעגנט, ליבסטע מיין!" — האָט ער אַ זאָג געטון מיט די ווערטער פון אַ ליד, אַרײנגײיענדיק אין טירל פון זיין הויף.

XXIII

נאָך קאָשעוואָיס אַוועקגיין זענען די קאָזאַקן געזעסן אַ געווויסע צייט שווייגנדיק. איבערן כוטאָר האָט זיך געוויגט דאָס אַלאַרמירנדיקע קלינגען, די פענסטער פון די כאָטעס האָבן דראָבנע געציטערט. איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער. פון דער שאָפע איז אויף דער ערד געפאַלן אַ ווייכער פרימאָרגנדיקער שאָטן. דאָס געקרייזלטע גראָז איז גראָ געווען פון טוי. דער הימל האָט אפילו דורך די שויבן געלויכטן מיט דורכזיכטיקער בלויקייט. איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט אַ קוק געטון אויף כריסטאָניעס געזונקענעם, צעשויבערטן קאָפּ.

— אפשר וועט זיך מיט דעם שוין פאַרענדיקן? די מיגולינער האָבן זיי צעשלאָגן, וועלן זיי זיך שוין מער נישט שטופן...

— וואָס רעדסטו... — גריגאָרי האָט אינגאַנצן אַ פלאַטער געטון, — אויב זיי האָבן נאָר אָנגעהויבן — וועט עס שוין גיין ווייטער! נו, וואָס-זשע, מיר וועלן גיין אויפן מיידאַן?

איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט אויסגעשטרעקט די האַנט נאָכן היטל; ווי זוכנדיק אַן ענטפער אויף זיינע ספקות, האָט ער געפרעגט:

— וואָס־זשע, חברה, צי זענען מיר נישט טאַקע פאַרזשאַווערט געוואָרן? מיכאַיל איז אַ טיכטיקער חברהמאַן, כאָטש ער איז אַ צו היציקער... ער האָט אונז אָרייַנגעזאָגט.

קיינער האָט אים נישט געענטפערט. זיי זענען שווייַגנדיק אַרויסגעגאַנגען, פאַרנעמענדיק זיך אין דער ריכטונג פון פלאַץ.

איוואַן אַלעקסעיעוויטש איז געגאַנגען, קוקנדיק פאַרטראַכט אויף זייַנע פיס. ער האָט געהאַט געוויסנסביסן, וואָס ער איז נישט געווען אויפריכטיק און נישט געטון אַזוי, ווי זייַן שכל האָט אים אונטערגעזאָגט. גערעכט זענען געווען וואַלעט און קאָשעוואָי; מען האָט געדאַרפט אַוועקגיין, און נישט וואַקלען זיך. די באַרעכטיקונג, וואָס דער געדאַנק האָט אים אונטערגערוקט, איז געווען נישט זיכער, און דאָס שכלדיקע שפּאָטישע קול, וואָס האָט כסדר גערעדט אין אים, האָט זי צעדריקט, ווי אַ פערדישע קאָפּיטע — דאָס שיימל אייז אויף אַ קאַלוזשע. דאָס אייַנציקע, וואָס איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט פעסט באַשלאָסן, איז געווען, — באַלד ביים ערשטן צוזאַמענשטויס אַריבערצולויפן צו די באָלשעוויקעס. דערדאָזיקער באַשלוס איז אין אים צייטיק געוואָרן, בשעת זיי זענען געגאַנגען צום מיידאַן, אָבער ער האָט דאָס נישט געזאָגט נישט גריגאָריען, נישט כריסטאָניען, אומקלאָר פאַרשטייענדיק, אַז זיי לעבן איבער עפּעס אַנדערש און טיף אין האַרץ שוין מורא האָבנדיק פאַר זיי. צוזאַמען, אינדרייען, האָבן זיי אָפּגעוואָרפן וואַלעטס פאָרשלאַג, נישט געגאַנגען, פאַררופנדיק זיך אויף די פאַמיליעס, בשעת איטלעכער פון זיי האָט געוואוסט, אַז דאָסדאָזיקע פאַררופן זיך איז נישט איבערצייַגנד און קאָן נישט דינען אַלס באַרעכטיקונג. אַצינד האָבן זיי, יעדער אויף זייַן שטייגער, זיך געשעמט אייַנער פאַרן אַנדערן, ווי זיי וואָלטן אָפּגעטון אַ מיאוסע שענדלעכע זאַך. זיי זענען געגאַנגען שווייַגנדיק; קעגנאיבער מאָכאָווס הויז האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש נישט אויסגעהאַלטן דאָס פאַרלעגענע שווייַגן און געזאָגט, שטראָפנדיק זיך אַליין און די חברים:

— עס איז נישטאָ וואָס צו באַהאַלטן: פון פראָנט האָבן מיר זיך אומגעקערט אַלס באָלשעוויקעס און, אַצינד קריכן מיר אין די קוסטעס אַריין! זאָלן אַנדערע פאַר אונז מלחמה האַלטן, און מיר וועלן דערווייל מיט די באַבעס...

— איך האָב שוין גענוג מלחמה געהאַלטן, — זאָלן אַנדערע פּרוּוון, — האָט גריגאָרי אַ בורטשע געטון, זיך אַוועקדרייענדיק.

— וואָס־זשע... זיי פירן זיך אויף ווי רוצחים, און מיר זאָלן נאָך צושטיין צו זיי? וואָס איז דאָס פאַר אַ רויטע גוואַרדיע! פרויען פאַרגוואַלטיקן זיי, פרעמד פאַרמעגן רויבן זיי. דאָ דאַרף מען זיך מישב זיין. אַ בלינדער ווערט תמיד אין די ראָגן געשטרויכלט.

— און דו האָסט דאָס מיט די אייגענע אויגן געזען, כריסטאָניאַ? — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש שטרענג געפרעגט.

— מענטשן זאָגן.

— אַ־אַ... מענטשן...

— נו, גענוג! עס פעלט אונז נאָך, מען זאָל הערן, וואָס מיר רעדן.

דער מיידאַן האָט פאַרביק געבליט מיט קאָזאַקישע לאַמפּאַסן, היטלען, דאָ און דאָרט האָט ווי אַן אינזעלע זיך געשוואַרצט אַ צוויטיקע פאַפּאַכע. עס האָט זיך פאַרזאַמלט דער גאַנצער כוטאָר. קיין פרויען זענען נישט געווען. בלויז אַלטע לייט, קאָזאַקן פון מיליטערישן עלטער און יונגוואַרג. פאָרויס, אָנגעלענט אויף די שטעקנס, זענען געשטאַנען די אַלטע: פרידנס־ריכטער, מיטגלידער פון צערקווע־ראַט, אויפזעער פון די שולן און דער עלטסטער פון דער צערקווע. גריגאָרי האָט געבלאָנזשעט מיט די אויגן, געזוכט דעם פאָטערס שוואַרצלעך־גרויע באָרד. דער אַלטער מעליעכאָוו איז געשטאַנען צוזאַמען מיטן מחותן מיראָן גריגאָריעוויטש. פאָרויס זיי, אין אַ גרויען פאַראַדנעם מונדיר מיט אַלע אויסצייכענונגען, איז געווען אָנגעלענט אויף אַ סענקאַטן שטעקן דער זיידע גרישאַקאַ. לעבן מחותן — דער רויטער, ווי אַן אַפּל, אַוודעיִטש ברעך, מאַטוועי קאַשולין, אַרכיפּ באָגאַטירעוו, אַטיעפין

צאַצאַ, וואָס האָט זיך אויסגעשלייערט אין אַ קאָזאַקיש היטל; ווייטער אין אַ גרויס האַלב-ראָד, שטאַכעטנמעסיק — באַקאַנטע פּערזאָנען: דער בערדיקער יעגאָר סינילין, יאַקאָוו פּאָדקאָווא, אַנדרעי קאַשולין, ניקאָלאַי קאָשעוואָי, דער הויכער באַרשטשעוו, אַניקושקאַ, מאַרטין שאַמיל, דער לאַנגער מילנער גראָמאָוו, יאַקאָוו קאָלאָוויעדין, מערקולאָוו, פעדאָט באָדאָווסקאָוו, איוואַן טאָמילין, עפּיפאַן מאַקסייעוו, זאַכאַר קאָראָליעוו, אַוודעיטש ברעכס זון — אַנטיפּ, אַ נידעריק קאָזאַקל מיט אַ פאַרריסענער נאָז. דעם ברודער פּיאָטער האָט גריגאָרי דערזען, אַריבערגייענדיק אויף דער צווייטער זייט קרייז. פּיעטראָ, אין אַ בלוזע מיט אָראַנזש-שוואַרצע געאָרגי-בענדלעך, האָט געשפּאַסט מיטן אָנהענטיקן אַליאָשקאַ שאַמיל. לינקס פון אים האָבן גרין געשימערט די אויגן פון מיטקאַ קאָרשונאָוו, וועלכער האָט אַלעמאָל אַ צי געטון פון פראָכאָר זיקאָווס פּאַפּיראָסל. פראָכאָר האָט אים צוגעהאָלפן, אַרויסקייקלענדיק די קעלבערנע אויגן, טשמאָקענדיק מיט די ליפּן — עס זאָל זיך בעסער רייכערן. פון הינטן האָבן זיך געשטופּט די יונגע קאָזאַקן; אין מיטן רעדל, ביי אַ הינקענדיק טישל, וואָס האָט זיך איינגעגראָבן מיט אַלע פיר פיס אין דער ווייכער, נישט אויסגעטרונקטער ערד, איז געזעסן דער פאָרזיצנדער פון רעווקאָם אין כוטאָר, נאַזאַר, און לעבן אים, זיך אָנשפּאַרנדיק מיט דער האַנט אָן בלאַט פון טיש, איז געשטאַנען אַ סאָטניק, וועלכן גריגאָרי האָט נישט געקענט, אין אַ היטל פון האַקי-קאָליר מיט אַ קאָקאַרדע, אין אַ קורטקע מיט שליפּעס און שמאָלע גאַליפע, אויך פון האַקי-קאָליר. דער פאָרזיצער פון רעווקאָם האָט אים עפּעס געזאָגט אין פאַרלעגנהייט, דער סאָטניק האָט אויסגעהערט עטוואָס אָנגעבויגן, צונייגנדיק דאָס גרויסע אָפּשטאַרנדיקע אויער צו דער באָרד פון פאָרזיצער. דער מיידאַן איז, ווי אַ בינשטאָק, פול געוואָרן מיט אַ שטיל גערויש. די קאָזאַקן האָבן געשמועסט צווישן זיך, געשפּאַסט. אָבער די פּנימער פון אַלע זעענען געווען אָנגעשטרענגט. ביי עמעצן האָט געפּלאַצט דאָס געדולד פון וואַרטן, און ער האָט מיט אַ יונג קול אויסגעשריגן:

— הייבט אָן! וואָס וואַרט איר? כמעט אַלע זענען שוין פאַרזאַמלט!

דער אָפיציר האָט פריי זיך אויסגעגלייכט, אַראָפּגענומען דאָס היטל, אָנגעהויבן רעדן פּשוט, ווי צווישן אייגענע.

— הערן אַלטע לייט, און איר, ברידער, פראָנט־קאָזאַקן! איר האָט געהערט, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין סיעטראַקאָוער כוטאָר?

— ווער איז ער? פונוואַנען? — האָט כריסטאָניאַ אַ פרעג געטון מיט אַ באַס.

— אַ וויעשענסקער, פון שוואַרצן טייכל, סאָלדאַטאָוו, דאַכט זיך... — האָט עמעצער געענטפערט.

— קיין סיעטראַקאָוו, — האָט דער סאָטניק ווייטער גערעדט, — איז די טעג אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג פון דער רויטער גוואַרדיע. די דייטשן האָבן פאַרנומען אוקראַינע און, צורוקנדיק זיך צום געביט פון די דאָנער חיילות, האָבן זיי דידאָזיקע אָפּטיילונג אָפּגעוואָרפן פון דער באַן־ליניע. צוליב דעם האָט זי זיך אַוועקגעלאָזט אין דער מיגולינער סטאַניצע. פאַרנעמענדיק דעם כוטאָר, האָבן זיי אָנגעהויבן רויבן דאָס פאַרמעגן פון די קאָזאַקן, פאַרגוואַלטיקן קאָזאַטשקעס, דורכפירן אומגעזעצלעכע אַרעסטן און אַזוי ווייטער. ווען דאָס געשעעניש איז באַקאַנט געוואָרן אין די אַרומיקע כוטאָרן, זענען די קאָזאַקן מיט געווער אין דער האַנט אָנגעפאַלן אויף די רויבער. די אָפּטיילונג איז האַלב פאַרניכטעט געוואָרן, האַלב גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. צו די מיגולינער זענען אַריינגעפאַלן רייכע טראָפעען. די מיגולינער און קאַזאַנער סטאַניצעס האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם יאָך פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט. די קאָזאַקן פון קליין ביז גרויס זענען אויפגעשטאַנען צו פאַרטיידיקן דעם שטילן דאָן. אין וויעשענסק איז דער רעווקאָם צעטריבן געוואָרן, ס'איז אויסגעקליבן געוואָרן אַן אַטאַמאַן פון דער סטאַניצע, אין די מערסטע טייל כוטאָרן — דאָס זעלבע.

אויף דעם אָרט פון סאָטניקס רעדע האָבן די אַלטע לייט אָנגעהויבן איינגעהאַלטן מירמלען; דער פּאָרזיצער פון רעווקאָם האָט זיך גענומען דרייען אויף דער שטול, ווי אַ וואָלף, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַסטקע.

— אומעטום זענען פאָרמירט געוואָרן אָפּטיילונגען. איר וואָלט אויך געדאַרפט פאָרמירן פון די פראָנט־קאָזאַקן אַן אָפּטיילונג, כדי צו פאַרזיכערן די סטאַניצע פאַר אַ נייעם אָנפאַל פון די ווילדע רוצחישע האָרדעס! מיר דאַרפן צוריק אויפשטעלן אונזער אייגענע רעגירונג! קיין רויטע מאַכט דאַרפן מיר נישט, — זי ברענגט מיט זיך בלויז אויסגעלאַסנקייט און נישט קיין פרייהייט! מיר וועלן דאָך נישט דערלויבן, אַז פויערים זאָלן שענדן אונזערע ווייבער און שוועסטערן, אַז זיי זאָלן אָפּשפּעטן פון אונזער פּראָוואָסלאַווער אמונה, חוזק מאַכן פון אונזערע הייליקע געבעט־הייזער, רויבן אונזער פאַרמעגן און אָפּגעירשנטע גיטער... נישט אַזוי, הערן אַלטע?

דער מיידאַן האָט איינשטימיק אַ יאָכץ געטון:

— א־מ־ת!

דער סאָטניק האָט אָנגעהויבן לייענען אַן אויפרוף, וואָס איז געדרוקט געווען אויף אַ שאַפּיראָגראַף. דער פּאָרזיצער האָט עוקר געווען פון הינטערן טישל אַפּער, איבערלאָזנדיק עפּעס פּאַפּירן. דער עולם האָט אויסגעהערט, נישט פאַרלירנדיק קיין וואָרט. פון הינטן האָבן נאַכלעסיק זיך דורכגעשמועסט די פראָנט־קאָזאַקן.

גריגאָרי האָט זיך אַרויסגערוקט פון עולם, ווי נאָר דער אָפיציר האָט אָנגעהויבן לייענען; אַוועקלאָזנדיק זיך אַהיים, איז ער אייליק געגאַנגען צום ראָג פון פּאָטער וויסאַריאָנס הויז. מיראָן גריגאָריעוויטש האָט באַמערקט זיין אַוועקגיין און אַ שטויס געטון פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטשן מיטן עלנבויגן אין דער זייט אַריין.

— זע, דיין יינגערער איז אַוועקגעגאַנגען!

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אַרויסגעהינקט פון ראָד, מיט אַ בעטנדיקן און באַפעלערישן טאָן אַ רוף געטון:

— גריגאָרי!

יענער האָט זיך זייטיק אויסגעדרייט, שטיין געבליבן, זיך נישט אומקוקנדיק.

— קער דיך אום, זונישי!

— וואָס גייסטו אַוועק? קער דיך אום! — האָט זיך דער־הערט אַ ברומען פון קולות, און אַ וואַנט פון פנימער האָט זיך אויסגעדרייט צו גריגאָריען.

— און דאָס האָט ער אַזוי צו אָפּיציר זיך דערדינט!
— ער האָט נישט וואָס מיט דער נאָז צו דרייען!
— ער אַליין איז ביי זיי געווען!
— אויך געגוג קאָזאַקיש בלוט זיך אָנגעטרונקען...
— רויטער טרעלבויך!

די אויסגעשרייען האָבן דערגרייכט גריגאָריעס געהער. צו־נויפדריקנדיק די ציין, האָט ער געהערט, אפנים קעמפנדיק מיט זיך אַליין; עס האָט זיך געדאַכט, נאָך אַ מינוט — און ער וועט אַוועקגיין און אפילו זיך נישט אומקוקן.

פּאַנטעלעי און פּיעטראָ האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווען גריגאָרי האָט זיך אַ וואַקל געטון און גענומען גיין צום עולם, נישט אויפהייבנדיק די אויגן.

די אַלטע לייט האָבן זיך גאָר צעפלאַקערט. מיט זעלטענער שנעלקייט איז גלייך אויפן אָרט אויסגעקליבן געוואָרן אַלס אַטאַ־מאַן מיראָן גריגאָריעוויטש קאָרשונאָוו. די פּיעגעס אויף זיין בלייך פּנים זענען גרוי געוואָרן. ער איז אַרויסגעטרעטן אין מיטן אַריין, שעמעוודיק איבערגענומען פון די הענט פון פריערדיקן אַטאַמאַן דעם סימבאָל פון דער מאַכט — דעם אַטאַמאַן־שטעקן מיטן מעשענעם שפּיץ. ביז איצט איז ער נאָך קיינמאָל נישט געווען קיין אַטאַמאַן; ווען מען פלעגט אים אויסקלייבן — פלעגט ער מאַכן צערעמאָניעס, זיך אָפּזאָגן, טענהן, אַז ער איז נישט ווערט אַזאַ כבוד און אַז ער קען ווייניק שרייבן, אָבער די אַלטע זענען אים באַפאַלן מיט זייערע אויסגעשרייען:

— נעם דעם אַטאַמאַן־שטעקן! שטעל דיך נישט אָקעגן, גריגאָריטש!

— דו ביסט דער בעסטער באַלעבאָס בײַ אונז אין כוטאָר!

— װעסט דאָס פאַרמעגן פון כוטאָר נישט אויסברענגען!

— געדענק, זאָלסט נאָר די פײַען פון כוטאָר נישט פאַר־שיכורן, װי סעמיאָן!

— נו־נו... ער װעט דיר פאַרשיכורן!...

— ס'איז דאָ בײַ אים װאָס צו נעמען אין הויף!

— מיר װאָלטן אים, װי אַ שעפּס אָפּגעשינדן!...

אַזוי אומגעװײנלעך זענען געװען די װאַלן און די גאַנצע האַלב־מיליטערישע סיטואַציע, אַז מיראָן גריגאָריעװיטש האָט מסכּים געװען אָן איבעריקע בקשות. מען האָט געקליבן נישט אַזוי װי פריער. עס פלעגט קומען צו פאָרן דער אַטאַמאַן פון דער סטאַניצע, צוניפּרופן די צענדליק־עלטסטע, די קאַנדידאַטן זענען באַלאָטירט געװאָרן, און דאָ — פּשוט, אָן קונצן: „װער ס'איז פאַר קאָרשונאָװן — בעט איך אַריבערצוגיין רעכטס". די גאַנצע מחנה איז אַריבער אויף רעכטס, בלויז דער שוסטער זינאָװוי, װאָס האָט געהאַט אויף קאָרשונאָװן אַ בײז האַרץ, איז שטײן געבליבן אײנער אַלײן, װי אַן אָפּגעסמאַליעטער פּיען אין פעלד.

דער פאַרשװיצטער מיראָן גריגאָריעװיטש האָט נישט באַװיזן מיטן אויג אַ מרוגע צו טון, — װי מען האָט אים שוין אַרײַנגע־רוקט דעם אַטאַמאַן־שטעקן אין דער האַנט און גענומען שרײַען פון װײַטנס און האַרט בײַ זײַן אויער:

— שטעל משקה!

— אַלע האָבן געשטימט פאַר דיר!

— מען דאַרף באַגיסן!

— הײבן דעם אַטאַמאַן!

אָבער דער סאָטניק האָט איבערגעריסן די אויסגעשרײַען און

געשיקט אַרויפגעפירט די פאַרזאַמלונג אויפן וועג פון דערליידיקן אַקטועלע פראַגן. ער האָט געשטעלט די פראַגע פון אויסוויילן אַ קאָמאַנדיר פאַר דער אָפטיילונג און, מסתמא, זיך שוין אינפאָרמירט אין וויעשענסק וועגן גריגאָריען, האָט ער, חנפענדיק אים, אויך געחנפעט דעם כוטאָר:

— עס וואָלט געווינטשן געווען צו האָבן אַלס קאָמאַנדיר — אַן אָפיציר! אַזוי אַרום וועט אין פאַל פון אַ שלאַכט זיין בעסער, און עס וועלן אויך זיין קלענערע פאַרלוסטן. און קיין העלדן פעלן דאָך נישט ביי אייך אין כוטאָר. איך קאָן אייך, סטאַניצע-לייט, נישט אָנוואַרפן מיין ווילן, נאָר פון מיין זייט וואָלט איך אייך רעקאָמענדירט דעם כאָרונזשע מעליעכאָוו.

— וועלכן?

— מיר האָבן דאָך צוויי.

בלאָנזשענדיק מיט די אויגן איבער דער מחנה, האָט דער אָפיציר זיך אָפגעשטעלט אויף גריגאָריעס געזונקענעם קאָפּ, וואָס האָט זיך געזען פון הינטן, — שמייכלענדיק, האָט ער אויסגע-שריגן:

— גריגאָרי מעליעכאָוו!... ווי איז אייער מיינונג, סטאַ-ניצע-לייט?

— אין אַ גוטער שעה!

— גריגאָר פּאַנטעלעיעוויטש! העלדישער חברהמאַן!

— טרעט אַרויס אין מיטן ראָד אַריין! טרעט אַרויס!

— די אַלטע ווילן דיך זען!

אונטערגעשטופּט פון הינטן, איז גריגאָרי, רויט ווערנדיק, אַרויסגעטרעטן אין מיטן אַריין און זיך אַרומגעקוקט, ווי אַ פאַר-פּאָלגטער.

— פיר אונזערע זין! — מאַטוועי קאַשולין האָט אַ קלאַפּ געטון מיטן שטעקן און זיך ברייט איבערגעצלמט. — פיר זיי, און זאָלן זיי ביי דיר אין חברותא זיך האַלטן, ווי די גענז ביי

אַ גוטן גאַנער; ווי יענער גיט אַכטונג אויף זיין סטאַדע און הינט זי אָפּ פון ווילדע חיות און מענטשן, אַזוי זאָלסטו זיי אויך היטן! זאָל דיר גאָט העלפן, זאָלסט נאָך צו פיר קרייצן זיך דערדינען!

— פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, דו האָסט שוין איינמאָל אַ זון!...

— ער האָט אַ גאָלדענעם קאָפּ! אַ חכם, דער הינטישער זון!

— לאָמער טייוול, שטעל כאָטש אַ פּערטעלע!

— כאַ-כאַ-כאַ!... לאָמיר באַ-גיי-סן!...

— הערן אַלטע! שטילער! אפשר זאָלן מיר רופן אַ צוויי, דריי יאָרגענג, כדי זיך צו באַגיין אָן פּריוווילִיקע? פּריוווילִיקע האָבן אַ ברירה יאָ צו גיין און נישט צו גיין...

— דריי יאָרגענג!

— פינף!

— פּריוווילִיקע דאַרף מען רופן!

— גיי אַליין, ווער... האַלט דיך?

צום סאָטניק, וואָס האָט וועגן עפּעס גערעדט מיטן נייעם אַטאַמאַן, זענען צוגעגאַנגען פיר אַלטע לייט פון אייבערשטן עק כוטאָר. איינער פון זיי, אַ דראָבנער אַלטיטשקער, אָן ציין, מיטן צונאָמען סמאָרטשאָק, באַקאַנט דורך דעם, וואָס ער האָט דאָס גאַנצע לעבן זיך געמשפּט און אַזוי אָפּט געפאָרן אין געריכט אַריין, אַז די איינציקע ווייסע קאָבילע, וואָס האָט זיך געפונען ביי אים אין דער באַלעבאַטישקייט, האָט אַזוי גוט שוין געקענט דעם וועג אַהין, אַז ס'איז גענוג געווען, איר שיכורער באַלעבאָס זאָל אַ פּאַל טון אין פורל אַריין און אַ געשריי טון מיט אַ קוויטשעדיקן דישקאַנט: „אין געריכט אַריין", — און די קאָבילע איז שוין אַליין אַוועק מיטן וועג צו דער סטאַניצע, — סמאָרטשאָק האָט אויסגעטון דאָס היטל און צוגעגאַנגען צום סאָטניק. די איבעריקע

אַלטע, איינער פון זיי — דער טיכטיקער, דורך אַלע געשעצטער באַלעבאָס, געראָסים באָלדירעוו, זענען שטיין געבליבן דערלעבן. סמאָרטשאָק, וועלכער האָט חוץ מיט אַלע זיינע מעלות זיך נאָך אויסגעצייכנט אויך מיט שיין רעדן, האָט דער ערשטער זיך געווענדט צום סאָטניק:

— אייער וואוילגעבוירנהייט!

— וואָס פאַרלאַנגט איר, הערן אַלטע? — דער סאָטניק האָט ליבלעך זיך אָנגעבויגן, אונטערשטעלנדיק דאָס גרויסע אויער מיטן ווייכן לעפל.

— אייער וואוילגעבוירנהייט, איר האָט, אפנים, ווייניק זיך אָנגעהערט וועגן אונזעריקן פון כוטאָר, וועלכן איר האָט באַשטימט פאַר אונז אַלס קאָמאַנדיר, אָבער מיר, אַלטע, טרעטן אַרויס קעגן דערדאָזיקער באַשטימונג, און — זענען באַרעכטיקט דערצו. מיר רופן אים אָפּ.

— וואָס הייסט, איר רופט אים אָפּ? און וואָס האַנדלט זיך?

— אין דעם, וואָס מיר קאָנען נישט האָבן קיין צוטרוי צו אים; ווייל ווי אַזוי קאָנען מיר אים געטרויען, אויב ער אַליין איז געווען אין דער רויטער גוואַרדיע, האָט געדינט ביי זיי אַלס קאָמאַנדיר און ערשט מיט צוויי חדשים צוריק זיך אומגעקערט צוליב דעם, וואָס ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן.

דער סאָטניק האָט זיך פאַררויטלט. זיינע אויערן זענען אַזוי ווי אָנגעשוואָלן געוואָרן פון בלוט-צופלוס.

— עס קאָן נישט זיין! איך האָב וועגן דעם נישט געהערט... מיר האָט קיינער וועגן דעם גאָרנישט געזאָגט...

— אמת, ער איז געווען ביי די באָלשעוויקעס, — האָט געראָסים באָלדירעוו שטרענג באַשטעטיקט. — מיר געטרויען אים נישט!

— טוישן אים! הערט, וואָס די יונגע קאָזאַקן זאָגן!

„ער, — זאָגן זיי, — וועט אונז אין דער ערשטער שלאַכט פאַרראַטן!"

— הערן אַלטע! — האָט דער סאָטניק אויסגעשריגן, זיך אונטערהייבנדיק אויף די שפּיץ־פינגער; ער האָט זיך געווענדט צו די אַלטע, כיטרע אויסמיידנדיק די פראָנט־קאָזאַקן. — הערן אַלטע! מיר האָבן אויסגעקליבן אַלס אָנפירער פון דער אָפּטיילונג דעם כאָרונזשי גריגאָרי מעליעכאָוו, אָבער צי איז נישטאָ קיין שטערונג פאַר דעם? מיר האָט מען נאָר־וואָס געמאָלדן, אַז ער אַליין איז ווינטער געווען אין דער רויטער גוואַרדיע. צי קאָנט איר אים געטרויען אייערע זין און אייניקלעך? און איר, ברידער פראָנטקעמפער, צי וועט איר מיט אַ רויִק האַרץ נאָכגיין אַזאַ קאָמאַנדיר?

די קאָזאַקן האָבן מבולבל געשוויגן. אָבער באַלד איז אויסגעבראָכן אַ געשריי, און צוליב די באַזונדערע געשרייען און אויסרופן האָט מען נישט געקאָנט פאַרשטיין קיין איין וואָרט. ערשט שפּעטער, ווען דער עולם האָט זיך גענוג אָנגעשריגן און ס'איז אַ ביסל שטילער געוואָרן, איז אין מיטן קרייז אַרויסגעטרעטן דער אַלטער באַגאַטירעוו מיט די געדיכט־צעוואַקסענע ברעמען, אויסגעטון דאָס היטל און זיך אַרומגעקוקט.

— איך מיט מיין נאַרישן שכל מיין אַזוי — אַז מיר וועלן גריגאָרי פּאַנטעלעיעוויטשן נישט איבערגעבן דעמדאָזיקן אַמט. ער האָט נאָך אויף זיך אַלטע עבירות, — מיר אַלע האָבן געהערט וועגן דעם. זאָל ער פריער געווינען אונזער צוטרוי, אויסקויפן זיין זינד, און מיר וועלן שפּעטער זען. אַ קעמפער — איז ער אַ גוטער, דאָס ווייסן מיר... אָבער דורכן נעפּל זעט מען אפילו די זון אויך נישט: מיר זעען נישט זיינע פאַרדינסטן — זיין דינען ביי די באָלשעוויקעס האָט אונז די אויגן פאַרשטעלט!...

— זאָל ער ווערן אַ פּראָסטער זעלנער! — האָט דער יונגער אַנדרעי קאַשולין היציק אויסגעשריגן.

— זאָל מען פּיאָטער מעליעכאָוון מאַכן פאַר קאָמאַנדיר!

— זאָל גרישקאַ אַ ביסל אין טאָבון זיך אַרומדרייען!

— דאָס וואָלט געהייסן שיין אויסגעקליבן!

— אָבער ווער בעט אייך דען! צו וועלכן טייוול דאַרף איך אייך! — האָט גריגאָרי פון הינטן געשריגן, רויט ווערנדיק פון אָנשטרענגונג; אַ מאַך געבנדיק מיט דער האַנט, האָט ער איבערגעחזרט: — איך אַליין וועל נישט אָננעמען! כאַפּט אייך דער טייוול! — האָט ער אַריינגערוקט די הענט אין די טיפע הויזן־קעשענעס און, אַ געהאָרבעטער, מיט ברייטע שפּרייזן פון אַ בושעל אַוועקגעגאַנגען אַהיים.

מען האָט אים נאָכגעשריגן:

— נו־נו! אַ ביסל איינגעהאַלטענער!...

— שוואַם שטינקענדיקע! ער האָט דעם האָרב זיינעם, ווי אַ רודער פאַרריסן!

— אָהאָ־האָ!

— דאָס טערקישע בלוט האָט זיך אין אים אָנגע־רופן!

— ער וועט נישט פאַרשווייגן, האָב קיין מורא נישט! ער האָט די אָפּיצירן אויף די פּאָזיציעס נישט פאַרשוויגן, וועט ער דאָ פאַרשווייגן...

— קער דיך אום!...

— כאַ־כאַ־כאַ!...

— האַלט אים! האַ! טיו! אוליו־ליו־ליו־ליו!...

— וואָס פאַררייסט איר דעם הינטן פאַר אים? מאַכט אַ געריכט איבער אים!

עס האָט לאַנג געדויערט ביז מען האָט זיך איינגעשטילט. עמעצער האָט וועמען אַ שטופּ געטון, ביי איינעם האָט מען גע־לאָזט בלוט פון דער נאָז, עמעצער פון די יונגע איז פלוצלינג באַרייכערט געוואָרן מיט אַ בייל אונטערן אויג. נאָכן אַלגעמיי־נעם איינשטילן זיך, איז מען צוגעטרעטן אויסקלויבן אַ פירער

פאַר דער אָפּטיילונג. מען האָט אויסגעקליבן פּיאָטער מעליע־כאָוון — און ער איז אַזש רויט געוואָרן פון שטאָלץ. נאָר דאָ האָט דער סאָטניק אָנגעטראָפן אויף אַ נישט פאָרגעזעענער שטע־רונג, ווי אַ היציק פערד אויף אַ צו הויכן באַריער: עס איז אָנ־געקומען די ריי צום פאַרשרייבן זיך אַלס פרייוויליקע, אָבער קיין פרייוויליקע זענען נישט געווען. די פראָנט־קאָזאַקן, וואָס האָבן מיט רעזערוו זיך באַצויגן צו דער גאַנצער געשעעניש, האָבן זיך געוואַקלט, נישט געוואָלט זיך פאַרשרייבן, אָפּגעקומען מיט גלייכווערטלעך:

— אַניקעי, פאַרוואָס פאַרשרייבסטו דיך נישט?

און אַניקושקאַ האָט געבורטשעט:

— איך בין נאָך יונג... איך האָב נאָך קיין וואָנסעס נישט...

— דו הער אויף צו שפּאַסן! וואָס ווילסטו — חוזק מאַכן פון אונז? — האָט דער אַלטער קאָשולין אים געשריגן אין אויער אַריין.

אַניקעי האָט זיך אָפּגעיאָגט, ווי פון אַ זשוזשענדיקן מוק:

— דיין אַנדריושען פאַרשרייב.

— איך האָב אים שוין פאַרשריבן!

— פראָכאָר זיקאָוו! — האָט מען אויסגערופן ביים טיש.

— איך!

— פאַרשרייבן?

— איך ווייס נישט...

— מיר האָבן פאַרשריבן!

מיטקאַ קאָרשונאָוו איז מיט אַן ערנסט פּנים צוגעגאַנגען צום טיש און אָפּגעהאַקט באַפוילן:

— פאַרשרייב מיך.

— נו, ווער נאָך האָט חשק?... — באָדאָווסקאָוו פּיע־דאָט... דו?

— איך בין געבראָכן, הערן אַלטע !... — האָט פּיעדאָט שטיל געשעפּטשעט, פאַרשעמט אַראָפּלאָזנדיק די שיקלדיקע קאַל־מיקישע אויגן.

די פּראָנט־קאָזאַקן האָבן אָפן געלאַכט, זיך געהאַלטן ביי די זייטן. בעלנים אויף אַ וויץ, — האָבן זיי געזאָגט:

— די באַבע דיינע נעם מיט... אַז די קישקע וועט זיך דיר אַראָפּלאָזן — וועט זי זי דיר אַריינמאַכן.

— אַך־כאַ־כאַ־כאַ !... — האָט מען זיך געקייקלט פון הינטן, הוסטנדיק, בליצנדיק מיט די ציין און בוימלדיקע אויגן פון לאַכן.

און פון דער צווייטער זייט איז ווי אַ פייגעלע אַריבערגע־פלויגן אַ נייער וויץ:

— מיר וועלן דיך מאַכן פאַר קוכער ! וועסט אָפּקאָכן אַ שלעכטן באָרשטש, וועט מען אַזוי פיל אין דיר אַריינגיסן, ביז די קישקע וועט דיר פון דער צווייטער זייט אַרויסקריכן.

— שנעל וועסטו נישט לויפן — מיט אַזעלכן איז צום בעסטן אָפּצוטרעטן.

די אַלטע האָבן געהאַט תרעומות, זיך געבייזערט:

— גענוג שוין ! גענוג שוין ! זע נאַר, אַ פרייד ס׳איז זיי באַפאַלן !

— געפונען אַ צייט, ווען זיך נאַריש צו מאַכן !

— אַ חרפה, יונגעלייט ! — האָט איינער רעזאָנירט. — און גאָט ? יאָ־יאָ ! ער וועט נישט מוחל זיין. דאָרט שטאַרבן מענטשן, און איר... און גאָט ?

— טאָמילין איוואַן, — דער סאָטניק האָט זיך אויסגעדרייט און אַרומגעקוקט.

— איך בין אַן אַרטילעריסט, — האָט טאָמילין זיך אָנ־גערופן.

— פאַרשרייבסט דיך ? אונז זענען אַרטילעריסטן אויך נייטיק.

— שרײַב... ע-עך!

זאַכאַר קאָראָלעוו, אַניקושקאַ און נאָך עטלעכע מאַן האָבן אָנגעהויבן חוזק מאַכן פון באַטאַרעיעץ.

— מיר וועלן דיר אויסהוילן אַ האַרמאַט פון אַ ווערבע!

— מיט קירביסן וועסטו אָנלאָדן, קאַרטאָפליעס אָנשטאָט קאַרטעטש!

אַזוי שפּאַסנדיק און לאַכנדיק האָבן זיך פאַרשריבן זעכציק קאָזאַקן. דער לעצטער האָט זיך געמאָלדן כריסטאָניאַ. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש און געזאָגט מיט באַטאָנונג:

— רײַב מיך אויך אַרײַן. אָבער איך זאָג פאָרויס, אַז שלאָגן וועל איך מיך נישט.

— נאָכוואָס-זשע פאַרשרײַבסטו דיך? — האָט דער סאָטניק דענערווירט געפרעגט.

— איך וועל זען, הער אָפיציר, איך וויל זען.

— פאַרשרײַבט אים, — דער סאָטניק האָט אַ דריק געטון מיט די אַקסלען.

פון מיידאַן אין מען זיך צעגאַנגען שיער נישט מיטאָגצײַט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן באַלד צומאָרגנס אַוועקצוגיין צו הילף די מיגולינער.

אינדערפרי האָבן פון די זעכציק פרײַוויליקע זיך פאַרזאַמלט אויפן פּלאַץ בלויז אַן ערך פערציק. פּיעטראָ, עלעגאַנט אָנגעטון אין אַ שינעל און הויכע שטיוול, האָט באַטראַכט די קאָזאַקן. אויף אַ סך האָבן זיך געבלויט אויפסנײַ אָנגענייטע שליפעס מיט די נומערן פון די פריערדיקע פולקן, אַנדערע זענען געווען אָן שליפעס. די זאָטלען אָנגעשוואָלן פון מיליטערישער לאָדונג: אין רימענס, אין טאָרבעס — עסנוואַרג, וועש, קוילן, מיטגענומענע אין זאַפּאַס פון פראָנט. ביקסן — נישט בײַ אַלע, קאַלט געווער — בײַ דער מערהייט.

אויפן פּלאַץ האָבן זיך פאַרזאַמלט באַגלייטן די מיליטערלייט — באַבעס, מיידלעך, קינדער, אַלטע לײַט. פּיעטראָ, פלינק אַרומרייטנדיק אויף זײַן אויסגערוט פערד, האָט אויסגעשטעלט

זיין האַלבע סאָטניע, באַטראַכט די פאַרשידנקאָליריקע פערד, די רייטער, אָנגעטועגע: ווער אין אַ שינעל, ווער אין אַ מונדיר, ווער אין אַ ברעזענטענעם רעגן־פּלאַשטש, און אַרויסגעגעבן דעם באַפעל צום אַוועקרייטן. די אָפּטיילונג האָט פּאַמעלעך זיך אויפגעהויבן אויפן באַרג אַרויף, די קאָזאַקן האָבן כמורנע זיך אומגעקוקט אויפן כוטאָר, אין די הינטערשטע רייען האָט עמעצער אויסגעשאָסן. אויפן באַרג האָט פּיעטראָ אָנגעטון די הענטשקעס, זיך צוגעגלעט די וואָנסעס פון ווייך־קאָליר און, אָנדרייענדיק דאָס פערד אַזוי, אַז ס'איז מיט דראָבנע טריטעלעך געגאַנגען זייטיק, — האָט ער אַ געשריי געטון, שמייכלענדיק און צוהאַלטנדיק זיך דאָס היטל מיט דער לינקער האַנט:

— סאָ־אָ־אָטניע, אויף מיין קאָמענדע! אין שנעל־געלויף, מאַרש!...

די קאָזאַקן, שטייענדיק אויף די רייט־אייזנס, האָבן אַ פּאָכע געטון מיט די נאַהייקעס און זיך אַ לאָז געטון אין שנעל־געלויף. דער ווינט האָט זיי געפּאַטשט איבער די פּנימער, געשויבערט די פערדישע וויידלען און גריוועס, צוגעזאָגט אַ רעגנדל. מען האָט אָנגעהויבן זיך דורכוואַרפן מיט ווערטער, זאָגן אַ וויץ. אונטער כריסטאָניען האָט זיך אַ שטרויכל געטון דאָס שוואַרצע, הויכע פערד. דער באַלעבאָס האָט עס מכבד געווען מיטן ראַפּניק, אויסגעזידלט; דאָס פערד האָט אויסגעבויגן דעם האַלז, איבערגעגאַנגען אין גאַלאָפּ, אַרויס פון דער רייע.

די פריילעכע שטימונג האָט נישט פאַרלאָזט די קאָזאַקן ביז דער קאַרגינער סטאַניצע. זיי זענען געגאַנגען אין דער פולער איבערצייגונג, אַז קיין שום מלחמה וועט נישט זיין, אַז די מיגולינער געשעעניש איז אַ צופעליקער אָנפאַל פון די באָלשעוויקעס אויף דער קאָזאַקישער טעריטאָריע.

XXIV

קיין קאַרגינסק זענען זיי אָנגעקומען פאַרנאַכט. אין דער סטאַניצע זענען שוין נישט געווען די פראָנט-קאָזאַקן — זיי זענען אַוועקגעגאַנגען קיין מיגולינסק. פּיעטראָ האָט באַפוילן זיין אָפּטיילונג אָראָפּצושטייגן פון די פערד אויפן פּלאַץ, לעבן מאַגאַזין פון סוחר לעוואָטשקין, און אַליין איז ער אַוועקגעגאַנגען צום אַטאַמאַן פון דער סטאַניצע אין דער וואוינונג אַריין. אים האָט אויפגענומען אַ הויך-געוואוקסיקער, פעסט-געבויטער אָפיציר. ער איז געווען אָנגעטון אין אַ לאַנגער, ברייטער בלוזע אָן שליפעס, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ קאַווקאַזער פּאַסיקל, אין קאָזאַקישע שאַראַוואַרן מיט לאַמפּאַסן, אַריינגעמאַכטע אין ווייסע וואָלענע זאָקן. אין ווינקל פון זיינע דינע ליפּן איז געהאָנגען אַ ליולקעלע. די ברוינע פינקלענדיקע אויגן האָבן געקוקט האַרט פון אונטערן שטערן אַפער. ער איז געשטאַנען אויפן גאַנעק און גערייכערט, קוקנדיק אויף פּיעטראָן, וואָס האָט זיך דערנענטערט. די גאַנצע מאַסיווע פיגור זיינע, די בולטע, אייזן-פעסטע מוסקול-וואַלן אונטער דער בלוזע אויף דער ברוסט און אויף די הענט האָבן דערציילט וועגן אומגעוויינטלעכער קראַפט.

— איר זענט — דער אַטאַמאַן פון דער סטאַניצע ?

דער אָפיציר האָט אַפּערגעלאָזט פון אונטער די אַראָפּגעהאָנגענע וואָנסעס אַ קנויל רויך און אַ זאָג געטון מיט אַ באַס :

— יאָ, איך — בין דער אַטאַמאַן פון דער סטאַניצע. מיט וועמען האָב איך דעם כבוד צו רעדן ?

פּיעטראָ האָט זיך פאָרגעשטעלט. דריקנדיק זיין האַנט, האָט דער אַטאַמאַן עפּוואָס אָנגעבויגן דעם קאָפּ :

— ליכאָווידאָוו פעדאָר דמיטריעוויטש.

פעדאָר ליכאָווידאָוו, דער קאָזאַק פון גוסינאָ-ליכאָווידאָווער כוטאָר, איז געווען אַ מענטש ווייט נישט קיין דורכשניטלעכער. ער האָט זיך געלערנט אין דער יונקער-שול, נאָכן פאַרענדיקן זי — פאַרשווינדן אויף אַ לאַנגער צייט. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט ער זיך פלוצלינג באַוויזן אין כוטאָר, מיט דער דערלויבעניש פון דער העכערער מאַכט אָנגעהויבן ווערבירן פרייוויליקע פון די אויסגעדינטע קאָזאַקן. אין ראַיאָן פון דער איצטיקער קאַרגינער סטאַניצע צונויפגעקליבן אַ סאָטניע דעצידירטע חברה-לייט און זיי אַוועקגעפירט קיין פערסיע. ער איז מיט זיין אָפּטיילונג דאָרט אָפּגעווען אַ יאָר און געדינט אַלס לייב-וואַך ביים שאַך. בשעת דער פערסישער רעוואָלוציע האָט ער זיך געראַטעוועט מיטן שאַך, אַנטלאָפן, פאַרלוירן די אָפּטיילונג און ווידער אַזוי אומגעריכט זיך באַוויזן אין קאַרגין. ער האָט מיטגעברענגט מיט זיך אַ טייל קאָזאַקן, דריי געיעג-פערד פון ריינעם אַראַבישן בלוט פון שאַכס צוכט-שטאַל, מיטגעברענגט רייכן רויב: טייערע טעפּיכער, זעלטן צירונג, זיידוואַרג פון די הערלעכסטע מוסטערן. ער האָט דורכגעהוליעט אַ חודש, אַרויסגעוואָרפן פון די קעשענעס פון די שאַראָווארן נישט ווייניק פערסישע גאָלד-מטבעות, אַרומגעריטן איבער די כוטאָרן אויף אַ מילך-ווייס פרעכטיק פערד מיט דינע פיס, וואָס האָט געטראָגן דעם קאָפּ, ווי אַ שוואַן; אַריינגעריטן דערמיט אין לעוואָטשקינס מאַגאַזין איבער די טרעפּלעך, געקויפט עפּעס, באַצאָלט, נישט אַראָפּשטייגנדיק פון זאָטל, און אַרויסגעריטן דורך דער קעגנאיבערדיקער טיר. פאַרשוואונדן איז פעדאָר ליכאָווידאָוו פונקט אַזוי אומגעריכט, ווי ער האָט זיך באַוויזן. צוזאַמען מיט אים איז פאַרשוואונדן זיין שטענדיקער באַגלייטער — דער קוריער, דער גוסינאָווער קאָזאַק, דער טענצער פאַנטעליושקאַ; עס זענען פאַרשוואונדן געוואָרן אויך די פערד און אַלץ, וואָס איז אַרויסגעפירט געוואָרן פון פערסיע.

אין אַ האַלב יאָר אַרום האָט ליכאָווידאָוו זיך באַוויזן אין

אַלבאַניע. פון דאָרטן, פון דוראַצאָ, זענען אָנגעקומען קיין קאַרגין אויפן נאָמען פון זיינע באַקאַנטע אָנזיכטקאַרטלעך מיט בלויע בערגיקע לאַנדשאַפטן און אויסטערלישע שטעמפּלען פון דער פּאָסט. דערנאָך איז ער אַריבערגעפאָרן קיין איטאַליע, דורכגעפאָרן די באַלקאַנען, געווען אין רומעניע, אין מערב-איראָפּע, שיער נישט אָנגעשפּאַרט אין שפּאַניע. דער נאָמען פון פעדאָר דמיטריעוויטש איז פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ געהיימנישפולן נעפּל. די אויסטערלישסטע מעשיות און השערות זענען וועגן אים אַרומגעגאַנגען איבער די כוטאָרן. מען האָט געוואוסט בלויז איינס — אַז ער איז נאָענט געווען צו די מאָנאַרכיסטישע קרייזן, האָט אָנגעהאַלטן באַציונגען אין פּיטער מיט הויכגעשטעלטע לייט, האָט געהערט צום פאַרבאַנד פון רוסישן פאָלק און געווען דאָרט אַן אָנגעזעענער מיטגליד. נאָר וועגן דעם, וואָס פאַר אַ מיסיע ער האָט אויסגעפירט אין אויסלאַנד, האָט קיינער נישט געוואוסט.

נאָכן אומקערן זיך פון אויסלאַנד האָט פעדאָר ליכאָווידאָוו זיך איינגעאָרדנט אין פּענזע, ביים דאָרטיקן גענעראַל-גובערנאַטאָר. אין קאַרגין האָבן באַקאַנטע געזען זיינס אַ פאָטאָגראַפיע און דערנאָך לאַנג געשאָקלט מיט די קעפּ און געקנאַקט מיט די צונגען: „נו, נו!...“ — „פעדאָר דמיטריעוויטש גייט באַרג-אַרויף!“ — „מיט וואָס פאַר אַ מענטשן ער האָט צו טון, הא?“ און אויף דער פאָטאָגראַפיע, מיט אַ שמייכל אויף זיין ברוין סערביש פּנים מיט דער געהאָרבעטער נאָז, האַלט פעדאָר דימיטריעוויטש אונטער בייַ דער האַנט די גובערנאַטאָרין, וואָס זעצט זיך אַריין אין אַ לאַנדאָ*. דער גובערנאַטאָר אַליין שמייכלט צו אים, ווי צו אַן אייגענעם. דער ברייטפּלייציקער קוטשער דערהאַלט קוים אין די אויסגעשטרעקטע הענט די לייצן. די פערד, בייסנדיק די צוימען, זענען גרייט זיך אַ ריס צו טון און צוועקטראָגן. פעדאָר דימיטריעוויטשס איין האַנט איז גאַלאַנט אויפגעהויבן צו דער האָריקער

* אָפענע קאָטש מיט פיר זיץ-פּלעצער.

פּאַפּאַכע, די צווייטע האָלט אונטער ווי אַ בעכער דער גובערנאַ־טאָרינס עלענבויגן.

נאָך עטלעכע יאָר אָפּוועזנהייט, שוין סוף 1917, איז פּעדאָר ליכאָווידאָוו אויפגעשוואומען אין קאַרגין, זיך דאָרט באַזעצט — ווי ער וואָלט בדעה געהאַט צו בלייבן אויף לאַנג. ער האָט מיט־געבראַנגט מיט זיך אַ ווייב, אַן אוקראַאינערין אָדער פּאָלקע, און אַ קינד; ער האָט פאַרנומען אויפן פּלאַץ אַ נישט גרויס הייזל פון פיר צימערן, דעם ווינטער פאַרברענגט אין אויסאַרבעטן עפּעס געהיימע פּלענער. דעם גאַנצן ווינטער (און דער ווינטער איז גע־ווען אַ שטרענגער, נישט ווי געוויינטלעך ביים דאָן!) זענען די פענסטער געשטאַנען ביי אים אָפן, — ער האָט פאַרהאַרטעוועט זיך און די פאַמיליע, אַרויסרופנדיק פאַרוואונדערונג ביי די קאָזאַקן.

אין פרילינג פון 1918, נאָך דער שלאַכט הינטער סיעטראַ־קאָוו, האָט מען אים אויסגעקליבן אַלס אַטאַמאַן. דאָ ערשט האָבן זיך אַנטוויקלט אין דער גאַנצער ברייט פעדאָר ליכאָווידאָווס אומ־געוויינטלעכע פעיקייטן. די סטאַניצע איז אַריינגעפאַלן אין אַזעלכע שטאַרקע הענט, אַז מיט אַ וואָך שפּעטער האָבן אפילו די אַלטע לייט געשאָקלט מיט די קעפּ. ער האָט אַזוי אויסגעשולט זיינע קאָזאַקן, אַז נאָך דער פאַרזאַמלונג פון דער סטאַניצע, נאָך זיין רעדע (גערעדט האָט ליכאָווידאָוו קלוג, נישט בלויז קראַפט, נאָר אויך שכל האָט די נאַטור אים נישט געקאַרגט) האָבן די אַלטע געריטשעט, ווי אַ סטאַדע בוהייען: „אין אַ גוטער שעה, אייער וואוילגעבוירנהייט! מיר בעטן אונטערטעניק!" — „אוודאי!"

דער נייער אַטאַמאַן האָט אָנגעפירט שטרענג. ווי נאָר מען האָט אין קאַרגין דערהערט וועגן דער שלאַכט הינטער סיעטראַ־קאָוו, האָבן גלייך אויפן צווייטן טאָג אין פולן קאָמפּלעט זיך אַהין אַוועקגעלאָזט אַלע פראָנט־קעמפער פון דער סטאַניצע. די פרעמד־צוגעקומענע (וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ דריטל איינ־

וואוינער פון דער סטאַניצע) האָבן לכתחילה נישט געוואָלט גיין, די זעלנער — פּאַרביסענע באָלשעוויקעס — האָבן פּראָטעסטירט, אָבער ליכאָווידאָוו האָט דורכגעפירט זיינס אויף דער פאַרזאַמלונג, די אַלטע האָבן אונטערגעשריבן זיין פאָרשלאָג וועגן באַזייטיקן פון דער סטאַניצע אַלע „פויערן", וואָס וועלן זיך נישט באַטייליקן אין דער פאַרטיידיקונג פון דאָן. און באַלד צומאָרגנס האָבן צענטליקער פורן, אָנגעפּאַקטע מיט זעלנער, מיט האַרמאָניעס און לידער, זיך שוין געצויגן קיין נאָפּאָלאָוו, דעם דאָרף ביי טשערניעצק. פון די פרעמד-צוגעקומענע זענען בלויז עטלעכע יונגע זעלנער, אונטער דער אָנפירונג פון וואָסילי סטאָראָזשענקאָ, וואָס האָבן געדינט אין ערשטן קוילנוואַרפער-פּולק, אַנטלאָפן צו די רויטגוואַרדייער.

דער אַטאַמאַן האָט גלייך לויטן גאַנג דערקענט אין פּיאָטערן אַן אָפיציר פון זעלנערישער אָפּשטאַמונג. ער האָט נישט איינגעלאַדן פּיאָטערן אין צימער אַריין, גערעדט מיט אַ טאָן פון גוטמוטיקער פאַמיליאַרישקייט:

— ניין, ליבינקער, איר האָט אין מיגולין גאָרנישט וואָס צו טון. דער ענין איז אַן אייך דערליידיקט געוואָרן — איך האָב נעכטן איינאָוונט דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע. פאָרט צוריק און וואַרט, ביז איר וועט באַקומען אַ באַפעל. די קאָזאַקן גיט אַ טרייסט! אַזאַ גרויסער כוטאָר — און האָט געגעבן בלויז פערציק קעמפער?! איר מעגט זיי דאָרט, די אויסוואורפן, גוט די משובן אָנרייסן! דאָ האַנדלט זיך דאָך אין זייערע פעלן! זייט געזונט, איך ווינטש אייך דערפאָלג!

ער איז אַריינגעגאַנגען אין הויז, מיט אומגעריכטער לייכטקייט טראָגנדיק זיין מאַסיוון קערפער, שאַרכנדיק מיט די פּאָדעשוועס פון די פּראָסטע שיך. פּיעטראָ איז אַוועקגעגאַנגען אויפן פּלאַץ צו די קאָזאַקן. זיי האָבן אים באַשיט מיט פראַגן:

— נו, וואָס?

— וואָס הערט זיך דאָרט ?

— מיר וועלן גיין קיין מיגולין ?

פיעטראָ האָט אַ שמייכל געטון, נישט פאַרבאָרגנדיק זיין פרייד.

— אַהיים ! מען איז זיך באַגאַנגען אָן אונז.

די קאָזאַקן האָבן געשמייכלט, — אין גרופּעסווייז אַוועקגעגאַנגען צו די פערד, וואָס זענען אָנגעבונדן געווען ביים פּאַרקן. כריסטאָניאַ האָט אַפילו אַ זיפץ געטון, — ווי אַראָפּוואַרפנדיק אַ באַרג פון די פּלייצעס, האָט ער אַ פּאַטש געגעבן טאָמילינען איבערן אַקסל :

— אַהיים, הייסט עס, האַרמאַטן-שיסער !

— האָבן זיך דאָס די באַבעס אַצינד נאָך אונז אָנגעבענקט.

— מיר וועלן באַלד רירן.

באַראַטנדיק זיך, האָבן זיי באַשלאָסן נישט צו נעכטיקן, נאָר גלייך אַרויסצורייטן. אויפזיצנדיק אויף די פערד, שוין אין אומאָרדענונג, זענען זיי אין אַ קופּע אַרויסגעריטן פון דער סטאַניצע. אויב קיין קאַרגין זענען זיי געגאַנגען אומגערן, זעלטן רייטנדיק שנעל, האָבן זיי פונדאַנען אַ לאָז געטון די פערד און זיך געטראָגן מיטן גאַנצן אימפּעט; ערטערווייז זענען זיי געריטן אין גאַלאָפּ ; די פאַרהאַרטעוועטע, נישט אויסגעפּאַרענע ערד האָט הויל אָפּגעקלונגען אונטער די קאָפּיטעס. ערגעץ נאָכן דאָן, נאָך די ווייטע קאַמען פון די בערגלעך האָט זיגזאַגיש זיך געבראָכן אַ בלויער בליץ.

אין כוטאָר אַריין זענען זיי אָנגעקומען אין מיטן דער נאַכט. אַראָפּלאָזנדיק זיך פון באַרג, האָט אַניקושקאַ אויסגעשאָסן פון זיין עסטרייכישער ביקס ; זיי האָבן אַ קנאַל געטון מיט אַ זאַלפּ, צו וויסן געבנדיק, אַז זיי קערן זיך אום. אַלס ענטפער האָבן אין כוטאָר זיך צעבילט די הינט און, פילנדיק די נאָענטע היים,

ציטערנדיק, האָט הייזעריק זיך צעהירזשעט עמעצנס אַ פערד. אי־בערן כוטאָר האָבן זיי זיך צעשיט אין פאַרשידענע זייטן.

מאַרטין שאַמיל האָט זיך געזעגנט מיט פּיאָטערן און מיט דערלייכטערונג אַ זאָג געטון:

— מיר האָבן שוין איינמאָל מלחמה געפירט! אַזוי טאַקע אין גוט!

פּיעטראָ האָט אַ שמייכל געטון אין דער פינסטערניש און אַוועקגעריטן צו זיין הויף.

צונעמען דאָס פערד איז אַרויסגעקומען פּאַנטעלעי פּראָ־קאָפּיעוויטש. ער האָט עס אויסגעזאָטלט און אַריינגעפירט אין שטאַל. אין דער כאַטע איז ער אַריינגעגאַנגען צוזאַמען מיט פּיעטראָ.

— מען האָט אָפּגעלייגט דעם מאַרש?

— אַהאַ.

— נו, דאַנקען גאָט! הלוואי שוין אויף שטענדיק.

דאַריע איז אויפגעשטאַנען, אַ דערהיצטע פון שלאָף. זי האָט דערלאַנגט דעם מאַן נאַכטעסן. פון צווייטן צימער איז אַריינגעקו־מען גריגאָרי, אַ האַלב־אָנגעטוענער; זיך קראַצנדיק די שוואַרצ־האָריקע ברוסט, האָט ער מיט חוזק זיך פאַרזשמורעט אויפן ברודער.

— וואָס, איר האָט געזיגט?

— אָט באַזיג איך דאָך — דעם איבערגעלאָזטן באָרשטש.

— נו, דאָס איז שוין זיכער. דעם באָרשטש וועלן מיר באַ־זיגן, באַזונדערס אויב איך וועל דיר נעמען צוהעלפן.

ביז ווייגאַכט האָט מען וועגן דער מלחמה אפילו נישט דערמאַנט. אָבער אין הייליקן שבת איז פון וויעשענסק אָנגעקומען אַ ספּעציעלער שליח, דאָס פאַרשוימטע פערד איבערגעלאָזט ביים טויער פון די קאָרשונאָווס, — קלאַפּנדיק מיט דער שווערד איבער די טרעפּלעך, אַרויפגעלאָפן אויפן גאַנעק.

— וואָס הערט זיך? — האָט אויף דער שוועל אים געפרעגט מיראָן גריגאָריעוויטש.

— איך דאַרף דעם אַטאַמאַן. איר זענט עס?

— מיר.

— באַוואָפנט גלייך די קאָזאַקן. איבער דער נאַגאַלינער ערד גייט פּאָדטיאָלקאָוו מיט דער רויטער גוואַרדיע. אָט איז אַ באַפעל, — צוזאַמען מיטן פּאַקעט האָט ער איבערגעקערט דעם פאַרפעצטן אונטערשלאַק פון היטל.

דער ציידע גרישאַקאַ האָט זיך פאַרנומען אויף אַ שמועס, איינשפּאַנענדיק די נאָז אין די ברילן; פון הויף איז אַריינגעלאָפן מיטקאַ. דעם באַפעל פון קריינז-אַטאַמאַן האָבן זיי געלייענט צוזאַמען. דער שליח, אָנשפּאַרנדיק זיך אָן געשניצטן פּאָרענטש, האָט צעריבן מיטן אַרבל די פּאַסן שטויב אויפן פּנים, וואָס איז אָפּגעשמיסן געווען פון ווינט.

דעם ערשטן טאָג ווייַנאַכט, נאָכדעם ווי זיי האָבן טועם געווען פון דער הייליקער סעודה, זענען די קאָזאַקן אַרויסגעריטן פון כוטאָר. דער באַפעל פון גענעראַל אַלפעראָוו איז געווען אַ שטרענגער, האָט געדראָט מיט אויסשליסן פון קאָזאַקישן שטאַנד, דעריבער זענען אויף פּאָדטיאָלקאָוון געגאַנגען שוין נישט קיין פערציק מאַן, ווי דאָס ערשטע מאָל, נאָר הונדערט אַכט, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען אויך אַלטע לייט, וואָס זענען באַהערשט געוואָרן פון פאַרלאַנג זיך צונויפצוטרעפן מיט די באָלשעוויקעס. צוזאַמען מיטן זון איז געריטן מאַטוועי קאַשולין מיט דער געפּרווירענער נאָז. אויף אַ נעבעכדיקער קאַבילקע האָט פאַראַדירט אין די פעדערשטע רייען אַוודעיטש ברעך, וואָס האָט דער גאַנצן יוגנט פריילעך געמאַכט די קאָזאַקן מיט זיינע אויסטערלישע מעשיות; עס איז געגאַנגען דער אַלטער מאַקסייעוו און נאָך עטלעכע ווייסבערדיקע... די יונגע זענען געגאַנגען אומגערן, די אַלטע — מיט גרויס חשק.

גריגאָרי מעליעכאָוו מיטן קאַפּטער פון רעגנמאַנטל אויפן

קאָפּ איז געריטן אין דער לעצטער רייע. פון טונקעלן הימל האָט געזיגן אַ רעגן. איבערן סטעפּ, וואָס איז באַדעקט געווען מיט העל גרינס, האָבן זיך געקייקלט וואָלקנס. הויך, אונטערן סאַמע קאָם פון די וואָלקנס איז געשוואומען אַן אָדלער. זעלטן פאָכענדיק מיט די פליגל, האָט ער זיי אויסגעשפּרייט, באַצוואונגען דעם ווינט, זיך געוויגט, אונטערגעכאַפּט פון לופט־שטראָם, מאַט בלישטשענדיק מיטן בראָנז פון די פעדערן, און געפלויגן אויף מזרח, זיך דער־ווייטערנדיק, אַלץ קלענער ווערנדיק.

דער סטעפּ האָט פייכט זיך געגרינט, בלויז ערטערווייז האָבן פאַרביק זיך אויסגעטיילט די פּאַריאָריקע געוויקסן, און אויפן רוקן פון הויכלאַנד האָבן ווי אויף דער וואָך געשימערט די בלויע בערגלעך.

אַראָפּלאָזנדיק זיך פון באַרג קיין קאַרגינסק, האָבן די קאָ־זאַקן באַגעגנט אַ קאָזאַקיש בחורל, וואָס האָט געטריבן אָקסן אויף דער פּאַשע. ער איז געגאַנגען, גליטשנדיק זיך מיט די באָרוועסע פיס און פאָכענדיק מיט דער בייטש. דערזעענדיק די רייטער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אויפמערקזאַם זיי באַטראַכט אויף די פערד מיט די פאַרבונדענע ווינדלען, וואָס זענען באַשפּריצט גע־ווען מיט בלאָטע.

— פונוואַנען ביסטו? — האָט איוואַן טאָמילין אים גע־פרעגט.

— אַ קאַרגין, — האָט דאָס בחורל פּיפּיק געענטפערט, שמייכלענדיק פון אונטער דער קורטקע אָפּער, וואָס איז פאַרוואָרפן געווען איבער זיין קאָפּ.

— אייערע קאָזאַקן זענען אַוועקגעגאַנגען?

— אַוועקגעגאַנגען. די רויטע גוואַרדיע זענען זיי געגאַנגען אויסהרגענען. און איר האָט נישט אַמאָל אַ ביסל טיטון אויף אַ פּאַפּיראָסל? האַ, פעטערקע?

— טיטון ווילסטו? — גריגאָרי האָט פאַרהאַלטן דאָס פערד.

דאָס קאָזאַקל איז צוגעשטאַנען צו אים, זיינע פאַרשאַרצטע שאַראָוואַרן זענען געווען נאַס, די לאַמפּאַסן האָבן רויט געגלאַנצט. ער האָט דרייסט געקוקט אין פּנים אַריין גריגאָריען, וועלכער האָט אַרויסגענומען דעם טיטון-בײַטל פון קעשענע, און וואָוילעריש גערעדט מיט אַ מילד טענאָרל:

— אָט דאָ באַלד, ווי נאָר איר וועט זיך אָנהייבן אַראָפּלאָזן, — וועט איר דערזען דערהרגעטע. נעכטן האָבן אונזערע קאָזאַקן געברענגט צו טרײַבן קיין וויעשעק רויטע געפאַנגענע און זיי אַוועק געלייגט... איך, פעטערקע, האָב געהיטן די בהמות אָט דאָרטן בײַם זאַמדיקן בערגל, און געזען, ווי זיי האָבן זיי מיט די שווערדן צעהאַקט. אוי, ווי שרעקלעך דאָס איז געווען! ווען זיי האָבן אָנגעהויבן מיט די שווערדן צו פאָכען, האָבן יענע גענומען אַזוי שרייען, אַזוי אָנגעהויבן לויפן... דערנאָך בין איך צוגעגאַנגען, געקוקט: צומייַנסט כינעזער. בײַ איינעם איז דער אַקסל אָפּגעהאַקט, ער אָטעמט שווער, און מען זעט, ווי דאָס האַרץ אינעווייניק וואַרפט זיך אין בלוט, און די לעבער איז אַזוי בלוי... אַזוי בלוי... שרעקלעך! — האָט ער איבערגעחזרט, וואונדערנדיק זיך, וואָס די קאָזאַקן שרעקן זיך נישט פון זיין דערציילן, אַזוי על-כּל-פּנים האָט ער באַשלאָסן, קוקנדיק אויף די גלייכגילטיקע און קאַלטע פּנימער פון גריגאָריען, כריסטאָניען און טאָמילינען.

ער האָט פאַררייכערט, אַ גלעט געטון דעם נאַסן האַלז פון גריגאָריעס פערד, געזאָגט: „אַ דאַנק" — און אַנטלאָפן צו די אָקסן.

בײַם וועג, אין אַ נישט טיפן גרוב, אַן אויסגעמוליעטן דורכן פרילינגס-וואַסער, צוגעדעקט מיט אַ דינעם שיכט ערד, זענען געלעגן די טויטע קערפּערס פון די דערהרגעטע רויט-אַרמייער. עס האָט זיך געזען אַ ברוין-און-בלוי פּנים, ווי בליי, מיט פאַרטרוקנט בלוט אויף די ליפּן; עס האָט זיך געשוואַרצט אַ באַרוועסער פוס אין אַ בלויען וואַטענעם הויז.

— ס'איז זיי שווער געווען אויפצורוימען... די אויסוואורפן! —

האָט כריסטאָניאַ טויב געשעפּטשעט און פּלוצלינג, אַ זעץ געבנדיק זיין פערד מיטן ראַפּניק, האָט ער איבערגעיאָגט גריגאָריען און אַוועקגעריטן באַרג אַראָפּ.

— נו, האָט אויך אויף דער דאָנער ערד זיך שוין בלוט באַוויזן, — האָט כריסטאָניאַ אַ שמייכל געטון, ציקנדיק מיט אַ באַק.

XXV

ביי בונטשוקן אין דער אָפּטיילונג האָט זיך געפינען דער קאָזאַק פון טאָטערישן כוטאָר מאַקסימקאַ גריאַזנאָוו. ער האָט פאַרלוירן זיין פערד אין דער שלאַכט מיט קוטיעפּאָווס אָפּטיילונג און פון דעמאָלט אָן געוואָרן אַן אומאויפהערלעכער שיכור און ליידנשאַפטלעכער קאָרטן־שפּילער. ווען מען האָט דערהרגעט דאָס פערד אונטער אים, — דאָס ברוינע פערד מיטן זילבערנעם שטריך איבערן גאַנצן רוקן, — האָט מאַקסימקאַ אָפּגעראַטעוועט דאָס זאָטל, געטראָגן עס פיר ווי״אָרסט און, זעענדיק, אַז ער וועט קיין לעבעדיקער נישט אַרויס פון די פּרייוויליקע, וואָס האָבן פאַרביסן אָנגעגריפן, האָט ער אָפּגעריסן דעם טייערן ברוסט־האַלטער, גענומען דאָס ציימל און אייגנוויליק אַוועק פון דער שלאַכט. אויפגעשוואומען איז ער ערשט אין ראָס־טאָוו. ער האָט בקרוב פאַרשפּילט אין „אָקע" די זילבערנע שווערד, וואָס ער האָט צוגענומען ביי אַן עסאַול, וועלכן ער האָט דער־הרגעט, פאַרשפּילט די רעשט פון געשפּאַן, וואָס ער האָט געהאַט, די שאַראָוואַרן, די געמזענע שטיוול און כמעט אַ נאַקעטער זיך באַוויזן ביי בונטשוקן אין צימער. יענער האָט אים אָנגעטון, צוגענומען צו זיך. מעגלעך, אַז מאַקסימקאַ וואָלט בעסער געוואָרן, אָבער אין דער שלאַכט, וואָס האָט אויסגעבראָכן הינטער ראָסטאָוו דעם 24־סטן אַפּריל, האָט אים געטראָפן אַ קויל אין קאָפּ, — איז אויסגערונען מאַקסימקעס בלויע אויג אויפן העמד אַראָפּ, האָט

גענומען פלייצן דאָס בלוט פון געעפנטן שאַרבן, ווי פון אַ קאַני־סערוון־פּושקע. ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען אויף דער ווייסער וועלט דער וויעשענסקער קאָזאַק גריאַזנאָוו — דער אַמאָליקער פערד־גנב און נעכטיקער ביטערער שיכור.

האָט בונטשוק זיך צוגעקוקט, ווי די גסיסה האָט אויסגע־קרומט מאַקסימקעס קערפּער און זאָרגעוודיק אויסגעווישט דאָס בלוט פון דער קוילנוואָרפער־לופע, וואָס האָט אַ שפּריץ געטון פון מאַק־סימקעס געלעכערטן קאָפּ.

באַלד איז אויסגעקומען אָפּצוטרעטן. בונטשוק האָט אַוועק־געפירט דעם קוילנוואָרפער. מאַקסימקאַ איז געבליבן זיך אָפּקילן אויף דער הייסער ערד, אַרויסגעשטעלט קעגן דער זון דעם טונקל־ברוינעם קערפּער מיט דער פּאַרריסענער בלוזע איבערן קאָפּ (שטאַרבנדיק, האָט ער אַליין געצויגן די בלוזע אויפן קאָפּ אַרויף, זיך געמאַטערט).

די אָפּטיילונג רויטגוואַרדייער, אײַנגאַנצן צונויפגעשטעלט פון סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון טערקישן פראָנט, האָט זיך באַפעסטיקט אויף דער ערשטער קרייצונג פון די גאַסן. אַ פליכיקער זעלנער אין אַ האַלב־אויסגעקראָכענער פּאַפּאַכע האָט צו־געהאָלפן בונטשוקן אַוועקשטעלן דעם קוילנוואָרפער. די אי־בעריקע האָבן געשאַפן קווער דעם געסל עפּעס ענלעכס צו אַ באַריקאַדע.

— קומט אויף כּיבוד! — האָט איינער אַ בערדיקער אַ שמייכל געטון, קוקנדיק נאָכן בערגל אויפן נאָענטן האַלבקרייז פון האָריזאָנט.

— אַצינד וועלן מיר זיי מכבד זיין!

— ברעך, סאַמאַראַ! — האָט מען געשריגן צו אַ פעסטן בחור, וואָס האָט אָפּגעריסן ברעטער פון אַ פּאַרקן.

— אָט זענען זיי! זיי רוקן זיך אַהער! — האָט אַ געשריי געטון דער פליכיקער, אַרויפקריכנדיק אויפן דאַך פון אַ בראָנפן־סקלאַד.

אַננאַ האָט זיך אַוועקגעלייגט לעבן בונטשוקן. די רויטגוואַרדייער האָבן געדיכט זיך אויסגעלייגט הינטער דער ציטוויליקער באַשיצונג.

אין דער צייט זענען איבערן שכנותדיקן געסל אַ מאַן ניין רויטאַרמייער, ווי קוראָפּאַטוועס איבער אַ שטעגעלע, אַריבערגעלאָפן הינטער דער וואַנט אַרונטער פון הויז אין ראָג. איינער האָט באַוויזן אויסצושרייען:

— זיי לויפן! קנאַלט!

אויף דער קרייצונג איז אויגנבליקלעך געוואָרן פוסט און שטיל און אין אַ מינוט אַרום, איבעריאָגנדיק דעם אויפגעהויבענעם שטויב, האָט זיך באַוויזן אַ רייטנדיקער קאָזאַק מיט אַ ווייסן לאַמפּאַס אויפן היטל, די ביקס צוגעדריקט צו דער זייט. ער האָט מיט אַזאַ קראַפט פאַרהאַלטן דאָס פערד, אַז עס האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף די הינטערשטע פיס. בונטשוק האָט באַוויזן אויסצושיסן פון רעוואָלווער. דער קאָזאַק איז צוגעפאַלן צום פערדישן האַלז און זיך אַוועקגעטראָגן צוריק. די סאָלדאַטן, וואָס האָבן באַדינט דעם קוילנוואַרפער, האָבן זיך געטאָפּטשעט אין אומאַנטשלאָסנקייט, צוויי פון זיי זענען אַנטלאָפן לענגאויס דעם פאַרקן און זיך אַוועקגעלייגט ביים טויער.

ס׳איז קענטיק געווען, אַז זיי וועלן באַלד זיך אַ וואַקל טון און אַנטלויפן. די שטילקייט, וואָס איז אָנגעשטרענגט געווען אויפן העכסטן אופן, די צעטומלטע בליקן האָבן נישט צוגעזאָגט קיין שטאַנדהאַפטיקייט... און פון דעם, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען שפּעטער, האָט בונטשוק ממשותדיק און שאַרף געדענקט איין מאָמענט: — דאָס טיכל אַראָפּגערוקט אויפן נאַקן, אַ צעשויבערטע און געענדערטע פון אויפרעגונג, וואָס האָט אויסגעזויגן דאָס בלוט פון איר פנים, איז אַננע אויפגעשפּרונגען און — מיט דער אויסגעשטרעקער ביקס אין דער האַנט — גענומען לויפן מיט אומזיכערע שטרויכלענדיקע טריט. זי האָט זיך אומגעקוקט צו די זעלנער, אָנגעוויזן אויפן הויז, הינטער וועלכן דער קאָזאַק איז פאַרשוואונדן

און מיט אויך אַזאַ געענדערט טויב קול אויסגעשריגן: „נאָך מיר!"

בונטשוק איז אויפגעשטאַנען. זיין מויל איז צעקרימט געווען פון אַן אומקלאָרן אויסגעשריי. ער האָט אַרויסגעכאַפּט די ביקס ביי אַ נאָענטן זעלנער, — פילנדיק אין די פיס אַ שרעקלעך ציטערן, זיך געלאָזט לויפן נאָך אַננען, שטיקנדיק זיך, שוואַרץ ווערנדיק פון דער גרויסער מאַכטלאָזער אָנשטרענגונג צו שרייען, רופן, אומקערן. פון הינטן האָט ער געהערט דאָס סאַפּען פון עטלעכע מאַן, וואָס זענען אים נאָכגעלאָפן, און מיט זיין גאַנץ וועזן געפילט עפּעס שרעקלעכס, וואָס לאָזט זיך נישט אויסבעסערן, די דערנענטערונג פון עפּעס אַן אויסטערלישער אַנטשיידונג. אין דעם אויגנבליק האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז איר האַנדלונג איז זינלאָז, אומבאַרעכנט, בחינמדיק, און וועט נישט מיטרייסן די איבעריקע.

נישט ווייט פון ראָג האָט ער פנים אל פנים זיך צונויפגעטראָפן מיט די קאָזאַקן, וואָס האָבן צוגאַלאָפּירט. אַן אָפּגעריסענער זאַלפּ פון זייער זייט, אַ פייפעריי פון קוילן, אַ יעמערלעכער האָזן-אויסגעשריי פון אַננען. און זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און וואַנזיניקע אויגן. ער האָט נישט געזען ווי די קאָזאַקן האָבן זיך צוריק אויסגעדרייט, נישט געזען, ווי די סאָלדאַטן פון די אַכצן, וואָס זענען געווען ביי זיין קוילנוואַרפער, האָבן זיי געיאָגט, אָנגעצונדן דורך אַננעס העלדנטאַט. זי, בלויז זי אַליין איז געווען פאַר זיינע אויגן, האָט קאָנוואולסיוו זיך געצאַפּלט פאַר זיינע פיס. נישט פילנדיק די הענט, האָט ער זי איבערגעדרייט אויף אַ זייט, כדי אויפצוהייבן און טראָגן ערגעץ. ער האָט דערזען אַ בלוטיקן פלעק אויף איר לינקער זייט און שטיקלעך פון בלויען קאַפּטנדל, וואָס האָבן נאָס זיך געקנייטשט אַרום דער וואונד, — פאַרשטאַנען, אַז די וואונד איז פון אַן אויפרייסנדיקער קויל, פאַרשטאַנען, אַז אַננאַ שטאַרבט, און דערזען דעם טויט אין אירע נעפּל־פאַרצוי ג

עמעצער האָט אים אַוועקגעשטופּט. אַנגען האָט מען אַוועקגעטראָגן אין נאָענטן הויף אַריין, אַוועקגעלייגט אין שאָטן, אונטערן דאַך פון דער שאָפּע.

דער פליכיקער זעלנער האָט געשטופּט אין דער וואונד אַריין שטיקער וואַטע און זיי אַוועקגעוואָרפן, אָנגעקוואָלענע און שוואַרץ־געוואָרענע פון בלוט. באַהערשנדיק זיך, האָט בונטשוק צעקנעפּלט אויף אַנגען דעם קאָלנער פון דער בלוזע, צעריסן דאָס העמד אויף זיך און, צודריקנדיק׳ שטיקער לייוונט צו דער וואונד, געזען ווי דאָס בלוט האָט זיך געבלעזלט, דורכלאָזנדיק לופט אין דער עפענונג אַריין, געזען ווי אַנגעס פנים איז ברוין־און־בלוי געוואָרן און דאָס שוואַרצע מויל איז פאַרקראַמפּט געוואָרן פון יסורים. די ליפּן האָבן געשלונגען לופט און די לונגען האָבן זיך געשטיקט: די לופט איז אַריינגעגאַנגען דורכן מויל און דורך דער וואונד. בונטשוק האָט צעריסן אויף איר דאָס העמד, אָן בושה אַנטבלויזט דאָס לייב, וואָס איז באַדעקט געווען מיט טויט־אַנגסטן. די וואונד האָט מען ווי עס איז פאַרשטאָפּט מיט אַ טאַמפּאָן*. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט אַנגע צוריק באַקומען דאָס באַוואוסטזיין. די איינגעפאַלענע אויגן האָבן געקוקט פון די שוואַרצע בלוי־אונטערגעצייכנטע ראַנדן אַרויס אויף איליען און זיך צוגעדעקט מיט די ציטערנדיקע וויעס.

— וואַסער! ס׳איז מיר הייס! — האָט זי אויסגעשריגן און אָנגעהויבן זיך וואַרפן און וויינען. — לעבן!... איליאַ־אַ־אַ!... ליבער!... אַ־אַ־אַ!...

מיט אָנגעשוואָלענע ליפּן איז בונטשוק צוגעפאַלן צו אירע פלאַמענדיקע באַקן, געגאָסן וואַסער פון טעפּעלע אויף איר ברוסט. דאָס וואַסער האָט ביז די ראַנדן אָנגעפילט די פאַרטיפונגען פון אירע אַקסל־ביינער, מאָמענטאַל אויסגעטרוקנט געוואָרן. אַ בראַנדיקע

* אַ קלומפּן גאַזע אָדער וואַטע.

היך האָט אַנגעץ פאַרצערט. וויפיל וואַסער בונטשוק האָט נישט געגאָסן אויף איר ברוסט, — האָט אַנגע אַלץ זיך געוואָרפן און געריסן פון די הענט.

— ס'איז הייס !... אַ פייער ברענט !...

פאַרלירנדיק די כּוחות און ביסלעכווייז קאַלט ווערנדיק, האָט זי דייטלעך אַרויסגערעדט:

— איליאַ, נאַכוואַס-זשע ? נו, דו זעסט דאָך, ווי פּשוט דאָס אַלץ איז... אַ מאָדנער ביסטו !... שרעקלעך פּשוט... איליאַ... ליבער, דו וועסט דער מאַמען ווי עס איז... דו ווייסט דאָך... — זי האָט האַלב געעפנט די אויגן, וואָס זענען פאַרשמעלערט געווען, ווי ביים לאַכן, און באַמיענדיק זיך גובר צו זיין די ווייטיק און שרעק, האָט זי אָנגעהויבן רעדן נישט דייטלעך, ווי שטיקנדיק זיך מיט עפּעס: — לכתּחילה אַן עמפּינדונג... אַ שטויס און אַ ברי... אַציגנד ברענט אַלץ... — און זי האָט זיך פאַרקרומט, דערזעענדיק די ביטערע אָפּווענדיקע באַוועגונג פון זיין האַנט. — לאָז צורו ! דאָס בלוט גיסט זיך אינעווייניק... דאָס הייטל פון די לונגען איז אָנגעקוואָלן מיט בלוט... עס איז שווער... אַך, ווי שווער ס'איז צו אָטעמען !...

אין די הפסקות האָט זי גערעדט אָפּט און אַ סך, ווי באַמיענדיק זיך אַרויסצוזאָגן אַלץ, וואָס האָט באַשווערט איר האַרץ. מיט גרענעצלאָזער אימה האָט בונטשוק באַמערקט, אַז איר פּנים לייכט אויף, ווערט דורכזיכטיקער, געלער אויף די שלייפן. ער האָט איבערגעפירט דעם בליק אויף די הענט, וואָס זענען אָן לעבן געלעגן לענגאויס דעם קערפּער, דערזען — די נעגל גיסן זיך אָן, ווי צייטיקע פלוימען, מיט ראָזער בלויקייט.

— וואַסער... אויף דער ברוסט... ס'איז הייס !

בונטשוק איז אַוועקגעלאָפן אין הויז אַריין נאָך וואַסער. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער אונטערן דאַך פון דער שאַפע שוין נישט געהערט אַנגעס כאָרכלען. די שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון זענען געפאַלן אויף איר מויל, וואָס איז

פאַרקראַמפּט געוועזן אין לעצטן גסיסה־צוק, אויף דער וואַקס־געל־ לער, נאָך וואַרעמער האַנט, וואָס איז צוגעדריקט געוועזן צו דער וואונד. לייכט צונויפדריקנדיק אירע אַקסלען, האָט ער זי אונטער־ געהויבן, אַ ווײַלע געקוקט אויף דער פאַרשפּיצטער נאָז מיט די קליינע טונקל־געוואָרענע זומערשפּרינקעלעך אין די ווינקלען, אויפ־ געכאַפּט אונטער די צעשפּרייטע שוואַרצע ברעמען דעם פאַרגלי־ ווערטן גלאַנץ פון די אַפּלען. דער מאַכטלאָז־פאַרוואָרפענער קאָפּ, אויפן דינעם מיידלישן האַלז, איז אַראָפּגעהאָנגען אַלץ נידעריקער, דער דופק אין בלויען אָדערל האָט אָפּגעציילט זיינע לעצטע קלעפּ.

בונטשוק האָט קאַלט זיך צוגערירט מיט די ליפּן צו איין שוואַרצער האַלב־צוגעמאַכטער וויע, אַ רוף געטון:

— פריינט! אַניאַ! זיך אויסגעגלייכט און, האַסטיק אויסדריי־ ענדיק זיך, אַוועקגעגאַנגען אומנאַטירלעך גלייך, נישט באַוועגנדיק מיט די הענט, וואָס זענען צוגעדריקט געוועזן צו די היפטן...

XXVI

די טעג האָט ער געלעבט, ווי אין טיפוס־פיבער. ער איז אַרומגעגאַנגען, עפּעס געטון, געגעסן, געשלאָפן, אָבער דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען, ווי אין האַלב־דרימל, וואָס פאַרטייבט און טעמפּט אָפּ די חושים. ער האָט מיט וואַנזיניקע אָנגעשוואָלענע אויגן מבולבל געקוקט אַרום זיך אויף דער וועלט, קיין באַקאַנטע נישט דערקענט, געקוקט, ווי אַ שטאַרק שיכורער, אָדער אַזעלכער, וואָס איז נאָר־וואָס צו זיך געקומען נאָך אַ שווערער קראַנקהייט. פון יענעם טאָג אָן, אין וועלכן אַננע איז געשטאָרבן, זענען זיינע חושים צייטווייליק אַטראָפירט געוואָרן: עס האָט זיך גאָרנישט גע־ גלוסט וועגן גאָרנישט געטראַכט.

— עסט, בונטשוק! — האָבן די חברים פאַרגעלייגט, און ער האָט געגעסן, שווער און פויל באַוועגנדיק מיט די קינבאַקן, טעמפּ קוקנדיק אין איין ווינקל.

מען האָט אויף אים אַכטונג געגעבן, געשמועסט וועגן אָוועקשיקן אים אין שפּיטאָל אַריין.

— דו ביסט קראַנק? — האָט אים צומאָרגנס געפרעגט איינער פון דער מאַשינגעווער-באַדינונג.

— ניין.

— וואָס-זשע דען פעלט דיר? ס'איז דיר אומעטיק?

— ניין.

— נו, לאָמיר-זשע פאַררייכערן. זי, ברידערקע, וועסט שוין אַצינד נישט אומקערן. פאַרליר נישט אומזיסט קיין כוחות דערויף.

ווען ס'איז געקומען די צייט פון שלאָפן, האָט מען אים געזאָגט:

— לייג דיך שלאָפן. ס'איז שוין צייט.

האָט ער זיך געלייגט.

אין דעם צושטאַנד פון צייטווייליקן אָפּרייסן זיך פון דער ווירקלעכקייט, האָט ער דורכגעלעבט פיר טעג. אויפן פינפטן האָט אים באַגעגנט, אויף דער גאַס קריוואָשליקאָוו און אָנגעכאַפּט ביים אָרבל.

— אַהאַ, ביסט דאָ, איך זוך דיך טאַקע. — קריוואָשליקאָוו האָט נישט געוואוסט, וואָס ס'איז געשען מיט בונטשוקן און, קלאַפּנדיק אים גוטברודעריש איבער דער פּלייצע, האָט ער אומרויִק אַ שמייכל געטון. — וואָס איז מיט דיר? האָסט נישט אַמאָל געמאַכט אַ כוסה? האָסט געהערט? האָסט געהערט, אַז עס פאָרט אַרויס אַן עקספּעדיציע אין די צפונדיקע געגנטן? ס'איז שוין אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיסיע פון פינף. פעדאָר איז דער אָנפירער. די איינציקע האָפענונג איז אויף די קאָזאַקן פון צפון. אַנדערש

זענען מיר פאַרשפּילט. ס׳איז שלעכט! דו וועסט פאָרן? אונז זענען נייטיק אַגיטאַטאָרן. וואָס־זשע, וועסט פאָרן?

— יאָ — האָט בונטשוק קורץ געענטפערט.

— נו, איז גוט. מאָרגן טרעטן מיר אַרויס. גיי אַריין צום פּעטער אָרלאָוו. ער וועט דיך פאַרשרייבן.

אין זעלבן צושטאַנד פון פולשטענדיקער גייסטיקער אויסגעשעפּטקייט האָט בונטשוק זיך צוגעגרייט צום אַרויסטרעטן, און צומאָרגנס, דעם ערשטן מאַי, אַרויסגעפאָרן צוזאַמען מיט דער עקספּעדיציע.

אין דער צייט האָבן די אומשטענדן פאַר דער דאָנער ראַטן־רעגירונג אָנגענומען אַ זייער דראָענדיקן כאַראַקטער. פון אוקראַינע האָבן זיך אָנגערוקט די דייטשישע אָקופּאַציע־חיילות, די ניזאָווער סטאַניצעס און קרייזן זענען אינגאַנצן פאַרכאַפּט געווען פון פון קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד.

איבער דער געגנט פון די ווינטער־שטאַלן האָט גראַסירט פּאָפּאָוו, באַדראָענדיק פון דאָרט נאָוואָטשערקאַסק. דער קרייז־צוזאַמענפאָר פון די ראַטן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן סוף אַפּריל אין ראָסטאָוו, איז נישט איינמאָל איבערגעריסן געוואָרן, ווייל די צעבונטעוועטע טשערקאַסן האָבן זיך צוגערוקט צו ראָסטאָוו און פאַרנומען די פאָרשטעט. בלויז אויף צפון, אין כאָפּערער און אוסט־מיעדוועדיצער קרייז, האָבן נאָך געטליעט די שייטערן פון דער רעוואָלוציע, און צו זייער ווארעמקייט האָבן דאָס נישט ווילנדיק געצויגן פּאָדטיאָלקאָוו און די איבעריקע, וואָס האָבן זיך אַנטרונען אין דער אונטערשטיצונג פון ניזאָווער קאָזאַקנטום. די מאָביליזאַציע איז איבערגעריסן געוואָרן, און פּאָדטיאָלקאָוו, וועלכער איז נישט לאַנג אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דאָנער סאָוונאַרקאָם, האָט, לויט דער איניציאַטיוו פון לאַגוטינען, באַשלאָסן זיך אַוועקצולאָזן אויף צפון, כדי צו מאָביליזירן דאָרט אַ דריי־פיר פּולקן פראָנט־קעמפער און זיי וואַרפן אויף די דייטשן און ניזאָווער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אויסערגעוויינלעכע מאָביליזאַציע־קאָמיסיע פון פינף, מיט פאָדטיאָלקאָוון בראש. דעם 29־סטן אַפּריל האָט מען פון דער מלוכה־קאַסע גענומען צען מיליאָן רובל אין גאָלד און ניקאָלאַיעווער באַנקנאָטן אויף די הוצאות פון דער מאָביליזאַציע, אייליק געשאַפן אַן אָפּטיילונג, וואָס איז דער עיקר באַשטאַנען פון קאָזאַקן פון דער אָרטיקער קאַמיענסקער קאָמענדע, צו באַשיצן דאָסדאָזיקע געלט, מיטגענומען עטלעכע מאַן קאָזאַקן־אַגיטאַטאָרן, און דעם ערשטן מאַי, שוין אונטער דער באַשיסונג פון די דייטשישע אַעראָפּלאַנען, האָט די עקספּעדיציע זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פון קאַמיענסק.

די טאָרן זענען פאַרנומען געווען דורך די עשעלאָנען פון די רויטגוואַרדייער, וואָס האָבן אָפּגעטרעטן פון אוקראַינע. די אויפשטענדיקע קאָזאַקן האָבן אויפגעריסן די בריקן, דערפירט צו קאַטאַסטראָפעס. טאָג־טעגלעך האָבן איבער דער ליניע נאָוואָטשערקאַסק—קאַמיענסק אין די פרימאָרגנס זיך באַוויזן דייטשישע אַעראָפּלאַנען, זיך געדרייט ווי אַ שפּאַרבער-משפחה, אַראָפּגעניידערט, — די קוילנוואַרפער האָבן אָפּגעהאַקט געגאָדערט, די רויטאַרמייער האָבן זיך אַרויסגעשיט פון די וואַגאָנעס; דראָבנע האָבן געקנאַלט די שאָסן, דער ריח פון אַש, וואָס איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון די לאָקאָמאָטיוון, האָט אויף די סטאַציעס זיך אויסגעמישט מיטן ביטערן ריח פון מלחמה, פון פאַרניכטונג. די אַעראָפּלאַנען האָבן זיך אויפגעהויבן אויף אַן אומגעהייערער הייך, די שיסערס האָבן נאָך לאַנג אויסגעליידיקט זייערע ביקסן־מאַגאַזינען, און די שטיוול פון די, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען פאַרן צוג, זענען איבער די קנעכלעך געזונקען אין די ליידיקע גילזן, מיט וועלכע דאָס זאַמד איז באַדעקט געווען, ווי אַ וועלדל מיטן דעמבענעם גילדענעם בלעטערפאַל אין נאָוועמבער.

דער גרענעצלאָזער חורבן האָט זיך אָנגעזען אויף אַלעם: אויף די זייטיקע טאָרן האָבן געטליעט פאַרברענטע און צעבראָכענע וואַגאָנעס, אויף די טעלעגראַף־סלופּעס האָבן, ווי צוקער, זיך

געבלייכט די איזאָלאַטאָרן, וואָס זענען אַרומגעוויקלט געווען מיט די איבערגעריסענע דראָטן. אַ סך הייזער זענען געווען צעשטערט, די וועג-ווייזערס לענגאויס דער ליניע — צעוואָרפן, ווי דורך אַ שטורעם-ווינט...

די עקספּעדיציע האָט פינף טעג זיך דורכגעשלאָגן אין דער ריכטונג פון מילעראָוואָ. אויפן זעקסטן אינדערפרי האָט פּאָדטיאָלקאָוו צונויפגערופן די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע אין זיין וואַגאָן אַ יין.

— אַזוי ווייטער צו פאָרן איז אוממעגלעך! לאָמיר איבערלאָזן אונזער גאַנצע לאָדונג און גיין אין מאַרש-אָרדענונג.

— וואָס רעדסטו! — האָט דער פאַרוואונדערטער לאַגוטין אויסגעשריגן. — איידער דו וועסט אין מאַרש-אָרדענונג זיך צוקריגן קיין אוסט-מיעדוויעדיצאַ, — וועלן די ווייסע אונז איבעריאָגן.

— אַ ביסל צו ווייט, — האָט מריכין זיך געקווענקלט.

קריוואָשליקאָוו, וועלכער האָט נאָר-וואָס דעריאָגט די עקספּעדיציע, האָט געשוויגן, זיך געטוליעט אין שינעל מיט די אָפּבליאַקירטע פּעטלקעס. ער האָט זיך געטרייסלט אין פיבער, אין די אויערן האָט אים געקלונגען פון כינין, וואָס ער האָט איינגענומען, דער קאָפּ האָט אים וויי געטון און געברענט. ער האָט זיך נישט באַטייליקט אין דער באַראַטונג, געזעסן אַ געהאָרבעטער אויף אַ זאַק צוקער און מיט אויגן, פאַרנעפּלטע פון היץ, בייז געקוקט אויף זינקען — פּאָדטיאָלקאָווס געליבטער, אַ בלאָנד, פולברוסטיק מיידל, וואָס יענער האָט זיך מיטגעפירט אַלס „באַרמהאַרציקע שוועסטער". זינקאַ האָט אָפּגעענטפערט דעם שוואַכן קריוואָשליקאָוון מיט דער זעלבער אַנטיפּאַטיע. צעשטעלנדיק די דיקע פיס, האָט זי געררייכערט, אָנגעשפּאַרט אָן שעכטל טיי, געקנייטשט דעם פּאַפּיראָס מיט די דראָבנע חיהשע ציין און מיט עזות אַרויסרופנדיק געשמייכלט. זיי האָבן דערפילט איינער צום אַנדערן אַ שאַרפע אַנטיפּאַטיע פון ערשטן טאָג אָן, וואָס זיי האָבן זיך באַגעגנט.

קריוואָשליקאָוו האָט אָפּגעוואָרט דעם מאָמענט, ווען ער וועט קאָנען אָנפאַלן אויף פּאָדטיאָלקאָוון און אַרויסוואַרפן פון וואַגאָן די־דאָזיקע מנוולניצע.

— קריוואָשליקאָוו, דאָס לשון איז דיר אָפּגענומען געוואָרן, צי וואָס? — האָט פּאָדטיאָלקאָוו טרוקן געפרעגט, נישט אויפהייבנ־דיק די אויגן פון דער מאַפּע.

— וואָס ווילסטו?

— הערסט נישט וועגן וואָס מען רעדט? — מען דאַרף גיין אין מאַרש־אָרדענונג, אַנדערש וועלן זיי אונז דעריאָגן, און מיר זע־נען פאַרלוירן. ווי מיינסטו? דו ביסט געבילדעטער פאַר אונז, זאָג.

— מען וואָלט געקאָנט אין מאַרש־אָרדענונג, — האָט קריוואָ־שליקאָוו פּאַמעלעך אָנגעהויבן, נאָר פּלוצלינג אַ גלאַנץ געטון ווי אַ וואָלף מיט די ציין און גענומען דראָבנע ציטערן, באַפאַלן פון אַ פיבער־אַטאַק. — מען וואָלט געקאָנט, ווען מען זאָל האָבן ווינ־ציקער באַגאַזש. בלויז די באַבעס וועסטו אויף איין וואָגן נישט פאַרנעמען. צום טייוול! איך לייג פאָר, מען זאָל זיי איבער־לאָזן!

— הער אויף, מיכאַיל, — האָט פּאָדטיאָלקאָוו אין פאַרלעגנ־הייט זיך געבעטן.

— קיין שום הער אויף! — האָט קריוואָשליקאָוו, קלינגענ־דיק מיט די ציין אַרויסגערעדט, ביי דער שטילער אונטערשטיצונג פון לאַגוטינס שמייכל. — מען דאַרף נישט קיין באַבעס מיטשלעפּן אין אַזאַ מאָמענט.

זינקאַ איז אויפגעשפּרונגען. ווי מיט רויך האָבן אַ שפּריץ געטון אירע בלויע אויגן.

— נישט פאַר דיין געלט פאָר איך, דו ווינדל־דרייער, טרייסל דיך נישט אַזוי!

— נו־נו, האַלט דאָס מויל!

— עס וואָלט געווען אַ צו גרויסער כבוד פֿאַר דיר, דו ראָצי-מאַן! דו אָפּיצירלטשינע!

— אויפהערן! — האָט פֿאָדטיאָלקאָוו שאַרף אַ געשריי געטון ווי ביים מושטרירן, און — מיט דער פויסט קעגן זינקעס פּנים: — האַלט דאָס מויל, דו! וואָרים כ'נעם דיך אָן ביי די האָר און ליגסט שוין אינדרויסן!

זינקאַ איז פֿאַרשוויגן געוואָרן, ביין ציטערנדיק מיט די נאָזי-לעכער. פֿאָדטיאָלקאָוו היציק צו לאַגוטינען:

— און דו האַנדל נישט מיט די ציין, ווי אַ נפֿקא! וואָס שטשירעסטו דיך? דו זאָג מיר מיט אַ שכל, פֿאַרוואָס קאָן מען נישט גיין אין מאַרש־אָרדענונג?

— ביי דער טיר האָט ער פֿונאַנדערגעוויקלט די מאַפּע פֿון דער געגנט. מריכין האָט זי געהאַלטן ביי די עקן. די מאַפּע האָט געפֿלאַטערט אין ווינט, וואָס האָט זיך אָנגעטראָגן פֿון כמורנעם מערב און שאָרכענדיק זיך געריסן פֿון די הענט.

— אָט ווי אַזוי מיר וועלן גיין, אָט, זע! — פֿאָדטיאָלקאָווס אָפּגעברענטער פֿינגער איז קרימלעך אַ פֿאָר געטון איבער דער מאַפּע. — זעסט דעם מאַסשטאַב? הונדערט פּופֿציק וויאָרסט, העכסטנס צוויי־הונדערט, נו?

— אמת טאַקע, די טשומע זאָל עס נעמען! — האָט לאַגוטין מסכּים געווען.

— און ווי מיינסטו, מיכאַיל?

קריוואָשליקאָוו האָט ביין אַ קוועטש געטון מיט די אַקסלען:

— איך בין נישט קעגן.

— איך גיי שוין זאָגן די קאָזאַקן, זיי זאָלן אויסלאָדן. אַ שאָד צייט צו פֿאַרלירן.

מריכין האָט אָפּוואַרטנדיק באַטראַכט אַלע און, נישט הערנ-דיק קיין דערווידערונג, אַרויסגעשפּרונגען פֿון וואַגאָן.

דער עשעלאָן, מיט וועלכן עס איז געפֿאָרן פֿאָדטיאָלקאָווס

עקספּעדיציע, איז אין דעם כמורנעם רעגנדיקן טאָג געשטאַנען נישט ווייט פון ביעלאַיאַ קאַליטוואַ. בונטשוק איז געלעגן אין זיין וואַגאָן איבערגעדעקט מיטן שינעל איבערן קאָפּ. די קאָזאַקן האָבן דערלעבן געקאָכט טיי, געלאַכט, געשפּאַסט איינער פון אַנדערן.

וואַנקאַ באָלדיריעוו — דער מיגולינער קאָזאַק, דער פלוי־דערער און וויצלער, האָט חוזק געמאַכט פון זיין חבר פון דער מאַשינגעווער־באַדינונג.

— דו, איגנאַט, — פון וואָסער גובערניע ביסטו ? — האָט געכריפּעט זיין הייזעריק, פון טיטון דורכגעברענט קול.

— פון דער טאַמבאָווער, — האָט מיט אַ ווייכינקן באַס זיך אָנגערופן דער שטילער איגנאַט.

— אפשר, אַ מאַרשאַנסקער ?

— ניין, אַ שאַצקער.

— אַ־אַ־אַ... די פון שאַצקע — זענען כוואַטסקע : אין אַ געשלעג האָבן זיי נישט מורא זיבן אויף איינעם צו גיין. דאָס האָט מען אין אייער דאָרף צום יובל פון דער קרוינונג אַ קאַלב מיט אַן אוגערקע געשאָכטן ?

— הער שוין אויף !

— אַך, יאָ, איך האָב פאַרגעסן, דאָס איז געשען נישט ביי אייך. ביי אייך, דאַכט זיך, האָט מען די צערקווע מיט בלינצעס אַרומגעבעט, און דערנאָך זי געוואָלט אויף אַרבעס פון באַרג אַראָפּ־קייקלען. עס איז פאָרגעקומען אַזאַ זאַך ?

דער טשייניק האָט אויפגעקאָכט, און דאָס האָט אויף אַ וויי־לע באַפרייט איגנאַטן פון באָלדיריעווס חוזק מאַכן. ווי נאָר אָבער זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט צום פרישטיק, האָט וואַנקאַ ווידער אָנגעהויבן :

— איגנאַט, פּאַרוואָס עסטו עפּעס נישט קיין חזיר־פלייש ? האָסט נישט ליב ?

— ניין, סתם אזוי.

— נאַדיר אַ חזיר־ווינדעלע. ס'איז באַטעמט!

ס'האָט אויסגעבראָכן אַ געלעכטער. עמעצער האָט זיך פאַר־כליניעט און לאַנג הילכיק געהוסט. עס האָט זיך דערהערט אַ טו־פען פון שטיוול, און אין אַ מינוט אַרום — איגנאַטס בייזע סאַפּע־דיקע קול:

— פרעס אַליין, טייוול! וואָס קריכסטו מיט דיין וויג־דעלע?

— ס'איז נישט מיינס, דעם חזירס.

— איין טייוול, — איר זענט ביידע שמוציק!

באַלדיריעווס קול ציט ווייטער הייזעריקלעך און גלייכ־גילטיק:

— שמו־ו־ציק? דו ביסט ביים זינען? מען האָט עס דאָך אויף ווייַנאַכט געהייליקט. זאָג אָפּן, אַז דו האָסט מורא עובר צו זיין אויפן תענית...

באַלדיריעווס לאַנדסמאַן, דער שיינער בלאָנדער קאָזאַק, דער געאָרגי־קאַוואַליער פון אַלע פיר מדרגות, רעזאָנירט:

— הער אויף, איוואַן! וועסט דיר נאָך אָנמאַכן צרות מיט דעם פויער. ער וועט אויפעסן דאָס ווינדעלע, וועט זיך אים פאַרגלוסטן אַ גאַנץ חזיר. און וואו וועסטו עס דאָ קריגן?

בונטשוק איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן. דאָס רעדן האָט נישט דערגרייכט זיין געהער, און ער האָט איבערגע־לעבט דאָס פאַרגאַנגענע מיט ־דער זעלבער ווייטיק, וואָס איז אפשר נאָך שטאַרקער געוואָרן. אין דער נעפּלהאַפטער פאַרשלייערט־קייט פון די פאַרמאַכטע אויגן האָט זיך געוויגט פאַר אים דער סטעפּ, באַדעקט מיט שניי, מיט די גרויע שפּיצן פון ווייטן וואַלד; ער האָט אַזויווי געפילט דעם קאַלטן ווינט און לעבן זיך געזען אַננען. אירע שוואַרצע אויגן, די ענערגישע און צאַרטע ליניעס פון ליבן מויל, די קליינע זומערשפּרינקעלעך אין די ווינקלען פון

דער נאָז, דער פאַרטראַכטער קנייטש אויפן שטערן... ער האָט נישט געהערט די ווערטער, וואָס זענען געפאַלן פון אירע ליפן: זיי זענען געווען נישט קלאָר, זענען איבערגעריסן געוואָרן דורך עמעצנס רעדן, דורך עמעצנס לאַכן, אָבער לויטן גלאַנץ פון די אַפּלען, לויטן ציטערן פון די אויסגעבויגענע ברעמען האָט ער זיך משער געווען וועגן וואָס זי רעדט... און אָט איז אַן אַנדערע אַננע: אַ בלוילעך-געלע מיט שטרייפן פון די פאַרטרוקנטע טרערן אויף די באַקן, מיט אַ פאַרשפּיצטער נאָז און פיינלעך-פאַרקרומטע ליפן.

ער בייגט זיך אָן, קושט די שוואַרצע פאַרטיפונגען פון די גליווערנדיקע אויגן... בונטשוק האָט אַ קרעכץ געטון, מיט דער האַנט זיך פאַרשטופּט דאָס מויל, איינצוהאַלטן די שלוכצן. אַננאַ האָט אים נישט פאַרלאָזט אויף קיין איין מינוט. איר בילד איז דורך דער צייט נישט אויסגעוועפּט און אָפּבליאַקירט געוואָרן. איר פּנים, די פיגור, דער גאַנג, די באַוועגונגען, די מימיק, דער צוק פון די ברעמען — דאָס אַלץ האָט זיך פאַראייניקט אין איין גאַנצ-קייט און זי צוריק לעבעדיק געמאַכט. ער האָט זיך דערמאַנט אי-רע רייד, וואָס זענען באַהויכט געווען מיט סענטימענטאַלן ראָמאַנ-טיזם, דאָס אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט מיט איר. און דאָסדאָזיקע אויפגעלעבטע בילד האָט פאַרצענפאַכט זיינע ליידן.

מען האָט אים אויפגעוועקט, דערהערנדיק דעם באַפעל וועגן אויסלאָדן. ער איז אויפגעשטאַנען, גלייכגילטיק זיך פאַרנומען און אַרויסגעגאַנגען. דערנאָך האָט ער צוגעהאָלפן אויסלאָדענען די זאַכן, מיט דער זעלבער גלייכגילטיקייט אויפגעזעסן אויפן וואָגן און אַוועקגעפאָרן.

עס האָט געטריפט אַ רעגן. דאָס נידעריק-געוואַקסענע גראָז לענגאויס דעם מאַר איז נאַס געוואָרן.

סטעפּ. פרייער געפלאַטער פון די ווינטן איבער בערגלעך און טאָלן. ווייטע און נאָענטע כוטאָרן, ישובים. פון הינטן — דער רויך פון די לאָקאָמאָטיוון, די רויטע קוואַדראַטן פון די סטאַציע-

בנינים. העכער פערציק וועגן, געדונגענע אין ביעלאַיאַ קאַליטוואַ, האָבן זיך געשלעפּט איבערן וועג. די פערד זענען געגאַנגען פּאַמעלעך. דער ליימיק-שוואַרצער באָדן, צעווייקט פון רעגן, האָט שווער געמאַכט די באַוועגונג. די בלאָטע האָט זיך געקלעבט צו די רעדער, זיי אַרומגענומען מיט שוואַרצע שטיקער וואַטע. פאָרויס און הינטן זענען מחנותווייז געגאַנגען די גרובן-אַרבעטער פון ביעלאָקאַליטווינער ראַיאָן. זיי זענען אַוועקגעגאַנגען אויף מזרח פון דעם קאָזאַקישן ווילקיר. זיי האָבן מיטגעפירט מיט זיך די פאַמיליעס און דאָס אָרימע פאַרמעגן.

ביים שיידוועג פון גראַטשי האָבן זיי דעריאָגט ראָמאָוווסקיס און שטשאַדיענקאָס רויטאַרמייִשע אָפּטיילונגען. די פּנימער פון די קעמפער זענען געווען שוואַרץ ווי די ערד, אויסגעמאַטערט פון שלאַכטן, שלאָפלאָזיקייט און מאַנגל אין עסן. שטשאַדיענקאָ איז צוגעגאַנגען צו פּאָדטיאָלקאָוון. זיין שיין פּנים מיט די ענגליש-אונטערגעשוירענע וואָנסעס און דינער נאָז איז געווען, ווי אויסגעזויגן. בונטשוק איז פאַרבייגעגאַנגען, געהערט ווי שטשאַדיענקאָ האָט מיט צונויפגעצויגענע ברעמען גערעדט אַ בייזער און אויסגעשעפּטער:

— וואָס וועסטו מיר דערציילן? איך קען נישט מיינע יאַטן! די לאַגע איז אַ שלעכטע, און דאָ האָבן מיר נאָך צו טון מיט די דייטשן, דער טייוול זאָל זיי נעמען! ווען וועסטו אַצינד צונויפנעמען?

נאָכן שמועס מיט אים, האָט פּאָדטיאָלקאָוו, אַן אָנגעכמורעטער און אַזויווי לייכט פאַרלוירענער אָנגעיאָגט זיין בריטשקע, עפּעס אויפגערעגט אָנגעהויבן זאָגן דעם אויפגעשטאַנענעם קריוואָשליקאָוון. קוקנדיק אויף אים, האָט בונטשוק געזען: קריוואָשליקאָוו, אָנגעשפּאַרט אויפן עלענבויגן, האָט געהאַקט די לופט מיט דער האַנט, אַרויסגערעדט עטלעכע פראַזן אין איין אָטעם, און פּאָדטיאָלקאָוו איז פריילעכער געוואָרן, אַרויסגעשפּרונגען אויפן וועגעלע, וואָס האָט זיך זייטיק אָנגעבויגן און אַ קרעכץ געטון,

דערהאַלטנדיק אויף זיך דעם זעקס־פודיקן אַרטילעריסט ; דער קוטשער האָט אַ שמייס געטון די פערד מיט דער בייטש, די בלאָטע האָט אַ שפּריץ געטון אין דער זייט.

— טרייב ! — האָט פּאָדטיאָלקאָוו אַ געשריי געטון, זשמורענדיק זיך, צעקנעפּלענדיק די לעדערנע קורטקע אַקעגן ווינט.

XXVII

עטלעכע טעג איז די עקספּעדיציע געגאַנגען אין דער טיף פון דאָניעצער קרייז, זיך דורכרייסנדיק צו דער קראַסנאָקוטער סטאַניצע. די באַפעלקערונג פון די אוקראַינער ישובים האָט אויפגענומען די אָפּטיילונג מיט אומגעענדערטער גינציקייט : גערן זיי פאַרקויפט שפּייז־פּראָדוקטן, פוראַזש פאַר די פערד, געגעבן אַ נאַכטלעגער. ווי נאָר אָבער עס האָט זיך אַרויסגערוקט די פראַגע וועגן דינגען פערד קיין קראַסנאָקוטע, — האָבן די אוקראַינער זיך געקווענקלט, געקראַצט אין די פּאַטילניצעס און לחלוטין אָפּגעזאָגט.

— מיר צאָלן גוט, וואָס־זשע דרייסטו מיט דער נאָז ? — האָט פּאָדטיאָלקאָוו געפרעגט איינעם פון די אוקראַינער.

— דאָס לעבן איז מיר טייערער.

— ווער דאַרף דיין לעבן, דו פּאַרדינג אונז די פערד מיט דער ברישקע.

— ניין, איך קאָן נישט.

— פאַרוואָס קאָנסטו נישט ?

— איר פאָרט דאָך צו די קאָזאַקן ?

— נו, איז וואָס ?

— טאָמער מאַכט זיך עפּעס שלעכטס, אָדער וואָס. צי איז מיר מיין בהמה נישט אַ שאָד ? מען וועט מיר דערהרגענען די

פערד — וואָס וועל איך דעמאָלט טון? ניין, פעטערקע, טשעפּע דיך אָפּ, איך וועל נישט פאָרן!

וואָס נעענטער זיי זענען צוגעקומען צו דער קראַסנאָקוטער געגנט, אַלץ אומרויִקער איז געוואָרן פּאָדטיאָלקאָוו מיט זיינע מענטשן. עס האָט זיך געפילט אַ געוויסע ענדערונג אויך אין דער שטימונג פון דער באַפעלקערונג: אויב מען האָט אין די ערשטע דערפער זיי אויפגענומען מיט פריידיקער גאַסטפריינטלעכקייט, האָט מען אין די ווייטערדיקע — צו דער עקספעדיציע זיך באַצויגן מיט דייטלעכן ווידערווילן און פאָרזיכטיקייט. אומגערן זיי פאַרקויפט פּראָדוקטן, זיך אַרויסגעדרייט פון די פראַגן. די וואָגנס זענען שוין נישט אַרומגערינגלט געוואָרן, ווי פריער, דורך אַ פאַרביקן רינג פון דער דאָרפישער יוגנט. מרה־שחורהדיק, אומפריינטלעך, האָט מען געכאַפּט אַ קוק דורך די פענסטער און איילִיק אָפּגעטרעטן.

— איר זענט דאָ געצבנדינער, צי וואָס? — האָבן די קאָזאַקן פון דער עקספעדיציע געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג. — וואָס קוקט איר אויף אונז, ווי סאָוועס אויף גרויפּן?

און אין איינעם אַ דאָרף אין נאָגאָלינער קרייז האָט וואַנקאַ באָלדיריעוו, וואָס איז דערפירט געוואָרן צו פאַרצווייפלונג דורכן קאַלטן אויפנאַם, אַ זעץ געטון אויפן פלאַץ דאָס היטל אָן דער ערד, — זיך אומקוקנדיק, צי עס קומט נישט צו עפּעס אָן עלטסטער, האָט ער הייזעריק געשריגן:

— צי זענט איר מענטשן, אָדער טייוולאָנים? וואָס־זשע שווייגט איר, אין אייער מאַמען אַריין? דו פאַרגיסט בלוט פאַר זיי, און זיי ווילן דיך אפילו נישט אָנקוקן! ס׳איז אַ חרפּה, צו דאַרפן אַזעלכע רייד אַרויסברענגען. אַצינד, חברים, איז גלייכהייט, — אויס קאָזאַקן, אויס פּויערן, איר דאַרפט זיך נישט אַזוי אָפּטיילן. מען זאָל מיר שוין אָנהייבן טראָגן אַהער הינער און אייער, מיר צאָלן פאַר אַלץ מיט ניקאָלאַיעווער.

אַ מאַן זעקס אוקראַינער, וואָס האָבן געהערט, ווי באָל־

דיריעוו שרייט, זענען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי פּערד אין אַקער.

אויף זיין הייסער רעדע האָבן זיי זיך נישט אָנגערופן אפילו מיט קיין איין וואָרט.

— איר, פאַרשאָלטענע, זענט געווען פויערן, און געבליבן פויערן! איר זאָלט צעפּלאַצט ווערן, טייוולאָנים! עס איז גאָר־נישטאָ קיין כאָליערע אויף אייך, בורזשויען, גראָבע בייכער! — באָלדיריעוו האָט נאָכאַמאָל אַ זעץ געטון אָן דער ערד זיין אָפּ־געטראָגן היטל און רויט געוואָרן פון גרענעצלאָזער פאַראַכטונג: — איר, טינוף־פרעסערס! ביי אייך וועט מען אפילו קיין שטיקל שניי אין ווינטער נישט אויסבעטן!

— האַווקע נישט! — האָבן אים בלויז געזאָגט די אוקראַי־נער, זיך צעגייענדיק אין פאַרשידענע זייטן.

אין זעלבן דאָרף האָט אַ באַיאָרטע אוקראַינערין זיך נאָכ־געפרעגט ביי איינעם פון די קאָזאַקן־רויטגוואַרדייער:

— צי איז דאָס אמת, אַז איר וועט אַלץ רויבן און אַלע מענטשן אויסשעכטן?

און דער קאָזאַק האָט געענטפערט, אפילו נישט אַ מרוגע טוענדיק מיט אַן אויג:

— אמת. אַלע — אפשר נישט, אָבער די אַלטע לייט וועלן מיר אויסשעכטן.

— אוי, גאָט מיינער! אויף וואָס־זשע זענען זיי אייך נייטיק?

— מיר עסן זיי מיט קאַשע: דאָס שעפּסנס איז אַצינד מאָ־גער, נישט באַטעמט, און אַז דו פּאַקסט אַריין אַ זיידן אין קעסל, קומט אַרויס אַ מאכל, שוין איינמאָל!...

— איר מוזט שפּאַסן?

— ער זאָגט ליגנט, מומע! פּלוידערט נאַרישקייטן! — האָט מריכין אין שמועס זיך אַריינגעמישט.

און ווען זיי זענען געבליבן אַליין, האָט ער דעם וויצלער שטרענג אָריינגעזאָגט:

— דו ווייס ווי אַזוי און מיט וועמען זיך צו וויצלען! פאַר אַזעלכע וויצן זאָל דיר אַמאָל פּאָדטיאָלקאָוו דאָס הייפּטל קרויט נישט אָראָפּהאַקן! וואָס מאַכסטו אַן אַ בהלה? זי וועט דאָך אויף אַן אמת צעטראָגן, אַז מיר שעכטן אויס די אַלטע?

פּאָדטיאָלקאָוו האָט פאַרקירצט די רו־פּונקטן און נאַכטלעגערס. אויפגעפּרעסן פון אומרויִקייט, האָט ער זיך געריסן פאָרויס. ערב דעם אַריינטרעטן אין דער געגנט פון דער קראַסנאָקוטער סטאַניצע, האָט ער לאַנג גערעדט מיט לאַגוטינען, זיך געטיילט מיט די געדאַנקען.

— מיר, איוואַן, דאַרפן נישט גיין ווייט. ווי נאָר מיר וועלן דערגרייכן די אוסט־כאָפּערער סטאַניצע, וועלן מיר גלייך אָנהייבן אַרבעטן! פּראָקלאַמירן אַ רעקרוטירונג, צאָלן צו הונדערט רובל געהאַלט, אָבער זיי מוזן גיין מיט די פערד און באַוואָפנונג, מיר וועלן קיין געזעלשאַפטלעך געלט אומזיסט נישט פאַרטאַכליעווען. פון אוסט־כאָפּערער וועלן מיר זיך פאַרנעמען אַרויף־צו דורך דיין בוקאַנאָווער, סלאַשטשעווער, פעדאָסעיעווער, קומילזשענער, גלאַזונאָווער, סקורישענער. ביז מיר וועלן אָנקומען קיין מיכאַילאָווקע — וועט זיין אַ דיוויזיע! ווי מיינסטו, מיר וועלן צונויפנעמען?

— צונויפנעמען — קאָן מען, אויב ס'איז נאָך דאָרט אַלץ רויִק.

— דו מיינסט, אַז ס'האָט זיך דאָרט אויך שוין אָנגעהויבן?

— ווער ווייסט? — לאַגוטין האָט זיך געגלעט דאָס קליינע בערדל, מיט אַ דין יעמערלעך קול ווייטער געצויגן: — מיר האָבן זיך אַ ביסל פאַרשפּעטיקט... איך האָב מורא, פעדיאַ, אַז מיר וועלן נישט באַוויזן. דאָס אָפיצירנטום אַרבעט שוין דאָרטן. מען מוז זיך צואיילן...

— מיר איילן זיך אַזוי אויך. און דו האָב קיין מורא נישט! מיר טאָרן נישט מורא האָבן! — פּאָדטיאָלקאָווס אויגן זענען געוואָרן ערנסט. — מיר פירן מיט זיך מענטשן, ווי אַזוי מעג מען מורא האָבן? מיר וועלן באַווייזן! מיר וועלן זיך דורכרייסן! אין צוויי וואָכן אַרום וועל איך שלאָגן אי די ווייסע, אי די דייטשן! דער טייוול וועט זיי נעמען, ווען מיר וועלן אָנהייבן פון דער דאָנער ערד אָנצוגרייפן! — און שווייגנדיק אַ ווילע, גיריק צורייכערנדיק דעם פּאַפּיראָס, האָט ער אַרויסגעזאָגט דעם פאַרבאָרגענעם גע־דאַנק: — פאַרשפּעטיקן מיר — זענען פאַרלוירן: אי מיר, אי די סאָוויעטישע מאַכט ביים דאָן. אָך, מען זאָל נאָר נישט פאַרשפּע־טיקן! אויב דער אָפיצירן־אויפשטאַנד וועט אָנקומען אַהין פאַר אונז — איז אַ סוף צו אַלעם!

צומאָרגנס פאַרנאַכט־צו איז די עקספּעדיציע אָנגעקומען אויף דער ערד פון דער קראַסנאָקוטער סטאַניצע. הינטערן אַלעקסעיע־ווער כוטאָר האָט פּאָדטיאָלקאָוו, וואָס איז געפאָרן מיט לאַגוטינען און קריוואָשליקאָוון אויף איינעם פון די פעדערשטע וואָגנס, דער־זען אַ טאַבון, וואָס האָט זיך געפּאַשעט אין סטעפּ.

— לאָמיר אויספרעגן דעם פּאַסטוך, — האָט ער פאָרגעלייגט לאַגוטינען.

— גייט, — האָט קריוואָשליקאָוו אונטערגעהאַלטן.

לאַגוטין און פּאָדטיאָלקאָוו זענען אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן און אַוועקגעגאַנגען צום טאַבון. די פּאַשע, פאַרברענט פון דער זון, האָט גרוי געגלאַנצט, דאָס גראָז איז געווען נידעריק, צע־טרעטן, בלויז ביים וועג האָבן געל געבליט אויף דינע שטענגלעך ווילדע פעלד־בלימלעך, און עס האָט געשאָרכט מיט זיינע האָריקע בעזעמלעך דער ווילדער קערנדיקער האָבער. צערייבנדיק אין דער האַנט אַ פאַרטרוקנט קעפּל פּיאָלון, האָט פּאָדטיאָלקאָוו אַריינגעאָטעמט זיין שאַרף־ביטערן ריח און צוגעגאַנגען צום פּאַסטוך.

— וואָס מאַכסטו, אַלטער?

— דאַנקען גאָט.

— פּאַשעסט?

— איך פּאַשע.

דער אַלטער האָט, אַן אָנגעכמורעטער, געקוקט פון אונטער די געדיכטע גרויע ברעמען אַפער און באַוועגט מיטן גראָבן שטעקן.

— נו, ווי לעבט איר? — האָט פּאָדטיאָלקאָוו געשטעלט די געוויינטלעכע פראַגע.

— נישקשה, מיט גאָטס הילף.

— וואָס הערט זיך דאָ נייעס ביי אייך?

— קיין שום נייעס. — און וואָס פאַר אַ מענטשן זענט איר?

— מיליטערישע, קערן זיך אום אַהיים.

— פונוואַנען־זשע זענט איר?

— אוסט־כאָפּערער.

— אָט דער פּאָדטיאָלקאָוו גייט נישט אַמאָל מיט אייך?

— מיט אונז.

דער פּאַסטוך, וואָס האָט אַפּנים זיך דערשראָקן, איז שטאַרק בלייך געוואָרן.

— וואָס האָסטו דיך דערשראָקן, זיידע?

— וואָס הייסט, טייערינקע, — מען זאָגט דאָך, אַז איר שעכט אויס אַלע רעכטגלויביקע.

— פּלוידעריי! ווער פאַרשפּרייט דאָס אַזעלכע קלאַנגען?

— דער אַטאַמאַן האָט אייערנעכטן געזאָגט אויף דער פאַרזאַמלונג. ער האָט געהערט, אָדער דערהאַלטן אַ פּאַפּיר פון דער רעגירונג, אַז פּאָדטיאָלקאָוו גייט מיט קאַלמיקן און שעכט אויס אַלע.

— ביי אייך זענען שוין דאָ אַטאַמאַנען? — לאַגוטין האָט אַ קוק געטון אויף פּאָדטיאָלקאָוון.

יענער האָט מיט די געלע רייס-ציין צעביסן אַ גרעזל.

— אַנומלט האָט מען אויסגעקליבן אַן אַטאַמאַן. דעם ראַט פֿאַרמאַכט.

לאַגוטין האָט געוואָלט נאָך עפּעס פֿרעגן, אָבער אין דעם מאָמענט איז אַ גרויסער פֿליכיקער ביק אַרויסגעשפּרונגען אויף אַ קו און זי אַראָפּגעזעצט.

— ער וועט זי איינברעכן, דער פֿאַרשאָלטענער! — האָט דער פּאַסטוך אויסגעשריגן, און מיט אומגעריכטער פֿלינקייט, וואָס האָט נישט האַרמאָנירט מיט זיין עלטער, אַוועקגעלאָפֿן צום טאַבון, שרייענדיק: — נאַסטיענקעס קיעלע!... ער וועט עס איינברעכן!... וואוהין!... וואו-הי-ין, פֿליכיקער!...

ברייט פֿאָכענדיק מיט די הענט, האָט פּאָדטיאָלקאָוו אַוועק-געשפּרייזט צום וועגעלע. דער באַלעבאַטישער לאַגוטין האָט זיך אָפּגעשטעלט, אומרויִק געקוקט אויפֿן שוואַכן קיעלע, וואָס איז אַראָפּגעבויגן געוואָרן צו דער ערד דורכן ביק, און נישט ווילנדיק געטראַכט אין דעם מאָמענט: „ער וועט עס איינברעכן, האָט עס זיכער איינגעבראָכן! אָך, דו אומריינער גייסט!"

ערשט נאָכדעם, ווי ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס קיעלע איז אָפּער פֿון אונטערן ביק מיט אַ גאַנצן רוקן, — איז ער אַוועקגעגאַנגען צו די וואָגנס. „וואָס וועלן מיר טון? צי געפֿינט זיך די מאַכט אויך נאָכן דאָן שוין אין די הענט פֿון די אַטאַ-מאַנען?" — האָט ער אין געדאַנק זיך געפֿרעגט. אָבער זיין אויפֿ-מערקזאַמקייט האָט ווידער אויף אַ מינוט אָפּגעצויגן אַ ראַסאָוואָער פּרעכטיקער בוהיי, וואָס איז געשטאַנען ביים וועג. דער בוהיי האָט באַשמעקט אַ גרויסע, ברייטע, שוואַרצע קו, אַרומפֿירנדיק אי-בער איר מיטן פֿליכיקן קאָפּ. זיין גוידער איז אַראָפּגעהאָנגען ביז די קניען, דער לאַנגער קערפּער, אַ מעכטיקער און פֿעסטער, איז געווען אָנגעצויגן ווי אַ סטרונע. די נידעריקע פֿיס האָבן מיט די קלאָען זיך איינגעגראָבן אין דער ווייכער ערד, און, אומגערן זיך קוויקנדיק מיט דעם ראַסאָוון בוהיי, צערטלענדיק מיט די אויגן

זיין רויטע, ברוין־געפלעקטע פעל, האָט לאַגוטין פון צווישן אַ גאַנצער מחנה אומרויִקע געדאַנקען מיט אַ זיפץ אַרויסגעטראָגן בלויז איינעם : „ביי אונז אין דער סטאַניצע וואָלט מען געדאַרפט אַזעלכן. אונזערע בוהײַעלעך זענען צו קליינע". דערדאָזיקער געדאַנק האָט זיך פאַרטשעפעט גייענדיק, כּלאחר־יד. אָבער שוין צו־קומענדיק צום וואָגן און דערזעענדיק די נישט פריילעכע פנימער פון די קאָזאַקן, האָט לאַגוטין גענומען טראַכטן וועגן דעם מאַרש־רוט, איבער וועלכן עס וועט זיי אַצינד אויסקומען צו גיין.

דער פון פיבער אויסגעשעפּטער קריוואָשליקאָוו, — דער טרוימער און פּאָעט — האָט געזאָגט צו פּאָדטיאָלקאָוון :

— מיר אַנטלויפן פון דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער כוואַליע, באַמיען זיך צו זיין פאָרויס און זי פאַרכליניעט אונז שוין. זי וועסטו, אפנים, נישט איבעריאָגן. זי גייט שנעל, ווי אַ פאַר־פלייצונג איבער פלאַכער געגנט.

פון די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָט, דאַכט זיך, איין פּאָדטיאָלקאָוו פאַרשטאַנען די גאַנצע קאָמפליצירטקייט פון דער לאַגע. ער איז געזעסן אויסגעבויגן פאָרויס, — אַלע ווײַלע געשריגן צום קוטשער :

— טרייב !

אויף די הינטערשטע וואָגנס האָט מען אָנגעהויבן זינגען און פאַרשוויגן געוואָרן. פון דאָרטן, פאַרטייבנדיק דאָס גערויש פון די רעדער, האָט הילכיק זיך געטראָגן געלעכטער, האָבן געקלונגען אויסגעשרייען.

די ידיעות, וואָס זענען איבערגעגעבן געוואָרן דורכן פאַסטוך, האָבן זיך באַשטעטיקט. אויפן וועג האָט די עקספּעדיציע באַגעגנט אַ קאָזאַקישן פראָנט־קעמפער, וואָס איז געפאָרן מיטן ווייב אין סוויעטשניקאָווער כוטאָר. ער האָט געהאַט אויף זיך שליפעס מיט אַ קאָקאַרדע. פּאָדטיאָלקאָוו האָט אים אויסגעפרעגט און נאָך מער שוואַרץ געוואָרן.

זיי האָבן געמיטן דעם אַלעקסעיעווער כוטאָר. עס האָט

געטריפט אַ רעגן. דער הימל האָט זיך געכמורעט. בלוין אויף מזרח האָט זיך געזען אַ שטיקל בלויער הימל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אַ וואָלקן-ריס, דורכגעשטרייפט פון קרומע זון-שטראַלן.

ווי נאָר זיי האָבן אָנגעהויבן אַראָפּפאָרן פון בערגל אין טאַווריטשן ראַיאָן, קיין רובאַשקין, האָבן פון דאָרט אין דער קעגנאיבערדיקער זייט אַריין אָנגעהויבן אַנטלויפן מענטשן און עס האָבן גאַלאָפּירנדיק זיך צעלאָזט עטלעכע פורן.

— מען אַנטלויפט. מען האָט מורא פאַר אונז... — האָט לאַגוטין פאַרלוירן אַרויסגעזאָגט, באַטראַכטנדיק די איבעריקע.

פּאָדטיאָלקאָוו האָט אַ געשריי געטון:

— קערט זיי אום! רופט זיי צוריק, טייוולאָנים!

די קאָזאַקן זענען אַרויפגעשפּרונגען אויף די וואָגנס, גענומען פּאָכען מיט די היטלען. עמעצער האָט הויך אויסגעשריגן:

— ע-העי!... וואוהין?... וואַרט-צו!...

די וואָגנס פון דער עקספּעדיציע זענען שנעל אַראָפּגעפאָרן אין דאָרף אַריין. איבער דער ברייטער פּוסטער גאַס האָט זיך געדרייט דער ווינט. אין איין הויף האָט אַן אַלטע אוקראַינערין, שרייענדיק, געוואָרפן קישנס אויף אַ בריטשקע אַרויף. איר מאַן, אַ באָרוועסער און אָן אַ היטל, האָט געהאַלטן די פערד ביי דער צוים.

אין רובאַשקין זענען זיי געוואויר געוואָרן, אַז דער קוואַטיר-מייסטער, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך פּאָדטיאָלקאָוו, איז געגומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט דורך אַ קאָזאַקן-פּאַטרול און אַוועקגעפירט געוואָרן איבערן באַרג אַריבער. די קאָזאַקן זענען, אַפנים, געווען נישט ווייט. נאָך אַ קלײנער באַראַטונג איז באַשלאָסן געוואָרן צו גיין צוריק. פּאָדטיאָלקאָוו, וועלכער האָט לכתחילה זיך געהאַלטן עקשנותדיק ביי דער

מיינונג, אַז מען דאַרף גיין נאָר פּאָרויס, האָט זיך גענומען וואַקלען.

קריוואָשליקאָוו האָט געשוויגן, ער האָט ווידער באַקומען אַ פיבער-אַטאַק.

— אפשר זאָלן מיר גיין ווייטער? — האָט פּאָדטיאָלקאָוו געפרעגט בונטשוקן, וועלכער איז אָנוועזנד געווען אויף דער באַראַטונג.

יענער האָט גלייכגילטיק אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס — אים איז געווען פולשטענדיק אַלצאיינס — וואוהין צו גיין: פּאָרויס אָדער צוריק, אַבי זיך צו באַוועגן, אַבי זיך צו דערווייטערן פון יענעם אומעט, וואָס האָט אים פוס-טריט באַגלייט. פּאָדטיאָלקאָוו, אַרומגייענדיק ביים וועגעלע, האָט גענומען אויפווייזן די מעלה פון גיין אין דער ריכטונג פון אוסט-מיעדוויעדיצאַ. אָבער אים האָט שאַרף איבערגעריסן איינער פון די קאָזאַקן-אַגיטאַטאָרן:

— דו ביסט פון זינען אַראָפּ? וואוהין ווילסטו אונז פירן? צו די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן? דו, ברודער, שפּיל דיך נישט! מיר וועלן גיין צוריק! מיר האָבן נישט קיין חשק אומצוקומען! וואָס איז דאָס אַזוינס? דו זעסט? — ער האָט אָנגעוויזן אויפן בערגל.

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט: אויפן נישט הויכן בערגל האָבן דייטלעך זיך געצייכנט די פיגורן פון דריי רייטער.

— זייערס אַ פּאַטראָל! — האָט לאַגוטין אויסגעשריגן.

— זעט, נאָך, נאָך!

אויפן בערגל האָבן זיך גענומען וויגן רייטער. זיי זענען זיך צונויפגעקומען אין גרופּעס, צוריק זיך פונאַנדערגעטיילט, פאַרשוואונדן הינטערן בערגל און ווידער זיך באַוויזן.

פּאָדטיאָלקאָוו האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל זיך אומצוקערן. זיי זענען דורכגעגאַנגען דעם אַלעקסעיעווער כוטאָר. אויך דאָ האָט

די באַפעלקערונג, משמעות, אָנגעשראָקן דורך די קאָזאַקן, אָנגע־הויבן אַנטלויפן און זיך באַהאַלטן, ווי נאָר זי האָט דערזען די וואָגנס פון דער עקספּעדיציע, וואָס האָבן זיך דערנעענטערט.

עס איז טונקל געוואָרן. עס האָט געזיגן אַן אייגעגעסענער, דראָבנער, קאַלטער רעגן. די מענטשן זענען אויסגעווייקט און דורכגעפרוירן געוואָרן. זיי זענען געגאַנגען לעבן די וואָגנס, האַלטנדיק גרייט די ביקסן. דער וועג, וואָס האָט אַרומגעגאַרטלט די שיפוע, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין טאָל אַריין, געפלאָסן איבער אים, זיך געשלענגלט און אויפגעהויבן באַרג־אַרויף. אויף די בערגלעך האָבן זיך באַוויזן און פאַרשוואונדן די קאָזאַקן־פּאַטראָלן. זיי האָבן באַגלייט די עקספּעדיציע, פאַרשטאַרקנדיק די אַזוי אויך נערוועזע שטימונג פון די קאָזאַקן.

ביי איינער פון די הייזלן, וואָס האָבן קווער איבערגעשניטן דעם טאָל, איז פּאָדטיאָלקאָוו אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן, קורץ אַ זאָג געטון צו די איבעריקע: — זיך צוגרייטן! — אַראָפּרוקנדיק דעם פאַרהיטער פון זיין קאַוואַלעריע־ביקס, איז ער געגאַנגען לעבן וואָגן. אין דער הייזל האָט בלוי געשימערט דאָס וואַ־סער פון רעגן, פאַרהאַלטן דורך אַ גרעבליע. די ליימיקע ערד אַרום דעם סטאַוו איז צעטרעטן געווען פון די בהמות, וואָס קומען דאָ אַהער טרינקען. דער שפּיץ פון דער משופּעדיקער גרעבליע איז באַוואַקסן געווען מיט ווילדע בלעטער־געוויקסן, ביים וואַסער האָבן געפוילט געדיכטע קעמפּקעס פעדער־גראָזן און עס האָבן געשאָרכט אונטערן רעגן די דינע בלעטער פון די וואַסער־פלאַנצן.

פּאָדטיאָלקאָוו האָט זיך געריכט אויף דעם אָרט אויף אַן אָנ־פאַל פון די קאָזאַקן, אָבער די אויסשפּירער, וואָס זענען אַרויסגע־שיקט געוואָרן פאָרויס, האָבן דאָרט קיינעם נישט געטראָפן.

— פעדאָר, דו ריכט דיך נישט אויף אַצינד, — האָט קרי־וואָשליקאָוו אַ שעפּטשע געטון, צורופנדיק פּאָדטיאָלקאָוון צום וואָגן. — זיי וועלן אַצינד נישט אָנפאַלן. ביינאַכט וועלן זיי אָנפאַלן.

— איך מיין אויך אַזוי.

XXVIII

אויף מערב זענען די וואָלקנס געדיכטער געוואָרן. עס איז צוגעפאַלן דער בין־השמשות. ערגעץ ווייט־ווייט, איבער דער געגנט פֿון דאָן, האָט זיגזאַגיש אויפגעפלאַמט אַ בליץ, זיין אָראַנזש־פֿאַרביק־ליכט האָט אַ פלאַטער געטון, ווי דער פליגל פֿון אַן אונטערגעשאָסענעם פויגל. אויף דער צווייטער זייט האָט מאַט געלויכטן די שקיעה, צוגעדעקט דורך דער פאָלע פֿון וואָלקן. דער סטעפּ, ווי אַ בעכער, ביזן ראַנד איבערפולט מיט שטילקייט און פייכטן נעפּל, האָט באַהאַלטן אין די פאַלבן פֿון די היילן די אָפּגלאַנצן פֿון טאָג. דערדאָזיקער אָוונט האָט מיט עפּעס דערמאַנט אָן האַרבסט. אפילו דאָס גרינס, וואָס האָט נאָך נישט אַרויסגעברענגט קיין בליעכץ, האָט אויסגעטיילט אַן אויסטערליש־טויטן ריח פֿון פוילונג.

פּאָדטיאָלקאָוו האָט גייענדיק אַריינגעאָטעמט אין זיך די אַלע פאַרשידנאַרטיקע אומבאַקאַנטע אַראָמאַטן פֿון די פייכטע גראָזן. ער האָט פֿון צייט־צו־צייט זיך אָפּגעשטעלט, אָפּגערייניקט פֿון די אָפּצאַסן די שטיקער צוגעקלעבטע בלאָטע; ער האָט זיך אויסגעגלייכט, שווער און מיד געטראָגן זיין מאַסיוון קערפּער, געסקריפּעט מיט דער פייכטער לעדער פֿון דער ברייט־צעכראַסטעטער קורטקע.

אין כוטאָר קאַלאַשניקאָוו, פּאָליאַקאָווע־נאַגאָלינער קרייז, זענען זיי אָנגעקומען שוין ביינאַכט. די קאָזאַקן פֿון דער קאָמאַנדע האָבן איבערגעלאָזט די וואָגנס און זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין די כאַטעס אַריין אויף נאַכטלעגער. דער אויפגערעגטער פּאָדטיאָלקאָוו האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג אויסצושטעלן וואַכן,

אָבער די קאָזאַקן האָבן זיך פאַרזאַמלט נישט גערן. דריי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גיין.

— משפטן זיי דורך אַ חברים-געריכט! דערשיסן! — פאַר נישט אויספירן אַ מיליטערישן באַפעל — האָט קריוואָשליקאָוו זיך געהיצט.

צערודערט פון אומרו, האָט פּאָדטיאָלקאָוו ביטער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— דער וועג האָט זיי דעמאָראַליזירט. זיי וועלן זיך נישט פאַרטיידיקן. מיר זענען פאַרלוירן, מישאַטקאַ !...

לאַגוטין האָט ווי עס איז צונויפגענומען עטלעכע מאַן, און אַרויסגעשיקט נאָכן כוטאָר אויף וואַך.

— נישט שלאָפן, חברה! אַנדערש וועלן זיי אונז באַפאַלן! — האָט פּאָדטיאָלקאָוו איבערצייגט די צומיינסט אים נאָענטע קאָזאַקן, אַרומגייענדיק איבער די כאַטעס.

ער איז די גאַנצע נאַכט אָפּגעזעסן ביים טיש, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף די הענט, און ווי אַ קראַנק באַשעפעניש שווער און הייזעריק געזיפצט. פאַרטאָג האָט ער קוים איינגעדרימלט, אָנגעלענט דעם גרויסן קאָפּ אויפן טיש, נאָר אים האָט באַלד אויפגעוועקט ראָבערט פּראַשענבערודער, וואָס איז אַריינגעקומען פון צווייטן הויף. מען האָט אָנגעהויבן זיך קלויבן צום אַרויסטרעטן. עס האָט שוין געטאָגט. פּאָדטיאָלקאָוו איז אַרויסגעגאַנגען פון דער כאַטע. די באַלעבאָסטע, וואָס האָט אויסגעמאָלקן די קו, איז אים אַקעגנגעקומען אין הויז.

— אויפן בערגל זעט מען רייטער, — האָט זי גלייכגילטיק געזאָגט.

— וואו?

— אָט דאָרט נאָכן כוטאָר.

פּאָדטיאָלקאָוו איז אַרויסגעלאָפן אין הויף אַריין: אויפן בערגל, אונטערן ווייסן שלייער פון נעפּל, וואָס איז געהאָנגען

איבערן כוטאָר און די ווערבעס נאָענט פון וועלדל, האָבן זיך גע־זען אַ סך קאָזאַקן־פּאַטראָלן. זיי האָבן זיך באַוועגט אין שנעל־געלויף און גאַלאָפּירנדיק, אַרומרינגלענדיק דעם כוטאָר און אַלץ ענגער פאַרציענדיק דעם רינג.

באַלד האָבן אין הויף אַריין, וואו עס איז געשטאַנען פּאָד־טיאָלקאָווס וואָגן, זיך אָנגעהויבן צונויפקומען די קאָזאַקן פון דער קאָמאַנדע.

ס׳איז געקומען דער מיגולינער וואַסילי מיראָשניקאָוו — דער פעטער קאָזאַק מיט דער טשופּרינע. ער האָט אָפּגערופן פּאָדטיאָלקאָוון אין אַ זייט אַריין, — מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ געזאָגט:

— אָט וואָס, חבר פּאָדטיאָלקאָוו... ס׳זענען אָקאָרשט אָנגע־קומען דעלעגאַטן פון זיי, — ער האָט אַ באַוועג געטון מיט דער האַנט אין דער זייט אַריין פון בערגל, — זיי האָבן דיר געהייסן זאָגן, מיר זאָלן גלייך אַוועקלייגן דאָס געווער און זיך אונטער־געבן. אַנדערש וועלן זיי אָנהייבן אַן אָנגריף.

— דו!... הינטישער זון!... וואָס האָסטו מיר געזאָגט? — פּאָדטיאָלקאָוו האָט אָנגעכאַפּט מיראָשניקאָוון ביי די לאַצן פון שי־נעל, אים אַוועקגעשליידערט פון זיך און צוגעלאָפן צום ווע־געלע; די ביקס — ביי דער לופע, מיט אַ הייזעריק, גראָב־גע־וואָרן קול צו די קאָזאַקן:

— אונטערגעבן זיך?... וואָס פאַר אַ פאַרהאַנדלונגען קאָנען זיין מיט קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן? מיר קעמפן מיט זיי! נאָך מיר! אין טיראַליער!

זיי זענען אַרויסגעלאָפן פון הויף. אין אַ גרופּקע צוגעלאָפן צום עק כוטאָר. ביי די לעצטע כאַטעס האָט פּאָדטיאָלקאָוון דער־יאָגט דער מיטגליד פון דער קאָמיסיע, מריכין.

— אַ חרפּה, פּאָדטיאָלקאָוו! מיר וועלן פאַרגיסן בלוט פון אייגענע ברידער? שטעל אָפּ! מיר וועלן אַזוי אויך דורכ־קומען!

זעענדיק, אַז עס גייט מיט אים בלויז אַן אומבאַדייטנדיקע טייל פון דער קאָמאַנדע, — באַגרייפנדיק מיטן ניכטערנעם שכל די אומפאַרמיידלעכקייט פון אַ מפּלה אין פאַל פון אַ שלאַכט, האָט פּאָדטיאָלקאָוו שווייגנדיק אַרויסגעוואָרפן דעם שלאָס פון דער ביקס און אַפּאַטיש אַ פּאָכע געטון מיטן היטל.

— אָפּשטעלן, חברה! צוריק — אין כוטאָר אריין!...

זיי האָבן זיך אומגעקערט. די גאַנצע אָפּטיילונג האָט זיך פאַרזאַמלט אין דריי שכנותדיקע הויפן. באַלד האָבן אין כוטאָר זיך באַוויזן די קאָזאַקן. פון בערגל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַן אָפּטיילונג פון פערציק רייטער.

פּאָדטיאָלקאָוו איז אויף דער איינלאַדונג פון די מיליוטינער אַלטע אָוועקגעגאַנגען נאָכן כוטאָר זיך דורכשמועסן וועגן די באַדינגונגען פון דער קאַפּיטולאַציע. די הויפּט-קרעפטן פון קעגנער, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם כוטאָר, האָבן נישט פאַרלאָזט די פּאָזיציעס. ביי דער פּאַשע האָט בונטשוק דעריאָגט פּאָדטיאָלקאָוון, אים פאַרהאַלטן:

— מיר גיבן זיך אונטער?

— מאַכט ברעכט שטרוי... וואָס?... נו, וואָס קאָן מען טון?

— ס'האָט זיך דיר פאַרגלוסט אומצוקומען? — בונטשוק האָט זיך איינגעאַנצן אַ טרייסל געטון.

מיט אַ הויך, קלאַנגלאָז, טויב קול האָט ער גענומען שרייען, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף די אַלטע, וואָס האָבן באַגלייט פּאָדטיאָלקאָוון.

— זאָג, אַז דאָס געוועהר וועלן מיר נישט אָוועקגעבן!... דו ביסט אַצינד שוין נישט אונזער פירער! מיט וועמען האָסטו דיך באַראַטן? מיט וועמעס הסכּמה גייסטו אונז איבערגעבן? — ער האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט און, פּאָכענדיק מיטן פאַרדריקטן נאַגאַן אין דער פויסט, אָוועקגעגאַנגען צוריק.

זיך אומקערנדיק, האָט ער געפּרוווט איבערצייגן די קאָזאַקן

זיך דורכצורייסן און גיין מיט קאַמף צו דער באַן־ליניע, אָבער די מערהייט קאָזאַקן איז געווען געשטימט פרידלעך. טייל האָבן זיך אַוועקגעדרייט פון בונטשוקן, אַנדערע האָבן פיינטלעך גע־מאָלדן.

— גיי קעמף, אַניקאַ*, מיר וועלן מיט אייגענע ברידער זיך נישט שלאָגן!

— מיר האָבן צו זיי צוטרוי אויך אָן געווער.

— אין דער הייליקער פּאַסכאַ וועלן מיר בלוט פאַר־גיסן?

בונטשוק איז צוגעגאַנגען צו זיין ברישקע, וואָס איז גע־שטאַנען לעבן שייער, אַ וואָרף געטון דעם שינעל אונטער איר, זיך געלייגט, נישט אַרויסלאָזנדיק פון דער האַנט דאָס געקאַרבטע הענטל פון רעוואָלווער. לכתחילה איז אים איינגעפאַלן צו אַנט־לויפן, נאָר אים איז דערווידער געווען אַוועקצוגיין אין געהיים, צו דעזערטירן, און, אַ מאַך געבנדיק מיט דער האַנט, האָט ער אָנגעהויבן וואַרטן אויף פּאָדטיאָלקאָווס צוריקקומען.

יענער איז צוריקגעקומען אין אַ דריי שעה אַרום. אַ גרויסע מחנה פרעמדע קאָזאַקן איז אַריינגעדרונגען צוזאַמען מיט אים אין כוטאָר. טייל זענען אָנגעקומען רייטנדיק, אַנדערע האָבן געפירט די פערד ביי דער צוים, די איבעריקע זענען געגאַנגען צופוס, האַלטנדיק זיך נאָענט פון פּאָדטיאָלקאָוון און אונטערסאַול ספּי־רידאָנאָוו, — וועלכער האָט אַמאָל צוזאַמען מיט אים געדינט אין דער אַרטילעריע און איז אַצינד געווען דער פירער פון דער אָפּ־טיילונג, וואָס האָט געדאַרפט פאַרנעמען פּאָדטיאָלקאָווס עקספּעדי־ציע. פּאָדטיאָלקאָוו האָט געטראָגן דעם קאָפּ הויך, געשפּרייזט

---

* העלד פון דער רוסישער פאָלקס־פּאָעזיע. אַניקאַ האָט פאַרמאָגט אַן אומגעהייערע קראַפט און געשיקטקייט. ער האָט חרוב געמאַכט גאַנצע שטעט און אויסגעריבט צערקוועס.

גלייך און פּאָרזיכטיק, ווי ער וואָלט געהאַט איבערמעסיק געטרונ־קען. ספּירידאָנאָוו האָט אים עפּעס געזאָגט, דין און גיפטיק שמייכ־לענדיק. און הינטער אים איז געריטן אַ קאָזאַק, צודריקנדיק צו דער ברוסט דעם אויף שנעל אָפּגעשניצטן שטעקן פון דער ברייטער ווייסער פאָן.

די גאַס און די הויפן, וואו עס זענען געשטאַנען די וואָגנס פון דער עקספּעדיציע, זענען איבערפולט געוואָרן פון די צוגעקו־מענע קאָזאַקן. באַלד איז אַנטשטאַנען אַ טומלדיק געדרעריי. אַ סך פון די צוגעקומענע האָבן אַמאָל צוזאַמען געדינט מיט די קאָזאַקן פון פּאָדטיאָלקאָווס קאָמאַנדע. עס האָבן זיך דערהערט פריידיקע אויסגעשרייען, געלעכטער.

— דו, לאַנדסמאַן! וועלכע ווינטן האָבן דיך אַהער פאַר־טראָגן?

— נו, וואָס מאַכסטו, וואָס מאַכסטו, פּראָכאָר?

— אַ נס, וואָס מיר האָבן נישט אָנגעהויבן זיך שלאָגן. און געדענקסט, ווי מיר האָבן הינטער לוואָוו די עסטרייכער גע־יאָגט?

— קום, דאַנילאָ! קום! קריסטוס איז תחית־המתים אויפגע־שטאַנען!

— טאַקע אויפגעשטאַנען! — האָט זיך געהערט אַ קלינגענ־דיק טשמאָקען פון אַ קוש: צוויי קאָזאַקן, זיך גלעטנדיק די וואָנ־סעס, האָבן געקוקט איינער אויפן אַנדערן שמייכלענדיק, זיך קלאַפּנ־דיק איבער די פּלייצעס.

דערלעבן אַ צווייטער שמועס:

— מיר האָבן אפילו נישט באַוויזן צו פאַרפּאַסטן...

— איר זענט דאָך באָלשעוויקעס, ווי קומט צו אייך פאַר־פּאַסטן?

— נו, וואָס־זשע? טאַקע באָלשעוויקעס, אָבער אין גאָט גלייבן מיר.

— אָ־האָ ! זאָגסט ליגנט ?

— ווי גאָט איז אמת !

— און אַ צלם טראָגסטו ?

— אַט האָסטו אים ! — און דער פעסטער קאָזאַק־רויטאַרמייער מיטן ברייטן פּנים האָט, אָנבלאָזנדיק די ליפּן, צעקנעפּלט דעם קאָל־נער פון זיין בלוזע און אַרויסגעצויגן דעם שוין גרין־געוואָרענעם מעשענעם צלם, וואָס איז געהאָנגען אויף זיין ברוין־האָריקער ברוסט.

די אַלטע פון דער אָפּטיילונג „צו כאַפּן דעם בונטאָווטשיק פּאָדטיאָלקאָוו“, באַוואָפנטע מיט היי־גאָפּלען און העק, האָבן פאַר־וואונדערט זיך איבערגעקוקט :

— און מען האָט דערציילט, אַז איר האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער קריסטלעכער אמונה.

— אַז איר דינט שוין צום שטן...

— עס זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז איר רויבט אויס די צערקוועס און דערהרגעט די פּאָפּן.

— ליגנט ! — האָט דער זעלבסטזיכערער רויטאַרמייער מיטן ברייטן פּנים אָפּגעוועגדט. — מען האָט אייך אָנגעלייגט אַ ליגנט. איך אַליין, איידער איך בין אַרויסגעגאַנגען פון ראָסטאָוו, בין גע־ווען אין צערקווע, זיך מתוודה געווען.

— נו, זאָגט אַליין ! — האָט עפּעס אַ שוואַכער אַלטיטשקער, באַוואָפנט מיט אַ האַלב־אָפּגעזעגטער פּיקע, פריידיק געפּאַטשט מיט די הענט.

אַ הייטער גערעדעריי האָט געקלונגען אויף דער גאַס, אין די הויפן. אָבער אין אַ האַלבער שעה אַרום זענען עטלעכע קאָ־זאַקן, צווישן זיי איין וואַכמייסטער פון דער באָקאָווער סטאַניצע, צעשטופנדיק דעם ענג־צונויפגעפּרעסטן עולם, זיך דורכגעגאַנגען איבער דער גאַס.

— ווער עס געהערט צו פּאָדטיאָלקאָווס אָפּטיילונג — זאָל זיך שטעלן צו אַפּעל ! — האָבן זיי אויסגעשריגן.

דער אונטערעסאַול ספּירידאָנאָוו, אין אַ בלוזע אָן שליפעס פון האַקי־קאָליר, האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל מיט דער אָפיצי־רישער קאָקאַרדע, וואָס האָט זיך געבלייכט, ווי אַן אָפּגעהאַקט שטיקל ראַפינאַדע, און אויסגעשריגן, זיך ווענדנדיק אין אַלע ווייטן:

— אַלע, וואָס געהערן צו פּאָדטיאָלקאָווס אָפּטיילונג, זאָלן אַוועקגיין לינקס צום פּאַרקן! די איבעריקע — רעכטס! מיר, אייערע פראָנט־ברידער, צוזאַמען מיט אייער דעלעגאַציע, האָבן באַשלאָסן, אַז איר דאַרפט אונז אָפּגעבן דאָס גאַנצע געווער, ווייל מיטן געווער אין דער האַנט האָט די באַפעלקערונג מורא פאַר אייך. לייגט צונויף די ביקסן און איבעריקע באַוואָפענונג אויף אייערע וואָגנס, מיר וועלן זיי צוזאַמען באַוואַכן. אייער אָפּטיילונג וועלן מיר אַוועקשיקן קיין קראַסנאָקוטסק, און דאָרט, אין ראַט, וועט איר צוריק באַקומען אייער גאַנץ געווער.

צווישן די קאָזאַקן־רויטגוואַרדייער — אַ טויב גערודער. אויסגעשרייען פון אַ הויף אַרויס. עס שרייט דער קאָזאַק פון דער קומשאַטער סטאַניצע קאָראָטקאָוו:

— מיר וועלן נישט אָפּגעבן!

אַ טויבער אויפגערייצטער געטומל אויף דער גאַס און אין די הויפן, איבערפולטע מיט מענטשן.

די געקומענע קאָזאַקן זענען אַריבער אין דער רעכטער זייט אַריין, און אינמיטן גאַס, אין אַ צעוואָרפענער דעזאָרגאַני־זירטער מחנה, זענען געבליבן די רויטגוואַרדייער פון פּאָדטיאָל־קאָווס אָפּטיילונג. קריוואָשליקאָוו, מיטן שינעל אָנגעהאָנגען אויף די אַקסלען, האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי אַ פאַרפאָלגטער. לאַגוטין האָט פאַרקרומט די ליפּן. ס׳איז אַנטשטאַנען אַן טויב גע־רעדעריי.

בונטשוק, וועלכער האָט פעסט באַשלאָסן נישט אָפּצוגעבן דאָס געווער, איז שנעל צוגעגאַנגען צו פּאָדטיאָלקאָוון מיט דער ביקס אויפן אַקסל.

— דאָס געווער וועלן מיר נישט אָפּגעבן! דו הערסט!?

— אַצינד איז שוין שפּעט... — האָט פּאָדטיאָלקאָוו אַרויס־געשעפּטשעט, פּיבערהאַפט קנייטשנדיק אין דער האַנט די רשימה פון דער אָפּטיילונג.

דידאָזיקע רשימה איז איבערגעגאַנגען אין די הענט אַריין צו ספּירידאָנאָוון. יענער האָט זי איילן דורכגעלייענט און איבערגעפרעגט:

— דאָ געפינען זיך הונדערט און אַכט מענטשן... וואו זענען די איבעריקע?

— אָפּגעשטאַנען אויפן וועג.

— אַך, אַזוי... נו, גוט. באַפעל צונויפצוטראָגן דאָס געווער.

פּאָדטיאָלקאָוו האָט דער ערשטער אָפּגעטשעפּעט דעם נאַגאַן מיטן פּוטעראַל; איבערגעבנדיק דאָס געווער, האָט ער שטיל געזאָגט:

— די שווערד מיט דער ביקס ליגן אין וועגעלע.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַנטוואָפּענען, די רויטגוואַר־דייער האָבן אַפּאַטיש צונויפגעטראָגן דאָס געווער, די רעוואָל־ווערן אַריבערגעוואָרפן איבער די פּאַרקנס, באַהאַלטן, זיך צע־גייענדיק איבער די הויפן.

— אַלע, וואָס גיבן נישט אָפּ דאָס געווער, וועלן מיר באַ־זוכן! — האָט ספּירידאָנאָוו אויסגעשריגן, ברייט און פריילעך שטשירענדיק די ציין.

די טייל רויטגוואַרדייער, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך בונטשוקן, האָט זיך אָפּגעזאָגט אָפּצוגעבן די ביקסן; זיי האָט מען אַנטוואָפּנט מיט געוואַלט.

אַ גערודער האָט אָנגעמאַכט דער קאָזאַק, וואָס איז נעלם געוואָרן מיטן שלאָס פון קוילנוואַרפער. אויסנוצנדיק דעם טומל, האָבן זיך באַהאַלטן עטלעכע מאַן. אָבער ספּירידאָנאָוו האָט באַלד

אויסגעטיילט אַ קאָנוואָי, אַרומגערינגלט אַלע, וואָס זענען געבליבן מיט פּאָדטיאָלקאָוון, זיי באַזוכט, געפּרוווט דורכפירן אַן אַפּעל. די געפאַנגענע האָבן געענטפערט אומגערן, טייל האָבן אויסגעשריגן:

— וואָס דאַרף מען קאָנטראָלירן, אַלע זענען דאָ!

— טרייבט אונז קיין קראַסנאָקוטסק!

— חברים! פאַרענדיקט דעם ענין!

נאָכדעם, ווי ספּירידאָנאָוו האָט פאַרחתמעט דעם קאַסטן מיטן געלט און אונטער אַשטאַרקער וואַך איִם אַוועקגעשיקט קיין קאַרגין, האָט ער אויסגעשטעלט די געפאַנגענע און אַרויסגעגעבן אַ קאָמענדע, גלייך ענדערנדיק דעם טאָן און די באַציִונג:

— צו פיר אין אַ רייע, לי-י-י-נקס! רעכטער אַקסל פאָרויס, מאַרש! שווייגן!

אַ געמירמל האָט זיך דורכגעטראָגן איבער די רייען פון די רויטאַרמייער. זיי זענען אַוועק אין אומאָרדענונג, שטיל, אין אַ ווילדע אַרום צעמישט די רייען און שוין געגאַנגען אין אַ קופּע.

פּאָדטיאָלקאָוו, וועלכער האָט ענדלעך געפּועלט ביי אַלע אָפּצוגעבן דאָס געווער, האָט וואַרשיינלעך נאָך געהאָפט אויף אַ גליקלעכן אויסגאַנג. ווי נאָר אָבער זיי האָבן אַרויסגעטריבן די געפאַנגענע נאָכן כוטאָר, האָבן די קאָזאַקן פון קאָנוואָי אָנגעהויבן אַרויפרייטן אויף די לעצטע מיט די פערד. בונטשוקן, וועלכער איז געגאַנגען לינקס, האָט אַן אַלטער קאָזאַק, מיט אַ פלאַמיק-געלער באָרד און פון אַלטקייט שוואַרץ-געוואָרן אויערינגל אין אויער, אָן אַ סיבה אַ זעץ געגעבן מיטן ראַפּניק. דער עק האָט בונטשוקן צעשפּאָלטן די באַק. בונטשוק האָט זיך אויסגעדרייט מיט צונויפגעביילטע פויסטן, אָבער דער צווייטער, נאָך שטאַרקערער קלאַפּ האָט אים געגנייט זיך אַריינצושטופּן אין מיטן פון דער מחנה. ער האָט דאָס געטון נישט ווילנדיק, באַוואויגן דורכן היהשן אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג. און, צונויפגעדריקט פון די קערפּערס פון די געדיכט-שפּרייזנדיקע חברים, האָט ער דאָס ערשטע מאָל נאָך

אָנגעס טויט פאַרקרומט די ליפּן אין אַ נערוועזן שמייכל, וואונדערנדיק זיך אין געדאַנק, ווי שטאַרק ס'איז אין יעדן דער חשק צום לעבן.

די געפאַנגענע האָט מען אָנגעהויבן שלאָגן. די אַלטע, וואָס זענען ווילד געוואָרן ביים אָנבליק פון די אומבאַוואָפנטע שונאים, האָבן זיי געטאָפּטשעט מיט די פערד, זיך אַראָפּגעבויגן פון די זאָטלען און געשלאָגן מיט די נאַהייקעס, מיט דער טעמפּער זייט פון די שווערדן. נישט ווילנדיק האָט איטלעכער געשלאָגענער זיך געפּרוווט אַריינשפּאַרן אינמיטן; עס איז אַנטשטאַנען אַ געדראַנג, עס האָבן זיך דערהערט געשרייען.

אַ הויכער בראַזוער רויטאַרמייער פון די ניזאָווער האָט אויסגעשריגן, טרייסלענדיק מיט די אינדערהייך-אויפגעהויבענע הענט:

— אויב דערהרגענען — טאָ דערהרגעט מיטאַמאָל!... וואָס פּייניקט איר אונז?

— וואו-זשע איז אייער וואָרט? — האָט קריוואָשליקאָוו אויסגערופן.

די אַלטע זענען אַ ביסל רויִקער געוואָרן. אויף דער פראַגע פון אַ געפאַנגענעם — „וואוהין טרייבט איר אונז?" — האָט איינער פון קאָנוואָי, אַ יונגער פראָנט-קעמפער, וואָס האָט אַפּנים מיטגעפילט די באָלשעוויקעס, מיט אַ האַלב קול געענטפערט:

— לויטן באַפעל — אין כוטאָר פאָנאָמאַרעוו. האָט נישט קיין מורא, ברידערלעך. מיר וועלן אייך קיין שום שלעכטס נישט טון.

מען האָט זיי געבערענגט צו טרייבן אין כוטאָר פאָנאָמאַרעוו.

ספּירידאָנאָוו מיט צוויי קאָזאַקן האָט זיך אָוועקגעשטעלט פאַר דער טיר פון אַן ענג געוועלבל; דורכלאָזנדיק איינציקווייז, האָט ער געפרעגט:

— נאָמען, פאַמיליע? וואו געבוירן? — די ענטפערס האָט ער איינגעשריבן אין אַ פאַרפעצט מיליטעריש נאָטיץ-ביכל.

עס אין אָנגעקומען די רייע אויף בונטשוקן.

— פאַמיליע ? — ספּיראָדאָנאָוו האָט צוגעשטעלט דעם שפּיץ פון שרייבפּענדל צום פּאַפּיר, כלאחר־יד אַ בליק געטון אויפן אָנגעכמורעטן פּנים מיטן ברייטן שטערן פון רויכאַמייער, און זעענדיק ווי יענעמס ליפּן האָבן זיך אַרויסגערוקט, גרייט אַ שפּיי צו טון, האָט ער זיך אַ וואָרף געטון מיטן גאַנצן קערפּער אין אַ זייט און אויסגעשריגן :

— גיי דורך, מנוול ! וועסט פּגרן אויך אָן פאַמיליע־נאָמען !

אָנגעשטעקט פון בונטשוקס ביישפּיל, האָט אויך נישט געענטפערט איגנאַט, דער טאַמבאָווער. נאָך עמעצער אַ דריטער האָט געוואָלט שטאַרבן אומבאַקאַנט און שווייגנדיק אַריבערגעשפּרייזט די שוועל...

ספּיראָדאָנאָוו אַליין האָט אָנגעהאָנגען אַ שלאָס. אַוועקגעשטעלט אַ וואַך.

בשעת מען האָט פאַרן געוועלב צעטיילט דאָס געווער און די פּראָדוקטן, וואָס זענען פאַרנומען געוואָרן אויף די וואָגנס פון דער עקספּעדיציע, האָט אין איינעם פון די שכנותדיקע הייזער אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג דאָס מיליטערישע פעלד־געריכט, וואָס איז שנעל אָרגאַניזירט געוואָרן פון די פאָרשטייער פון די כוטאָרן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין פאַנגען פּאָדטיאָלקאָוון.

אָנגעפירט מיט דער זיצונג האָט דער פעסט־געבויטער, געל־בּרעמיקער עסאַול פון דער באָקאָווער סטאַניצע, וואַסילי פּאָפּאָוו. ער איז געזעסן ביים טיש אונטערן שפּיגל, וואָס איז באַהאָנגען געווען מיט האַנטיכער, די עלנבויגנס ברייט אויסגעלייגט, דאָס היטל פאַררוקט אויפן פלאַכן נאַקן. זיינע בוימלדיקע גוטמוטיק־שטרענגע אויגן זענען פאָרשנדיק אַרומגעקראָכן איבער די פּנימער פון די קאָזאַקן — די מיטגלידער פון געריכט. עס איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע, וועגן דער גרייס פון דער שטראָף.

— וואָס־זשע וועלן מיר טון מיט זיי, הערן אַלטע? — האָט פּאָפּאָוו איבערגעחזרט די פראַגע.

זיך אָנבייגנדיק, האָט ער עפּעס אַ שעפּטשע געטון דעם אונטערעסאַול סעניו, וואָס איז געזעסן לעבן אים. יענער האָט איינשטימיק אייליק אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ. פּאָפּאָווס אַפּלען האָבן זיך פאַרשמעלט, די פרייליכע שטראַלעכלעך אַרום זיינע אויגן זענען פאַרשוואונדן און די אויגן אַליין, אַנדערע, פינקלענ־דיקע מיט אַ קאַלט געוואָרענעם שטרענגן גלאַנץ, האָבן זיך לייכט באַדעקט מיט די נישט געדיכטע ברעמען.

— וואָס וועלן מיר טון מיט דידאָזיקע פאַררעטער פון פאָטערלאַנד, וואָס זענען געגאַנגען רויבן אונזערע כאַטעס און אויסראָטן דאָס קאָזאַקנטום?

פּעוורעליעוו, דער אַלטגלויביקער זקן פון דער מיגולינער סטאַניצע, איז אויפגעשפּרונגען, ווי אונטערגעוואָרפן דורך אַ ספרונזשינע.

— דערשיסן! אַלע! — ער האָט פאַרביסן אַ טרייסל גע־טון מיטן קאָפּ; אַרומקוקנדיק זיך מיט צעיושעטע דורכבויערנדיקע אויגן, שטיקנדיק זיך מיט גאַוועך, האָט ער אויסגעשריגן: — נישטאָ פאַר זיי, פאַר די כריסטוס־פאַררעטער, קיין רחמנות! זשידעס זענען זיי! דערהרגענען!... דערהרגענען!... קרייצן זיי!... אין פייער זיי וואַרפן!...

זיין שיטער פּעדים־בערדל האָט זיך געטרייסלט, די רויט־לעך־גרויע האָר זענען צעשויבערט געווען. ער האָט זיך גע־זעצט, שווער סאָפּענדיק, אַ ציגל־רויטער, אַ פאַרגאַוועטער.

— פאַרשיקן זיי. אָדער אפשר נישט?... — האָט אומדעצי־דירט פאַרגעלייגט איינער פון די געריכט־מיטגלידער, דיאַ־טשענקאָ.

— דערשיסן!

— פאַראורטיילן צום טויט!

— איך בין מסכים מיט זייער מיינונג!

— אויספירן דעם טויט־אורטייל עפנטלעך!

— דאָס ווילד־גראָז פון פעלד אויסרייסן!

— צום טויט זיי!

— דערשיסן, אוודאי! וואָס איז נאָך דאָ צו רעדן? — האָט ספּירידאָנאָוו זיך אויפגערעגט.

מיט יעדן אויסגעשריי זענען די שטריכן פון עסאַול פּאָפּאָווס ווינקלען פון די ליפּן אַלץ מער פאַרגרעבט געוואָרן, פאַרלירנדיק די נאַר־וואָס גוטמוטיקע זעטיקייט פון אַ מענטש, וואָס איז צופרידן מיט זיך און מיט די אַרומיקע. זיי האָבן זיך נידעריק אַראָפּגעלאָזט און רוי־צעקרומטע פאַרשטיינערט געוואָרן.

— דערשיסן!... שרייב!... — האָט ער באַפוילן דעם סעקרעטאַר, אַריבערקוקנדיק איבער זיינע אַקסלען.

— און פּאָדטיאָלקאָוון מיט קריוואָשליקאָוון... דידאָזיקע פּיינט — אויך דערשיסן?... ווייניק פאַר זיי! — האָט היציק אויסגעשריגן אַ גראָבער אַלטער קאָזאַק, וואָס איז געזעסן ביים פענסטער און כסדר אַרויסגעדרייט די קנויט פון אויסגייענדיקן לאָמפּ.

— זיי, ווי די אָנפירער, — דאַרף מען אויפהענגען! — האָט פּאָפּאָוו קורץ געענטפערט און איבערגעחזרט, ווענדנדיק זיך צום סעקרעטאַר: — שרייב: „פאַראָרדענונג. מיר אונטערגעשריבענע...״

דער סעקרעטאַר — אויך אַ פּאָפּאָוו, דעם עסאַולס אַ ווייטער קרוב, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם גלאַט־פאַרקעמטן קאָפּ מיט די ווייסע ברעמען און אָנגעהויבן סקריפּען מיט דער פעדער.

— ס'וועט פאַרפעלן נאַפט, — האָט עמעצער מיט באַדויערונג אַרויסגעזיפצט.

דאָס פלעמל פון לאָמפּ האָט אונטערגעטאַנצט, די קנויט האָט געטשאַדעט. אין דער שטילקייט האָט געזשוזשעט אַ פליג, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין שפּינוועב, די פעדער האָט געסקריפּעט איבערן פּאַפּיר, און עמעצער פון די געריכט־מיטגלידער האָט העשענדיק און שווער געאָטעמט.

פאַראָרדענונג

דעם 27-סטן אַפּריל (10-טן מאַי) פון 1918-טן יאָר האָבן די אויסגעוויילטע פון די כוטאָרן פון דער קאַרגינער, באָקאָווער און קראַסנאָקוטער סטאַניצעס.

פון וואַסיליעווער . . . . מאַקסייעוו סטעפּאַן
" באָקאָווער . . . . . קרוזשילין ניקאָלאַי
" פּאָמין . . . . . . קומאָוו פיעדאָר
" ווערכניע-יאַבלאָנאָווער . קורטין אַלעקסאַנדער
" ניזשנע-דולענער . . . סיניעוו לעוו
" אילינער . . . . . . וואָלאָצקאָוו סעמיאָן
" קאָנקאָווער . . . . פּאָפּאָוו מיכאַיל
" ווערכניע-דולענער . . ראָדין יאַקאָוו
" סאַוואָסטיאַנער . . . פּראָלאָוו אַלעקס
" מיליוטינער סטאַניצע . . פּעוורעלעוו מאַקסים
" ניקאָלאַיעוו . . . . גראָשעוו מיכאַיל
" קראַסנאָקוטער סטאַניצע . יעליאַנקין איליאַ
" פּאָנאָמאַראָווער כוטאָר . דיאַטשענקאָ איוואַן
" יעוולאַנטיעווער " . . קריוואָוו ניקאָלאַי
" מאַלאַכאָווער " . . יעמעליאַנאָוו לוקאַ
" נאָוואָזיעמצעווער . . . קאָנאָוואַלאָוו מאַטוועי
" פּאָפּאָווער . . . . פּאָפּאָוו מיכאַיל
" אַסטאַכאָווער . . . . שטשעגאָקאָוו וואַסילי
" אָרלאָווער . . . . . . טשעקונאָוו פיעדאָר
" קלימאָוו פעדעראָווער . . טשוקאַרין פיעדאָר

אונטערן פאָרזיץ פון וו. ס. פּאָפּאָוו

באַשלאָסן:

1) אַלע רויבער און באַשווינדלער פון אַרבעטנדיקן פאָלק, וואָס זייערע נעמען זענען אויסגערעכנט אין פאָלגנדן צעטל, סך-הכל אין דער צאָל פון 80 מאַן, פאַראורטיילן צום טויט דורך דערשיסן, דערביי זאָל דער טויט איבער צוויי פון זיי – פאָדטיאָלקאָוון און קריוואָשליקאָוון, די אָנפירער פון דערדאָזיקער באַנדע, אויסגעפירט ווערן דורך הענגען.

2) דעם קאָזאַק פון מיכאַילאָווער כוטאָר אַנטאָן קאָליטווינצאָוון, צוליב מאַנגל אין באַווייזן, באַפרייען.

3) די אַנטלאָפענע פון פאָדטיאָלקאָווס אָפּטיילונג און אַרעסטירטע אין דער קראַסנאָקוטער סטאַניצע: קאָנסטאַנטין מעלניקאָוו, גאַווריליאַ מעלניקאָוו, וואַסילי מעלניקאָוו, אַקסענאָגין און ווערשינינען באַשטראָפן לויטן ערשטן פונקט פון דאָזיקן באַשלוס (טויט-שטראָף).

4) דעם אורטייל אויספירן מאָרגן, דעם 28-סטן אַפּריל (11-טן מאַי) 6 אַ זייגער אינדערפרי.

5) די וואַך צו היטן די אַרעסטירטע איבערגעבן דעם אונטערעסאַול סענין און ביז עלף אַ זייגער אין אָוונט היינט אַרויסשיקן צו זיין דיספּאָזיציע צו צוויי קאָזאַקן, באַוואָפנטע מיט ביקסן; די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן נישט אויספירן דעמדאָזיקן פונקט ווערט אַרויפגעלייגט אויף די מיטגלידער פון געריכט; דער אורטייל זאָל אויסגעפירט ווערן דורך אַ וואַך, וואָס זאָל באַשטיין פון יעדן כוטאָר; אַרויסשיקן אויפן עקזעקוציע-פלאַץ צו פינף קאָזאַקן.

אייגנהענטיק אונטערגעשריבן:

פאָרזיצער פון דער מיליטערישער אָפּטיילונג וו. ס. פאָוואָוו.
סעקרעטאַר א. פ. פאַפאָוו.

רשימה

פון די מענטשן פון פּאָדטיאָלקאָווס אָפּטיילונג, וואָס זענען פאַראורטיילט געוואָרן דעם 27-סטן אַפּריל 1918 י. דורכן מיליטערישן פעלד-געריכט צו טויט-שטראָף.

№	סטאַניצע	נאָמען און פאַמיליע	אורטייל
1.	אוסט-כאָפּערער	פעדאָר פּאָדטיאָלקאָוו	הענגען
2.	יעלאַנער	מיכאַיל קריוואָשליקאָוו	„
3.	קאַזאַנער	אַווראַאַם קאַקורין	שיסן
4.	בוקאַנאָווער	איוואַן לאַגוטין	„
5.	ניזשעגאָראַדער ג.	אַלעקס איוו. אָרלאָוו	„
6.	ניזשעגאָראַדער	יעפים מיכ. וואַכטעל	„
7.	אוסט-ביסטריאַנער	גריגאָרי פּעטיסאָוו	„
8.	מיגולינער	גאַווריל טקאַטשעוו	„
9.	מיגולינער	פּאַוועל אַגאַפּאָנאָוו	„
10.	מיכאַילאָווער	אַלעקסאַנדער בובנאָוו	„
11.	לוגאַנער	קאַלינין	„
12.	מיגולינער	קאָנסטאַנטין מריכין	„
13.	מיגולינער	אַנדרעי קאָנאָוואַלאָוו	„
14.	פּאַלטאַווער ג.	קאָנסטאַנטין קריסטאַ	„
15.	קאַטאָווער	פּאַוועל פּאַזדיאַקאָוו	„
16.	מיגולינער	איוואַן באָלדירעוו	„
17.	מיגולינער	טימאָפעי קאָליטשעוו	„
18.	פילימ.-טשעלב.	דימיטרי וואָלאָדראָוו	„
19.	טשערנישעווער	געאָרגי קאַרפושין	„
20.	פילימ.-טשעלב.	איליאַ קאַלמיקאָוו	„
21.	מיגולינער	סאַוועלי ריבניקאָוו	„
22.	מיגולינער	פּאָליקאַרפּ גוראָוו	„
23.	מיגולינער	איגנאַט זעמליאַקאָוו	„

№	סטאַניצע	נאָמען און פאַמיליע	אורטייל
24.	מיגולינער	איוואַן קראַווצאָוו	שיסן
25.	ראָסטאָוו	ניקיפאָר פראָלאָווסקי	"
26.	ראָסטאָוו	אַלעקסאַנדער קאַנאָוואַלאָוו	"
27.	מיגולינער	פיאָטר וויכליאַנצעוו	"
28.	קלעצקער	איוואַן זאָטאָוו	"
29.	מיגולינער	יעוודאָקים באַבקין	"
30.	מיכאַילאָווער	פיאָטר סווינצאָוו	"
31.	דאָברינער	איל אַריאָן טשעלאָביטשיקאָוו	"
32.	קאַזאַנער	קלימענטעי דראָנאָוו	"
33.	אילאָווליגער	איוואַן אַווילאָוו	"
34.	קאַזאַנער	מאַטוועי סאַקמאַטאָוו	"
35.	ניזשנע-קורמאָיאַר.	געאָרגי פּופּקאָוו	"
36.	טערפּאָווער	מיכאַיל פּעווראַלעוו	"
37.	כערסאָנער ג.	וואַסילי פּאַנטעלעימאָנאָוו	"
38.	קאַזאַנער	פּאָרפירי ליובוכין	"
39.	קלעצקער	דימיטרי שאַמאָוו	"
40.	פילאָנאָווער	סאַפּאָן שאַראָבאָוו	"
41.	מיגולינער	איוואַן קובאַריעוו	"
42.	מיגולינער	פיעדאָר אַבאַקומאָוו	"
43.	לוגאַנער	קוזמאַ גאָרשאַקאָוו	"
44.	גונדאָראָווער	איוואַן איזוואַרין	"
45.	גונדאָראָווער	מיראָן קאַלינאָווצעוו	"
46.	מיכאַילאָווער	איוואַן פּאַראַפּאָנאָוו	"
47	קאָטאָווער	סערגעי גאָרבונאָוו	"
48.	נישנע-טשירער	פיאָטר אַלאַיעוו	"
49.	מיגולינער	פּראָקאָפּי אָרלאָוו	"
50.	לוגאַנער	ניקיטאַ שעין	"
51.	סט. מעכאַניק רפטק	אַלעקסאַנדער יאַסענסקי	"

№	סטאַניצע	נאָמען און פאַמיליע	אורטייל
52.	ראָסטאָוו	מיכאַיל פּאָליאַקאָוו	שיסן
53.	ראַזדאָרער	דימיטרי ראָגאַטשעוו	״
54.	ראָסטאָוו	ראָבערט פּראַשענברודער	״
55.	ראָסטאָוו	איוואַן טילענדער	״
56.	סאַמאַרער ג.	קאָנסטאַנטין יעפימאָוו	״
57.	טשערנישעווער	מיכאַיל אָוטשיניקאָוו	״
58.	סאַמאַרער ג.	איוואַן פּיקאַלאָוו	״
59.	אילאָוולינער	מיכאַיל קאָרעצקאָוו	״
60.	קומשאַטער	איוואַן קאָראָטקאָוו	״
61.	ראָסטאָוו	פּיאָטר בירויקאָוו	״
62.	ראַזדאָרער	איוואַן קובאַקאָוו	״
63.	לוקאָווער	טיכאָן מאַליטווינאָוו	״
64.	מיגולינער	אַנדרעי שוויעצאָוו	״
65.	מיגולינער	סטיעפּאַן אַניקין	״
66.	קרעמיענער	קוזמאַ דיטשקין	״
67.	באַקלאַנאָווער	פּיאָטר קאַבאַנאָוו	״
68.	מיכאַילאָווער	סערגעי סעליוואַנאָוו	״
69.	ראָסטאָוו	אַרטיעם איוואַנטשענקאָ	״
70.	מיגולינער	ניקאָלאַי קאָנאָוואַלאָוו	״
71.	מיכאַילאָווער	מיטרי קאָנאָוואַלאָוו	״
72.	קראַסנאָקוטער	פּיאָטר ליסיקאָוו	״
73.	מיגולינער	וואַסילי מיראָשניקאָוו	״
74.	מיגולינער	איוואַן וואָלאָכאָוו	״
75.	מיגולינער	יאַקאָוו גאָרדעעוו	״

דריי האָבן נישט אויסגעזאָגט זייערע נעמען.

נאָכן פאַרענדיקן איבערשרייבן די רשימה פון די פאַראורטיילטע, האָט דער סעקרעטאַר אויפן סוף פון באַשלוס געשטעלט

אַ צעקראַטשעטן דאָפּל־פּונקט און איבערגעגעבן די פּעדער דעם נאָענטסטן אין דער האַנט אַריין.

— שרייב דיך אונטער!

דער פֿאָרשטייער פֿון נאָוואָ־זעמצעווער כוטאָר קאָנאָוואַלאָוו, אין פּאַראַדנעם מונדיר פֿון גרויען דייטשישן געוואַנט מיט רויטע לעצלעך אויפֿן קאָלנער, האָט, שולדיק שמייכלענדיק, זיך אָנגעבויגן איבערן פּאַפּיר. זיינע גראָבע, מאָזאָליעדיקע פֿינגער האָבן, נישט איינבייגנדיק זיך, געהאַלטן דאָס שילערישע אָפּגעביסענע הענטל.

— איך בין נישט קיין גרויסער כתבן... — האָט ער געזאָגט, פֿלייסנדיק זיך ביים אויפֿשרייבן די גרויסע „ק“.

נאָך אים האָט זיך אונטערגעשריבן ראָדין, אויך אַזוי אומ־זיכער פֿירנדיק מיטן הענטל, שוויצנדיק און כמורעדיק זיך פֿון אָנשטרענגונג. נאָך איינער האָט זיך אונטערגעשריבן, דרייענדיק פֿריער מיטן הענטל, אָננעמענדיק זיך מיט אימפּעט, און אַריינגעצויגן די צונג, וואָס איז געווען אַרויסגערוקט בשעתן שרייבן. פּאַ־פּאָוו האָט זיך ברייט פֿאַרמאָסטן, אונטערגעשריבן זיין פֿאַמיליע־נאָמען מיט אַ דריידל, אויפֿגעשטאַנען, אָפּווישנדיק דאָס פֿייכטע פּנים מיטן טיכל.

— מען דאַרף צולייגן די רשימה, — האָט ער מיט אַ גענעץ געזאָגט.

— קאַלעדין וועט אונז אויף יענער וועלט דאַנקבאַר זיין, — האָט סעניִן יוגנטלעך אַ שמייכל געטון, זיך צוקוקנדיק, ווי דער סעק־רעטאַר דריקט צו דעם באַשריבענעם בויגן צו דער געווייסטער וואַנט.

אויף דעם וויץ האָט עפּעס קיינער נישט געענטפֿערט. זיי האָבן שווייגנדיק פֿאַרלאָזט די כאַטע.

— האַר יעזוס... — האָט עמעצער אין פֿינסטערן פֿעדער־הויז אַ זיפֿץ געטון, אַרויסגייענדיק.

XXIX

אין דער נאַכט, וואָס איז באַשפּריצט געווען מיטן מילכיקן ליכט פון די געלבלעך-בלייכע שטערן, איז אין געוועלבל, פול אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, כמעט קיינער נישט געשלאָפן. די קורצע שמועסן האָבן זיך געלאָשן. די דושנעקייט און אויפרעגונג האָבן געשטיקט די מענטשן.

אָוונט-צייט האָט געבעטן איינער פון די רויטאַרמייער, מען זאָל אים אַרויספירן.

— עפן, חבר! איך דאַרף אַרונטערגיין!...

ער איז געשטאַנען מיטן אַרויסגעלאָזטן ביינוולנעם העמד פון די שאַראַוואַרן, אַ צעפּאַטלטער, אַ באָרוועסער, און צודריקנדיק דאָס שוואַרץ-געוואָרענע פּנים צום שליסל-לאָך, איבערגעחזרט:

— עפן-זשע, חבר!

— אַ וואָלף איז דיר אַ חבר, — האָט ענדלעך עמעצער פון דער וואַך זיך אָנגערופן.

— עפן, ברידערל! — האָט דער בעטנדיקער געענדערט די ווענדונג.

דער וואַכמאַן האָט אַראָפּגעשטעלט די ביקס, זיך איינגעהערט, ווי עס פּאָכען אין דער פינסטערניש מיט די פליגל די ווילדע קאַטשקעס, וואָס פליען איבער אויף באַנאַכטיקן פּאַנג, און אַ צי געטענדיק פון פּאַפּיראָסל, זיך צוגעדריקט מיט די ליפּן צום שליסל-לאָך:

— מאַך אונטער דיר, האַרצינקער. איבער נאַכט וועסטו די הויזן נישט אָפּטראָגן, און פאַרטאָג וועט מען דיך אויך אין נאַסע אין גן-עדן אַרייַנלאָזן...

— אַלע קעגן אונז!... — האָט דער רויטאַרמייער פאַרצווייפלט געזאָגט, אַוועקגייענדיק פון דער טיר.

זיי זענען געזעסן אַקסל בײַ אַקסל. אין ווינקל האָט פּאָדי־טיאָלקאָוו איבערגעקערט די קעשענעס און צעריסן אַ באַרג געלט, שעפּטשענדיק עפּעס, שעלטנדיק אין דער מאַמען אַריין. פּאַרענ־דיקט מיטן געלט, האָט ער אויסגעטון די שטיוול, אַ שמעק גע־געבן צו די אָנוטשעס, וואָס האָבן געשטונקען מיט שווייס און, באַרירנדיק דעם אַקסל פון קריוואָשליקאָון, וועלכער איז געלעגן לעבן אים, האָט ער אָנגעהויבן רעדן:

— ס׳איז קלאָר — מען האָט אונז אָפּגענאַרט. אָפּגענאַרט, אין זייער מאַמען אַריין!... ס׳איז אַ בושה, מיכאַילאָ! ווען איך בין אַ יינגל געווען, פלעג איך גיין אויף געיעג מיטן טאַטנס ביקס אויף דער צווייטער זייט דאָן. איך גיי דורכן וואַלד, און ער האָט, ווי אַ גרין געצעלט זיך אויסגעשפּרייט... איך קום צו צום ברעג — קאַטשקעס זיצן. איך ציל און טרעף דערלעבן, אַז כאַטש נעם און צעוויין זיך. און אַצינד איז מיר אויך אַזאַ בושה — איך האָב גע־צילט און נישט געטראָפן: ווען מיר וואָלטן אַרויסגעגאַנגען פון ראָסטאָוו מיט דריי מעת־לעת פריער — וואָלט נישט אויסגע־קומען אַצינד דאָ צו שטאַרבן. וואָלטן מיר די גאַנצע קאָנטראַ מיט די פיס אַרויף איבערגעקערט.

פיינלעך שטשירענדיק די ציין, שמייכלענדיק אין דער פינסטערניש, האָט קריוואָשליקאָוו געזאָגט:

— כאַפּט זיי דער טײַוול, זאָלן זיי דערהרגענען! אויך צו שטאַרבן — איז דערוויַל נישט שרעקלעך... „נאָר די זאָרגן מיינע זענען, וואָס אויף דער וועלט דער צווייטער — וועלן מיר זיך נישט דערקענען”... מיר וועלן זיך טרעפן דאָרט, פעדיאַ, ווי פרעמדע... דאָס איז שרעקלעך!...

— הער אויף! — האָט פּאָדטיאָלקאָוו באַליידיקט אַ ברום געטון, אַרויפלייגנדיק די גרויסע הייסע הענט אויף זיינע אַקס־לען: — נישט אין דעם גייט עס...

לאַגוטין האָט דערציילט עמעצן וועגן זיין כוטאָר, וועגן דעם, ווי דער זיידע האָט אים גערופן מיטן צונאָמען „קלינג” פאַר זיין לאַנגן קאָפּ, און וועגן דעם, ווי דער זעלבער זיידע

האָט אים געשלאָגן מיט דער בייטש, כאַפּנדיק אים אין אַ פרעמדן גאָרטן.

פאַרשידענע שמועסן זענען געפירט געוואָרן אין דערדאָזי־קער נאַכט, אומגעבונדענע און אָפּגעריסענע.

בונטשוק האָט זיך איינגעאָרדנט ביי דער סאַמע טיר, גיריק אַריינגעצויגן מיט די ליפּן די קילע לופט, וואָס האָט געבלאָזן דורך דער שפּאַרע אין דער טיר. איבערמישנדיק אין רעיון דאָס דורכגעלעבטע, האָט ער כּלאחר־יד זיך דערמאַנט אָן דער מוטער און, דורכגעדרונגען פון אַ שאַרפן שטאָך, זיך באַמיט צו פאַרטרייבן דעם געדאַנק וועגן איר, אַריבערגעגאַנגען אין די זכרונות צו אַננען, צו דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט... דאָס האָט פאַרשאַפט אַ גרויסע, פרידלעך־גליקזעליקע דערלייכטערונג. ווינצי־קער פון אַלץ האָבן אים געשראָקן די רעיונות וועגן טויט. ער האָט נישט געפילט, ווי אַמאָל, קיין לייכט פּיבערן לענגאויס דעם חוט־השדרה, קיין נאָגנדיקן אומעט ביים געדאַנק, אַז מען וועט אים צונעמען דאָס לעבן. ער האָט זיך געגרייט צום טויט, ווי צו אַ נישט פריילעכן אָפּרו נאָך אַ שווערן, מאַטערנדיקן וועג, ווען די מידעקייט איז אַזוי גרויס, פּייניקט אַזוי דעם קערפּער, אַז קיין זאַך איז שוין נישט בכּוח צו דערפרייען.

נישט ווייט פון אים האָט מען אי פריילעך, אי טרויעריק גערעדט וועגן פרויען, וועגן ליבע, וועגן גרויסע און קליינע פריידן, וואָס די און יענע האָבן איינגעפלאָכטן אין האַרץ.

מען האָט גערעדט וועגן די פאַמיליעס, וועגן קרובים, וועגן נאָענטע... מען האָט גערעדט וועגן דעם, אַז די תּבֿואה איז שוין הויך — אַ קראָ וועט שוין אין ווייץ זיך באַהאַלטן — און מ וועט זי נישט אַרויסזען. מען האָט געבענקט נאָך בראָנפן און נאָך דער פרייהייט, געזידלט פּאָדטיאָלקאָוון. נאָר דער שלאָף האָט שוין אַ סך באַדעקט מיט זיין שוואַרצן פליגל — אויסגעמאַטערטע פיזיש און מאָראַליש זענען זיי איינגעשלאָפן, זיצנדיק, שטייענדיק.

ערשט פאַרטאָג האָט עפּעס איינער, — וואָכערהייט, צי אין שלאָף, — זיך הויך צעוויינט ; ס'איז שרעקלעך צו הערן, ווען

עס ווײַנען דערוואַקסענע פּראָסטע מענטשן, וואָס האָבן פון דער קינדהייט אָן שוין פאַרגעסן דעם געזאַלצענעם טעם פון טרערן. און גלייך האָט געפּלאַצט די דרעמלדיקע שטילקייט, עס האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען אין עטלעכע קולות:

— שווײַג, פאַרשאָלטענער!

— באַבע צעקראָכענע!

— כ׳וועל דיר דעם גאָרגל אָרויסרייסן — שוויי-יי-ג!...

— ער האָט זיך צעוויינט, דאָס פּיצעלע!...

— דאָ שלאָפן מענטשן, און ער... האָט דאָס געוויסן פאַרלוירן!

דער, וואָס האָט זיך צעוויינט, — איז, זיפּנדיק מיט דער נאָז און שנײַצנדיק זי, פאַרשוויגן געוואָרן.

די שטילקייט האָט זיך ווידער צוריק איינגעשטעלט. אין פאַרשידענע ווינקלען האָבן אויפגעלויכטן פּאַפּיראָסן, נאָר די מענטשן האָבן געשוויגן. עס האָט געשמעקט מיט מענטשלעכן שווייס, געדיכטקייט פון אַ סך געזונטע קערפּערס, פּאַפּיראָסן-רויך און זיסן פאַרענדיקן טוי, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן בײַנאַכט.

אין כוטאָר האָט אַ האָן געקרייעט אויף טאָג. עס האָבן זיך דערהערט טריט, אַ קלינגען פון אײַזן.

— ווער גייט? — האָט הויך געפרעגט איינער פון די וואַך-לייט.

אַ הוסט טוענדיק, האָט אים געענטפערט פונווייטנס אַ יונג הייטער קול:

— אַ קבר פאַר די פּאַדטיאָלקאָווצעס גייען מיר גראָבן.

אין געוועלבל האָט אַלץ מיטאַמאָל זיך אַ רודער געטון.

XXX

די קאָזאַקן-אָפּטיילונג פון טאָטערישן כוטאָר, אונטער דער אָנפירונג פון כאָרונזשי פּיאָטר מעליעכאָוו, איז אָנגעקומען אין כוטאָר פּאָנאָמאַרעוו דעם 28-סטן אַפּריל פאַרטאָג.

איבערן כוטאָר האָבן זיך געדרייט טשירער קאָזאַקן, געפירט די פערד אָנטרינקען, גרופּעסווייז אַוועקגעגאַנגען אין עק כוטאָר. פּיעטראָ האָט פאַרהאַלטן די אָפּטיילונג אין מיטן כוטאָר, באַפוילן אַראָפּצושטייגן פון די פערד. צו זיי זענען צוגעגאַנגען עטלעכע מענטשן.

— פונוואַנען, סטאַניצע-לייט? — האָט איינער געפרעגט.

— פון טאַטערישן.

— איר האָט אַ ביסל פאַרשפּעטיקט... מען האָט געכאַפּט אָן איין פּאַדטיאָלקאָוון.

— וואו-זשע זענען זיי? מען האָט זיי פונדאַנען אַוועקגע-טריבן?

— אָט וואו... — דער קאָזאַק האָט אַ ווייז געטון מיט דער האַנט אויפן שיפּן דאַך פון געוועלבל און זיך צעלאַכט: — זיי זיצן, ווי הינער אין אַ הינערשלאַק.

כריסטאָניאַ, גריגאָרי מעליעכאָוו און נאָך עטלעכע מאַן זע-נען צוגעגאַנגען נענטער.

— וואוהין-זשע וועט מען זיי, הייסט עס, שיקן? — האָט כריסטאָניאַ זיך פאַראינטערעסירט.

— אויף יענער וועלט אַרויף.

— וואָס הייסט?... וואָס זאָגסטו ליגנט? — גריגאָרי האָט אָנגעכאַפּט דעם קאָזאַק ביי דער פּאָלע פון שינעל.

— זאָגט איר, אייער וואוילגעבוירנהייט, בעסער ליגנט! — האָט דער קאָזאַק עזותדיק געענטפערט און זיך לייכט באַפרייט פון גריגאָריעס קלאַמערנדיקע פינגער. — אָט זע, — מען האָט שוין פאַר זיי הוידעלקעס צוגעגרייט, — ער האָט אָנגעוויזן אויף דער תּליה, וואָס איז געמאַכט געוועזן צווישן צוויי אַלטע ווערבעס.

— צעשטעלן די פערד איבער די הייף! — האָט פּיעטראָ קאָמאַנדעוועט.

וואָלקנס האָבן באַדעקט דעם הימל. עס האָט געפּויקט אַ שיטערער רעגן. צום עק כוטאָר זענען געדיכט געגאַנגען קאָ-

זאַקן און באַבעס. די באַפעלקערונג פון פּאָנאָמאַרעוו, צווישן וועל־כער ס'איז באַקאַנט געמאַכט געוואָרן, אַז די עקזעקוציע וועט פאָרקומען זעקס אַ זייגער, איז געגאַנגען גערן, ווי אויף אַ זעל־טענער פרייַלעכער פאָרשטעלונג. די קאָזאַטשקעס האָבן זיך אויס־געשלייערט, ווי אויף אַ יום־טוב; אַ סך האָבן מיטגעפירט די קינדער. די מחנה האָט אַרומגערינגלט דאָס פּאַשע־פעלד, זיך געשטופּט אַרום דער תּליה און לאַנגן גרוב, צוויי אַרשין די טיף. די קינדערלעך האָבן געטרעטן אויף דער פייכטער ליימיקער ערד, וואָס איז אָנגעשיט געוואָרן פון איין זייט גרוב; די קאָזאַקן זענען זיך צונויפגעגאַנגען און הייטער געשמועסט וועגן דער פאַר־שטייענדיקער עקזעקוציע; די באַבעס האָבן טרויעריק זיך געשושקעט.

דער עסאַול פּאָפּאָוו איז געקומען אַ פאַרשלאָפענער און ערנסטער, ער האָט געררייכערט, געקייעט דעם פּאַפּיראָס, שטשי־רענדיק די פעסטע ציין; די קאָזאַקן פון דער וואַך־קאָמאַנדע האָט ער הייזעריק באַפוילן:

— טרייבט אַוועק דעם עולם פון גרוב! ספּירידאָנאָוון גיט איבער, אַז ער זאָל ברענגען די ערשטע פּאַרטיע! — ער האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער און אַוועקגעגאַנגען אין דער זייט, זיך צו־קוקנדיק, ווי געטריבן דורך די וואַכליַיט, טרעט דער עולם אָפּ פון עקזעקוציע־פּלאַץ און רינגלט אים אַרום מיט אַ קאָמפּאַקטן פאַר־ביקן האַלב־קרייַז.

ספּירידאָנאָוו איז מיט אַן אָפּטייַלונג קאָזאַקן שנעל אַוועק־געגאַנגען צום געוועלבל. אויפן וועג האָט ער באַגעגנט פּיעטראָ מעליעכאָוו.

— פון אייַער כוטאָר זענען דאָ פּרייווויליקע?

— וואָסערע פּרייווויליקע?

— אויסצופירן דעם אורטייל.

— עס זענען נישטאָ און וועלן נישט זייַן! — האָט פּיעטראָ שאַרף געענטפערט, אויסמייַדנדיק ספּירידאָנאָוון, וואָס האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

אָבער פּרייווויליקע האָבן זיך דאָך געפונען: מיטקאַ קאָר־

שונאָוו, זיך צוגלעטנדיק מיט דער האַנט די האַרטע האָר, וואָס האָבן זיך אים אָפּגעמאַכט פון אונטערן דאַשעק, איז מיט אַ שווערן טריט צוגעגאַנגען צו פּיאָטערן און געזאָגט, פינקלענדיק מיט די קאַמיש־גרינע פאַרזשמורעטע אויגן.

— איך וועל שיסן... פאַרוואָס זאָגסטו — „ס'איז נישטאָ".

איך בין מסכּים, — און ער האָט מיט אַ שמייכל אַראָפּגעלאָזט די אויגן: — גיב מיר קוילן. איך האָב בלויז איין מאַגאַזין.

אַלס פריוויליקע האָבן זיך נאָך געמאָלדן — דער בלייכער אַנדרעי קאַשולין, מיט אַ פּנים, ווי איינגעשמידט אין ווילדער פאַרביסנקייט, און דער קאַלמיקישער פיעדאָט באָדאָווסקאָוו.

איבערן גרויסן עולם, וואָס איז געשטאַנען צונויפגעדריקט אַקסל־ביי־אַקסל, איז דורכגעלאָפן אַ געשעפּטשעריי און איינגעהאַלטן מירמלען, ווען פון געוועלבל האָט געריִרט די ערשטע פאַרטיי־פאַראורטיילטע, אַרומגערינגלט דורכן קאַזאַקן־קאָנוואָי.

פּאָדטיאָלקאָוו איז געגאַנגען פאָרויס, באָרוויס, אין ברייטע גאַליפע פון שוואַרץ געוואַנט, די לעדערנע קורטקע צעשפּיליעט. ער האָט אַנטשלאָסן געשטעלט די גרויסע ווייסע פיס אין דער בלאָטע, זיך גליטשנדיק עטוואָס אויסגעשטרעקט די לינקע האַנט, אויפצוהאַלטן די גלייכגעוויכט. לעבן אים האָט קוים זיך געשלעפּט דער טויט־בלייכער קריוואָשליקאָוו. זיינע אויגן האָבן טרוקן געגלאַנצט, די ליפּן האָבן פיינלעך געציטערט. זיך גלייך מאַכנדיק דעם אָנגעהאָנגענעם שינעל, האָט קריוואָשליקאָוו אַזוי צונויפגעטוליעט די אַקסלען, ווי עס וואָלט אים געווען שרעקלעך קאַלט. ויי האָט מען איבער עפּעס נישט אויסגעטאָן, אָבער די איבעריקע וענען געגאַנגען אין די בלויזע וועש. לאַגוטין האָט געשפּרייזט לעבן בונטשוקן, וואָס האָט געשפּאַנט מיט שווערע טריט. ביידע זענען געווען באָרוויס, אויסגעטאָן ביז צו דער וועש. ביי לאַגוטינען האָבן די צעריסענע גאַטקעס אַנטבלויזט דאָס געלע לייב, וואָס איז באַוואַקסן געווען מיט שיטערע האָר. ער איז געגאַנגען מיט ציטערנדיקע ליפּן און פאַרשעמט זיך צוגעהאַלטן

דאָס אויפגעריסענע אָרט. בונטשוק האָט געקוקט איבער די קעפּ פון קאָנוואָי אין דער גרויער, מיט וואָלקנס פאַרשלייערטער ווייט־קייט. זיינע ניכטערע קאַלטע אויגן האָבן אָפּוואַרטנדיק אָנגע־שטרענגט געמרוגעט, די ברייטע האַנט האָט מאַט געבלאָנזשעט אונ־טערן צעשפּיליעטן קאָלנער פון העמד, גלעטנדיק די מיט געדיכ־טע האָר באַוואַקסענע ברוסט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער וואַרט אויף עפּעס פריידיקס און אוממעגלעכס צום פאַרווירק־לעכן... טייל פּנימער זענען כּלומרשט אויסערלעך געווען גלייכ־גילטיק: דער גרויער באָלשעוויק אָרלאָוו — ער — האָט עזותדיק געוואָרפן מיט די הענט און געשפּיגן די קאָזאַקן פאַר די פיס; פאַר דעם איז ביי אַ צווי, דריי געווען אַזוי פיל טויבער אומעט אין די אויגן, אַזאַ גרענעצלאָזע אימה אין די צעקרומטע פּנימער, אַז אפילו די קאָנוואָי־לייט האָבן אָפּגעווענדט די אויגן און זיך אַוועקגעדרייט, ווען זיי האָבן צופעליק זיך צונויפגעטראָפן מיט זייער בליק.

זיי גייען שנעל. פּאָדטיאָלקאָוו האַלט אונטער קריוואָשלי־קאָוון, וואָס האָט זיך אַ גלימש געטון. עס דערנענטערט זיך די מחנה, וואָס בלייכט זיך מיט ווייסע טיכלעך אין דער פאַרפלייצונג פון רויט־בליִע היטלען. קוקנדיק אויף איר פון אונטערן שטערן אָפּער, זידלט פּאָדטיאָלקאָוו הויך מיט מיאוסע ווערטער, און פלוצלינג פרעגט ער, אויפכאַפּנדיק לאַגוטינס זייטיקן בליק:

— וואָס קוקסטו?

— דו ביסט אין די טעג גרוי געוואָרן... די פּאה איז ביי דיר אַזוי ווי געשפּריצט...

— אוודאי קאָן מען גרוי ווערן, — זיפצט פּאָדטיאָלקאָוו שווער; אָפּווישנדיק דעם שווייס פון שמאָלן שטערן, חזרט ער אי־בער: — אוודאי קאָן מען פון אַזאַ נחת גרוי ווערן... אַ וואָלף אין געפאַנגענשאַפט ווערט אויך גרוי, און איך — בין דאָך אַ מענטש.

מער רעדן זיי נישט קיין וואָרט. די מחנה רוקט זיך צו

נאָענט. עס זעט זיך רעכטס דער געל־ליימיקער ראָוו פון קברי־ספירידאָנאָוו קאָמאַנדעוועט :

— שטיין בלייבן !

און באַלד מאַכט פּאָדטיאָלקאָוו אַ טריט פאָרויס, נעמט אַרום מיט מידע אויגן די פּעדערשטע רייען פון עולם : צומיינסט גרויע און האַלב־גרויע בערד. די פראָנט־קאָזאַקן זענען ערגעץ פון הינטן — דאָס געוויסן פּלאָגט זיי. פּאָדטיאָלקאָוו באַוועגט קוים מיט די אַראָפּגעהאָנגענע וואָנסעס, ער רעדט טויב, אָבער דייטלעך :

— אַלטע ! דערלויבט אונז, מיר מיט קריוואָשליקאָוון, זיך צוצוקוקן, ווי אַזוי אונזערע חברים וועלן אויפנעמען דעם טויט. אונז וועט איר הענגען דערנאָך, און אַצינד וואָלטן מיר געוואָלט קוקן אויף אונזערע פריינט־חברים און אונטערגעבן מוט די שוואַכערע, וואָס קאָנען זיך פּאַרלירן.

עס איז אַזוי שטיל, אַז מען הערט ווי דער רעגן פּויקט אין די היטלען...

דער עסאַול פּאָפּאָוו, ערגעץ פון הינטן, שמייכלט, אַרויסרוקנדיק דעם קאַרניז צייך, וואָס איז געל פון רייכערן ; ער טרעט נישט אַרויס קעגן ; די אַלטע שרייען אויס מיט נישט האַרמאָנישע, אָפּגעריסענע שטימען :

— מיר דערלויבן !

— זאָלן זיי בלייבן !

— פירט זיי אַוועק פון גרוב !

קריוואָשליקאָוו און פּאָדטיאָלקאָוו גייען אין דער ריכטונג פון עולם, מען טרעט אָפּ פאַר זיי, מען מאַכט זיי אַ וועג. זיי בלייבן שטיין נישט ווייט, צוזויפגעדריקט פון אַלע זייטן דורכן עולם, באַטאַפּטע פון הונדערטער גיריקע אויגן ; זיי קוקן זיך צו, ווי אומגעלומפּערט די קאָזאַקן שטעלן אויס די רויטאַרמייער מיט די רוקנס צום גרוב. — פּאָדטיאָלקאָוו זעט גוט, קריוואָשליקאָוו אָבער שטרעקט אויס דעם דינעם, נישט געגאָלטן האַלז, הייבט זיך אונטער אויף די שפּיץ־פינגער.

דער לעצטער פון לינקס שטייט בונטשוק. ער הויקערט זיך לייכט, אָטעמט שווער, נישט אויפהייבנדיק דעם בליק, וואָס איז אַראָפּגעזונקען צו דער ערד. נאָך אים, אַראָפּציענדיק דאָס העמד איבער די צעריסענע גאַטקעס, שטייט לאַגוטין, אַן איינגעבויגענער, דער דריטער איז — דער טאַמבאָווער איגנאַט, ווייטער גייט — וואַנקאַ באָלדיריעוו, וואָס האָט זיך געענדערט נישט צום דערקענען. עלטער געוואָקסן לכל־הפּחות אויף צוואָנציק יאָר. פּאָדטיאָלקאָוו באַמיט זיך צו זען דעם פינפטן: ער דערקענט מיט אָנשטרענגונג דעם קאָזאַק פון דער קאַזאַנער סטאַניצע מאַטוועיסאַקמאַטאָוו, וואָס האָט דורכגעמאַכט מיט אים אַלע פריידן און ליידן פון קאַמיענסק אָן. נאָך צוויי גייען צו צום גרוב, דרייען זיך אויס צו אים מיטן רוקן. פּיעטראָ ליסיקאָוו לאַכט אַרויסרופנדיק און עזותדיק, שרייט אויס מיאוסע זידלווערטער, דראָעט דעם פאַרשוויגענעם עולם מיט דער צונויפגעדריקטער ברודיקער פויסט. קאָרעצקאָוו שווייגט. דעם לעצטן האָט מען געטראָגן אויף די הענט. ער האָט זיך געוואָרפן, געצייכנט די ערד מיט די מאַכטלאָזנאָכהענגענדיקע פיס און, קלאַמערנדיק זיך אָן די קאָזאַקן, וואָס האָבן אים געשלעפּט, געוואָרפן מיטן טרערן־פאַרגאָסענעם פּנים, זיך אַרויסגעריסן, געכריפּעט:

— לאָזט אָפּ, ברידער! לאָזט אָפּ, ווי גאָט איז אייך ליב! ברידער! ליבינקע! ברידערלעך!... וואָס טוט איר?! איך האָב אין דער מלחמה מיט די דייטשן פיר קרייצן זיך דערדינט!... איך האָב קינדערלעך!... גאָט, איך בין אומשולדיק!... אוי, פאַרוואָס־זשע?...

אַ הויכער קאָזאַק־אַטאַמאַניעץ האָט אים אַ זעץ געטון מיט דער קני אין דער ברוסט אַריין, צוגעשליידערט צום גרוב. דאָ ערשט האָט פּאָדטיאָלקאָוו דערקענט דעם ווידערשפּעניקן, און אַ שרעק איז אים באַפאַלן: דאָס איז געווען איינער פון די אומדערשראָקנסטע רויטגוואַרדייער, אַ מיגולינער קאָזאַק פון 1910־טן יאָרגאַנג, אַ געאָרגי־קאַוואַליער פון אַלע פיר מדרגות, אַ שיינער בלאָנדער חברהמאַן. מען האָט אים אויפגעשטעלט, באַר

ער איז ווידער אומגעפאַלן; געפּויזעט בײַ די פיס פון די קאָזאַקן, זיך צודריקנדיק מיט פאַרטרוקנטע ליפּן צו זײַערע שטיוול, צו די שטיוול, וואָס האָבן אים געשלאָגן איבערן פּנים; פאַרשטיקט און שרעקלעך געכריפּעט:

— דערהרגעט נישט! האָט רחמנות!... איך האָב דרײַ קינדערלעך... אַ מײדעלע... טײַערע מײַנע, ברידער!...

ער האָט אַרומגענומען די קניען פון אַטאַמאַן, אָבער יענער האָט זיך אַ ריס געגעבן, אָפּגעשפּרונגען, מיט אימפּעט אים אַ זעץ געטון מיטן געקאָוועטן אָפּצאַס אין אויער אַרײַן. פון צווייטן אויער האָט אַ שפּריץ געטון בלוט, גענומען רינען איבערן ווײַסן קאָלנער.

— אויפשטעלן אים!... — האָט ספּירידאָנאָוו בײַז אַ געשרײ געטון.

מען האָט אים ווי עס איז אונטערגעהויבן, אויפגעשטעלט, אוועקגעלאָפן. אין דער קעגנאיבערדיקער רײע האָבן די פּריוווּליקע גענומען די ביקסן צום אַקסל. די מחנה האָט אַ יאָכץ געטון און פאַרשטאַרבן געבליבן. עפּעס אַ באָבע האָט מיט אַ שרעקלעך קול אַרויסגעוואָיעט...

בונטשוקן האָט זיך געגלוסט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַ קוק טון אויפן גרויען רויכל פון הימל, אויף דער טרויעריקער ערד, איבער וועלכער ער האָט געטרעטן בײַנאונצוואָנציק יאָר. אויפהייבנדיק די אויגן, האָט ער דערזען אויף פופציק טריט ווײַט די געשלאָסענע רײע קאָזאַקן: אײַנער, אַ גרויסער, מיט פאַרזשמורעטע גרינע אויגן, מיט אַ טשופּרינע, וואָס איז אים אַפּערגעפאַלן פון אונטערן דאַשעק אויפן ווײַסן שמאָלן שטערן אַראָפּ, זיך אָנבײַגנדיק פאָרויס, פעסט צונויפפרעסנדיק די ליפּן, האָט געצילט אים — בונטשוקן — גלײַך אין דער ברוסט אַרײַן. נאָך פאַרן אויסשיסן איז בונטשוקס געהער דורכגעדרונגען געוואָרן פון אַ יעמערלעכן אויסגעשרײ; ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ: אַ יונג ווײַבעלע מיט זומערשפּרינקעלעך, אַרויסשפּרינגענדיק פון דער מחנה,

לויפט צום כוטאָר, מיט איין האַנט דריקט זי אַ קינד צו דער ברוסט און מיט דער צווייטער — פאַרשטעלט זי דעם קינדס אויגן.

נאָכן צעשיטן זאַלפּ, ווען אַכט פון די פאַראורטיילטע זענען אומגעפאַלן, זענען די שיסערס צוגעלאָפן צום גרוב.

מיטקאַ קאָרשונאָוו, דערזעענדיק, אַז דער רויטגוואַרדייער, צו וועלכן ער האָט געשאָסן, שפּרינגט אונטער, בייסט זיך מיט די ציין דעם אַקסל, האָט אויסגעשאָסן אין אים נאָכאַמאָל און אַ שעפּטשע געטון צו אַנדרעי קאַשולינען:

— זע נאָר דעמדאָזיקן טייוול — ער האָט זיך דעם אַקסל ביז בלוט איינגעביסן און געפּגרט ווי אַ וואָלף, שווייגנדיק.

צען פאַראורטיילטע, וואָס זענען אונטערגעטריבן געוואָרן מיט די קאָלבעס, זענען צוגעגאַנגען צום גרוב...

נאָכן צווייטן זאַלפּ האָבן די באַבעס אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ הויכן געיאָמער און אָנגעהויבן אַנטלויפן, זיך אַרויסקריגנדיק פון דער מחנה, פאַלנדיק איינע איבער די אַנדערע, מיטשלעפּנדיק די קינדער ביי די הענטלעך. אויך די קאָזאַקן האָבן אָנגעהויבן זיך פונאַנדערגיין. דאָס עקלהאַפטע בילד פון פאַרניכטונג, די געשרייען און דאָס כאָרכלען פון די שטאַרבנדיקע, דאָס יאָמערן פון די, וואָס האָבן געוואַרט אויף זייער ריי, — אָט די גאַנצע, אָן אַ שיעור גרוילהאַפטע, אויפטרייסלענדיקע פאַרשטעלונג האָט צע־טריבן די מענטשן. עס זענען געבליבן בלויז די פראָנט־קאָזאַקן, וואָס האָבן זיך שוין גענוג אָנגעזען מיט טויט, און די צומיינסט צעיושעטע אַלטע.

מען האָט געברענגט נייע פּאַרטיעס באָרוויסע און אויסגעטונע רויטאַרמייער, עס האָבן זיך געביטן די פרייוויליקע, עס האָבן געשפּריצט די זאַלפּן, טרוקן האָבן געקנאַקט די איינציקע שאָסן. די פאַרוואונדעטע האָט מען צוגעהרגעט. די ערשטע שיכט טויטע האָט מען אין די הפסקות אייליק צוגעשיט מיט ערד. פּאָדטיאָלקאָוו און קריוואָשליקאָוו זענען צוגעגאַנגען צו די, וואָס האָבן געוואַרט אויף זייער ריי, געפּרוווט זיי אונטערגעבן מוט,

אָבער די ווערטער האָבן נישט געהאַט די אַמאָליקע באַדייטונג. עפּעס אַנדערש האָט אין דעם מאָמענט געשוועבט אויף די מענטשן, וואָס זייער לעבן האָט אין אַ מינוט אַרום זיך געדאַרפט איבער־רייסן, ווי אַן איינגעבראָכענער שטראַנג פון אַ בלאַט.

גריגאָרי מעליעכאָוו האָט זיך דורכגעשטופּט צווישן עולם, כדי אַוועקצוגיין אין כוטאָר אַריין, און פּנים־אל־פּנים זיך באַ־געגנט מיט פּאָדטיאָלקאָוון. יענער האָט זיך אָפּגערוקט, פאַרזשמו־רעט די אויגן:

— דו, מעליעכאָוו, געפינסט דיך אויך דאָ?

אַ בלוילעכע בלייכקייט האָט באַגאָסן גריגאָריעס באַקן, ער איז שטיין געבליבן.

— דאָ. ווי דו זעסט...

— איך זע... — האָט פּאָדטיאָלקאָוו אַ קרומען שמייכל גע־טון, קוקנדיק מיט אויפגעפלאַמטן צאָרן אויף זיין בלייך געוואָרן פּנים — וואָס־זשע, דו דערשיסט ברידער? האָסט דיך איבער־געדרייט?... אַזעלכער ביסטו... — ער האָט זיך נאָענט צוגערוקט צו גריגאָריען און אַ שעפּטשע געטון: — אי אונזערע, אי זייערע דינסטו? ווער עס גיט מער? עך, דו!...

גריגאָרי האָט אים אָנגעכאַפּט ביים אַרבל, פאַרשטיקט גע־פרעגט:

— די שלאַכט הינטער גלובאָקאָיע געדענקסטו? געדענקסט ווי מען האָט די אָפיצירן דערשאָסן... אויף דיין באַפעל דערשאָסן! האַ? אַציינד קומט עס דיר קאַפּויער! נו, קלאָג־זשע דיך נישט! נישט דו אַליין מעגסט די הויט פון פרעמדע שינדן! עס נעמט אַ סוף, פאַרזיצער פון מאָסקווער סאָוונאַרקאָם! דו, מנוול, האָסט די קאָזאַקן צו די זשידעס פאַרקויפט! פאַרשטאַנען? נאָך דיר זאָגן?

כריסטאָניאַ האָט אַרומגענומען און אַוועקגעפירט אין אַ זייט דעם אויפגערעגטן גריגאָרי.

— קום צו די פערד. געגאַנגען זאָל ווערן! מיר האָבן

דאָ ניִשט וואָס צו טון. גאָט מייַנער, וואָס טוט זיך מיט די מענטשן !...

זיי זענען אַוועקגעגאַנגען און באַלד זיך אָפּגעשטעלט, דער־הערנדיק פּאַדטיאָלקאָווס שטימע. אַרומגעקלעבט פון די פּראָקלאַמאַנט־קאָזאַקן און אַלטע, האָט ער מיט אַ הויך לײַדנשאַפטלעך קול אויסגעשריגן :

— איר זענט פינסטער... בלינד ! בלינדע זענט איר ! די אָפיצירן האָבן אייַך פאַרנאַרט, געהייסן אייגענע ברידער דער־הרגענען ! איר מיינט, אַז אויב איר וועט אונז דערהרגענען, וועט מיט דעם זיך שוין ענדיקן ? ניין ! הייַנט זענט איר פון אויבן, און שוין מאָרגן וועט מען אייַך שיסן ! די ראַטן־מאַכט וועט זיך איינשטעלן אין גאַנץ רוסלאַנד. געדענקט מייַנע רייד ! אומזיסט פאַרגיסט איר דאָס בלוט פון אַנדערע ! איר נאַרישע מענטשן !

— מיר וועלן מיט יענע אויך דאָס אייגענע טון ! — איז אַרויסגעשפּרונגען עפּעס אַן אַלטער.

— אַלע, זיידע, וועט איר ניִשט אויסשיסן, — האָט פּאָד־טיאָלקאָוו אַ שמייכל געטון — גאַנץ רוסלאַנד וועט איר אויף דער תליה ניִשט אַרויפציִען. היט דיין קאָפּ ! איר וועט חרטה האָבן, אָבער עס וועט שוין שפּעט זיין !

— דו דראָע אונז ניִשט !

— איך דראָע ניִשט. איך וויַיז אייַך נאָר אָן דעם וועג.

— דו, פּאָדטיאָלקאָוו, ביסט אַליין אַ בלינדער ! מאָסקווע האָט דיר די אויגן פאַרקלעבט !

גריגאָרי האָט ניִשט אויסגעהערט ביזן סוף, גענומען גיין, כמעט לויפן צום הויף, וואו זיין אָנגעבונדן פערד, הערנדיק די שיסעריי, האָט ניִשט געקאָנט רויִק איינשטיין אויפן אָרט. פאַר־ציִענדיק די זאָטל־רימענס, זענען גריגאָרי און כריסטאָניאַ אין גאַלאָפּ אַרויסגעריטן פון כוטאָר, זיך ניִשט אומקוקנדיק אַריבער איבערן באַרג.

און אין פּאָנאָמאַרעוו האָבן די שאָסן נאָך אַלץ אויפגעפלאַמט

מיט רויכלעך: די ווישענסקער, קאַרגינער, באָקאָווער, קראַסנאָ־קוטער, מיליוטינער קאָזאַקן האָבן דערשאָסן קאָזאַנער, מיגולינער, ראַזדאָרער, קומשאַטער, באָקלאַנאָווער קאָזאַקן...

דעם גרוב האָט מען אָנגעפּאַקט ביז אַרויף. פאַרשיט מיט ערד. צוגעטופּעט מיט די פיס. צווײ אָפיצירן אין שוואַרצע מאַס־קעס האָבן גענומען פּאָדטיאָלקאָוון און קריוואָשליקאָוון און זײ צו־געפירט צו דער תּליה.

פּאָדטיאָלקאָוו איז אַרויפגעגאַנגען אויפן טאַבורעט דרייסט, מיט אַ שטאָלץ־אויפגעהויבענעם קאָפּ, צעשפּיליעט דעם קאָלנער פון העמד אויפן ברוינעם דיקן האַלז, און אַליין, אָן אַ ציטער אפילו מיט איין מוסקול, אָנגעטון די אָנגעזייפטע פּעטליע אויפן האַלז. קריוואָשליקאָוון האָט מען צוגעפירט, איינער פון די אָפיצירן האָט אים געהאָלפן אַרויפגיין אויפן טאַבורעט, דער זעלבער האָט אים אויך צוגעבויגן די פּעטליע.

— דערלויבט מיר פאַרן טויט צו זאָגן אַ לעצט וואָרט, — האָט פּאָדטיאָלקאָוו געבעטן.

— רעד!

— מיר בעטן — האָבן טייל פראָנט־קאָזאַקן אויסגעשריגן.

פּאָדטיאָלקאָוו האָט אַ פיר געטון מיט דער האַנט איבערן שיטער געוואָרענעם עולם:

— זעט, ווי ווייניק עס זענען געבליבן, וואָס האָבן געוואָלט זיך צוקוקן צו אונזער טויט. דאָס געוויסן דערהרגעט! מיר האָבן פאַרן אַרבעטנדיקן פאָלק, פאַר זיינע אינטערעסן זיך געשלאָגן מיט די גענעראַלישע הינט, נישט געשוינט דאָס לעבן, און אַט אַציִנד קומען מיר אום דורך אייערע הענט! אָבער מיר שעלטן אייך נישט... איר — זענט ביטער אָפּגענאַרט! ס׳וועט זיך איינ־שטעלן די רעוואָלוציאָנערע מאַכט, און איר וועט פאַרשטיין אויף וועמענס זייט דער אמת איז געווען. די בעסטע זין פון שטילן דאָן האָט איר אַריינגעלייגט אין אָט דעם גרוב...

ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ גערויש, וואָס איז כּסדר גע־

וואַקסן, פּאָדטיאָלקאָווס קול האָט מען געהערט אַלץ אומדייטלעכער. אויסנוצנדיק דאָס, האָט איינער פון די אָפיצירן מיט אַ פלינקן קלאַפּ אַפּערגעשטויסן דעם טאַבורעט פון אונטער פּאָדטיאָלקאָווס פיס. פּאָדטיאָלקאָווס גרויסער, שווערער קערפּער האָט מיט אַ וואַקל זיך אַ ריס געטון אַראָפּ און דערגרייכט מיט די פיס די ערד. די פּעטליע, וואָס האָט פאַרצויגן דעם האַלז, האָט געשטיקט און געגנייט זיך צו ציִען אינדערהייך. ער האָט זיך אונטערגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער — זיך אָנשפּאַרנדיק אָן דער פייכטער איינגעטרעטענער ערד מיט די גרויסע פינגער פון די באָרוויסע פיס, אַ זיפּ געטון די לופט און, אַרומנעמענדיק מיט די אַרויסגעקראָכענע אויגן דעם פאַרשוויגענעם עולם, האָט ער שטיל געזאָגט:

— זיי האָבן זיך נאָך אַלץ נישט אויסגעלערנט הענגען... ווען מיר זאָל דאָס אויסקומען צו טון, וואָלסטו שוין, ספּירידאָנאָוו, נישט דערגרייכט די ערד...

פון זיין מויל האָט געפּלייצט גאַווער. די אָפיצירן אין די מאַסקעס און נאָענטע קאָזאַקן זענען צוגעלאָפן און מיט אָנשטרענגונג אַרויפגעהויבן דעם מאַכטלאָז־שווערן קערפּער אויפן טאַבורעט.

קריוואָשליקאָוון האָט מען נישט געלאָזט פאַרענדיקן די רעדע: דער טאַבורעט איז אַפּערגעפלויגן פון אונטער זיינע פיס, זיך אָנגעקלאַפּט אָן אַ לאָפּאַטע, וואָס איז דורך עמעצן איבערגעלאָזט געוואָרן. דער דאַרער מוסקוליעזער קריוואָשליקאָוו האָט זיך לאַנג געוויגט, דאָ זיך צונויפקנוילנדיק אַזוי, אַז די פאַרבויגענע קניִען האָבן דערגרייכט די גאָמבע, דאָ ווידער פיבערהאַפט זיך אויסשטרעקנדיק... ער האָט זיך נאָך געצאַפּלט אין קאָנוואולסיע, געדרייט מיט דער שוואַרצער זייטיק־אַרויסגעהאָנגענער צונג, ווען מען האָט דעם טאַבורעט צום צווייטן מאָל אַפּערגעריסן פון אונטער פּאָדטיאָלקאָווס פיס. ווידער האָט שווער דער קערפּער זיך אַ ריס געטון אַראָפּ, די נאָנט פון דער לעדערנער קורטקע אויף

דער פלייצע האָט געפּלאַצט, און ווידער האָבן די שפּיצן פינגער דערגרייכט די ערד. דער עולם קאָזאַקן האָט שטום אַרויסגעזיפצט. טייל האָבן זיך געצלמט און אָנגעהויבן פונאַנדערגיין. די פאַרלוירנקייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַ ווײַלע זענען אַלע געשטאַנען ווי פאַרכישופטע, נישט אָן שרעק קוקנדיק אויף פּאָדטיאָלקאָווס פנים, וואָס האָט אָנגענומען די קאָליר פון אײַזן.

אָבער ער איז געווען שווײַגנדיק, די פעטליע האָט פאַרצויגן זײַן האַלז. ער האָט בלויז געדרייט מיט די אויגן, פון וועלכע עס האָבן זיך געגאָסן טרערן און, פאַרקרימענדיק דאָס מויל, באַמיענדיק זיך צו פאַרלײַכטערן די יסורים, האָט ער פײַנלעך און שרעקלעך אינגאַנצן זיך געצויגן אינדערהייך אַרויף.

עמעצער איז געבאַלן אויפן שכל: מיט אַ לאָפּאַטע גענומען אָפּערגראָבן די ערד. ער האָט אײַליק געריסן שטיקער ערד פון אונטער פּאָדטיאָלקאָווס פיס אַפער, און מיט יעדער באַוועגונג האָט דער קערפּער אַלץ מער זיך אויסגעצויגן, דער האַלז איז געוואָרן לענגער און דער לייכט-געקרייזלטער קאָפּ האָט זיך פאַרבויגן צום רוקן. דאָס שטריקל האָט קוים אויסגעהאַלטן די זעקס-פּודיקע משא; קנאַקנדיק ביים קווער-באַלקן, האָט עס לייכט זיך געוויגט, און נאָכגעבנדיק זיך דער ריטמישער באַוועגונג, האָט פּאָדטיאָלקאָוו זיך נאָכגעוויגט, דרייענדיק אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט געוואָלט ווייזן די מערדער זײַן רויטלעך-שוואַרץ פנים און די ברוסט, וואָס איז פאַרגאָסן געווען מיט הייסע שטראָמען גאַווער און טרערן.

XXXI

מישקאַ קאָשעוואָי און וואַלעט זענען ערשט אויף דער צווייטער נאַכט אַרויסגעגאַנגען פון קאַרגין. דער נעפּל האָט זיך געשוימט אין סטעפּ, געקנוילט אין די טאָלן, באַהאַלטן אין די

היילן, געלעקט די שיפּוּעים פון די יאַרן. באַפעדערט דורך אים, האָבן געלויכטן די בערגלעך. די פעלד־הינער אין יונגן גראָז האָבן געשריגן.

און אינדערהייך, אין דער הימלישער פּאַרוואָלקנטקייט, איז געשוואומען די לבנה, ווי אַ צייטיק קריגל־בלימל אין אַ טייך, אַ פאַרוואַקסענעם מיט פעדער־גראָזן און נוס־קוסטעס.

זיי זענען געגאַנגען ביז פאַרטאָג. די שטערן האָבן שוין אָנגעהויבן בלייך ווערן. דער טוי איז געפאַלן. עס האָט זיך דערנענטערט דער ניזשנע־יאַבלאָנאָווער כוטאָר. און אָט דאָ, דריי וויאָרסט פון כוטאָר, האָבן זיי אויפן בערגל דעריאָגט קאָזאַקן. זעקס רייטער האָבן פאַרפאָלגט זייערע שפּורן. מישקאַ און וואַלעט האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן אין דער זייט אַריין, נאָר דאָס גראָז איז געווען נידעריק און די לבנה האָט געלויכטן העל... זיי זענען אַריינגעפאַלן... מען האָט זיי געגומען טרייבן צוריק. אַ הונדערט קלאַפטער האָבן זיי זיך באַוועגט שווייגדיק. דערנאָך אַ שאָס... וואַלעט, פלאָנטערנדיק מיט די פיס, האָט אָנגעהויבן גיין זייטיק, זייטיק, ווי אַ פערד, וואָס האָט זיך דערשראָקן פאַרן אייגענעם שאָטן. און נישט ער איז געפאַלן, נאָר עפּעס ווי אומגעלומפערט זיך צוגעלענט מיטן פּנים צו אַ בלוילעכן קוסט פון ווערמוט.

אַ פינף מינוט איז מישקאַ געגאַנגען, נישט פילנדיק די הויט אויף זיך; אין די אויערן האָט געקלונגען, די פיס אויפן הארטן באָדן זענען געזונקען. דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— פאַרוואָס־זשע שיסט איר נישט, הינטישע זין! וואָס ציט איר די נשמה אויס?

— גיי, גיי. האַלט דאָס מויל! — האָט איינער פון די קאָזאַקן מילד געזאָגט — דעם פויער האָבן מיר דערהרגעט און דיך האָבן מיר געשוינט. דו האָסט אויפן דייטשישן פראָנט אין צוועלפטן פולק געדינט?

— אין צוועלפטן.

— וועסטו ווידער דינען אין צוועלפטן... אַ בחור ביסטו אַ

יונגער. זיך אַ ביסל פאַרבלאָנזשעט, נו, דאָס איז קיין אומגליק נישט. מיר וועלן דיך אויסהיילן!

געהײלט מישקען האָט אין דריי טעג. צאָרום דאָס מיליטערישע פעלד-געריכט אין דער קאַרגינער סטאַניצע. דאָס געריכט האָט דעמאָלט אָנגעווענדט צווייערליי שטראָפן: שיסן און שמײסן. די פאַראורטיילטע צום שיסן האָט מען ביינאַכט אַרויסגעטריבן אויפן זאַמד-בערגל נאָך דער סטאַניצע, און די, וועלכע מען האָט געהאַפט אויסצושמײסן, האָט מען באַשטראָפט מיט שמיץ עפנטלעך אויפן פּלאַץ.

זונטיק אינדערפרי, ווי נאָר מען האָט צוועקגעשטעלט די באַנק אינמיטן פּלאַץ, האָט דאָס פאָלק זיך אָנגעהויבן צונויפצוגיין. דער עולם האָט פאַרפולט דעם גאַנצן פּלאַץ, זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די שטעלן, אויף די אָנגעלייגטע ברעטער פאַר די שאָפעס, אויף די דעכער פון די הייזער און קראָמען. דעם ערשטן האָט מען געשמיסן אַלעקסאַנדראָוון, דעם זון פון גראַטשעווער פּאָפּ. ער איז געווען אַ פאַרביסענער באָלשעוויק און מען וואָלט אים געדאַרפט שיסן — נאָר דער פאָטער איז געווען אַ גוטער, דורך אַלע געאַכטעטער פּאָפּ — האָט דאָס געריכט בעסער באַשלאָסן דעם פּאָפּישן זון אַריינצושיטן אַ צוויי צענטליק ריטער. אַלעקסאַנדראָוון האָט מען אַראָפּגעלאָזט די הויזן, אויסגעלייגט אויף דער באַנק, איין קאָזאַק האָט זיך געזעצט אויף די פיס (די הענט האָט מען פאַרבונדן אונטער דער באַנק) און צוויי מיט בינטלעך ווערבע-ריטער האָבן זיך געשטעלט אין די זייטן. מען האָט אים אַריינגעשיט. אַלעקסאַנדראָוו האָט זיך אויפגעהויבן, אָפּגעטרייסלט און, פאַרגעמענדיק די הויזן, זיך געבייגט אין אַלע פיר זייטן. דער מענטש איז אַפנים זייער צופרידן געווען, וואָס מען האָט אים נישט געשאָסן, דערפאַר האָט ער זיך געבייגט און געדאַנקט:

— אַ דאַנק, הערן עלטסטע!

— טראָג געזונט! — האָט אים עמעצער געענטפערט.

און אַזאַ הילכיק געלעכטער האָט זיך אַ טראָג געטון אי-

בערן פלאַץ, אַז אפילו די אַרעסטירטע, וואָס זענען געזעסן דאָ נישט ווייט אין דער שאַפּע, האָבן זיך אויך צעשמייכלט.

מען האָט אויך מישקען אַריינגעשיט לויטן אורטייל צוואַנציק ריטער. אָבער שאַרפער פון ווייטיק איז געווען די בושה. די גאַנצע סטאַניצע — יונג און אַלט, — האָבן זיך צוגעקוקט. האָט מישקאַ אַרויפגעצויגן די שאַראַוואַרן און כמעט וויינענדיק געזאָגט צום קאָזאַק, וואָס האָט אים געשמיסן:

— ס'איז נישט קיין אָרדענונג!

— מיט וואָס?

— דער קאָפּ האָט געטראַכט, און דער ת... איז פאַראַנטוואָרטלעך. אַ חרפה אויפן גאַנצן לעבן!

— נישקשה, חרפה איז קיין רויך נישט, וועט די אויגן נישט אויסעסן, — האָט דער קאָזאַק אים געטרייסט, און וועלנדיק פאַרשאַפן אַ נחת־רוח דעם באַשטראָפטן, האָט ער געזאָגט: — אָבער אַ חברהמאַן ביסטו אַ פעסטער: אַ צוויי מאָל דיר דערלאַנגט נישקשהדיק, עס האָט זיך געגלוסט, זאָלסט אַ געשריי טון... איך זע אָבער: ניין, דו וועסט ביי אים קיין געשריי נישט אַרויסקריגן. אַזוי־בלט האָט מען אײַנעם געשמיסן, — האָט ער זיך גאָר צו שאַנד געמאַכט, דער בחור. אַפּנים, אַ דיבע קישקע געהאַט.

באַלד צומאָרגנס האָט מען מישקען, לויטן אורטייל, אַוועקגעשיקט אויפן פראָנט.

וואָלעטן האָט מען אין צוויי מעת־לעת אַרום אויפגערוימט: צוויי יאַבלאַנאָווער קאָזאַקן, וואָס זענען געשיקט געוואָרן דורכן אַטאַמאַן פון כוטאָר, האָבן אויסגעגראָבן אַ טיף קבר; זיי זענען לאַנג געזעסן מיט די פיס אַראָפּגעהאָנגען אין גרוב אַריין און גערייכערט.

— די ערד אין סטעפּ איז דאָ האַרט, — האָט איינער געזאָגט.

— ממש ווי אייזן! מען האָט דאָך זי קיינמאָל נישט געאַקערט, איז זי פון אַלטע צייטן אָן פאַרהאַרטעוועט געוואָרן.

— יאָ... אין גוטער ערד איז דעם בחור באַשערט צו ליגן, אויף אַ בערגל... די ווינטן דאָ, די טרוקעניש, די זון... ער וועט זיך לאַנג האַלטן.

זיי האָבן אַ קוק געטון אויף וואַלעטן, וואָס איז געלעגן צוגעדריקט צום גראָז, און אויפגעשטאַנען.

— מיר וועלן אים אויסטון?

— אוודאי, די שטיוול זענען נאָך גאַנץ אויף אים.

זיי האָבן אים אַריינגעלייגט אין קבר לויטן קריסטלעכן דין: מיטן קאָפּ צו מערב, און פאַרשיט מיט פעטער שוואַרצערד.

— מיר וועלן צוטרעטן? — האָט געפרעגט דער ייִנגערער קאָזאַק, ווען דאָס קבר איז שוין געווען אינגאַנצן פאַרשיט.

— מען דאַרף נישט, זאָל בלייבן אַזוי, — האָט דער צווייטער אַ זיפץ געטון. — ווען די מלאכים וועלן רופן צום יום־הדין — זאָל אים לייכטער זיין אויפצושטיין.

אין משך פון אַ האַלבן חודש איז דאָס קליינע בערגל פאַרוואַקסן געוואָרן מיט ציקאָריע און יונגן ווערמוט, עס האָבן זיך באַוויזן דערויף די זאַנגען פון ווילדן האָבער, עס האָבן פּרעכטיק זיך צעבליט די געלע וויקל-בלומען, נידעריק זענען אַראָפּגעהאָנגען די טרעלזולדיקע פלעדער-גראָזן, עס האָט פאַרשמעקט מיט טימיאַן, מיט מילך־און האָניק־בלימלעך. באַלד איז פון נאָענטן כוטאָר אָנגעפאָרן עפּעס אַן אַלטיטשקער, אויסגעגראָבן אַ גרויב צוקאָפּנס דעם קבר, אַריינגעשטעלט אויף אַ פרישׁ־אַרומגעשניצטן דעמבעטנעם סוס אַ קאַפּליצע. אונטערן דרייעקיקן דעכל האָט אין דער טונקלהייט געלויכטן דאָס צערפּולע פּנים פון גאָטס מוטער, און אונטן, אויפן גזימס, איז מיט אַלט־סלאַווישע אותיות געווען אויפגעשריבן:

> אין טעג פון אומרו און גערודער,
> פאַראורטיילט, ברידער, נישט קיין ברודער.

דער אַלטיטשקער איז אַוועקגעפאָרן, און די קאַפּליצע איז געבליבן אין סטעפּ, כדי זיך צו וואַרפן אין די אויגן אַריין פון

די דורכגייער און דורכפאָרער מיט איר אייביק־מרה־שחורהדיקן אָנבליק, צו וועקן אַ נאָגנדיקן אומעט אין די הערצער.

און נאָך עפּעס — אין מאַי האָבן ביי דער קאַפּליצע גע־קעמפט צווישן זיך סטעפּ־פייגל; זיי האָבן אויסגעהאַקט אַ ראָוויקל אין בלויען ווערמוט, אַרום צעקנייטשט די גלאַטע גרינקייט פון פּעזש, וואָס האָט שוין געהאַלטן אין צייטיק ווערן: זיי האָבן גע־קעמפט וועגן אַ ז י, וועגן רעכט אויף לעבן, אויף ליבע, אויף פּרוכפּערונג. און אין אַ צייט אַרום, האָט דאָ טאַקע, ביי דער קאַ־פּליצע, אין אַ קעמפּקעלע, צוגעדעקט מיט צעשויבערטן אַלטן ווער־מוט, די ז י געלייגט ניין רויכיק־בלויע געשפּריצטע אייעלעך און זיך אַרויפגעזעצט אויף זיי, און זיי געוואַרעמט מיט דער וואַרעמ־קייט פון איר קערפּער, און זיי באַשיצט מיט איר גלאַנציק־באַפּע־דערטן פליגל.

סוף פון אכטן בוך, צווייטן באנד.

דער שטילער דאָן

מיכאַיל שאָלאָכאָוו

דער שטילער דאָן

ראָמאַן

פון רוסיש: שלמה שיינבערג

יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק

וואַרשע 1936

מיכאיל שאלאכאוו

דער שטילער דאָן

דאס ניינטע בוך

פון רוסיש: שלמה שײנבערג

ייִדישע אוניווערסאַל־ביבליאָטעק
1936 װאַרשע

Druk. „Grafia", W-wa, Nowolipki 7, tel. 11.87-52

זאַג-זשע, שטילער דאָן, זאָג-זשע, פאָטערל,
שפּייזער אונזערער, דאָן איוואַנאָוויטש,
וואָס באַרימסט דו ביסט מיט דיין גוטן שם,
מיט דיין ווילן שם, שוין פון צייטן לאַנג.
זאָג, פאַרוואָס אַמאָל — פלעגסטו טרייבן שנעל
דיינע וואַסערן, שטראָמען לויטערע,
און אַצינד דו פליסט מרה-שחורהדיק,
מוטנע-אומעטיק ביזן טיפן גרונט.
ענטפערט אָפּ דער דאָן, זאָגט דער שטילער דאָן:
„מיינע וואַסערן מוזן מוטנע זיין,
ווייל איך האָב פאַרשפּרייט מיינע דאָנער זין,
אַדלערס ליכטיקע איבער ווייטער פרעמד.
און די ברעגן מיין — שווענקט דער שטראָם אַן זיי,
אינזלען זאַמדיקע — ליגן געל אַנטבלויזט“...

(פון אַן אַלט קאָזאַקן-ליד)

זעקסטע טייל

I

אין אַפּריל 1918־טן יאָר איז ביים דאָן פאָרגעקומען אַ גרויסע שפּאַלטונג: די פראָנט־קאָזאַקן פון די צפונדיקע קרייזן — כאָפּערער, אוסט־מעדוויעדיצער און טיילווייז אייבערשטע דאָנער — זענען אַוועקגעגאַנגען מיט מיראָנאָוון און די אָפּטרעטנדיקע טיילן פון די רויטגוואַרדייער; די קאָזאַקן פון די אונטערשטע קרייזן האָבן זיי געטריבן און אַרויסגעשטויסן צו די גרענעצן פון דער פּראָווינץ, באַפרייענדיק מיט שלאַכטן יעדן שפּאַן היימישע ערד.

די כאָפּערער זענען אַוועקגעגאַנגען מיט מיראָנאָוון כמעט ביז איינעם, די אוסט־מעדוויעדיצער — אין דער העלפט, די אייבערשטע דאָנער — בלויז אין אַן אומבאַדייטנדיקער צאָל.

ערשט אין 1918־טן יאָר האָט די געשיכטע ענדגילטיק צעטיילט די אייבערשטע און אונטערשטע. אָבער די התחלה פון דער־דאָזיקער טיילונג איז אָנגעמערקט געוואָרן נאָך מיט הונדערטער יאָרן צוריק, ווען די ווייניקער פאַרמעגלעכע קאָזאַקן פון די צפונדיקע קרייזן, וואָס האָבן נישט געהאַט נישט די פעטע פעלדער פון דער אַזאָווער געגנט, נישט קיין ווייַנגערטנער, נישט קיין רייכע שטחים פאַר געיעג און פיש־פאַנג, פלעגן פון צייט־צו־צייט זיך אָפּרייסן פון טשערקאַסק, מאַכן פרייוויליקע אָנפאַלן אויף די גרויס־רוסישע געביטן און דינען אַלס זיכערער שטיצע פאַר אַלע בונטאַרן, אָנהייבנדיק פון ריאַזינען און ענדיקנדיק מיט סעקאַטשן.

אפילו אין די שפּעטערע צייטן, ווען דאָס גאַנצע קאָזאַקנטום האָט שטילערהייט געמירמלט, אונטערגעדריקט דורך דער מעכטיקער פויסט פון דער זעלבסטהערשאַפט, זענען אויך די אייבערשטע קאָזאַקן

אָפּן אַרויסגעטרעטן און, אָנגעפירט דורך זייערע אַטאַמאַנען, גע־טרייסלט מיט די יסודות פון צאַרנטום: זיי האָבן זיך געשלאָגן מיטן קרוינישן חייל, באַרויבט די קאַראַוואַנען ביים דאָן, זיך אַרי־בערגעוואָרפן צו דער וואָלגע און געבונטעוועט די איינגעשטילטע זאַפּאָראָזשער.

סוף אַפּריל איז דער דאָן אין צוויי דריטל געווען אָפּגעריי־ניקט פון די באָלשעוויקעס. נאָכדעם ווי עס האָט זיך קלאָר אַרויס־געוויזן די נויטווענדיקייט צו שאַפן אַן אייגענע מאַכט אין דער פּראָווינץ, האָבן די פירער פון די מיליטערישע גרופּן, וואָס האָבן געקעמפט אויף דרום, פאַרגעלייגט צונויפצורופן דעם קרייז. אויפן 28־סטן אַפּריל איז אין נאָוואָטשערקאַסק באַשטימט געוואָרן די פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער פון דער צייטווייליקער דאָנער רעגירונג און די דעלעגאַטן פון די סטאַניצעס און מיליטערישע טיילן.

אין טאַטערישן כוטאָר איז אין צוואַנציקסטן אַפּריל דער־האַלטן געוואָרן אַ פּאַפּיר פון וויעשענסקער סטאַניצע־אַטאַמאַן, אין וועלכן ער האָט מיטגעטיילט, אַז אין דער וויעשענסקער סטאַניצע קומט פאָר דעם 22־סטן פון דעם חודש די פאַרזאַמלונג פון דער סטאַניצע, כדי אויסצוקלייבן דעלעגאַטן צום מיליטערישן קרייז.

מיראָן גריגאָריעוויטש קאָרשונאָוו האָט איבערגעלייענט אויף אַ פאַרזאַמלונג דאָס פּאַפּיר. דער כוטאָר האָט געשיקט קיין וויע־שענסק אים, דעם זיידן באָגאַטיריעוו און פּאַנטעלעי פּראָקאָ־פיעוויטשן.

אויף דער פאַרזאַמלונג פון דער סטאַניצע האָט מען צווישן די איבעריקע דעלעגאַטן אויסגעקליבן אויך פּאַנטעלע פּראָקאָפּיע־וויטשן. פון וויעשענסק האָט ער זיך אומגעקערט דעם זעלבן טאָג און אויף צומאָרגנס באַשלאָסן צו פאָרן צוזאַמען מיטן מחותן קיין מילעראָוואָ, כדי באַצייטנס אָנצוקומען קיין נאָוואָטשערקאַסק (מי־ראָן גריגאָריעוויטש האָט אין מילעראָוואָ זיך געדאַרפט באַזאָרגן מיט נאַפט, זייף און נאָך עפּעס פאַר דער באַלעבאַטישקייט, ער

האָט אויך, אגב אורחא, געוואָלט האָבן עפּעס פאַרדינען, איינקויפנדיק מאַכאָרקע פאַר דער מיל זיפּן און באַפּיט).

זיי זענען אַרויסגעפאָרן באַגינען. מיראָן גריגאָריעוויטשס שוואַרצע פערד האָבן לייכט געטראָגן די העל-געפאַרבטע בריטשקע. די מחותנים זענען געזעסן איינער לעבן אַנדערן. זיי זענען אַרויפגעפאָרן אויפן באַרג, זיך פונאַנדערגעשמועסט: אין מילעראָוואָ זענען געשטאַנען דייטשן, דעריבער האָט מיראָן גריגאָריעוויטש געפרעגט אַ ביסל אומרויִק:

— ווי מיינט איר, מחותן, די דייטשן וועלן אונז ניט פאַרהאַלטן? דאָס איז אַ געמיין פאָלק, דער טייוול זאָל זיי קענען!

— ניין, — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש פאַרזיכערט. — מאַטוועי קאַשולין איז אַנימלט דאָרט געווען, ער זאָגט — די דייטשן האָבן מורא... זיי שרעקן זיך מיט די קאָזאַקן אָנצוהייבן.

— וואָס ער רעדט דאָרט! — מיראָן גריגאָריעוויטש האָט אַריינגעשמייכלט אין דער פליכיקער געלקייט פון דער באָרד און אַ פּאַכע געטון מיטן רויטלעכן בייטש-שטעקן; ער האָט אפּנים זיך באַרויִקט און אָנגעהויבן רעדן וועגן עפּעס אַנדערש: — וואָסזשע פאַר אַ מאַכט וועט איר אָנפירן, ווי מיינסטו?

— מיר וועלן אַן אַטאַמאַן אויסקלייבן. אַן אייגענעם! אַ קאָזאַק!

— הלוואַי! קלייבט אויס עפּעס אַ לייטישן! טאַפּט גוט אויס די גענעראַלן, ווי אַ ציגיינער די פערד. ער זאָל קיין פעלער ניט האָבן.

— מיר וועלן אויסקלייבן. אין קלוגע קעפּ איז נאָך דערווייל דער דאָן ניט אָרים געוואָרן.

— יאָ, יאָ, מחותן... זיי און די שוטים זייעט מען ניט — זיי וואַקסן אַליין. — מיראָן גריגאָריעוויטש האָט זיך פאַרזשמורעט, אַ טרויער האָט זיך אויסגעלייגט איבער זיין פּיעגוואַטע פּנים. — איך האָב געהאָפט מיין מיטקען פאַר אַ לייט צו מאַכן, געוואָלט

ער זאָל זיך לערנען אויף אָפיציר, און ער האָט אפילו די פּאַראַפיע-שול נישט געענדיקט, דעם צווייטן ווינטער אַנטלאָפן.

אויף אַ מינוט זענען זיי פאַרשוויגן געוואָרן, טראַכטנדיק וועגן די זין, וואָס זענען אַוועקגעגאַנגען ערגעץ נאָך די באָלשעוויקעס. די בריטשקע איז אונטערגעשפּרונגען איבערן געבערגלטן וועג; דאָס שוואַרצע פערד רעכטס האָט זיך געשטרויכלט, קלאַפּנדיק מיט דער נאָכנישט אָפּגעטעמפּטער פּאָדקאָווע; די בריטשקע האָט זיך געוויגט, און די מחותנים, וואָס זענען געזעסן האַרט איינער לעבן אַנדערן, האָבן זיך געריבן ווי פיש אין דער צייט פון מערן.

— ווו זענען אַצינד אונזערע קאָזאַקן? — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש אַ זיפץ געטון.

— זיי זענען אַוועק מיטן כאָפּער. פּיעדאָטקאַ קאַלמיק האָט זיך אומגעקערט פון קומילזשענסק, פון זיין פערד איז אַ תל געוואָרן. ער האָט געזאָגט, זיי האַלטן זיך מיטן שליאַך צו דער טישאַנער סטאַניצע.

ווידער זענען זיי פאַרשוויגן געוואָרן. דאָס ווינטל האָט קאַלט געבלאָזן אין די רוקנס. פון הינטן, אויף יענער זייט דאָן, אין ראָזן שייטער פון זון-אויפגאַנג האָבן מאַיעסטעטיש און שטיל געפלאַקערט די וועלדער, די לאָנקעס, די אָזיערעס, די פליכיקע פעלדער. ווי אַ שטיק געלער פלאַסטער איז געלעגן דאָס זאַמדיקע הויך-לאַנד, די קעמל-רוקנס פון די זאַמד-בערגלעך האָבן בראָנזיק געלויכטן.

דער פרילינג האָט זיך פויל דערנענטערט. די שמאַראַגדענע מאַטע גרינקייט פון די וועלדער האָט זיך פאַרביטן אויף אַ רייכער, געדיכטער, גרינער באַפעדערטקייט. דער סטעפּ האָט זיך צעבליט, דער שניי איז צעגאַנגען, איבערלאָזנדיק אין די טאָליקעס ערטער אַ סך גלאַנציקע אָזיערעס, און אין די יאַרן, איבער די קרומע שיפּועים, האָט צום ליימיקן באָדן זיך נאָך געטוליעט דער שניי, וואָס איז געפּרעסן געוואָרן דורך דער לינדקייט, און זיך געבלייכט העל און אַרויסרופנדיק.

אויפן צווייטן מעת־לעת פאַרנאַכט־צו זענען זיי אָנגעקומען קיין מילעראָווע, געשיקט בײַ אַ באַקאַנטן אוקראַינער, וואָס האָט געוווינט הינטער דער טונקל־גרויער וואַנט פון עלעוואַטאָר. אינדערפרי, נאָכן פרישטיק, האָט מיראָן גריגאָריעוויטש איינגעשפּאַנט די פערד און אַוועקגעפאָרן צו די מאַגאַזינען. ער האָט אומגעשטערט געמיטן די באַן־ליניע און דאָ צום ערשטן מאָל אין לעבן דערזען דייטשן. דרײַ לאַנדשטורמיסטן האָבן אים פאַרשטעלט דעם וועג. איינער פון זיי, אַ נידעריקער, פאַרוואַקסענער איבער די אויערן מיט אַ געקרײַזלטער קאַשטענעוואַטער באָרד, האָט באַפעליש אַ פאָכע געטון מיט דער האַנט.

מיראָן גריגאָריעוויטש האָט פאַרצויגן די לייצן, רויִק און אָפּוואַרטנדיק געקייט מיט די ליפּן. די דייטשן זענען צוגעקומען. אַ הויכער, פעט געפּיטערטער פרייס האָט שמייכלענדיק אַ גלאַנץ געטון מיט די ציין און געזאָגט צום חבר:

— אָט איז אַ העכסט אויטענטישער קאָזאַק! זע, ער איז אפילו אין אַ קאָזאַקישן מונדיר! זײַנע זין האָבן זיך זיכער געשלאָגן מיט אונז. לאָמיר אים, ווי ער גייט און שטייט, אַוועקשיקן קיין בערלין. דאָס וועט זײַן דער אינטערעסאַנטסטער עקספּאָנאַט!

— מיר דאַרפן זײַנע פערד, און ער זאָל גיין צום טײַוול! — האָט אָן אַ שמייכל געענטפערט דער קלייענדיקער, מיט דער קאַשטענעוואַטער באָרד.

ער האָט פאָרזיכטיק אַרומגעקרײַזלט די פערד און צוגעגאַנגען צו דער בריטשקע.

— קריך אַראָפּ, אַלטער. מיר דאַרפן דײַנע פערד — איבערצופירן אָט פון דער מיל אַ פּאַרטיע מעל צום וואָקזאַל. נו, קריךזשע, זאָגט מען דיר! נאָך די פערד וועסטו קומען צום קאָמענדאַנט, — דער דייטש האָט אָנגעוויזן מיט די אויגן אויף דער מיל און מיט אַ באַוועגונג, וואָס האָט אויסגעשלאָסן יעדן ספק, באַפוילן מיראָן גריגאָריעוויטשן אַראָפּצוקריכן.

די צוויי איבעריקע זענען אַוועקגעגאַנגען צו דער מיל, זיך

אומקוקנדיק, לאַכנדיק. מיראָן גריגאָריעוויטשס פּנים איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ גרוילעך-געלער רויטקייט. אַרומדרייענדיק די לייצן, איז ער פלינק אַראָפּגעשפּרונגען פון דער בריטשקע און זיך געשטעלט פאַר די פערד.

„דער מחותּן איז נישטאָ, — האָט ער כלאחר-יד אַ טראַכט געטון און פאַרשטאַרט געבליבן. — זיי וועלן צונעמען די פערד! עך, איך בין אַריינגעפאַלן! דער טייוול האָט מיך אָנגעטראָגן!"

דער דייטש, פעסט צונויפדריקנדיק די ליפּן, האָט אָנגענומען מיראָן גריגאָריעוויטשן ביים אַרבל און מיט אַ צייכן אים אָנגעוויזן, ער זאָל גיין צו דער מיל.

— לאָז אָפּ! — מיראָן גריגאָריעוויטש האָט זיך אַ צי געטון פאָרויס און שטאַרק בלייך געוואָרן. — די הענט נעם צו! די פערד וועל איך נישט געבן!

לויטן קול האָט דער דייטש זיך משער געווען, וואָס זיין ענטפער באַטייט. דאָס מויל האָט זיך ביי אים פּלוצלינג ווילד אויסגעקרימט, אויפדעקנדיק ציין, אַזש בלויע פון ווייסקייט, זיין קול האָט געקלונגען באַפעלעריש און רוגזהדיק. דער דייטש האָט אָנגענומען די ביקס, וואָס איז געהאָנגען אויף זיין אַקסל ביים רעמעט, און אין דעם אויגנבליק האָט מיראָן גריגאָריעוויטש זיך דערמאַנט זיין יוגנט: כמעט זיך נישט פאַרמעסטנדיק, האָט ער אים דערלאַנגט אַ ווילערישן זעץ איבערן קין. פון דעם זעץ האָט דער קאָפּ מיט אַ קנאַק זיך אים אַ טרייסל געטון און דער רעמעט פון דער קאַסקע אַרום דער גאָמבע האָט געפּלאַצט. דער דייטש איז אַ פאַל געטון, ווי אַ פּלאַץ און, באַמיענדיק זיך אויפצושטיין, אַרויסגעלאָזט אַ שטיק ברוין געגליווערט בלוט פון מויל. מיראָן גריגאָריעוויטש האָט אים דערלאַנגט נאָכאַמאָל, שוין איבערן נאַקן, זיך אַרומגעקוקט און, אָנבייגנדיק, אַרויסגעכאַפּט די ביקס. אין דעם מאָמענט האָט זיין געדאַנק געאַרבעט שנעל און אומגעווייבטלעך קלאָר. אויסדרייענדיק די פערד, האָט ער שוין געוווסט, אַז אין דער פלייצע אַריין וועט אים דער דייטש נישט נאָכשיסן און בלויז מורא געהאַט, עס זאָלן אים נישט דערזען

פון הינטערן פאַרקן פון די באַן־בנינים אָדער פון טאָר די וואַך־זעלנער.

אפילו אויף די געיעגן זענען די פערד מיט אַזאַ ווילדן גאַלאָפּ נישט געגאַנגען! אפילו אויף די חתונות זענען די רעדער פון דער ברישקע אַזוי נישט אונטערגעשפּרונגען! „רבונו של עולם, זיי מציל! העלף, רבונו של עולם! אין נאָמען פון פאָ־טער!...״ — האָט מיראָן גריגאָריעוויטש אין געדאַנק געשעפּטשעט, נישט אַראָפּנעמענדיק די בייטש פון די פערדישע רוקנס. די איינ־געבוירענע גיריקייט האָט אים שיער נישט אומגעברענגט: ער האָט געוואָלט אָפּטרעטן אויף דער קוואַרטיר נאָך דער איבערגע־לאָזטער דערע; אָבער דער שכל האָט גובר געווען, — ער האָט זיך פאַרנומען אין אַ זייט. די צוואָנציק ווערסט ביזן דאָרף אָריע־כאָוואָ איז ער דורכגעפלויגן, ווי ער האָט דערנאָך אַליין געזאָגט, שנעלער פון נביא אליהו אויף זיין טריומף־וואָגן. אין אָריעכאָוואָ איז ער אַריינגעשפּרונגען צו אַ באַקאַנטן אוקראַינער, דערציילט דעם באַלעבאָס וועגן דער געשעעניש, געבעטן צו באַהאַלטן אים מיט די פערד. דער אוקראַינער האָט אים טאַקע באַהאַלטן, אָבער מתרה געווען:

— איך וועל דיך באַהאַלטן, אָבער אויב מען וועט מיך שטאַרק פאָרשן, וועל איך, גריגאָריטש, אָנווייזן, וואָרים וואָס וועל איך דערפון האָבן! מען וועט מיר די כאַטע פאַרברענען און דאָס שטריקל אָנטון.

— באַהאַלט, באַהאַלט, טייערינקער! איך וועל דיר אָפּדי־נען, מיט וואָס דו וועסט נאָר וועלן! אַבי פון טויט זיי מציל, רוים אויף ערגעץ, — אַ סטאַדע שעפּסן וועל איך דיר אַהער־טרייבן! צען פון די בעסטע שעפּסן נישט קאַרגן! — האָט מיראָן גריגאָריעוויטש זיך געבעטן און צוגעזאָגט, אַרונטערשלעפּנדיק די ברישקע אונטער דער שאָפּע.

ער האָט שטאַרקער, ווי פאַרן טויט, מורא געהאַט פאַרן נאָכיאָגן. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין הויף ביים אוקראַינער ביז אָוונט און עוקר געווען, ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן טונקל

ווערן. דעם גאַנצן וועג פון אָריעכאָוואָ האָט ער זיך געטראָגן אין גאַלאָפּ, ווי אַ משוגענער, שטיקער שוים זענען איןביידע זייטן געפאַלן פון די פערד, די ברישקע איז אַזוי געפלויגן, אַז די ספּריכעס פון די רעדער האָבן זיך צונויפגעגאָסן, און ער איז צו זיך געקומען ערשט הינטערן ניזשנע-יאַבלאָנאָווער כוטאָר. נאָך איידער ער איז צוגעפאָרן, האָט ער אָפּערגענומען פון אונטערן געזעס די פאַרכאַפּטע ביקס, געקוקט אַ ווײַלע אויפן רעמעט, וואָס איז אינעווייניק באַשריבן געוועזן מיט אַ טוש-בלייפעדער, און מיט דערלייכטערונג אַרויסגעזיפצט:

— נו, טיוואָלאַנישע זין — איר האָט דעריאָגט? צו קנאַפּע שווימערס זענט איר!

קיין שעפּסן דעם אוקראַינער האָט ער נישט אַהינגעטריבן. האַרבסט-צייט האָט ער פאַרבייפאָרנדיק אָפּגעטרעטן, אויפן אָפּ-וואַרטנדיקן בליק פון באַלעבאָס געענטפערט:

— די שעפּסלעך זענען היי-יאָר ביי אונז אויסגעפּגרט. שלעכט וועגן די שעפּסלעך... אָבער באַרנעס פון אייגענעם סאָד האָב איך דיר יאָ געברענגט! — ער האָט אויסגעשיט פון דער ברישקע צוויי מעסטלעך באַרנעס, וואָס זענען איבערן וועג צעקלאַפּט געוואָרן, געזאָגט, אָפּוועגדנדיק די שעלמישע אויגן אין אַ זייט: — די באַר-נעס זענען ביי אונז שוין איינמאָל גוטע... איינגעלעגענע... — און זיך געזעגנט.

אין דער צייט, וואָס מיראָן גריגאָריעוויטש האָט אין גאַלאָפּ זיך געטראָגן פון מיליעראָוואָ, האָט זיין מחותן צוגעוואַרט אויפן וואָקזאַל. אַ יונגער דייטשישער אָפיציר האָט אויסגעשריבן אַ ריי-זע-שיין, דורך אַן איבערזעצער אויסגעפרעגט פאַנטעלעי פּראָקאָ-פּיעוויטשן, פאַררייכערט אַ בילּיקן ציגאַר און פּראָטעקציאָנעל גע-זאָגט:

— פּאָרט, אָבער געדענקט, אַז אייך איז נייטיק אַ קלוגע מאַכט. קלויבט אויס אַ פּרעזידענט, אַ צאַר, וועמען איר ווילט, אָבער מיטן באַדינג, דעמדאָזיקן מענטש זאָל נישט פעלן קיין

שכל פון אַ מלוכה־מאַן און ער זאָל קענען פירן אַ לאָיאַלע פּאָלי־טיק לגבי אונזער מלוכה.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט געוואָרפן אויפן דייטש אומ־פריינטלעכע בליקן. ער איז נישט גענייגט געווען צו פירן גע־שפּרעכן און, באַקומענדיק די רייזע־שיין, איז ער גלייך געגאַנגען קויפן אַ בילעט.

אין נאָוואָטשערקאַסק האָט אים איבערראַשט די שפע פון יונגע אָפיצירן: זיי האָבן גרופּעסווייז זיך געדרייט איבער די גאַסן, געזעסן אין די רעסטאָראַנען, שפּאַצירט מיט פריילינס, גע־שוויבלט אַרום דעם פּאַלאַץ פון אַטאַמאַן און די געריכטס־בנינים, ווו דער קרייז האָט געדאַרפט געעפנט ווערן.

אין דער געמיינזאַמער קוואַרטיר פאַר די דעלעגאַטן האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש באַגעגנט עטלעכע אייגענע לייט און איין באַקאַנטן פון דער יעלאַנער סטאַניצע. די דעלעגאַטן זענען באַשטאַנען צומיינסט פון קאָזאַקן; אָפיצירן איז געווען ווייניק, און פאָרשטייער פון דער סטאַניצע־אינטעליגענץ — סך־הכל בלויז עטלע־כע צענטליק. עס איז קאָמענטירט געוואָרן אויף אַן אומזיכערן אופן וועגן אויסוואַל פון דער פּראָווינץ־מאַכט. קלאָר איז אָנגעדייט גע־וואָרן איינס: מען דאַרף אויסקלייבן אַן אַטאַמאַן. עס זענען אָנ־גערופן געוואָרן פּאָפּולערע נעמען פון קאָזאַקישע גענעראַלן, עס זענען באַהאַנדלט געוואָרן קאַנדידאַטורן.

אָוונט־צייט אין טאָג פון קומען, נאָך דער טיי, האָט פּאַנ־טעלעי פּראָקאָפּיעוויטש זיך אָוועקגעזעצט אין זיין צימער טועם זיין פון די היימישע מאכלים. ער האָט אַוועקגעלייגט פאַר זיך אַ שטיק געוועגדזלטן קאַרפּ, אָנגעשניטן ברויט. צו אים האָבן זיך צוגעזעצט צוויי מיגולינער, עס זענען צוגעקומען נאָך עטלעכע מאַן. דער שמועס האָט זיך אָנגעהויבן וועגן דער לאַגע אויפן פראָנט, פּאַמעלעך איבערגעגאַנגען צו די וואַלן פון דער מאַכט.

— קיין בעסערן פון פאַרשטאָרבענעם קאַלעדינען — אַ ליכ־טיק גן־עדן זאָל ער האָבן! — וועט מען נישט געפינען, — האָט אַרויסגעזיפצט אַ גרוי־בערדיקער שומילינער.

— איך מיין אויך אַזוי, — האָט אַ יעלאַנער מסכּים געווען.

איינער פון די אָנוועזנדיקע ביים שמועס, אַן אונטערעסאַול, אַ דעלעגאַט פון דער בעסערגעניעווער סטאַניצע, האָט זיך צע־רעדט נישט אָן היציקייט.

— וואָס הייסט — עס איז נישטאָ קיין פּאַסיקער מענטש? וואָס רעדט איר, מיינע הערן? און דער גענעראַל קראַסנאָוו?

— ווער איז דאָס דער קראַסנאָוו?

— וואָס הייסט ווער? איר שעמט אייך גאָרנישט, מיינע הערן, צו פרעגן? דער באַרימטער גענעראַל, דער קאָמאַנדיר פון דריטן רייטער־קאָרפּוס, דער חכם, דער געאָרגי־קאַוואַלער, דער טאַלענטפולער מיליטער־פירער.

דאָס באַגייסטערטע פאַרכליניעטע רעדן פון אונטערעסאַול האָט אויפגערייצט אַ דעלעגאַט, אַ פאָרשטייער פון איינער פון די פראָנט־אָפּטיילונגען.

— און איך זאָג אייך פּאַקטיש: מיר קענען זיינע טאַלאַנטן! אַ נישטיקער גענעראַל! אין דער דייטשישער מלחמה האָבן מיר געזען ווי ער האָט זיך אויסגעצייכנט. ער וואָלט שוין געבליבן אַזוי ביי דער בריגאַדע, ווען נישט די רעוואָלוציע!

— ווי אַזוי־זשע, ליבינקער, רעדט איר אַזוי, נישט קענענ־דיק דעם גענעראַל קראַסנאָוו? און חוץ דעם, ווי וואַגט איר בכלל זיך אויסצודריקן אַזוי וועגן אַ גענעראַל, וואָס ווערט דורך אַלעמען געאַכטעט? איר האָט, לויט אַלע וואָרשיינלעכקייטן, פאַרגעסן, אַז איר זענט אַ פּשוטער קאַזאַק?

דער אונטערעסאַול האָט אַרויסגעזיגן די פאַרניכטנדיקע, קאַלטע ווערטער, און דער קאָזאַק האָט זיך פאַרלוירן, מורא גע־קריגן, — זיך צוריקציענדיק, האָט ער אַרויסגעמירמלט:

— איך, אייער וווילגעבוירנהייט, דערצייל נאָר, ווי אַזוי עס איז געווען, ווען איך האָב געדינט אונטער זיין אָנפירונג... ער האָט אויפן עסטרייכישן פראָנט אונזער פּולק אויף דער דראָט־פאַרצוימונג אַרויפגעזעצט! דעריבער [illegible]לטן מיר אים פאַר אַ

נישטיקן... און ווידעראַרום — ווער ווייסט ?... אפשר איז גאָר פאַרקערט...

— און פאַרוואָס האָט מען אים אַ געאָרגי געגעבן? שוטה! — פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זיך גענומען שטיקן מיט אַ ביין פון קאַרפּ; אויסהוסטנדיק זיך, איז ער אָנגעפאַלן אויפן פראָנט־קאָזאַק: — איר האָט אייך אַרייַנגעקלאַפּט נאַרישקייטן אין די קעפּ, אויף אַלעמען רעדט איר, קיינער געפעלט אייך נישט... זעסט, סאַראַ מאָדע זיי האָבן איינגעפירט! איר וואָלט וויניציקער געפּלוידערט — וואָלט נישט געווען אַזאַ צערודערונג. איר זענט צו קלוג געוואָרן. פּיסקאַטשעס!

די טשערקאַסער, אַלע פון אונטערשטן ברעג דאָן זענען ווי אַ מויער פעסט געשטאַנען פאַר קראַסנאָוון. די אַלטע איז געווען צום האַרץ אַ גענעראַל, אַ געאָרגי־קאַוואַלער; אַ סך האָבן נאָך געדינט אונטער זיין אָנפירונג אין דער יאַפּאַנישער מלחמה. די אָפיצירן האָט גערייצט קראַסנאָווס פאַרגאַנגענהייט: אַ גוואַרדייער, אַ וועלט־מענטש, אַ הויף־געבילדעטער גענעראַל, וואָס פלעגט פאַרקערן אין הויף און איז אויך געווען אין דער סוויטע פון זיין קייסערלעכער מאַיעסטעט. די ליבעראַלע אינטעליגענץ האָט באַפרידיקט דאָס, וואָס קראַסנאָוו איז נישט בלויז אַ גענעראַל, אַ מענטש פון פראָנט און מיליטערישן מושטער, נאָר, ווי עס זאָל נישט זיין, אויך אַ שרייבער, וואָס זיינע דערציילונגען פון אָפיצירישן לעבנס־שטייגער זענען אין זיין צייט מיט פאַרגעניגן געלייענט געוואָרן אין די ביילאַגעס צו דער „ניוואַ"*, און אויב אַ שרייבער, איז ער דאָך על כל פנים אַ קולטורעלער מענטש.

צווישן די דעלעגאַטן איז געפירט געוואָרן אַ שטאַרקע

* וועכנטלעכער אילוסטרירטער זשורנאַל, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פעטערבורג אין די יאָרן 1870 — 1917. ער האָט געהאַט אַ גרויסע פאַרשפּרייטונג צווישן דער קליין־בורזשואַזיע, צו וועמעס געשמאַק ער האָט זיך צוגעפּאַסט מיטן אינהאַלט.

אַגיטאַציע פאַר קראַסנאָוון. פאַר זיין פערזאָן האָבן אָפּבליאַקירט די נעמען פון די איבעריקע גענעראַלן. וועגן אפריקאַן באָגאַיעוו־סקין האָבן די אָפיצירן — קראַסנאָווס אָנהענגער — שעפּטשענדיק פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז באָגאַיעווסקי איז כּלומרשט איינס מיט דעניקינען, און אויב מען וועט אויסקלייבן באָגאַיעווסקין אַלס אַטאַמאַן, וועלן אַלע קאָזאַקישע פּריווילעגיעס און די אויטאָנאָמיע גיין קאַפּוט, ווי נאָר מען וועט צעשלאָגן די באָלשעוויקעס און אַריינטרעטן קיין מאָסקווע.

אויך קראַסנאָוו האָט געהאַט קעגנער. איין דעלעגאַט, אַ לע־רער, האָט אָן דערפאָלג געפּרוּווט פאַרשוואַרצן דעם גענעראַלס נאָמען. דער לערער האָט אַרומגעבלאָנזשעט איבער די צימערן פון די דעלעגאַטן, גיפטיק ווי אַ מוק אַריינגעזשוזשעט אין די קאָזאַקישע האַריקע אויערן:

— קראַסנאָוו? ער איז אי אַ פאַרשיווער גענעראַל, אי אַ שרייבער, וואָס איז ווערט דעם טייוול! אַ הויפישער קריכער, אַ לעקער! אַ מענטש, וואָס וויל, אַזוי צו זאָגן, אי דעם נאַציאָ־נאַלן קאַפּיטאַל דערוואַרבן, אי די דעמאָקראַטישע צניעות אָפּהיטן. אָט וועט איר זען, ער וועט נאָך פאַרקויפן דעם דאָן דעם ערשטן, בעסטן קויפער! אַ נישטיקער מענטש, אַלס פּאָליטיקער — אַ זעראָ... אַגעיעוון דאַרף מען אויסקלייבן! דער — איז גאָר עפּעס אַנדערש.

אָבער דער לערער האָט נישט געהאַט קיין דערפאָלג. און ווען עס האָבן דעם ערשטן מאַי, אין טאָג פון עפענען דעם קרייז, זיך דערהערט שטימען:

— איינלאַדן דעם גענעראַל קראַסנאָוו!

— העפלעך...

— הכנעהדיק...

— אונזער שטאָלץ!

— זאָל ער קומען אונז ווייזן ווי אַזוי צו לעבן! — האָט דער גאַנצער רחבותדיקער זאַל געשטורעמט.

די אָפיצירן האָבן באַסאַרטיק גענומען פּאַטשן מיט די הענט

און, קוקנדיק אויף זיי, האָבן אויך די קאָזאַקן אומגעשיקט און נישט הויך אָנגעהויבן קלאַפּן. זייערע שוואַרצע, פון אַרבעט געגאַרבטע הענט האָבן אַרויסגעגעבן אַ טרוקענעם גרילצענדיקן קלאַנג, מען קאָן זאָגן — אפילו אַ נישט אָנגענעמען, אין טיפער סתירה צו דער ווייכער מוזיק פון די אַפּלאָדיסמענטן, וואָס זענען געקומען פון די געקעכלטע קישעלעך אויף די הענט פון די פריילינס און דאַמען, אָפיצירן און שטודירנדיקע, וואָס האָבן פאַרפולט די גאַלע-ריע און די קאָרידאָרן.

ווען אויף דער עסטראַדע איז פאַראַדמעסיק און ווילעריש אַרויסגעטרעטן דער הויכער, שלאַנקער, נישט געקוקט אויף זיין עלטער נאָך געניטער שיינער גענעראַל, אין מונדיר, געדיכט באַהאָנ-גען מיט קרייצן און מעדאַלן, מיט עפּאָלעטן און אַנדערע גענערע-לישע אויסצייכענונגען, — איז דער זאַל פאַרפלייצט געוואָרן פון אַפּלאָדיסמענטן און אויסרופן. די אַפּלאָדיסמענטן זענען איבער-געגאַנגען אין אַן אָוואַציע. אַ שטורעם פון באַגייסטערונג האָט גע-בושעוועט איבער די רייען פון די דעלעגאַטן. אין דעם גענעראַל, מיטן באַגייסטערטן און אויפגערעגטן פּנים, וואָס איז געשטאַנען אין דער פּאָזע פון אַ פּאָרטרעט, האָבן אַ סך דערזען אַ מאַטע אָפּ-שפּיגלונג פון דער געוועזענער מעכטיקייט פון דער אימפּעריע.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זיך צעוויינט און לאַנג געשנייצט די נאָז אין רויטן טיכל אַריין, וואָס ער האָט אַרויס-גענומען פון היטל. „אָט דאָס הייסט — אַ גענעראַל! מ'זעט באַלד וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז! ווי דער קייסער אַליין, אפילו ענלעך צו אים. ער דערמאָנט שטאַרק אָן פאַרשטאָרבענעם אַלעק-סאַנדער!״ — האָט ער געטראַכט, קוקנדיק מיט אַ געפיל פון גע-רירטקייט אויף קראַסנאָוון, וועלכער איז געשטאַנען ביי דער ראַמפּע.

דער קרייז — וואָס איז אָנגערופן געוואָרן מיטן נאָמען „דער קרייז פון מציל זיין דעם דאָן״ — האָט זיך נישט געאיילט מיט די זיצונגען. אויפן פאָרשלאַג פון קרייז-פאָרזיצער, דעם עסאַול יאַנאָוו, איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס וועגן טראָגן

עפּאָלעטן און אַלע אויסצייכנונגען, וואָס געהערן צום מיליטערישן שטאַנד. קראַסנאָוו איז אַרויסגעטרעטן מיט אַ גלענצנדער, מייס־טערהאַפט געבויטער רעדע. ער האָט מיט געפיל גערעדט וועגן „רוסלאַנד, וואָס איז געשענדט געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס", און איר „געוועזענער מאַכט", וועגן גורל פון דאָן. מאָלנדיק די קעגנוואַרטיקע לאַגע, האָט ער קורץ באַרירט די דייטשישע אָקו־פּאַציע און אַרויסגערופן אַ שטורעם פון אָנערקענונג. ווען ער האָט ביים פאַרענדיקן גענומען רעדן מיט פּאַטאָס וועגן דער זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ פון דער דאָנער געגנט נאָכן באַקעמפן די באָלשעוויקעס.

— אַ מעכטיקער מיליטערישער קרייז וועט אָנפירן מיט דער דאָנער געגנט! דאָס קאָזאַקנטום, באַפרייט דורך דער רעוואָלוציע, וועט צוריק איינפירן דעם הערלעכן אַלטן סדר פון קאָזאַקן־לעבן, און מיר, ווי אונזערע זיידעס פּאַרצייטנס, וועלן קאָנען זאָגן מיט אַ פולקלינגענדיק, קרעפטיק קול: „לעב דיר פרידלעך, ווייסער צאַר, אין דיין שטיינערנער מאָסקווע, און מיר, קאָזאַקן, ביים שטילן דאָן!"

דעם דריטן מאַי אויף דער אָוונט־זיצונג איז מיט הונדערט זיבן שטימען קעגן דרייסיק און ביי צען אָפּגעהאַלטענע אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מיליטערישער אַטאַמאַן דער גענע־ראַל־מאַיאָר קראַסנאָוו. ער האָט נישט אָנגענומען דעם אַטאַמאַנישן פערנאַטש* פון די הענט פון מיליטערישן עסאַול, שטעלנדיק אַלס באַדינג: צו באַשטעטיקן די גרונד־געזעצן, וועלכע ער האָט פאַר־געלייגט דעם קרייז און איבערגעבן אים די פולע אומבאַגרענעצ־טע אַטאַמאַנישע מאַכט.

— אונזער לאַנד געפינט זיך ערב אומקום! בלויז מיטן באַדינג פון פולן צוטרוי צום אַטאַמאַן וועל איך איבערנעמען דעם פערנאַטש. די געשעענישן פאָדערן אַנטשלאָסענע און שטרענגע

---

* אַ מין בולאַווע — סימבאָל פון דער אַטאַמאַנישער מאַכט.

האַנדלונגען. בלויז דעמאָלט קאָן מען אַרבעטן מיט זיכערקייט און פריידיקן באַוווסטזיין פון דערפולטן חוב, ווען מען ווייסט, אַז דער קרייז — דער העכסטער אויסדריקער פון דעם ווילן פון דאָן — האָט צוטרוי צו דיר; ווען, להיפוך צו דער באָלשעוויסטישער הפקרות און אַנאַרכיע, וועלן איינגעשטעלט ווערן פעסטע רעכט־לעכע נאָרמען.

די געזעצן, וואָס זענען פאָרגעלייגט געוואָרן דורך קראַס־נאָוון, האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אויף שנעל איבערגעניצעווע־טע, אַ ביסל רעסטאַווירירטע געזעצן פון דער פריערדיקער אימ־פעריע. ווי אַזוי־זשע האָט דער קרייז זיי נישט געזאָלט אָננעמען? זיי זענען אָנגענומען געוואָרן מיט פרייד. אַלץ, אפילו די פאָן, וואָס איז אומגעלונגען געענדערט געוואָרן, האָט דערמאָנט אָן פריערדיקן: זי איז באַשטאַנען פון דריי פאַסן — בלוי, רויט, געל (די קאָזאַקן, די פרעמד־צוגעקומענע, די קאַלמיקן), און בלויז דער מלוכה־הערב, אַלס הנחה פאַרן נאַציאָנאַלן גייסט, איז אונטער־געוואָרפן געוואָרן אַ ראַדיקאַלער ענדערונג: אָנשטאָט דעם ווילדן צווייקעפיקן אָדלער מיט די אויסגעשפרייטע פליגל און אַרויסגע־רוקטע נעגל, איז אויפגעמאָלט געווען אַ נאַקעטער קאָזאַק, אין אַ פאַפאַכע, מיט אַ שווערד, אַ ביקס און אַמוניציע, וואָס זיצט רייטנ־דיק אויף אַ פאַס וויין.

איינער פון די חניפהדיקע פראָסטאַקישע דעלעגאַטן האָט געשטעלט אַ געפעליקע פראַגע:

— אפשר וועט אייער עקסעלענץ פאָרלייגן עפעס צו ענדערן אָדער איבערמאַכן אין די פריערדיקע געזעצן?

קראַסנאָוו האָט מילד אַ שמייכל געטון און זיך דערלויבט צו מאַכן אַ שפּאַס. ער האָט צוזאָגנדיק זיך אַרומגעקוקט אויף די מיטגלידער פון קרייז און געענטפערט מיט אַ קול פון אַ מענטש, אַ צעבאַלעוועטן דורך דער אַלגעמיינער אויפמערקזאַמקייט.

— איך קאָן. די פאַראַגראַפן אַכטאונפערציק, ניינאונפער־ציק און פופציק — וועגן דער פאָן, וועגן הערב און וועגן הימן. איר קאָנט מיר פאָרלייגן יעדע פאָן — חוץ דער רויטער, יעדן

הערב — חוץ דעם יידישן פינפשפּיציקן שטערן אָדער אַנדערן מאַסאָנישן צייכן, און יעדן הימן — חוץ דעם „אינטערנאַציאָנאַל".

דער קרייז האָט לאַכנדיק באַשטעטיקט די געזעצן. און שפּעטער איז לאַנג פון מויל־צו־מויל איבערגעגאַנגען דעם אַטאַמאַנס שפּאַס.

דעם פינפטן מאַי איז דער קרייז זיך פונאַנדערגעפאָרן. די לעצטע רעדעס זענען פאַרשטומט געוואָרן. דער קאָמאַנדיר פון דער דרומדיקער גרופּע, פּאָלקאָווניק דעניסאָוו, די רעכטע האַנט פון קראַסנאָוון, האָט צוגעזאָגט אין גאָר אַ קורצער צייט אויסצוראָטן די באָלשעוויסטישע קראַמאָלע. די מיטגלידער פון קרייז זענען אַוועקגעפאָרן באַרויִקטע, דערפרייטע סיי דורכן געלונגענעם אויסוואַל פון אַטאַמאַן, סיי דורך די ידיעות פון פראָנט.

אַ טיף־אויפגערודערטער, איבערפולטער מיט שטורמישער פרייד איז געפאָרן פון דער דאָנער רעזידענץ פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש. ער איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז דער פּערנאַטש איז אַריינגעפאַלן אין די ריכטיקע הענט, אַז בקרוב וועט מען צעשלאָגן די באָלשעוויקעס און די זין וועלן זיך אומקערן צו דער באַלעבאַטישקייט. דער אַלטער איז געזעסן ביים פענסטער פון וואַגאָן, אָנגעלענט מיטן עלנבויגן אויפן טיש; אין די אויערן האָבן זיך נאָך געפליעסקעט די געזעגענונגס־קלאַנגען פון דאָנער הימן, די הייטערע רייד זענען אַריינגעדרונגען ביז דער סאַמער דנאָ פון באַוווסטזיין, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס האָט אויף אַן אמת טאַקע, ווי עס געהער צו זיין „זיך צעוויגט און צעשטורעמט דער רעכטגלויביקער שטילער דאָן".

אָבער אָפּפאָרנדיק עטלעכע ווי־אָרסט פון נאָוואָטשערקאַסק, האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש דערזען דורכן פענסטער פּאָרפּאַסטנס פון באַוואַריִשן רייטער־מיליטער. אַ גרופּע דייטשישע רייטער האָט זיך באַוועגט פון ביידע זייטן טאָר אַקעגן דעם צוג. די רייטער האָבן רויִק זיך געהאָרבעט אין די זאָטלען, די גוטגעפיטערטע, ברייט־ברוסטיקע פערד האָבן באַוועגט מיט די קורץגעשוירענע וויידלען און געגלאַנצט אין דער העלער זון. אַנגע-

בויגן פאָרויס, מיט אַ פיינגלעך-צעקרומטער ברעם, האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש זיך צוגעקוקט, ווי די קאָפּיטעס פון די דייטשישע פערד טאָפּטשען זיגעריש די קאָזאַקישע ערד. און ער האָט דערנאָך לאַנג זיך געהאָרבעט, געסאָפּעט, אויסגעדרייט מיטן ברייטן רוקן צום פענסטער.

II

פון דאָן איבער אוקראַיִנע האָבן זיך געקייקלט צוגן פון רויטע וואַגאָנעס, אַרויספירנדיק קיין דייטשלאַנד ווייצן-מעל, פוטער, אייער, אָקסן. אויף די פּלאַטפאָרמעס זענען געשטאַנען דייטשן אין היטלען אָן דאַשקעס, אין בלוילעך-גרויע מונדירן, מיט אַרויפגעשרויפטע באַגנעטן אויף די ביקסן. די סאָלידע גלע דייטשישע שטיוול מיט די געקאָוועטע אָפּצאַסן האָבן געטאָפּטשעט די דאָנער שליאַכן, די באַוואַרער רייטער האָבן אָנגעטרונקען די פערד אין דאָן... און ביי דער אוקראַיִנישער גרענעץ האָבן די יונגע קאָזאַקן, וואָס זענען גערופן געוואָרן אונטער די פענער און האָבן נאָרוואָס דורכגעמאַכט די מושטירונג אין פּערסיאַנאָווקע, זיך געשלאָגן מיט די פּעטליוראָווצעס. כמעט אַ העלפט פון ניי-קאָמפּלעטירטן צוועלפטן דאָנער קאָזאַקן-פּולק איז געפאַלן הינטער סטאַראָביעלסק, אויסקעמפנדיק פאַר דער פּראָווינץ אַן איבעריק שטיק אוקראַיִנישע טעריטאָריע.

אויף צפון איז די אוסט-מעדוויעדיצער סטאַניצע איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט: דאָ האָט זי פאַרנומען מיראָנאָוו מיט אַן אָפּטיילונג קאָזאַקישע רויטגוואַרדייער, וואָס זענען זיך צונויפגעקומען צו אים פון דער גלאַזונאָווער, נאָווע-אַלעקסאַנדראָווער, סקומילזשינער, סקורישענסקער כוטאָרן און אַנדערע סטאַניצעס, אין אַ שעה אַרום האָט אים אַרויסגעשטויסן דעם אָפיציר אַלעקסעיעווס אָפּטיילונג פון ווייסע פּאַרטיזאַנער, און איבער די גאַסן האָבן געווימלט שינעלן פון גימנאַזיסטן, רעאַליסטן און סעמינאַ-

ריסען, פון וועלכע עס זענען באַשטאַנען די קאַדרען פון דער אָפּטיילונג.

אויף צפון האָבן די קאָזאַקן פון אייבערשטן דאָן כוואַליענדיק זיך אַריבערגעטראָגן פון איין סטאַניצע אין דער צווייטער. מיראָנאָוו איז אַוועקגעגאַנגען צו די גרענעצן פון דער סאַראַטאָווער גובערניע. כמעט דער גאַנצער כאָפּערער קרייז איז באַפרייט געוועזן פון די באָלשעוויקעס. סוף זומער איז די דאָנער אַרמיי, וואָס איז צונויפגעשטעלט געווען פון קאָזאַקן פון פאַרשידענעם עלטער, וואָס זענען נאָר פעיִק געווען צו טראָגן געווער, שטיין געבליבן ביי די גרענעצן. רעאָרגאַניזירט אויפן וועג, קאָמפּלעטירט דורך די אָפיצירן, וואָס זענען אָנגעקומען פון נאָוואָטשערקאַסק, האָט די אַרמיי באַקומען דעם אָנבליק פון רעגולערן חייל: די קליינצאָליקע אָפּטיילונגען, וואָס זענען צרויסגעשטעלט געוואָרן דורך די סטאַניצעס, האָבן זיך צונויפגעגאָסן; עס זענען רעקאָנסטרואירט געוואָרן די פריערדיקע רעגולערע פּולקן מיטן פריערדיקן קאָמפּלעט, וואָס איז ניצול געוואָרן אין דער דייטשישער מלחמה; פון די פּולקן זענען געשאַפן געוואָרן דיוויזיעס; אין די שטאַבן זענען די כאָרונזשעס פאַרטרעטן געוואָרן דורך אַלטע פּאָלקאָווניקעס; אויך דער קאָמפּלעט פון די אָנפירער האָט בהדרגה זיך געביטן.

סוף זומער זענען די קעמפנדיקע גרופן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן פון די מיגולינער, מיעשקאָווער, קאַזאַנער און שומילינער קאָזאַקן-סאָטניעס, אויפן באַפעל פון גענעראַל אַלפעראָוו אַריבערגעגאַנגען די דאָנער גרענעץ און, פאַרנעמענדיק דאָניעצק — דאָס ערשטע דאָרף אויף דער גרענעץ פון וואָראָניעזשער גובערניע, האָבן זיי אָנגעהויבן באַלאַגערן די קרייז-שטאָט באָגוטשאַר.

די סאָטניע טאָטערישע קאָזאַקן, אונטער דער אָנפירונג פון פּיאָטער מעליעכאָוו, איז שוין פיר מעת-לעת געגאַנגען איבער די כוטאָרן און סטאַניצעס אויף צפון פון אוסט-מעדוועדיצער קרייז. ערגעץ רעכטס פון זיי, נישט אָננעמענדיק קיין שלאַכט, האָט איי-

ליק אָפּגעטרעטן צו דער באַן־ליניע מיראָנאָוו. די גאַנצע צייט האָבן זיי נישט געזען דעם קעגנער. די מאַרשן זענען געווען קליינע. פּיעטראָ און אויך אַלע איבעריקע קאָזאַקן האָבן, נישט אָפּרעדנדיק זיך, באַשלאָסן, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס צו איילן זיך צום טויט און נאָך יעדן מאַרש איבערגעלאָזט הינטער זיך נישט מער ווי אַ דריי צענטליק וויאָרסט.

אויפן פינפטן מעת־לעת זענען זיי אָנגעקומען אין דער קומילזשענסקער סטאַניצע. זיי זענען אַריבער דעם כאָפּער אין דער ריכטונג פון דונדוקאָווער כוטאָר. איבער דער לאָנקע זענען געהאָנגען, ווי אַ פאַרהאַנג פון מושלין, ראָיען פליגעלעך. זייער וויבּרירנדיקער קלאַנג איז כסדר געוואַקסן. זיי האָבן זיך געדרייט אין מיריאַדן, געווימלט, געקראָכן אין די אויערן, אין די אויגן פון די רייטער און פערד. די פערד האָבן זיך דענערווירט, געניסט, די קאַזאַקן האָבן זיך אָפּגעיאָגט מיט די הענט, אומאויפהערלעך גערייכערט דעם היימישן טיטון.

— נאַדיר אַ שפּיל! דער טייוול זאָל עס נעמען! — האָט כריסטאָניאַ אַ קרעכץ געטון, זיך אויסווישנדיק מיטן אַרבל זיין אויג, וואָס האָט געטרערט.

— וואָס, עס איז דיר אַריינגעפלויגן? — האָט גריגאָרי אַ שמייכל געטון.

— דאָס אויג שטעכט. צום טייוול! אפנים, אַ גיפטיקס געווען!

פאַררייסנדיק די רויטע בּרעם, האָט כריסטאָניאַ אַרומגעפירט דעם שאָרסטקע פינגער איבערן אויג־אַפּל; דערנאָך אָנבלאָזנדיק די ליפּ, לאַנג מיט דער פאַרקערטער האַנט געריבן דאָס אויג.

גריגאָרי איז געריטן לעבן אים. זיי האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען די גאַנצע צייט, זינט זיי האָבן אַרויסמאַרשירט. עס איז צוגעשטאַנען צו זיי אויך אַניקושקאַ, וואָס איז דיק געוואָרן די לעצטע צייט, און צוליב דעם אויסגעזען נאָך מער ענלעך צו אַ באַבע. די אָפּטיילונג איז באַשטאַנען פון נישט קיין גאַנצער סאָטניע. פיאָטערס געהילף איז געווען דער וואַכמייסטער לאַטישעוו,

וואָס האָט התונה געהאַט פון טאָטערישן כוטאָר. גריגאָרי האָט קאָמאַנדירט מיט דער אָפּטיילונג. כמעט אַלע זיינע קאָזאַקן זענען געווען פון אונטערשטן עק כוטאָר: כריסטאָניאַ, אַניקושקאַ, פיעדאָט באָדאָווסקאָוו, מאַרטין שאַמיל, איוואַן טאָמילין, דער הויכער דאַרער באָרשטשעוו און דער בערישער, שווערפעליקער זאַכאַר קאָוואַלעוו, פּראָכאָר זיקאָוו, דער ציגיינער מערקולאָוו, עפיפאַן מאַקסייעוו, יעגאָר סינילין און נאָך אַנדערהאַלבן צענדליק גלייכיעריקע חברה־לייט.

מיט דער צווייטער אָפּטיילונג האָט קאָמאַנדירט ניקאָלאַי קאָשעוואָי, מיט דער דריטער — יאַקאָוו קאָלאָוויעדין און מיט דער פערטער — מיטקאַ קאָרשונאָוו, וואָס איז נאָכן אויספירן דעם טויט-אורטייל אויף פּאָדטיאָלקאָוון גלייך נאָמינירט געוואָרן דורכן גענעראַל אַלפעראָוו אַלס עלטסטער אוריאַדניק.

די סאָטניע האָט דערוואָרעמט די פערד אין לייכטן רייטן איבערן סטעפּ. דער וועג האָט אַרומגעקרייזלט קליינע זומפּן, אַראָפּגעגידערט אין טאָלן, פאַרוואַקסענע מיט ווילדע גראָזן און ווערבע-קוסטעס, זיך געשלענגלט איבער דער לאָנקע.

אין די הינטערשקע רייען האָט מיט אַ באַס געלאַכט יאַקאָוו פּאָדקאָווע, אַנדריושאַ קאַשולין האָט אים אונטערגעהאַלטן מיט אַ טענאָרל, אויך ער האָט אַוואַנסירט אויף אוריאַדניק, צו וועלכן ער האָט זיך דערדינט אויפן בלוט פון פּאָדטיאָלקאָווס חברים.

פּיעטראָ מעליעכאָוו איז געריטן מיט לאַטישעוון אין דער זייט פון די רייען. זיי האָבן וועגן עפּעס שטיל געשמועסט. לאַטישעוו האָט זיך געשפּילט מיטן נייעם טראָלד פון דער שווערד, פּיעטראָ האָט מיט דער לינקער האַנט געגלעט דאָס פערד, עס געקראַצט צווישן די אויערן. אויף לאַטישעווס פּנים מיט די פּוכיקע באַקן האָט געבליט אַ וואַרעמער שמייכל, זיינע פון רייכערן געלע, אויסגעשטשירבעטע ציין האָבן זיך געשוואַרצט פון אונטער די קליינע וואָנסעס אַפער.

הינטער אַלע, אויף אַ געפלעקטער קאָבילקע, וואָס האָט אונטערגעהינקען אויף אַ פוס, האָט זיך געהעצקעט אַנטיפּ

אָודעיעוויטש, ברעכס זון, וועלכן די קאָזאַקן האָבן גערופן אַנטים ברעכאָוויטש.

עמעצער פון די קאָזאַקן האָט פאַרפירט אַ שמועס, טייל, דעפּאָרמירנדיק די רייען, זענען געריטן צו פינף אין אַ ריי, די איבעריקע האָבן אויפמערקזאַם באַטראַכט די אומבאַקאַנטע געגנט־די לאַנקע, וואָס איז צעוואונדיקט געווען דורך דער געשטופּלטקייט פון די געריגצלטע אָזיערעס, גרינער פאַרצוימונג פון די טאָפּאָלן און ווערבעס. לויט דער לאָדונג איז קענטיק געווען, אַז די קאָזאַקן גייען אין אַ ווייטן וועג: די טאָרבעס פון די זאָטלען זענען געווען אָנגעשוואָלן, די פּראָוויאַנט־זעק געפּאַקט, און די רעמעטן ביי יעדן זאָרגפעלטיק איינגעשנאָלט דער שינעל. מען האָט אויך געקאָנט דערקענען לויטן געשפּאַן: יעדעס רעמעטל איז צוגעניים מיט דראַטווע, אַלץ איז צוגעפּאַסט, אויספּאַראַכטן. אויב מען האָט מיט אַ חודש צוריק געגלייבט, אַז קיין מלחמה וועט נישט זיין, איז מען אַציינד שוין געגאַנגען אין הכנעהדיקן האָפּנונגסלאָזן באַוווסטזיין, אַז מען וועט נישט אויסמיידן קיין בלוט. „היינט זיצסטו נאָך אין דער הויט, און מאָרגן וועלן אפשר קראָען אין פרייען פעלד זי פון דיר אָראָפּשיילן”, — האָט איטלעכער געטראַכט.

זיי זענען דורכגעפאָרן דעם כוטאָר קרעפּצי. די מיט קאַמיש־געדעקטע שיטערע כאַטעס האָבן זיך באַוויזן רעכטס. אַניקושקאַ האָט אַרויסגענומען פון דער הויזן־קעשענע אַ שטריץ, אָפּגעביסן אַ העלפט, ווילד אַנטבלויזנדיק די קליינע רייס־ציין, און פלינק, ווי אַ האָז, גענומען רודערן מיט די קינבאַקן, קייענדיק.

— האָסט דיך אויסגעהונגערט? — האָט כריסטאָניאַ זייטיק אויף אים אַ קוק געטון.

— אוודאי... דאָס ווייב האָט אָפּגעבאַקן.

— און דו האָסט אַ געלענק צום עסן! דער טרעלבויך איז ביי דיר, אפנים, ווי ביי אַ חזיר. — ער האָט זיך אויסגעדרייט צו גריגאָריען און מיט אַ מין רוגזהדיק, קלאָגנדיק קול ווייטער גערעדט: — ער פרעסט, דער נישט־גוטער, אַז ס'איז גאָרנישט תופס צו זיין! ווו פּאַקט ער דאָס אַלץ אַריין? איך קוק מיך צו די

טעג צו אים, און עס ווערט מיר אזש אזוי ווי שרעקלעך: אליין איז ער דאָך אַ קלייגער, און פרעסט, אַז עס נעמט גאָר קיין סוף נישט.

— איך עס מיינס. איך וויל אַזוי. אויף ביינאַכט אַ שעפּס אויפגעפרעסן, מוזסטו אינדערפרי שוין ווייטער עסן. מיר פאַר־נוצן אַלץ, וואָס מען קאָן נאָר אין מויל אַריין לייגן.

אַניקושקאַ האָט צוגעלאַכט און אונטערגעוווּנקען צו גריגאָריען אויף כריסטאָניען, וואָס האָט ביז געשפּיגן.

— פּיעטראָ פּאַנטעלעיעוו, ווו וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף נאַכטלעגער? זעסט דאָך, די פערד זענען שוין אויסגעמאַטערט! — האָט טאָמילין אויסגעשריגן.

מערקולאָוו האָט אים אונטערגעהאַלטן:

— ס׳איז צייט זיך אָפּצושטעלן אויף נאַכטלעגער. די זון פאַרגייט שוין.

פּיעטראָ האָט אַ פּאַכע געטון מיטן ראַפּניק:

— מיר וועלן נעכטיקן אין קליוטשי. און אפשר וועלן מיר נאָך דערציִען ביז קומילגי.

מערקולאָוו האָט אַ שמייכל געטון אין שוואַרצן געקרייזלטן בערדל אַריין, זיך איבערגעשעפּטשעט מיט טאָמילינען:

— ער פיינערט זיך אויס פאַר אַלפעראָוון, די צויג! ער איילט זיך...

עמעצער, וואָס האָט אָפּגעשוירן מערקולאָוון, האָט אים צו־ליב אַ שפּאַס אונטערגעהאַקט די באָרד, געמאַכט פון דער גרויסער באָרד אַ בערדעלע, עס פאַרשניצט אין אַ קרומען קלין. מערקו־לאָוו האָט אויסגעזען אַנדערש, קאָמיש, — דאָס האָט געדינט אַלס סיבה פאַר שטענדיקער לצנות. טאָמילין האָט זיך אויך דאָ נישט איינגעהאַלטן:

— און דו — פיינסט דיך נישט אויס?

— מיט וואָס?

— מיט דעם, וואָס האָסט די באָרד ווי ביי אַ גענעראַל פאַרשוירן. נישקשה, מיינסט, דו האָסט דיך צוגעשוירן ווי אַ גע־

נעראַל, וועט מען דיר שוין אַ דיוויזיע געבן? און אַ פייג ווילסטו נישט?

— שוטה, טייוול! דו רעדסט צו אים ערגסט, און ער טרייבט לצנות.

אַזוי לאַכנדיק און שמועסנדיק זענען זיי אַריינגעריטן אין כוטאָר קליוטשי. אַנדריושקאַ קאַשולין, וועלכער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פאָרויס אַלס קוואַרטיר־מייסטער, האָט אויפגענומען די סאָטניע ביים ערשטן הויף פון כוטאָר.

— אונזער אָפּטיילונג — נאָך מיר! פאַר דער ערשטער — אָט די דריי הייף, פאַר דער צווייטער — אין דער לינקער זייט, פאַר דער דריטער — אָט דער הויף, ווו עס געפינט זיך דער ברונעם, און נאָך דריי הייף ווייטער.

— האָסט גאָרנישט געהערט? האָסט דיך נאָכגעפרעגט? — איז צוגעריטן צו אים פּיעטראָ.

— זייער געביין איז דאָ אפילו נישט געוועזן. אָבער קיין האָניק, זעסטו, חברהמאַן, פעלט שוין דאָ נישט. איין אַלטע האָט דרייהונדערט פּיעניעס. ביינאַכט וועט מען מוזן איינעם צעהאַקן!

— נו־נו, פלוידער נישט! איך וועל דיך צעהאַקן!

פּיעטראָ האָט זיך אָנגעכמורעט און דערלאַנגט דעם פערד מיטן ראַפּניק.

זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט. אָוועקגעשטעלט די פערד. ס'איז טונקל געוואָרן. די באַלעבאַטים האָבן געגעבן די קאָזאַקן נאַכטעסן. פאַר די הייף, אויף די אַלכעס פון פאַריאָריקן האַק, האָבן זיך אויסגעזעצט די מיליטערלייט און קאָזאַקן פון כוטאָר. מען האָט געשמועסט וועגן דעם, וועגן יענעם, און זיך צעגאַנגען שלאָפן.

אינדערפרי זענען זיי אַרויסגעריטן פון כוטאָר. שוין כמעט הינטער סאַמע קולמיזשענסק האָט זיי דעריאָגט אַ שליח. פּיעטראָ האָט געעפנט דעם פּאַקעט, לאַנג אים געלייענט, זיך וויגנדיק אין זאָטל, האַלטנדיק אָנגעשטרענגט, ווי אַ משא, דעם בויגן

פּאַפּיר אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט. גריגאָרי איז צו אים צוגעריטן.

— אַ באַפעל ?

— אַהאַ !

— וואָס שרייבט מען ?

— אַזוי זיך... מיליטערישע ענינים. די סאָטניע הייסט מען איבערגעבן. אַלע מיינע גלייכיעריקע רופט מען אָפּ, מען פאַר־מירט אין קאַזאַן דאָס אַכטאונצוואַנציקסטע פּולק. די אַרטילע־ריסטן — אויך, און די באַדינונג פון די קוילנוואַרפער.

— און די איבעריקע וווהין ?

— אָט דאָ איז געשריבן: „אין אַרזשענאָוו זיך שטעלן צו דער דיספּאָזיציע פון קאָמאַנדיר פון צוויאונצוואַנציקסטן פּולק. מאַרשירן אָן אָפּהאַלט". פאַרשטייסט ! „אָן אָפּהאַלט !"

עס איז צוגעריטן לאַטישעוו, אַרויסגענומען פון פּיעטראָס האַנט דעם באַפעל. ער האָט געלייענט, באַוועגנדיק מיט די דיקע האַרטע ליפּן, קרום אויסבייגנדיק די ברעם.

— רירן ! — האָט פּיעטראָ אויסגעשריגן.

די סאָטניע האָט זיך אַ וויג געטון, גענומען רוקן פּאַמע־לעך. די קאָזאַקן האָבן געוואָרפן בליקן הינטערווילעכטס, זיך איינגעקוקט אין פּיאָטערן, געוואַרט, וואָס ער וועט זאָגן. דעם באַ־פעל האָט פּיעטראָ באַקאַנט געמאַכט אין קולמיזשענסק. די קאָזאַקן פון די עלטערע יאָרן האָבן זיך גענומען פאָרען, קלויבנדיק זיך אין וועג אַריין צוריק. זיי האָבן באַשלאָסן צו בלייבן איבערן טאָג אין דער סטאַניצע און צומאָרגנס באַגינען זיך אַוועקלאָזן אין פאַר־שידענע זייטן. פּיעטראָ, וועלכער האָט אַ גאַנצן טאָג געזוכט אַ געלעגנהייט זיך דורכצושמועסן מיטן ברודער, איז געקומען צו אים אויף דער קוואַרטיר.

— קום אַרויס אויפן פּלאַץ.

גריגאָרי איז שווייגנדיק אַרויסגעגאַנגען פון טויער. מיטקאַ קאָרשונאָוו האָט זיי דעריאָגט, נאָר פּיעטראָ האָט אים קאַלט אַ בעט געטון :

— גיי אַוועק, מיטרי. איך וויל מיך דורכשמועסן מיטן ברודער.

— אדרבה. — מיטקאַ האָט קלוג אַ שמייכל געטון און הינ־טערשטעליק געבליבן.

גריגאָרי, וועלכער האָט זייטיק באַטראַכט פּיאָטערן, האָט געזען, אַז ער וויל רעדן עפּעס ערנסטס. אָפּוועגנדיק זיין כוונה, האָט ער אָנגעהויבן רעדן מיט געמאַכטער הייטערקייט.

— עס איז פונדעסטוועגן מאָדנע: מען איז אַוועק פון דער היים אויף הונדערט ווי-ערסט, און די מענטשן זענען דאָ שוין אַנ־דערע. זיי רעדן נישט אַזוי ווי ביי אונז, און די היייזער זענען אַנ־דערש געבויט, אַ שטייגער ווי ביי די פּאָליפאָנען*. זעסט, אָט איז דאָס טויער געשאָליעוועט. ביי אונז זעט מען נישט אַזוינס. און דאָ, — ער האָט אָנגעוויזן אויף דער נאָענטער רייכער כאַטע, — איז די פּריזבע אויך געשאָליעוועט; מסתמא, דאָס האָלץ זאָל נישט פוילן?

— הער אויף. — פּיעטראָ האָט זיך פאַרקרומט. — דו רעדסט נישט וועגן דעם, וואָס מען דאַרף... וואַרט צו, לאָמיר זיך שטעלן בײַם פאַרקן. מענטשן קוקן.

אויף זיי האָבן געוואָרפן נייגיריקע בליקן די באַבעס און קאָזאַקן, וואָס זענען געגאַנגען אויפן פּלאַץ. אַן אַלטער, אין אַ בלויער אַרומגעגאַרטלטער בלוזע און קאָזאַקיש היטל מיט אַ לאָמ־פּאַס, וואָס איז שוין ראָז געוועזן פון אַלטקייט, האָט זיך אָפּגע־שטעלט.

— איר בלייבט דאָ איבערן טאָג?

— מיר ווילן בלייבן.

— האָבער פאַר די פערד האָט איר?

— מיר האָבן אַ ביסל, — האָט פּיעטראָ זיך אָנגערופן.

* אַלטגלויביקע.

— אויב נישט, קומט אַריין צו מיר, וועל איך אייך געבן אַ צוויי מעסטלעך.

— זאָל דיר כריסטוס באַצאָלן, זיידעשי !

— גאָט דער אַלמעכטיקער... קומט אַריין. אָט איז מיין כאַטע. די מיטן גרינעם בלעכערנעם דאַך.

— וועגן וואָס האָסטו געוואָלט רעדן ? — האָט גריגאָרי אומגעדולדיק געפרעגט, זיך כמורעדיק.

— וועגן אַלץ. — פּיעטראָ האָט עפּעס שולדיק און געניייט אַ שמייכל געטון, פאַרבייסנדיק די ווייצענע וואָנסע אין ווינקל מויל. — די צייט, גרישאַטקאַ, איז אַזעלכע, אַז מיר וועלן זיך אפשר שוין נישט זען...

די אומקלאָרע פיינטשאַפט צום ברודער, וואָס האָט גריגאָריען אַ ביס געטון, איז פּלוצלינג פאַרשוווּנדן, אונטערגעדריקט דורך פּיעטראָס נעבעכדיקן שמייכל און דעם אַלטן נאָמען „גרישאַטקאַ", וואָס איז געבליבן פון דער קינדהייט. פּיעטראָ האָט ליבלעך געקוקט אויפן ברודער, נאָך אַלץ אַזוי אומקלאָר שמייכלענדיק. ער האָט מיט אַ באַוועגונג פון די ליפּן אָפּגעווישט דעם שמייכל, — זיין פּנים האָט באַקומען אַ גראָבן אויסדרוק, און ער האָט געזאָגט :

— זע ווי זיי האָבן דאָס פאָלק צעטיילט, די שלאַנגען ! ווי מען וואָלט מיט אַן אַקער דורכגעפאָרן : איין טייל — אין איין זייט, די צווייטע — אין דער צווייטער, ווי אונטערן אַקער־מעסער. אַ טייוולאָניש לעבן, און די צייט איז אַ שרעקלעכע ! איינער דערקענט שוין נישט דעם צווייטן... אָט דו, — האָט ער האַסטיק געביטן דעם שמועס, — דו — ביסט מיינס אַן אייגענער ברודער, און, בנאמנות, איך פאַרשטיי דיך נישט ! איך פיל, אַז דו גייסט עפּעס אוועק פון מיר... זאָג איך אמת ? — און ער האָט זיך אַליין געענטפערט : — אמת. דו פּלאָנטערסט דיך... איך האָב מורא, דו וועסט זיך אַריבערוואַרפן צו די רויטע... דו, גרישאַטקאַ, האָסט ביז איצט זיך נאָך נישט געפונען.

— און דו האָסט דיך געפונען ? — האָט גריגאָרי געפרעגט,

קוקנדיק, ווי הינטער דער אומקלאָרער ליניע פון כאָפּער*, הינטערן קרייד-באַרג זעצט זיך די זון, ברענט דער מערב, און די וואָלקנס טראָגן זיך פון דאָרט, ווי אָפּגעבערענטע שווארצע פליטן.

— איך האָב מיך געפונען. איך האָב אויף מיין בייט אָנגע-טראָפן. פון איר וועסטו מיך שוין נישט אראָפּשטופן! איך, גריש-קאַ, וועל מיך נישט אזוי וואַקלען, ווי דו.

— האָ? — האָט גריגאָרי אַרויסגעדריקט אַ בייזן שמייכל.

— איך וועל נישט! — פּיעטראָ האָט צאָרניק אַ רודער גע-טון מיט דער וואָנסע, שנעל געצומען מרוגען, ווי אַ בלינדער. — מיך וועסטו צו די רויטע אפילו מיט קיין אַרקאַן** נישט אַריבערציען. דאָס קאָזאַקנטום איז קעגן זיי, בין איך אויך קעגן. שטעלן אַ ווי-דערשטאַנד וויל איך נישט, און וועל נישט! און ווי אזוי זאָל איך עס דיר זאָגן?... איך האָב נישט נאָך וואָס, מיין וועג פירט נישט צו זיי!

— הער אויף מיט דעם, — האָט גריגאָרי מיד אַ בעט גע-טון. ער איז דער ערשטער אַוועקגעגאַנגען צו זיין קוואַרטיר, שאַרף אָפּדריקנדיק די טריט, באַוועגנדיק מיט דער געהאָרבעטער פּלייצע.

ביים טויער האָט פּיעטראָ זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— דו זאָג מיר, — וועל איך וויסן... זאָג מיר, גרישקאַ, וועסט נישט אַריבער צו זיי?

— עס איז שווער צו זאָגן... איך ווייס נישט.

גריגאָרי האָט געענטפערט אַפּאַטיש, אומגערן. פּיעטראָ האָט אַ זיפץ געטון, נאָר אויפגעהערט צו פרעגן. ער איז אַוועקגעגאַנ-גען אַן אויפגערעגטער, אַ מוטלאָזער. סיי אים, סיי גריגאָריען איז געווען זייער קלאָר: זייערע שטעגלעך, וואָס האָבן זיך פריער

* לינקער צופלוס פון דאָן.

** ווארף-פּעטליע.

פאַרפלאָכטן, זענען געדיכט פאַרוואַקסן געוואָרן דורכן איבערגע-
לעבטן און פאַרשטעלט דעם וועג צום האַרץ. אַזוי לויפט און
שלענגלט זיך איבער דער קרומער שיפּוע פון אַ באַרג-שפּאַלט אַ
גלאַט שטעגעלע, וואָס איז אויסגעהאַקט געוואָרן דורך די קאָפּי-
טעס פון די ווילדע ציגן, און פלוצלינג, ערגעץ ביי אַן אויסבויג,
אַראָפּזינקענדיק צום גרונט, פאַרענדיקט עס זיך, ווערט אָפּגעהאַקט, —
נישטאָ ווייטער קיין וועג, די דערנער שטאַרן ווי אַ וואַנט, אויס-
שפּרייטנדיק זיך אין אומהיימלעכער געדיכטקייט.

...צומאָרגנס האָט פּיעטראָ אַוועקגעפירט צוריק קיין וויע-
שענסק אַ האַלבע סאָטניע. דאָס איבערגעבליבענע יונגוואַרג האָט
אונטער גריגאָריעס אָנפירונג זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג
פון אַרזשאַנאָוו.

אינדערפרי האָט די זון געבאַקן אומרחמנותדיק. דער סטעפּ
האָט געזאָטן אין גרויער פאַרנעפּלטקייט. אויפן פּאַן האָבן בלוי
זיך געצייכנט די פיאָלעטע כאָפּערער בערג, ווי אַ שאַפּירענע פאַר-
פלייצונג זענען געלעגן די זאַמדן. די פאַרשוויצטע פערד האָבן זיך
געוויגט אונטער די רייטערס. די פּנימער פון די קאָזאַקן זענען
גרוי געוואָרן, האָבן אָפּליאַקירט פון דער זון. די קישנס פון ד,
זאָטלען, די רייט-אייזנס, די מעטאַלענע טיילן פון די געשפּאַנע
זענען אַזוי דערהיצט געוואָרן, אַז ס'איז נישט מעגלעך געווען זיי
אָנצורירן מיט אַ האַנט. אפילו אין וואַלד — אויך דאָ האָט פאַר-
פעלט קילקייט, — איז געהאָנגען אַ פאַרנע דושנעקייט, און עס
האָט שטאַרק געשמעקט מיט רעגן.

אַ טיפער אומעט האָט באַהערשט גריגאָריען. ער האָט
אַ גאַנצן טאָג זיך געוויגט אין זאָטל, כאָאָטיש טראַכטנדיק וועגן
דער צוקונפט; ער האָט איבערגעקליבן אין זיין זכרון, ווי קרעלן
אויף אַ שנור, פּיעטראָווס ווערטער, און זיך געפילט עלנט. דער
האַרבער פערמענטירנדיקער טעם פון ווערמוט האָט געברענט די
ליפּן, דער וועג האָט גערויכערט מיט חמימה. אויסגעשפּרייט אונ-
טער דער זון איז געלעגן דער גאָלדיק-גרויער סטעפּ. איבער אים

האָבן געבלאַנזשעט טרוקענע ווינטן, געקנייטשט דאָס שאָרסטקע גראָז, שטויביק אויפגעהויבן דאָס זאַמד.

אָוונט-צייט האָט אַ דורכזיכטיקער נעפּל פאַרצויגן די זון. דער הימל האָט אָפּבליאַקירט, איז גרוי געוואָרן. אויף מערב האָבן זיך באַוויזן וואָלקנס. זיי זענען געשטאַנען אומבאַוועגלעך, דער-גרייכנדיק מיט די אַראָפּגעהאָנגענע עקן דעם נישט-דייטלעכן דין-געוועבטן פאָדעם פון האָריזאָנט. דערנאָך האָבן זיי דראָענ-דיק גענומען זיך טראָגן, געטריבן דורכן ווינט, נידעריק נאָכ-שלעפנדיק די גרויע וויינדלען, צוקער-ווייס זיך בלייכנדיק מיט די רונדע שפּיצן.

די אָפּטיילונג איז נאָכאַמאָל אַריבער דאָס טייכל קומילגע, אַרייַנגעדרונגען אונטערן קופּאָל פון טאָפּאָל-וואַלד. די בלעטער האָבן געבלינצלט אין ווינט מיט זייערע מילך-בלויע איבערגעקער-טע זייטן, האַרמאָניש און באַסאַרטיק געשאָרכט. ערגעץ אויף דער צווייטער זייט כאָפּער האָט פון העל-ווייסן פּאָדל פון וואָלקן זיך געשיט און געשמיסן די ערד אַ רעגן מיט אַ האָגל, אַרומגעגאַרטלט מיט דער פאַרביקער גאַרטל פון רעגנבויגן.

זיי האָבן געגעכטיקט אין אַ קליינעם פּוסטן כוטאָר. גריגאָ-רי זאָט פאַרזאָרגט דאָס פערד און אַוועקגעגאַנגען צו די בינשטאָקן. דער באַלעבאָס, אַן אַלטער געקרייזלטער קאָזאַק, האָט אַרויסגעקליבן פון זיין באָרד זיי, וואָס זענען דאָרט שטעקן געבליבן, און מיט אַן אומרויִקן טאָן גערעדט צו גריגאָריען.

— אָט דעם פּיען האָב איך נישט לאַנג געקויפט. איך האָב אים איבערגעפירט אַהער, און די יונגע זענען איבער עפּעס אַלע אויסגעפּגרט. זעסט, ווי די בינען שלעפּן, — ער האָט זיך אָפּגע-שטעלט לעבן אַ בינשטאָק און אָנגעוויזן אויף דער עפענונג: די בינען האָבן אומאויפהערלעך אַרויסגעשלעפּט די טויטע קערפּערלעך פון די יונגע און אַוועקגעפלויגן מיט זיי, טויב זשומענדיק.

דער באַלעבאָס האָט נעבעכדיק געזשמורעט די געלע אויגן, ביטער געטשמאָקעט מיט די ליפּן. ער איז געגאַנגען האַסטיק, שאַרף און קאַנטיק פאָכענדיק מיט די הענט. איבערמעסיק באַוועג-

לעך, ברייט צעוואַקסן, מיט אָפּגעריסענע אייליקע באַוועגונגען, האָט ער אַרויסגערופן עפּעס אַן אומרויִקייט און אויסגעזען איבעריק צווישן די בינשטאָקן, ווו דער גרויסער קאָלעקטיוו בינען האָט רעגלמעסיק און טיכטיק פּאַמעלעך געפירט זיין קלוגע אַרבעט. גריגאָרי האָט זיך צוגעקוקט צו אים מיט אַ געפיל פון לייכטער אומגינציקייט. דאָסדאָזיקע געפיל איז אומווילנדיק אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם אַלטן ברייטפּלייציקן קאָזאַק, וואָס איז אַזויווי צונויפגעשטעלט געווען פון בלויז אויסברוכן און האָט געדעדט סקריפּענדיק און שנעל.

— היי־יאָר איז אַ גוט גערעטעניש. דער טימיאַן האָט שיין געבליט, זיי האָבן געטראָגן פון אים. די איינריכטונג פון רעמלעך איז בעסער. איך וועל זיי מסתמא איינפירן...

גריגאָרי האָט געטרונקען טיי מיט געדיכטן האָניק, וואָס האָט זיך געצויגן, ווי קליי. דער האָניק האָט זיס געשמעקט מיט טימיאַן און אַנדערע פעלד־קרייטעכצער. די טיי האָט אָנגעגאָסן דעם באַלעבאָס׳ טאָכטער — אַ הויכע שיינע זעלנערקע. איר מאַן איז אַוועקגעגאַנגען מיט מיראָנאָוון, דערפאַר האָט דער באַלעבאָס זיך געהאַלטן פרידלעך און רויִק. ער האָט נישט באַמערקט, ווי זיין טאָכטער האָט מיט דין־צונויפגעדריקטע בלייכע ליפּן געוואָרפן פלינקע בליקן פון אונטער די ברעמען אַפּער אויף גריגאָריען. זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום טשייניק, און גריגאָרי האָט געזען די פעך־שוואַרצע געקרייזלטע האָר אונטער איר אָרעם. ער האָט נישט איינמאָל זיך צונויפגעטראָפן מיט איר אויפמערקזאַמען נייגיריקן בליק, און איינמאָל האָט זיך אים אפילו געדאַכט, אַז צונויפטרעפנדיק זיך מיט אים מיטן בליק, האָט די יונגע קאָזאַטשקע זיך געשמייכלט אין די באַקן און פאַרבאָרגן אין די ווינקלען פון די ליפּן אַ וואַרעמען שמייכל.

— איך וועל אייך אויסבעטן אין שטוב, — האָט זי נאָך דער טיי געזאָגט גריגאָריען, דורכגייענדיק מיט אַ קישן און קאָלדרע און אָפּבריענדיק אים מיט איר אָפנהאַרציקן הונגעריקן בליק. אויפקלאַפּנדיק דאָס קישן, האָט זי כּלומרשט כּלאַחר־יד שטיל און

איילּיק אים אַ זאָג געטון: — איך שלאָף אונטער דער שאָפּע... אין שטוב איז דושנע און די פליי בייסן...

גריגאָרי האָט אויסגעטון בלויז די שטיוול און אָוועקגעגאַנגען צו איר אונטער דער שאָפּע, ווי נאָר ער האָט דערהערט דעם באַלעבאָס שנאָרכן. זי האָט אים געמאַכט אַן אָרט לעבן זיך אין דער אַרבע, וואָס איז אַראָפּגענומען געוועז פון די אָקסן און, צודעקנדיק זיך מיטן שעפּסן־פּעלץ, באַרירנדיק גריגאָריען מיט די פיס, איז זי פאַרשוויגן געוואָרן. אירע ליפּן זענען געווען טרוקן, האַרט און האָבן געשמעקט מיט ציבעלע און נישט אויסגעוועפּטן ריח פון פרישקייט. גריגאָרי איז דורכגעשלאָפן אויף איר דינער טונקעלער האַנט ביז אינדערפרי. זי האָט אים אַ גאַנצע נאַכט שטאַרק געדריקט צו זיך, גאָרנישט זאַט געוואָרן פון צערטלען און לאַכנדיק און שפּאַסנדיק ביז בלוט אים צעביסן די ליפּן און איבערגעלאָזט אויף זיין האַלז, ברוסט און אַקסלען פיאָלעטע פלעקן פון די קושנדיקע ביסן און דראָבנע צייכנס פון אירע קליינע חיהשע ציין. נאָכן דריטן מאָל קרייען פון די הענער האָט גריגאָרי שוין געוואָלט איבערוואַנדערן אין שטוב אַריין, נאָר זי האָט אים פאַרהאַלטן.

— לאָז אָפּ, ליבינקע, לאָז אָפּ, יאַגדעלע מיינס! — האָט גריגאָרי זיך געבעטן, אַריינשמייכלענדיק אין דער שוואַרצער אַראָפּגעהאָנגענער וואָנסע, לייכט באַמיִענדיק זיך צו באַפרייען.

— ליג נאָך אַ ביסעלע... ליג!

— מען וועט דאָך דערזען! זע, עס הייבט שוין אָן צו טאָגן!

— נו, זאָל טאָגן!

— און דער טאַטע?

— דער טאַטע ווייסט.

— וואָס הייסט, ער ווייסט? — גריגאָרי האָט פאַרוווּנדערט אַ ציטער געטון מיט דער ברעם.

— אַזוי...

— וואָס הייסט אַזוי... פונוואַנען ווייסט ער?

— ער, זעסטו... האָט מיר נעכטן אָוונט געזאָגט: טאַמער, זאָגט ער, וועט דער אָפיציר צו דיר צושטיין, שלאָף דיך איבער מיט אים, נעם אים איין, וואָרים אַז נישט, וועט מען צוליב גע־ראַסקען די פערד צונעמען, אָדער נאָך עפּעס... דער מאַן, גרעאָ־סים מיינער, איז דאָך אַוועקגעגאַנגען מיט מיראָנאָוון...

— אַ־זוי־וי־וי! — גריגאָרי האָט שפּאָטיש אַ שמייכל געטון, נאָר אין דער נשמה זיך געפילט באַליידיקט.

דאָס אומאָנגענעמע געפיל האָט זי אַליין צעשטרייט. ליב־לעך באַרירנדיק דעם מוסקול אויף גריגאָריעס האַנט, האָט זי אַ ציטער געטון.

— מיין געליבטער איז נישט אַזעלכער, ווי דו...

— וואָסער־זשע איז ער? — האָט גריגאָרי זיך פאַראינטערע־סירט, קוקנדיק מים ניכטערע אויגן אויפן מיטן הימל, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן בלייך ווערן.

— אַ נישטיקער... אַ לעמישקע... — זי האָט מיט צוטרוי זיך אַ צי געטון צו גריגאָריען, אין איר קול האָבן זיך געהערט איינ־געהאַלטענע טרערן. — איך האָב מיט אים געלעבט גאָר אָן פאַר־געניגן... ער פאַרשטייט זיך גאָרנישט אויף קיין פרוי...

די פרעמדע, קינדיש נאַיִווע נשמה האָט זיך צעעפנט פאַר גריגאָריען פּשוט, ווי עס עפנט זיך אַ בלימל, וואָס טרינקט זיך אָן מיט טוי. דאָס האָט פאַרשיכורט, געוועקט אַ לייכט געפיל פון רחמנות. גריגאָרי האָט מיט באַדויערן צערטלעך געגלעט די צע־שויבערטע האָר פון זיין צופעליקער פריינדין, צוגויפגעלעגט די מידע אויגן.

דורכן דאַך פון דער שאָפע, וואָס איז געדעקט געוועזן מיט קאָמיש, האָט זיך דורכגעזיגן דאָס ליכט פון דער לבנה, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן בלייך ווערן. עס האָט זיך אָפּגעריסן און האַסטיק אַראָפּגעקייקלט צום האָריזאָנט אַ פאַלנדיקער שטערן, איבערלאָזנדיק אַ קילן פאָספאָר־צייכן אויפן אַש־קאָלירקן הימל. אויפן סטאַוו האָט זיך צעקוואַקעט אַ קאַטשקע, און דער קוטשער האָט איר געענט־פערט מיט הייזעריקער ליבלעכקייט.

גריגאָרי איז אַוועקגעגאַנגען אין שטוב אַריין, לייכט טראָגנדיק דעם אויסגעלערטן קערפּער, וואָס איז אָנגעגאָסן געווען מיט אַ קלינגען פון זיסער מידעקייט. ער איז איינגעשלאָפן, פילנדיק אויף די ליפּן דעם זוניקן ריח פון אירע ליפּן, פלייסיק באַהאַלטנדיק אין זכרון דעם קערפּער פון דער קאָזאַטשקע, וואָס איז אַזוי גיריק געווען אויף צערטלעכקייט, און זיין ריח, — דעם געמישטן ריח פון טימיאַן־האָניק, שווייס און וואַרעמקייט.

אין צוויי שעה אַרום האָבן אים אויפגעוועקט די קאָזאַקן. פּראָכאָר זיקאָוו האָט אים אָנגעזאָטלט דאָס פערד, אַרויסגעפירט פון טויער. גריגאָרי האָט זיך געזעגנט מיטן באַלעבאָס, האַרט אויסהאַלטנדיק זיין פייַנטלעך־פאַרנעפּלטן בליק, — אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ צום באַלעבאָס' טאָכטער, וואָס איז דורכגעגאַנגען אין שטוב אַריין. זי האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, באַהאַלטנדיק אין די ווינקלען פון די דינע לייכט־גערייטלטע ליפּן אַ וואַרעמען שמייכל און אומקלאָרע ביטערקייט פון באַדויערונג.

גריגאָרי איז געריטן דורכן געסל, זיך אומקוקנדיק. דאָס געסל האָט אין אַ האַלבער דוגע אַרומגענומען דעם הויף, ווו ער האָט גענעכטיקט, און ער האָט געזען, ווי די קאָזאַטשקע, וועלכע ער האָט איבער נאַכט צוגעטוליעט, האָט אים נאָכגעקוקט איבערן פּאַרקן, נאָכדרייענדיק דעם קאָפּ מיט דער שמאָלער דינער האַנט איבער די אויגן. גריגאָרי האָט אומגעריכט מיט פאַרקלעמענדיקער בענקשאַפט כסדר געקוקט אַהינטער, געפּרוווט זיך פאָרשטעלן דעם אויסדרוק פון איר פּנים, זי אינגאַנצן — און נישט געקאָנט. ער האָט בלויז געזען, ווי דער קאָפּ פון דער קאָזאַטשקע אין ווייסן טיכל דרייט זיך פּאַמעלעך נאָך, אים נאָכקוקנדיק מיט די אויגן. אַזוי דרייט זיך נאָך דאָס קאַפּעליושל פון אַ זון־רויז, נאָכקוקנדיק דעם פּאַמעלעכן קרייזלענדיקן גאַנג פון דער זון.

מיכאַיל קאָשעוואָיען האָט מען געטריבן מיטן עטאַפּ פון וויעשענסק אויפן פראָנט. ער איז דערגאַנגען ביז דער פּעדאָסעיעווער סטאַניצע. דאָרט האָט דער סטאַניצע־אַטאַמאַן אים פאַר־

האַלטן אויף אַ טאָג און מיט אַ קאָנוואָי אָפּגעשיקט צוריק קיין ווישענסק.

— פאַרוואָס שיקט איר מיך צוריק ? — האָט מיכאַיל געפרעגט דעם סטאַניצע־שרייבער.

— מיר האָבן דערהאַלטן אַ פאַראָרדענונג פון ווישקי, — האָט יענער אים אומגערן געענטפערט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מישקעס מוטער האָט אויף דער פאַרזאַמלונג פון כוטאָר, קריכנדיק אויף די קניען, אויסגעבעטן ביי די עלטסטע, און יענע האָבן אָנגעשריבן דעם באַשלוס פון דער געמיינדע מיט דער בקשה מיכאַיל קאָשעוואָיען, ווי דעם איינציקן שפייזער פון דער פאַמיליע, צו באַשטימען אַלס טאַבון־וועכטער. צום ווישענסקער סטאַניצע־אַטאַמאַן איז מיט דעם באַשלוס געפאָרן מיראָן גריגאָריעוויטש אַליין. ער האָט אויסגעבעטן.

אין אמט פון דער סטאַניצע האָט דער אַטאַמאַן אָנגעשריגן אויף מישקען, ווען ער איז געשטאַנען פאַר אים אין פראָנט, דערנאָך ביזן פאַרענדיקט מיט אַ שטילערן טאָן :

— קיין באָלשעוויקעס טרויען מיר נישט די פאַרטיידיקונג פון דאָן ! גיי אַוועק אויף דער פּאַשע, וועסט דאָרט דינען אַלס טאַבון־וועכטער, און שפּעטער — וועט מען זען. געדענק אָבער, הונטישער זון ! עס איז בלויז אַ רחמנות אויף דיין מאַמען — אַז נישט... נו, גיי !

איבער די אָנגעהיצטע גאַסן איז מישקאַ שוין געגאַנגען אָן אַ קאָנוואָי. דער פאַרקאַטעוועטער שינעל האָט אים געשניטן אין אַקסל. די פיס, וואָס זענען פאַרמאַטערט געוועזן פון די הונדערט און פופציק וויאָרסט גאַנג, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דינען. ער האָט קוים דערצויגן ביז נאַכט צום כוטאָר, און צומאָרגנס, נאָכדעם ווי די מוטער האָט אים אָנגעצערטלט און באַוויינט, איז ער אַוועקגעפאָרן אויף דער פּאַשע, מיטנעמענדיק אין זכרון דער מוטערס פאַרעלטערט פנים און די גרויסע פּאַסמעס האָר, וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל אויף איר קאָפּ באַמערקט.

אויף דרום פון דער קאַרגינער סטאַניצע, אַכטאונצוואַנציק
וויאָרסט אין דער לענג און זעקס אין דער ברייט, האָט זיך אויס־
געשפּרייט די פאַרבאַטענע, פון אייביק אָן נישט געאַקערטע רוי־
ערד פון סטעפּ. דאָס שטיק ערד פון אַ סך טויזנטער דעסיאַטין איז
אָפּגעטיילט געוואָרן אויף פּאַשע פאַר די פערד פון דער סטאַניצע.
יאָר־יערלעך, אין טאָג פון הייליקן יעגאָר, האָבן די טאַבון־וועכ־
טער פון וויעשענסק אַרויסגעפירט די אָגערס, וואָס זענען דאָרט
געשטאַנען איבערן ווינטער, און זיי אַוועקגעפירט אויף דער פּאַ־
שע. אויפן חשבון פון דער סטאַניצע איז אויסגעבויט געוואָרן אינ־
מיטן דער פּאַשע אַ שטאַל, מיט זומערדיקע אָפענע אָפּצוימונגען
פאַר אַכצן אָגערס, מיט אַ קאַזאַרמע דערלעבן פאַר די טאַבון־
וועכטערס, אויפזעער און וועטערינאַר־פעלדשער. די קאָזאַקן פון
וויעשענסקער יורט* האָבן געבראַנגט זייערע קאָבילעס, דער
פעלדשער מיטן אויפזעער האָבן אַכטונג געגעבן ביים אָננעמען,
אַז יעדע פון זיי זאָל נישט קלענער זיין פון צוויי אַרשין און אַלט
זיין, נישט ווינציקער פון פיר יאָר. די געזונטע האָט מען אָפּגע־
טיילט אין טאַבונען צו פערציק שטיק. יעדער אָגער האָט אַוועק־
געפירט זיין טאַבון אין סטעפּ אַריין, אייפעריק היטנדיק די קאָ־
בילעס.

מישקאַ איז געריטן אויף דער איינציקער קאָבילע, וואָס האָט
זיך געפונען אין זיין באַלעבאַטישקייט. די מוטער האָט אים באַ־
גלייט, געווישט די טרערן מיטן פאַרטוך און געזאָגט:

— זי וועט זיך אפשר היצן, די קאָבילקע... גיב־זשע אַכ־
טונג אויף איר, יאָג זי נישט צו שטאַרק. נאָך אַ פערד — איז
אונז זייער נייטיק!

אינמיטן טאָג האָט מישקאַ דערזען דורכן פאַרנעם נעפּל,
וואָס האָט זיך געהויבן פון טאָל, דעם בלעכערנעם דאַך פון דער
קאַזאַרמע, די פאַרצוימונג און דעם שינדל־דאַך פון דער שטאַל,

* די ערד, וואָס געהערט צו אַ סטאַניצע אָדער כוטאָר.

וואָס איז שוין גרוי געוועזן פון רעגן. ער האָט אונטערגעטריבן די קאָבילע; און אַרויסקומענדיק אויפן באַרג, באַלד דערזען די בנינים און די מילך־ווייסע פּאַרפּלייצונג פון גראָז היינסער זיי. ערגעץ ווייט אויף מזרח האָט ווי אַ געלער פלעק זיך געטונקלט דער טאַבון פערד, וואָס איז געלאָפן צום סטאַוו; ביי זייער זייט איז נאָכגעריטן אַ טאַבון־וועכטער — אַ מענטש ווי אַ שפּילעכל, צוגעקלעבט צו אַ פערד, אויך ווי אַ שפּילעכל.

אַריינרייטנדיק אין הויף, איז מישקאַ אַראָפּ פון פערד, אָנגעבונדן די לייצן ביים גאַנעק און אַריינגעגאַנגען אין הויז. אין רחבותדיקן קאָרידאָר איז אים אָקעגנגעקומען איינער פון די טאַבון־וועכטער, אַ נישט הויכער זומער־געשפּרינקלטער קאָזאַק.

— וועמען דאַרפסטו? — האָט ער אומפריינטלעך געפרעגט, באַטראַכטנדיק מישקען פון קאָפּ ביז די פיס.

— איך דאַרף צום אויפזעער.

— צו סטרוקאָוון? ער איז נישטאָ, ער איז אַרויסגעגאַנגען. סאַזאָנאָוו, זיין געהילף, איז דאָ דאָ. די צווייטע טיר לינקס... און וואָס דאַרפסטו אים? פונוואַנען ביסטו?

— איך בין געקומען אַלס טאַבון־וועכטער צו אייך.

— זיי שטופן, ווער עס קומט אונטער דער האַנט...

בורטשענדיק האָט ער זיך געלאָזט גיין צום אַרויסגאַנג. דער אַרקאַן, פאַרוואָרפן איבערן אַקסל, האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט איבערן דיל. ער האָט געעפנט די טיר, שטייענדיק מיטן רוקן צו מישקען, אַ פּאָכע געטון מיטן ראַפּניק און שוין פריינטלעכער געזאָגט:

— ביי אונז, ברידערקע, איז די דינסט אַ שווערע. טיילמאָל קריכט מען צוויי מעת־לעת פון פערד נישט אַראָפּ.

מישקאַ האָט געקוקט אויף זיין נישט אויסגעגלייכטן רוקן און קרום אויסגעבויגענע פיס. אין ליכט פון דער געעפנטער טיר האָט יעדער שטריך פון זיין דעפאָרמירטער פיגור זיך געצייכנט שאַרף און בולט. דעם טאַבון־וועכטערס רונד־אויסגעבויגענע פיס האָבן אַריינגעבראַכט מישקען אין אַ פריילעכער שטימונג. „ווי

ער וואָלט פערציק יאָר רייטנדיק אויף אַ פעסל געזעסן", — האָט ער אַ טראַכט געטון, פאַר זיך שמייכלענדיק און אָפּזוכנדיק מיט די אויגן די קליאַמקע.

סאַזאָנאָוו האָט אויפגענומען דעם נייעם טאַבון־וועכטער מיט מאַיעסטעטישער גלייכגילטיקייט. באַלד איז אויך געקומען פון ער־געץ דער אויפזעער, אַ פעסט־געבויטער קאָזאַק, אַ וואַכמייסטער פון אַטאַמאַנישן פּולק, אַפאַנאַסי סטרוקאָוו. ער האָט באַפוילן צו פאַרשרייבן קאָשעוואָיען צו באַקומען פּראָוויאַנט, איניינעם מיט אים אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַנעק, וואָס איז אָנגעהיצט געווען פון דער ווייסער חמימה.

— איינגעריטן ווילדע פערד קענסטו?

— עס איז נישט אויסגעקומען, — האָט מישקאַ אָפנהאַרציק מודה געווען און גלייך באַמערקט, ווי דעם אויפזעערס פּנים, וואָס איז מאַט געווען פון דער היץ, איז באַלעבט געוואָרן, ווי פאַרגאָסן דורך אַ כוואַליע פון אומצופרידנהייט.

זיך קראַצנדיק דעם שווייסיקן רוקן, אויסבייגנדיק די מעכ־טיקע אַקסל־ביינער, האָט דער אויפזעער טעמפּ געקוקט מישקען צווישן די אויגן.

— און אַרקאַן פאַרוואַרפן קאָנסטו?

— איך קאָן.

— און פערד שוינסטו?

— איך שוין.

— זיי זענען — ווי מענטשן, נאָר שטומע. שוין זיי, — האָט ער באַפוילן, און אָן אַ סיבה בייז ווערנדיק, אויסגעשריגן: — שוין זיי, וואָרים אַז נישט — איז מיטן ראַפּניק!

זיין פּנים איז אויף אַ ווײַלע געוואָרן אַ באַלעבט, אַ פול מיט אויסדרוק, נאָר באַלד איז די באַלעבטקייט פאַרשוווּנדן, יע־דער שטריך איז פאַרוואַקסן געוואָרן מיט דער קאָרע פון טעמפּער גלייכגילטיקייט.

— אַ ווייב האָסטו?

— ניין.

— דאָס הייסט אַ שוטה! וואָלסט חתונה געהאַט, — האָט דער אויפזעער פריידיק אונטערגעכאַפּט.

ער האָט וואַרטנדיק געשוויגן אַ ווײַלע, געקוקט אויף דער צעכראַסטעטער ברוסט פון סטעפּ, דערנאָך אַ געגעץ געטון און אַרײַנגעגאַנגען אין הויז. מער האָט מישקאַ אין משך פון אַ גאַנצן חודש דינסט אַלס טאַבון־וועכטער נישט געהערט פון אים קיין איין וואָרט.

אויף דער פּאַשע האָבן זיך תמיד געפונען פינאונפופציק אָגערס. אויף יעדן טאַבון־וועכטער איז אויסגעקומען צו צוויי, דריי טאַבונען. מישקען האָט מען איבערגעגעבן דעם גרויסן טאַבון, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורכן מעכטיקן אַלטן אָגער באַכאַר, און נאָך איינעם, אַ קלענערן, וועלכער איז באַשטאַנען פון אַן ערך צוואָנציק קאָבילעס און דעם אָגער מיטן צונאָמען דער באַנאַלער. דער אויפזעער האָט גערופן איליאַ סאָלדאַטאָוון, איינעם פון די פלינקסטע און צומיינסט דרייסטע טאַבון־וועכטער, און אים איבערגעגעבן:

— אָט איז אַ נייער טאַבון־וועכטער, מיכאַיל קאָשעוואָי פון טאָטערישן כוטאָר. ווייז אים אָן די טאַבונען פון באַנאַלן און באַכאַרן און גיב אים אַן אַרקאַן. ער וועט ווינען אין אייער ביידל. ווייז אים אָן, וואָס ער האָט צו טון. גייט.

סאָלדאַטאָוו האָט שווײַגנדיק פאַררייכערט און אַ ווונק געטון צו מישקען:

— קום!

— אויפן גאַנעק האָט ער געפרעגט, אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויף מישקעס קאָבילקע, וואָס איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אונטער דער זון:

— דיין נבלה?

— מיינע.

— זי איז זשערעבנע?

— ניין.

— באַדעק זי מיט באַכאַרן. ער שטאַמט פון די קעניגלעכע

שטאָלן, אַ האַלבער ענגלענדער. און שוין איינמאָל קערנדיק !...
נו, זיך אויף.

זיי זענען געריטן צוזאַמען. די פערד האָבן געבראָדזשעט אין גראָז ביז איבער די קניען. די קאַזאַרמע און די שטאַלן זענען געבליבן ווייט הינטער זיי. פאָרויס, געהילט אין צאַרטער בלויער פאַרנעפּלטקייט, האָט מאַיעסטעטיש געשוויגן דער סטעפּ. אין זע־ניט, אונטערן געוועב פון די אָפּאַל־וואָלקנדלעך, איז אַ פאַרחלשטע געזעסן די זון. פון הייסן גראָז האָט זיך געשפּרייט אַ שווערער געדיכטער אַראָמאַט. רעכטס, נאָך דער נעפּלהאַפט־געצייכנטער פאַרטיפונג פון טאָל, האָט פערלדיק־ווייס געשמייכלט דער שטרייף פון זשיראָווער סטאַוו. און אַרום, — ווי ווייט דאָס אויג האָט נאָר געקאָנט גרייכן, — אַ גרינע ענדלאָזע רחבותדיקייט, ציטערנדיקע שטראָמען אָנגעגליטע לופט, אוראַלטער סטעפּ פאַרקאָוועט אין מי־טאָגדיקער היץ, און אויפן האָריזאָנט — אומדערגרייכבאַר און לע־גענדאַר — אַ גרויער ברוסטיקער באַרג.

דאָס גראָז האָט אין וואָרצל געגלאַנצט מיט געדיכטער טונ־קעלער גרינקייט, זיך דורכגעלויכטן מיט די שפּיצן אין דער זון, אָנגענומען די קאָליר פון בראָנז. עס האָט זיך געשויבערט מיט די האַרבע בעזעמלעך דאָס נאָכבישט צייטיקע פעדער־גראָז, רונד זיך געבויגן אונטערן כוואַליענדיקן ווינטל. דער פּעזש האָט גיריק זיך געשטרעקט צו דער זון, פאַררייסנדיק די קערנדיקע קעפּלעך. ער־טערווייז האָט בלינד און קלעפּיק זיך געדריקט צו דער ערד דער נידעריק־געוואַקסענער טימיאַן, דאָ און דאָרט דורכגעוואָרפן מיט סאַלפּעי, און ווידער האָט ווי אַ פאַרפלייצונג זיך אויסגעשפּרייט, באַקומענדיק די אויבערהאַנט, דאָס פעדער־גראָז, איבערגייענדיק אין פילפאַרביקן געמיש פון ווילדן האָבער, געלער גאָרטשיצע, מילך־בלימלעך, רויען, אַלץ פאַרכאַפּערישן שפּיציקן גראָז, וואָס שטויסט אַרויס פון פאַרנומענעם שטח אַלע איבעריקע גראָזן.

די קאָזאַקן זענען געריטן שווייגנדיק. מישקאַ האָט איבער־געלעבט אַ לאַנג שוין נישט געאַנט געפיל פון הכנעהדיקער פריד־לעכקייט, דער סטעפּ האָט אים צוגעדריקט מיט זיין שטילקייט,

מיט דער קלוגער מאַיעסטעטישקייט. זיין חבר איז פּשוט געשלאָפן אין זאָטל, אָנגעבויגן צו דער פערדישער גריווע, אַרויפגעלייגט די זומער-געשפּרענקלטע הענט אויפן זאָטל-האָרן, ווי פאַרן אָננעמען די קאָמוניע.

פון אונטער זיינע פיס האָט אַ פּלאַטער געטון אַ האָזל-הון, זיך אויפגעהויבן איבערן טאָל, גלאַנצנדיק מיטן ווייסן פליגל אין דער זון. בייגנדיק דאָס גראָז, איז פון דרום אָנגעלאָפן אַ ווינטל, וואָס האָט אינדערפרי נאָך אפשר געכוואַליעט דעם אַזאָווישן ים.

אין אַ האַלבער שעה אַרום זענען זיי צוגעקומען צום טאַבון, וואָס האָט זיך געפּאַשעט לעבן אָסיענאָווער סטאַוו. סאָלדאַטאָוו האָט אויפגעוואַכט, — זיך אויסציענדיק אין זאָטל, און פויל געזאָגט:

— פּאַנטיעליושקאַ לאָמאַקינס טאַבון. מען זעט אים עפּעס נישט.

— ווי אַזוי רופט מען דעם אָגער? — האָט מישקאַ געפרעגט, זיך קוויקנדיק מיטן העל-געלן לאַנגן דאָנער.

— פּראַזיאָר. אַ בייזער, דער פאַרשאָלטענער! זעסט, ווי ער האָט די אויגנעס אַרויסגעזעצט! אַוועק!

דער אָגער האָט זיך אַ טראָג געטון אין דער זייט, און נאָך אים דער גאַנצער טאַבון קאָבילעס.

מישקאַ האָט איבערגענומען דעם טאַבון, וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן און אַריינגעלייגט זיינע זאַכן אין פעלד-ביידל. ביז אים האָבן אין ביידל געוווינט דריי: סאָלדאַטאָוו, לאָמאַקין און אַ געדונגענער טאַבון-וועכטער — דער נישט יונגער, שווייגנדיקער קאָזאַק טוראָוויעראָוו. סאָלדאַטאָוו האָט זיך גערעכנט ביי זיי פאַרן עלטסטן. ער האָט גערן אַריינגעפּירט מישקען אין דער אַרבעט, באַלד צוזאַמענס אים דערציילט וועגן כאַראַקטער און איינגעשאַפטן פון די אָגערס און, דין שמייכלענדיק, געעצהט:

— לויטן געזעץ דאַרפסטו מאַכן די דינסט אויף דיין אייגן פערדל, נאָר אויב דו וועסט טאָג-טעגלעך דערויף זיך אַרומ-

שלעפּן — וועסטו דערפון אַ תּל מאַכן. לאָז עס אַריין אין טאַבון זאָטל אָן אַ פרעמדס און בייט זיי אָפּט.

אין מישקעס אויגן האָט ער אַרויסגעטריבן פון טאַבון אַ קאָבילע און, צעוויגנדיק זיך, מיט אַ געוווינטער פלינקער באַוועגונג פאַרוואָרפן אויף איר דעם אַרקאַן. ער האָט זי אָנגעזאָטלט מיט מישקעס זאָטל און זי צוגעפירט צו אים אַ ציטערנדיקע, זיך זעצנדיקע אויף די הינטערשטע פיס.

— זיץ אויף. זי איז, אפנים, נאָך נישט קיין איינגעריטענע! דער טייוול! זיץ אויף! — האָט ער בייז אַ געשריי געטון, שטאַרק פאַרציִענדיק מיט דער רעכטער האַנט די לייץ, און מיט דער לינקער צונויפדריקנדיק די צעשאַפּעטע נאָזדרעס פון דער קאָבילע. — דו באַגיי דיך מילד מיט זיי. דאָס קאָנסטו נאָר אין דער שטאָל אַ געשריי טון אויף אַן אָנגער: „אין דער זייט אַריין״ — און ער וועט זיך דיר צו דער וואַנט צודריקן. — דאָ אָבער שפּיל דיך נישט! מיט באַכאַרן זיי באַזונדערס פאַרזיכטיק, נאָענט רייט נישט צו, ער וועט דיך דערהרגענען, — האָט ער געזאָגט, זיך אָנהאַלטנדיק ביים רייט-אייזן און ליבלעך אַריינכאַפּנדיק צווישן די פינגער דעם שטייפן, אַטלאַס-שוואַרצן אייטער פון דער קאָבילע, וואָס האָט געביטן די פיס.

III

אַ וואָך האָט מישקאַ זיך אָפּגערוט, גאַנצע טעג פאַרברענגענדיק אין זאָטל. דער סטעפּ האָט אים באַצווונגען, מעכטיק גענייט צו לעבן מיט אַן אוראַלט וועגעטירט לעבן. דער טאַבון איז אַרומגעגאַנגען ערגעץ נישט ווייט. מישקאַ האָט — אָדער זיצנדיק געדרימלט אין זאָטל, אָדער ליגנדיק אויפן גראָז אָן רעיונות זיך צוגעקוקט, ווי עס וואַנדערן איבערן הימל, געפּיטערטע דורכן ווינט, די טאַבונען וואָלקנס, באַפּרושעטע מיט ווייסן טוי-געפּריר. אין אָנהייב איז אַזאַ צושטאַנד פון אָפּגעזונדערטקייט אים געפעלן.

דאָס לעבן אויף דער פּאַשע, ווייט פון מענטשן, האָט אים אפילו באַפרידיקט. אָבער סוף וואָך, ווען ער האָט זיך שוין צוגעוווינט צו זיין נייער לאַגע, האָט אויפגעוואַכט אין אים אַן אומקלאָרע שרעק : „דאָרט דעצידירן מענטשן וועגן זייער אייגענעם און פרעמדן גורל, און איך פּאַשע קאָבילעס. קאָן מען דען אַזוי ? מען דאַרף אַוועקגיין, וואָרים איך וועל דאָ איינגעזויגן ווערן״, — האָט ער געטראַכט, זיך אויסגיכטערנדיק. נאָר אין באַוווּסטזיין האָט פויל געטריפט אויף אַ צווייט געשעפּטשערײַ : „זאָלן זיי זיך דאָרט מלחמה האַלטן ! דאָרט איז טויט, און דאָ – פרייקייט, גראָז און הימל. דאָרט איז שנאה, און דאָ פרידן. וואָס גייען דיך אָן יענע ?...״ די געדאַנקען האָבן אָנגעהויבן אייפעריק פרעסן מישקעס הכנעהדיקע רויִקייט. דאָס האָט אים געטריבן צו מענטשן, און ער האָט שוין אָפטער, ווי אין די פריערדיקע טעג, געזוכט באַגעגענישן מיט סאָלדאַטאָוון, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט מיט זיינע טאַבונען אין ראַיאָן פון דודאַרעוווער סטאַוו, געפּרוּווט זיך דערנענטערן מיט אים.

סאָלדאַטאָוו האָט אפּנים נישט געפילט די לאַסט פון איינזאַמקייט. ער האָט זעלטן געגעכטיקט איןביידל, און כמעט שטענדיק — מיטן טאַבון, אָדער ביים סטאַוו. ער האָט געלעבט מיט אַ חיהש לעבן, אַליין זיך געשאַפט עסן, און דאָס געטון מיט אומגעוויינטלעכער פלינקייט, ווי ער וואָלט דאָס גאַנצע לעבן בלויז מיט דעם זיך פאַרנומען. איינמאָל האָט מישקאַ דערזען, ווי ער פלעכט אַ נעץ פון פערדישע האָר. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט און געפרעגט :

— אויף וואָס פלעכסטו דאָס ?

— אויף פיש.

— און ווו געפינען זיי זיך ?

— אין סטאַוו. קאָריסן.

— די כאַפּסט מיט שלאַנגען ?

— מיט ברויט און מיט שלאַנגען.

— קאָכסט זיי ?

— איך וועגדזל און קאָך. נאַדיר, — האָט ער פריידיק מכבד געווען, אַרויסנעמענדיק פון דער קעשענע אַ געוועגדזלטן קאָריס.

איינמאָל, נאָכרייטנדיק דעם טאַבון, האָט מישקאַ אָנגעטראָפן אויף אַן אויפגעכאַפּטער האָזל־הון אין אַ נעץ. דערלעבן איז גע־שטאַנען אַ צווייטע מייסטערהאַפט אויסגעשטאָפּטע האָזל־הון און עס זענען געלעגן קונציק באַהאַלטן אין גראָז נעצן, צוגעבונדענע צו אַ פלעקל. די האָזל־הון האָט סאָלדאַטאָוו דעם זעלבן אָוונט אָפּ־געבראָטן אין אַ גריבל, פריער זי גוט באַשיטנדיק מיט הייסע קוילן. ער האָט איינגעלאַדן אויף נאַכטעסן אויך מישקען. צע־רייסנדיק דאָס שמעקנדיקע פלייש, האָט ער געבעטן:

— אַ צווייט מאָל נעם נישט אַראָפּ, דו קאָנסט מיר נאָך קאַליע מאַכן.

— ווי אַזוי ביסטו אַהער אָנגעקומען? — האָט מישקאַ גע־פרעגט.

— איך בין אַן איינציקער שפּייזער.

סאָלדאַטאָוו האָט געשוויגן אַ ווײַלע און פּלוצלינג גע־פרעגט:

— הער, און ס'איז אמת, וואָס די יאַטן זאָגן, אַז דו ביסט אַ רויטער?

קאָשעוואָי, וועלכער האָט זיך נישט געריכט אויף אַזאַ פראַ־גע, האָט זיך פאַרלוירן.

— ניין... נאָר ווי אַזוי זאָל איך עס דיר זאָגן... נו, יאָ, איך בין אַוועקגעגאַנגען צו זיי... מען האָט מיך געכאַפּט.

— נאָכוואָס ביסטו אַוועקגעגאַנגען? וואָס האָסטו געזוכט בײַ זיי? — האָט סאָלדאַטאָוו שטיל געפרעגט מיט שטרענגע אויגן און אָנגעהויבן קייען פאַמעלעכער.

זיי זענען געזעסן לעבן פייער אויף אַ בערגל אין טרוקע־נעם טאָל. די קיזעקלעך האָבן געטשאַדעט, דאָס פייערל האָט גע־לויכטן פון אונטערן אַש אָפּער. פון הינטן האָט מיט טרוקענער וואַרעמקייט און ריח פון וועלקנדיקן פיאָלון געאָטעמט די נאַכט

אין די רוקנס. דעם שוואַרצן הימל האָבן דורכגעשטרייפט פאַלנ־דיקע שטערן. עס איז געפאַלן איינער, און דערנאָך האָט לאַנג געלויכטן זיין האַריקער שפּור, ווי אויפן רוקן פון אַ פערד נאָכן שמיץ מיט אַ בייטש.

מישקאַ האָט אויפמערקזאַם זיך איינגעקוקט אין סאָלדאַ־טאָווס פּנים, וואָס איז באַהויכט געוווען מיטן גאָלדיקן אָפּגלאַנץ פון פייערל, און געענטפערט:

— איך האָב געוואָלט רעכט אויסקעמפן.

— פאַר וועמען? — האָט סאָלדאַטאָוו לעבהאַפט אַ פלאַטער געטון.

— פאַרן פאָלק.

— וואָסערע רעכט? דערצייל.

סאָלדאַטאָווס קול איז געוואָרן טויב און חניפהדיק. מישקע האָט אַ רגע זיך געוואַקלט, — אים האָט זיך געדאַכט, אַז סאָלדאַ־טאָוו האָט בכיוון אַריינגעלייגט אין פייער אַ פריש קיזעקל, כדי צו פאַרשטעלן דעם אויסדרוק פון זיין פּנים. ער האָט זיך אַנט־שלאָסן און געזאָגט:

— גלייכע רעכט פאַר אַלע — אָט וואָס! עס דאַרפן נישט זיין — נישט קיין פּריצים, נישט קיין פּויערים. פאַרשטאַנען? צו דעם וועט מען אַ סוף מאַכן.

— דו מיינסט, אַז די קאַדעטן וועלן נישט גובר זיין?

— אָבער — ניין.

— איז אָט וואָס דו האָסט געוואָלט!... — סאָלדאַטאָוו האָט אָפּגעאָטעמט און פּלוצלינג אויפגעשטאַנען. — דו, הונטישער זון, האָסט געוואָלט דאָס קאָזאַקנטום די זשידעס אין קנעכטשאַפט פאַר־קויפן?! — האָט ער בייז און הילכיק אויסגעשריגן. — דו... אין די ציין אַריין דיר! און איר אַלע זענט אַזעלכע, וואָס ווילט אונז אויסראָטן?! אהא, אַזוי!... די זשידעס זאָלן זייערע פאַבריקן אין סטעפּ אויפשטעלן? אונז פון דער ערד אַראָפּטרייבן?!

מישקאַ האָט, אַן איבערראַשטער, פאַמעלעך זיך אויפגע־שטעלט אויף די פיס. אים האָט זיך געדאַכט, אַז סאָלדאַטאָוו וויל

אים אַ קלאַפּ טון. ער האָט זיך גענומען רוקן הינטערווי־לעכטס, אין יענער, זעענדיק, אַז מישקאַ טרעט דערשראָקן אָפּ, — האָט ער זיך פאַרמאָסטן. מישקאַ האָט פאַרהאַלטן זיין האַנט אינ־דערלופטן, זי צונויפגעדריקט אין געלענק, פאַרשפּרעכנדיק גע־עצהט:

— דו, פעטער, הער אויף, וואָרים אַז נישט, וועל איך דיך אָוועקזעצן! וואָס האָסטו זיך צעיעלהוועט?

זיי זענען געשטאַנען אין דער פינסטערניש איינער קעגן צווייטן. דאָס פייער, וואָס איז צעטרעטן געוואָרן מיט די פיס, איז פאַרלאָשן געוואָרן; בלויז אין דער זייט האָט ראָז געגליט איין אָוועקגעוואָרפן קיזעקל. סאָלדאַטאָוו האָט מיט דער לינקער האַנט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָלנער פון מישקעס בלוזע; פאַרדריקנדיק אים אין דער פויסט, אונטערהייבנדיק — האָט ער זיך באַמיט צו באַפרייען די רעכטע האַנט.

— ביים גאָרגל כאַפּ נישט אָן! — האָט מישקאַ געכאָרכלט, דרייענדיק מיטן שטאַרקן האַלז. — כאַפּ נישט אָן, זאָג איך דיר! איך וועל דיך אָנהרגענען, דו הערסט?...

— ניי־יי־ן, דו... איך וועל דיך אָנהרגענען... וואַרט־צו! — האָט סאָלדאַטאָוו פאַרשטיקט געזאָגט.

מישקאַ האָט זיך באַפרייט, אים אַ שטאַרקן וואָרף געטון פון זיך, און פילנדיק אַן עקלהאַפטן פאַרלאַנג אים אַ קלאַפּ צו טון, אומצוּוואַרפן און פריי לאָזן די הענט, האָט ער פיבערהאַפט גענו־מען זיך גלייך מאַכן די בלוזע.

סאָלדאַטאָוו איז נישט צוגעגאַנגען צו אים. קריצנדיק מיט די ציין, האָט ער, דורכגעפלאָכטן מיט זידלערייען, אויסגע־שריגן:

— איך וועל פאַרקלאָגן!... איך גיי שוין צום אויפזעער! איך וועל דיך גלייכלייגן!... מיאוסע בריאה! שלאַנג!... באָלשע־וויק!... ווי פּאָדטיאָלקאָוון דאַרף מען דיך! אויף אַ צווייג! אויפן שטריקל!

„ער וועט פאַרקלאָגן... אָנמסרן... מען וועט מיך איינזעצן

אין תּפיסה... אויפן פראָנט נישט שיקן – וועל איך, הייסט עס, נישט קאָנען איבערלויפן צו די אייגענע. איך בין פאַרלוירן!" — מישקאַ איז פאַרשטאַרט געוואָרן, און זיין געדאַנק, זוכנדיק אַן אויסגאַנג, האָט גענומען פאַרצווייפלט פלאַטערן, ווי עס פלאַטערט אַ פיש אין אַ גריבל, אָפּגעשניטן פון טייך דורכן וואַסער, וואָס איז אָפּגעפלאָסן. „דערהרגענען אים! באַלד דערשטיקן... אַנדערש קאָן מען נישט..." און זיך שוין אונטערוואַרפנדיק דעם מאָמענטאַלן באַשלוס, האָט דער געדאַנק צוגעזוכט אַ פאַרענטפערונג: „איך וועל זאָגן, אַז ער האָט זיך געוואָרפן מיך דערהרגענען... איך האָב אים אָנגעכאַפּט ביים גאָרגל... נישט בכּיוון... אויף דער הייסער מינוט...

ציטערנדיק, האָט מישקאַ געמאַכט אַ טריט צו סאָלדאַטאָוון, און ווען יענער וואָלט אין דעם מאָמענט צוגעלאָפן, וואָלט זיך צעפלאַקערט צווישן זיי אַ קאַמף אויף טויט און לעבן. אָבער סאָלדאַטאָוו האָט ווייטער אויסגעשריגן זיינע זידלערייען, און מישקאַ האָט זיך אָפּגעקילט, בלויז די פיס האָבן ביי אים ווייך געציטערט און אַ שווייס איז אַרויסגעטרעטן אויף זיין רוקן און אונטער די אָרעמס.

— נו, וואַרט־צו... דו הערסט? סאָלדאַטאָוו, שטיי נאָר. שריי נישט. דו האָסט דאָך דער ערשטער אָנגעהויבן...

און מישקאַ האָט גענומען הכנעהדיק זיך בעטן. זיין קין האָט געציטערט, די אויגן האָבן פאַרלוירן געבלאָנזשעט.

— וואָס עס קומט אַלץ פאָר צווישן פריינט... איך האָב דאָך דיר קיין קלאַפּ נישט געגעבן... און דו – האָסט מיך אָנגעכאַפּט ביים גאָרגל... נו, וואָס האָב איך אַזוינס געזאָגט? און דאָס אַלץ דאַרף מען דאָך באַווייזן?... אויב איך האָב דיך באַליידיקט... זיי מיר מוחל... באמנות! נו?

סאָלדאַטאָוו האָט אָנגעהויבן אַלץ שטילער שרייען און פאַרשוויגן געוואָרן. אין אַ מינוט אַרום האָט ער געזאָגט, זיך אויסדרייענדיק און אַרויסרייסנדיק זיין האַנט פון קאָשעוואָיס קאַלטער שווייסיקער האַנט.

— דו דרייסט ווי אַ שלאַנג מיטן ווייַנדל! נו, שוין גוט, איך

וועל נישט דערציילן. איך האָב רחמנות אויף דיר צוליב דיין נאַרישקייט... אָבער דו קום מיר נישט פאַר די אויגן, איך וויל נישט קוקן אויף דיר! אויסוווּרף דו! דו האָסט דיך די זשידעס פאַרקויפט, און איך האָב נישט קיין רחמנות אויף מענטשן, וואָס פאַרקויפן זיך פאַר געלט.

מישקאַ האָט אין דער פינסטער געשמייכלט דערשלאָגן און נעבעכדיק, כאָטש סאָלדאַטאָוו האָט נישט געזען זיין פנים, ווי ער האָט נישט געזען אויך דאָס, אַז מישקעס פויסטן דריקן זיך צונויף און שווילן אָן פון בלוט-צופלוס.

זיי זענען זיך צעגאַנגען, נישט זאָגנדיק מער קיין וואָרט. קאָשעוואָי האָט בייז געשמיסן דאָס פערד, זיך געטראָגן אין גאַלאָפּ, זוכנדיק זיין טאַבון. אויף מזרח האָבן אויפגעפלאַקערט בליצן, עס האָט זיך דערהערט אַ דונערן.

די נאַכט האָט איבער דער פּאַשע זיך דורכגעטראָגן אַ שטורעם. אַרום האַלבע נאַכט איז מיט אַ פייפעריי, שווער סאָפּענדיק, אָנגעלאָפן אַ ווינט, נאָך אים האָט אומגעזען דורכגעצויגן אַ געדיכטע קילקייט און ביטערער שטויב. דער הימל האָט זיך אָנגעכמורעט. אַ בליץ האָט קרימלעך דורכגעאַקערט דעם געבערגלטן שוואַרצערדיקן וואָלקן, די שטילקייט האָט זיך לאַנג געזאַמלט, און ערגעץ ווייט האָט וואָרענענדיק אָפּגעהילכט אַ דונער. אַ קערנדיק זייען פון רעגן האָט אָנגעהויבן אומלייגן דאָס גראָז. אין ליכט פון בליץ, וואָס האָט נאָכאַמאָל אָנגעצייכנט אַ קרייז, האָט קאָשעוואָי דערזען אַ גרויען וואָלקן, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן הימל, אין די ראַנדן קויל-שוואַרץ, דראָענדיק, און אויף דער ערד, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אונטער אים, — די נעבעכדיקע, אין אַ קופּע צונויפגעטוליעטע פערד. אַ דונער האָט אַ זעץ געטון מיט אַן אימהדיקער קראַפט, דער בליץ האָט אַ שלאָג געטון אין דער ערד אַריין. נאָך דעם צווייטן קנאַק האָט פון וואָלקנס אינגעווייד שטראָמענדיק אַ פלייץ געטון אַ רעגן, דער סטעפּ האָט איינגעהאַלטן זיך צערוישט, דער ווינט האָט אַראָפּגעריסן פון קאָשעוואָיס קאָפּ דאָס נאַסע היטל, מיט קראַפט אים צוגעבויגן צום האָרן פון זאָטל.

אַ ווײַלע האָט זיך געפּליעסקעט אַ שוואַרצע שטילקייט, דערנאָך האָט ווידער איבערן הימל דורכדזשיגיטירט אַ בליץ, נאָך טיפער מאַכנדיק דאָס טײַוולאָנישע חשכות. דער נאָכפאָלגנדיקער טראַסק פון דונער איז געווען אַזוי שטאַרק, טרוקן און הילכיק קנאַלנדיק, אַז קאָשעוואָיס פערד האָט זיך אַזעץ אַראָפּ געטון און געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס. די פערד אין טאַבון האָבן גענומען קלאַפּן מיט די קאָפּיטעס. מיטן גאַנצן כּוח פאַרציענדיק די לייצן, האָט קאָשעוואָי אויסגעשריגן, וועלנדיק צוגעבן מוט די פערד:

— שטייט!... טררר...

אין ליכט פון צוקער-ווײַסן זיגזאַג פון בליץ, וואָס האָט לאַנג זיך געגליטשט איבער די קאַמען פון וואָלקן, האָט קאָשעוואָי דערזען, ווי דער טאַבון טראָגט זיך האַסטיק אויף אים אַרויף. די פערד האָבן זיך אויסגעשפּרייט אין ווילדן גאַלאָפּ, כּמעט באַרירנדיק מיט די גלאַנציקע מאָרדעס די ערד. זייערע צעבלאָזענע נאָזלעכער האָבן שנאָרכענדיק געזופּט די לופט, די נישט געקאָוועטע קאָפּיטעס האָבן טויב אָפּגעקלונגען, פאָרויס האָט זיך געטראָגן באַכאַר מיט דער גרעסטער שנעלקייט. קאָשעוואָי האָט אַ ריס געטון זײַן פערד אין דער זײַט און קוים באַוויזן אָפּצושפּרינגען. די פערד האָבן זיך פאַרבײַגעטראָגן און שטיין געבליבן נישט ווײַט, נישט ווויסנדיק, אַז דער טאַבון, אויפגערעגט און דערשראָקן פון שטורעם, האָט זיך אַ לאָז געטון אויף זײַן אויסגעשריי, האָט קאָשעוואָי נאָכאַמאָל נאָך העכער אויסגעשריגן:

— שטייט! אַנו!

— און ווידער — שוין אין דער פינסטער — האָט מיט אויספערלישער שנעלקייט זיך גענומען דערנענטערן צו אים דער געהילך פון די קאָפּיטעס. אין שרעק האָט קאָשעוואָי אַ זעץ געטון זײַן קאָבילקע מיטן ראַפּניק צווישן די אויגן, אָבער שוין נישט באַוויזן אָפּצושפּרינגען אין אַ זײַט. אָן היגטן פון זײַן קאָבילע האָט מיט דער ברוסט זיך אָנגעקלאַפּט עפּעס אַ ווילד געוואָרן פערד, און קאָשעוואָי איז ווי דורך אַ שטיין-שלײַדערער אַרויסגעפלויגן פון זאָטל. ער איז גאַנץ געבליבן נאָר דורך אַ נס: דער טאַבון

האָט אין זיין קאָמפּאַקטער מאַסע זיך דורכגעטראָגן אַ ביסל מער רעכטס, דעריבער איז ער נישט צעטרעטן געוואָרן, און בלויז עפּעס איין קאָבילע האָט אים אַריינגעדריקט מיט דער קאָפּי־טע די רעכטע האַנט אין דער בלאָטע. מישקאַ האָט זיך אויפגע־הויבן, באַמיט, ווי ווייט מעגלעך, אָפּצווישן די שטילקייט און פאַרזיכטיק אַוועקגעגאַנגען אין דער זייט. ער האָט געהערט, אַז דער טאַבון וואַרט נישט ווייט אויפן אויסגעשריי, כדי ווידער זיך אַ לאָז צו טון אויף אים אין משוגענעם גאַלאָפּ, און געהערט דאָס כאַראַקטעריסטישע אייגנטימלעכע שנאָרכען פון באַכצאַ"ן.

צום בײדל איז קאָשעוואָי אָנגעקומען ערשט פאַרטאָג.

IV

דעם 15־טן מאַי איז דער אַטאַמאַן פון אַלערהעכסטן דאָנער חייל קראַסנאָוו, אין דער באַגלייטונג פון פאָרזיצנדן פון רעגי־רונגס־ראַט, דעם אָנפירער פון אַמט פאַר אויסערלעכע ענינים, גע־נעראַל־מאַיאָר אַפריקאַן באָגאַיעווסקי, דעם גענעראַל־קוואַרטיר־מייס־טער פון דער דאָנער אַרמיי פּאָלקאָווניק קיסלאָוו און דעם קובאַ־נער אַטאַמאַן פילימאָנאָוו, אָנגעקומען אויף אַ דאַמפער אין דער סטאַניצע מאַניטש.

די באַלעבאַטים פון דער דאָנער און קובאַנער ערד האָבן גלייכגילטיק זיך צוגעקוקט פון דעק, ווי דער דאַמפער רוקט זיך צו צום האַפן, ווי די מאַטראָסן פאַרען זיך און די גרויע כוואַ־ליעס רוישן. דערנאָך זענען זיי אַראָפּגעגאַנגען אויפן ברעג, באַ־גלייט דורך די הונדערטער אויגן פון דער מחנה, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט ביים האַפן.

דער הימל, די האָריזאָנטן, דער טאָג, די לייכט־פאַרנעפּלטע לופט — אַלץ איז בלוי. אפילו דער דאָן שימערט אויך קעגן זיין טבע מיט בלויקייט, אָפּשפּיגלענדיק, ווי אַן אויסגעבויגענער שפּיגל די שניי־שפּיצן פון די וואָלקנס.

דער ווינט איז אָנגעזאַפּט מיט די ריחות פון דער זון, אויסגעטרוקנטע זאַלץ־פּלעצער און צעפּאַרעטן פּאַריעריקן גראָז. פון דער מחנה טראָגט זיך אַ רוישיק גערעדעריי. די גענעראַלן ווערן באַגריסט דורך דער אָרטיקער מאַכט און פּאָרן אויפן פּלאַץ.

אין הויז פון סטאַניצע־אַטאַמאַן האָט אין אַ שעה אַרום זיך אָנגעהויבן די באַראַטונג פון די פּאָרזיצנדע פון דער רעגירונג און דער פרייוויליקער אַרמיי. פון דער פּרייוויליקער אַרמיי זענען געקומען די גענעראַלן דעניקין און אַלעקסעיעוו אין דער באַגלייטונג פון גענעראַל ראָמאַנאָווסקי, דעם שטאַב־אָנפירער פון דער אַרמיי, און די פּולקאָווניקעס ראַספּיאַנסקי און עוואַלד.

דער אויפנאַם האָט געאָטעמט מיט קילקייט. קראַסנאָוו האָט זיך געהאַלטן מיט שווערפּעליקער ווירדע. אַלעקסעיעוו האָט זיך באַגריסט מיט די אָנוועזנדע און אַוועקגעזעצט צום טיש; אונטערשפּאַרנדיק מיט די דאַרע ווייסע הענט די אַראָפּגעהאָנגענע באַקן, האָט ער אַפּאַטיש פאַרמאַכט די אויגן. דאָס פּאָרן אין אויטאָמאָביל האָט אים איינגעוויגט. ער איז אַזוי ווי איינגעטרוקנט געוואָרן פון אַלטקייט און די איבערגעלעבטע אויפטרייסלונגען. די ווינקלען פון די פאַרטרוקנטע ליפּן זענען טראַגיש אַראָפּגעלאָזט, די בלויע, מיט עדערלעך דורכגעפלאָכטענע, אויגנלעדלעך זענען אָנגעשוואָלן און שווער. אַ גרויסע צאָל דינע קנייטשלעך האָבן פעכעראַרטיק זיך אויסגעשפּרייט איבער די שלייפן. די פינגער, וואָס האָבן שטאַרק צוגעדריקט די גערונצלטע הויט פון די באַקן, האָבן מיט די שפּיצן זיך איינגעגראָבן אין די זקניש־געלבלעכע, קורץ־געשוירענע האָר. דער פּולקאָווניק ראַספּיאַנסקי האָט פּאָרזיכטיק אויסגעשפּרייט איבערן טיש אַ שורכענדיקע מאַפּע, קיסלאָוו האָט אים צוגעהאָלפן. ראָמאַנסקי איז געשטאַנען דערלעבן, צוהאַלטנדיק מיטן נאָגל פון קליינעם פינגער דעם שפּיץ פון דער מאַפּע. באָגאַיעווסקי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן פּאַראַפּעט פון נישט הויכן פענסטער, זיך איינקוקנדיק מיט אַ פאַרקלעמט געפיל פון רחמנות אין שרעקלעך מידן פּנים פון אַלעקסעיעוון. דאָס פּנים האָט זיך געבלייכט ווי אַ גיפּסענע מאַסקע. „ווי ער איז געעלטערט גע־

וואָרן! שרעקלעך געעלטערט געוואָרן!" — האָט באָגאַיעווסקי אין רעיון געשעפּטשעט צו זיך, נישט אַראָפּלאָזנדיק פון אַלעקסעיעוון די פּיכטע מאַנדל-אויגן. די אָנוועזנדיקע האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך אָוועקצוזעצן ביים טיש, ווי דעניקין האָט אָנגעהויבן רעדן מיט אַן אויפגערייצטן שאַרפן טאָן, זיך ווענדנדיק צו קראַסנאָוון:

— איידער מיר עפענען די באַראַטונג, בין איך מחויב אייך צו מעלדן, אַז אונז ווונדערט שטאַרק, וואָס איר ווייזט אָן אין דער דיספּאָזיציע וועגן פאַרנעמען באַטייסק, אַז אין רעכטן פליגל ביי אייך איז טעטיק אַ דייטשישער באַטאַליאָן און אַ באַטאַרייע. איך מוז מודה זיין, אַז דער פאַקט פון אַזאַ אַרט מיטווירקונג איז פאַר מיר מער ווי מאָדנע... איר וועט אונז דערלויבן זיך צו אינפאָרמירן, וואָס אייך האָט באַוויגן זיך צו שטעלן אין קאָנטאַקט מיט די שונאים פון פאָטערלאַנד — מיט די ערנלאָזע שונאים! — און זיך באַנוצן מיט זייער הילף? איר ווייסט מסתמא, אַז די פאַרבינדעטע זענען גרייט אונז צו שטיצן?... די פרייוויליקע אַרמיי שאַצט אָפּ דעם בונד מיט די דייטשן אַלס פאַרראַט פון געדאַנק וועגן אויפלעבן רוסלאַנד. די האַנדלונגען פון דער דאָנער רעגירונג ווערן אויך אַזוי אָפּגעשאַצט אין די ברייטע קרייזן פון די פאַרבינדעטע. איך בעט אייך דאָס אויפצוקלערן.

דעניקין האָט מיט אַ ביין-אויסגעבויגענער ברעם געוואַרט אויף אַן ענטפער.

בלויז אַ דאַנק דעם אויסגעאַרבעטן טאַקט פון אַ וועלט-מענטש איז קראַסנאָוון געלונגען צו דערהאַלטן זיין אינערלעכע רויִקייט; אָבער די אויפרעגונג האָט פונדעסטוועגן גובר געווען: דאָס נערוועזע צוקן אונטער די וואָנסעס האָט זיך געשטאַרקט און צעקרומט זיין מויל.

קראַסנאָוו האָט געענטפערט זייער רויִק און זייער העפלעך:

— ווען אויף דער קאָרט ווערט געשטעלט דער גורל פון גאַנצן ענין, ברעקלט מען זיך נישט מיט דער הילף אויך פון געוועזענע שונאים. און חוץ דעם האָט די רעגירונג פון דאָן, די רעגירונג פון פינף-מיליאָניקן סוווערענעם פאָלק, וואָס איז פון קיי-

נעם נישט אָפּהענגיק, בכלל דאָס רעכט צו האַנדלען זעלבסטשטענ־דיק, אין הסכּם מיט די אינטערעסן פון קאָנקרעטן קאָנטינגענט, וועלכע זי איז פאַרפליכטעט צו פאַרטיידיקן.

ביי די ווערטער האָט אַלעקסעיעוו געעפנט די אויגן און, אָפּנים, מיט גרויס אָנשטרענגונג זיך באַמיט צו הערן אויפמערק־זאַם. קראַסנאָוו האָט אַ קוק געטון אויף באָגאַיעווסקין, וואָס האָט נערוועז געדרייט די פאַרשפּיצטע וואָנסע, ווי אַ פייל, און ווייטער גערעדט:

— אין אייערע באַהאַנדלונגען, עקסעלענץ, וועגן איבער מאַטיוון, אַזוי צו זאָגן, פון עטישן כאַראַקטער. איר האָט אַרויסגע־זאָגט אַ סך פאַראַנטוואָרטלעכע ווערטער וועגן אונזער בלומרשטן פאַראַט לגבי רוסלאַנד, לגבי די פאַרבינדעטע... אייך איז אָבער, מיין איך, באַקאַנט דער פאַקט, אַז די פרייוויליקע אַרמיי האָט באַקומען פון אונז קוילן, וואָס זענען אונז פאַרקויפט געוואָרן דורך די דייטשן?...

— איך בעט שטרענג אָפּצוגרענעצן דערשיינונגען, טיף פאַרשידענע לויט זייער כאַראַקטער! מיך אינטערעסירט נישט, אויף וואָסער וועג איר באַקומט אַמוניציע פון די דייטשן, אָבער — באַנוצן זיך מיט דער שטיצע פון זייער מיליטער! — דעניקין האָט בייז אַ הייב געטון מיט די אַקסלען.

קראַסנאָוו האָט נאָכן פאַרענדיקן זיין רעדע בלאַחר־יד, פאַר־זיכטיק, אָבער אַנטשלאָסן געגעבן צו פאַרשטיין דעניקינען, אַז ער איז נישט מער דער פריערדיקער בריגאַדע־גענעראַל, וועלכן ער האָט געזען אויפן עסטרייכיש־דייטשישן פראָנט.

איבערייסנדיק די אומבאַקוועמע שטילקייט, וואָס האָט זיך געשאַפן נאָך קראַסנאָווס רעדע, האָט דעניקין קלוג איבערגע־פירט דעם שמועס אויף דער פראַגע וועגן צונויפגיסן די דאָנער מיט דער פרייוויליקער אַרמיי און שאַפן אַן איינהייטלעכע מיליַ־טער־אָנפירונג. אָבער דער פריערדיקער קאָנפליקט האָט שוין אין גרונט געדינט פאַר זיי אַלס התחלה פאַר די ווייטערדיקע, בסדר פּראָגרעסירנדיקע, פאַרשאַרפטע באַציִונגען, וואָס האָבן זיך ענד־

גילטיק איבערגעריסן מיטן מאָמענט, ווען קראַסנאָוו איז אָפּגע־טרעטן פון דער מאַכט.

קראַסנאָוו האָט אויסגעמיטן אַן אוממיטלבאַרן ענטפער, פאַרלייגנדיק אַ געמיינזאַמען מאַרש אויף צאַריצין, כדי, ערשטנס, צו באַהערשן דעם וויכטיקסטן סטראַטעגישן צענטער, און, צווייטנס, דערהאַלטנדיק אים, זיך צו פאַרייניקן מיט די אוראַלער קאָזאַקן.

עס איז פאָרגעקומען אַ קורצער שמועס:

— ...איך דאַרף אייך נישט איבערצייגן, וואָס פאַר אַ קאָלאָ־סאַלע באַדייטונג עס האָט פאַר אונז צאַריצין.

— די פרייוויליקע אַרמיי קאָן אָנטרעפן אויף די דייטשן. אויף צאַריצין וועל איך נישט גיין. פריער פאַר אַלץ דאַרף איך באַפרייען די קובאַנער.

— יאָ, אָבער דאָס פאַרנעמען צאַריצין — איז נאָך אַלץ די קאַרדינאַלסטע אויפגאַבע. די רעגירונג פון דאָנער חייל האָט מיך באַפולמעכטיקט צו בעטן אייער עקסעלענץ.

— איך חזר איבער: איך קאָן נישט פאַרלאָזן די קו־באַנער.

— בלויז מיטן באַדינג פון אַ מאַרש אויף צאַריצין קאָן מען רעדן וועגן איינשטעלן אַן איינהייטלעכע מיליטער־אָנפירונג.

אַלעקסעיעוו האָט נישט איינשטימיק אַ קיי געטון מיט די ליפּן.

— דאָס איז נישט צום אָננעמען! די קובאַנער וועלן נישט אַריבערטרעטן די גרענעץ פון דער פראָווינץ, נישט האָבנדיק זי פולשטענדיק אָפּגערייניקט פון די באָלשעוויקעס, און די פרייווילי־קע אַרמיי באַשטייט פון צוויי מיט אַ האַלבן טויזנט באַגנעטן, פון וועלכע אַ דריט חלק — זענען פאַרוווּנדעטע און קראַנקע.

ביים באַשיידענעם מיטאָג האָט מען זיך אַפּאַטיש דורכגע־וואָרפן מיט אומבאַדייטנדע באַמערקונגען. עס איז קלאָר געווען, אַז עס וועט נישט קומען צו קיין אויסגלייך. דער פּולקאָווניק ראַס־פּיאַנסקי האָט דערציילט עפּעס אַ פריילעכן האַלב־אַנעקדאָטישן

העלדנטאַט פון די מאַרקאָווצעס, און די אָנגעשטרענגטקייט איז ביסלעכווייז פאַרשוווּנדן אונטער דער געמיינזאַמער ווירקונג פון מיטאָג און דער פריילעכער דערציילונג. אָבער ווען מען האָט נאָכן מיטאָג פאַרריכערט און זיך צעגאַנגען איבערן זאַל, האָט דעניקין אָנגערירט ראָמאַנאָווסקין ביים אַקסל, מיט שאַרפע פאַרזשמורעטע אויגן אָנגעוויזן אויף קראַסנאָוון און אַ פליסטער געטון: — אַ פּראָ־ווינציעלער נאַפּאָלעאָן... נישט קיין קלוגער מענטש, פאַרשטייט איר... — ראָמאַנאָווסקי האָט אַ שמייכל געטון און גלייך געענט־פערט: — עס גלוסט זיך הערשן און רעגירן... דער בריגאַדע־גע־נעראַל פאַרשיכּורט זיך מיט דער מאַכט פון אַ מאַנאַרך. לויט מיין מיינונג, האָט ער נישט קיין געפיל פאַר הומאָר...

זיי זענען זיך צעפאָרן ווי שונאים. פון דעם טאָג אָן האָבן די באַציִונגען צווישן דער פרייוויליקער אַרמיי און דער דאָנער רעגירונג זיך שטאַרק פאַרערגערט. די פאַרערגערונג דערגרייכט דעם העכסטן פונקט סוף יוני, ווען דער אָנפירונג פון דער פריי־וויליקער אַרמיי ווערט באַקאַנט דער אינהאַלט פון קראַסנאָוס בריוו, וועלכער איז אַדרעסירט געווען צום דייטשישן קייזער ווילהעלם. די פאַרוווּנדעטע פרייוויליקע, וואָס האָבן זיך געהיילט אין נאָוואָטשערקאַסק, האָבן חוזק געמאַכט פון קראַסנאָווס שטרע־בונג צו אויטאָנאָמיע און פון זיין שוואַכקייט אויפצולעבן די קאָ־זאַקישע טראַדיציעס, אין אייגענעם קרייז מיט שפּאַט אים גערופן „באַליעבאָס”, און דעם אַלערהעכסטן דאָנער חייל געענדערט דעם נאָמען אויף „אַלערקאָמישסטן”. אַלס ענטפער אויף דעם האָבן די דאָנער אָנהענגער פון זעלבשטענדיקייט זיי גערופן „וואַנדערנ־דיקע מוזיקאַנטן”, הערשער אָן אַ טעריטאָריע. עמעצער פון די „גרויסע” אין דער פרייוויליקער אַרמיי האָט גיפטיק געזאָגט וועגן דער דאָנער רעגירונג: „דאָס איז אַ גאַסנפרוי, וואָס פאַרדינט אויף אַ דייטשיש בעט”. אויף דעם האָט דער גענעראַל דעניסאָוו געענטפערט: „אויב די רעגירונג פון דאָן איז אַ גאַסנפרוי, איז די פרייוויליקע אַרמיי די קאַץ, וואָס ווערט אויסגעהאַלטן דורך דער דאָזיקער גאַסנפרוי”.

דער ענטפּער איז געווען אַן אָנדייטונג אויף דער אָפּהענגיקייט פון דער פרייוויליקער אַרמיי פון דאָן, וועלכער האָט זיך געטיילט מיט איר מיט דער אַמוניציע, וואָס ער האָט באַקומען פון דייטשלאַנד.

ראָסטאָוו און נאָוואָטשערקאַסק, וואָס זענען געווען דאָס הינטערלאַנד פון דער פרייוויליקער אַרמיי, האָבן געשווימלט מיט אָפיצירן, — ווי נבֿלה מיט ווערעם. טויזנטער פון זיי האָבן שפּעקולירט, געדינט אין אומצאָליקע אינסטיטוציעס אין הינטערלאַנד, זיך אויפגעהאַלטן ביי קרובים און באַקאַנטע, מיט נאָכגעמאַכטע דאָקומענטן וועגן וווּנדן געלעגן אין די שפּיטאָלן... אַלע צומיינסט העלדישע זענען אומגעקומען אין שלאַכטן, פון טיפוס, פון וווּנדן, און די איבעריקע, וואָס האָבן פאַרלוירן אין משך פון די רעוואָלוציע-יאָרן אי די ערע, אי דאָס געוויסן, האָבן ווי שאַקאַלן זיך באַהאַלטן אין הינטערלאַנד, ווי ברודיקער שוים, ווי מיסט אַרומגעשווומען אויף דער אויבערפלאַך פון די הערלעכע טעג. דאָס זענען נאָך געווען די אומגערירטע, פאַרלעגענע קאַדרען פון אָפיצירנטום, וועלכע טשערניעצאָוו האָט אַמאָל דערנידעריקט, באַליידיקט און פאַרשעמט, רופנדיק זיי צו פאַרטיידיקן רוסלאַנד. אין דער מערהייט האָבן זיי מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם עקלהאַפטסטן מין פון דער אַזוי גערופענער דענקנדיקער אינטעליגענץ, וואָס האָט געטראָגן אַ מיליטערישן מונדיר. פון די באָלשעוויקעס זענען זיי אַנטלאָפן, צו די ווייסע נישט צוגעשטאַנען, געלעבט מיטן היינטיקן טאָג, דיסקוטירט וועגן גורל פון רוסלאַנד, פאַרדינט אויף מילך פאַר די קינדערלעך און הייס באַגערט די מלחמה זאָל זיך פאַרענדיקן.

זיי איז געווען אַלצאיינס, ווער עס זאָל רעגירן איבערן לאַנד, — קראַסנאָוו, די דייטשן, צי די באָלשעוויקעס, — אַבי עס זאָל נעמען אַ סוף.

און די געשעענישן זענען געוואָרן מיט יעדן טאָג אַלץ שטורמישער. אין סיביר — דער טשעכאָסלאָוואַקישער אויפשטאַנד, אין אוקראַינע — מאַכנאָ, וואָס האָט אויף אַ דערוואַקסענעם אופן גע-

נומען רעדן מיט די דייטשן אויף דער שפּראַך פון האַרמאַטן און קוילנוואַרפער. קאַווקאַז, אַרכאַנגעלסק, פינלאַנד... גאַנץ רוסלאַנד איז אַרומגענומען מיט פייערדיקע רייפן... גאַנץ רוסלאַנד ווייטיקט אין געראַנגל פון דער גרויסער איבערבויונג.

אין יוני האָבן ברייט איבערן דאָן, ווי די מזרח-ווינטן, זיך צעטראָגן קלאַנגען, אַז די טשעכאָסלאָוואַקן פאַרנעמען סאַראַטאָוו, צאַריצין און אַסטראַכאַן, מיטן ציל צו שאַפן ביי דער וואָלגע אַ מזרח-פראָנט און אַטאַקירן די דייטשן. די דייטשן האָבן נישט גערן אָנגעהויבן דורכלאָזן אָפיצירן, וואָס האָבן זיך דורכגעקליבן פון רוסלאַנד אונטער די פענער פון דער פרייוויליקער אַרמיי.

די דייטשישע אָנפירונג, באַאומרויִקט דורך די קלאַנגען וועגן שאַפן אַ „מזרח-פראָנט", האָט געשיקט אירע פאָרשטייער צום דאָן. דעם 27-סטן יוני זענען קיין נאָוואָטשערקאַסק אָנגעקומען די מאַיאָרן פון דער דייטשישער אַרמיי — פאָן קאָקענהאַוזען, פאָן סטעפאַני און פאָן שלייניץ.

דעם זעלבן טאָג זענען זיי אויפגענומען געוואָרן אין פּאַלאַץ דורכן אַטאַמאַן קראַסנאָוו אין דער קעגנוואַרט פון גענעראַל באָגאַיעווסקי.

מאַיאָר קאָקענהאַוזען האָט דערמאָנט, אַז די דייטשישע אָנפירונג האָט מיט אַלע כּוחות, אפילו ביז אַ באַוואָפנטער אינטערווענץ, מיטגעהאָלפן דעם אַלערהעכסטן דאָנער חייל אין קאַמף מיט די באָלשעוויקעס און ביים איינשטעלן די גרענעצן, און געפרעגט, ווי אַזוי די דאָנער רעגירונג וועט רעאַגירן, אויב די טשעכאָסלאָוואַקן וועלן אָנהייבן קעגן די דייטשן מיליטערישע אָפּעראַציעס. קראַסנאָוו האָט אים פאַרזיכערט, אַז דאָס קאָזאַקנטום וועט שטרענג אָפּהיטן די נייטראַליטעט און, פאַרשטייט זיך, נישט דערלויבן צו פאַרוואַנדלען דעם דאָן אין אַ מיליטערישער אַרענע. מאַיאָר פאָן סטעפאַני האָט אויסגעדריקט אַ פאַרלאַנג, אַז דעם אַטאַמאַנס ענטפער זאָל פאַרפעסטיקט ווערן שריפטלעך.

מיט דעם האָט די אוידיענץ זיך פאַרענדיקט, און צומאָרגנס האָט קראַסנאָוו אָנגעשריבן פאָלגענדן בריוו צום דייטשישן קייסער:

„אייער קייסערלעכע און קעניגלכע מאיעסטעט ! דער איבערגעבער פון דעם בריוו, דער אטאמאן פון דער זימאווער סטאניצע (דער געזאנדטער) פון אלערהעכסטן חייל ביים הויף פון אייער קייסערלעכער מאיעסטעט און זיינע חברים, זענען באפולמעכטיקט דורך מיר, דעם דאנער אטאמאן, צו באגריסן אייער קייסערלעכע מאיעסטעט, דעם מעכטיקן מאנארך פון גרויסן דייטשלאנד, און איבערגעבן פאלגנדעס :

דער צוויי-חדשימדיקער קאמף, וועלכן די טיכטיקע דאנער קאזאקן פירן פאר דער באפרייאונג פון זייער פאטערלאנד מיט אזא העלדישקייט, ווי די בורן, וואס זענען פארוואנדט מיטן דייטשישן פאלק, האבן נישט לאנג געפירט קעגן די ענגלענדער, איז געקרוינט געווארן אויף אלע פראנטן פון אונזער מלוכה מיט א פולן נצחון, און ביי היינטיקן טאג איז די ערד פון אלערהעכסטן דאנער חייל אין ניין צענטל באפרייט פון די ווילדע רויטגווארדייאישע באנדעס, דער מלוכה-סדר אין לאנד איז באפעסטיקט און עס איז איינגעשטעלט געווארן פולע רעכטלעכקייט. א דאנק דער פריינטלעכער, מיליטערישער הילף פון די חיילות פון אייער קייסערלעכער מאיעסטעט, איז געשאפן געווארן רו אויף דרום פון אונזער טעריטאריע, און דורך מיר איז צוגעגרייט געווארן א קארפוס קאזאקן צו האלטן ארדענונג אין לאנד און קעגנווירקן דעם דרוק פון די אויסערלעכע שונאים. דעם יונגן מלוכה-ארגאניזם, וועלכן עס שטעלט אין איצטיקן מאמענט מיט זיך פאר דאס דאנער חייל, איז שווער צו עקזיסטירן אליין און דעריבער האט עס געשלאסן אן ענגן בונד מיט די אנפירער פון די אסטראכאנער און קובאנער חיילות, מיטן פולקאווניק פירשט טונדוטאוו און פולקאווניק פילימאנאוו, כדי נאכן אפרייניקן די טעריטאריע פון אסטראכאנער חייל און די קובאנער פראווינץ פון די באלשעוויקעס, צו שאפן א פעסטע מלוכהשע פארמאציע אויף פעדעראטיווע יסודות פון אלערהעכסטן דאנער חייל, אסטראכאנער חייל מיט די קאלמיקן פון דער סטאווראפאלער גובערניע, קובאנער חייל, און אויך די פעלקער פון צפון-קאווקאז. די אלע

מלוכות האָבן שוין געגעבן זייער הסכמה, און די ניי־געשאַפענע מלוכה, אין דער פולער איינשטימיקייט מיטן אַלערהעכסטן דאָנער חייל, האָט באַשלאָסן נישט צו דערלאָזן, אַז איר טעריטאָריע זאָל ווערן אַן אַרענע פון בלוטיקע צוזאַמענשטויסן, און זיך פאַר־פליכטעט אָפּצוהיטן פולע נייטראַליטעט. דער אַטאַמאַן פון אונזער זימאָווער סטאַניצע ביים הויף פון אייער קייסערלעכער מאַיעס־טעט איז באַפולמעכטיקט דורך מיר:

צו בעטן אייער קייסערלעכע מאַיעסטעט צו אָנערקענען די רעכט פון אַלערהעכסטן דאָנער חייל אויף זעלבשטענדיקער עק־זיסטענץ, און נאָכן באַפרייען די קובאַנער, אַסטראַכאַנער, טערסקער חיילות און צפון־קאַווקאַז — די רעכט אויף זעלב־שטענדיקער עקזיסטענץ אויך פון דער גאַנצער פעדעראַציע אונ־טערן נאָמען: דאָן־קאַווקאַזער פאַרבאַנד.

צו בעטן אייער קייסערלעכע מאַיעסטעט צו אָנערקענען די אַלטע געאָגראַפישע און עטנאָגראַפישע גרענעצן פון אַלערהעכסטן דאָנער חייל, צו העלפן אַנטשיידן דעם סכסוך צווישן אוקראַיִנע און דאָנער חייל צוליב טאַגאַנראָג און זיין אומגעגנט לטובת דעם דאָנער חייל, וואָס פאַרוואַלטעט מיט טאַגאַנראָג שוין העכער פינפ־הונדערט יאָר און פאַר וועלכן דער טאַגאַנראָגער קרייז שטעלט מיט זיך פאָר אַ טייל פון טמוטאַראַקאַן, פון וואַנען עס שטאַמט טאַקע דאָס דאָנער חייל.

צו בעטן אייער קייסערלעכע מאַיעסטעט מיטצווירקן וועגן פאַרייניקן צום חייל צוליב סטראַטעגישע טעמים די שטעט קאַמי־שין און צאַריצין פון דער סאַראַטאָווער גובערניע, די שטאָט וואָראָניעזש און די סטאַציעס ליסקי און פאָוואָרינאָ און דורכצו־פירן די גרענעץ פון דאָנער חייל, ווי דאָס איז אָנגעוויזן אויף דער מאַפּע, וואָס געפינט זיך אין דער זימאָווער סטאַניצע.

צו בעטן אייער מאַיעסטעט אויסצואיבן אַ דרוק אויף דער סאָ־וויעטישער מאַכט אין מאָסקווע און זי צווינגען דורך אייער באַפעל אָפּצורייניקן די גרענעצן פון אַלערהעכסטן דאָנער חייל און די אי־בעריקע מלוכות, וואָס דאַרפן אַריינגיין אין דאָן־קאַווקאַזער פאַר־

באַנד, פון די רויבערישע אָפּטיילונגען פון דער רויטער אַרמיי און געבן די מעגלעכקייט איינצושטעלן נאָרמאַלע, פרידלעכע באַציִונגען צווישן מאָסקווע און דעם דאָנער חייל. אַלע היזקות פון דער באַפעלקערונג פון דאָנער חייל, וואָס זענען פאַראורזאַכט געוואָרן דורך דער אָקופּאַציע פון די באָלשעוויקעס, דאַרפן פאַרגיטיקט ווערן דורך סאָוויעט־רוסלאַנד.

צו בעטן אייער קייסערלעכע מאַיעסטעט צו העלפן אונזער יונגער רעגירונג מיט האַרמאַטן, ביקסן, אַמוניציע און טעכנישע איינריכטונגען, און אויב אייער קייסערלעכער מאַיעסטעט וועט ווילגעפעלן, אויפצושטעלן אין די גרענעצן פון דאָנער חייל פאַבריקן פון האַרמאַטן, ביקסן און אַמוניציע.

דאָס אַלערהעכסטע דאָנער חייל און די איבעריקע מלוכות פון דאָן־קאַווקאַזער פאַרבאַנד וועלן נישט פאַרגעסן די פריינטלעכע הילף פון דייטשישן פאָלק, מיט וועלכן די קאָזאַקן האָבן האַנט־ביי־האַנט זיך געשלאָגן נאָך אין דער צייט פון דער דרייסיק־יעריקער מלחמה, ווען די דאָנער פולקן האָבן זיך געפונען אין די רייען פון וואַלענשטיינס אַרמיי, אין 1807–1813, ווען די דאָנער קאָזאַקן מיט זייער אַטאַמאַן גראַף פּלאַטאָוו האָבן געקעמפט פאַר דער פרייהייט פון דייטשלאַנד, און אַצינד נאָך דריי מיט אַ האַלב יאָר בלוטיקע מלחמה אויף די פעלדער פון פּרייסן, גאַליציע און פוילן, האָבן די קאָזאַקן און דייטשן קעגנזייטיק זיך אויסגעלערנט שעצן די העלדישקייט און שטאַנדהאַפטיקייט פון זייערע חיילות, און אויסשטרעקנדיק זיך די הענט, ווי צוויי איידעלע קעמפער, קעמפן זיי היינט צוזאַמען פאַר דער פרייהייט פון היימישן דאָן.

דאָס אַלערהעכסטע דאָנער חייל פאַרפליכטעט זיך פאַר דער הילף פון אייער קייסערלעכער מאַיעסטעט אָפּצוהיטן פולע נייטראַליטעט בשעת דער וועלט־מלחמה פון די פעלקער און נישט אַרויפלאָזן אויף איר טעריטאָריע קיין באַוואָפנטע קרעפטן, וואָס זענען פיינטלעך צום דייטשישן פאָלק, אויף וואָס עס האָבן געגעבן

זייער הסכמה אי דער אַטאַמאַן פון אַסטראַכאַנער חייל פירשט טונדוטאָוו, אי די קובאַנישע רעגירונג, און נאָך דער פאַריייני־קונג — אויך די איבעריקע טיילן פון דאָן־קאַווקאַזער פאַרבאַנד.

דאָס אַלערהעכסטע דאָנער חייל גיט דער דייטשישער אימ־פעריע די אויסשליסלעכע רעכט אַרויסצופירן, נאָכן באַפרידיקן די לאָקאַלע באַדערפענישן, דעם איבערפלוס פון תבואה — אין קער־נער און מעל, לעדערוואַרג און רויע פעל, וואָל, פיש־פראָדוקטן, פעטס פון חיות און געוויקסן, פוטער, טיטון, בהמות, פערד, ווײַן און אַנדערע אַגראַר־פראָדוקטן. אַלס אויסטויש פאַר דעם וועט די דייטשישע אימפעריע צושטעלן לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, כעמישע אויסאַרבעטונגען און גאַרבעריי־עקסטראַקטן. אַרויסשיקן אַן עקספעדיציע מיט אַלע איינריכטונגען און געהעריקן זאַ־פאַס מאַטעריאַלן צום אויספאַרטיקן מלוכה־פאַפירן, אויפשטעלן ביי אונז פאַבריקן פון טעקסטיל, לעדער, כעמיקאַלן, צוקער און אַנדע־רע פראָדוקטן, אויך פון עלעקטרישע מכשירים.

חוץ דעם וועט די רעגירונג פון אַלערהעכסטן דאָנער חייל געבן דער דייטשישער פראָדוקציע באַזונדערע הנחות ביים לאָקירן אירע קאַפּיטאַלן אין די דאָנער אונטערנעמונגען פון האַנדל און אינדוסטריע, באַזונדערס ביים אויסבויען נייע וועגן אויפן וואַסער און יבשה.

אַן ענגער אָפּמאַך וועט ברענגען געמיינזאַמע נוצן, און אַ פריינטשאַפט, באַפעסטיקט דורכן בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן אויף די בשותּפותדיקע פעלדער דורך די העלדישע פעלקער פון די דייטשן און קאָזאַקן, וועט ווערן אַ מעכטיקע קראַפט אין קאַמף מיט אַלע אונזערע שונאים.

צו אייער קייסערלעכער מאַיעסטעט ווענדט זיך מיט דעם בריוו נישט קיין דיפלאָמאַט און ראַפינירטער קענער פון אינ־טערנאַציאָנאַלן רעכט, נאָר אַ זעלנער, וואָס איז געווינט אין ערלעכן קאַמף צו אַכטן די קראַפט פון דייטשישן געווער, און דע־ריבער בעט איך מיר מוחל צו זיין די פשוטקייט פון מיין טאָן,

וואָס איז פרעמד פון יעדער צווייזייטיקייט, און בעט צו גלייבן אין דער אויפריכטיקייט פון מיינע געפילן.

מיט דער פולער אַכטונג פאַר אייער קייסערלעכער
מאַיעסטעט, פּיאָטער קראַסנאָוו,
דאָנער אַטאַמאַן, גענעראַל־מאַיאָר".

דעם צווייטן יולי איז דער בריוו באַטראַכט געוואָרן דורכן ראַט פון די אָפּטיילונג־אָנפירער, און נישט געקוקט דערויף, וואָס די באַציִונג צו אים איז געווען אַ גאַנץ צוריקגעהאַלטענע און פון דער זייט פון באָגאַיעווסקין און נאָך עטלעכע מיטגלידער פון דער רעגירונג — אפילו אַן אויסגעשפּראָכן־נעגאַטיווע, האָט קראַסנאָוו זיך נישט אָפּגעהאַלטן אים איבערצוגעבן דעם אַטאַמאַן פון דער זימאָווער סטאַניצע, דעם ליכטענבערגער הערצאָג, וועלכער איז אַרויסגעפאָרן מיט אים קיין קיעוו, און פון דאָרט, מיטן גענעראַל טשעריאַטשוקין, קיין דייטשלאַנד.

נישט אָן באָגאַיעווסקיס וויסן איז דער בריוו פאַרן אָוועקגעשיקט ווערן איבערגעפירט געוואָרן אין דער אויסלענדישער אָפּטיילונג, זיינע קאָפּיעס זענען איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט און, פאַרזען מיט די געהעריקע קאָמענטאַרן, ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן איבער די קאָזאַקישע אָפּטיילונגען און סטאַניצעס. דער בריוו האָט געדינט אַלס מעכטיק מיטל פון פּראָפּאַגאַנדע. מען האָט אַלץ העכער אָנגעהויבן רעדן, אַז קראַסנאָוו האָט זיך פאַרקויפט די דייטשן. אויפן פראָנט האָט זיך אויפגעהויבן אַ כוואַליע פון אויפרעגונג.

און אין דער צייט האָבן די דייטשן, באַפליגלטע דורך זייערע דערפאָלגן, אָוועקגעפירט דעם רוסישן גענעראַל טשעריאַטשוקין הינטער פּאַריז, און ער האָט, צוזאַמען מיט די הויכגעשטעלטע פּערזאָנען פון דייטשישן גענעראַל־שטאַב, זיך צוגעקוקט צו דער מעכטיקער ווירקונג פון קרופּס שווערער אַרטילעריע, צו דער מפּלה פון די ענגליש־פראַנצויזישע חיילות.

V

אין דער צייט פון אייז־גאַנג איז יעווגעני ליסטניצקי פאַר־וואונדעט געוואָרן צוויי מאָל: דאָס ערשטע מאָל — אין אַ שלאַכט פאַרן באַהערשן די אוסט־לאַבינסקער סטאַניצע, דאָס צווייטע מאָל —ביים שטורעם אויף יעקאַטערינאָדאַר. ביידע וווּנדן זענען געווען אומבאַדייטנדיקע, און ער האָט זיך ווידער אומגעקערט אין די רייען. אָבער אין מאַי, ווען די פרייוויליקע אַרמיי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין ראַיאָן פון נאָוואָטשערקאַסק אויף אַ קורצן אָפּרו, האָט ליסטניצקי זיך דערפילט שלעכט און אויסגעפּועלט פאַר זיך אַ וועכנטלעכן אורלויב. ווי גרויס זיין פאַרלאַנג איז נישט געווען צו פאָרן אַהיים, האָט ער דאָך באַשלאָסן צו בלייבן אין נאָוואָ־טשערקאַסק, כדי זיך אָפּצורוען, נישט פאַרלירנדיק קיין צייט אויף דער רייזע.

צוזאַמען מיט אים האָט באַקומען אורלויב זיין חבר פון דער אָפּטיילונג, ריטמייסטער גאָרטשאַקאָוו. גאָרטשאַקאָוו האָט אים פאַר־געלייגט צו פאַרברענגען די צייט ביי אים.

— קיין קינדער האָב איך נישט, און מיין ווייב וועט זיין צו־פרידן דיך צו זען. זי קען דאָך דיך פון מיינע בריוו.

אין אַ הייסן זומערדיקן העלן נאָכמיטאָג זענען זיי צוגעפאָרן צו אַ געהאָרבעט אָפּגעזונדערט הייזל אויף איינער פון די וואָקזאַל־גאַסן.

— דאָס איז פריער געווען מיין רעזידענץ, — האָט געזאָגט דער שוואַרץ־וואָנסיקער הויכער גאָרטשאַקאָוו, שפּרייזנדיק שנעל און זיך אומקוקנדיק אויף ליסטניצקין. זיינע בולטע, פון שוואַרצקייט אַזש בלויע אויגן זענען פייכט געווען פון גליקלעכער אויפרעגונג, די פליישיקע נאָז, ווי ביי אַ גריך, איז פאַרצויגן געווען אין אַ שמייכל. ברייט שפּרייזנדיק, טרוקן שאָרכענדיק מיט די אויסגערי־בענע ראַנדן פון זיינע האַקי־רייט־הויזן, איז ער אַריינגעגאַנגען

אין הויז, גלייך אָנפּילנדיק די צימערן מיטן ביטערן ריח פון זעלנערישקייט.

— ווו איז לאַלאַ? ווו איז אַלגאַ ניקאָלאַיעוונאַ? — האָט ער אַ געשריי געטון צו דער שמייכלענדיקער דינסט, וואָס איז אײַליק אַרײַנגעקומען פון קיך. — אין סאָד? קום אַהין.

אין סאָד, אונטער די עפּלביימער — זענען אויסגעשפּרייט געפלעקטע שאָטנס, ווי טיגער-פעלן, עס שמעקט מיט בינשטאָקן און אויסגעוואַרעמטער ערד. ביי ליסטניצקין אין די שייבלעך פון די פּענסנע ברעכן זיך און צעשפּרינגען די זון-שטראַלן, ווי שראַפּנעל-קיילעכלעך. ערגעץ אויפן טאָר ברומט אומגעזעטיקט מיט אַ באַס אַ לאַקאַמאָטיוו. איבעררייסנדיק דאָסדאָזיקע איינטאָניקע זיפצנדיקע ברומען, רופט גאָרטשאַקאָוו:

— לאָלאַ! לאָלאַ! ווו-זשע ביסטו?

פון אַ זייטיקער שמאָלער אַלעע, שוועבנדיק הינטער די רויזן-קוסטעס, האָט אויפגעטויכט אַ הויכע פרוי אין אַ העל קלייד.

זי איז אויף אַ רגע שטיין געבליבן, צודריקנדיק מיט אַ דערשראָקענער הערלעכער באַוועגונג די הענט צו דער ברוסט און דערנאָך מיט אַ געשריי זיי אויסגעשטרעקט און זיך געלאָזט לויפן צו זיי. זי איז געלאָפן אַזוי שנעל, אַז ליסטניצקי האָט בלויז געזען די קיילעכיק-בולטע שעלעכלעך פון אירע קניען, וואָס האָבן געצאַפּלט אונטערן קלייד, די שמאָלע שפּיצן פון די לעטשלעך און גאָלדיקן שויבער פון די האָר, וואָס האָט זיך צעפלאַטערט איבער איר פאַרוואָרפענעם קאָפּ.

זיך אויסשטרעקנדיק אויף די שפּיצן-פינגער, פאַרוואַרפנדיק די אויסגעבויגענע, אַנטבלויזטע, ראָזע הענט פון דער זון אויפן מאַנס אַקסלען, האָט זי אים געקושט אין די פאַרשטויבטע באַקן, אין דער נאָז, אין די אויגן, אין די ליפּן, אין האַלז, וואָס איז שוואַרץ געוועזן פון זון און ווינט. די אָפּגעהאַקטע טשמאָקענדיקע קלאַנגען פון די קושן האָבן זיך געשיט ענלעך צום קנאַלן פון אַ קוילנוואַרפער.

ליסטניצקי האָט זיך געווישט די פּענסנע, אַרײַנאָטעמענדיק

דעם ריח פון די בלומען, וואָס האָט זיך געטראָגן אַרום אים, און געשמייכלט, — אַליין דאָס אָנערקענענדיק, — מיט אַ זייער נאַרישן געצוווּנגענעם שמייכל.

ווען דער אויסברוך פון פרייד האָט זיך אַ ביסל איינגעשטילט און עס האָט אַריינגעטרעטן אַ פויזע אויף אַ רגע, האָט גאָרטשאַקאָוו פאַרזיכטיק, אָבער אַנטשלאָסן צענומען זיין ווייבס פינגער, וואָס האָבן זיך פאַרשלאָסן אַרום זיין האַלז און, אָננעמענדיק זיין ווייב ביי די אַקסל, זי לייכט אָנגעדרייט אין דער זייט.

— לאַלאַ... מיין פריינט ליסטניצקי.

— אַך, ליסטניצקי! עס פרייט מיך זייער! דער מאַן האָט מיר וועגן אייך... — זי האָט זיך פאַרהאַקט, שנעל אַ קוק געטון אויף אים מיט אירע לאַכנדיקע, פון גליק גאָרנישט זעענדיקע אויגן.

זיי זענען געגאַנגען צוזאַמען. גאָרטשאַקאָווס האַריקע האַנט מיט די ראַצן און נישט ריינע נעגל איז געלעגן אויפן ווייבס מיידלישער טאַליע. ליסטניצקי האָט, שפּרייזנדיק, געוואָרפן זייטיקע בליקן אויף דער האַנט, אַריינגעאָטעמט דעם ריח פון די בלומען און דורך דער זון אָנגעוואַרעמטן פרויען-קערפּער, און זיך געפילט טיף אומגליקלעך, ווי אַ קינד, וואָס איז דורך עמעצן אומגעריכט און שווער באַליידיקט געוואָרן. ער האָט געקוקט אויפן ראָזן מושעל פון קליינעם אויער, וואָס איז באַדעקט געווען מיטן געוועב פון די גאָלדיק-ברוינע האָר, אויף דער זיידענער הויט פון דער באַק, וואָס האָט זיך געפינען ווייט פון אים אינגאַנצן אויף איין אַרשין; זיינע אויגן האָבן ווי יאַשטשערקעס זיך אַראָפּגעגליטשט צו איר דעקאָלט, און ער האָט געזען די נישט-הויכע געבערגלטע מילכיק-געלע ברוסט און דאָס בראָנזיקע ברוינע ווערצעלע. פון צייט-צו-צייט האָט די גאָרטשאַקאָווא געווענדט אויף אים אירע העל-בלויע אויגן, זייער בליק איז געווען צערטלעך, פריינטלעך, אָבער אַ לייכטע פאַרדראָסיקע ווייטיק האָט אַרומגענומען ליסטניצקין, ווען די זעלבע אויגן, אָנגעשטעלט אויף גאָרטשאַקאָווס שוואַרצע פנים, האָבן געלויכטן מיט גאָר אַן אַנדער ליכט...

ערשט ביים מיטאָג האָט ליסטניצקי, ווי עס געהער, צו זיין באַטראַכט די באַלעבאָסטע. סיי איר שלאַנקע פיגור, סיי דאָס פּנים האָבן געאָטעמט מיט יענער געמיינערטער שיינקייט פון פרויען, וואָס האָבן שוין אַריבערגעשפּאַנט דעם דרייסיקסטן האַרבסט. אָבער אין די שעלמישע קאַלטע אויגן, אין די באַוועגונגען האָט זיך נאָך אויפגעהאַלטן אַ נישט אויסגענוצטער זאַפּאַס פון יוגנטלעכקייט. איר פּנים מיט די ווייכע, אין זייער אומרעגולערקייט, חנעוודיקע שטריכן איז געווען, כ׳לעבן, אַ גאַנץ דורכשניטלעכס. בלויז איין קאָנטראַסט האָט זיך שאַרף געוואָרפן אין די אויגן אריין: דינע פורפור-רויטע, געפּלאַצטע, הייסע ליפּן, ווי מען טרעפט נאָר ביי שוואַרצע דרום-פרויען, לייכט-גערייטלטע באַקן און העלע ברעמען. זי האָט גערן געלאַכט, אָבער איר שמייכל, וואָס האָט אַנטפּלעקט געדיכטע קליינע, ווי צוגעפּיילטע, ציין, האָט דערמאַנט אָן עפּעס אויסשטודירטס. איר נידעריק קול איז געווען מאַט און אָרים אין מאָדעלירונג. ליסטניצקין, וועלכער האָט צוויי חדשים נישט געזען קיין פרויען, חוץ די אָפּגענוצטע שוועסטערן, האָט זי אויסגעזען אומגעוויינלעך שיין. ער האָט געקוקט אויף אָלגאַ ניקאָלאַיעוונעס שטאָלצער האַלטונג פון קאָפּ, וואָס איז באַשווערט געווען דורך די געדיכט-פאַרפלאָכטענע האָר, געענטפערט נישט צו דער זאַך און באַלד, זיך פאַררופנדיק אויף זיין מידקייט, אַוועקגעגאַנגען אין צימער אַריין, וואָס איז אים אָפּגעגעבן געוואָרן.

...און אָט האָבן זיך אָנגעהויבן די טעג, תענוגפולע און פאַרבענקטע. שפּעטער האָט ליסטניצקי מיט גליקזעליקייט זיי דערמאַנט אין זכרון, אָבער דעמאָלט האָט ער זיך געפּייניקט, ווי אַ ייִנגל, זינלאָז און נאַריש. די גאָרטשאַקאָווס האָבן, ווי אַ פּאָר טויבן, זיך אָפּגעזונדערט, אים אויסגעמיטן. פון צימער, וואָס האָט זיך געפונען אין שכנות מיט זייער שלאָפצימער, האָט מען אים איבערגעטראָגן אין אַ צימער אַריין, וואָס האָט זיך געפונען אין עק, מיטן אויסרייד פון רעמאָנט, וועגן וועלכן גאָרטשאַקאָוו האָט גערעדט, פאַרבייסנדיק די וואָנסע, מיט אַ שמייכלדיקער ערנסטקייט אויפן

יונג-געוואָרענעם ראַזירטן פּנים. ליסטניצקי האָט אָנערקענט, אַז ער זשעגירט זיין פריינט, אָבער איבערציַען זיך צו באַקאַנטע האָט ער דאָך נישט געוואָלט. גאַנצע טעג איז ער אָפּגעלעגן אונטערן עפּלבוים, אין אָראַנזשענעם שאָטן, געלייענט די צייטונגען, וואָס זענען איילִיקגעדרוקט געווען אויף געמיין פּאַק-פּאַפּיר, איינגעשלאָפן מיט אַ שווערן נישט דערפרישנדיקן שלאָף. די מעלאַנכאָלישע לאַנגוויילִיקייט האָט געטיילט מיט אים דער פּרעכטיקער ווייס-גע-שפּריצטער פּאָינטער פון שאָקאָלאַד-קאָליר. ער האָט שווייגנדיק געאייפערט דעם באַלעבאָס צום ווייב, אָוועקגעגאַנגען צו ליסטניצ-קין, זיך געלייגט, געזיפצט מיט אים אינאיינעם און יענער האָט, גלעטנדיק אים, מיט געפיל געשעפּטשעט:

פאַרזינק אין טרוים... דו קוקסט אַלץ טונקעלער
מיט דיינע גאָלדיק-שמאָלע אויגן...

ער האָט מיט ליבשאַפט איבערגעקליבן אין זכרון אַלע נישט-פאַרגעסענע, ווי טימיאַן-האָניק שמעקנדיקע און געדיכטע פערזן פון בונינס לידער און ווידער איינגעשלאָפן.

אָלגאַ ניקאָלאַיעוונאַ האָט מיט איר פרויען-אינטואיציע אויפ-גענומען די שטימונגען, וואָס האָבן אים באַהערשט. אויב זי איז פריער געווען צוריקגעהאַלטן, איז זי אַצינד געוואָרן נאָך צוריק-געהאַלטענער אין דער באַציִונג צו אים. איינמאָל, זיך אומקערנדיק אינאָוונט פון שטאָט-גאָרטן, זענען זיי געגאַנגען אין צווייען (גאָר-טשאַקאָוו האָבן אָפּגעשטעלט ביים אַרויסגאַנג באַקאַנטע אָפיצירן פון מאַרקאָווס פּולק). ליסטניצקי האָט געפירט אָלגאַ ניקאָלאַיעוו-נען אונטער דער האַנט, זי באַאומרויִקט, פעסט צודריקנדיק איר אָרעם צו זיך.

— וואָס קוקט איר אַזוי ? — האָט זי געפרעגט שמייכלענדיק.

ליסטניצקין האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט אין איר ני-דעריק קול קאָקעטישע, אַרויסרופנדיקע טענער. בלויז דערפאַר האָט ער ריזיקירט צו שטעלן אין קאָן אַ מעלענכאָלישע סטראָפע (די טעג האָט אים באַהערשט די פּאָעזיע, און די געדאַנקען האָבן,

ווי בינען, געטראָגן אין די וואַקס־קעמערלעך פון זכרון פרעמד־אויסגעזונגענעם ווייטיק).
ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, שמייכלענדיק געשעפּטשעט:

אונ צוגעשמידט צו דיר... אין טונקלהייט
פון דיין וואָל פאַר מיר זיך שפּרייט
דער ברעג פון צויבערפולן לאַנד,
די צויבערפולע וויַיט.

זי האָט פאַמעלעכינקע באַפרייט איר האַנט, געזאָגט מיט אַ שטיפעריש קול:

— יעווגעני ליסטניצקי, איך זע גאַנץ גוט... איך קאָן נישט נישט זען, ווי איר באַציט זיך צו מיר... און איר שעמט זיך גאָר־נישט? וואָרט־צו, וואָרט־צו! איך האָב מיר אייך פאָרגעשטעלט... אַ ביסל אַנדערש... לאָמיר־זשע מאַכן אַ סוף צו דעם. וואָרים אַזוי קומט דאָס אויס אי עפּעס נישט דערזאָגט, אי נישט ערלעך... איך — בין אַ שלעכטער אָביעקט פאַר אַזעלכע עקספּערימענטן... אייך האָט זיך פאַרגלוסט אַ ביסל שפּילן? לאָמיר־זשע נישט אי־בעררייסן די פריינטלעכע באַציִונגען, און הערט אויף מיט די נאַרישקייטן. איך בין דאָך נישט קיין „אומבאַקאַנטע שיינהייט". איר פאַרשטייט? איר זענט מסכים? גיט מיר אייער האַנט!

ליסטניצקי האָט געמאַכט אַן אָנשטעל פון איידעלער באַ־ליידיקונג, נאָר צום סוף נישט אויסגעהאַלטן די ראָלע און זיך צעלאַכט צוזאַמען מיט איר. נאָכדעם ווי גאָרטשאַקאָוו האָט זיי דעריאָגט, איז אָלגאַ ניקאָלאַיעוונאַ נאָך הייטערער געוואָרן, אָבער ליסטניצקי האָט אָנגעהויבן שווייגן און ביז אַהיים אין געדאַנק אומרחמנותדיק חוזק געמאַכט פון זיך.

אָלגאַ ניקאָלאַיעוונאַ האָט, ביי איר גאַנצער קלוגשאַפט, אויפריכטיק געגלייבט, אַז נאָך דער אויפקלערונג וועלן זיי בלייבן פריינט. אויסערלעך האָט ליסטניצקי אונטערגעהאַלטן ביי איר די־דאָזיקע זיכערקייט, אָבער אין דער נשמה האָט ער זי כמעט

פּאַראַכטעט, און אין עטלעכע טעג אַרום, כאַפּנדיק זיך ביים פּיינלעכן אויסזוכן נעגאַטיווע שטריכן אין אַלגעס כאַראַקטער און אויסערלעכקייט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער שטייט אויפן ראַנד פון אַן עכט גרויס געפיל.

עס זענען דורכגעלאָפן די טעג פון אורלויב, איבערלאָזנדיק אין באַוווסטזיין אַ פערמענטירנדיקן אָפּזאַץ. די פּריוויליקע אַר־מיי, קאָמפּלעטירט און אויסגערוט, האָט זיך געגרייט צו געבן קלעפּ; די צענטראַפּוגאַלע כוחות האָבן זי געצויגן אויף קובאַן. אינגיכן האָבן גאָרטשאַקאָוו און ליסטניצקי פאַרלאָזט נאָוואָ־טשערקאַסק.

אָלגאַ האָט זיי באַגלייט. דאָס שוואַרצע זיידענע קלייד האָט אונטערגעשטראָכן איר באַשיידענע שיינקייט. זי האָט געשמייכלט מיט פאַרוויינטע אויגן, די נישט־אָנגעשוואָלענע ליפּן האָבן צוגע־געבן איר פּנים אַ קינדישן אויסדרוק פון שמערצלעכער געריירט־קייט. אַזעלכע איז זי איינגעקריצט געבליבן אין ליסטניצקיס זכּרון. און ער האָט לאַנג און זאָרגפול, דורך אַלע זיינע בלוטיקע און שמוציקע איבערלעבונגען, אויפגעהאַלטן אין די דערינערונגען איר ליכטיק געשטאַלט, אַרומהילנדיק עס מיטן אָרעאָל פון אומדער־גרייכבאַרקייט און פאַרהערלעכונג.

אין יוני האָט די פּריוויליקע אַרמיי זיך שוין אַריינגעצויגן אין קאַמף. באַלד אין דער ערשטער שלאַכט האָט אַ שפּליטער פון אַ דרייצאָליקן גראַנאַט אויפגעריסן דעם ריטמייסטער גאָרטשאַקאָוון דעם בויך. מ'האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון דער קאַמף־ליניע. אין אַ שעה אַרום, ליגנדיק אויפן וואָגן און אָפּגייענדיק מיט בלוט און השתּנה, האָט ער געזאָגט צו ליסטניצקין:

— איך טראַכט נישט, אַז איך וועל שטאַרבן... מען וועט מיר באַלד מאַכן די אָפּעראַציע... עס איז נישטאָ קיין כלאָראָפאָרם, זאָגן זיי... עס איז נישט כּדאַי צו שטאַרבן. ווי מיינסטו?... אָבער יעדנפאַלס... זייענדיק ביים פולן געדאַנק און אַזוי ווייטער... יעווגעני, פאַרלאָז נישט לאָלען... סיי איך, סיי זי האָבן נישט קיין

עלטערן. דו ביסט – אן ערלעכער און ווילער... האב חתונה מיט איר... ווילסט נישט ?...

ער האט געקוקט אויף יעווגעניען מיט געבעט און פארצוי־טונג, זיינע באקן, וואס זענען בלוי געווען פון נישט ראזירן, האבן געציטערט. ער האט פארזיכטיק צוגעדריקט די פארבלוטיקטע און מיט ערד אויסגעשמירטע הענט צום אויפגעריסענעם בויך און גע־זאגט, אפלעקנדיק דעם ראזן שוים פון די ליפן:

– זאגסטו מיר צו ? פארלאז זי נישט... אויב די רוסישע זעלנערלעך... וועלן דיך אויך נישט אזוי צורעכט מאכן. זאגסטו מיר צו ? זי – איז א גוטע פרוי... – ער האט זיך מיאוס פאר־קרומט – פון טורגעניעווס פרויען... אצינד זענען אזעלכע נישטא... זאגסטו מיר צו ? דו שווייגסט ?

– איך זאג דיר צו.

– נו, גיי־זשע צום טייוול !... זיי געזונט !...

ער האט אנגעכאפט ליסטניצקיס האנט און זי פיבער־האפט געדריקט, דערנאך מיט אן אומגעלומפערטער, פארצוויפל־טער באוועגונג אים א שלעפ געטון צו זיך און, ציטערנ־דיק פון אנשטרענגונג, אונטערגעהויבן דעם פייכטן קאפ און זי צוגעדריקט צו ליסטניצקיס האנט מיט פארטרוקנטע ליפן. ער האט איילק זיך איבערגעדעקט דעם קאפ מיט דער פאלע פון שינעל, אוועקגעדרייט, און דער דערשיטערטער ליסטניצקי האט כלאחר־יד דערזען ווי זיינע ליפן האבן אנגעהויבן גליווערנדיק ציטערן און אויף זיין באק האט זיך באוויזן א גרויער פייכטער שטרייף.

אין צוויי טעג ארום איז גארטשאקאוו געשטארבן. נאך אין א טאג ארום האט מען ליסטניצקין אוועקגעשיקט קיין טיכארעצק מיט א שווער־פארוונדעטער לינקער האנט און זייט.

הינטער קארענאוסק האט זיך פארוויקלט א לאנגע און עקשנותדיקע שלאכט. ליסטניצקי איז מיט זיין פולק געגאנגען צוויי מאל אין אטאקע און קאנטער־אטאקע. די רייען פון זיין באַ־טאליאן האבן זיך אויפגעהויבן צום דריטן מאל. אונטערגעטריבן דורך די אויסגעשרייען פון ראטע־קאמאנדיר : „נישט לייגן זיך !"

„אָדלער, פּאָרויס!“ „פּאָרויס — פאַר דער טאַט פון קאָרנילאָוון!“ — איז ער געלאָפן איבער נישט אָפּגעשניטענעם ווייץ מיט אַ שווערן טריט, האַלטנדיק אַלס באַשיצונג מיט דער לינקער האַנט דאָס לאָפּעטקעלע איבערן קאָפּ און מיט דער רעכטער צוניפדריקנדיק די ביקס. איינמאָל האָט אַ קויל מיט אַ קלינגענדיקן פייף זיך אַ גליטש געטון איבערן אייזן פון משופּעדיקן לאָפּעטקעלע און, אויסגלייכנדיק די האַנטאַבע, האָט ליסטניצקי דערפילט אַ פריידיקן שטאָך: „פאַרבייגעפלויגן!“ דערנאָך אָבער איז זיין האַנט אָפּגעוואָרפן געוואָרן אינדערזייט דורך אַ קורצן, אומגעוויינטלעך-שטאַרקן שטויס. ער האָט אַרויסגעלאָזט דאָס לאָפּעטקעלע און פון אימפּעט, מיט אַן אומבאַשיצטן קאָפּ, אָפּגעלאָפן נאָך אַ צען קלאַפטער. ער האָט געפּרוווט נעמען די ביקס אויפן אַקסל, אָבער נישט געקאָנט אונטערהייבן די האַנט. אַ ווייטיק האָט שווער זיך אַריינגעגאָסן, ווי בליי אין אַ פאָרם, אין זיין יעדן געלענק. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין ראָוו צווישן די בייטן, עטלעכע מאָל זיך נישט באַהערשט און אויסגעשריגן. אַ צווייטע קויל האָט אים אַ ביס געטון אין דער זייט, ווען ער איז שוין געלעגן, און ער האָט פּאַמעלעך און שווער פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין.

אין טיכאָרעצק האָט מען אים אַמפּוטירט די צעשמעטערטע האַנט און אַרויסגענומען אַ שטיקל ביין פון דער זייט. ער איז געלעגן צוויי וואָכן, זיך געפּייניקט פון פאַרצווייפלונג, ווייטיק און לאַנגווייליקייט. דערנאָך האָט מען אים איבערגעפירט קיין נאָוואָטשערקאַסק. נאָך דרייסיק מאַטערנדיקע מעת-לעת אין לאַזאַרעט. די איבערבינדונגען, דערעסנע פנימער פון די שוועסטערן און דאָקטוירים, דער האַרבער ריח פון יאָד און קאַרבאָל... פון צייט-צו-צייט איז געקומען אָלגאַ ניקאָלאַיעווגאַ. אירע באַקן האָבן געהאַט אַ גרינלעך-געלע קאָליר. די טרויער-קליידונג האָט אונטערגעשטראָכן דעם נישט-אויסגעווייינטן אומעט פון די פּוסט-געוואָרענע אויגן. ליסטניצקי האָט לאַנג געקוקט אין אירע אָפּבליאַקירטע אויגן, געשוויגן, שעמעוודיק און גנביש באַהאַלטן אונטער דער קאָלדרע דעם ליידיקן אַרבל פון דער בלוזע. זי האָט כלומרשט

אומגערן זיך נאָכגעפרעגט וועגן די פּרטים פון מאַנס טויט, איר בליק האָט געבלאָנזשעט איבער די קויקעס, זי האָט אויסגעהערט צעשטרייט. זיך אויסשרייבנדיק פון לאַזאַרעט, איז ליסטניצקי גע־קומען צו איר. זי האָט אים אויפגענומען ביים גאַנעק און זיך אָוועקגעדרייט, ווען ער האָט, קושנדיק איר האַנט, נידעריק אָנגע־בויגן דעם קאָפּ מיט די געדיכטע, קורץ־געשוירענע גרויליכע האָר.

ער איז געווען זאָרגפעלטיק ראַזירט, דער עלעגאַנטער פרענטש פון האַקי־קאָליר איז געלעגן אויף אים פּאָרווורפסלאָז, ווי פריער, אָבער דער ליידיקער אַרבל האָט פיינלעך באַאומרויִקט, — פיבערהאַפט האָט זיך באַוועגט אין אים דאָס שטיקל פאַרבאַנדא־זשירטע האַנט. זיי זענען אריינגעגאַנגען אין הויז, ליסטניצקי האָט אָנגעהויבן רעדן, זיך נישט זעצנדיק:

— באָריס האָט פאַרן טויט מיך געבעטן... גענומען ביי מיר אַ צוזאָג, אַז איך וועל אייך נישט פאַרלאָזן...

— איך ווייס.

— פונוואַנען?

— פון זיין לעצטן בריוו...

— זיין פאַרלאַנג איז געווען, מיר זאָלן זיין צוזאַמען... פאַר־שטייט זיך, אויב איר וועט מסכים זיין, אויב אייך וועט געפעלן חתונה צו האָבן מיט אַן אינוואַליד... איך בעט אייך צו גלייבן... רעדן וועגן געפילן וואָלט אַצינד געווען... אָבער איך וויל אויפ־ריכטיק אייך זאָל גוט זיין...

ליסטניצקיס פאַרלוירנקייט און זיין אומגעבונדן אויפגערעגט רעדן האָבן זי גערירט.

— איך האָב געטראַכט וועגן דעם... איך בין מסכים.

— מיר וועלן אָוועקפאָרן אין גוט אַריין צו מיין פאָטער.

— גוט.

— דאָס איבעריקע קאָן מען אָרומרעדן שפּעטער.

— יאָ.

ער האָט העפלעך באַרירט מיט די ליפּן איר, ווי פאַרצעלי־

לייכטע האַנט, און ווען ער האָט אויפגעהויבן די הכנעהדיקע אויגן, האָט ער באַמערקט אַ שאָטן פון אַ שמייכל אויף אירע ליפּן.

ליבע און שטאַרקע געשלעכטלעכע תּאווה האָבן געצויגן ליסטניצקין צו אָלגען. ער האָט אָנגעהויבן פאַרברענגען ביי איר יעדן טאָג. דאָס האַרץ, מיד פון וואָכעדיקן קאַמף, האָט גע־בענקט נאָך אַ מעשהלע... און ער האָט געטראַכט וועגן זיך, ווי אַ העלד פון אַ קלאַסישן ראָמאַן, געדולדיק געזוכט ביי זיך דערהויבענע געפילן, וועלכע ער האָט קיינמאָל צו קיינעם נישט געפילט, — אפשר כּדי צו פאַרשלייערן די נאַקעטקייט פון זיין פּשוטער געשלעכטלעכער תּאווה. פונדעסטוועגן האָט דאָס מעשהלע מיט איין פליגל באַרירט דיווירקלעכקייט: נישט בלויז די גע־שלעכטלעכע תּאווה, נאָר נאָך עפּעס אַן אומגעזעצענער פאָדעם האָט אים פאַרבונדן מיט דער פרוי, וועלכע ער האָט פלוצלינג באַ־געגנט אויף זיין וועג. ער האָט אומקלאָר זיך פונאַנדערגעקליבן אין זיינע פערזענלעכע איבערלעבונגען, פילנדיק בלויז איין זאַך פעסט און באַשטימט: אַז מיט אים, דעם פאַרקריפּלטן און אַרויס־געוואָרפענעם פון דער רייע, פירט אָן דער הפקרדיקער און וויל־דער אינסטינקט — „איך מעג אַלץ". אפילו אין די צערפולע טעג, ווען אָלגע האָט נאָך געטראָגן אין זיך, ווי אַ פרוכט, די ביטער־קייט פון שווערן פאַרלוסט, האָט ער אויך, אָנגעצונדן פון אייפער־זוכט צום טויטן גאָרטשאַקאָוון, זי פאַרלאַנגט, פאַרלאַנגט אומדער־מידלעך... ווי דאָס ווילדע ווירבלען אין אַ קעסל־גרוב האָט זיך געשוימט דאָס לעבן. אין די טעג האָבן די מענטשן, וואָס האָבן געשמעקט פולווער, פאַרבלענדטע און פאַרטייבטע פון די געשעע־נישן, געלעבט האַסטיק און גיריק בלויז מיטן קעגנווערטיקן טאָג. און אפשר האָט אויך ליסטניצקי צוליב דעם זיך געאיילט צו פאַרבינדן זיין לעבן מיט אָלגעס לעבן, אומקלאָר פאַרפילנדיק די אומפאַרמיידלעכע מפּלה פון דער זאַך, פאַר וועלכער ער איז גע־גאַנגען אויפן טויט.

ער האָט מודיע געווען דעם פאָטער דורך אַן אויספירלעכן

בריוו, אַז ער האָט חתונה און וועט בקרוב קומען מיטן ווייב קיין יאַגאָדנאָיע.

„...איך האָב מיינס פאַרענדיקט. איך וואָלט נאָך ווייטער, אויך מיט דער איינציקער האַנט, געקאָנט פאַרטיליקן דאָס אויפגעבונטעוועטע ערב־רב, אָט דאָס פאַרשאָלטענע „פאָלק", אויף וועמעס גורל די רוסישע אינטעליגענץ האָט צענטליקער יאָרן געוויינט און זיך באַגאַוועוועט, אָבער, כ'לעבן, דאָס זעט מיר אַצינד אויס ווילד און זינלאָז... קראַסנאָוו קאָן נישט קומען צו קיין אויסגלייך מיט דעניקינען און אין ביידע לאַגערס — הערשט קעגנזייטיקע העצע, אינטריגע, געמיינהייט און חזירײַ. טײַלמאָל ווערט מיר אַזש אומהיימלעך. וואָס וועט אַצינד זיין? איך פאָר אַהיים אייך אַרומנעמען מיט דער איינציקער האַנט, לעבן מיט אייך צוזאַמען און פון דער זייט זיך צוקוקן צום קאַמף. איך בין שוין נישט קיין זעלנער, נאָר אַ קאַליקע, פיזיש און גייסטיק. איך בין מיד, איך קאַפּיטולירט. מסתמא איז דאָס טיילווייז אויך די סיבה פון מיין חתונה־האָבן און שטרעבן צו דערגרייכן „אַ שטילן האַפן", — האָט ער פאַרענדיקט דעם בריוו מיט אַ טרויעריק־איראָנישן צושריפט.

דאָס אַוועקפאָרן קיין נאָוואָטשערקאַסק איז באַשטימט געוואָרן אויף דער אַנדערער וואָך. עטלעכע טעג פאַרן אַוועקפאָרן האָט ליסטניצקי אינגאַנצן זיך איבערגעצויגן צו דער גאָרטשאַקאָווע. נאָך דער נאַכט, וואָס האָט זיי דערנענטערט, איז אָלגאַ אַזוי ווי אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, אומעטיק געוואָרן. זי איז אויך שפּעטער אַקעגנגעקומען זיינע פאַרלאַנגען, אָבער שווער זיך געפייניקט פון דער געשאַפענער לאַגע און אין דער נשמה זיך געפילט באַליידיקט. ליסטניצקי האָט נישט פאַרשטאַנען אָדער נישט געוואָלט פאַרשטיין, אַז מיט אַ באַזונדערער מאָס דאַרף מען מעסטן דאָס געפיל פון ליבע, וואָס פאַרבינדט זיי, אָבער מיט איין מאָס — די פיינטשאַפט.

ביז זיין אַוועקפאָרן האָט יעווגעני געטראַכט וועגן אַקסיניען אומגערן, בלויז צופעליק. ער האָט זיך פאַרשטעלט פון די געדאַנקען וועגן איר, ווי מיט דער האַנט פאַר דער זון. אָבער קעגן

זיין ווילן האָבן די זכרונות פון דערדאָזיקער פאַרבינדונג, וואָס איז אין משך פון די יאָרן אויסגעוואַקסן צו אַ פעסטן בונד. אַלץ עקשנותדיקער — ווי שטרייפן ליכט — זיך אָנגעהויבן דורכזייען און אים באַאומרויִקן. איינמאָל האָט ער שוין אַ טראַכט געטון: „איך וועל נישט איבעררייסן מיט איר". זי וועט מסכים זיין. אָבער דאָס געפיל פון אָרנטלעכקייט האָט גובר געווען, — ער האָט באַשלאָסן נאָכן קומען זיך דורכצושמועסן, און אויב עס וועט זיין אַ מעגלעכקייט, — זיך צו שיידן.

זיי זענען אָנגעקומען קיין יאַגאָדנאָיע דעם פערטן טאָג פאַרנאַכט־צו. דער אַלטער הער האָט אָפּגעוואַרט דאָס יונגע פּאָר אַ וויאָרסט פון גוט. יעווגעני האָט דערזען נאָך פון ווייטנס, ווי דער פאָטער האָט שווער אַריבערגעהויבן דעם פוס איבערן געזעס פון דער רייט־בריטשקע און אַראָפּגענומען דעם הוט.

— איך בין אַרויסגעפאָרן אַקעגן די טייערע געסט. נו, לאָמיך אייך נאָר אָנקוקן... — האָט ער אַ הודזשע געטון מיט זיין באַס, אומגעלומפערט אַרומנעמענדיק די שנור און שטעכנדיק אירע באַקן מיט זיינע בערשטל־וואָנסעס, וואָס זענען גרין געווען פון רייכערן.

— זיצט אויף מיט אונז, פאָטער! קוטשער, פאָר! אַ, זיידע סאַשקאַ, וואָס מאַכט איר! איר לעבט? זעצט אייך אויף מיין אָרט, פאָטער. איך וועל מיך זעצן לעבן קוטשער.

דער אַלטער האָט זיך געזעצט לעבן אַקסיניען, מיטן טיכל אָפּגעווישט די וואָנסעס און איינגעהאַלטן, מיט געמאַכטער וווילעדישקייט באַטראַכט דעם זון.

— נו, וואָס מאַכסטו, ליבינקער?

— עס פרייט מיך זייער אייך צו זען!

— אַן אינוואַליד, זאָגסטו?

— וואָס־זשע קאָן מען טון? אַן אינוואַליד.

דער פאָטער האָט מיט געמאַכטער גלייכגילטיקייט געקוקט אויף יעווגעניען, זיך באַמיט דורך דער שטרענגקייט צו פאַרבאָרגן דעם אויסדרוק פון מיטגעפיל, אויסמיידנדיק צו קוקן אויפן

ליידיקן אַרבל פון מונדיר, וואָס איז פאַרשטעקט געווען הינטערן פאַסעק.

— נישקשה, איך בין שוין געוווינט — יעווגעני האָט אַ הייב געטון מיט אַן אַקסל.

— אוודאי וועסטו געוווינט ווערן, — האָט דער פאָטער גלייך מסכים געווען, — אַבי דער קאָפּ איז גאַנץ. איז מיט דער וואַפנשילד... האַ? מיט דער וואָפנשילד, זאָג איך, האָסטו דיך אומגעקערט. און דערצו נאָך אפילו מיט אַ שיינער געפאַנגענער?

יעווגעני האָט זיך געקוויקט מיטן פאָטערס ראַפינירטער, עטוואָס געעלטערטער עלעגאַנץ, מיט די אויגן געפרעגט ביי אַלגען: „נו, ווי געפעלט דיר דער אַלטער?" און לויטן הייטערן שמייכל, לויט דער וואַרעמקייט, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון אירע אויגן, אָן ווערטער פאַרשטאַנען, אַז דער פאָטער איז איר געפעלן.

די גרויסע פלינקע פערד האָבן שנעל געטראָגן די ברישקע באַרג-אַרויף. פון באַרג האָט מען דערזען די בנינים, די גרינע צעפּאַטלטע גריווע פון וועלדל, די ווייסע ווענט פון הויז, די קלאָנען, וואָס האָבן פאַרשטעלט די פענסטער.

— ווי שיין דאָ איז! אַך, ווי שיין! — האָט אַלגאַ זיך באַגייסטערט.

פון הויף, הויך שפרינגענדיק, זענען געלאָפן פיר שוואַרצע כאַרטן. זיי האָבן אַרומגערינגלט די בריטשקע. דער זיידע סאַשקאַ האָט מיט דער בייטש הינטערוויילעכטס אַ שמיץ געטון איינעם, וואָס איז צוגעשפּרונגען צו נאָענט, מיט רוגזה אויסגעשריגן:

— אונטער די רעדער קריכסטו, טיי-וו-ל! אַוועק!

יעווגעני איז געזעסן מיטן רוקן צו די פערד; זיי האָבן אַלעמאָל געפּאָרסקעט; דער ווינט האָט צוגעברענגט דאָס שפּריצן פון זייערע נאָזלעכער, וואָס איז אין דראָבנע טראָפּנס געפאַלן אויף זיין האַלז.

ער האָט געשמייכלט, געקוקט אויפן פאָטער, אויף אַלגען, אויפן וועג, וואָס איז אויסגעזייעט געווען מיט זאַנגען, אויפן

בערגל, וואָס האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן, פאַרשטעלנדיק דאָס ווייטע הויכלאַנד מיטן האָריזאָנט.

— ווי רויִק דאָ איז! און ווי שטיל...

אָלגאַ האָט מיט אַ שמייכל באַגלייט די גאַפּעס, וואָס זענען שווייגנדיק געפלויגן איבערן וועג, די קוסטעס, וואָס זענען געלאָפן צוריק.

— מען איז אַרויסגעקומען אַקעגן אונז. — דער אַלטער הער האָט פאַרזשמורעט די אויגן.

— ווער?

— די הויף-דינערשאַפט.

יעווגעני האָט זיך אומגעקוקט, נאָך נישט דערקענט די פּנימער פון די שטייענדיקע, אָבער שוין געפילט אין איינער פון די פרויען אַקסיניען און שטאַרק רויט געוואָרן. ער האָט זיך גערעכט, אַז אַקסיניעס פּנים וועט זיין אויפגערעגט, אָבער ווען די בריטשקע איז שנעל צוגעפאָרן צום טויער און ער האָט מיט ציטערניש אין האַרץ אַ קוק געטון רעכטס און דערזען אַקסיניען, — האָט אים איבערראַשט איר פּנים, דאָס איינגעהאַלטן-פריילעכע און שמייכלענדיקע. ביי אים איז ווי אַ משא אַראָפּגעפאַלן פון די אַקסלען, ער האָט זיך באַרויִקט, אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ צום באַגריסן.

— וואָס פאַר אַ פאַרריסענע שיינהייט! ווער איז דאָס?... זי איז רייצנד שיין, נישט אמת? — אָלגאַ האָט מיט באַגייסטערטע אויגן אָנגעוויזן אויף אַקסיניען.

אָבער יעווגעני האָט שוין צוריק געווינען דעם מוט; ער האָט רויִק און קאַלט מסכּים געווען:

— יאָ, אַ שיינע פרוי. דאָס איז אונזער הויז-פרוי.

אָלגאַס אָנוועזנהייט האָט אין הויז אָוועקגעלייגט איר חותם אויף אַלעם. דער אַלטער הער, וואָס פלעגט פריער גאַנצע טעג אַרומגיין איבער די צימערן אין נאַכט-העמד און אין די וואַרעמע געשטריקטע גאַטקעס, האָט אַצינד באַפוילן אַרויסצונעמען פון די

קופּעדטס די סורדוטן מיט די לאַנגע גענערעלישע הויזן, וואָס זענען געווען דורכגעזאַפּט מיטן ריח פון נאַפטאַלין. פריער גלייכגילטיק צו אַלעם, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו זיין פּערזאָן, האָט ער אַצינד געשריגן אויף אַקסיניען פאַרן מינדסטן קנייטשעלע אויף דער געפּרעסטער וועש און געמאַכט שרעקלעכע אויגן, ווען זי האָט אים אינדערפרי דערלאַנגט די שטיוול, נישט אָפּגעפּוצטע. ער איז פרישער געוואָרן און אָנגענעם פאַרוונדערט יעווגעניען מיטן גלאַנץ פון די שטענדיק-ראַזירטע באַקן.

אַקסיניאַ האָט זיך באמת געגוגן צו טון דער יונגער באַלעבאָסטע, ווי זי וואָלט פאַרגעפילט עפּעס שלעכטס. זי איז געווען זייער אונטערטעניק און איבערמעסיק געפעליק. לוקעריאַ איז ממש געקראָכן פון דער הויט אָפּצוקאָכן וואָס בעסער דאָס מיטאָג און איבערגעשטיגן זיך אַליין מיטן אויסטראַכטן אַלץ באַטעמטערע סאָסן און נייע געריכטסן. די ווירקונג פון די פאַרגעקומענע ענדערונגען אין יאַגאָדנאָיע האָט אויך אָנגערירט דעם זיידן סאַשקאַ, וואָס האָט זיך שוין געהאַט איינגאַנצן אָפּגעלאָזט און שטאַרק געעלטערט געוואָרן. איינמאָל האָט אים דער אַלטער באַגעגנט ביים גאַנעק, באַטראַכט פון קאָפּ ביז פיס און בייז-דראָענדיק אַ רוף געטון מיטן פינגער.

— וואָס-זשע איז דאָס מיט דיר, דו הינטישער זון ? האַ ? — דער אַלטער האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר שרעקלעכע אויגן. — אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד זענען ביי דיר די הויזן ? האַ ?

— נו, אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד ? — האָט דער זיידע סאַשקאַ עזותדיק געענטפערט, אָבער אַליין געווען לייכט פאַרוונדערט סיי פון דער אומגעוויינטלעכער פראַגע, סיי פון באַלעבאָס' ציטערנדיקן קול.

— אין הויז געפינט זיך אַ יונגע פרוי, און דו, כאַם, ווילסט מיך אין קבר אַריינטרייבן ? פאַרוואָס פאַרקנעפּלסטו דיר נישט דעם קראָק, באָק פאַרשטונקענער ! נו ? !...

דעם זיידע סאַשקעס ברודיקע פינגער האָבן זיך צוגערירט צו די הויזן און דורכגעלאָפן איבער דער לאַנגער רייע האַרטע

קנעפּ, ווי איבער די קלאַווישן פון אַ קלאַנגלאָזער האַרמאָשקע. ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס עזותדיקס זאָגן דעם באַלעבאָס, נאָר יע־נער האָט, ווי אין דער יוגנט, אַ טופּע געטון מיטן פוס, אַזוי, אַז די פאַדעשווע פון שפּיציקן אַלטמאָדישן שטיוול איז אָפּגעשפּרונגען, און ער האָט בייז אויסגעשריגן:

— אין שטאַל אַריין! מאַרש! איך וועל לוקעריען הייסן דיך מיט אַקריפּ אָפּקרעלן! די בלאָטע קראַץ אָפּ פון דיר, פּערדישע בהמה!

יעווגעני האָט אָפּגערוט, אַרומגעבלאָנזשעט מיט דער ביקס איבער די יאַרן, אַרום די אָפּגעשניטענע הירזש־פעלדער געשאָסן קוראָפּאַטוועס. בלויז איין זאַך האָט אים באַאומרויִקט: די פראַגע וועגן אַקסיניען. אָבער איינמאָל אינאָוונט האָט דער פאָטער אַריינ־גערופן צו זיך יעווגעניען; פאַרזיכטיק קוקנדיק אויף דער טיר און אויסמיידנדיק זיך צו באַגעגענען מיט די אויגן, האָט ער אָנ־געהויבן רעדן:

— איך, זעסטו... דו וועסט מיר מוחל זיין מיין אַריינמישן זיך אין דיינע פּערזענלעכע אינטערעסן. נאָר איך וויל וויסן, וואָס דו טראַכסט צו טון מיט אַקסיניען?

די אייליקייט, מיט וועלכער יעווגעני האָט אָנגעהויבן פאַר־רייכערן, האָט אים פאַרראַטן. ער איז ווידער רויט געוואָרן, ווי אין טאָג פון זיין קומען, און פילנדיק דאָס, איז ער נאָך מער רויט געוואָרן.

— איך ווייס נישט... איך ווייס פּשוט נישט... — האָט ער אָפנהאַרציק מודה געווען.

דער אַלטער האָט ערנסט געזאָגט:

— איך ווייס יאָ. גיי און שמועס דיך שוין דורך מיט איר. לייג איר פּאָר געלט, אַ פאַרגיטיקונג, — האָט ער אַ שמייכל געטון אין ווינקל פון דער וואָנסע, — בעט, זי זאָל אַוועקפאָרן. מיר וועלן געפינען אַ צווייטע אויף איר אָרט.

יעווגעני איז גלייך אַוועקגעגאַנגען אין צימער אַריין פון דער דינערשאַפט.

אַקסיניאַ איז געשטאַנען מיטן רוקן צו דער טיר און גע־קנעטן טייג. אויף אירע פּלייצעס, מיטן דייטלעכן ראָוויקל אינמיטן, האָבן זיך באַוויגן די אַקסלביינער, אויף די טונקעלע דיקע הענט, מיט די פאַרשאַרצטע אַרבל איבער די עלנבויגנס, זענען אונטער־געשפּרונגען די מוסקולן. יעווגעני האָט אַ קוק געטון אויף איר האַלז מיט די געלאָקטע ווייכע האָר און געזאָגט:

— אַקסיניאַ, איך וועל אייך בעטן אויף אַ מינוט.

זי האָט זיך שנעל אויסגעדרייט, באַמיִעענדיק זיך צוצוגעבן איר אויפגעלויכטן פּנים אַן אויסדרוק פון געפעליקער גלייכגילטי־קייט. אָבער יעווגעני האָט באַמערקט, ווי אירע פינגער האָבן גע־ציטערט, אַראָפּלאָזנדיק די אַרבל.

— איך גיי שוין. — זי האָט געוואָרפן אַ דערשראָקענעם בליק אויף דער קעכין און, נישט זייענדיק בכוח גובר צו זיין די פרייד, נאָכגעגאַנגען יעווגעניען מיט אַ גליקלעכן בעטנדיקן שמייכל.

אויפן גאַנעק האָט ער איר געזאָגט:

— מיר וועלן אַריינגיין אין סאָד, מיר דאַרפן זיך דורכ־שמועסן.

— קומט, — האָט זי דערפרייט און הכנעהדיק מסכים גע־ווען, מיינענדיק, אַז דאָס איז אַן אָנהייב פון די פריערדיקע באַ־ציִונגען.

אויפן וועג האָט יעווגעני מיט אַ האַלב קול געפרעגט:

— דו ווייסט נאָכוואָס איך האָב דיך גערופן?

זי האָט אַ שמייכל געטון אין דער פינסטער, אָנגעכאַפּט זיין האַנט, אָבער ער האָט זי האַסטיק באַפרייט, און אַקסיניאַ האָט אַלץ פאַרשטאַנען. זי איז שטיין געבליבן.

— וואָס האָט איר געוואָלט, יעווגעני ניקאָלאַיעוויטש? ווי־טער וועל איך נישט גיין.

— גוט, מיר קאָנען זיך דורכשמועסן אויך דאָ. קיינער הערט אונז נישט... — יעווגעני האָט זיך געאיילט, געפּלאָנטערט אין דער אומגעזעענער נעץ פון ווערטער. — דו דאַרפסט מיך

פארשטיין, אצינד קאָן איך שוין נישט ווי פריער... איך קאָן נישט לעבן מיט דיר... דו פארשטייסט? אצינד האָב איך דאָך שוין חתונה געהאַט, און ווי אַן אָרנטלעכער מענטש, קאָן איך נישט טון קיין געמיינהייט... די פליכט פון געוויסן דערלויבט נישט... — האָט ער געזאָגט, פיינלעך זיך שעמענדיק צוליב זיינע הויכע פראַזן.

די נאַכט איז נאָר-וואָס אָנגעקומען פון פינסטערן מזרח. אויף מערב האָט זיך נאָך געדרייטלט אַ שטיקל הימל, אָנגעצונדן פון דער שקיעה. אין שייער האָט מען געדרעשעט ביי לאָמטערן, אויסנוצנדיק דאָס לינדע וועטער, — דאָרט האָט האַסטיק און שטאַרק געקלאַפּט דער דופק פון דער מאַשין און עס האָבן טומלדיק גערעדט די אַרבעטער; דער דרעשער, וואָס האָט אומאויפהערלעך געקאָרמעט די הונגעריקע דרעש-מאַשין, האָט געשריגן מיט אַ הייזעריק-גליקלעך קול: „דערלאַנג! דערלאַנג! דערלאַ-אַ-אַנג!" אין סאַד איז צייטיק געוואָרן די שטילקייט. עס האָט געשמעקט מיט קראָפּיווע, מיט ווייץ, מיט טוי.

אַקסיניאַ האָט געשוויגן.

— וואָס ווילסטו זאָגן? וואָס-זשע שווייגסטו, אַקסיניאַ?

— איך האָב גאָרנישט וואָס צו זאָגן.

— איך וויל דיר געבן געלט, דו מוזסט אַוועקפאָרן פונדאַנען, איך מיין, דו וועסט מסכים זיין... מיר וועט שווער זיין דיך כסדר צו זען.

— אין אַ וואָך אַרום ענדיקט זיך מיין חודש. איך מעג צודינען?

— אוודאי, אוודאי!

אַקסיניאַ האָט געשוויגן אַ ווײַלע, דערנאָך עפּעס זייטיק, אומדרייסט, ווי אַ געשלאָגענע, זיך דערנענטערט צו יעווגעניען און געזאָגט:

— נו, מילא, וועל איך שוין גיין... וועסט צום סוף נישט קיין מיטלייד האָבן? די בענקשאַפט האָט אַזוי געווירקט אויף מיר, ווי איך וואָלט קיין געוויסן נישט געהאַט... איך האָב

מיך דאָ שרעקלעך געפּייניקט אַליין... פאַראורטייל מיך נישט, זשעניאַ.

איר קול איז געוואָרן קלינגענדיק און טרוקן. יעווגעני האָט אומזיסט זיך באַמיט צו פאַרשטיין, צי זי רעדט ערנסט אָדער שפּאַסט.

— וואָס ווילסטו?

ער האָט פאַרדראָסיק אַ הוסט געטון און פּלוצלינג פאַרשטאַנען, אַז זי זוכט ווידער אומדרייסט זיין האַנט...

אין פינף מינוט אַרום איז ער אַפּערגעגאַנגען פון הינטער אַ נאַסן שמעקעדיקן קוסט ווײַנפּערלעך, צוגעגאַנגען צו די שטאַכעטן פון גאַנעק, און רויכערנדיק מיטן פּאַפּיראָס, לאַנג מיטן נאָז־טיכל זיך געווישט די הויזן אויף די קני,ען, וואָס זענען גרין געוואָרן פון זאַפטיקן גראָז.

אַרויפגייענדיק אויפן גאַנעק, האָט ער זיך אומגעקוקט. אין צימער פון דער דינערשאַפט, אין געלן ליכט פון פענסטער, האָט זיך געזען אַקסיניעס שלאַנקע פיגור, — זי האָט מיט פאַרהויבענע הענט זיך גלייך געמאַכט די האָר, געקוקט אויפן פייער און גע־שמייכלט...

VI

עס איז צייטיק געוואָרן דאָס פעדער־גראָז. דער סטעפּ האָט אויף אַ סך וויאָרסטן זיך אָנגעטון אין צעוויגטן זילבער. דער ווינט איז אָנגעלאָפן און עס שטייף געבויגן. געשויבערט, געבערגלט, געטריבן דאָ אויף דרום, דאָ אויף מערב די גרוי־אָפּאַלענע כוואַליעס. דאָרט, וווּ דער פליסיקער לופט־שטראָם האָט זיך דורכגעטראָגן, האָט דאָס פעדער־גראָז תּפילהדיק זיך געבויקט און אַ טונקעלער שטעג איז לאַנג אויף זיין גרויען רוקן געלעגן.

עס האָבן אָפּגעבליט די פאַרשידנקאָלירטע גראָזן. אויף די בערגלעך האָט אומעטיק געוועלקט דער פון זון פאַרברענטער

ווערמוט. די קורצע נעכט זענען שנעל פאַרגאַנגען. אין די נעכט האָבן פון קויל־שוואַרצן הימל געפינקלט אומצייליקע שטערן; די לבנה — די קליינע קאָזאַקישע זון, — האָט מיטן טונקל־אָפּגע־בראָכענעם ראַנד געלויכטן קאַרג, בלייך; דער רחבותדיקער שליאַך פון מילך־וועג האָט זיך פאַרפלאָכטן מיט אַנדערע שטערן־וועגן, די האַרבע לופט איז געווען געדיכט, דער ווינט טרוקן, דורכגענומען מיט אַ ריח פון פיאָלון; די ערד, אָנגעזאַפּט מיט דער ביטערקייט פון אומעטום צעוואַקסענעם פיאָלון, האָט געלעכצט נאָך קילקייט. עס האָבן געשימערט די שטאָלצע שטערן־שליאַכן, נאָך נישט באַרירטע פון קיין קאָפּיטע, פון קיין מענטשלעכן טריט; דער אויסגעזייעטער שטערן־ווייץ איז פאַרלוירן געגאַנגען אויפן טרוקענעם שוואַרצערדיקן הימל, נישט אויפגייענדיק און דערפריי־ענדיק דאָס אויג מיט זיין וואַקסן; די לבנה — אַ פאַרדאַרטע זון־רויז, אין סטעפּ — טרוקעניש, פאַרברענט גראָז, און אינדערהייך, דאָס ווייסע אומאויפהערלעכע זילבערנע געטשוויטשעריי פון די וואַכטלען און מעטאַלענע קלינגען פון די פעלד־גרילן.

אין די טעג — חמימה, דושנעקייט, שטויביקער נעפּל. אין דער אָפּבליאַקירטער בלויקייט פון הימל — די אומרחמנותדיקע זון און בלוילעך־שטאָלערנע האַלב־קרייזן פון די פליגל פון אַ גייער. איבערן סטעפּ לייכט אומדערטרעגלעך־בלענדנדיק דאָס פעדער־געוויקס, עס רויכערט זיך דאָס גרויע הייסע גראָז פון קעמל־קאָליר; דער גייער שווימט זייטיק אין דער בלויקייט, — אונטן איבערן גראָז גליטשט זיך שטיל זיין גרויסער שאָטן.

די פעלד־מייז פּיפּן יעמערלעך און הייזעריק. אויף די גע־לע וואַרימע בערגלעך פון די נאָרעס דרימלען די באָבאַקעס. דער סטעפּ איז הייס, אָבער טויט, און די אַרומיקייט איז דורכזיכטיק־אומבאַוועגלעך. אפילו דאָס בערגל אויפן האָריזאָנט איז אויך לע־געגדאַר איינגעהילט אין בלויער פאַרנעפּלטקייט און זעט אויס, ווי עס וואָלט געשלאָפן...

סטעפּ, דו היים מיינע! ביטערער ווינט, פאַרפלאָנטערט אין די גריוועס פון די טאַבון־פערד. די טרוקענע פערדישע נאָזלעכער

זענען געזאַלצן פון ווינט און, אַריינאָטעמענדיק דעם ביטער־געזאַלצענעם ריח, קייעט דאָס פערד מיט זיידענע ליפן און הירזשעט, פּיילנדיק אויף זיי דעם טעם פון ווינט און זון. היימישער סטעפּ אונטערן נידעריקן דאָנער הימל! קרומע היילן, טרוקענע טאָלן, רויט־ליימיקע יאַרן, אומענדלעכע שטחים פון פעדער־גראָז און פאַרוואַקסענע שפּורן פון פערדישע קאָפּיטעס, בערגלעך אין קלוגן שטילשווייגן, וואָס היטן דעם באַגראָבענעם קאָזאַקישן רום... נידעריק נייג איך מיך און קוש, ווי אַ זון, דיין ערד, דאָנער, מיט קאָזאַקישן בלוט באַגאָסענער, סטעפּ!

ער האָט אַ קליינעם דאַרן שלאַנגיקן קאָפּ. די אויערן זענען קליין, אומבאַוועגלעך. די ברוסט־מוסקולן — מעכטיק אַנטוויקלט. די פּיס — דינע, שטאַרקע, די קנעכלעך אָן אַ פעלער, די קאָפּיטעס געטאָקט, ווי פון קיזל־שטיין. די היפטן — עטוואָס שיף, דער ווינדל — כוואַליענדיק. ער — איז אַ ראַסיקער דאָנער. נאָך ווייניק: ער איז פון אַן איידעלער ראַסע, אין זיינע אָדערן פליסט נישט קיין טראָפּן צוגעמישט בלוט. און דאָס זעט זיך אין אַלעם. ער הייסט — מאַלברוק.

ביים טרינקען האָט ער פאַרטיידיקט זיין קאָבילע און זיך געשלאָגן מיט אַ צווייטן, שטאַרקערן און עלטערן אָגער, און יענער האָט אים אַ שטאַרקן קלאַפּ געטון אין לינקן פעדערשטן פוס, נישט געקוקט דערויף, וואָס אויף דער פּאַשע זענען די אָגערס נישט געקאָוועט. זיי האָבן זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פּיס, געביסן איינער דעם אַנדערן, זיך געשלאָגן מיט די פעדערשטע פּיס, געריסן די הויט אויף זיך....

דער טאַבון־וועכטער איז נישט געווען נאָענט, — ער איז געשלאָפן אין סטעפּ מיטן רוקן קעגן דער זון און צעשפּרייטע פיס אין די פאַרשטויבטע אָנגעהיצטע שטיוול. דער קעגנער האָט אומגעוואָרפן מאַלברוקן אויף דער ערד, דערנאָך אים ווייט־ווייט אַוועקגעטריבן פון טאַבון און, איבערלאָזנדיק אים דאָרט

אַן אָפּגייענדיקן מיט בלוט, פאַרנומען ביידע טאַבונען און זיי אוועקגעפירט לענגאויס דעם זומפּיקן טאָל.

דעם פאַרוווּנדעטן אָבער האָט מען אוועקגעשטעלט אין שטאַל, דער פעלדשער האָט אים אויסגעהיילט דעם צעקלאַפּטן פוס. און אויפן זעקסטן טאָג, קומענדיק מיט אַ באַריכט צום אויפזעער, האָט מישקאַ קאָשעוואָי זיך צוגעזען ווי אַזוי מאַלברוק, געטריבן פון מעכטיקן אינסטינקט אַלס פאָרפלאַנצער פון זיין מין, האָט איבערגעביסן דעם רעמעט און אַרויסגעשפּרונגען פון דער פאַרצוימונג. ער האָט פאַרכאַפּט די געפּענטעטע קאָבילעס, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט פאַר דער קאַזאַרמע און געדינט צום רייטן פאַר די טאַבון-וועכטער, אויפזעער און פעלדשער, און זיי אוועקגעטריבן אין סטעפּ אַריין — פריער פּאַמעלעך, דערנאָך אַלץ שנעלער, בייסנדיק די הינטערשטעליק-געבליבענע. די טאַבון-וועכטער און דער אויפזעער זענען אַרויסגעלאָפן פון דער קאַזאַרמע. זיי האָבן בלויז געהערט, ווי די פּענטעס אויף די קאָבילעס האָבן הילכיק געפּלאַצט.

— ער האָט אונז צוגענומען די פערד, דער פאַרשאָלטענער!...

דער אויפזעער האָט געזידלט, אָבער נאָכגעקוקט די דערווייטערטע פערד, נישט אָן פאַרבאָרגענער צופרידנקייט.

אינמיטן טאָג האָט מאַלברוק צוריקגעברענגט די פערד צום טרינקען. די טאַבון-וועכטער האָבן צוגענומען ביי אים די קאָבילעס, און אים אַליין האָט מישקאַ אָנגעזאָטלט, אוועקגעפירט אין סטעפּ אַריין און אַריינגעלאָזט אין פריערדיקן טאַבון.

אין משך פון די צוויי חדשים דינסט אַלס טאַבון-וועכטער האָט קאָשעוואָי אויפמערקזאַם אויסשטודירט דאָס לעבן פון די פערד אויף דער פּאַשע; אויסשטודירט און זיך דורכגעדרונגען מיט טיפער אַכטונג צו זייער שכל און נישט מענטשלעכער איידלקייט. פאַר זיינע אויגן איז פאָרגעקומען דאָס באַדעקן די קאָבילעס, און דערדאָזיקער אייביקער אַקט, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אויפן אוראַלטן אופן, איז געווען אַזוי נאַטירלעך-צניעותדיק און פשוט, אַז נישט ווילנדיק איז אין קאָשעוואָיס געדאַנק אויסגעפאַלן דער פאַרגלייך נישט לטובֿת די מענטשן. אָבער אין די

באַציִונגען פון די פערד איז געווען אויך אַ סך מענטשלעכס. מישקאַ האָט למשל באַמערקט, אַז דער אַלטער אָגער באַכאַר, וואָס איז אומגעווייניטלעך רשעותדיק און גראָב אין דער באַציִונג צו די קאָזאַקעס, האָט אויסגעטיילט איין קאַשטאַנעוואַטע פּיריעריקע שייַנהייט מיט אַ ברייט פלעמל אויפן שטערן און הייסע אויגן. ער איז תּמיד לעבן איר געווען אומרויִק און שטאַרק אויפגערעגט, תּמיד זי באַשמעקט מיט אַ באַזונדער איינגעהאַלטן און לײַדנשאַפטלעך שנאָרכען. ער האָט אין דער פאַרצוימונג תּמיד ליב געהאַט אַרויפצולייגן זיין בייזן קאָפּ אויפן רוקן פון דער געליבטער קאָבילע און אַזוי לאַנג דרימלען. מישקאַ האָט זיך צוגעקוקט צו אים זייטיק, געזען ווי אונטער דער דינער הויט פון אָגער ציטערן פלעגמאַטיש די בינטלעך מוסקולן, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז באַכאַר האָט ליב דידאָזיקע קאָבילע מיט אַ זקנישער, הילפלאָז-שטאַרקער און טרויעריקער ליבע.

געדינט האָט קאָשעוואָי רעכטספאַרטיק. די ידיעה וועגן זיין טיכטיקייט איז, אַפּנים, דערגאַנגען צום אַטאַמאַן פון דער סטאַניצע, און אין די ערשטע טעג פון אויגוסט האָט דער אויפזעער באַקומען אַ באַפעל אָפּצוקאָמאַנדירן קאָשעוואָיען צו דער דיספּאָזיציע פון דער סטאַניצע-מאַכט.

מישקאַ האָט זיך שנעל פאַרפּאַקט, אָפּגעגעבן די רעגירונגס-זאַכן און אין זעלבן טאָג פאַרנאַכט אַוועקגעריטן אַהיים. ער האָט כּסדר אונטערגעטריבן זיין קאָבילקע. מיטן זון-פאַרגאַנג שוין אָנגעקומען קיין קאַרגין און דאָרט אויפן בערגל דעריאָגט אַ וואָגן, וואָס איז געפאָרן אין דער ריכטונג פון וויעשענסק.

דער פורמאַן, אַן אוקראַינער, האָט אונטערגעטריבן די זאַטע פערד. אויפן הינטערשטן געזעס פון דער רעסאָרן-בריטשקע איז געזעסן אויסגעלייגט אַ ציוויליער ברייט-פלייציקער מאַנספּערשוין אין אַ סורדוט פון שטאָטישן פאַסאָן און גרויען פילצענעם הוט פאַררוקט אויפן נאַקן. אַ געוויסע צייט איז מישקאַ נאָכגעריטן פון הינטן, קוקנדיק אויף די שיפּע אַקסלען פון דעם מענטש אין הוט, וואָס האָבן אונטערגעציטערט צוליבן טרייסלען זיך פון דער

בריטשקע און אויפן ווייסן פאַרשטויבטן פּאָסיקל פון קאָלנער. ביי די פיס פון פּאַסאַזשיר איז געלעגן אַ געלער סאַקוואַיאַזש און אַ זאַק, צוגעדעקט מיט אַן איינגעלייגטן פּאַלטן. דער אומבאַקאַנטער ריח פון ציגאַר האָט שאַרף געקיצלט מישקעס נאָזלעכער. „עפּעס אַ באַאַמטער פאָרט אין דער סטאַניצע אַריין" — האָט מישקאַ אַ טראַכט געטון, אויסגלייכנדיק די קאַבילע מיט דער בריטשקע. ער האָט זייטיק אַ קוק געטון אונטערן ראַנד פון הוט און האַלב-געעפנט דאָס מויל, פילנדיק ווי פון שרעק און גרויס פאַרוווּנדערונג הייבן אָן לויפן מוראַשקעס איבער זיין רוקן; אין דער בריטשקע איז געלעגן אויסגעלייגט סטיעפּאַן אַסטאַכאָוו, קייענדיק אומגעדולדיק דאָס שוואַרצע שטיקל ציגאַר, זשמורענדיק די דרייסטע העלע אויגן. נישט גלייבנדיק זיך אַליין, האָט מישקאַ נאָכאַמאָל באַטראַכט דאָס באַקאַנטע מאָדנע-געענדערטע פּנים פון לאַנדסמאַן, ענדגילטיק זיך איבערצייגט, אַז די רעסאָרן וויגן טאַקע דעם לעבעדיקן סטיעפּאַנען און, באַדעקנדיק זיך מיט שווייס פון אויפרעגונג, אַ הויסט געטון:

— אַנטשולדיקט, העה, איר זענט נישט אַמאָל אַסטאַכאָוו?

דער מענטש אין דער בריטשקע האָט מיט אַ באַוועגונג פון קאָפּ אַראָפּגערוקט דעם הוט אויפן שטערן, זיך אויסגעדרייט און אויפגעהויבן די אויגן אויף מישקען.

— יאָ, אַסטאַכאָוו. וואָס איז דען? און איר... שטיי נאָר, דו ביסט דאָך, דאַכט זיך, — קאָשעוואָי? — ער האָט זיך אונטערגעהויבן, געשמייכלט בלויז מיט די טונקעלע ליפּן פון אונטער די צוגעשוירענע קאַשטאַנעוואַטע וואָנסעס אָפּער און, דערהאַלטנדיק אין די אויגן און אין גאַנצן פּנים דעם אויסדרוק פון נישט-צוטריטלעכער שטרענגקייט, מיט צעשטרייטער פריידיקייט אויסגעשטרעקט די האַנט. — קאָשעוואָי? מיכאַיל? אָט וועמען איך זע!... עס פרייט מיך זייער...

— ווי אַזוי-זשע איז דאָס אָבער? ווי אַזוי-זשע? — מישקאַ האָט נאָכגעלאָזט די לייצן, מיט פאַרוווּנדערונג צעשפּרייט די

הענט. — מען האָט דאָך געזאָגט, אַז מען האָט דיך דערהרגעט. איך קוק: ס'איז אַסטאַכאָוו...

מישקאַ האָט זיך צעבליט אין אַ שמייכל, נישט געקאָנט רויִק איינזיצן אין זאָטל, אָבער סטיעפּאַנס אויסערלעכקייט, זיין קלאָרע שפּראַך האָבן אים אַריינגעבּרענגט אין פאַרלעגנהייט. ער האָט געענדערט די באַציִונג און דערנאָך די גאַנצע צייט פון שמועס זיך געווענדט צו אים אויף „איר", פילנדיק אומקלאָר עפּעס אַן אומגעזעענע גרענעץ, וואָס צעטיילט זיי.

צווישן זיי האָט זיך פאַרבונדן אַ שמועס. די פערד זענען געגאַנגען טריט־ביי־טריט. אויף מערב האָט הערלעך געבליט דער זון־פאַרגאַנג, אין הימל זענען געשוווּמען פאַרנאַכטיקע לאַזור־וואָלקנדלעך. אין דער זייט פון וועג האָט אין געדיכטן הירזש הילכיק געשריגן אַ וואַכטל, די שטויביקע שטילקייט האָט זיך געזעצט איבערן סטעפּ, וואָס האָט פאַרשלונגען די טומלדיקייט פון טאָג. דאָרט, וווּ די וועגן צעשיידן זיך און גייען אַוועק קיין טשוּ־קאַרין און קרוזשילין, האָט זיך געזען אויפן פאָן פון בעז־בלויען הימל דער אומקלאָרער סילועט פון אַ קאַפּליצע. איבער איר איז ווערטיקאַל געהאָנגען אַ צונויפגעזאַמלטע מחנה ציגל־רויטע וואָלקנס.

— פון וואַנען־זשע האָט איר זיך דערנומען, סטיעפּאַן אַנ־דרעיִטש? — האָט מישקאַ פריידיק זיך נאָכגעפרעגט.

— פון דייטשלאַנד. איך האָב מיך פאַרנומען אַהיים.

— פאַרוואָס־זשע האָבן אונזערע קאָזאַקן געזאָגט: מען האָט סטיעפּאַנען אין אונזערע אויגן דערהרגעט.

סטיעפּאַן האָט געענטפערט איינגעהאַלטן, פלעגמאַטיש, ווי דאָס נאָכפרעגן וואָלט אים געווען צולאַסט:

— מען האָט מיך פאַרווּנדעט צוויי מאָל, און די קאָזאַקן... ווי קאָזאַקן! זיי האָבן מיך איבערגעלאָזט... איך בין אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט... די דייטשן האָבן מיך אויסגעהיילט און גע־שיקט אויף אַרבעט.

— איר האָט, דאַכט זיך, גאָרנישט געשריבן...

— ס'איז נישט געווען ווען מען צו שרייבן. — סטיעפּאַן האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס שטיקל און גלייך פאַררייכערט אַ צווייטן ציגאַר.

— און דעם ווייב? דאָס ווייב אייערס איז געזונט און פילט זיך גוט.

— איך האָב דאָך נישט געלעבט מיט איר, — ס'איז דאָך, דאַכט זיך, באַקאַנט.

סטיעפּאַנס קול האָט געקלונגען טרוקן, קיין איין וואָרעמער טאָן האָט זיך נישט אַריינגעגנבעט דערין. דאָס דערמאָנען אָן ווייב האָט אים נישט אויפגערעגט.

— וואָס-זשע, איר האָט נישט געבענקט אין פרעמדן לאַנד? — האָט מישקאַ גיריק אויסגעפרעגט, כמעט אינגאַנצן זיך אָנלענענדיק מיט דער ברוסט אויפן זאָטל-האָרן.

— אינאָנהייב האָב איך געבענקט, דערנאָך זיך צוגעוווינט. מיר האָט זיך געלעבט גאַנץ גוט. — שווייגנדיק אַ ווײַלע, האָט ער צוגעגעבן: — איך האָב שוין געוואָלט אינגאַנצן בלייבן אין דייטשלאַנד, ווערן אַ בירגער. אָבער פּלוצלינג האָט עס מיך אַ צי געטון אַהיים — איך האָב אַלץ אַוועקגעוואָרפן און געפאָרן.

סטיעפּאַן האָט מילדער געמאַכט דעם האַרבן אויסדרוק פון זיינע אויגן און צום ערשטן מאָל אַ שמייכל געטון.

— און איר זעט וואָס פאַר אַ צעמישונג עס קומט דאָ פאָר ביי אונז?... מיר פירן מלחמה צווישן זיך.

— יאָ-אָ-אָ... איך האָב געהערט.

— מיט וועלכן וועג זענט איר געפאָרן?

— פון פראַנקרייך, מיט אַ שיף פון מאַרסייל — אַזאַ שטאָט — קיין נאָוואָטשערקאַסק.

— אייך וועט מען אויך מאָביליזירן?

— מסתמא אַזוי... וואָס הערט זיך נייעס אין כוטאָר?

— קאָן מען דען אַלץ אויסדערציילן? אַ סך נייעס.

— מיין הויז שטייט נאָך?

— דער ווינט שאָקלט עס...

— די שכנים ? ביי די מעליעכאָווס לעבן אַלע ?

— זיי לעבן.

— וועגן מיין געוועזענעם ווייב הערט איר עפּעס ?

— זי איז נאָך אַלץ דאָרט, אין יאַגאָדנאָיע.

— און גריגאָרי... לעבט מיט איר ?

— ניין, ער איז מיט דער געזעצלעכער. מיט אייער אַקסי-ניען זיך צעגאַנגען...

— אַזוי ?... איך האָב גאָרנישט געוווּסט.

זיי האָבן אַ ווײַלע געשוויגן. קאָשעוואָי האָט ווידער כּסדר גיריק באַטראַכט סטיעפּאַנען. ער האָט געזאָגט מיט אָנערקענונג און חשיבות :

— עס האָט זיך אייך, אַפּנים, גוט געלעבט, סטיעפּאַן אַנ-דרעיִטש, איר זעט אויס אָנגעטאָן פיין, ווי אַ לייטישער מענטש.

— דאָרט גייען אַלע פיין אָנגעטאָן. — סטיעפּאַן האָט זיך פאַררומט, אָנגערירט דעם אַקסל פון פורמאַן : — נו, טרייב אונטער.

דער פורמאַן האָט אומגערן אַ פּאָכע געטון מיט דער בייטש, די מידע פערד האָבן נישט גלייך אַ צי געטון די אָרטשיקעס. די בריטשקע, אונטערשפּרינגענדיק מיט די רעדער, האָט זיך גענו-מען וויגן איבער די גריבּיקע ערטער און סטיעפּאַן האָט פאַרענ-דיקט דעם שמועס, זיך אויסדרייענדיק מיטן רוקן צו מישקען און פרעגנדיק :

— דו רייטסט אין כוטאָר אַריין ?

— ניין, אין דער סטאַניצע.

אויפן שיידוועג האָט מישקע זיך פאַרנומען רעכטס און אונ-טערגעהויבן אויף די רייט-אייזנס.

— זייט געזעגנט דערווייל, סטיעפּאַן אַנדרעיִטש !

יענער האָט מיטן שווערן בינטל פינגער באַרירט דעם פאַרשטויבטן ראַנד פון הוט און געענטפערט קאַלט, אַרויס-

רעדנדיק דײטלעך יעדע זילבע, ווי גישט קיין רוסישער:
— זײט געזונט!

VII

דער פראָנט האָט זיך אויסגעגלײכט לויט דער ליניע פּילאָ-נאָווע—פּאָוואָרינאָ. די רויטע האָבן קאָנצענטרירט די כּוחות, גע-גרייט די פויסט צו געבן אַ קלאַפּ. די קאָזאַקן האָבן פלעגמאַטיש אַנטוויקלט דעם אָנגריף. פילנדיק אַ שטאַרקן מאַנגל אין אַמוניציע, האָבן זיי נישט געשטרעבט אַריבערצוטרעטן די גרענעצן פון דער פּראָווינץ. אויפן פּילאָנאָווער פראָנט איז דער דערפאָלג פון די מי-ליטערישע אָפּעראַציעס געווען אַ וואַקלהאַפטער. אין אויגוסט האָט זיך איינגעשטעלט אַ פאַרהעלטנישמעסיקער שטילשטאַנד און די קאָזאַקן, וואָס זענען געקומען פון פראָנט אויף קורצטערמיניקע אורלויבן, האָבן געזאָגט, אַז אין האַרבסט דאַרף מען זיך ריכטן אויף וואָפנשטילשטאַנד.

אין דער צייט האָט מען אין הינטערלאַנד, אין די סטאַני-צעס און כוטאָרן, אַראָפּגענומען דעם שניט. עס האָבן אויסגעפעלט אַרבעטס-הענט. די אַלטע לייט און באַבעס האָבן זיך נישט קיין עצה געגעבן מיט דער אַרבעט; דערצו נאָך האָט געשטערט דאָס כּסדר-דיקע באַשטימען די באַלעבאַטים צו פאָרן צושטעלן פּראָוויאַנט און אַמוניציע צום פראָנט.

פון טאַטערישן כוטאָר זענען כּמעט יעדן טאָג לויט אַ סדר אַוועקגעפאָרן קיין וויעשענסק פינף-זעקס וואָגנס, אין וויעשענסק האָט מען אויף זיי אויפגעלאָדנט קעסטלעך קוילן און גראַנאַטן, זיי אַוועקגעשיקט צום טראַנספּאָרט-פּונקט אין אַנדראָפּאָווער כוטאָר און פון דאָרט, אויב ס'איז נייטיק געווען, אפילו ווייטער אין די כאָ-פּערער כוטאָרן.

דער כוטאָר האָט געלעבט טומלדיק, אָבער פאַרטון אין זיך. אַלע האָבן זיך געצויגן מיט די געדאַנקען צום ווייטן פראָנט, מיט

שמערצלעכן אומרו אָפּגעוואָרט שלעכטע ידיעות וועגן די קאָזאַקן. סטיעפּאַן אַסטאַכאָווס קומען האָט אויפגערודערט דעם גאַנצן כוטאָר: אין יעדער כאַטע, אין יעדן שייער האָט מען געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דעם. עס איז געקומען אַ קאָזאַק, אַ לאַנג שוין באַגראָבענער, אַן וועלכן כמעט אַלע האָבן שוין געהאַט פאַרגעסן. איז דאָס נישט געווען ווונדערלעך?

סטיעפּאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַניקושקעס ווייב, אַריינגעטראָגן זיינע זאַכן אין דער כאַטע. און בשעת די באַלעבאָסטע האָט אים געגרייט נאַכטעסן, איז ער אַוועקגעגאַנגען צו זיין הויז. ער האָט מיט אַ שווערן באַלעבאַטישן טריט לאַנג געמאָסטן דעם הויף, וואָס איז איינגעהילט געווען אין בלייכן ליכט פון דער לבנה, אַרונטערגעגאַנגען אונטער די האַלב-חרובע שאָפּעס, באַטראַכט דאָס הויז, געפּרווט שאָקלען די סלופּעס פון פּאַרקן... ביי אַניקושקעס באָבע איז דאָס געפּרעגלטס שוין לאַנג אויסגעקילט געווען אויפן טיש, און סטיעפּאַן האָט נאָך אַלץ באַטראַכט זיין, מיט גראָז באַוואַקסענע, באַלעבאַטישקייט, זיך אויסגעקנאַקט די פינגער און עפּעס שטיל און שטאַמלדיק געבורטשעט.

נאָך די זעלבע נאַכט זענען צו אים געקומען קאָזאַקן — באַגריסן אים און זיך אויספרעגן וועגן לעבן אין געפאַנגענשאַפט. אַניקושקעס כאַטע איז פול געפּאַקט געווען מיט באָבעס און קינדער. זיי זענען געשטאַנען געדיכט איינער לעבן אַנדערן, אויסגעהערט סטיעפּאַנען דערציילן, און זייערע אָפענע מיילער האָבן זיך געטונקלט. סטיעפּאַן האָט גערעדט אומגערן, זיין געעלטערט פּנים איז קיין איינמאָל נישט באַלויכטן געוואָרן פון אַ שמייכל. עס איז קענטיק געווען, אַז ער האָט אַ סך דורכגעמאַכט אין לעבן און שטאַרק זיך געענדערט.

אינדערפרי — סטיעפּאַן איז נאָך געשלאָפן אין שטוב — איז געקומען פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש. ער האָט מיט אַ באַס אַריינגעהוסט אין דער פויסט, געוואָרט, ביז דער מיליטערמאַן וועט אויפוואַכן. פון שטוב האָט געצויגן מיט שאַרפער קעלט פון דער ערדענער פּאָדלאָגע, מיט אומבאַקאַנטן, שטיקנדיקן, הארבן טיטון

און ריח פון ווייטן וועג, מיט וועלכן אַ רייזנדער ווערט אויף לאַנג אָנגעזאַפּט.

סטיעפּאַן האָט אויפגעוואַכט, מען האָט געהערט: ער רייבט אַ שוועבעלע צום פאַררייכערן.

— ווילסט דערלויבן אַריינצוגיין? — האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש גענפרעגט און, ווי ער וואָלט זיך געדאַרפט שטעלן פאַר אַן עלטסטן, אײליק גענומען גלייך מאַכן די פאַלבן אויף זיין נייער בלוזע, וועלכע אילינישנאַ האָט אים ספּעציעל אָנגעטון צו דער זעונג.

— קומט אַריין.

סטיעפּאַן האָט זיך אָנגעטון, רויכערנדיק מיטן שטיקל ציגאַר, זשמורענדיק דאָס פאַרשלאָפענע אויג פון רויך. פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט איבערגעשפּרייזט די שוועל נישט אָן פאַרלעגנהייט און, איבערראַשט פון סטיעפּאַנס געענדערטע פּנים און מעטאַלענע שלעסלעך פון זיינע זיידענע שעלקעס, איז ער שטיין געבליבן און אויסגעשטרעקט די שוואַרצע האַנט, ווי אַ שיפעלע.

— זיי באַגריסט, שכן! אַבי מען זעט דיך אַ לעבעדיקן...

— זייט באַגריסט!

סטיעפּאַן האָט פאַרהויבן די שעלקעס איבער די שיפע מעכטיקע אַקסלען, אַ באַוועג געטון מיט זיי און מיט ווירדע אַריינגעלייגט זיין האַנט אין אַלטנס שאַרסטקער האַנט. זיי האָבן זיך פלינק געביטן מיט די בליקן. אין סטיעפּאַנס אויגן האָבן בלוי אויפגעלויכטן פונקען פון אומפריינטלעכקייט, אין מעליעכאָווס שיקלדיקע בולטע אויגן — אַכטונג און אַ לייכטע, עטוואָס איראָנישע פאַרוואונדערונג.

— האָסט דיך געעלטערט, סטיעפּאַ... געעלטערט, ליבינקער.

— יאָ, זיך געעלטערט.

— דיך האָט מען שוין דאָ געהאַט באַגראָבן, ווי מיין גרישקען... — האָט ער אַרויסגעזאָגט און אין פאַרלעגנהייט זיך פאַרהאַקט: נישט געדאַרפט דאָס איצט פאַרן מויל ברענגען. ער האָט

געפּרוווט פאַרגלעטן: — דאַנקען גאָט! ביסט צוריקגעקומען גע־זונט... אַ דאַנק דיר, גאָט! מיין גרישקען האָט מען שוין אויך געהאַט באַגראָבן, אָבער ער איז, ווי לאַזאַר, אויפגעשטאַנען. ער האָט שוין צוויי קינדערלעך, און זיין ווייב נאַטאַליע האָט, דאַנקען גאָט, זיך פאַרבעסערט. אַ שיין ווייבעלע געוואָרן... נו, און דו, ליבינקער, ווי פילסט דיך?

— אַ דאַנק.

— צום שכן צו גאַסט וועסטו קומען? קום, וועסט מיר אַ כבוד אָנטון, מיר וועלן שמועסן אַ ביסל.

סטיעפּאַן האָט זיך אָפּגעזאָגט, אָבער פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיע־וויטש האָט געבעטן עקשנותדיק, זיך באַליידיקט, און סטיעפּאַן האָט זיך אונטערגעגעבן. ער האָט זיך אָפּגעוואַשן, פאַרקעמט אַרויף די קורץ־געשוירענע האָר אויפן אַלטנס פראַגע: „ווו האָסטו דעם טשוב אַהינגעטון? פאַרהוליעט?" — האָט ער אַ שמייכל געטון און, מיט זיכערקייט אַנטוענדיק דעם הוט אויפן קאָפּ, דער ערשטער אַרויסגעגאַנגען אין הויף אַריין.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש איז געווען אומגעוויינטלעך ליב־לעך, אַזוי, אַז סטיעפּאַן האָט נישט ווילנדיק אַ טראַכט געטון: „ער וויל די אַלטע עוולה פאַרגלעטן".

איליניטשנאַ האָט באַכאַפּאַלגט די שווייגנדיקע אָנווייזונגען פון מאַנס אויגן, פלינק זיך געדרייט איבער דער קיך, אונטערגע־איילט נאַטאַליען און דוניאַשקען, אַליין געגרייט צום טיש. די ווייבער האָבן אַלעמאָל געוואָרפן נייגיריקע בליקן אין דער זייט אַריין, ווו סטיעפּאַן איז געזעסן אונטער די הייליקע בילדער, מיט די אויגן באַטאַפּט זיין סורדוט, זיין קעלנערל, זיין זילבערן קייטל פון זייגער, די פריזור, זיך דורכגעקוקט, שלעכט מאַסקירנ־דיק דאָס שמייכלען פון פאַרוווּנדערונג. דאַריאַ איז אַריינגעקומען פון הויף אַ פאַררייטלטע, זי האָט זשענירט געשמייכלט און, אָפּ־ווישנדיק די דינע ליפּן מיטן ברעג פאַרטוך, פאַרזשמורעט די אויגן:

— אָן, שכן־לעב, איך האָב אייך גאָרנישט דערקענט. איר זענט שוין גאָרנישט ענלעך צו קיין קאָזאַק.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט נישט פאַרלוירן קיין צייט, ארויפגעשטעלט אַ פלעשל סאַמאָגאָן אויפן טיש, ארויסגעוואָרפן דעם טוכענעם קאָרק פון העלזל, אַ שמעק געטון צום זיסלעך־ביטערן רויכל און גענומען רימען:

— פאַרזוך. פון דער אייגענער פאַבריק. וועסט אַ שוועבעלע צולייגן — וועט אַ בלוי פייערל אויפפלאַקערן, באמנות!

עס איז געפירט געוואָרן אַן איבערגעריסענער שמועס. סטיע־פּאַן האָט געטרונקען אומגערן, אָבער אויסטרינקענדיק, האָט ער אָנגעהויבן שנעל שיכור ווערן, און איז ווייכער געוואָרן.

— דו, שכן־לעב, וואָלסט אַצינד געדאַרפט חתונה האָבן.

— וואָס רעדט איר! און ווו ווער איך דאָס אַלטע ווייב אַהינטון?

— דאָס אַלטע ווייב... וואָס ווערסטו מאַכן מיט איר? דו מיינסט, אַז אַ ווייב ווערט קיינמאָל נישט אָפּגענוצט... אַ ווייב — איז ווי אַ קאָבילע: דו רייטסט אַזוי לאַנג אויף איר, כל־זמן זי האָט די ציין אין מויל... מיר וועלן דיר אַ יונגע געפינען.

— אונזער לעבן איז פאַרפלאָנטערט געוואָרן... ווער האָט אַצינד אין זינען חתונה צו האָבן... איך האָב אורלויב אָנדערהאַלבן וואָכן, דערנאָך וועט מען דאַרפן אין אַמט זיך מעלדן און, מסתמא, אויפן פראָנט גיין, — האָט סטיעפּאַן געזאָגט, אַלץ מער שיכור ווערנדיק און ביסלעכווייז פאַרלירנדיק דעם אויסלענדישן אַקצענט.

ער איז בקרוב אַוועקגעגאַנגען, באַגלייט פון דאַריעס באַ־גייסטערטן בליק, איבערלאָזנדיק נאָך זיך פאַרשידענע וויכוחים און מיינונגען.

— ווי ער האָט זיך דאָס אויסגעבילדעט, דער הינטישער זון! האָסט געזען, ווי ער האָט גערעדט! ווי אַן אָקציזניק אָדער עפּעס איידעלער מאַן... איך קום אַריין, און ער שטייט אויף און טוט אָן אויף דער בלוזע איבער די אַקסלען זיידענע שלע־קעס מיט בלעכלעך, באמנות! ווי אַ פערד האָבן זיי אים דעם

רוקן מיט דער ברוסט אַרומגענומען. און צוואָס? נאָכוואָס דאַרף מען דאָס? ער איז דאָך אַצינד, ווי גאָר אַ געלערנטער מענטש. — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש זיך אַנטציקט, שטאַרק געחנפעט פון דעם, וואָס סטיעפּאַן האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון זיין אויפנאַם, נישט געדענקט די אַמאָליקע עוולה און געקומען צו אים.

פון שמועסן איז קלאָר געוואָרן, אַז סטיעפּאַן וועט נאָכן פאַרענדיקן די דינסט וווינען אין כוטאָר, צוריק אויפריכטן דאָס הויז מיט דער באַלעבאַטישקייט. ער האָט כּלאחר־יד אָנגעמערקט, אַז ער האָט מיטלען אויף דעם און אַרויסגערופן ביי פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטשן אַ גאַנצן פּלאָנטער נאָכטראַכטונגען און אומגערנוויליקע אַכטונג.

— ער איז ביי געלט, אפנים, — האָט פּראָקאָפּיעוויטש געזאָגט נאָך זיין אַוועקגיין, — ער האָט קאַפּיטאַל, די נבלה. אַנדערע קאָזאַקן קומען פון געפאַנגענשאַפט, ווי די מוטער האָט זיי געהאַט, און ער האָט זיך אין עסיק און אין האָניק אויסגעפּוצט... ער האָט אַ מענטש דערהרגעט אָדער ביי עמעצן געלט אַרויסגעגנבעט.

די ערשטע טעג האָט סטיעפּאַן פאַרברענגט ביי דער אַניקושקין אין דער כאַטע, זעלטן זיך געוויזן אין גאַס. די שכנים האָבן אים געהאַלטן אויפן אויג, געהיטן זיין יעדע באַוועגונג, אפילו אַניקושקעס ווייב געפּרווט אויספרעגן, וואָס סטיעפּאַן האָט בדעה צו טון. אָבער יענע האָט פאַרקוועטשט די ליפּן, געהאַלטן סוד, זיך אָפּגעפּטרט מיט נישט וויסן.

פאַרשידענע השערות זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין כוטאָר נאָכדעם, ווי אַניקושקעס באַבע האָט געדונגען אַ פערד ביי די מעליעכאָווס און שבת אינדערפרי אַוועקגעפאָרן אין אַן אומבאַוווסטער ריכטונג. אַיין פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זיך משער געווען, אין וואָס עס האַנדלט זיך. „זי פאָרט נאָך אַקסיניען", — האָט ער אַ ווונק געטון צו איליניטשנען, איינשפּאַנענדיק אין טאַראַנטאַס די לאָמע קאָבילע. — די באַבע איז געשיקט געוואָרן קיין יאַגאָדנאָיע דורך סטיעפּאַנען: „וועסט געוויר ווערן באַ אַקסיניען,

צי זי וויל פארגעסן אָן אַלע פריערדיקע עוולות און זיך אומ־קערן צום מאַן?"

סטיעפּאַן האָט דעם טאָג אינגאַנצן פאַרלוירן דאָס געדולד און די רויִקייט, ביז אָוונט זיך אַרומגעדרייט איבערן כוטאָר, לאַנג געזעסן אויפן גאַנעק פון מאַכאָווס הויז מיט סערגעי פּלאַטאָנאָ־וויטשן און צאַצען, דערציילט וועגן דייטשלאַנד, וועגן זיין לעבן דאָרט, וועגן דער רייזע איבער פראַנקרייך און איבערן ים. גע־רעדט, אויסגעהערט מאַכאָווס קלאָגן זיך, און די גאַנצע צייט כסדר געקוקט אויפן זייגער...

די באַלעבאָסטע האָט זיך אומגעקערט פון יאַגאָדנאָיע בין־השמשות־צייט. צוגרייטנדיק דאָס נאַכטעסן אין דער זומערדיקער קיך, דערציילט, אַז אַקסיניאַ האָט זיך דערשראָקן פון דעם אומגע־ריכטן נייעס, זיך שטאַרק נאָכגעפרעגט אויף אים, אָבער אַנט־שלאָסן אָפּגעזאָגט זיך אומצוקערן.

— עס איז איר נישט קיין נויט זיך אומצוקערן, זי לעבט ווי אַ פּריצה. איז דיק געוואָרן. דאָס פּנים ביי איר איז לויטער. פון קיין שווערער אַרבעט ווייסט זי נישט. וואָס־זשע נאָך פעלט איר? זי איז אַזוי אָנגעטון, — אַז ס׳איז גאָרנישט זיך פאָרצושטעלן. דער טאָג איז אַ וואָכעדיקער, און דאָס קלייד אויף איר איז, ווי שניי, און די הענט זענען ריין־געוואַשענע... — האָט זי געזאָגט און פון קנאה אַ זיפץ געטון.

ביי סטיעפּאַנען האָבן די באַקן־ביינער זיך געריִיטלט, אין די אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָבן פייערלעך פון כעס און בענקשאַפט זיך געצונדן און געלאָשן. ער האָט מיטן לעפל געשעפּט די זויער־מילך פון דער שיסל, באַמיִענדיק זיך, אַז די האַנט זאָל אים נישט ציטערן. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט מיט באַרעכנטער געלאַסנקייט:

— זאָגסטו, אַז אַקסיניאַ האָט זיך געריִמט מיט איר לעבן?

— אוודאי! קיינער וואָלט זיך נישט אָפּגעזאָגט אַזוי צו לעבן.

— אויף מיר האָט זי זיך נאָכגעפרעגט?

— וואָס דען! זי איז שטאַרק בלייך געוואָרן, ווען כ'האָב איר געזאָגט, אַז איר זענט געקומען.

נאָכן נאַכטעסן איז סטיעפּאַן אַרויסגעגאַנגען אין הויף אַריין, וואָס איז פאַרוואַקסן געווען מיט גראָז.

דער קורצער אויגוסט-בין-השמשות איז שנעל צוגעפאַלן און זיך פאַרלאָשן. אין דער פייכטער קילקייט פון דער נאַכט האָבן האַסטיק געקלאַפּט די באַראַבאַנען פון די ווייע-מאַשינען און עס האָט זיך געהערט אַ רוישיק רעדן. אונטער דער געלער געפלעקטער לבנה האָבן די מענטשן זיך געטומלט ביי זייער אַרבעט: געווייעט די איבערן טאָג אויסגעדראָשענע תבואה, איבערגעפירט די קערנער אין די שפּייכלערס אַריין. דער כוטאָר האָט זיך געהילט אין ריח פון פריש-געדראָשענעם ווייץ און שטויב פון מעקענע. ערגעץ נישט ווייט פון פּלאַץ האָט געגאָדערט די דרעשמאַשין אויף דאַמף און עס האָבן געבילן הינט.

פון די ווייטע שייערס האָבן מאָנאָטאָן אָפּגעקלונגען די טענער פון אַ ליד. פון דאָן האָט געצויגן מיט זיסלעכער פייכטקייט.

סטיעפּאַן האָט זיך אָנגעלענט אָן פּאַרקן און לאַנג געקוקט אויפן ברייטן פלוס פון דאָן, וואָס האָט זיך געזען אויף דער צווייטער זייט גאַס, אויפן פייערדיקן, געשלענגלטן שטעג, וואָס די לבנה האָט קרימלעך אויסגעטרעטן. אַ דין געקרייזלט רינצלען האָט זיך געוויקלט איבערן טייך. אויף דער צווייטער זייט דאָן האָבן פרידלעך געדרימלט טאָפּאָלן. סטיעפּאַן איז באַהערשט געוואָרן פון אַ שטילער און מעכטיקער בענקשאַפט.

פאַרטאָג איז געפאַלן אַ רעגן, אָבער נאָך זון-אויפגאַנג זענען די וואָלקנס זיך צעגאַנגען, און אין אַ צוויי שעה אַרום האָבן בלויז די קופּקעלעך פאַרהאַרטעוועטע בלאָטע לענגאויס די קאָליעס דערמאַנט אָן שלעכטן וועטער.

אינדערפרי איז סטיעפּאַן אָנגעקומען קיין יאַגאָדנאָיע. ער האָט מיט אומרויִקע הענט אָנגעבונדן דאָס פערד ביים פּאַרקן און

מיט האַסטיקע ברייטע טריט אַריינגעגאַנגען אין צימער פון דער דינערשאַפט.

דער גרויסער הויף, באַדעקט מיט פאַרטרוקנט גראָז, איז געווען פּוסט. ביי דער שטאַל האָבן אין מיסט זיך געגראָבן הינער. איבערן איינגעלייגטן פּאַרקן האָט זיך אַרומגעדרייט אַ האָן, שוואַרץ ווי אַ קראָ. צוגיפּרופנדיק די הינער, האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער פּיקט רויטע שניידערלעך, וואָס קריכן אַרום איבערן פּאַרקן. די פעט-געוואָרענע כאַרטן זענען געלעגן אין שאָטן לעבן הינערשלאַק. זעקס שוואַרץ-געפלעקטע הינטעלעך האָבן אומגעוואָרפן די מוטער, אַ יונגע צויג נאָכן ערשטן האָבן, זיך אָנגעשפּאַרט מיט די הינטערשטע פיסלעך און געזייגט, ציִענדיק ביי די עלאַסטישע גרויע וואָרצלען. די שאָטן-זייט אונטערן בלע-כערנעם דאַך פון פריצישן הויף איז באַדעקט געווען מיט אַ גלאַנ-ציקן טוי.

סטיעפּאַן האָט זיך אויפמערקזאַם אַרומגעקוקט, אַריינגעגאַנ-גען אין צימער פון דער דינערשאַפט און געפרעגט ביי דער די-קער קעכין:

— צי קאָן איך זען אַקסיניען?

— ווער זענט איר? — האָט יענע זיך פאַראינטערעסירט, אָפּווישנדיק דאָס פאַרשוויצטע געשטופּלטע פנים מיטן פאַרטוך.

— אייך איז דאָס נישט נייטיק צו וויסן. ווו איז אַקסיניאַ?

— ביים פריץ. וואַרט-צו.

סטיעפּאַן האָט זיך געזעצט, מיט אַ באַוועגונג פון שטאַר-קער מידעקייט אַרויפגעלייגט דעם הוט אויף די קני. די קעכין האָט אַריינגערוקט אין אויוון די טעפּ, געקלאַפּט מיטן שאַר-אייזן, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויפן גאַסט. אין קיך האָט זיך געפילט אַ זויערער ריח פון צוואָרעכטס און האָפּן. די פליגן האָבן שוואַרץ באַדעקט די פליטע פון אויוון, די ווענט, דעם טיש, וואָס איז באַדעקט געווען מיט מעל. סטיעפּאַן האָט אָנגעשטרענגט זיך איינגעהערט, געוואַרט, דער באַקאַנטער אָפּקלאַנג פון אַקסיניעס

טריט האָבן אים ווי אַ הייב געטון פון דער באַנק. ער איז אויפגעשטאַנען, אַראָפּלאָזנדיק דעם הוט פון די קניען.

אַקסיניאַ איז אַריינגעקומען, טראָגנדיק אַ שטויס טעלערס. איר פּנים איז טויט־בלייך געוואָרן, די פּוכיקע ליפּן האָבן אין די ווינקלען אָנגעהויבן ציטערן. זי איז שטיין געבליבן, הילפלאָז צו־דריקנדיק די טעלערס צו דער ברוסט, נישט אַראָפּלאָזנדיק די דער־שראָקענע אויגן פון סטיעפּאַנען. דערנאָך האָט זי זיך פלוצלינג פון אָרט אַ ריס געטון, שנעל צוגעגאַנגען צום טיש און באַפרייט אירע הענט.

— וואָס מאַכסטו?

סטיעפּאַן האָט געאָטעמט פּאַמעלעך, טיף, ווי אין שלאָף, דער אָנגעשטרענגטער שמייכל האָט צעשפּרייט זיינע ליפּן. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט אַקסיניען, שווייגנדיק און אָנגעבויגן פאָרויס.

— צו מיר אין צימער אַריין... — האָט אַקסיניאַ מיט אַ באַ־וועגונג אים איינגעלאַדן.

דעם הוט האָט סטיעפּאַן אויפגעהויבן, ווי אַ משא; דאָס בלוט האָט אים אַ שלאָג געטון אין קאָפּ אַריין און פאַרטונקלט די אויגן. ווי נאָר זיי זענען אַריינגעקומען אין אַקסיניעס צימער און, אָפּגעטיילט דורכן טישל, זיך געזעצט, האָט אַקסיניאַ באַלד מיט אַ קרעכץ געפרעגט, זיך אָפּלעקנדיק די פאַרטרוקנטע ליפּן.

— פונוואַנען קומסטו אַהער?...

סטיעפּאַן האָט אומבאַשטימט און אומנאַטירלעך־פרייִלעך, ווי אַ שיכורער, אַ פאָכע געטון מיט דער האַנט. פון זיינע ליפּן איז נאָך אַלץ נישט פאַרשוואונדן דער פריידיק־שמערצלעכער שמייכל.

— פון געפאַנגענשאַפט... איך בין געקומען צו דיר, אַק־סיניאַ...

ער האָט עפּעס אומגעלומפּערט גענומען זיך פאָרען, אויפ־געשפּרונגען, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ קליין פּעקעלע, אַראָפּ־

געריסן דאָס טיכל דערפֿון און, קוים־באַוועגנדיק מיט די ציטערנ־דיקע פֿינגער, ארויסגענומען אַ זילבערן האַנט־זייגערל און אַ רינגל מיט אַ בּיליק בּלוי שטיינדל. דאָס אַלץ האָט ער איר דערלאַנגט אויף אַ פֿאַרשוויצטער האַנט, און אַקסיניאַ האָט די אויגן נישט אַראָפּגענומען פֿון דעם איר פֿרעמדן פּנים, וואָס איז מיאוס געווען פֿון הכנעהדיקן שמייכלען.

— נעם, איך האָב עס דיר געבּרענגט.. מיר האָבּן צוזאַמען געלעבּט...

— וואָס דאַרף איך עס ? וואַרט־צו — האָבּן אַקסיניעס בּלייכע ליפּן געשעפּטשעט.

— נעם... בּאַליידיק נישט... מען דאַרף די נאַרישקייטן אַוועקוואַרפֿן...

אַקסיניאַ האָט זיך פֿאַרשטעלט מיט דער האַנט, איז אויפֿגע־שטאַנען און אַוועקגעגאַנגען צום טאַפּטשאַן.

— מען האָט געזאָגט, אַז דו בּיסט אומגעקומען...

— וואָלסטו צופֿרידן געווען ?

זי האָט נישט געענטפֿערט, שוין רויִקער בּאַטראַכט דעם מאַן אינגאַנצן, פֿון קאָפּ בּיז די פֿיס, אָן אַ סיבּה זיך גלייך געמאַכט די פֿאַלדן פֿון גוט־אויסגעפּרעסטן קלייד, זי האָט פֿאַרלייגט די הענט אויפֿן רוקן און געזאָגט :

— אַניקושקעס בּאָבּע האָסטו געשיקט ?... זי האָט געזאָגט, אַז דו רופֿסט מיך צו דיר... ווינען...

— ועסטו גיין ? — האָט סטיעפּאַן איבּערגעשלאָגן.

— ניין, — אַקסיניעס קול האָט אָפּגעקלונגען טרוקן. — ניין, איך וועל נישט גיין.

— פֿאַרוואָס ?

— איך בּין אָפּגעוווינט געוואָרן, ס'איז אויך אַ בּיסל שפּעט־לעך... שפּעט.

— און איך, זעסטו, וויל מיך בּאַזעצן אויף דער בּאַלעבּאַ־טישקייט. ווען איך בּין פֿון דייטשלאַנד געפֿאָרן — האָב איך גע־טראַכט וועגן דעם, אויך נישט אויפֿגעהערט צו טראַכטן — ווען איך

בין דאָרט געווען... וואַס-זשע, אַקסיניאַ, וועט פון דיר ווערן ? גריגאָרי האָט דיך אַוועקגעוואָרפן... אפשר האָסטו שוין אַ צווייטן ? איך האָב געהערט, דאַכט זיך, דעם פּריצס זון... איז דאָס אמת ?

אַקסיניעס באַקן זענען פלאַמיק רויט געוואָרן, טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע פאַרשעמטע אויגן.

— איך לעב אַצינד מיט אים. אמת.

— איך מאַך דיר נישט קיין פאָרוואורף, — האָט סטיעפּאַן זיך דערשראָקן. — איך זאָג דאָס דערפאַר, ווייל אפשר האָסטו נאָך גאָרנישט באַשלאָסן ? אים ביסטו אויף לאַנג נישט נייטיק, דאָס איז ביי אים בלויז אַ פאַרוויילונג... אָט באַווייזן זיך שוין ביי דיר קנייטשעלעך אונטער די אויגן... ער וועט דאָך דיך אַוועקוואַרפן, וועסט אים נמאס ווערן — וועט ער דיך אַרויסטרייבן. ווו וועסטו דיך דעמאָלט אַהינטון ? און דאָס דינען איז דיר נאָך נישט פאַר־מיאוסט געוואָרן ? זע אַליין... איך האָב געבּרענגט געלט. די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועלן מיר לעבן לייטיש, איך האָב גע־מיינט, מיר וועלן זיך צונויפגיין... איך וויל דאָס אַלטע פאַר־געסן...

— און וואָס האָסטו געטראַכט אַמאָל, ליבער פריינט, סטיע־פּאַ! — האָט אַקסיניאַ, אַ ציטערנדיקע, געזאָגט מיט פריידיקע טרערן, אויפשפּרינגענדיק פון טאַפּטשאַן און צוגייענדיק צום טיש. — וואָס האָסטו געטראַכט אַמאָל, ווען דו האָסט מיין יונג לעבן אין דער בלאָטע אַריינגעטרעטן ? דו האָסט מיך צו גרישקען געשטופּט... דו האָסט מיר דאָס האַרץ אויסגעטרוקנט... געדענקסט, וואָס דו האָסט מיר אָנגעטון ?

— איך בין נישט געקומען זיך רעכענען... פונוואַנען ווייסטו ? אפשר האָב איך צוליב דעם אַ סך געליטן. אפשר האָב איך דאָס אַלץ נאָכאַמאָל איבערגעלעבט אין זכרון... — סטיעפּאַן האָט לאַנג געקוקט אויף זיינע הענט, וואָס זענען אויסגעלייגט געווען אויפן טיש, פאַמעלעך געבונדן די ווערטער, ווי ער וואָלט זיי פון מויל אַרויסגעריסן. — איך האָב געטראַכט וועגן דיר... דאָס האַרץ

האָט געבלוטיקט... טאָג און נאַכט דיך אין זינען געהאַט... איך האָב דאָרט געלעבט מיט אַן אַלמנה, אַ דייטשקע... רייך געלעבט — און אַלץ אַוועקגעוואָרפן... עס האָט מיך אַ צי־געטון אַהיים...

— שטיל לעבן האָט זיך דיר פאַרגלוסט ? — האָט אַקסיניאַ געפרעגט, בייז ציטערנדיק מיט די נאָז־לעכער. — באַלעבאַטעווען ווילסטו ? מסתמא, קינדערלעך האָבן, אַ ווייב, וואָס זאָל פאַר דיר קאָכן, דיך אָנקאָרמען און אָנפּויען ? — זי האָט שטרענג און אומ־היימלעך אַ לאַך געטון. — ניין, זאָל מיך שוין גאָט באַשירעמען ! איך בין אַלט, אָט האָסטו שוין קנייטשעלעך באַמערקט... און איך האָב אויך שוין פאַרגעסן ווי אַזוי קינדער צו האָבן. איך בין אַ געליבטע, און געליבטע טאָרן קיין קינדער נישט האָבן... דו דאַרפסט אַזעלכע ?

— דו ביסט אַ לייכטע געוואָרן...

— ווי דו זעסט.

— איז, הייסט עס, נישט ?

— ניין, איך וועל נישט גיין, ניין.

— נו, זייַ־זשע געזונט. — סטיעפּאַן איז אויפגעשטאַנען, אומ־זיסט אַ דריי געטון דאָס זייגערל אין דער האַנט און ווידער עס אַרויפגעלייגט אויפן טיש. — וועסט דיך מישב זיין, גיב צו וויסן.

אַקסיניאַ האָט אים באַגלייט ביז צום טויער. זי האָט לאַנג געקוקט, ווי דער שטויב הייבט זיך פון אונטער די רעדער און פאַרהילט סטיעפּאַנס ברייטע פּלייצעס.

טרערן פון כעס זענען איר געקומען אין די אויגן אַריין. זי האָט שטיל געשלוכצט, טראַכטנדיק וועגן דעם, וואָס איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. — זי האָט באַוויינט איר לעבן, וואָס איז ווידער אויפן ווינט צעווייעט געוואָרן. נאָכדעם, ווי זי איז גע־וואויר געוואָרן, אַז יעווגעני דאַרף זי נישט מער און געהערט, אַז דער מאַן האָט זיך אומגעקערט, האָט זי באַשלאָסן צו גיין צו אים, כדי אויפסניי צונויפצוקלויבן די ברעקלעך פון נישט גע־

ווײַזנעם גליק... מיט דעם באַשלוס האָט זי געוואָרט אויף סטיעפּאַנען, אָבער ווען זי האָט אים דערזען אַ דערנידעריקטן און אונטערטעניקן, — האָט אַ בייזער שטאָלץ, דער שטאָלץ, וואָס האָט איר נישט דערלויבט, אַן אָוועגוואָרפענער, צו בלייבן אין יאַגאָדנאָיע, זיך קאַפּויער געשטעלט אין איר. איר בייזער, פון איר נישט אָפּהענגיקער ווילן, האָט אָנגעפירט מיט אַלע אירע רייד און האַנדלונגען. זי האָט זיך דערמאָנט די איבערגעלעבטע באַ־לײדיקונגען, אַלץ דערמאָנט, וואָס זי האָט געליטן פון דעם מענטש מיט די גרויסע אייזערנע הענט, און אַליין נישט וועלנדיק אי־בערדייסן, זיך שרעקנדיק אין דער נשמה פאַר דעם, וואָס זי האָט געטון, האָט זי זיך געשטיקט מיט די שטעכעדיקע ווערטער:

„ניין, איך וועל נישט גיין צו דיר. ניין".

זי האָט נאָכאַמאָל זיך אַ צי געטון מיטן בליק צום טאַראַנ־טאַס, וואָס האָט זיך דערווייטערט. סטיעפּאַן איז, פאָכענדיק מיט דער בייטש, פאַרשוווּנדן הינטערן בעז־בלויען שטיק פעלד ביים וועג, וואָס איז נידעריק באַוואַקסן געוועזן מיט פּיאָלון...

צומאָרגנס האָט אַקסיניאַ באַקומען איר שכירות און צונויפ־גענומען אירע זאַכן. ביים געזעגענען זיך מיט יעווגעניען האָט זי זיך צעוויינט:

— דערמאַנט נישט צום שלעכטן, יעווגעני ניקאָלאַיעוויטש.

— נו, וואָס פעלט דיר איין, ליבינקע!... איך דאַנק דיר פאַר אַלעם.

זיין קול, פאַרבאָרגנדיק די אויפרעגונג, האָט געקלונגען מיט געמאַכטער הייטערקייט.

און זי איז אַוועקגעגאַנגען. אין אָוונט איז זי שוין געווען אין טאַטערישן כוטאָר.

סטיעפּאַן האָט אָפּגעוואַרט אַקסיניען ביים טויער.

— ביסט געקומען? — האָט ער שמייכלענדיק געפרעגט. — אינגאַנצן? קאָן איך האָפן, אַז דו וועסט מער נישט אַוועק־גיין?

— איך וועל נישט אַוועקגיין. — האָט אַקסיניאַ פּשוט גע־

ענטפערט, מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ באַטראַכטנדיק די האַלב־חרובֿע כאַטע און דעם הויף, וואָס איז געדיכט פאַרוואַקסן געוואָרן מיט שטעכעדיקע קוסטעס און ווילדע קרייטעכצער.

VIII

נישט ווייט פון דער דורנאָוווער סטאַניצע איז דאָס וויע־שענסקער פולק צום ערשטן מאָל אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ שלאַכט מיט די אָפּטרעטנדיקע רויטגווארדייאישע אָפּטיילונגען.

די סאָטניע אונטער דער אָנפירונג פון גריגאָרי מעליעכאָוו האָט מיטאָג־צייט פאַרנומען אַ נישט גרויסן כוטאָר, וואָס איז ווילד פאַרוואַקסן געווען מיט קליינע פרוכט־גערטנדלעך. גריגאָרי האָט באַפוילן די קאָזאַקן אַראָפּצושטייגן פון די פערד אין פייכטן שאָטן פון די ווערבעס, לעבן טייכל, וואָס האָט דורכגעגראָבן אַ נישט טיפן ראָוו איבערן כוטאָר. ערגעץ נישט ווייט האָבן פון דער שוואַרצער פייכטער ערד, פליעסקענדיק געשלאָגן קוואַלן; דאָס וואַ־סער איז געווען אייז־קאַלט; די קאָזאַקן האָבן עס גיריק געטרונ־קען, שעפנדיק מיט די היטלען און דערנאָך, אונטערקרעכצנדיק פון תענוג, צוריק זיי אָנגעטון אויף די פאַרשוויצטע קעפּ. איבערן כוטאָר, דעם פאַרשמאַכטן פון היץ, איז ווערטיקאַל געהאָנגען די זון. די ערד האָט געגליט אין דער מיטאָגדיקער חמימה. די גראָזן און בלעטער פון די ווערבעס, באַשפּריצט מיט גיפטיק־ברענענדי־קע שטראַלן, זענען מיד אַראָפּגעהאָנגען. אָבער ביים טייכל אין שאָטן פון די ווערבעס האָט געהערשט אַ מחיהדיקע קילקייט. צירלעך האָבן געגרינט דער ווילדער רעטעך און נאָך עפּעס אַ מין זאַפטיקע גראָזן, וואָס זענען אויסגעהאָדעוועט געוואָרן דורכן זומפּיקן באָדן. אין די קליינע בוכטעס האָבן מיט אַ גלוסטיק מיידליש שמייכלען געשימערט די וואַסער־אַרבעס. ערגעץ הינטער אַן אויסבויג האָבן אין וואַסער געקוואַקעט און געפּאַטשט מיט די פליגל קאַטשקעס. די פערד האָבן שנאָרכנדיק געצויגן צום וואַסער,

געטרעטן מיט טשמאָקענדיקע טריט אין דער זומפּיקער בלאָטע, געריסן די לייצן פון די הענט און פאַרקראָכן אינמיטן טייכל, צע־מישנדיק דאָס וואַסער און זויכנדיק מיט די ליפּן אַ פרישערן שטראָם, פון זייערע אַראָפּגעלאָזטע ליפּן האָט דער הייסער ווינט אָפּגעריסן שנירלעך קערנדיקע בריליאַנטענע טראָפּנס. עס האָט זיך אויפגע־הויבן אַ שווערבלדיקער ריח פון דער אויסגערודערטער ייִליקער ערד, פון די ראָר־שטעקנס, אַ ביטערער און זיסלעכער אַראָמאַט פון די פייכט־שימלענדיקע וואָרצלען פון די ווערבעס...

די קאָזאַקן האָבן זיך נאָר־וואָס אויסגעלייגט צווישן ווילדן רעטעך און געגנומען שמועסן און רייכערן — ווי די אויסשפּירער האָבן זיך אומגעקערט. דאָס וואָרט „רויטע" האָט גלייך גע־שטעלט די קאָזאַקן אויף די פיס. זיי האָבן פאַרצויגן די פּאַסקעס און ווידער געגאַנגען צום טייכל, אָנגעפּולט די פעלד־פלאַשן, גע־טרונקען און מסתּמא געטראַכט יעדערער פאַר זיך — „אפשר וועט מיר נאָך אַמאָל אויסקומען צו טרינקען אַזאַ וואַסער, אַזוי לויטער ווי אַ קינדישע טרער, און אפשר נישט..."

אויפן וועג זענען זיי אַריבערגעריטן דאָס טייכל, זיך אָפּגע־שטעלט. הינטערן כוטאָר, איבערן גרוילעך־זאַמדיקן, מיט ווילד־גראָז פאַרוואַקסענעם בערגל האָט אויף אַ וויאָרסט ווייט זיך באַ־וועגט דעם שונאס אַ פּאַטרול. אַכט רייטער זענען פאַרזיכטיק אַראָפּגעריטן צום כוטאָר.

— מיר וועלן זיי פאַרנעמען! דערלויבסט? — האָט מיטקאַ קאָרשונאָוו פאַרגעלייגט גריגאָריען.

ער איז מיט אַ קרייזלענדיקן וועג אַרויסגעריטן מיט אַ האַל־בער אָפּטיילונג פון כוטאָר; אָבער דער פּאַטראָל, דערזעענדיק די קאָזאַקן, האָט אויסגעדרייט צוריק.

מיט אַ שעה שפּעטער, ווען עס זענען אָנגעקומען די צוויי איבעריקע רייטער־סאָטניעס פון פּולק, זענען זיי אַרויסגעטרעטן. די אויסשפּירער האָבן געמאָלדן, אַז די רויטע, וואָס באַשטייען אַן ערך פון טויזנט באַגנעטן, גייען זיי אַקעגן. די וויעשענסקער סאָט־ניעס האָבן פאַרלוירן די פאַרבינדונג מיטן יעלאַנער און בוקאַנאָ־

ווער פּוֹלק, וואָס איז געגאַנגען רעכטס, אָבער דאָך באַשלאָסן אָנ-צוהייבן אַ שלאַכט. אַריבערררייטנדיק דעם באַרג, זענען זיי אַראָפּ-געשטיגן פון די פערד. די אָנטרייבער האָבן אַוועקגעפירט די פערד אין טאָל אַריין, וואָס האָט זיך משופּעדיק אַראָפּגעלאָזט צום כוטאָר. ערגעץ רעכטס האָבן זיך באַגעגנט די פּאַטראָלן. העפטיק האָט אָנגעהויבן קנאַלן אַ מאַשין-ביקס.

באַלד האָבן זיך באַוויזן די שיטערע טיראַליערן פון די רויטע. גריגאָרי האָט אויסגעשפּרייט זיין סאָטניע אויפן בערגל. די קאָזאַקן זענען געלעגן איבער דער שיפּוע, וואָס איז פאַרוואַקסן געווען מיט געדיכטע קליינע קוסטעס. פון הינטער אַ קרעמפּן ווילדן עפּלבוים האָט גריגאָרי דורך אַ לאָרנעטע געקוקט אויף די ווייטע טיראַליערן פון שונא. ער האָט דייטלעך געזען גיין די ערשטע צווי טיראַליערן און הינטער זיי, צווישן די גרויע נישט אַראָפּ-גענומענע סטויגן תבואה, האָט זיך אין טיראַליער אויסגעשפּרייט אַ שוואַרצע מאַרש-קאָלאָנע.

סיי אים, סיי די קאָזאַקן האָט פאַרוואונדערט, וואָס פאַרן ערשטן טיראַליער איז אויף אַ הויך ווייס פערד געריטן אַ ריי-טער, — אַפּנים, אַ קאָמאַנדיר, און פאַרן צווייטן טיראַליער זענען געגאַנגען צוויי אָפּגעזונדערט. אויך דעם דריטן האָט געפירט אַ קאָמאַנדיר און לעבן אים האָט געפלאַטערט אַ פאָן. דאָס טוך האָט זיך גערייטלט אויפן טונקל-געלן פאָן פון דער תבואה, ווי אַ טראָפּן בלוט.

— ביי זיי גייען די קאָמיסאַרן פאָרויס! — האָט איינער פון די קאָזאַקן אויסגעשריגן.

— אָ! דאָס איז העלדיש! — האָט מיטקאַ קאָרשונאָוו באַ-גייסטערט געלאַכט.

— זעט, חברה! אָט וואָסערע די רויטע זענען!

כמעט די גאַנצע סאָטניע איז אויפגעשטאַנען, זיך דורכ-שריינדיק. איבער די אויגן האָבן זיך באַוויזן די הענט, ווי דעכ-לעך קעגן דער זון. דאָס שמועסן איז פאַרשוויגן געוואָרן און אַ מאַיעסטעטישע שטילקייט, וואָס זאָגט תמיד פאָר דעם טויט, האָט

פרידלעך און ווייך, ווי דער שאָטן פון אַ וואָלקן, זיך גענומען שפרייטן איבערן סטעפּ און דער טאָליקער פּאַשע.

גריגאָרי האָט געקוקט הינטער זיך. נאָכן אַש-גרויען אינזל מיט די ווערבעס, אין דער זייט פון כוטאָר, האָט זיך בערגלדיק געהויבן אַ שטויב: די צווייטע סאָטניע איז איילִיק אַוועק אין פלאַנג פון שונא. דער טאָל האָט נאָך דערווייל פאַרשטעלט דאָס באַוועגן זיך פון דער סאָטניע, אָבער נאָך אַ פּיר וויאָרסט האָט זי דייטלעך זיך באַוויזן אויפן באַרג, און גריגאָרי האָט אין גע-דאַנק אָפּגעשאַצט דעם שטח און די צייט, ווען די סאָטניע וועט זיך אויסגלייכן מיטן פלאַנג.

— לײַ-ײַ-גן זיך! — האָט גריגאָרי קאָמאַנדעוועט, האַסטיק זיך אויסדרייענדיק און באַהאַלטנדיק די לאָרנעטע אין טאַש.

ער איז צוגעגאַנגען צו זיין מיראַליער. די פּנימער פון די קאָזאַקן, רויט-גלאַנציקע און שוואַרצע פון דער היץ און שטויב, האָבן זיך אויסגעדרייט צו אים. די קאָזאַקן האָבן זיך איבערגע-קוקט און אויסגעלייגט. נאָך דער קאָמאַנדע: „גרייטן זיך!" — האָבן ווילד גענומען קנאַקן די ביקסן-שלעסער. גריגאָרי האָט פון-דערהייך געזען בלויז די צעשפּרייטע פיס, די שפּיצן פון די היט-לען און רוקנס אין די פאַרשטויבטע בלוזעס, מיט די פון שווייס נאַסע פאַרטיפטע ערטער און אַקסלביינער. די קאָזאַקן האָבן זיך פונאַנדערגעשפּרייט, זוכנדיק באַשיצונג, אויסקלויבנדיק באַקווע-מערע ערטער. טייל האָבן געפּרוווט גראָבן מיט די שווערדן די רויע ערד.

אין דער צייט האָט דאָס ווינטל אָנגעטראָגן פון דער זייט, ווו די רויטע האָבן זיך געפונען, אומקלאָרע טענער פון געזאַנג...

די טיראַליערן זענען געגאַנגען אין קרומע זיגזאַגן, כוואַ-ליענדיק. פאַרלוירן אין דער הייטער ווייטקייט, זענען פון דאָרט אָנגעשווומען מאַטע מענטשלעכע קולות.

גריגאָרי האָט דערפילט, אַז דאָס האַרץ האָט אין אים אַ פלאַטער געטון און זיך אָפּגעריסן... ער האָט שוין אַמאָל געהערט דעמדאָזיקן אומעטיקן מאָטיוו, געהערט, ווי די מאָקראָוסאָווער

מאַטראָסן האָבן אים געזונגען אין גלובאָקאָיע, אַראָפּנעמענדיק די היטלען אָן די דאַשקעס, ווי צו אַ תּפילה, געדירט בלישטשענדיק מיט די אויגן. אין אים איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסן אַ טונקעלע אומרויִקייט, ענלעך צו שרעק.

— וואָס רעוועז זיי? — האָט אַן אַלטער קאָזאַק געפרעגט, אויפגערעגט דרייענדיק מיטן קאָפּ.

— עפּעס ווי אַ תּפילה, — האָט אים אַ צווייטער געענטפערט, וואָס איז געלעגן רעכטס.

— אַ טייוולאָנישע תּפילה ביי זיי! — האָט אַנדרעי קאָשולין אַ שמייכל געטון; קוקנדיק מיט עזות אויף גריגאָריען, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים, האָט ער געפרעגט: — דו, פּאַנטעלעיעוו, ביסט דאָך געווען ביי זיי, — ווייסטו דאָך, מסתּמא, נאָכוואָס זיי זינגען אַצינד? האָסט דאָך זיי זיכער אַמאָל אונטערגעהאַלטן?

„...באַ־הערשן די ערד!״ — האָבן מיט יובלדיקן אויסגעשריי זיך צעפלאַטערט די ווערטער, אומדייטלעכע צוליב דער ווייטקייט, און ווידער האָט די שטילקייט זיך צעפליעסקעט איבערן סטעפּ. די קאָזאַקן זענען באַהערשט געוואָרן פון אַ בייזער פריילעכקייט. עמעצער האָט זיך צעלאַכט אינמיטן דער ליניע. מיטקאַ קאָרשונאָוו האָט גראָב אויסגעשריגן:

— העי, איר דאָרט, איר הערט?! איבער דער ערד האָט זיך זיי פאַרגלוסט צו הערשן!... — און געזאָגט אַ מיאוס זידלוואָרט. — גריגאָר פּאַנטעלעיעוו! דערלויב מיר, איך וועל אָט יענעם פון פערד אַראָפּזעצן! איך וועל איינמאָל אויסשיסן!

נישט וואַרטנדיק אויף דער הסכּמה, האָט ער אויסגעשאָסן. די קויל האָט באַאומרויִקט דער רייטער. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען, אַוועקגעגעבן דאָס פערד, גענומען גיין פאָרויס דער ליניע, גלאַנצנדיק מיט דער אַנטבלויזטער שווערד.

די קאָזאַקן האָבן אָנגעהויבן שיסן. די רויטע האָבן זיך אויסגעלייגט. גריגאָרי האָט באַפוילן צו עפענען אַ פייער פון מאַשינגעווער. נאָך צוויי מאָל אויסשיסן האָט די ערשטע ליניע זיך אויפגעהויבן און גענומען אַריבערלויפן. זיי זענען אָפּגעלאָפן אַ צען

קלאפטער און ווידער זיך געלייגט. גריגארי האט דערזען דורך דער לארנעטע, ווי די רויטארמייער האבן אנגעהויבן ארבעטן מיט די לאפעטקעלעך, זיך ארומגראבנדיק. איבער זיי האט זיך אויפגעהויבן א בלויער שטויב, פאר דער ליניע זענען אויסגעוואקסן קליינע בערגלעך, ווי ביי די נארעס פון באבאקעס. פון דארט האבן זיי אנגעהויבן געבן זאלפן. דאס שיסעריי האט זיך געשטארקט. עס האט זיך פארנומען אויף א לאנגער שלאכט. אין א שעה ארום האבן ביי די קאזאקן זיך באוויזן פארלוסטן. איינעם פון דער ערשטער אפטיילונג האט א קויל דערהרגעט אויף טויט, דריי פארווונדעטע זענען אוועקגעקראכן צו די פערד-אנטרייבער אין טאל אריין. די צווייטע סאטניע האט זיך באוויזן אין פלאנג, זי איז, אויפהייבנדיק א שטויב, געגאנגען אין אטאקע. די אטאקע איז אפגעשלאגן געווארן דורכן פייער פון די קוילנווארפער. מען האט געזען, ווי די קאזאקן זענען אין פאניק געלאפן צוריק, צונויפקנוילנדיק אין קופקעלעך און אויסשפרייטנדיק זיך ווי א פעכער. אפטרעטנדיק, האט די סאטניע זיך אויסגעגלייכט און אן געשריי געגאנגען א צווייט מאל. און ווידער האט דאס העפטיקע פייער זיי צוריקגעיאגט, ווי דער ווינט יאגט בלעטער.

אבער די אטאקעס האבן דאך א וואקל געטון די שטאנדהאפטיקייט פון די רויטגווארדייער, — די ערשטע רייען האבן זיך אויסגעמישט, גענומען אפטרעטן צוריק.

גריגארי האט נישט אפגעשטעלט דאס פייער און אויפגעהויבן די סאטניע. די קאזאקן זענען געגאנגען, זיך נישט לייגנדיק. די נישט דעצידירטקייט און שווערע אומזיכערקייט, וואס האט זיי באהערשט אין אנהייב, איז אזוי ווי פארשוווּנדן. זייער הייטערע שטימונג האט אונטערגעהאלטן די באטאריע, וואס איז שנעל צוגעפארן אויף דער פאזיציע. די ערשטע באטאריע-אפטיילונג, וואס איז ארויסגערוקט געווען אין קאמפס-ארדענונג, האט געעפנט א פייער. גריגארי האט אוועקגעשיקט א באפעל צו די אנטרייבער, זיי זאלן צוברענגען די פערד. ער האט זיך געגרייט צו אן אטאקע. לעבן יענעם עפלבוים, פונוואנען ער האט אין

אָנהייב פון דער שלאַכט אָבסערווירט די רויטע, איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער אַקס דער דריטער האַרמאַט. אַ הויכער אָפּיציר אין שמאָלע גאַליפּע-הויזן האָט מיט אַ טענאָר בייז געשריגן אויף די פאַרשפּעטיקטע רייטער, צולויפנדיק צום האַרמאַט און קלאַפּנדיק זיך מיטן שפּיצרוט איבער דער כאָליעווע:

— פיר אַוועק! נו?! דער טייוול זאָל אייך נעמען!...

אַ האַלבע וויאָרסט ווייט פון דער באַטאַרייע האָבן דער אָבסערוואַטאָר און דער עלטסטער אָפּיציר, אַראָפּשטייגנדיק פון די פערד, פון בערגל דורך דער לאָרנעטע געקוקט אויף די אָפּטרעטנדיקע רייען פון שונא. די טעלעפאָניסטן האָבן לויפנדיק געשלעפּט דעם קאַבעל און פאַרייניקט די באַטאַרייע מיטן אָבסערוואַציע-פּונקט. די דיקע פינגער פון באַיאָרטן עסאַול — דעם קאָמאַנדיר פון דער באַטאַרייע — האָבן נערוועז געדרייט דאָס רעדעלע פון דער לאָרנעטע (אויף איינעם פון זיינע פינגער האָט גאָלדיק זיך געפינקלט? — געטרייטלט דאָס קדושין-רינגל). ער האָט פאַרטון זיך געטאָפּטשעט ארום דעם ערשטן האַרמאַט, אַוועקדרייענדיק דעם קאָפּ פון די אָפּקלינגענדיקע קוילן, און ביי זיין יעדער העפטיקער באַוועגונג האָט דער אָפּגעטראָגענער מיליטערישער טאַש זיך אים אין דער זייט נאָכגעבאָמבלט.

נאָכן פוכיקן און הילכיקן טראַסק האָט גריגאָרי דערקענט דאָס אָרט, וווּ דער ערשטער גראַנאַט אויף פּרווו איז געפאַלן, ער האָט זיך אומגעקוקט: די באַדינונג האָט מיט אָנשטרענגונג, סאַפּענדיק, אָנגעלאָדנט דעם האַרמאַט. דער ערשטער שראַפּנעל איז געפאַלן צווישן די סטויגן נישט אַראָפּגענומענעם ווייץ, און לאַנג איז אויפן בלויען פאָן צעגאַנגען דאָס ביינוולנע קניילעכל רויך, וואָס איז צעריסן געוואָרן דורכן ווינט.

פיר האַרמאַטן האָבן כסדר אַריבערגעוואָרפן גראַנאַטן אַהין, נאָך די אומגעוואָרפענע סטויגן ווייץ, אָבער איבער גריגאָריעס דערוואַרטונג, האָט דאָס האַרמאַטן-פייער נישט אַריינגעבראַכט קיין אָנזעענדיקע צעמישונג אין די רייען פון די רויטע, — זיי זענען אַוועקגעגאַנגען נישט איילִיק, אָרגאַניזירט, זיך אַראָפּלאָזנדיק

פון באַרג אין טאָל, און די סאָטניע האָט זיי פאַרלוירן פון אויג. גריגאָרי, וועלכער האָט אַצינד פאַרשטאַנען די זינלאָזיקייט פון אַן אַטאַקע, האָט פונדעסטוועגן באַשלאָסן נאָך איבערצורעדן מיטן קאָמאַנדיר פון דער באַטאַרייע. ער איז צוגעגאַנגען מיט אַ שווערן טריט און, באַרירנדיק מיט דער לינקער האַנט דאָס געקרייזלטע שפּיצל פון זיין וואָנסע, וואָס איז געל אָפּגעבערענט געוועזן פון דער זון, האָט ער פריינטלעך אַ שמייכל געטון:

— איך האָב געוואָלט גיין אין אַטאַקע.

— וואָס פאַר אַן אַטאַקע דאָרט! — דער עסאַול האָט העפטיק אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ און מיט דער פאַרקערטער האַנט פאַרהאַלטן דאָס ריטשקעלע שווייס, וואָס איז אים צופּערגערונען פון אונטערן דאַשעק. — איר זעט, ווי זיי ציִען אָפּ, די הינטישע זין? זיי וועלן זיך נישט לאָזן! און עס וואָלט אויך קאָמיש געווען, — דער גאַנצער אָנפירנדיקער קאָמפּלעט פון דידאָזיקע טיילן זייערע — באַשטייט דאָך פון קאַדרען-אָפיצירן. מיין חבר, דער מיליטערישער עלטסטער סיראָוו — דינט דאָך ביי זיי...

— פונוואַנען ווייסט איר? — גריגאָרי האָט אומגלויבלעך געזשמורעט די אויגן.

— איבערלויפער... אָפּשטעלן דאָס פייער! — האָט דער עסאַול קאָמאַנדעוועט און, ווי זיך צו באַרעכטיקן, אויפגעקלערט: — עס האָט קיין זין נישט סתם צו שיסן, און גראַנאַטן האָבן מיר ווייניק... איר זענט מעליעכאָוו? לאָמיר זיין באַקענט: פּאָלטאַווצעוו. — ער האָט מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג אַריינגערוקט אין גריגאָריעס האַנט זיין גרויסע שווייסיקע האַנט, נאָך אַ קורצן דריק זי פלינק אַריבערגעוואָרפן אין געעפנטן אָפיצירישן טאַש אַריין און אַרויסגענומען די פּאַפּיראָסן. — פאַררייכערט!

מיט אַ טויב גערויש האָבן זיך אויפגעהויבן פון טאָל די רייטער. די באַטאַרייע איז צוגעגרייט געוואָרן צום אָפּפאָרן. גריגאָרי האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אויפצוזיצן און אַוועקגעפירט זיין סאָטניע נאָך די רויטע, וואָס האָבן אָפּגעטרעטן אויף יענער זייט באַרג.

זיי האָבן פאַרנומען דעם צווייטן כוטאָר, אָבער אים אָפּגעגעבן אָן ווידערשטאַנד. דאָ האָבן זיך אָפּגעשטעלטדי דריי סאָטניעס מיט דער באַטאַרייע. די איבערגעשראָקענע מענטשן זענען נישט אַרויסגעקומען פון די הייזער. די קאָזאַקן האָבן זיך געדרייט איבער די הייף, זוכנדיק עסן. גריגאָרי איז אַראָפּגעשטיגן פון פערד ביים הויז, וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט, עס אַריינגעפירט אין הויף און אָנגעבונדן ביים גאַנעק. דער באַלעבאָס — אַ לאַנגער באַיאָרטער קאָזאַק — איז געלעגן אויפן בעט און קרעכצנדיק געקייקלט דעם פּראָפּאָרציאָנעל־קליי־נעם פויגלישן קאָפּ איבערן ברודיקן קישן.

— ביסט קראַנק? — האָט גריגאָרי אַ שמייכל געטון, זיך באַגריסנדיק.

— קראַ־אַ־אַנק...

דער באַלעבאָס האָט זיך געמאַכט קראַנק, און לויטן אומרויִקן בלינצלען פון זיינע אויגן, זיך משער געווען, אַז מען גלייבט אים נישט.

— איר וועט געבן עפּעס עסן די קאָזאַקן? — האָט גרי־גאָרי פאָדערנדיק געפרעגט.

— און וויפיל זענט איר? — די באַלעבאָסטע איז אַוועק־געגאַנגען פון אויוון.

— פינף.

— נו, מילא, קומט אַריין, מיר וועלן זיך טיילן מיט וואָס גאָט האָט געגעבן.

גריגאָרי האָט אָפּגעגעסן מיטאָג מיט די קאָזאַקן און אַרויס־געגאַנגען אויף דער גאַס.

לעבן ברונעם איז געשטאַנען אין פולער מיליטערישער גרייטקייט די באַטאַרייע. די איינגעשפּאַנטע פערד האָבן גע־געסן דעם גערשטן, טרייסלענדיק מיט די טאָרבעס. די רייטער און באַדינונג האָבן זיך באַהאַלטן פאַר דער זון אין שאָטן פון די קוילן־קעסטלעך, זענען געזעסן און געלעגן ביי די האַרמאַטן. איין אַרטילעריסט איז געשלאָפן מיטן פּנים אַראָפּ, די פיס פאַרלייגט

איינער איבערן אַנדערן און געציקט מיט אַן אַקסל אין שלאָף. ער איז מסתמא פריער געלעגן אין שאָטן, אָבער די זון האָט זיך איבערגערוקט און אַצינד געברענט זיינע אָפּגעדעקטע געקרייזלטע האָר, וואָס זענען באַשיט געווען מיט שטרויעלעך.

אונטערן ברייטן רעמענטענעם געשפּאַן פון די פערד האָט פון שווייס געגלאַנצט די נאַסע שוימיק־געלע פעל. די ביים פאַרקן אָנגעבונדענע אָפיצירישע רייט־פערד און זייער באַדינונג זענען געשטאַנען מיט מיד־געבויגנע פיס. די קאָזאַקן — פאַרשטויבטע און שווייסיקע — האָבן שווייגנדיק גערוט. די אָפיצירן און דער קאָמאַנדיר פון דער באַטאַרייע זענען געזעסן אויף דער ערד, אָנגעלענט מיט די רוקנס אָן ברונעם און גערייכערט. נישט ווייט פון זיי, מיט אויסגעשטרעקטע פיס, ווי אַ זעקס־עקיקער שטערן, זענען געלעגן קאָזאַקן אויפן פאַרטרוקנטן גראָז. זיי האָבן מיט פאַרטוענע פנימער געשעפּט זויערמילך פון אַן עמער, און פון צייט־צו־צייט האָט עמעצער אויסגעשפּיגן אַ גערשטן־קערנדל, וואָס איז אים אַריינגעפאַלן אין מויל.

די זון האָט געבאַקן אומרחמנותדיק. דער כּותאָר האָט אויסגעשפּרייט צום באַרג זיינע כּמעט פּוסטע גאַסן. אין די שפּייכלערס, אונטער די דעכער פון די שאָפּעס, ביי די פאַרקנס, אין געלן שאָטן פון ווילדן רעטעך זענען געשלאָפן קאָזאַקן. די נישט־אויסגעזאָטלטע פערד, וואָס זענען געדיכט צעשטעלט געווען ביי די פאַרקנס, האָבן זיך געמאַטערט פון היץ און דרימל. עס איז פאַרבייגעריטן אַ קאָזאַק, פויל אויפגעהויבן דעם ראַפּניק ביז צום פערדס רוקן. און ווידער האָט די גאַס זיך געצויגן — ווי אַ פאַרגעסענער שליאַך אין סטעפּ, און צופעליק און איבעריק האָבן אויף איר אויסגעזען די גרין־געפאַרבטע האַרמאַטן און שלאָפנדיקע, פון די מאַרשן און דער זון, פאַרמאַטערטע מענטשן.

געפּייניקט פון לאַנגווייליקייט, האָט גריגאָרי שוין געוואָלט אַריינגיין אין הויז, אָבער לענגאויס דער גאַס האָבן זיך באַוויזן דריי רייטער־קאָזאַקן פון אַ פרעמדער סאָטניע. זיי האָבן געטריבן אַ קליין קופּקעלע געפאַנגענע רויטאַרמייער. די אַרטילעריסטן האָבן

זיך אַ רודער געטון, אויפגעשטאַנען, אָפּגעקלאַפּט דעם שטויב פון די בלוזעס און הויזן. עס זענען אויך אויפגעשטאַנען די אָפיצירן. אין שכנישן הויף האָט עמעצער פריידיק אויסגעשריגן:

— חברה, מען טרייבט געפאַנגענע!... איך זאָג ליגנט? שווער איך ביי דער הייליקער מוטער!

פון די הייף זענען איילִיק אַרויסגעלאָפן פאַרשלאָפענע קאָזאַקן. די געפאַנגענע זענען צוגעקומען — אַכט פאַרשטויבטע יונגע חברהלייט, וואָס האָבן פאַרשפּרייט אַ שווערן ריח פון שווייס אַרום זיך. מען האָט זיי געדיכט אַרומגערינגלט.

— ווו האָט מען זיי פאַרנומען? — האָט געפרעגט דער קאָמאַנדיר פון דער באַטאַרייע, באַטראַכטנדיק די געפאַנגענע מיט קאַלטער נייגיריקייט.

איינער פון די קאָנוואָי־לייט האָט געענטפערט, נישט אָן באַרימערישער צופרידנהייט:

— מלחמה־פּירער! דאָס האָבן מיר זיי צווישן די זון־רויזן ביים כוטאָר געפאַנגען. זיי האָבן זיך באַהאַלטן ווי וואַכטלען פאַר אַ שפּאַרבער. מיר האָבן זיי פון די פערד דערזען און גענומען יאָגן. איינעם האָבן מיר דערהרגעט...

די רויטגוואַרדייער האָבן דערשראָקן זיך געטוליעט. זיי האָבן משמעות מורא געהאַט, מען זאָל זיי נישט דערהרגענען. זייערע אויגן זענען הילפלאָז אַרומגעלאָפן איבער די פּנימער פון די קאָזאַקן. בלויז איינער, לויטן אויסזען אַן עלטערער, אַ ברוין־אָפּגעברענטער, מיט בולטע באַקן־ביינער, אין אַ ברודיקער בלוזע און שטאַרק־אָפּגענוצטע וויקלערס, האָט מיט פאַראַכטונג געקוקט איבער די קעפּ מיט עטוואָס שיקלדיקע שוואַרצע אויגן און שטאַרק־פאַרפּרעסטע ביז בלוט־צעהאַקטע ליפּן. ער איז געווען אַ פעסט־געבויטער, אַ ברייטפּלייציקער. אויף זיינע שוואַרצע האַרטע האָר, ווי ביי אַ פערד, איז געזעסן, ווי אַ גרינער שטריך צוגעפּלאַטשט, אַ היטל מיט אַ צייכן פון אַ קאָקאַרדע, וואָס האָט זיך ביי אים דערהאַלטן, אפשר, נאָך פון דער דייטשישער מלחמה. ער איז געשטאַנען פריי, מיט שוואַרצע גראָבע פינגער און פאַרטרוקנט בלוט

אויף די נעגל זיך צוגערירט צום אויפגעשפּיליעטן קאָלנער פון העמד און שאַרפן גאָרגל־קנאָפּ, וואָס איז באַוואַקסן געווען מיט שוואַרצע האַרטע האָר. אויסערלעך האָט ער אויסגעזען גלײַכגילטיק, אָבער דער פרײַ־אַרויסגעשטעלטער פוס, ביז דער קני אומגעלומפּערט דיק פון וויקלער, וואָס איז געווען אַרומגעדרייט אַרום הויז, האָט פּיבערהאַפּט געציטערט. די איבעריקע זענען געווען בלײַך, אָן אויסדרוק. בלויז ער איינער אַליין האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַרײַן צוליב זײַנע ברייטע אַקסלען, טאָטערישן און ענערגישן פּנים. אפשר דערפאַר האָט דער קאָמאַנדיר פון דער באַטאַרייע זיך געווענדט צו אים מיט דער פראַגע:

— ווער ביסטו?

דעם רויטגוואַרדייערס קליינע אויגן, ענלעכע צו שטיקלעך אַנטראַציט, זענען באַלעבט געוואָרן, און ער אינגאַנצן האָט עפּעס אומבאַמערקט, אָבער פלינק זיך אַ שטעל געטון.

— אַ רויטגוואַרדייער. אַ רוס.

— ווו געבוירן?

— אַ פּענזער.

— אַ פרײַוויליקער, אויסוווּרף?

— ניין. אַ העכערער אונטעראָפיציר פון דער אַלטער אַרמיי. גענומען געוואָרן אין זיבעצנטן יאָר, און אַזוי ביזן הײַנטיקן טאָג...

איינער פון די קאָנוואָי־לייט האָט זיך אַרײַנגעמישט אין שמועס:

— ער האָט געשאָסן אויף אונז, דער פּײַנטלעכער הונט!

— געשאָסן? — האָט דער עסאַול זיך אָנגעכמורעט, און אויפכאַפּנדיק גריגאָריעס בליק, וואָס איז געשטאַנען קעגן אים, מיט די אויגן אַ ווייז געטון אויפן געפאַנגענעם. — וואָט זאָגט איר צו אים?... — געשאָסן, האַ? וואָס־זשע, עס איז דיר נישט איינגעפאַלן, אַז מען וועט דיך פאַנגען? און אויב מען וועט דיך אַצינד פאַר דעם פאַרטיק מאַכן?

— איך האָב מיך געוואָלט אָפּשיסן. — די צעהאַקטע ליפּן האָבן זיך צעעפנט אין אַ שולדיקן שמייכל.

— אַ שיינע פּרי! פּאַרוואָס־זשע האָסטו דיך נישט אָפּגע־שאָסן?

— אַ־אַ־אַ... — דעם עסאַולס אויגן זענען קאַלט געוואָרן, אָבער ער האָט געקוקט אויפן זעלנער מיט נישט פאַרבאָרגענער צופרידנהייט. — און איר, הינטישע זין, פונוואַנען זענט? — האָט ער שוין מיט גאָר אַן אַנדערן טאָן געפרעגט, בלאָנזשענדיק מיט פריילעכע אויגן איבער די איבעריקע.

— ציביליזירטע זענען מיר, אייער הויכוווילגעבוירנהייט! סאַראַטאָווער... באַלאַשאָווער... — האָט אַרויסגעקרעכצט אַ הויכער בחור מיט אַ לאַנגן האַלז, אָפּט מרוגענדיק און קראַצנדיק זיך די זשאָווער־געלע האָר.

גריגאָרי האָט מיט פיינלעכער נייגיריקייט באַטראַכט די יונגע חברהלייט אין האַקי־קאָליר, זייערע פּשוטע פּויערישע פּנימער, נישט אָנזעעוודיקן אינפאַנטעריע־אויסזיכט. פיינטשאַפט האָט געוועקט אין אים בלויז דער איינער מיט די ברייטע באַקנביינער. ער האָט זיך געווענדט צו אים שפּאָטיש און בייז:

— נאָכוואָס האָסטו דיך מודה געווען? דו האָסט מסתמא ביי זיי אַ ראָטע אָנגעפירט? ביסט אַ קאָמאַנדיר? אַ קאָמוניסט? קוילן, זאָגסטו, האָבן דיר פאַרפעלט? און מיר וועלן דיך דער־פאַר מיט די שווערדן צעהאַקן — וואָס וועסטו אויף דעם זאָגן?

דער רויטגוואַרדייער, באַוועגנדיק מיט די נאָזלעכער, וואָס זענען ביי אים צעהאַקט געווען דורך אַ קאָלבע, האָט שוין דרייס־טער געזאָגט:

— איך האָב מיך מודה געווען נישט צוליב העלדישקייט. וואָס וועל איך לייקענען? האָסט געשאָסן — זיי דיך מודה... נישט אַזוי? וואָס שייך ווידער... מילא, דערהרגעט. איך דערוואַרט

נישט פון אייך קיין גוטס, אויף דעם זענט איר דאָך קאָזאַקן... — און ער האָט ווידער אַ שמייכל געטון, דער אויסוואורף...

אַרום האָט מען געשמייכלט מיט באַגיטיקונג. באַזיגט דורכן סאָלדאַטס לאָגישן רעדן, איז גריגאָרי אַוועקגעגאַנגען. ער האָט געזען, ווי די געפאַנגענע זענען צוגעגאַנגען צום ברונעם זיך אָנטרינקען. פון געסל איז אין רייען אַרויסגעגאַנגען אַ סאָטניע קאָזאַקישע פוסגייער.

IX

אויך שפעטער, ווען דאָס פולק איז אַריין אין אַ פאַזע פון כסדרדיקע שלאַכטן, ווען אָנשטאָט שוץ־פונקטן איז אין קרומע זיגזאַגן געלעגן פונאַנדערגעוויקלט דער גאַנצער פראָנט, האָט גריגאָרי תּמיד, ביים צונויפטרעפן זיך מיטן שונא, אין אוממיטלבאַרער נאָענטקייט מיט אים, איבערגעלעבט אַלץ דאָס זעלבע שאַרפע געפיל פון גרויסער, אומגעזעטיקטער נייגיריקייט צו די באָלשעוויקעס, צו די רוסישע זעלנער, מיט וועלכע ער האָט צוליב עפעס געמוזט זיך שלאָגן. אין אים איז ווי אויף אייביק פאַרבליבן יענץ נאַיִווע קינדישע געפיל, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין די ערשטע טעג פון דער פיריעריקער מלחמה, ווען ער האָט הינטער לעשניוו פון בערגל צום ערשטן מאָל אָבסערווירט דאָס באַוועגן זיך פון עסטרייך־אונגאַרישן חייל און די טאַבאָרן. „און וואָס פאַר אַ מענטשן זענען דאָס? וואָסערע זענען זיי?” ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען אין זיין לעבן קיין פעריאָד, אין וועלכן ער האָט זיך געשלאָגן הינטער גלובאָקאָיע מיט טשערניעצאָווס אָפטיילונג. אָבער דעמאָלט האָט ער גוט געקענט זיינע שונאים, — צומיינסט זענען דאָס געווען דאָנער אָפיצירן, קאָזאַקן. און דאָ איז אים אויסגעקומען צו האָבן צו טון מיט רוסישע זעלנער, מיט עפעס אַנדערע מענטשן, מיט די, וואָס האָבן אין זייער רוב געשטיצט די סאָוויע־

טישע מאַכט און געשטרעבט, ווי ער האָט געמיינט, צו פאַרכאַפּן די קאָזאַקישע ערד און זייערע גיטער.

נאָך איין מאָל האָט ער עפּעס אין אַ שלאַכט כּמעט אויג אויף אויג זיך צונויפגעטראָפן מיט רויטגוואַרדייער, וואָס האָבן אומגעריכט זיך אַרויסגעשיט פון אַ זייטיקער הייל. ער איז אַרויסגעריטן מיט זיין אָפּטיילונג אויף אויסשפּירונג, צוגעריטן איבער דער שיפּוע פון דער הייל צום אָרט, ווו זי האָט זיך גענומען פונאַנדערצווייגן, און דאָ פּלוצלינג דערהערט רעדן רוסיש מיט אַ האַרטער „ג", שעלטן אין דער מאַמען אַריין און אַ דראָבנע שאַרכען פון טריט. עטלעכע רויטגוואַרדייער – צווישן זיי איין כינעזער – זענען אַרויסגעשפּרונגען אויפן באַרג און, צעטומלטע דורכן אָנבליק פון די קאָזאַקן, אויף אַ רגע פאַרגליווערט געבליבן אין פאַרוווּנדערונג.

– קאָזאַקן! – האָט איינער מיט אַ דערשראָקן קוואַקענדיק קול אויסגעשריגן, פאַלנדיק.

דער כינעזער האָט אויסגעשאָסן. און באַלד האָט יענער בלאָנדער, וואָס איז געפאַלן, שאַרף און שנעל גענומען שרייען, זיך פאַרכליניענדיק:

– חברים! די מאַקסימקע דערלאַנגט! קאָזאַקן!

– דערלאַנג-זשע! קאָזאַקן!...

דעם כינעזער האָט מיטקאַ קאָרשונאָוו אָוועקגעלייגט מיטן נאַגאַן און, האַסטיק אויסדרייענדיק דאָס פערד, שטויסנדיק דערמיט גריגאָריעס פערד, האָט ער דער ערשטער אָוועקגעלאָפּירט איבער דער קרומער שיפּוע פון דער הייל, אַרבעטנדיק מיט די לייצן און אָנפירנדיק איבער די גריביקע ערטער מיטן צעשראָקענעם לויפן פון פערד. נאָך אים האָבן גאַלאָפּירט די איבעריקע, זיך קנוילנדיק און באַמיִענדיק איבערצויאָגן איינער דעם אַנדערן. הינטער זייערע רוקנס האָט מיט אַ באַריטאָן גענומען ברומען אַ קוילנוואַרפער, די קוילן האָבן אָפּגעהאַקט די בלעטער פון די קוסטעס און ווילדע ... יימלעך, וואָס זענען געדיכט געוואַקסן

אויף די שיפּועים און שפּיצן בערגלעך, געקרישלט און ווילד גע־ריסן דעם שטייניקן באָדן פון טאָל.

נאָך עטלעכע מאָל האָט ער זיך צונויפגעטראָפן פּנים קעגן פּנים מיט די רויטע, געזען, ווי די קוילן פון די קאָזאַקן האָבן אַפּערגעריסן די ערד ביי די רויטאַרמייער פון אונטער די פיס, און יענע זענען געפאַלן און זיך געשיידט מיטן לעבן אויף דער־דאָזיקער פרוכטבאַרער, זיי פרעמדער ערד.

און ביסלעכווייז האָט גריגאָרי אָנגעהויבן זיך דורכדרינגען מיט אַ פיינטשאַפט צו די באָלשעוויקעס. זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין זיין לעבן ווי שונאים, אים אַוועקגענומען פון דער ערד! ער האָט געזען: ווי דאָס זעלבע געפיל באַהערשט אויך די אַנדערע קאָזאַקן. זיי אַלע האָט זיך געדאַכט, אַז בלויז צוליב דער שולד פון די באָלשעוויקעס, וואָס זענען אָנגעפאַלן אויף זייער פּראָווינץ, קומט פאַר דידאָזיקע מלחמה. און קוקנדיק אויף די נישט אַראָפּ־גערוימטע סטויגן ווייץ, אויף דער נישט אָפּגעשניטענער, דורך די קאָפּיטעס צעטרעטענער תבואה, אויף די ליידיקע שייערס, האָט איטלעכער זיך דערמאָנט אָן זיינע דיעסיאַטינען, אויף וועלכע עס אַרבעטן איבער די כּוחות די באַבעס, און דאָס האַרץ איז אין אים האַרט און חיהש־פאַרווילדעט געוואָרן. גריגאָריען האָט זיך טייל־מאָל אין קאַמף געדאַכט, אַז אויך די פיינט זיינע — די טאַמבאָ־ווער, ריאַזאַנער, סאַראַטאָווער פּויערים — גייען זיך שלאָגן, גע־טריבן פון זעלבן אייפעריקן געפיל נאָך ערד. „מיר שלאָגן זיך פאַר איר, ווי פאַר אַ געליבטער” — האָט גריגאָרי אַ טראַכט געטון.

מען האָט אָנגעהויבן ווינציקער נעמען אין געפאַנגענשאַפט. אַלץ אָפטער זענען געוואָרן די פאַלן פון דערהרגענען די געפאַנ־גענע. אין אַ ברייטערער כוואַליע האָבן זיך צעגאָסן איבערן פראָנט די רויבערייען: מען האָט גערויבט ביי די פאַרדעכטיקע אין סימ־פּאַטיע צו די באָלשעוויקעס, ביי די משפחות פון די רויטגוואַר־דייער, מען האָט אויסגעטון נאַקעט די געפאַנגענע...

מען האָט גערויבט אַלץ, אָנהייבנדיק פון פערד און בריטש־

קעס און פאַרענדיקנדיק מיט פולשטענדיק נישט נייטיקע זאַכן, וואָס זענען בלויז געפאַלן צולאַסט.

עס האָבן גערויבט סיי די קאָזאַקן, סיי די אָפיצירן. די טאַבאָרן זענען אָנגעשוואָלן געוואָרן פון רויב. וואָס איז אַלץ נישט געווען אויף די וואָגנס! אי אָנטון, אי סאַמאָוואַרן, אי נײ־מאַשינען, אי פערדישע געשפּאַנען — אַלץ, וואָס האָט נאָר געהאַט װעלכן ס'איז ווערט. דער רויב איז פון די טאַבאָרן אָפּטראַנספּאָרטירט געוואָרן איבער די הײַזער. עס זענען געקומען קרובים, זײ האָבן געפירט שפּײַז און אַמוניציע פאַר דער אָפּטײלונג און צוריקצוּוועג אָנגעלאָדן די בריטשקעס מיט דעם גערויבטן. די רײַטער־פולקן — און זײ זענען געווען צומײנסט — האָבן זיך אויפגעפירט באַזונדערס הפקרדיק. אַ פוסגײער האָט, חוץ אין טאָרניסטער, נישט געהאַט ווו צו לײגן, אָבער דער רײַטער האָט זיך אָנגעפּאַקט די זעק בײם זאָטל, פאַרשנירט אין די רימענס, און זײַן פערד איז מער ענלעך געווען צו אַ לאַסט־חיה, ווי צו אַ פראָנט־פערד. זײ האָבן זיך צעגאַרטלט, די ברידערלעך. דער רויב אין דער מלחמה איז תּמיד געווען די וויכטיקסטע טרײב־קראַפט פאַר די קאָזאַקן. גריגאָרי האָט דאָס געוווּסט אי פון דעם, וואָס די אַלטע פלעגן דערצײלן וועגן אַמאָליקע מלחמות, אי פון דער אײגענער פּראַקטיק. נאָך בשעת דער דײַטשישער מלחמה, ווען דאָס פולק איז געגאַנגען אין הינטערלאַנד פון פּרײסן, האָט דער בריגאַדע־קאָמאַנדיר — אַ פאַרדינסטפולער גענעראַל — אויסגעשטעלט צוועלף סאָטניעס און אַ זאַג געטון, אָנווײַזנדיק מיטן ראַפּניק אויפן קלײנעם שטעטל, וואָס איז געלעגן הינטער די בערגלעך:

— וועט איר זי נעמען — גיב איך די שטאָט אויף צוויי שעה צו אײַער דיספּאָזיציע. אָבער נאָך די צוויי שעה וועט דער ערשטער, וואָס וועט געכאַפּט ווערן בײם ראַבירן, — געשטעלט ווערן צו דער וואַנט.

גריגאָריען איז דאָס איבער עפּעס נישט אײַנגעגאַנגען אין האַרץ, ער האָט גענומען בלויז שפּײַז און פאַשע פאַרן פערד, אומקלאָר זיך שרעקנדיק צו נעמען פרעמד אײגנס און מיט ווידער־

ווילן זיך באַציִענדיק צו די רויבערייען. באַזונדערס עקלהאַפט האָט אים אויסגעזען דאָס רויבן ביי די אייגענע קאָזאַקן. די סאָטניע האָט ער געהאַלטן שטרענג. אויב זיינע קאָזאַקן האָבן שוין עפּעס גענומען, איז עס געווען אין געהיים און אין זעלטענע פאַלן. ער האָט נישט באַפוילן אומצוברענגען און אויסטון די געפאַנגענע. מיט זיין איבערמעסיקער ווייכקייט אַרויסגערופן אומצופרידנהייט ביי די קאָזאַקן און דעם פּולק-קאָמאַנדיר. מען האָט אים אַרויסגערופן אויף אַן אויפקלערונג אין דיוויזיע-שטאַב. איינער פון די שטאַב-לייט איז אָנגעפאַלן אויף אים, גראָב זיך צעשרייענדיק:

— וואָס מאַכסטו מיר קאַליע די סאָטניע, כאָרונזשי? וואָס פאַר אַ ליבעראַלע שטיק פירסטו איין? ווילסט דיך אויף יעדן פאַל פאַרזיכערן? שפּילסט אַ טאָפּעלע שפּיל, ווי אַמאָל?... ווי אַזוי קאָן מען אויף דיר נישט שרייען?... נאָר אָן טענות! וואָס דיסציפּלין איז — ווייסטו? ווילסט — מיר זאָלן דיך טוישן? וועלן מיר דיך טוישן! כ'באַפעל דיר שוין היינט איבערצוגעבן די סאָטניע! און — קיין וואָרט נישט מער!

סוף חודש האָט דאָס פּולק צוזאַמען מיט דער דרייאונדרייסיקסטער סאָטניע פון יעלאַנער פּולק, וואָס איז מיטגעגאַנגען אין דער זייט, פאַרנומען דעם כוטאָר גרעמיאַטשי לאָג.

אונטן אין טאָל האָבן געדיכט זיך געטוליעט ווערבעס, יעשאָנס און טאָפּאָלן. איבער דער שיפּוע זענען צעשטעלט געווען אַ דריי צענטליק ווייסע כאַטעס, אַרומגעצוימטע מיט אַ נידעריקער שטיינערנער צוים. איבערן כוטאָר, אויפן באַרג, איז געשטאַנען אַן אַלטע ווינטמיל, צוטריטלעך פאַר אַלע ווינטן. אויפן פאָן פון ווייסן וואָלקן, וואָס האָט זיך אָנגעטראָגן פון הינטערן באַרג אַפּער, האָבן אירע טויט-שטאַרנדיקע פליגל קרום זיך געשוואַרצט, ווי אַן אָנגעבויגענער צלם. דער טאָג איז געווען רעגנדיק און כמורנע. איבערן טאָל האָט געפּרושעט אַ געלער געוויטער: די בלעטער האָבן שאָרכענדיק זיך געלייגט איבער דער ערד. די שיין-געוואַקסענע ווערבעס האָבן דורכגעלויכטן מיט מאַלינע-בלוט. די שייערס

האָבן זיך געבערגלט מיט זייער לייכטנדיק שטרוי. אַ ווייכער ערב־ווינטערדיקער איבערציִער האָט מאַט צוגעדעקט די שמעקנדי־קע ערד.

גריגאָרי האָט פאַרנומען מיט זיין אָפּטיילונג דאָס הויז, וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן דורך די קוואַרטירמייסטערס. דער באַ־לעבאָס, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז אַוועקגעגאַנגען מיט די רויטע. די אַלטע שיינע באַלעבאָסטע מיט דער יונגער טאָכטער האָבן גוטוויליק באַדינט די אָפּטיילונג. גריגאָרי איז אַריינגעגאַנ־גען פון קיך אין דער שטוב און זיך אַרומגעקוקט. די באַלעבאַטים האָבן, אַפּנים, געלעבט ברייווח: געפּאַרבטע דילן, ווינער שטולן, אַ שפּיגל אויף די ווענט, געוויינטלעכע פאָטאָגראַפיעס פון מילי־טערלייט און אַ שילערישע שריפטלעכע אויסצייכענונג אין אַ שוואַרץ רעמל. גריגאָרי האָט אויפגעהאָנגען דאָס רעגנמאַנטל אויפן אויוון און פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס.

עס איז אַריינגעקומען פּראָכאָר זיקאָוו, אַוועקגעשטעלט די ביקס ביים בעט און גלייכגילטיק מודיע געווען:

— דער טאַבאָר איז געקומען. מיט אים אויך אייער פּאָ־טער, גריגאָר פּאַנטעלעיעוויטש.

— נו, זאָג נישט קיין ליגנט!

— אויף אַן אמת. חוץ אים, נאָך אַ זעקס וואָגנס פון אונ־זער כוטאָר. גיי, באַגריס דיך מיט זיי!

גריגאָרי האָט גענומען דעם שינעל אויף די אַקסלען און אַרויסגעגאַנגען.

אין טויער האָט ביי דער צוים אַריינגעפירט די פערד פּאַנ־טעלעי פּראָקאָפּיעוויטש. אויף דער ברישטקע איז געזעסן דאַריאַ, איינגעטוליעט אין טולופּ פון היימישער אויסאַרבעטונג. זי האָט געהאַלטן די לייצן און פון אונטערן נאָסן קאַפּטור אָפּערגעשמייכלט צו גריגאָריען מיט גלאַנציקע לאַכנדיקע אויגן.

— וואָס האָט אייך אַהערגעבראַכט, לאַנדסלייט? — האָט גריגאָרי אויסגעשריגן, שמייכלענדיק צום פאָטער.

— אַ, זון מײַנער, אַבי מען זעט דיך געזונט! צו גאַסט זע־נען מיר געקומען, אומגעבעטענע צוגעפֿאָרן.

גריגאָרי האָט גײַענדיק אַרומגענומען דעם פֿאָטערס ברייטע אַקסלען, אָנגעהויבן אָפּטשעפּען די שטריק פֿון די אָרטשיקעס.

— האָסט דיך נישט געריכט, זאָגסטו, גריגאָרי?

— אוודאי.

— און מיר, זעסטו, זענען באַשטימט געוואָרן מיטן טאַבאָר צו פֿאָרן... פֿאַרנומען אונז. גראַנאַטן אײַך געבראַנגט, — אָבער קעמפּט.

אויסשפּאַנענדיק די פֿערד, האָבן זיי זיך דורכגעוואָרפֿן מיט אָפּגעריסענע פֿראַזן. דאַריאַ האָט אַראָפּגענומען פֿון דער בריטשקע דעם פּראָוויאַנט און פֿאַשע פֿאַר די פֿערד.

— און דו נאָכוואָס ביסט געקומען? — האָט גריגאָרי גע־פֿרעגט.

— מיטן טאַטן. ער איז עפּעס נישט מיט אַלעמען, פֿון יום־טוב אָן נאָך אַלץ נישט צו זיך געקומען. די מאַמע האָט זיך געשראָקן: טאָמער מאַכט זיך עפּעס, און ער וועט זײַן אַליין אין דער פֿרעמד...

צוואַרפֿנדיק די פֿערד העל־גרינעם שמעקעדיקן פֿעזש, איז פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש צוגעגאַנגען צו גריגאָריען, געפֿרעגט מיט אַ הייזעריק שעפּטשען און אומרויִק ברייט צעעפֿנט די שוואַר־צע אויגן מיט די קרענקלעך־רויטע ווײַסלען:

— נו, וואָס הערט זיך עפּעס?

— נישקשה. מיר פֿירן מלחמה.

— איך האָב געהערט זאָגן, אַז די קאָזאַקן ווילן כּלומרשט נישט אַריבערטרעטן די גרענעץ... איז דאָס אמת?

— פּלוידערייען... — האָט גריגאָרי אויסמײַדנדיק גע־ענטפֿערט.

— וואָס מיינט איר עס מיט זיך, ברידער? — האָט דער אַלטער אָנגעפֿרעמדט און פֿאַרלוירן געזאָגט. — וואָס איז דאָס אַזוינס? און די אַלטע לײַט בײַ אונז לייגן אויף אײַך האָפֿענונ־

גען... וואַר־זשע, חוץ אייך, וועט פּאָטערל־דאָן פּאַרטיידיקן, אויב איר — גאָט באַהיט! — וועט נישט וועלן מלחמה האַלטן?... וואָס האָט דאָס צו באַטייטן? אייערע לייט פון טאַבאָר האַלטן אין איין פּלוידערן... רופן אַרויס אומרויִקייט, די הינטישע זין!

זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין דער כאַטע. עס זענען זיך צונויפגעקומען קאָזאַקן. דער שמועס האָט לכתחילה זיך געדרייט אַרום די נייעסן פון כוטאָר. דאַריאַ האָט זיך דורכגעשעפּטשעט מיט דער באַלעבאָסטע, אויפגעבונדן דאָס פּעקל פּראָוויאַנט און גענומען גרייטן נאַכטעסן.

— מען שמועסט, דו ביסט שוין אויס סאָטניע־קאָמאַנדיר? — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש געפרעגט, זיך צעקעמענדיק די צונויפגעקנאָדערטע באָרד מיט אַ ביינערן קעמעלע.

— איך פיר אַצינד אָן מיט אַן אָפּטיילונג.

גריגאָריעס גלייכגילטיקער ענטפער האָט דעם פאָטער אַ שטאָך געטון. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אָנגעכמורעט דעם שטערן, צוגעהינקט צום טיש, צעשטרייט אָפּגעזאָגט די תפילה און, אָפּווישנדיק דעם לעפל מיט דער פּאָלע פון טשעקמען, באַליידיקט געפרעגט:

— פאַרוואָס האָט מען עס דיך אַזוי באַהאַנדלט? דו האָסט אפשר די אָנפירערשאַפט נישט צופרידנגעשטעלט?

גריגאָריען האָט זיך נישט געגלוסט צו רעדן וועגן דעם אין קעגנוואַרט פון די קאָזאַקן, ער האָט איבערדריסיק אַ הייב געטון מיט אַן אַקסל:

— מען האָט געשיקט אַ נייעם... אַ געבילדעטן.

— דין־זשע זיי אַזוי אויך, זון מיינער! זיי וועלן זיך שנעל איבערצייגן! אַ געבילדעטער האָט זיך זיי פאַרגלוסט! זאָג זיי: מיך האָט די דייטשישע מלחמה אויסגעבילדעט, איך ווייס אַ סך מער, ווי נישט איין געבילדעטער!

דער אַלטער האָט אָפן אויסגעדרוקט זיינע תרעומות און גריגאָרי האָט זיך געקרומט, קוקנדיק זייטיק אויף די קאָזאַקן, צי זיי שמייכלען נישט?

די דעגראַדאַציע האָט אים נישט געערגערט. ער האָט געהערן איבערגעגעבן די סאָטניע, פאַרשטייענדיק, אַז ער וועט אַזוי אַרום נישט דאַרפן טראָגן די אחריות פאַרן לעבן פון די כוטאָר־לייט. אָבער זיין איינגעליבטע איז דאָך געקרענקט געוועזן, און דער פּאָטער האָט מיט זיינע רייד אומווילנדיק אים פאַרשאַפט עגמת־נפש.

די באַלעבאָסטע איז אַריינגעגאַנגען אין קיך, און פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, דערפילנדיק זיך שטאַרקער אין דער אָנוועזנהייט פון אַריינגעקומענעם לאַנדסמאַן באָגאַטיריעוו, האָט אָנגעהויבן רעדן:

— האַלט איר זיך טאַקע ביים געדאַנק — נישט צו גיין ווייטער פון די גרענעצן?

פּראָכאָר זיקאָוו האָט אָפּט געמרוגעט מיט די קעלבערנע מילדע אויגן, געשוויגן און שטיל געשמייכלט. מיטקאַ קאָרשונאָוו איז געזעסן טשיפּקע ביים אויוון און זיך געבריט די פינגער מיטן שטיקל פּאַפּיראָס, וואָס ער האָט צוגערייכערט. די איבעריקע דריי קאָזאַקן זענען געזעסן און געלעגן אויף די בענק. אויף דערדאָזיקער פראַגע האָט עפּעס קיינער נישט געענטפערט. באָגאַטיריעוו האָט פאַרביטערט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— זיי נעמען זיך די זאַכן נישט איבעריק צום האַרץ. — האָט ער אַ זאָג געטון מיט אַ געדיכטן הודזשענדיקן באַס — פאַר זייערטוועגן מעג אפילו קיין גראָז אויף די פעלדער נישט וואַקסן...

— און נאָך וואָס זאָלן מיר גיין ווייטער? — האָט פויל געפרעגט דאָס קרענקלעכע קאָזאַקל איליין. — נאָך וואָס זאָלן מיר טאַקע גיין? מיר זענען געבליבן יתומים נאָכן ווייב, און איך וועל גיין אומזיסט דאָס לעבן אַוועקגעבן.

— מיר וועלן זיי פון דער קאָזאַקישער ערד אַראָפּטרייבן — און זיך אומקערן אַהיים! — האָט אים אַ צווייטער אַנטשלאָסן אונטערגעהאַלטן.

מיטקאַ קאָרשונאָוו האָט אַ שמייכל געטון בלויז מיט די גרינע אויגן, זיך פאַרדרייט די דינע ווייכע וואָנסע.

— פאַר מיינעטווען קאָן מען כאָטש נאָך פינף יאָר מלחמה האַלטן. איך האָב ליב!

— אַרויסגיין!... זאָטלען! — האָט מען גענומען רופן פון הויף.

— איר זעט! — האָט אַליין פאַרצווייפלט אויסגעשריגן. — איר זעט, פאָטער! מען האָט נאָך נישט באַוויזן זיך אָפּצוטרוקענען, און דאָרט שרייט מען שוין — „אַרויסגיין!" ווידער, הייסט עס, אויף דער פּאָזיציע! און איר זאָגט: גרענעצן! וואָס פאַר אַ גרענעצן קאָנען דאָ זיין? אַהיים דאַרף מען זיך אומקערן! צו שלום דאַרף מען זיך דערשלאָגן, און איר זאָגט...

דער אַליאַרם האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס פאַלשער. גריגאָרי האָט אַ בייזער אַריינגעפירט דאָס פערד אין הויף, אָן אַ סיבה עס אַ זעץ געטון מיטן שטיוול אונטער דער פאַכווע און מיט ווילד אַרויסגעשטאַרצטע אויגן אַ רעווע געטון:

— דו, טייוול! גיי גלייך!

פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט געדרייכערט ביי דער טיר. דורכלאָזנדיק די אַריינגייענדיקע קאָזאַקן, האָט ער געפרעגט:

— וואָס זענט איר אויפגערעגט?

— אָן אַליאַרם!... אַ טאַבון בהמות האָבן זיי פאַר די רויטע אָנגענומען.

גריגאָרי האָט אויסגעטון דעם שינעל און זיך געזעצט ביים טיש. די איבעריקע האָבן קרעכצנדיק זיך אויסגעטון, אָנגעוואָרפן די שווערדן, ביקסן און קוילן-טאַשן אויף די בענק.

ווען אַלע האָבן זיך געלייגט שלאָפן, האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש אַרויסגערופן גריגאָריען אויפן הויף. זיי האָבן זיך געזעצט אויפן גאַנעק.

— איך וויל עפּעס שמועסן מיט דיר. — דער אַלטער האָט אָנגערירט גריגאָריען ביי דער קני און גענומען שעפּטשען: — מיט אַ וואָך צוריק בין איך געפאָרן צו פּיעטראָ. דאָס אַכטאונצוואַנציקסטע פּולק זייערס שטייט אַציגד הינטער קאַלאַטש... איך בין דאָרט, זון מיינער, אַ ביסל צו זיך געקומען. פּיעטראָ אינטע-

רעסירט זיך מער, אַ סך מער מיטן באַלעבאַטישקייט! ער האָט מיר געגעבן אַ באַרג אַנטוּבּטס, אַ פערד, צוקער... דאָס פערד איז אַ גוטס...

— וואָרט־צו! — האָט גריגאָרי אים שטרענג איבערגעשלאָגן, אַן אָפּגעבריטער פון דעם, וואָס ער האָט זיך משער געווען. — דו ביסט אַמאָל נישט געקומען אַהער צוליבן זעלבן?

— וואָס איז דען?

— וואָס הייסט — וואָס?

— מענטשן נעמען דאָך, גרישאַ...

— מענטשן! נעמען! — האָט גריגאָרי מיט ווילדן כעס איבערגעחזרט, נישט געפינענדיק קיין ווערטער. — דאָס אייגענע איז אייך ווייניק? כאַמעס, וואָס איר זענט! פאַר אַזעלכע שטיקלעך האָט מען אויפן דייטשישן פראָנט מענטשן געשאָסן!...

— שריי נישט אַזוי! — האָט דער פאָטער קאַלט אים אָפּגעשטעלט. — איך בעט נישט ביי דיר. איך דאַרף גאָרנישט. איך לעב היינט, און מאָרגן — האָב איך די פיס אויסגעצויגן... דו טראַכט וועגן דיר. זעט נאָר דעם עושר! איינדערהיים איז בלויז די בריטשקע געבליבן, און ער... און פאַרוואָס זאָל מען נישט נעמען ביי דידאָזיקע, וואָס זענען צו די רויטע צוגעשטאַנען?... ס'איז דאָך אַן עבירה ביי זיי נישט צו נעמען! און איינדערהיים וואָלט יעדע קליינינקייט צונוץ געקומען.

— דו הער מיר אויף מיט דעם! אַז נישט, וועל איך דיך גלייך פונדאַנען אַרויסבאַגלייטן! איך האָב די קאָזאַקן פאַר דעם די מאָרדעס געפּאַטשט, און מיין פאָטער איז געקומען רויבן די באַפעלקערונג! — האָט גריגאָרי ציטערנדיק זיך געשטיקט מיט די ווערטער.

— דערפאַר טאָקע האָט מען דיך געמאַכט פאַר אויס סאָטניע־קאָמאַנדיר! — האָט דער פאָטער אים גיפטיק אַ שטאָך געטון.

— צו וועלכן טייוול האָב איך עס געדאַרפט! איך וועל אויך די אָפּטיילונג איבערגעבן.

— און דו וועסט זייער קלוג טון! גוט אַזוי, גוט אַזוי...

אַ ווײַלע האָבן זיי געשוויגן. גריגאָרי האָט פאַררייכערט און בײַ דער שײַן פון שוועבעלע פּלאָחר־יד דערזען דעם פּאָטערס פאַרלוירענע און באַליידיקטע פּנים. ערשט אַצינד זענען אים קלאָר געוואָרן די סיבּות פון פּאָטערס קומען. „צוליב דעם האָט ער אויך דאַריען מיטגענומען, דער אַלטער טײַוול, זי זאָל היטן דאָס אָנגערויבטע", — האָט ער געטראַכט.

— סטיעפּאַן אַסטאַכאָוו האָט זיך באַוויזן, האָסט געהערט? — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש גלייכגילטיק אָנגעהויבן.

— וואָס הייסט? — גריגאָרי האָט אפילו אַרויסגעלאָזט דעם פּאַפּיראָס פון דער האַנט.

— אַזוי, אַזוי. עס ווײַזט זיך אַרויס — ער איז געווען אין געפאַנגענשאַפט, נישט געהרגעט געוואָרן. געקומען אין אָרדענונג. ער האָט מלבושים און אַנדערע זאַכן אָנגעבראַכט אָן אַ שיעור. פולע צוויי וואָגנס! — האָט דער אַלטער געהאַקט ליגנט, זיך רומענדיק, ווי סטיעפּאַן וואָלט געווען זײַנס אַן אייגענער. — אַקסיניען האָט ער אַהיימגענומען און באַלד אַוועקגעגאַנגען דינען. מען האָט אים געגעבן אַ גוטן אַמט. ער איז געוואָרן אַן עטאַפּ־קאָמענדאַנט ערגעץ. דאַכט זיך, אין קאַזאַנסק.

— תּבואה האָט איר אַ סך אָנגעמאָלן? — האָט גריגאָרי איבערגעפירט דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש.

— פערציק מעסטלעך.

— און וואָס מאַכן דײַנע אייניקלעך?

— אָהאָ, די אייניקלעך, ברודער, זענען העלדן! וואָלסט זיי אַ מתּנה געשיקט.

— וואָסער מתּנה קאָן מען פון פראָנט שיקן! — האָט גריגאָרי פאַרבענקט אָפּגעזיפצט, און מיט די געדאַנקען געווען בײַ אַקסיניען און סטיעפּאַנען.

— קיין ביקס וועל איך נישט קריגן בײַ דיר? האָסט נישט קיין איבעריקע?

— וואָס טויג זי דיר?

— פאַר דער היים. עס קומט צונויף פאַר אַ חיה, פאַר אַ שלעכטן מענטש. אויף יעדן פאַל. קוילן האָב איך אַ גאַנץ קעסטל גענומען. מען האָט געפירט, — האָב איך גענומען.

— נעם אין טאַבאַר. דאָס גוטס פעלט נישט. — גריגאָרי האָט כמורנע אַ שמייכל געטון. — נו, גיי שלאָפן! איך דאַרף גיין אויפן וואַך־פּאָסטן.

אינדערפרי איז אַ טייל פון פולק אַרויסגעריטן פון כוטאָר. גריגאָרי איז געריטן אין זיכערקייט, אַז ער האָט דעם פאָטער פאַרשעמט און ער וועט אָוועקפאָרן מיט גאָרנישט. אָבער פּאַנטע־לעי פּראָקאָפּיעוויטש איז אַריינגעגאַנגען אין שפּייכלער, נאָכדעם ווי ער האָט באַגלייט די קאָזאַקן, אַראָפּגענומען די כאָמוטן און לייצן פון די האַקעס און זיי אַרויסגעטראָגן אויף זיין ברִיטשקע. פון הינטן איז אים נאָכגעגאַנגען די באַלעבאָסטע, דאָס פּנים פאַרגאָסן מיט טרערן, געשריגן, אים אָנגעכאַפּט ביי די אַקסלען:

— פּאָטערל! טייערינקער! ווי האָסטו נישט קיין מורא זיך צו פאַרזינדיקן? פאַרוואָס באַליידיקסטו די יתומים? גיב אָפּ די כאָמוטן! גיב אָפּ, ווי גאָט איז דיר ליב!

— נו־נו, דו לאָז גאָט צורו! — האָט מעליעכאָוו מיט ברייטע שפּרייזן אונטערגעהינקען און זיך אָפּגעיאָגט פון דער באָבע. — אייערע מענער וואָלטן ביי אונדז אויך זיכער גענומען. דיינער איז דאָך, מסתמא, אַ קאָמיסאַר?... טשעפּע דיך אָפּ! אויב „דיינס און מיינס איז סיי־ווי גאָטס" — טאָ שווייג־זשע, קלאָג דיך נישט!

דערנאָך האָט ער אָפּגעהאַקט די שלעסער פון די קופערטס, ביים איינשטימיקן שווייגן פון די טאַבאַר־לייט אַרויסגענומען די בעסערע הויזן און מונדירן, זיי באַקוקט אין דער ליכט, באַטאַפּט מיט די שוואַרצע קורצע פינגער, פאַרבונדן אין פּעקלעך...

ער איז אָוועקגעפאָרן פאַרמיטאָג. אויף דער בריטשקע, וואָס אָנגעלאָדן געווען ביז אַרויף, איז אויף די פּעקלעך געזעסן מיט פאַרקוועטשטע דינע ליפּן דאַריאַ. פון הינטן איבער אַלעם איז געלעגן דער קעסל פון באָד. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אים

אַרויסגעריסן פון דער פּליטע אין באָד, קוים דערטראָגן צו דער בריטשקע און אויף דאָריעס תּרעומותדיקער באַמערקונג:

— איר, פּאַטערל, ווערט אפילו דאָס ד... נישט איבער־לאָזן! — האָט ער בייז געענטפערט: — שווייג, בהמה! איך וועל זיי דעם קעסל איבערלאָזן! דו ביסט פּונקט אַזאַ באַלעבאָסטע, ווי גרישקאַ, דער געצנדינער! און מיר וועט דער קעסל צונוץ קו־מען. אַזוי־אַזוי!... נו, פּאָר שוין! וואָס האָסטו די ליפּן צע־שפּרייט?

דער פון טרערן אָנגעשוואָלענער באַלעבאָסטע, וואָס האָט פאַרמאַכט דאָס טויער נאָך אים, האָט ער גוטמוטיק געזאָגט:

— זיי געזונט, ווייבעלע! נעם נישט פאַר אומגוט. איר וועט זיך נאָך אַרויספאַרבעטן.

X

אַ קייט פון טעג... איין רינג איינגעשמידט אין צווייטן. מאַרשן. שלאַכטן. אָפּרו. היץ. רעגן. געמישטע ריחות פון פערדישן שוויס און אָנגעהיצטער לעדער פון זאָטל. אין די אָדערן — פון בסדרדיקער אָנשטרענגונג — נישט קיין בלוט, נאָר אָנגעוואַרימט קוועקזילבער. דער קאָפּ — פון נישט דערשלאָפן — איז שווערער פון אַ דרייצאָליקן גראַנאַט. גריגאָרי וואָלט געוואָלט זיך אָפּרוען, אויס־שלאָפן! און דערנאָך נאָכגיין איבערן ווייכן אַקער־שטעג דעם אַקער, אונטערפייפן אויף די אָקסן, הערן דעם בושעלס הילכיקע אויסגעשרייען פון אונטערן בלויען הימל אָפּער, צאַרט אַראָפּנעמען דאָס אָנגעפלויגענע זילבערנע שפּינוועבס פון די באַקן און אָן אויפהער טרינקען דעם ווייניקן ריח פון דער האַרבסטיקער אויפגעאַקער־טער ערד.

און אָנשטאָט דעם — דורך די שאַרפן פון די וועגן — צעשניטע־נע תּבואה־פעלדער. איבער די וועגן מחנות נאַקעטע, פון שטויב טויט־שוואַרצע געפאַנגענע. עס גייט אַ סאָטניע. טאַפּטשעט די

װעגן, צעטראָטעװעט מיט די אײַזערנע פּאָדקעװעס די תּבֿואה.
אין די כוטאָרס רעװידירן אַמאָטאָרן די משפּחות פֿון די קאָזאַקן,
װאָס זענען אַװעקגעגאַנגען צו די רױטע, שלאָגן מיט די נאַהײַקעס
די װײַבער און מאַמעס פֿון די פֿאַררעטער...

עס האָבן זיך געצױגן טעג, אָנגעזאַפּטע מיט לאַנגװײַליקײַט.
זײ זענען אױסגעװעפּט געװאָרן פֿון זכּרון און קײן אײן געשעע־
ניש, אפֿילו אַ באַדײַטנדיקע, האָט נישט איבערגעלאָזט קײן שפּורן
נאָך זיך. די װאָכעדיקײט פֿון דער מלחמה האָט אױסגעזען נאָך
לאַנגװײַליקער, װי אין דער פֿריערדיקער קאַמפּאַניע, אפֿשר דער־
פֿאַר — װאָס אַלץ איז שױן דורכגעמאַכט געװען פֿריער. אױך צו
דער מלחמה גופֿא האָבן אַלע פֿריערדיקע אָנטײלנעמער זיך באַ־
צױגן מיט ביטול: סײ דער פֿאַרנעם, סײ די כּוחות, סײ די פֿאַר־
לוסטן — אַלץ איז אין פֿאַרגלײַך מיט דער דײַטשישער מלחמה
געװען, װי אַ שפּילעכל. בלױז דער שװאַרצער טױט אַלײן, װי
אױף די פֿעלדער אין פּרײַסן, איז אױסגעװאַקסן אין זײַן פֿולער
גרײס, געשראָקן און גענײט זיך צו היטן פֿאַר אים מיט אַלע מיט־
לען, װי אַ חיה.

— איז דען דאָס אַ מלחמה ? יאָ, אַ שײן גלײַכן. אין דער
דײַטשישער מלחמה, אַז דער דײַטש פֿלעגט אָנהײבן שיטן פֿון די
האַרמאַטן — האָט ער גאַנצע פּאָלקן ביזן װאָרצל אױסגעקאָשעט.
און אַצינד, אױב עס װערן נאָר צװײ פֿון אַ סאָטניע פֿאַרװוּנ־
דעט, — זאָגט מען שױן, אַז עס זענען דאָ פֿאַרלוסטן ! — האָבן
די אַלטע פֿראָנט־קעמפֿער אײַנגעטענהט.

פֿונדעסטװעגן האָט אױך דידאָזיקע שפּילעװדיקע מלחמה
אױפֿגערעגט. עס האָט זיך געזאַמלט אומצופֿרידנקײט, מידעקײט,
פֿאַרביטערונג. אין דער סאָטניע האָט מען אַלץ עקשנותדיקער גע־
רעדט :

— מיר װעלן אַרױסשטױסן די רױטע פֿון דער דאָנער
ערד — און גענוג ! װײַטער פֿון דער גרענעץ װעלן מיר נישט
גײן. זאָל זיך רוסלאַנד רעגירן אױף איר שטײגער, און מיר —

אויף אונזער שטייגער. מיר וועלן ביי זיי אונזער אָרדענונג נישט איינפירן.

הינטער פילאָנאָוו האָבן אַ גאַנצן האַרבסט זיך געצויגן נאָכ-לעסיקע שלאַכטן. דער וויכטיקסטער סטראַטעגישער צענטער איז געווען צאַריצין, אַהין האָבן סיי די ווייסע, סיי די רויטע איבער-געוואָרפן זייערע בעסטע קרעפטן, און אויפן צפון-פראָנט האָט קיין איינער פון די צדדים נישט געהאַט קיין איבערגעוויכט. ביי-דע צדדים האָבן געזאַמלט כּוחות פאַר אַן אַנטשלאָסענעם אָנגריף. די קאָזאַקן האָבן געהאַט מער רייטער-מיליטער ; אויסנוצנדיק דעמ-דאָזיקן איבערגעוויכט, האָבן זיי געפירט קאָמבינירטע אָפּעראַציעס, אַרומגעכאַפּט די פלאַנגען, פאַרלאָפן אין רוקן. דער איבערגע-וויכט איז געווען אויף דער זייט פון די קאָזאַקן בלויז דערפאַר, וואָס מען האָט זיי קעגנגעשטעלט די מאָראַליש-וואַקלהאַפטע אָפּ-טיילונגען פון די פריש-מאָביליזירטע רויטאַרמייער, הויפּטזעכלעך אין דער געגנט פון פראָנט. די סאַראַטאָווער, טאַמבאָווער האָבן זיך אונטערגעגעבן אין די טויזנטער. ווי נאָר אָבער די אָנפירונג האָט אַ וואָרף געטון אויפן פראָנט אַן אַרבעטער-פּולק, אַ מאַטראָסן-אָפּטיילונג אָדער מיראָנאָווס רייטער, — האָט די סיטואַציע זיך אויסגעגליכט און, אי די איניציאַטיוו איז ווידער איבערגעגאַנגען פון איין האַנט אין דער אַנדערער, אי עס זענען כּסדר אָפּגע-האַלטן געוואָרן נצחונות פון ריין-לאָקאַלער באַדייטונג.

גריגאָרי האָט זיך באַטייליקט אין דער מלחמה, גלייכגיל-טיק זיך צוגעקוקט צו איר פאַרלויף. ער איז געווען איבערצייגט : אַז ביז ווינטער וועט דער פראָנט זיך אויפלעזן ; געוווסט, אַז די קאָזאַקן זענען געשטימט פרידלעך און עס קאָן גאָר נישט זיין קיין רייד וועגן פאַרציִען די מלחמה. אין פּולק פלעגן פון צייט-צו-צייט אָנקומען צייטונגען. גריגאָרי האָט מיט ווידערווילן גענומען אין דער האַנט אַריין דעם געלן נומער פון דעם „איי-בערשטן דאָנער קאַנט”, וואָס איז געדרוקט געווען אויף פּאַק-פּאַ-פיר, און געלויפיק דורכקוקן די ידיעות פון די פראָנטן, קריצנדיק מיט די ציין. און די קאָזאַקן האָבן גוטמוטיק געהירזשעט, ווען

ער האָט זיי געלייענט אויפן קול די בראַוורע, איבלדיק־העלדישע קאָמוניקאַטן:

„דעם 27־סטן סעפּטעמבער, אין דער ריכטונג פון פּילאָנאָוו, קאַמפּן מיט פאַרשידענעם דערפאָלג. אין דער נאַכט אויפן 26־סטן האָט דאָס טיכטיקע וויעשענסקער פּולק אַרויסגעשטויסן דעם שונא פון פאָדגאָרנער כוטאָר און איבער זיין רוקן זיך אַריינגעריסן אין לוקיאַנאָווער כוטאָר. עס זענען גענומען געוואָרן טראָפּעען און אַ גרויסע צאָל געפאַנגענע. די רויטע אָפּטיילונגען טרעטן אָפּ אין אומאָרדענונג. די שטימונג ביי די קאָזאַקן איז אַ הייטערע. די דאָנער רייסן זיך צו נייע נצחונות".

— וויפיל געפאַנגענע האָבן מיר גענומען? אַ גרויסע צאָל?

— אָך־אָך, היני־טישע זין! צוויי־אונדרייסיק מאַן האָט מען גענומען! און זיי... אַך־כאַ־כאַ!... — האָט מיטקאַ קאָרשונאָוו זיך געקייקלט, אויפרייסנדיק אין דער גאַנצער ברייט דאָס אָנצייניקע מויל, האַלטנ־דיק זיך מיט די לאַנגע הענט ביי די זייטן.

די קאָזאַקן האָבן אויך נישט געגלייבט די ידיעות וועגן די דערפאָלגן פון די „קאַדעטן" אין סיביר און אין קובאַן. שוין צו אומפאַרשעמט און עזותדיק האָט געשיט מיט שקרים „דער איי־בערשטער דאָנער קאָנט". אַכוואַטקין — אַ קאָזאַק פון אומגעוויינט־לעכער הייך און גרויסע הענט — האָט, נאָכן איבערלייענען דאָס אַרטיקל וועגן טשעכאָסלאָוואַקישן בונט, געזאָגט אין קעגנ־וואָרט פון גריגאָריען:

— אָט וועלן זיי צודריקן דעם טשעך, אַ וואָרף טון קעגן אונז די גאַנצע אַרמיי, וואָס זיי האָבן קעגן אים אַרויסגעשטעלט, — און ס'וועט ווערן פון אונז אַ נאַסע ראָשטשיניע... — מיט איין וואָרט — ראָסיי! — און ער האָט דראָענדיק פאַרענדיקט:

— אַ געלעכטער מיינט איר?

— שרעק נישט! ס'האָט אַזשביים נאָפּל אַ דריי געטון פון זיין נאַריש רעדן, — האָט פּראָכאָר זיקאָוו מיט דער האַנט אַוועק־געמאַכט.

אָבער גריגאָרי, פאַרדרייענדיק אַ פּאַפּיראָס, האָט מיט שטי־לער שאָדנפרייד פאַר זיך אַ טראַכט געטון: „אמת!"

ער איז דעם אָוונט לאַנג געזעסן ביים טיש, זיך געהאָר־בעט, צעשפּיליעט דעם קאָלנער פון דער אָפּבליאַקירטער בלוזע מיט די זעלבע בליאַקירטע שליפעס פון האַקי־קאָליר. זיין אָפּגע־ברענט פּנים, אויף וועלכן די נישט געזונטע פולקייט האָט אויס־געגלייכט די קנייטשן און שאַרפע באַקנביינער, איז געווען שטרענג. ער האָט באַוועגט מיטן שוואַרצן מוסקולירטן האַלז, זיך געדרייט דאָס געקרייזלטע, פון דער זון געל־געוואָרענע, שפּיצל פון דער וואָנסע און אָנגעשטרענגט געקוקט אין איין פּינטל מיט די האַר־טע אויגן, וואָס האָבן די לעצטע יאָרן באַקומען אַ קאַלטן אויס־דרוק. ער האָט געטראַכט געשפּאַנט מיט אומגעוויינטלעכער אָנ־שטרענגונג און, ווי ער וואָלט געענטפערט אויף דער אַלגעמיינער אָנפראַגע, ערשט פאַרן שלאָפן גיין געזאָגט:

— נישטאָ קיין אויסגאַנג!

ער איז די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, אָפט אַרויסגעגאַנ־גען אַ קוק טון צום פערד און לאַנג געשטאַנען אויפן גאַנעק, גע־הילט אין דער שוואַרצער זייד־שאַרכענדיקער שטילקייט.

אַפּנים, עס האָט נאָך שטיל און פלאַטערדיק געלויכטן יענץ קליינע שטערנדל, אונטער וועלכן גריגאָרי איז געבוירן געוואָרן; אַפּנים, ס'איז נאָך נישט געקומען די צייט, עס זאָל זיך אָפּרייסן און אַ פלי טון, אָנצינדנדיק דעם הימל מיט זיין פאַלנדיקן קילן פלאַם. דריי פערד זענען אונטער גריגאָריען געפאַלן אין משך פון האַרבסט, אין פינף ערטער איז זיין שינעל דורכגעלעכערט גע־וואָרן. דער טויט האָט ווי געשפּילט זיך מיטן קאָזאַק, אים אַרומ־געהילט מיט זיין שוואַרצן פליגל. איינמאָל האָט אַ קויל דורכגע־האַקט דאָס מעשענע הענטל פון דער שווערד, דער טראָלז איז אַראָפּגעפאַלן צו די פיס פון פערד, ווי אַ דורכגעגריזשעטער.

— עמעצער איז פאַר דיר שטאַרק מתפלל, גריגאָרי, — האָט אים מיטקאַ קאָרשונאָוו געזאָגט און זיך געוואונדערט אויף גרי־גאָריעס אומעטיק שמייכלען.

דער פראָנט האָט זיך אַריבערגעוואָרפן איבער דער באַנליניע. טאָג־טעגלעך האָבן וואָגנס צוגעפירט קנוילן שטעכעדיקע דראָט. טאָג־טעגלעך האָט דער טעלעגראַף פונאַנדערגעטראָגן איבערן פראָנט די ווערטער:

„אַ ליאַדע טאָג ווערט אָנקומען דאָס מיליטער פון די פאַרבינדעטע. ס'איז נייטיק זיך צו פאַרפעסטיקן אויף די גרענעצן פון דער פראָווינץ ביזן אָנקומען פון דער פאַרשטאַרקונג, פאַר יעדן פרייז אָפּצוהאַלטן דעם דרוק פון די רויטע".

די מאָבּיליזירטע באַפעלקערונג האָט צעלעכערט מיט די אײַזערנע דרענגער די געפרוירענע ערד, געגראָבן אָקאָפּעס, זיי אײַנגעפלאָכטן אין שטעכעדיקער דראָט. און אין די נעכט, ווען די קאָזאַקן האָבן פאַרלאָזט די אָקאָפּעס און געגאַנגען אין די כאַטעס אַרײַן זיך אָנוואַרעמען, זענען צו די אָקאָפּעס צוגעקומען אויסשפּירער-רויטגוואַרדייער, אומגעלייגט די פאַרצוימונגען און צוגעטשעפּעט צו די שפּיצן פון דער שטעכעדיקער דראָט אויפרופן צו די קאָזאַקן. די קאָזאַקן האָבן זיי געלייענט מיט גיריקייט, ווי בריוו פון אייגענע. ס'איז געווען קלאָר, אַז אין אַזעלכע באַדינגונגען איז נישט מעגלעך פאָרצוזעצן די מלחמה. עס האָבן געהאַלטן שטאַרקע פרעסט, זיך געביטן אויף מילד וועטער, בשפּעדיקן שניי־פאַל. דער שניי האָט פאַרשיט די אָקאָפּעס. אין די אָקאָפּעס איז שווער געווען צו בלייבן אפילו אַ שעה. די קאָזאַקן האָבן געפרירט, זיך אָפּגעפרוירן די הענט מיט די פיס. אַ סך פון דער אינפאַנטעריע און די פּלאַסטונעס* האָבן נישט געהאַט קיין שטיוול. טייל זענען געגאַנגען אויפן פראָנט, ווי אויפן הויף אַרויף אויסבעטן די בהמות: אין די לאַפּטשעס און לייכטע שאַראָוואַרן. אין די פאַרבינדעטע האָבן זיי נישט געגלייבט. — „זיי רייטן אויף זשוקעס!" — האָט איינמאָל אַנדריושאַ קאַשולין ביטער געזאָגט. און צונויפטרעפנדיק זיך מיט די פּאַטרולן פון די רויטע, האָבן די קאָזאַקן געהערט, ווי־

* קאַזאַקן — פּוסגייער.

יענע האָבן געזאָגט: „עהע־העי! יויזלעך! איר צו אונז אויף טאַנקס, און מיר צו אייך אויף שליטנס! שמירט אייך אויס די פּיענטעס מיט חלב, — מיר וועלן בקרוב קומען צו גאַסט צו אייך!“

אינמיטן נאָוועמבער זענען די רויטע איבערגעגאַנגען אין אָנגריף. זיי האָבן עקשנותדיק אָפּגעשטופּט די קאָזאַקן־אָפּטיילונגען פון דער באַן־ליניע, אָבער דער איבערברוך פון די אָפּעראַציעס איז ערשט פאַרגעקומען שפּעטער. דעם 16־טן דעצעמבער האָט מיראָנאָווס רייטער־מיליטער נאָך אַ לאַנגער שלאַכט צעקלאַפּט דאָס 33־סטע פּולק, אָבער אויפן אָפּשניט פון וויעשענסקער פּולק, וואָס איז אויסגעשפּרייט געווען ביים קאָלאָדיעזנער כוטאָר, זיך אָנגעטראָפן אויף אַ פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד. פון הינטער אַ פאַרשנייטן פאַרקן לענגאויס די שייערס האָט די וויעשענסקער באַדינונג פון די קוילנוואַרפער אויפגענומען דעם שונא, וואָס האָט אָנגעגריפן צופוס, מיט אַ הוראַגאַן־פייער. דער קוילנוואַרפער פון רעכטן פלאַנג אין די געניטע הענט פון קאַרגינער קאָזאַק אַנטיפּאָוו, האָט קנאַלנדיק געזייעט אין דער טיף און אויסגעקאָשעט די איבערלויפנדיקע טיראַליערן. די סאָטניע איז פאַרהילט געוואָרן אין רויך פון די שאָסן. אויפן לינקן פלאַנג האָבן זיך שוין אַ לאָז געטון צוויי סאָטניעס אַרומרינגלען.

אָוונטצייט האָט די פלעגמאַטיש־אָנגרייפנדיקע רויטגוואַרדייאישע אָפּטיילונגען געביטן אַן אָפּטיילונג מאַטראָסן, וואָס זענען נאָר־וואָס אָנגעקומען אויפן פראָנט. זיי זענען געגאַנגען אין אַטאַקע אויף די קוילנוואַרפערס מיט בראַוער העלדישקייט, זיך נישט ליינגנדיק, נישט שרייענדיק.

גריגאָרי האָט געשאָסן אָן אויפהער. די לופע האָט זיך אָנגעהיצט און געבריט די פינגער. אָפּגעקילט די ביקס, האָט גריגאָרי ווידער אַריינגעזעצט אַ קוילן־מאַגאַזין און מיטן פאַרזשמורעטן אויג ווידער אויפגעכאַפּט די ווייטע שוואַרצע פיגורלעך אויפן צילפונקט.

די מאַטראָסן האָבן זיי צעקלאַפּט. די סאָטניע איז שנעל

אויפגעזעסן אויף די פערד, דורכגעגאַלאָפּירט דעם כוטאָר און אַוועק באַרג־אַרויף. גריגאָרי האָט זיך אומגעקוקט און גלייכגילטיק נאָכ־געלאָזט די לייצן. פון באַרג האָט ווייט זיך געזען דאָס פאַרבענק־טע פאַרשנייטע פעלד מיט די בערגלעך און קוסטעס, באַדעקטע מיט שניי און פיאָלעטע פאַרנאַכטיקע שאָטנס איבער די שיפּועים פון די היילן. אויפן שטח פון אַ וויאָרסט זענען איבערן פעלד גע־לעגן שוואַרץ אויסגעזייעט די טויטע קערפּערס פון די מאַטראָסן, וואָס זענען אויסגעקאָשעט געוואָרן דורכן פייער פון מאַשינגעווער. אָנגעטוענע אין רעגנמאַנטלען און לעדערנע קורטקעס, האָבן זיי זיך געשוואַרצט אויפן שניי, ווי אַ טשאַטע קראָען, וואָס האָבן אינמיטן פליִען זיך געזעצט אָפּרוען...

די סאָטניעס, וואָס זענען צעטיילט געווען דורכן אָנגריף און האָבן פאַרלוירן די פאַרבינדונג מיטן יעלאַנער פולק און איי־נעם פון די פולקן פון אוסט-מיעדוויעדיצער קרייז, וואָס האָט זיך געפונען פון זיי רעכטס, האָבן אָוונט־צייט זיך אָפּגעשטעלט אויף נאַכטלעגער אין צוויי כוטאָרן ביי אַ קליין טייכל, אַ צופלוס פון בוזולוק.

גריגאָרי האָט זיך באַגעגנט אין אַ געסל מיטן פולק־קאָ־מאַנדיר און זיין אַדיוטאַנט ערשט בין־השמשות, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון אָרט, וווּ ער האָט אויפן באַפעל פון סאָטניע־קאָ־מאַנדיר אויסגעשטעלט וואַך־פּאָסטנס.

— ווּ איז די דריטע סאָטניע ? — האָט דער קאָמאַנדיר גע־פרעגט, פאַרציִענדיק די לייצן.

גריגאָרי האָט געענטפערט. די רייטער האָבן גערירט פון אָרט.

— די פאַרלוסטן פון דער סאָטניע זענען גרויסע ? — האָט דער אַדיוטאַנט געפרעגט, אַוועקרייטנדיק; ער האָט נישט דער־הערט דעם ענטפער און איבערגעפרעגט : — וואָס ?

אָבער גריגאָרי האָט נישט געענטפערט און געגאַנגען ווייטער.

די גאַנצע נאַכט האָבן געצויגן דורכן כוטאָר עפּעס טאַבאָרן.

לעבן הויף, ווו גריגאָרי האָט געגעכטיקט מיט די קאָזאַקן, איז לאַנג געשטאַנען אַ באַטאַרייע. דורכן איינציקן פענסטערל האָבן זיך געהערט זידלווערטער, געשרייען פון דורכפאָרער, טומל פון באַוועגונג. אין דער כאַטע זענען אַריינגעקומען זיך אָנוואַרעמען אַרטילעריסטן, שטאַב-אָרדינאַנסן פון פּולק, וואָס זענען אויף עפּעס אַן אומבאַקאַנטן אופן אַריינגעפאַלן אין כוטאָר. האַלבע נאַכט, אויפוועקנדיק די קאָזאַקן און דעם באַלעבאָס, זענען אַריינגעפאַלן דריי מאַן פון דער באַטאַרייע-באַדינונג. זיי האָבן נישט ווייט פון טייכל פאַרזונקען אַ האַרמאַט און באַשלאָסן צו נעכטיקן, כדי אינדערפרי אים אַרויסצושלעפן מיט אָקסן. גריגאָרי האָט אויפגעוואַכט, לאַנג געקוקט, ווי די אַרטילעריסטן האָבן קרעכצנדיק אָפּגערייניקט די פאַרפרוירענע בלאָטע פון די שטיוול, זיי אויסגעטון און אויפגעהאָנגען די נאַסע אָנוטשעס אויפן אייוועלע. דער נאָך איז אַריינגעקומען אַן אָפיציר, אַן אַרטילעריסט, אויסגעשמירט ביז איבער די אויערן. ער האָט געבעטן, מ'זאָל אים דערלויבן איבערצונעכטיקן, אויסגעטון דעם שינעל און לאַנג מיט אַ גלייכגילטיקער מינע צעשמירט מיטן אַרבל פון פרענטש די בלאָטע איבערן פּנים.

— איין האַרמאַט האָבן מיר פאַרלוירן, — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק אויף גריגאָריען מיט אונטערטעניקע אויגן, ווי ביי אַ מיד פערד. — הייַנט איז געווען אַזאַ שלאַכט, ווי הינטער מאַטשעכאַ. זיי האָבן אונז דערטאַפּט נאָכן צווייטן שאָס... און דאָ האָט אַזאַ זעץ געטון — אַז די אַקס פון האַרמאַט איז מאָמענטאַל צעשמעטערט געוואָרן! אונזער האַרמאַט איז געשטאַנען אין אַ שייער. קאָן מען נאָך בעסער מאַסקירן!? — צו יעדער פראַזע האָט ער פון געוווינהייט, און מסתמא נישט באַוווסטזיניק, צוגעטשעפּעט אַ מיאוס זידלוואָרט. — איר זענט פון וויעשענסקער פּולק, און טיי וועט איר טרינקען? באַלעבאָסטעשי, איר וואָלט אונז אפשר דאָס סאַמאָוואַרל אויפגעשטעלט, האַ?

ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס פּלוידערער, אַלס איבערדריסיקער מיטשמועסער. טיי האָט ער געטרונקען אָן אויפהער. און

אין משך פון אַ האַלבער שעה האָט שוין גריגאָרי געוווּסט, אַז ער שטאַמט פון דער פּאָלטאַווער סטאַניצע, האָט געענדיקט אַ רעאַל־שולע, איז געווען אין דער דײַטשישער מלחמה און צוויי מאָל אומגעלומפּערט חתונה געהאַט.

— אַצינד איז שוין אַ סוף צו דער דאָנער אַרמײַ! — האָט ער געזאָגט, אָפּלעקנדיק מיט דער שאַרפער רויטער צונג דעם שווייס פון דער געגאָלטער ליפּ. — די מלחמה האַלט בײַם פאַר־ענדיקן זיך. מאָרגן וועט דער פראָנט זיך צעקריכן, און אין אַ צוויי וואָכן אַרום וועלן מיר שוין זײַן אין נאָוואָטשערקאַסק. זיי האָבן געוואָלט מיט באָרוועסע קאָזאַקן שטורעמען רוסלאַנד! נו, זענען זיי נישט קיין אידיאָטן? און די קאַדר־אָפיצירן זענען אַלע אויסוואורפן, באמנות! איר זענט דאָך אַ קאָזאַק! יאָ? אָט מיט אײַערע הענט ווילן זיי דאָס די קאַשטאַנעס פון פייער אַרויס־שאַרן און אַליין וועגן זיי באַבקע־בלעטער און גרויפּן אין די אינ־טענדאַנטורן.

ער האָט אָפט געמרוגעט מיט די פאַרבלאָזע אויגן, זיך באַוועגט, אַרויפגעלייגט אויפן טיש מיטן גאַנצן היפשן פעסט־געבויטן קערפּער, די ווינקלען פון זײַנע גרויסע צעשפּרייטע ליפּן זענען געווען מרה־שחורהדיק און אַפּאַטיש אַראָפּגעלאָט און אויפן פּנים איז געבליבן דער זעלבער פריערדיקער אונטערטעניקער אויסדרוק, ווי בײַ אַ פאַרמאַטערט פערד.

— פריער, אַפילו אין דער עפּאָכע פון נאַפּאָלעאָנען, איז גוט געווען מלחמה צו האַלטן. עס זענען זיך צונויפגעקומען צוויי אַרמייען, זיך צונויפגעשטויסן, פונאַנדערגעגאַנגען. נישט קיין פראָנטן, נישט קיין זיצן אין שוץ־גראָבנס. און אַצינד הייב דיך אָן פונאַנדערקלײַבן אין די אָפּעראַציעס, — דער טײַוול אַליין קאָן דעם קאָפּ פאַרלירן. אויב די היסטאָריקער האָבן פריער ליגנט גע־זאָגט, וועלן זיי אין דער באַשרייבונג פון דער איצטיקער מלחמה שוין איינמאָל האַקן מיט שקרים!... בלויז לאַנגווייליקייט, נישט קיין מלחמה! נישטאָ קיין קאָלאָריט. אַ בלאָטע! און בכלל — אומזין. איך וואָלט דידאַזיקע קאָכלעפל צונויפגעפירט איינעם

מיטן צווייטן און געזאָגט: „אָט האָט איר, הער לעניִן, אַ וואַכמייסטער, — לערנט זיך ביי אים אומגיין מיט געווער. און פאַר אייך, הער קראַסנאָוו, איז אַ חרפּה נישט צו קענען". און זאָלן זיי זיך, ווי דוד מיט גליתן, שלאָגן: ווער ס'וועט זיין שטאַרקער, צו דעם געהערט די מאַכט. דעם פאָלק איז אַלצאיינס ווער עס זאָל רעגירן. ווי מיינט איר, הער כאַרונזשי?

גריגאָרי האָט נישט געענטפערט. שלעפעריק זיך צוגעקוקט צו די האַסטיקע באַוועגונגען פון זיינע דיקע פלייצעס און הענט, צו דער רויטער צונג, וואָס האָט אומאָנגענעם אָפּט זיך געדרייט אין דער עפענונג פון מויל. עס האָט זיך געגלוסט שלאָפן, עס האָט דענערווירט דער איבערדריסיקער שוטהוואַטער אַרטילעריסט, ס'האָט אַרויסגערופן איבל דער הינטישער ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן פון זיינע שווייסיקע פיס...

אינדערפרי האָט גריגאָרי אויפגעוואַכט מיט אַ נודנע געפיל פון עפּעס אומבאַשטימטס. די אַנטשיידונג, וועלכע ער האָט פאַרגעזען נאָך האַרבסט־צייט, האָט אים פונדעסטוועגן איבעראַשט. גריגאָרי האָט פאַרזען, ווי דער ווידערווילן צו דער מלחמה, וואָס האָט לכתחילה געריזלט אין די סאָטניעס און פּולקן אין קליינע שטראָמלעך, האָט אומבאַמערקבאַר זיך צונויפגעגאָסן אין אַ מעכטיקן שטראָם. און אַצינד — האָט ער געזען בלויז אָט דעם שטראָם, וואָס האָט מיט גיריקער האַסטיקייט צעשווענקט דעם פראָנט.

אַזוי רייט ערב־פרילינג אַ מענטש איבערן סטעפּ. די זון לייכט. אַרום — ליגט דער אומבאַרירטער פּיאָלעטער שניי. און אונטער אים, אומבאַמערקבאַר פאַרן אויג, קומט פאָר די אוראַלטע וווּנדערפולע אַרבעט — דאָס באַפרייען זיך פון דער ערד. די זון פרעסט דעם שניי, לעכערט אים, פאַרגיסט אים פון הינטן מיט פייכטקייט. איין וואַרעמע נעפּלדיקע נאַכט — און אינדערפרי זעצט זיך שוין דער אייבערשטער שיכט פון שניי מיט אַ גערויש און טויבן אָפּקלאַנג, איבער די וועגן און רעדער־קאָליעס בלעזלט זיך גרין וואַסער, פון אונטער די קאָפּיטעס שפּריצט אין אַלע

זייטן מיט נאַסע שטיקער שניי. ס'איז וואַרעם. ס'גייען אויף און אַנטבלויזן זיך זאַמדיקע בערגלעך, ס'שמעקט בראשיתדיק מיט ליידיקן באָדן, צעפּרייעטן גראָז. האַלבע נאַכט רעווען מעכטיק די היילן, הודזשען די יאַרן, פֿאַרשיטע מיט שניי־לאַווינעס, מיט זיסע לעכן ווײַרויך פֿאַרעט די סאַמעט־שוואַרצע אַנטבלויזטע ערד. אין אָוונט צעברעכט דאָס טייכל פֿון סטעפּ מיט אַ קרעכצערײַ דאָס אײַז איבער זיך, טרײַבט עס מיט פֿולע וואַסערן שטייף אָנגע־קוואָלן, ווי די ברוסט פֿון אַ זייגערין. און, איבעררײַשט פֿון אומ־געריכטן אויסגאַנג פֿון ווינטער, שטייט דער מענטש אויף אַ זאַמדי־בערגל, זוכט מיט די אויגן אַ פֿלאַכער אָרט, אײַלט אונטער מיטן ראַפּניק דאָס פֿאַרשוויצטע פֿערד, וואָס באַוועגט מיט די אויערן. און אַרום בלויט זיך פֿאַררעטעריש און אומשולדיק דער שניי, דרימלדיק און ווײַס ליגט דער ווינטער.

דעם גאַנצן טאָג איז דאָס פֿאָלק אָפּגעטרעטן, די טאַבאָרן האָבן געאײַלט איבער די וועגן, ערגעץ רעכטס, אונטערן גרויען וואָלקן, וואָס האָט פֿאַרשטעלט דעם האָריזאָנט, האָבן פֿאַרזונקען געקראַכט האַרמאַטן־זאַלפֿן. איבערן אויפֿגעטייעטן מיסטיקן וועג האָבן געשלייאַפּעט די סאָטניעס, האָבן געקנעטן דעם נאַסן שניי די פֿערד מיט די פֿאַרשפּריצטע האָר־בערשטלעך בײַ די קאָפּיטעס. אויף די זײַטן פֿון די וועגן זענען שנעל געריטן אָרדינאַנסן, שווײַגנדיקע קראָען, גלאַנציקע, גראַנאַט־באַפֿעדערטע, מיט קורצע ווײַדלען, אומגעלומפּערטע, ווי קאַוואַלעריסטן, וואָס גייען צופֿיס, האָבן מיט אַ וויכטיקער מינע זיך געוויגט, שפּאַצירנדיק בײַ דער זײַט פֿון וועג און דורכלאָזנדיק פֿאַר זיך, ווי אויף אַ רעוויו, די אָפּטרעטנדיקע קאָזאַקן־סאָטניעס, קאָלאָנעס אָפּגעריסענע פֿלאַסטונ־צעס, שנורן טאַבאָרן.

גריגאָרי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די אויפֿשפּרינגענדיקע פֿרו־זשינע פֿון דעם ריקצוג וועט שוין קיין זאַך נישט בכוח זײַן אָפּ־צושטעלן, און דורכגעדרונגען פֿון פֿרײַדיקער אַנטשלאָסנקייט, האָט ער בײַנאַכט פֿרײַוויליק פֿאַרלאָזט דאָס פֿאָלק.

— ווהין קלויבסטו דיך, גריגאָר פּאַנטעלעיעוו — האָט

מיטקאַ קאָרשונאָוו געפרעגט, קוקנדיק איראָניש, ווי גריגאָרי טוט אָן דאָס רעגנמאַנטל אויפן שינעל, הענגט זיך אָן די שווערד מיטן נאַגאַן.

— וואָס דאַרפסטו דאָס וויסן?

— כ׳בין נייגעריק.

גריגאָרי האָט אַ רודער געטון מיט די מוסקולן פון די גערייטלטע באַקן און געענטפערט, הייטער אונטערוויקענדיק:

— אין ערגעץ-לאַנד. פאַרשטאַנען?

און איז אַרויסגעגאַנגען.

זיין פערד איז געשטאַנען נישט אויסגעזאָטלט. ביז אינדערפרי האָט ער גאַלאָפירט איבער די שליאַכן, וואָס האָבן געפאַרעט פון ביינאַכטיקן פרעסטל. „כ׳וועל פאַרברענגען אין דער היים, און ווען כ׳וועל הערן, אַז זיי גייען דורך, וועל איך צושטיין צו זיי", — האָט ער זייטיק געטראַכט וועגן די, מיט וועלכע ער האָט ערשט נעכטן צוזאַמען געקעמפט האַנט ביי האַנט.

צומאָרגנס פאַרנאַכט-צו האָט ער שוין אַריינגעפירט אין פאָטערס הויף זיין פערד, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ צווייהונדערט-וויאָרסטיקן מאַרש, איז דאַר געוואָרן אין משך פון די צוויי טעג און זיך געוואַקלט פון מידעקייט.

XI

דעם פיראונצוואַנציקסטן נאָוועמבער איז אין נאָוואָטשערקאַסק באַקאַנט געוואָרן, אַז ס׳איז אָנגעקומען די מיסיע פון די פאַרבינדעטע מלוכות. איבער דער שטאָט האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן עקשנותדיקע קלאַנגען, אַז אַ מעכטיקע ענגלישע עסקאַדרע שטייט שוין אין נאָוואָראָסייסקער האַפן, אַז עס ווערן שוין אַרויסגעזעצט, איבערגעוואָרפענע פון סאַלאָניקי, גרויסע דעסאַנטן פון פאַרבינדעטן מיליטער, אַז אַ קאָרפוס קאָלירטע פראַנצויזישע שיסער זענען שוין אַרויסגעזעצט און וועלן אין דער נאָענטסטער צו

קונפט אָנהייבן אַן אָנגריף צוזאַמען מיט דער פרייוויליקער אַרמיי. ווי אַ שניי-קויל האָבן די קלאַנגען זיך געקאַליערט איבער דער שטאָט.

דעם פינאַנצוואָנציקסטן אינדערפרי האָט קראַסנאָוו באַפוילן אַרויסצושיקן אַ קאָזאַקישע ערן-וואַך פון דער לייב-גוואַרדיע פון אַטאַמאַנישן פּאָלק. אײַליק האָט מען אָנגעטון צוויי סאָטניעס יונגע אַטאַמאַנצעס אין הויכע שטיוול און ווייסע פּאַסקעס און אויך אַזוי אײַליק זיי אַוועקגעשיקט קיין טאַגאַנראָג צוזאַמען מיט אַ סאָטניע טרומייטערער.

די פאָרשטייער פון די ענגלישע און פראַנצויזישע מיליטערישע מיסיעס אין דרום-רוסלאַנד האָבן באַשלאָסן, מיטן ציל פון אַן אייגנטימלעכער פּאָליטישער אויספאָרשונג, צו שיקן קיין נאָוואָטשערקאַסק עטלעכע אָפיצירן. זייער אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין באַקענען זיך מיט דער לאַגע בײַם דאָן און מיט די פּערספּעקטיוון פון אַ ווייטערדיקן קאַמף מיט די באָלשעוויקעס. ענגלאַנד איז רעפּרעזענטירט געווען דורכן קאַפּיטאַן באַנד און די לייטענאַנטן בלומפעלד און מאַגראַ. פראַנקרייך — דורכן קאַפּיטאַן אָשען און די לייטענאַנטן דיופּרע און פאָר. דאָס אָנקומען פון אַט דידאָזיקע נישט הויכע ראַנגעס פון די פאַרבינדעטע מיליטערישע מיסיעס, וואָס זענען, לויט אַ קאַפּריז פון צופאַל, נאָמינירט געוואָרן אַלט „געזאַנדטע“, האָט דאָס אָנגעמאַכט אַזוי פיל גערודער אין אַטאַמאַנישן פּאַלאַץ.

מיט גרויס כבוד האָט מען צוגעשטעלט די „געזאַנדטע“ קיין נאָוואָטשערקאַסק. די איבערמעסיקע קריכערישע הכנעה האָט די באַשיידענע אָפיצירן פאַרדרייט די קעפ, און דערפילנדיק זייער „אמתע“ גרויסקייט, האָבן זיי שוין אָנגעהויבן פּראָטעקציאָנעל קוקן אויף די באַרימטע קאָזאַקישע גענעראַלן און הויכגעשטעלטע פערזאָנען פון דער אַלערהעכסטער רעקוויזיטאָרישער רעפּובליק.

בײַ די יונגע פראַנצויזישע לייטענאַנטן האָבן דורכן אויסערלעכן גלאַנץ פון דער העפלעכקייט און זיסער פראַנצויזישער ליבלעכקייט זיך שוין אָנגעהויבן דורכשלאָגן אין די שמועסן מיט

די קאָזאַקישע גענעראַלן קאָלטע טענער פון פּראָטעקציאָנעלקייט און גאווה.

אינאָוונט איז אין פּאַלאַץ סערווירט געוועזן אַ מיטאָג פאַר הונדערט מאַן. אַ מיליטערישער כאָר האָט געשפּרייט איבערן זאַל זיידענע טיכער פון קאָזאַקישע לידער, רייך־באַהאָפטענע דורך די טענאָרן פון די באַגלייטער. אַ בלאָז־אָרקעסטער האָט ראַשיק געשאַלט און אויסגעפירט די הימנען פון די פאַרבינדעטע. די „געזאַנדטע" האָבן געגעסן, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ מאָמענט, באַשיידן און מיט גרויס ווירדע. פילנדיק די היסטאָרישע באַדייטונג פון מאָמענט, האָבן די אַטאַמאַנישע געסט זיך שטיל צוגעקוקט צו זיי.

קראַסנאָוו האָט אָנגעהויבן האַלטן אַ רעדע:

— איר געפינט זיך, מיינע הערן, אין היסטאָרישן זאַל, וואָס פון זיינע ווענט קוקן אויף אייך די שטומע אויגן פון די העלדן פון אַ צווייטער נאַציאָנאַלער מלחמה, אין טויזנט אַכטהונדערט צוועלפטן יאָר. פּלאַטאָוו, אילאָווייסקי, דעניסאָוו דערמאַנען אייך די הייליקע טעג, ווען די באַפעלקערונג פון פּאַריז האָט באַגריסט אירע באַפרייער — די דאָנער קאָזאַקן, ווען דער קייסער אַלעקסאַנדער דער ערשטער האָט צוריק אויפגעשטעלט פון די ברוךשטיקער און חורבות דאָס הערלעכע פראַנקרייך...

ביי די דעלעגאַטן פון „הערלעכן פראַנקרייך" האָבן פון דער גרויסער צאָל אויסגעטרונקענעם צימלאַנער זיך שוין פריילעך אָנגעצונדן און בוימלדיק פאַרנעפּלט די אויגן, אָבער קראַסנאָווס רעדע האָבן זיי אויסגעהערט מיט אויפמערקזאַמקייט. ברייט שילדערנדיק די קאַטאַסטראָפאַלע אומגליקן, וועלכע דאָס רוסישע פאָלק לעבט איבער אונטערן „יאָך פון די ווילדע באָלשעוויקעס", האָט קראַסנאָוו פּאַטעטיש פאַרענדיקט:

— ...די בעסטע פאָרשטייער פון רוסישן פאָלק קומען אום אין די באָלשעוויסטישע תּפיסה־קעלערן. זייערע בליקן זענען געווענדט צו אייך: זיי וואַרטן אויף אייער הילף, און זיי, בלויז זיי זענט איר מחויב צו העלפן, נישט דעם דאָן. מ י ר קאָנען מיט

שטאָלץ זאָגן, — מיר זענען פריי! אָבער אַלע אונזערע געדאַנ־
קען, דער ציל פון אונזער קאַמף איז — אַ גרויס רוסלאַנד, וואָס
איז טריי אירע פאַרבינדעטע, גרייט צו קעמפן פאַר זייערע אינ־
טערעסן, זיך מקריב צו זיין פאַרזיי און גאַרט אַצינד שרעקלעך נאָך
זייער הילף. מיט הונדערט און פיר יאָר צוריק, אין חודש מערץ,
האָט דאָס פראַנצויזישע פאָלק באַגריסט דעם קייסער אַלעקסאַנ־
דער דעם ערשטן און די רוסישע גוואַרדיע. און פון יענעם טאָג אָן
האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע ערע אין לעבן פון פראַנקרייך, וואָס
האָט זי אַרויסגערוקט אויפן ערשטן אָרט. מיט הונדערט און פיר
יאָר צוריק איז אונזער אַטאַמאַן גראַף פּלאַטאָוו געווען צוגאַסט
אין לאָנדאָן. מיר וואַרטן אייך אָפּ אין מאָסקווע! מיר וואַרטן אייך
אָפּ, כדי ביי די קלאַנגען פון יובלדיקע מאַרשן און אונזער הימן
צוזאַמען אַריינצוגיין אין קרעמל, כדי צוזאַמען איבערצולעבן
דעם גאַנצן תענוג פון שלום און פרייהייט! אַ גרויס רוסלאַנד!
די ווערטער — זענען דער סימבאָל פון אַלע אונזערע חלומות און
האָפענונגען!

נאָך קראַסנאָווס שלוס־ווערטער איז אויפגעשטאַנען דער
קאַפּיטאַן באָנד. ביי די קלאַנגען פון דער ענגלישער רעדע האָט
זיך צווישן די אָנוועזנדע אויפן באַנקעט געשאַפן אַ טויטע שטיל־
קייט. דער איבערזעצער האָט אָנגעהויבן מיט פּאַטאָס איבער־
זעצן.

— דער קאַפּיטאַן באָנד איז באַפולמעכטיקט אין זיין אייגע־
נעם נאָמען און אין נאָמען פון קאַפּיטאַן אַשען צו מעלדן דעם
דאָנער אַטאַמאַן, אַז זיי זענען אָפיציעל געשיקט געוואָרן פון די
פאַרבינדעטע מלוכות געוויר צו ווערן, וואָס עס קומט פאָר ביים
דאָן. דער קאַפּיטאַן באָנד פאַרזיכערט, אַז די פאַרבינדעטע מלוכות
וועלן מיט אַלע כּוחות און מיטלען, נישט אויסשליסנדיק אויך מי־
ליטער, העלפן דעם דאָן און דער פרייוויליקער אַרמיי אין זייער
קאַמף מיט די באָלשעוויקעס.

דער איבערזעצער האָט נאָך נישט פאַרענדיקט די לעצטע

פראַזע, ווי אַ הילכיקער „אוראַ", וואָס האָט דריי מאָל זיך אי־בערגעחזרט, האָט געמאַכט ציטערן די ווענט פון זאַל.

ביי די בראַווירנדיקע קלאַנגען פון אָרקעסטער האָבן זיך דערהערט טאָאַסטן. מען האָט געטרונקען פאַרן אויפבלי פון „הער־לעכן פראַנקרייך" און „מעכטיקן ענגלאַנד". מען האָט געטרונקען „פאַרן אָפּהאַלטן אַ נצחון איבער די באָלשעוויקעס"... אין די באָ־קאַלן האָט זיך געשוימט דער דאָנער שאַמפּאַן, האָט געפינקלט דער ווילגערוכיקער, אַלטער „לאַמפּאַדע"־ווין...

מען האָט געוואַרט אויף אַ וואָרט פון די פאָרשטייער פון דער פאַרבינדעטער מיסיע, און דער קאַפּיטאַן באָנד האָט נישט געלאָזט לאַנג אויף זיך וואַרטן:

— איך האַלט אַ טאָאַסט פאַר אַ גרויס רוסלאַנד, און איך וואָלט דאָ געוואָלט הערן אייער הערלעכן אַלטן הימן. מיר וועלן נישט צוגעבן קיין באַדייטונג זיינע ווערטער, איך וואָלט געוואָלט הערן בלויז זיין מוזיק...

דער איבערזעצער האָט איבערגעזעצט, און קראַסנאָוו האָט זיך אויסגעדרייט צו די געסט מיט אַ בלייך געוואָרן פּנים פון גע־רירטקייט און אויסגעשריגן מיט אַ געבראָכן קול:

— פאַר אַ גרויס, געאייניקט און אומטיילבאַר רוסלאַנד, אוראַ!

דער אָרקעסטער האָט מעכטיק און פליסיק אויפגעשפּילט „גאָט היט דעם קייסער". אַלע זענען אויפגעשטאַנען, אויסטריג־קענדיק די באָקאַלן. איבערן פּנים פון גרויען אַרכיעפּיסקאָפּ הער־מאָגען זענען גערונען גרויסע טרערן. „ווי הערלעך דאָס איז!..." — האָט זיך באַגייסטערט דער קאַפּיטאַן באָנד, וואָס האָט שוין אָנגע־הויבן שיכּור ווערן. עמעצער פון די הויכגעשטעלטע געסט האָט פון געפילן־איבערפלוס פּראָסטאַקיש זיך צעשלוכצט, באַהאַלטנדיק די באָרד אין אַ סערוועטקע, וואָס איז אויסגעשמירט געווען מיט צעקוועטשטע קערנדלעך פון קאַוויאַר...

• • • • • • • • •

• • • • • • • • • •

די נאַכט האָט הינטער דער שטאָט געברעוועט און געוואָיעט אַ שאַרפער ווינט פון אַזאָווישן ים. מאַטער, ווי תמיד, האָט געגלאַנצט דער קופּאָל פון סאָבאָר אין געווירבל פון ערשטן שניי־שטורעם...

די נאַכט האָט מען הינטער דער שטאָט, אויפן אָרט וווּ מען פירט אַרויס דאָס מיסט, אין די ליימיקע יאַרן לויטן אורטייל פון מיליטערישן פעלד־געריכט דערשאָסן שאַכטיאָרן, באָלשעוויסטישע באַן־אַרבעטער. מיט פאַרבונדענע הענט אַהינטער האָט מען זיי צוגעפירט פאָרוויַיז צו דער שיפּוע, געשאָסן פון דער נאָענט פון די נאַגאַנען און ביקסן, און דער פראָסטיקער ווינט האָט געלאָשן קלאַנגען פון די שאָסן, ווי פונקען פון פּאַפּיראָסן...

און ביים אַריינגאַנג פון אַטאַמאַנישן פּאַלאַץ, אויף דער פראָסט, אין בייסנדיקן נאָוועמבער־ווינט, האָט טויט געגליווערט די ערן־וואַך פון דער קאָזאַקישער לייב־גוואַרדיע פון אַטאַמאַנישן פּולק. די הענט פון די קאָזאַקן, וואָס האָבן אַרומגעהאַלטן די הענטלעך פון די אַנטבלויזטע שווערדן, זענען שוואַרץ געוואָרן פון קעלט, די אויגן האָבן געטרערט, די פיס פאַרשטאַרט געוואָרן... פון פּאַלאַץ האָבן ביז אינדערפרי זיך געטראָגן שיכורע אויסגעשרייען, מעשענע יובל־קלאַנגען פון אָרקעסטער און שלוכצנדיקע טרעלן פון די טענאָרן פון מיליטערישן כאָר...

אין אַ וואָך אַרום האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שרעקלעכסטע — דאָס פונאַנדערפאַלן זיך פון פראָנט. צום ערשט האָט אַנטבלויזט דעם פאַרנומענעם אָפּשניט, וואָס האָט זיך געפונען אין דער ריכטונג פון קאַלאַטשקאָוו, דאָס אַכטאונצוואָנציקסטע פּולק, אין וועלכן עס האָט געדינט פּיעטראָ מעליעכאָוו.

די קאָזאַקן האָבן נאָך געהיימע באַראַטונגען מיט דער אָנפירונג פון דער פופצנטער אינזשענסקער דיוויזיע באַשלאָסן אַוועקצוגיין פון פראָנט און אָן שטערונג דורכלאָזן דאָס רויטע מיליטער דורך דער טעריטאָריע פון אייבערשטן דאָנער קרייז. בראש פון

צעבונטעווּעטן פּולק איז געשטאַנען יאַקאָוו פאָמין, אַ נישט איבער־געשפּיצטער קאָזאַק, אָבער אינדערהאמתן איז די שילד בלויז גע־ווען פאָמינס — הינטער פאָמינס רוקן האָט אָנגעפירט מיט די ענינים און פאָמינען גופא אַ גרופּע באָלשעוויסטיש־געשטימטע קאָזאַקן.

נאָך אַ שטורמישן מיטינג, אויף וועלכן די אָפיצירן, וואָס האָבן מורא געהאַט פאַר אַ קויל אין רוקן, האָבן אומגערן אויפגע־וויזן די נויטווענדיקייט צו קעמפן און די קאָזאַקן האָבן איינשטי־מיק, עקשנותדיק און כאַאָטיש אויסגעשריגן אַלץ די זעלבע, שוין אַלעמען דערעסענע, ווערטער וועגן דער צוועקלאָזיקייט פון דער מלחמה, וועגן שלום מיט די באָלשעוויקעס, — האָט דאָס פּולק געריררט. באַלד נאָכן ערשטן מאַרש ביינאַכט, לעבן דאָרף סאָלאָנקי, האָט דער פּולק־קאָמאַנדיר, דער מיליטערישער עלטסטער פּילי־פּאָוו, מיט דער מערהייט פון אָפיצירישן קאָרפּוס זיך אָפּגעטיילט פון פּולק און פאַרטאָג צוגעשטאַנען צום גראַף מעליערס אָפּטרעטנ־דיקער בריגאַדע, וואָס איז צעקלאַפּט געוואָרן אין די שלאַכטן.

נאָכן אַכטאונצוואָנציקסטן פּולק האָט פאַרלאָזט די פּאָזיציע דאָס זעקסאונדרייסיקסטע פּולק. עס איז אין ״פּולן קאָמפּלעט מיט אַלע אָפיצירן אָנגעקומען קיין קאַזאַנסק. דער קאָמענדאַנט, אַ ני־דעריק־געוואַקסענער, מיט גנבישע אויגן, וואָס האָט קנעכטיש גע־חנפעט די קאָזאַקן, איז מיט אַ גרופּע רייטער צוגעריטן צום הויז, אין וועלכן ס׳האָט זיך געפונען דער עטאַפּן־קאָמענדאַנט. ער איז אַריינגעגאַנגען מיליטעריש, פאָכענדיק מיטן ראַפּניק.

— ווער איז דאָ דער קאָמענדאַנט ?

— איך בין דער געהילף־קאָמענדאַנט, — האָט סטיעפּאַן אַס־טאַכאָוו געענטפערט, אויפשטייענדיק מיט ווירדע. — פאַרמאַכט, הער אָפיציר, די טיר.

— איך בין דער קאָמאַנדיר פון זעקסאונדרייסיקסטן פּולק, דער מיליטערישער עלטסטער נאַומאָוו. ע... איך האָב די ערע... מיר איז נייטיק צו באַקליידן און באַשוכן דאָס פּולק. די מענטשן זענען ביי מיר נאַקעט און באָרוועס. איר הערט ?

— דער קאָמענדאַנט איז נישטאָ, און אָן אים קאָן איך אייך נישט אַרויסגעבן פון סקלאַד אפילו קיין איין פּאָר ווי־לאָקעס.

— וואָס ?

— דאָס, וואָס איר הערט.

— דו !... מיט וועמען רעדסטו ?... איך אַ־רעס־טיר, דער טייוול זאָל דיך ,נע־ע־מען ! אין קעלער אַריין אים, יאַטן ! ווו זע־נען די שליסלען פון סקלאַד, דו מויז, פאַרשטעקטע אין הינטער־לאַנד ?... וואָ־אָ־ס ? — נאַומאָוו האָט אַ זעץ געטון מיטן ראַפּניק איבערן טיש, בלייך געוואָרן פון צאָרן, זיך פאַררוקט די צוויטיקע מאַנדזשורישע פּאַפּאַכע אויפן נאַקן. — די שליסלען גיב אַהער — און נישט געטענהט מער !

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן פון די טירן פון סקלאַד, אויפהייבנדיק אַ שטויב פון אָראַנזש־קאָליר, גענומען פליִען אויפן שניי אַרויף, אויף די הענט פון די פאַרזאַמלטע קאָזאַקן בינטלעך געגאַרבטע פּעלצלעך, פּעקלעך ווילאָקעס, שטיוול, פון האַנט צו האַנט זענען איבערגעגאַנגען היטלען צוקער. אַ רוישיק און פריי־לעך גערעדעריי האָט זיך לאַנג געטראָגן איבערן פּלאַץ...

און אין דער צייט איז דאָס אַכטאונצוואַנציקסטע פּולק מיטן נייעם פּולק־קאָמאַנדיר, דעם וואַכמייסטער פּאָמין, אַריינגעטרעטן קיין ווישענסק. באַלד נאָך אים, אויף אַ מהלך פון אַ דרייסיק ווערסט, זענען געגאַנגען די טיילן פון דער אינזשענסקער דיוויזיע. אַ רויטער פּאַטראָל איז דעם טאָג שוין געווען אין דובראָווקער כוטאָר.

דער קאָמאַנדיר פון צפון־פראָנט גענעראַל־מאַיאָר איוואַנאָוו האָט מיט פיר טעג פריער צוזאַמען מיטן שטאַב־אָנפירער גענע־ראַל זאַמבזשיצקין אייליק זיך עוואַקויִרט אין דער קאַרגינער סטאַניצע אַריין. זייער אויטאָמאָביל האָט זיך געגליטשט איבערן שניי, זאַמבזשיצקיס פרוי האָט זיך געביסן די ליפּן ביז בלוט, די קינדער האָבן געוויינט...

ווישענסק איז אויף עטלעכע טעג געבליבן אָן אָנפירונג.

ווי מען האָט געשמועסט, זענען אין קאַרגין קאָנצענטרירט געוואָרן כוחות, כדי זיי צו וואַרפן אויפן אַכטאונצוואַנציקסטן פּולק. אָבער דעם צוויי־און־צוואַנציקסטן איז פון קאַרגין געקומען קיין וויעשענסק דער אַדיוטאַנט איוואַנאָוו און שמייכלענדיק פאַרנומען פון קאָמאַנדירס ווינונג זיינע זאַכן: אַ זומערדיק היטל מיט אַ נייער קאָקאַרדע, אַ האָר־בערשטל, אַ ביסל וועש און נאָך עטלעכע קלייניקייטן...

אין דעם הונדערטוויאָרסטיקן דורכריס, וואָס האָט זיך געשאַפן אויפן צפון־פראָנט, האָבן אַ פּלייץ געטון די טיילן פון דער אַכטער רויטער אַרמיי. דער גענעראַל סאַוואַטאַיעוו איז אָן אַ שלאַכט אַוועקגעגאַנגען צום דאָן. אין דער ריכטונג פון טאַלי און באָגוטשאַר האָבן איילִיק אָפּגעטרעטן די פּולקן פון גענעראַל פּיכעלאַוראָוו. אויף צפון איז אויף אַ גאַנצע וואָך געוואָרן אומגעוויינטלעך שטיל. עס האָט זיך נישט געהערט קיין האַרמאַטןשיסעריי, עס האָבן געשוויגן די קולנוואַרפער. צעטומלטע דורכן פאַרראַט פון די אייבערשטע דאָנער קאָזאַקן, זענען אָן אַ שלאַכט אָפּגעטרעטן די צאָווער קאָזאַקן, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן צפון־פראָנט. די רויטע האָבן זיך גערוקט פאָרזיכטיק, פּאַמעלעך, אויפמערקזאַם באַטאַפּנדיק דורך אויסשפּירער די כוטאָרן, וואָס זענען געלעגן פאָרויס.

דער גרויסער דורכפאַל פון דער דאָנער רעגירונג אויפן צפון־פראָנט איז פאַרגיטיקט געוואָרן דורך אַ פריילעכער געשעעניש. קיין באָוואָטשערקאַסק איז דעם אַכטאונצוואַנציקסטן דעצעמבער אָנגעקומען די מיסיע פון די פאַרבינדעטע: דער אָנפירער פון דער בריטישער מיליטערישער מיסיע פון קאַווקאַז גענעראַל פּול מיטן אָנפירער פון שטאַב פּולקאָווניק קיס און די פאָרשטייער פון פראַנקרייך — גענעראַל פראַנשע־ד׳עספּערע און קאַפּיטאַן פוקע.

קראַסנאָוו האָט אַוועקגעפירט די פאַרבינדעטע אויפן פראָנט. אויף דער סטאַציע טשיר אויפן פּעראָן איז אין קאַלטן דעצעמבער־פרימאָרגן אויסגעשטעלט געווען אַן ערן־וואַך. דער גענעראַל מאַ־

מאָנטאָוו, מיט די אַראָפּגעהאָנגענע וואָנסעס און פאַרשיכורטן פּנים, וואָס האַלט זיך געוויינטלעך נישט ציכטיק, אָבער איז אַצינד געווען עלעגאַנט מיט זיינע פריש-ראַזירטע בלויִלעך-גלאַנציקע באַקן, האָט זיך געדרייט איבערן פעראָן אַרומגעריגלט פון אָפיצירן. מען האָט געוואַרט אויפן צוג. ביים וואָקזאַל האָבן געטופּעט מיט די פיס און זיך געהויכט אויף די בלוי-געוואָרענע פינגער די מוזיקאַנטן פון מיליטערישן אָרקעסטער. אין דער וואַך זענען מאָלעריש פאַרגליווערט געבליבן די פאַרשידנקאָליריקע און פאַרשידנ-יעריקע קאָזאַקן פון די ניזאָווער סטאַניצעס. צוזאַמען מיט גרויבערדיקע זיידעס זענען געשטאַנען אָנוואָנסיקע יונגעלייט, דורכגעוואָרפן מיט באַטשופּרינטע פּראָנט-קעמפּער. ביי די זיידעס אויף די שינעלן האָבן געפינקלט מיט גאָלד און זילבער קרייצן און מעדאַלן פאַר לאָוטשע און פּלעוונע; די יינגערע קאָזאַקן זענען געדיכט באַהאָנגען געווען מיט קרייצן, באַקומענע פאַר די ווילדע אַטאַקעס הינטער געאָג-טעפּע, לידיאַנטון און אין דער דייטשישער מלחמה — פאַר פּזשעמישל, וואַרשע, לעמבערג. די יונגעלייט האָבן מיט גאָרנישט געפינקלט, — פאַר דעם זענען זיי געשטאַנען אויסגעצויגן ווי סטרונעס און זיך באַמיט אין אַלעם נאָכצוטאַמען די אַלטע.

איינגעהילט אין מילך-ווייסן דאַמף, האָט דער צוג סאַפּענדיק זיך דערנענטערט. עס האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך צו עפענען די טירן פון פּולמאַן-וואַגאָן, ווי דער קאַפּעלמייסטער האָט ענערגיש אַ באַוועג געטון מיט דער האַנט און דער אָרקעסטער האָט שאַלנדיק אויפגעשפּילט דעם ענגלישן נאַציאָנאַלן הימן. צוהאַלטנדיק זיך די שווערד, איז מאַמאָנטאָוו איילִיק צוגעגאַנגען צום וואַגאָן. קראַסנאָוו האָט ווי אַ גאַסטפריינטלעכער באַלעבאָס געפירט די געסט צום וואָקזאַל פאַרביי די פאַרגליווערטע שפּאַלערן פון די קאָזאַקן.

— דאָס גאַנצע קאָזאַקנטום איז אויפגעשטאַנען פאַר דער באַשיצונג פון פאָטערלאַנד קעגן די רויטגוואַרדייאישע באַנדעס. איר זעט פאַר זיך פאָרשטייער פון דריי דורות. דידאָזיקע מענטשן האָבן געקעמפט אויף די באַלקאַנען, אין יאַפּאַן, אין עסטרייך-אונגאַרן

און פרייסן, און אצינד קעמפן זיי פאר דער פרייהייט פון פאטער־לאנד, — האט ער געזאגט אין א גלענצנדן פראנצויזיש, פארנעם שמייכלענדיק און אנווייזנדיק מיט א צארישן באוועג פון קאפ אויף די זיידעס, וואס האבן ארויסגעשטארצט די אויגן און אן אטעם פארגליווערט געבליבן.

נישט אומזיסט האט מאמאנטאוו, לויט אן אנווייזונג פון דער הייך זיך באמיט ביים אויסוויילן די ערן־וואך. די סחורה איז גע־וויזן געווארן פון דער רעכטער זייט.

די פארבינדעטע האבן באזוכט דעם פראנט און צופרידענע זיך אומגעקערט קיין נאוואטשערקאסק.

— איך בין זייער צופרידן פון גלענצנדן אויסזען, דיסציפלי־נירטקייט און קעמפערישן גייסט פון אייער מיליטער, — האט פארן אוועקפארן געזאגט צו קראסנאוון. — איך וועל גלייך פאראָרדענען, מען זאל פון סאלאָניקע איבערשיקן אהער צו אייך די ערשטע אפטיילונג פון אונזערע זעלנער. איך, גענעראל, בעט איך צוצוגרייטן דריי טויזנט פעלצלעך און ווארעמע שטיוול. איך האף, אז מיט אונזער הילף וועט איר באוויזן פולשטענדיק אויס־צוראטן די באלשעוויקעס.

...איילינק זענען געבייט געווארן געגארבטע פעלצלעך, צו־געגרייט געווארן ווילאקעס, אבער דער דעסאנט פון די פארבינ־דעטע האט זיך דאך עפעס נישט ארויסגעוויזן אין נאוואראסייסק.

פולן, וועלכער איז אוועקגעפארן קיין לאנדאן, האט פאר־טרעטן דער קאלטער גאוודיקער בריגס. ער האט געבראכט פון לאנדאן נייע אינסטרוקציעס און שארף, מיט גענערעלישער שטייפ־קייט געמאלדן:

— די רעגירונג פון זיין מאיעסטעט וועט צוטיילן דער פריי־וויליקער ארמיי ביים דאן בריטע מאטעריעלע הילף, אבער נישט געבן קיין איין סאלדאט.

קאמענטארן צו דער מעלדונג זענען איבעריק געווען...

סוף פון ניינטן בוך.